STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09020

MOSHEH RABEYNU'S NOKHFOLGER (YEHOSHUA)

Saul Saphire

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה רבנו'ס נאָכפאָלגער

To My Esteemed Friend

LOUIS GERSON

This Book Is Dedicated

Copyrighted by

Saul Saphire, 1935

77 Bowery, N. Y. C.

All rights reserved

משה רבנו'ס נאכפאָלגער

(יהושע)

אריגינעלער ביבלישער ראמאן פון דער
צייט פון ערא‌בערונג פון ארץ ישראל

פון

שאול ספיר

פארפאסער פון
קאליף פון קארדאווא, צווישען רוים און ירושלים, דוד המלך, שלמה המלך, אברהם'ס אייניקלעך, פרינץ פון מצרים, אסתר המלכה, קאלאמבוס דער איד, די טאכטער פון מדבר, פערציג יאהר אין מדבר, שמשון הגבור, רמב"ם, א. ז. וו.

Joshua

Biblical Novel
by
SAUL SAPHIRE

Author of: Caliph of Cordova, Between Rome and Jerusalem, King David, King Solomon, Abraham's Grandchildren, Prince of Egypt, Queen Esther, Columbus, the Cryptic Jew, The Daughter of the Desert, Forty Years in the Desert, Samson and Delilah, Rambam (Maimonides), etc.

וויכטיגע בעקאַנטמאַכונג

דער ראָמאַן „צווישען רוים און ירושלים“, פון שאול ספיר,
וואָס איז שוין געדרוקט געוואָרען אין איינינע אויסגאַבעס
אין אידיש, וועט אין גיכען ערשיינען אין העברייאיש.

עס ווערען פאַרבערייטעט פאַרן דרוק און אין גיכען וועלען
ערשיינען פאָלגענדע ראָמאַנען פון שאול ספיר:

1) אליהו הנביא
2) דבורה
3) רות
4) יפתח און זיין טאָכטער

ערשטער קאפיטעל

אין דעם קעניג'ס פאלאץ

אויף א הויכען בארג, צווישען די טייכען ארנון און יבוק, וואס געפינט זיך אויף דער מזרח־זייט טייל פון דעם טייך ירדן, איז געשטאנען די שטאדט חשבון, די הויפט־שטאדט פון סיחון, דעם קעניג פון אמורי.

חשבון איז געווען א צוואנציג מייל ווייט פון דעם טייך ירדן, פונקט געגענאיבער דער שטאדט יריחו, וואס איז געלעגען אויף דער צווייטער זייט ירדן צו מערב.

וואונדער־שעהן איז געווען די שטאדט חשבון. ארום האבען זיך צושפרייט די טהאלען פון פעלדער, גערטנער און סעדער. נעבען די טויערען פון חשבון זיבען געווען קוואלען פון קריסטאל קלארען וואסער, וואס האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער געשמאק און הייליזאמקייט. פון דרום־זייט פון שטאדט האט מען געקענט זעהן דעם צפון ברעג פון דעם ים המלח.

אין מיטען שטאדט אויף דעם סאמע שפיץ בארג איז געשטאנען דער פראכטפאלער פאלאץ פון דעם קעניג סיחון.

אין פאלאץ איז יענעם טאג פארגעקומען א גרויסע שמחה. דער קעניג סיחון האט געפייערט דעם צוואנציגסטען יאהר זינט די שטאדט חשבון איז אוועקגענומען געווארען פון דעם קעניג פון מואב.

צווישען די געסט אין פאלאץ איז געווען גישון, דעם קעניג'ס ברודער און זיין אינגסטע טאכטער רהב, וועלכע איז געווען פאר'קנס'ט צום קרוינפרינץ. רהב איז דאן אלט געווען אכטצעהן יאהר און איז געווען אויסערגעוועהנליך שעהן. זי האט געהאט דריי עלטערע שוועסטער און צוויי ברידער.

גישון, רהב'ס פאטער, איז געווען זעהר צופריעדען וואס זיין טאכטער איז פאר'קנס'ט געווארען צו זיין פלימעניק, דעם קרוינפרינץ. אויב איהם איז ניט באשערט געווען צו טראגען די קרוין, זאל אם וויינגסטען זיין טאכטער ווערען די קעניגין פון לאנד, — האט ער זיך געטראכט.

אויבען אן, נעבען דעם קעניג סיחון איז געזעסען גישון און זיין טאכטער, רהב : דער קרוינפרינץ איז געזעסען אויף דער צווייטער זייט, געגענאיבער רהב'ן, און האט זי דורכגעדרונגען מיט זיינע בליקען. ער האט זיינע אויגען ניט געקענט אנזעטיגען פון איהר שעהנקייט. ער האט גענומען אויסרעכענען

וויפיעל מאנאטען ביז די שניט־צייט, אויף ווען עס איז בעשטימט געווארען זיין חתונה מיט איהר.

רחב האט אויף זיך געפיהלט זיינע בליקען, און עס איז איהר געווען זעהר ניט אנגענעהם. כאטש זי האט געוואוסט אז זי דארף זיין שטאלץ מיט דעם וואס זי וועט ווערען די פרוי פון קרוינפרינץ, האט זי דאך קיין שטארקע ליעבע פאר איהם ניט געהאט. אויסער זיין אפשטויסענדען פנים, איז דער קרוינפרינץ בעוואוסט געווען צו אלעמען מיט זיין רשעות און גרויזאמקייט. ניט ווינציג בלוט האט ער פארגאסען נאך פון זיין פריהעסטען יוגענד. זי געדענקט נאך ווען ער האט געהייסען אויפהייגגען דריי פון זייגע קנעכט צוליעב דעם וואס זיי זיינען ניט אזוי שנעל צוגעקומען צו איהם ווען ער האט זיי גערופען.

די גענעראלען און די מיניסטארען זיינען געזעסען ביי א צווייטען טיש און האבען זיך געלאזט וואוילגעהן מיט גוטען וויין און געשמאקע מאכלים.

דער קעניג סיחון האט מיט א הויכע שטימע פאר אלעמען דערצעהלט די איינצעלהייטען פון דער גרויסער מלחמה מיט מואב׳ן.

— חשבון איז געווען מואב׳ס שטארקסטע און באפעסטיגטע שטאדט — האט ער געזאגט — אבער מיינע בראווע סאלדאטען האבען זיך ניט אפגעשראקען. זיי האבען אונטערגעצונדען חשבון, און דאס פייער פון חשבון האט זיך פארשפרייט אויך אין די אנדערע שטעדט פון מואב... זיין גאט כמוש האט איהם ניט געקענט העלפען. כמוש האט מואב׳ס זיהן געמאכט אנטלויפען פון מיין שווערד און זיינע טעכטער האט ער איבערגעגעבען צו מיר אין געפאנגענשאפט.

— און יעצט איז חשבון די הויפט־שטאדט פון אונזער מעכטיגען קעניג סיחון — האט א גענעראל אויפגעהויבען זיין בעכער מיט וויין. — לאמיר אלע טרינקען פאר בעם געזונד פון אונזער קעניג און זיין קרוינפרינץ.

אלע געסט האבען זיך אויפגעשטעלט פון זייערע פלעצער און אויסגעליידיגט די בעכער.

— און יעצט לאמיר טרינקען פאר דעם געזונט פון דער שעהנער רחב, וועלכע וועט אין גיכען מיין פרוי ווערען! — האט דער קרוינפרינץ אויסגערופען.

אלע האבען זיך נאך אמאל אויפגעשטעלט און ווענדענדיג זייערע בליקען אויף רחב׳ן, האבען זיי אויסגעטרונקען דעם צווייטען בעכער וויין.

פלוצלינג איז אריינגעקומען דער הויפט לייב־וועכטער פון דעם קעניג און דערנעהנטערנדיג זיך צו סיחון׳ען האט ער זיך פארנייגט:

— מיין האר, קעניג ,— האט ער געזאגט, — צוויי פרעמדע מענשען זיינען אנגעקומען צו דעם טויער פון פאלאץ. זיי זאגען אז זיי זיינען פון דעם פאלק ישראל און זיינען געקומען מיט א שליחות פין פריעדען.

א שטילקייט האט געהערשט אין פאלאץ. אלע האבען אנגעשטרענגט די אויגען און אויערען צו זעהן און הערען וואס דער קעניג וועט טהאן.

— פון דעם פאלק ישראל, הא? — האט סיחון דורכגעפיהרט זיין האנד דורך זיין בארד, — דען איז דאס אמת וואס מען האט מיר איבערגעגעבען אז משה און זיין פאלק ישראל געפינען זיך ניט וייט פון אונזערע גרעניצען.

— זיי זיינען געווים שפיאָנען, און משה האָט זיי געמוזט שיקען אויס־צושפּיאָנירען אונזער לאַנד! — האָט דער קרוינפּרינץ אויסגערופען.

— ווען זיי וואָלטען געווען שפּיאָנען, — האָט גישון, רחב׳ס פאָטער, זיך אָפּגערופען, — וואָלטען זיי געקומען פאַרבאָרגענערהייט, מען זאָל זיי ניט דערקענען? מיין עצה וואָלט געווען, אז דער קעניג זאָל זיי אויפנעהמען און לאָמיר הערען וואָס זיי האָבען צו זאָגען.

— דו ביזט גערעכט, מיין ברודער, — האָט סיחון א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, — לאָמיר הערען מיט וואָס פאַר א שליחות זיי זיינען אהער געקומען. אָבער איידער דו וועסט זיי ערלויבען אהער אריינצוקומען, זאָלסטו ביי זיי זייערע וואָפען אָוועקנעהמען, — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין לייב־וועכטער.

— ווי זיי זיינען צוגעקומען צו דעם טויער פון פּאַלאַץ, האָבען זיי אונז איבערגעגעבען זייערע שווערדען — האָט דער הויפּט לייב־וועכטער געזאָגט.

— אויב אזוי קענסטו זיי אריינשיקען, — האָט דער קעניג געזאָגט.

דער לייב־וועכטער האָט זיך א נייג געטהאָן און איז ארויס. באַלד איז ער צוריקגעקומען מיט די צוויי שלוחים.

א ווייַלע זיינען זיי געבליבען שטעהן נעבען דעם אריינגאַנג.

די געסט ביי דעם קעניגליכען טיש האָבען אומגעדרעהט זייערע קעפּ און בעטראַכט די צוויי פרעמדע מיט נייגעריגע בליקען.

איינער איז געווען הויך און ברייט געבויט. זיין פּנים איז געווען באַציערט מיט א רונדע שוואַרצע באָרד וואָס האָט צוגעגעבען א בעזונדערען חן צו זיין סימפּאַטישען אויסזעהן.

דער צווייטער האָט אויסגעקוקט צו זיין א סך אינגער. ער איז געווען עט־וואָס נידריגער, און זיין קערפּער איז געווען שלאַנק. ער איז געבליבען שטעהן בעוועגלאָז אויף זיין פּלאַץ, אין דער צייט ווען דער עלטערער האָט זיך מיט לאַנגזאַמע טריט דערנעהנטערט צו דער ריכטונג וואו דער קעניג איז געזעסען.

ווען ער איז צוגעקומען צו סיחון׳ען, צו דער זייט וואו דער קרוינפּרינץ איז געזעסען, האָט ער, באַגריסענדיג, זיך א נייג געטהאָן און זיך באַלד אויס־געגלייכט.

דער קעניג האָט איהם אָפּגעמאָסטען מיט זיינע בליקען, בעטראַכטענדיג איהם פון אויבען אַרונטער.

רחב, וועלכע איז געזעסען פונקט געגענאיבער, האָט זיך מיט איהרע שעהנע אויגען איינגעגעסען אין דעם פרעמדען, וועלכער איז געשטאַנען מיט אזוי פיעל שטאָל און העלדישקייט פאַר דעם קעניג. זיין אויסזעהן האָט איהר בעצויבערט. זיין פּנים האָט אויסגעזעהן שטרייַנג און האַרט, אָבער ווען זי האָט אריינגעקוקט אין זיינע אויגען, האָט זי דערפיהלט א וואַרעמקייט שטראַהלט פון זיי מילד און צערטליך זיינען זיי געווען.

דער קרוינפּרינץ האָט באַמערקט ווי רחב, זיין כלה, נעהמט איהרע אויגען ניט אַרונטער פון דעם פרעמדען. האָט א דרעה געטהאָן זיין קאָפּ און א בייזען בליק געוואָרפען אויף איהם.

— ווער ביזטו און וואָס איז דיין פאַרלאַנג? — האָט דער קעניג זיך צו איהם געווענדעט.

— מיין נאָמען איז יהושע דער זוהן פון נון! — האָט ער געענטפערט, —

און מיין האר משה האט מיך און מיין באגלייטער געשיקט איבערצוגעבן זיין ברכה צו דעם קעניג פון דעם אמורי און צו בעגריסען איהם מיט פריעדען.

— ווער איז ער, דיין האר משה? — האט סיחון זיך ניט וויסענדיג געמאכט.

— א, גנעדיגער קעניג, האסטו דען ניט געהערט פון משה, דעם געטליכען מאן, וועלכער האט באפרייט זיין פאלק ישראל פון שקלאפעריי אין מצרים, און האט זיי פערציג יאהר געפיהרט אין דער מדבר?

— יא, איך האב פון איהם געהערט! — האט סיחון געזאגט. — אבער וואס איז זיין פארלאנג צו מיר?!

— דער גאט פון אונזערע עלטערען, אברהם, יצחק און יעקב, האט פארשפראכען אונז צוריקצוברייגנגען אין דעם לאנד כנען וואס האט צו זיי בעלאנגט. און יעצט האבען מיר באלד אונזער ציעל דערגרייכט... דאס פאלק ישראל לאגערט אויף דער צווייטער זייט פון דעם טייך ארנון ביי דער גרעניץ צווישען מואב אין דעם אמורי. און יעצט האט אונז משה געשיקט צו קריגען ערלויבניס פון דיר, האר קעניג, סיחון, דורכצוגעהן דיין לאנד, כדי מיר זאלען קענען קומען צו כנען. און דאס זיינען די רייד פון משה: "ווען דו וועסט אונז ערלויבען דורכצוגעהן דיין לאנד, וועלען מיר זיך אויסהיטען ניט צו פארשאכען קיין שאדען, מיר וועלען ניט טרעטען דורך די פעלדער און וויינגערטנער און ניט טרינקען פון די וואסער פון די ברונימער פון דיין לאנד, מיר וועלען בלויז געהן דורך דעם אויסגעטראטענעם וועג, ביז וואנען מיר וועלען אריבערגעהן דיינע גרעניצען, און פאר דיזער טובה וואס דו וועסט מיט אונז טהאן וועלען מיר שטענדיג פארבלייבען דיינע פריינד".

— און וואס וועל איך טהאן ווען איך וועל ערלויבען דיין פאלק דורכצוגעהן מיין לאנד, — האט סיחון געזאגט, — און דאן וועט משה׳ן געפעלען ווערען מיין לאנד, וואס איך האב אוועקגענומען פון מואב׳ן מיט מיין שווערד, און ער וועט וועלען פארבלייבען דא?

— א, ניין, מיין האר קעניג! — האט יהושע געענטפערט, — משה׳ס ווארט איז הייליג און ער וועט דיר געוויס קיין שלעכטעס ניט טהאן פאר דיין גוטע׳ וואס דו וועסט אונז ארויסצייגען.

סיחון האט א ווייליע א טראכט געטהאן און נאכהער האט ער זיך געווענדעט צו די וועלכע זיינען געזעסען ארום זיין טיש:

— וואס איז אייער עצה, וואס פאר אן ענטפער זאל איך געבען יהושע׳ן?

— א, פאטער, — האט זיך דער קרוינפרינץ אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ — די קעניגע פון כנען צאהלען אונז צינזען כדי מיר זאלען ניט דערלאזען קיינע ארמעען זאלען ניט באפאלען זייער לאנד, און דא פארלאנגט יהושע מיר זאלען זיי געבען ערלויבניס דורכצוגעהן אונזער לאנד כדי זיי זאלען קענען דערגרייכען כנען און מלחמה האלטען מיט זיי. מיין עצה איז, אז דו זאלסט אזא ערלויבניס ניט געבען.

— איך וועל דיר געבען א משל, מיין האר קעניג, — האט זיך דער הויפטמיניסטער אויפגעשטעלט, — איינער האט געדונגען א שומר צו היטען זיין וויינגארטען פון גנבים און רויבער, ווען א רויבער איז געקומען און האט פערלאנגט פון שומר ער זאל איהם לאזען ארונטעררייסען די פרוכט פון וויינגארטען, וואס דארף דער שומר ענטפערען דעם רויבער?

— ער דארף נעהמען א שטעקען און איהם פארטרייבען! — האט דער קרוינפרינץ געענטפערט, — און אויב ער שטעהט צו, דארף ער איהם גוט אנברעכען די ביינער, ווייל דער שומר קריגט בעצאהלט אפצוהיטען דעם וויינגארטען פון אזעלכע מענשען און ער האט די חוצפה פון איהם צו פערלאנגען ער זאל איהם נאך געהען ערלויבנים.

— ניין! — האט סיחון א געשריי געטהאן — איך וועל ניט ערלויבען ישראל דורכצוגעהן מיין לאנד.

— משה'ס וואונש איז צו לעבען מיט דיר בשלום! — האט יהושע געזאגט, — דאס לאנד כנען בעלאנגט צום פאלק ישראל, עס איז א ירושה צו אונז פון אונזערע עלטערען און מיר ווילען דורכגעהן דיין לאנד כדי צוצוקומען צו דער לאנד וואס גאט האט פארשפראכען אונז אפצוגעבען. מיר זוכען ניט קיינע מלחמות, אויב די פעלקער וועלען אומקעהרען צו אונז דאס לאנד מיט פרידען וועלען מיר זיי קיין שלעכטעס ניט טהאן. געדענק וואס משה האט געטהאן צו פרעה'ן, דעם קעניג פון מצרים, ווען ער האט אונז ענטזאגט צו באפרייען די אידען.

— מיין עצה איז, אז דו זאלסט יהושע'ן יא געבען די ערלויבנים, ווייל מיר האבען אלע געהערט די גרויסע וואונדער וואס דער גאט פון ישראל האט באוויזען דורך משה'ן, ווי ער האט פאר זיי דעם ים סוף געשפאלטען, און אריבערגעפיהרט ישראל אין דער טריקעניש אין מיטען ים. מיר האבען אויך געהערט פון דער מלחמה וואס ישראל האט געהאט מיט עמלק. און דאריבער וואלט געווען ראטהזאם פאר אונז מיר זאלען לעבען מיר זיי בשלום, — האט נאך איינער פון די מיניסטארען איהם געגעבען די עצה.

— אונזער שווערד וועט זיין דער ענטפער צו משה'ס פארלאנג! — האט דער קרוינפרינץ ארויסגעצויגען זיין שווערד פון דער שייד, — אויב ער וועט נאר וואגען אריינצושטעלען איין טריט אין אונזער גרעניץ וועלען מיר זיי אלעמען פארניכטען, מיר וועלען פון זיי ניט איבערלאזען קיין שריד ופליט.

— איך ווייס ניט אויב מיר איז ערלויבט זיך אריינצומישען אין דעם, — האט רחב געזאגט, און איהר פנים איז באדעקט געווארען מיט א רויטקייט.

— רייד, מיין טאכטער, — האט סיחון צו איהר געזאגט מיט א שמייכעל,

— מיין זוהן האט דאך דיר אויסגעקליבען צו ווערען זיין פרוי, און אלס די צוקינפטיגע קעניגין ביזטו געווים בארעכטיגט ארויסצוזאגען דיין מיינונג.

— עס איז שוין מעהר קיין פארבארגעניש ניט אז דאס פאלק ישראל איז שטארק און מעכטיג. זייער גאט האט באוויזען גרויסע נסים און אויב דאס לאנד כנען געהערט צו זיי, וועט גאט זיי געוויס דאס אפגעבען. ווארום ווער וועט זיך קענען געגענשטעלען זייער גאט?

— מיט דיינע רייד, רחב, לעסטערסט דו אונזער גאט! — האט דער קרוינפרינץ געזאגט מיט צארן. — מיר פייערען יעצט צוואנציג יאהר זינט אונז איז געלונגען און אונזער גאט האט גרוים וואונדער באוויזען אין האט אונז געהאלפען באזיגען מואב'ן, און אזוי ווי מיר האבען געטהאן צו מואב'ן אזוי וועלען מיר אויך טהאן צו ישראל.

— אזוי וועט עס בלייבען! — האט דער קעניג א זאג געטהאן, — מיר וועלען קיין ערלויבנים ניט געבען אז ישראל זאל דורכגעהן אונזער לאנד, און מיר וועלען געבען משה'ן דריי טעג צייט אפצוטרעטען פון אונזער גרעניץ און

אויב ער וועט אין דריי טעג ארום ניט אפציהען זיין פאלק פון דעם מייד ארניז, וועל איך ארויסגעהן מיט א שווערד געגען איהם.

— און דאס איז דעם קעניג׳ס ענדגילטיגער ענטפער! — האט יהושע געזאגט. — אויב אזוי האבען מיר דא ניט וואס מעהר צו פארבלייבען. איך וועל געהן און איבערגעבען מיין האר משה׳ן דעם קעניג׳ס תשובה.

יהושע האט זיך אומגעקעהרט אוןווארפענדיג א דאנקבארען בליק צו דער שעהנער רחב, האט ער גענומען געהן לאנגזאם צום ארויסגאנג.

רחב האט איהם באגלייט מיט איהרע בליקען, און דער קרוינפרינץ האט עס באמערקט. האט דאס בלוט איהם א זעץ געטהאן אין פנים און מיט גרויס צארען האט ער אויסגערופען:

— זאל מען די צוויי שלוחים פערהאלטען... מיר טארען זיי ניט לאזען זיך צוריקקעהרען צו משה׳ן, ווייל אויב מיר וועלען זיי אוועקלאזען לעבעדיגע פון דאנען וועלען זיי איבערגעבען משה׳ן אונזערע רייד, און דערווייל וועט ער זיך גרייטען צו מלחמה.

— א, ניין, דו קענסט אזוי ניט טאהן צו פריעדליכע שלוחים! — האט רחב זיך געווענדעט צום קרוינפרינץ — איך מיין אז מען דארף ניט טאהן אן איבערגעאיילטען שריט.

— פאטער! — האט דער קרוינפרינץ זיך געמאכט ניט־הערענדיג — איך פארלאנג אז מען זאל ביידען אויפהענגען מארגען. דאס זאל זיין אונזער תשובה צו משה׳ן. זאל ער וויסען, אז מיר שרעקען זיך ניט אפ פאר איהם און פאר זיין גאט.

— יהושע און זיין באגלייטער זאל גישט ערלויבט ווערען צו פארלאזען דעם פאלאץ! — האט סיחון באפוילען.

דער קרוינפרינץ האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און מיט זיין בלויזען שווערד זיך געווענדעט צו יהושע׳ן:

— מארגען וועסטו און דיין באגלייטער הענגען אויף דעם העכסטען בוים נעבען דעם פאלאץ. און אויב אייער גאט איז טאקע אזוי מעכטיג, אז ער האט אזוי פיעל וואונדער באוויזען דורך משה׳ן, זאל ער אייך ביידען פון מיינע הענט ראטעווען.

א הילכיגער געלעכטער האט אויסגעבראכען אין פאלאץ.

— ריכטיג האסטו געזאגט, מיין זוהן! — האט סיחון געלאכט — זאל דער גאט פון ישראל זיי העלפען אויב ער וועט האבען די מעגליכקייט.

— און אויב דיין האר משה וועט ניט אפטרעטען באצייטענס פון די גרעניצען פון אונזער לאנד, וועט ער אויך אויפגעהאנגען ווערען — האט דער קרוינפרינץ צוגעגעבען.

— זאל מען צופיהרען דעם צווייטען! — האט סיחון א זאג געטהאן צו זיינע לייבוועכטער.

די לייבוועכטער האבען צוגעפיהרט יהושע׳ס באגלייטער.

— ווער ביזטו און וואס איז דיין נאמען? — האט סיחון איהם געפרעגט.

— מיין נאמען איז עתניאל, דער זוהן פון קנז, און איך בין געשיקט געווארען צוזאמען מיט יהושע׳ן מיט א שליחות פון פרידען.

— איהר וועט ביידע געהאנגען ווערען אין דער זעלבער צייט אויף דעם

וועלבען בוים! — האט סיחון געזאגט. — און יעצט זאל מען זיי ביידען פאר־שפארען אין געפענגנים!

— מיין האר קעניג! — האט זיך יהושע א נייג געטאהן פאר סיחון — מיר זיינען יעצט אין דיינע הענט און דו קענסט טאהן מיט אונז וואס דו ווילסט, אבער דו דארפסט וויסען, אז דו פארגיסט אומשולדיגעס בלוט. מיר זיינען געקומען צו דיר מיט שלום, אונזער פארלאנג איז צו לעבען אין פרידען מיט די פעלקער פון דיזער זייט ירדן. און מיר האבען געוויס דערפאר ניט פאר־דינט דעם טויט!

— דאס ווארט פון מיין קרוינפרינץ איז ביי מיר הייליג, און זיין באפעהל וועט מארגען אין דער פריה דורכגעפיהרט ווערען! — האט סיחון א זאג געטהאן — פאר דער חוצפה צו פארלאנגען ערלויבניס דורכצוגעהן מיין לאנד האט איהר זיכער פארדיענט דעם טויט!

יהושע און עתניאל זיינען געשטאנען פארגליווערט פון שרעק. זייערע פנים׳ער זיינען בלאס געווארען און זייערע בליקען האבען געוואנדערט פון דעם קעניג אויף דעם קרוינפרינץ און פון קרוינפרינץ אויף די לייב־וועכטער, וועלכע זיינען געשטאנען מיט בלויזע שווערדען...

— מיין ברודער! — האט גישון זיך געווענדעט צום קעניג — איך גלויב, אז דו באגעהסט אן אומרעכט געגען די צוויי שלוחים פון משה׳ן. אויב דו גלויבסט אז משה האט קיין רעכט ניט געהאט צו בעטען ערלויבניס דורכצוגעהן דיין לאנד, זיינען דאך זיינע שלוחים געוויס ניט שולדיג! מיין עצה וואלט געווען, אז דו זאלסט באפרייען די שלוחים און צוגרייטען א גרויסע ארמעע ביי די גרעניצען פון לאנד, און ווען משה וועט זיין פאר׳עקשנ׳ט און וועט וועלען דיך צווינגען דו זאלסט איהם ערלויבען, דאן וועלען מיר איהם באגע־גענען מיט׳ן שווערד!

רחב האט באמערקט ווי דער קרוינפרינץ האט געווארפען א צארנדיגען בליק אין דער ריכטונג פון איהר פאטער... פון זיין פנים האט זי דערקענט, אז ער וועט זיין באשלוס ניט ענדערען... זי האט זיך גלייך א הויב געטהאן פון איהר פלאץ און זיך געווענדעט צו גישונ׳ען:

— פאטער, דו ווייסט דאך אז איך האב דיר קיינמאל ניט ווידערשפראכען, אבער דיעזען מאל וועסטו מיר מוזען ענטשולדיגען, אויב איך וועל דיר זאגען, אז דאס מאל קען איך מיט דיר ניט איינשטימען.

— וואס מיינסטו, מיין טאכטער! — האט גישון איהר אנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— איך מיין, אז דיעזע מענשען פארדינען דעם טויט! — האט רחב אויסגערופען — בלויז צוליעב דעם אליין, וואס זיי זיינען געקומען אהער און געשטערט אונז אין אונזער שמחה וואלטען זיי געדארפט בעשטראפט ווערען... אבער אויסער דעם טארען מיר זיי ניט אוועקלאזען פריי, ווייל ווען זיי וועלען אוועקגעהן אומבאשטראפט, וועלען זיי גלייך איבערגעבען משה׳ן, און איידער מיר וועלען באווייזען זיך צוצוגרייטען מיט אונזערע מחנות וועלען זיי בא־פאלען אונזער לאנד און זי פארוויסטען.

דער קרוינפרינץ האט ניט געגלויבט זיינע אויערען. זיינע אויגען האבען גענומען שטראהלען פון שמחה.

— רחב! — האט ער אויסגערופען מיט פרייד — און איך האב געמיינט, אז....

— נו, יא, ווען איך האב פריהער געמיינט אז עס איז מעגליך צו מאכען מיט זיי א בונד פון פרידען. יעצט, אבער, ווען איך האב זיך איבערציינט, אז דאס איז אונמעגליך, טארען דיעזע צוויי פרעמדע ניט ארויסקומען קיין לעבעדיגע פון אונזער שטאדט! יא, דער קרוינפרינץ האט רעכט,ביידע מוזען מארגען אין דער פריה אויפגעהאנגען ווערען.

גרויס איז געווען די ערשטוינונג פון אלע אנוועזענדע, ווען זיי האבען געהערט פון רחב׳ס מויל אזעלכע רייד. גישון האט אויף איהר געקוקט מיט שטוינענדע בליקען. און ער האט א ווײלע צו זיך ניט געקענט קומען פון גרויס איבערראשונג. ער דאט א ציה געטהאן מיט זיינע אקסלען און א שאקעל געטאהן מיט זיין קאפ: אזא פלוצלונגע ענדערונג זאל קומען אין זיין טאכטער, זי איז דאך שטענדיג געווען בארימהט פאר איהר גוטסקייט און צערטליכקייט, און יעצט איז זי ניט נאר געגען דער גרויזאמער האנדלונג פון דעם קרוינ־פרינץ, נור זי אליין רעקאמענדירט נאך מען זאל די צוויי אומשולדיגע מענ־שען איפהענגען מארגען אין דער פריה.

גישון האט געוואלט עפעס זאגען זיין טאכטער, אבער ווען ער האט באַ־מערקט דעם צופריזענעם שמייכעל וואס האט זיך אויסגעגאסען אויף דעם פנים פון קרוינפרינץ, האט ער גענומען פארשטעהן. ער איז געווען זיכער, אז זיין טאכטער רעדט אזוי, כדי ארויסצואווייזען דעם קרוינפרינץ אז זי איז מיט איהם איינשטימיג אין אלעם... פונדעסטוועגען האט איהם אין הארצען שטארק פארדראסען וואס זיין טאכטער האט אין גאנצען אונמעגליך געמאכט צו ראטעווען די צוויי מענשען פון טויט... ווען ניט זי, וואלט פיליכט איהם געלונגען איינצורייען זיין ברודער מען זאל זייער טויט־שטראף פארבייטען אויף געפענגנים.

ווען יהושע האט געהערט רחב׳ס רייד איז ער געבליבען שטעהן אינגאנצען צוטומעלט... לויט ווי זי האט פריהער גערעדט האט ער געהאפט, אז זי וועט זיי ביידען קומען צו הילף. זי האט געשיינט צו זיין אזוי ליעבליך און גנעדיג. יהושע איז געווען זיכער, אז זי וועט ניט דערלאזען דאס מען זאל זיי ביידען הינריכטען... בפרט נאכדעם ווי זייערע בליקען האבען זיך באגעגנט. און יעצט צייגט זי נאך ארויס מעהר פארביטערונג ווי דער קעניג אליין. זי פאדערט גאר אז מען זאל זיי ביידען אויפהייגען... עפעס גלויבט זיך איהם ניט. אז דיעזע שעהנע צארטע מיידעל זאל זיין פעהיג אויף אזוי פיעל גרויזאמקייט... אבער ער האט דאך אליין געהערט דיעזע שרעקליכע ווערטער פון איהר מויל.

לאנג האט יהושע ניט געקענט טראכטען. ער האט באלד דערהערט דעם באפעהל פון דעם קרוינפרינץ צו די לייב־וועכטער:

— בינדט זיי און ווארפט זיי אריין אין געפענגנים! און מארגען גאנץ פריה וועט מען זיי ביידען אויפהענגען!

— איך בעט דיר, מיין ליעבער! — האט זיך רחב אפגערופען צו דעם קרוינפרינץ — הענג זיי ניט ביז וואנען איך וועל אויפשטעהן פון שלאף. איך

וויל אליין, מיט מיינע אויגען צוזעהן ווי דיעזע מענשען וועלען געהאנגען ווערען. דו וועסט דאך פון מיר אזא פארגעניגען זיכער ניט פארמיידען.

— געוויס ניט! — האט דער קרוינפרינץ זי אנגענומען פאר איהר האנט — איך וועל דורכדעם האבען א טאפעלטען פארגעניגען. ערשטענס, דאס וואס איך וועל אליין זיין דערביי ווי מען וועט אויפהענגען די שונאים פון מיין פאלק, און דערצו וועל איך נאך האבען פארגעניגען צו זעהן, אז איך האב דיר פארשאפט פארגעניגען.

דער קעניג און די איבעריגע האבען געלאכט פון דעם קרוינפרינץ׳ס חכמה.

די לייב־וועכטער האבען געבראכט דיקע שטריק. פריהער זיינען זיי צוגעגאנגען צו יהושע׳ן און האבען פארלעגט זיינע הענט אויף הינטען און זיי שטארק פארבונדען. דערנאך האבען זיי דאסזעלבע געטהאן צו עתניאל׳ן, און מען האט זיי גענומען פיהרען.

— מיין האר קעניג! דו פארגיסט אומשולדיגעס בלוט! — האט יהושע זיך געווענדעט צו סיחון׳ען — אונזער גאט אין הימעל וועט אונזער בלוט פאדערען פון דיינע הענט.

זיינע רייד זיינען געפאלען אויף טויבע אויערען. דער קרוינפרינץ האט א וואונק געטהאן צו די וועכטער און יענע האבען ארויפגעלעגט זייערע שווערע הענט אויף זייערע שולטערען און גענומען זיי שטופען צום ארויסגאנג.

— רעכט אויף אייך, איהר רשעים! — האט רחב א געשריי געטהאן צו זיי — מארגען וועלען די פייגלען פון הימעל זיך אנזעטיגען מיט אייער פלייש!

רחב׳ס לעצטע ווערטער האבען דעם קרוינפרינץ שטארק באפרידיגט. יעצט זעהט ער אז זיין אייפערזוכט איז געווען אומבאגרינדעט. זי האט פריהער געווארפען איהרע בליקען אויף יהושע׳ן צוליעב איהר נייגעריגקייט, אבער איהרע געדאנקען זיינען געווען ריין...

ווי די וועכטער האבען ארויסגעפיהרט יהושע׳ן און עתניאל׳ן פון פאלאץ, האבען די געסט פארטגעזעצט זייער שמחה. מען האט ווידער געטרונקען וויין און געגעסען ווי עס וואלט גאר ניט פאסירט.

ווען מען האט יהושע׳ן און עתניאל׳ן אריינגעפיהרט געבונדענע אין געפענגנים, האבען זיי געזעהן אז אלעס איז פארלארען. עס איז שוין מעהר פאר זיי קיין האפענונג ניטא זיי זאלען ארויסקומען מיט זייערע לעבענס פון דאנען — האבען זיי געטראכט, ווען די שווערע טיהר פון געפענגנים האט זיך פארהאקט הינטער די וועכטער.

א היבשע ווילע זיינען זיי ביידע געבליבען פארטיעפט אין זייערע טרויעריגע געדאנקען און געשוויגען

— ווער וואלט זיך דאס גערעכט, אז מיר זאלען האבען אזא טרויעריגען סוף! — האט עתניאל מיט א ציטערנדע שטימע געזאגט — די מענשען פון חשבון זיינען א סך ערגער ווי די מענשען פון עמלק. משה האט ניט ריכטיג געטאהן וואס ער האט אונז געשיקט צו דעם קעניג ער זאל אונז געבען ערלויבניס דורכצוגעהן זיין לאנד. ער האט דאך געוואוסט וואס פאר א תשובה מיר האבען געקראגען פון דעם קעניג פון אדום... און אויב דער קעניג פון אדום

האט ניט געוואלט ערלויבען מיר זאלען דורכגעהן זיין לאנד, איז דאך זעלבסט־פארשטענדליך אז סיחון דער קעניג פון אמורי וועט דערצו ניט איינשטימען...

— זינדיג ניט, עתניאל, מיט דיינע ליפען! — האט יהושע צו איהם געזאגט — אויב מיר וועלען דארפען שטארבען, וועלען מיר שטארבען ווי העלדען פאר אונזער גאט און אונזער פאלק... משה איז א הייליגער מאן און ער וויים וואס ער טהוט...

— מעגליך, אז מיר זיינען ניט ווערטה צו זיין משה׳ס שלוחים — האט עתניאל זיך צוכליעפעט.

— בערוהיג זיך, מיין פריינד! — האט איהם יהושע געטרייסט — ניט איינמאל האט מיר משה געזאגט, אפילו ווען די שווערד ליגט שוין אויף דעם האלז זאל דער מענש ניט פארלירען די האפענונג, אז גאט וועט איהם מעגליך שיקען זיין הילף פון הימעל. וויפיעל מאל האט שוין געהאלטען דער־ביי אז משה זאל געטויטעט ווערען מיט פרעה׳ס שווערד און גאט האט איהם געראטעוועט.

— קען איך זיך דען צוגלייכען צו משה׳ן? — האט עתניאל געיאמערט — איך האב דאך זיכער ניט פארדינט ביי גאט ער זאל מיט מיר א נס טהאן... און די ארימע עכסה...

— וועלכע עכסה? — האט יהושע איהם געפרעגט.

— מיין ברודער׳ס טאכטער... איך האב זי אזוי ליעב... און יעצט וועט זי אפילו ניט וויסען וואו מיינע ביינער זיינען אהינגעקומען...

— דו זארגסט וועגען עכסה׳ן, און דו פארגעסט אז די געפאהר איז זעהר גרויס פאר אונזער גאנצען פאלק. משה וועט ווארטען אויף אן ענטפער פון אינז, און דערווייל וועט ער זיך ניט ריכטען, אז סיחון, דער קעניג פון אמורי, וועט איהם פלוצלינג באפאלען מיט זיינע מחנות... אבער ניין, אויך וועגען דעם איז ניטא וואס צו זארגען... גאט האט זיין פאלק צוגעבראכט ביז די טויערען פון דעם פארשפראכענעם לאנד, און לאמיר האפען, אז ער וועט זיי אפגעבען דאס לאנד ווי ער האט פארשפראכען צו אונזערע עלטערען.

— און מיר וועלען שוין ניט זוכה זיין אפילו צו אנקוקען דאס לאנד מיט אונזערע אויגען! — האט עתניאל ניט אויפגעהערט צו יאמערען... א, ווי שלעכט און פארדארבען זיינען די מענשען פון דיעזען לאנד!

— נאך מעהר פארדארבען און פאלש זיינען די פרויען פון דיעזען לאנד — האט יהושע מיט פארביטערונג געזאגט, — ווען איך האב דערזעהן די יונגע שעהנע מיידעל און איך האב געהערט ווי זי רעדט גוטעס אויף אונז, האט זיך מיין הארץ געפרעהט... איך האב זיך געטראכט, אז צווישען אזוי פיעל רשעים געפינט זיך איינע, וועלכע איז נאבעל, הארציג און גוט... אבער באלד האב איך מיין טעות איינגעזעהן.

— פארפלוכט זאל ווערען דאס פאלק פון אמורי! — האט עתניאל א געשריי געטהאן.

די טיהר פון געפענגניס האט זיך אן עפען געטאהן און דער וועכטער האט אריינגעשריען:

— איהר פארפלוכטע ישראלים, וואס שרייט איהר? מאכט צו אייערע

מיילער און שווייגט... מאָרגען אין דער פריה וועט איהר ביידע אויף עווינג פאַרשטומט ווערען... ביידע וועט איהר אויף איין בוים געהאנגען ווערען.

צווייטער קאַפּיטעל

דער אָוועגט האָט גענומען צופאַלען. די פאַרזאַמעלטע געסט פון פאַלאַץ זיינען זיך צוגאַנגען, יעדער צו זיין היים. איבערגעבליבען אין פאַלאַץ זיינען נאָר די לייבליכע קרובים פון סיחון, צווישען זיי איז געווען גישון און זיין טאָכטער רחב.

איבערגליקליך איז דער קרוינפּרינץ געווען מיט זיין כלה רחב׳ן; עס איז דאָס ערשטע מאָל זינט זי איז צו איהם פאַר׳קנס׳ט געווען, אז זי זאָל טאָן אזא זאַך וואָס איהם זאָל אזוי שטאַרק געפעלען.

ניט איינמאָל האָט איהם רחב דערצאָרנט מיט איהר האַרטנעגיגקייט און מיט איהר ווידערשפּרעכען זייגע רייד. ווען זי וואָלט ניט געווען וואונדער שעהן און רייצענד, וואָלט ער געווים זיין געדולד פאַרלאָרען, און וואָלט זי אפילו ניט געוואָלט קענען. אָבער ווי קען מען זיין אין כעס אויף אזא בילדשעהנע מיידעל ווי רחב איז, דעריבער האָט ער פילע זאַכען פאַרבויגען און געמאַכט אז עס קימערט איהם ניט.

איין זאַך האָט דעם קרוינפּרינץ שטאַרק געערגערט, און דאָס איז דער געדאנק אז רחב איז "קאַלט" צו איהם. ער האָט געקענט פאַרשטעהן פון איהר האַנדלונג אז זי איז ניט איבערגליקליך מיט דעם וואָס זי וועט ווערען זיין פרוי. ער האָט געטאָן אַלץ אין זיין מאַכט צו געפינען חן אין איהרע אויגען. ער האָט פאַר איהר פאַרגעשטעלט איהר גליק וואָס שטעהט איהר פאַר ווען זי וועט ווערען די קעניגין פון חשבון, ווי אַלע מיידלאַך וועלען איהר מקנא זיין. רחב אָבער איז ניט געריהרט געוואָרען פון זייגע רייד. זי האָט צוגעשטימט צו ווערען זיין פרוי, אָבער איהר האַרץ איז ניט געווען מיט איהם. זי האָט שטענדיג אויסגעמיטען צו פאַרבלייבען אליין מיט איהם, און ווען ער האָט איהר געזוכט א קוש צו טאָן אָדער צו צערטלען, האָט זי מיט אן אויסרייד זיך ארויסגעדרעהט פון זייגע הענט.

— וואַרט ביז וואַנען איך וועל דיין פרוי ווערען — פלעגט זי איהם זאָגען מיט א שמייכעל — דאַן וועל איך געהערען צו דיר און דו וועסט קענען טאָן מיט מיר וואָס דו וועסט וועלען.

זעהר אייפערזיכטיג איז דער קרוינפּרינץ געווען אויף רחב׳ן. ווען עס האָט זיך געמאַכט אז זי פלעגט וואַרפען א בליק אויף א יונגען גענעראַל אָדער באַאמטען, וועלכער פלעגט געבראַכט ווערען אין פאַלאַץ, פלעגט שוין יענער ניט גוט אָפּשניידען. ער האָט שוין געקענט זיכער זיין, אז דאָס איז געווען זיין לעצטער באַזוך אין פאַלאַץ. און ווער רעדט נאָך ווען ער האָט געהאַט א גרונד צו זיין אייפערזיכטיג, האָט שוין יענער פאַרשפּילט זיין לעבען. דער קרוינפּרינץ האָט געזעהן אז מען זאָל יענעם באַשולדיגען אין פאַרראַטה, אָדער אין אן אנדער פאַרברעכען, און יענער איז אויפגעהאַנגען געוואָרען.

דעריבער איז קיין וואונדער ניט וואָס דער קרוינפּרינץ איז אויפגערעגט געוואָרען ווען ער האָט דערזעהן, אז רחב נעמט איהרע אויגען ניט אַרונטער פון דעם היבען שעהנעם העלדישען מאַן, יהושע.

ניט פאר דעם אליין אבער, האט ער בעשלאסען צו טויטען משה׳ס שלוחים. ער האט געוואלט איינמאל פאר אלעמאל ווייזען פאר אלעמען, אז ער שרעקט זיך ניט פאר משה׳ן און זיינע ארמעען. ער האט גוט געוואוסט, אז אלע פעלקער פון כנען זיינען אין גרויס שרעק, וואס משה און זיין פאלק ישראל, דערנענטערען זיך צו זייער לאנד. איצט וועלען די איבעריגע פעלקער זעהן, אז סיחון, דער קעניג פון אמורי, קען זיי אלעמען באשיצען געגען דעם אנקומענדען שונא. און ווען זיין פאטער וועט זיך איינגעבען צו פארניכטען דאס פאלק ישראל, דאן וועט די קעניגרייך פון אמורי זיך פארשפרייטען ביז דעם ירדן, און ווען ער וועט ירש׳נען זיין פאטער׳ס קרוין וועט ער קעניגען איבער א גרעסערע קעניגרייך... דאס זיינען געווען זיינע חלומות... און דא פארלאנגט גאר משה אז ער זאל איהם לאזען דורכגעהן זיין לאנד, כדי ער זאל קענען גרינגער צוקומען צו כנען. דיזע חוצפה האט ער ניט געקענט פארגעבען. און ער איז געווען זעהר צופרידען וואס זיין פאטער האט גלייך צוגעשטימט צו זיין פארשלאג, אז מען זאל יהושע׳ן און עתניאל׳ן אויפהענגען.

נאך גרעסער איז געווען דעם קרוינפרינץ׳ס צופרידענהייט ווען ער האט דערהערט, אז רחב שטימט איין מיט איהם. פריהער האט ער געמיינט אז זי וועט זיין אויף איהם אין כעס פאר דעם וואס ער וועט אויפהענגען משה׳ס שלוחים, אבער איצט זעהט ער אז זי איז נאך מעהר פארביטערט געגען זיי ווי אלע אנדערע אנוועזענדע, און זי פארלאנגט נאך פון איהם ער זאל זיי אויפהענגען פאר איהר אין די אויגען. דאס האט ער אנגענומען פאר א סימן, אז רחב ענדערט זיך, און איהר ליבע צו איהם איז שטארקער געווארען.

נאכדעם ווי די לעצטע געסט האבען דעם פאלאץ פארלאזען און גישון האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און אויך געוואלט געהן, האט זיך רחב צו איהם געווענדעט:

— פאטער, דו וועסט דאך מיר געוויס ערלויבען צו פארבלייבען אביסעל לענגער מיט דעם קרוינפרינץ. איך האב זעהר א סך צו ריידען מיט איהם, אבער איך האב קיין געלעגענהייט ניט געהאט דאס צו טאן, צוליב די פילע געסט וואס זיינען דא געווען.

— גוט, מיין טאכטער, אויב דער קעניג און דער קרוינפרינץ האט ניט דאגעגען, בין איך צופרידען.

— איך, דאגעגען אז רחב זאל מיט מיר פארבלייבען ?! — האט דער קרוינפרינץ אויסגערופען לאבענדיג — אויף דעם האב איך שוין לאנג געווארט.

אין א ווינקעל פון פאלאץ האט זיך דער קרוינפרינץ געזעצט מיט רחב׳ן.

— איך פיהל זיך איצט זעהר גליקליך — האט רחב זיך אפגערופען צו איהם — איך זעה אז דו ביזט ווערטה צו זיין דיין פאטער׳ס יורש. איך שעץ דיך זעהר פאר דיין בראווקייט און מוטה. איך האב באמערקט ווי אלע אין פאלאץ זיינען געזעסען ווי צושראקענע האזען און האבען ניט געוואוסט וואס צו ראטען דעם קעניג וועגען משה׳ס שלוחים. דו ביזט געווען דער איינציגער וועלכער האט ארויסגעצייגט פורכטלאזיגקייט און העלדישקייט... און בלויז פאר דעם אליין האסטו געשטיגען אין מיינע אויגען. און איצט וויל איך בלויז מיט דיר אליין פייערען מיין גליק וואס ערווארט מיך, ווען די צייט וועט קומען און איך וועל דיין פרוי ווערען.

רחב׳ס רייד האבען דעם קרוינפרינץ זעהר גליקליך געמאכט. ער האט גלייך געהייסען די דינער זיי זאלען ברענגען וויין און ער האט אנגעפילט די בעכער און זיך אפגערופען:

— לאמיר טרינקען פאר אונזער גליק.

רחב האט בלויז פארזוכט פון דעם וויין, און זי האט ווידער אנגעפילט דעם אויסגעליידיגטען בעכער פון קרוינפרינץ.

נאכדעם ווי ער האט אויסגעליידיגט נאך עטליכע בעכער וויין האט רחב זיך עטוואס דערנענטערט און איהם אנגענומען ביי זיין האנט.

— מיט דיזער האנט וועסטו מארגען אין דער פריה פארציהען די שטריק איבער די העלזער פון משה׳ס שלוחים — האט זי מיט א שמייכעל געזאגט — און איך וועל דיר נאך העלפען.

— איך שטעל זיך פאר ווי ביידע וועלען זיך וועהרען, שרייען און בעטען... יע, ווי פייגלינגע וועלען זיי געהאנגען ווערען...

— דו ווייסט, וואס מיר איז איינגעפאלען? — האט רחב א זאג געטאן— היינט די וועכטער זיי זאלען ברענגען די צוויי געפאנגענע פון געפענגניס, און מיר וועלען זיך דערוויילע קענען מיט זיי אנרייצען איידער זיי שטארבען... אויסער דעם וועלען מיר פיעלייכט קענען פון זיי ארויסקריגען געהיימניסע פון משה׳ס ארמעע און זיין מארשרוט.

— דאס איז זעהר א גוטער איינפאל — האט דער קרוינפרינץ געטראכט — מיר וועלען זיי הייסען אריינברענגען אין א באזונדער צימער, כדי ניט צו־שטערען מיין פאטער וועלבער האט ליב צו כאפען א דרעמעל אויף זיין טראהן.

אין א ווייל ארום זיינען די צוויי געפאנגענע, יהושע און עתניאל גע־בראכט געווארען פאר דעם קרוינפרינץ און רחב׳ן.

— זייט איהר זיכער, אז זיי זיינען גוט געבונדען און זיי וועלען זיך אליין ניט קענען באפרייען פון די שטריק? — האט דער קרוינפרינץ געפרעגט די וועכטער.

— יע, אונזער האר — האבען זיי זיך פארזיכערט.

—אויב אזוי קענט איהר זיי איבערלאזען צו אונז ביידען און איהר וועט ווארטען הינטער דער טיהר ביז וואנען איך וועל נאך אייך שיקען.

די וועכטער זיינען ארויס פון צימער איבערלאזענדיג יהושע׳ן און עתניאל׳ן צו דעם קרוינפרינץ און רחב׳ן.

— ווי געפעלט אייך דער פלאן וואס איך האב אייך געגעבען דארט אי־בערצונעכטיגען? — האט דער קרוינפרינץ פרובירט זיך א רייץ טאן מיט זיי.

— מארגען אין דער פריה וועלען זיי האבען א בעסערען פלאץ — האט רחב געזאגט מיט א שמייכעל — אויף די בוימער וועט זיין לופטיגער. די פויג־לען וועלען צוזינגען אין די זוהן וועט אויך שיינען.

— וועמען, געליבסטע, זאלען מיר פריהער אויפהענגען? — האט דער קרוינפרינץ געפרעגט רחב׳ן מיט א שכור׳ליכע שטימע.

— אט דעם! — האט רחב אנגעוויזען אויף יהושע׳ן — פון זיין קערפער וועלען די פויגלען האבען א סך מעהר וואס צו עסען...

יהושע איז געשטאנען און געווארפען צארענדיגע בליקען אויף דעם קרוינ־

פרינץ און רחב׳ן... אַ, ווען זיינע הענד וואָלטען ניט געווען געבונדען, ער וואָלט זיי... ניין, איהם וואָלט ער מיט זיינע הענט צום טויט דערשלאָגען אָבער איהר? איהר וואָלט ער פאר זיין געפאנגענע געמאַכט... זי איז דאך אזוי באצויבערענד שעהן, — האָט ער געטראַכט — ער וועט זי ברענגען אין זיין געצעלט... ער וועט זי פאר זיין דינסט מאַכען...

— זאָג מיר, וואו געפינט זיך איצט משה׳ס ארמעע? — האָט דער קרוינ־פרינץ זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און איז צוגעגאנגען צו יהושע׳ן.

יהושע האָט איהם ניט געענטפערט. ער איז געשטאַנען מיט שטאָלץ און ווירדע און האָט אפילו ניט געקוקט אין זיין ריכטונג.

— דו וועסט מיר שוין באלד ענטפערען! — האָט דער קרוינפרינץ ארויס־געכאַפּט זיין שווערד און זיך פארמאָסטען אויף יהושע׳ן.

— וואָס ווילסטו טאָן? — האָט רחב איהם אָנגעכאַפּט פאר׳ן האַנט — אויב דו וועסט איהם איצט טויטען, וועל איך דאך מאַרגען דעם פארגעניגען ניט האָבען צו זעהן ווי ער וועט הענגען. זעץ זיך און בארוהיג זיך. איך וועל שוין פון איהם ארויסקריגען וויכטיגע אויסקינפטע.

דער קרוינפרינץ האָט זיך געזעצט און רחב האָט איהם אָנגעגאָסען נאָך אַ בע־כער ויין, און איהם געהייסען אויסטרינקען. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו יהושע׳ן און זיך אַ קרים געטאָן.

— דו און דיין הער משה האָבען געדענקט, אַז אונזער קעניג און זיין קרוינפרינץ זיינען נאריש, און ווי נאָר איהר וועט פארלאַנגען, אַז מיר זאָלען אייך דערלויבען דורכצוגעהן אונזער לאַנד, וועט אייער פארלאַנג ערפילט ווע־רען. איצט זעהט איהר, אַז איהר האָט געמאַכט אַ טעות אין "חשבון". ניט נאָר וועלען מיר קיינעם פון די ישראלים ניט ערלויבען מיט אַ פוס אריינצוטרעטען אין אונזער לאַנד, אָבער די וועלכע וועלען בלויז אריבערגעהן דעם גרענעץ פון אונזער לאַנד וועלען שוין מעהר ניט קענען בלייבען לעבען. און איהר זייט אריין אין אונזער לאַנד, דעריבער וועט איהר שוין פון דאַנען מעהר קיינמאָל ניט ארויס סיין לעבעדיגע...

— הענגען וועט איהר ביידע! — האָט דער קרוינפרינץ אריינגעגאָסען אין זיך נאָך אַ בעכער וויין — איך און מיין כלה, רחב, וועלען פארציהען די שטריק איבער אייערע העלזער!

— און דער טייך ארנון וועט רויט ווערען מיט די בלוט פון אייער פאָלק. דעם קעניג׳ס ארמייען וועלען אויסשעכטען אַלע אידען, אויב זיי וועלען זיך אין צייט פון דאַנען ניט אָפּטראָגען, — האָט רחב אַ לייכטען שמייכל געטאָן יהושע׳ן, וועלכער איז שיער ניט אומגעפאַלען.

דער קרוינפרינץ האָט זיך שטאַרק פארנאַנדערגעלאַכט און רחב האָט ווי־דער אָנגעפילט זיין בעכער מיט וויין.

— זאָלען זיי צוריקגעפירט ווערען אין געפענגנים — האָט רחב זיך גע־ווענדעט צום קרוינפרינץ — איך קען מעהר אויף זייערע העסליכע פנים׳ער ניט קוקען... איך וועל מיט גרויס אומגעדולד וואַרטען אויף דעם פריהמאָרגען ווען איך וועל קענען שטילען מיין דורשט נאָך נקמה.

דער קרוינפרינץ האָט אריינגערופען די וועכטער און ער האָט זיי געהייסען צוריקפיהרען יהושע׳ן און עתניאל׳ן אין געפענגנים.

ווען די וועכטער האבען גענומען פארלאזען דעם צימער האט רחב זיך אפ־גערופען צום קרוינפרינץ:

— דו האסט פארגעסען אנצוזאגען די וועכטער, אז זיי זאלען גוט פאר־שליסען די טיהרען פון געפענגנים, עס זאל קיין מעגליכקייט ניט זיין פאר די געפאנגענע צו אנטלויפען.

— ווארט צו א ווײלע! — האט ער אויסגערופען צו די וועכטער — איהר וועט זיין פאראנטווארטליך פאר די געפאנגענע. אויב זיי וועלען אנטלויפען וועט איהר געהאנגען ווערען אנשטאט זיי.

— א, ניין, אונזער האר, ווי אזוי וועלען זיי קענען אנטלויפען, אז זיי זיי־נען דאך געבונדען, און די טיהרען זיינען פארשלאסען פון דרויסען.

— איך וואלט דיר געראטען אז די וועכטער זאלען פארשליסען די טירען פון געפענגנים און ברענגען די שליסלען צו דיר, דאן וועסטו געוויס זיכער זיין אז זיי וועלען ניט אנטלויפען...

— אזוי זאל געשעהן ווי רחב זאגט! — האט דער קרוינפרינץ געזאגט צו די וועכטער — ווען איהר פיהרט די געפאנגענע צוריק אין געפענגנים, איבער־ציוגט זיך פריהער אז די שטריק פון זייערע הענד זיינען ניט לויז געווארען. דאן זאלט איהר פארשליסען די טירען און די שליסלען ברענגען צו מיר.

די וועכטער האבען אזוי געטהאן. זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט מיט די שליסלען און זיי איבערגעגעבען אין די הענט פון דעם קרוינפרינץ.

— איצט וועלען מיר זיין זיכער אז זיי וועלען ניט אנטלויפען פון אונז— האט רחב זיך אפגערופען צו איהם — לאמיר נאכאמאל טרינקען פאר אונזער זיעג איבער אונזערע שונאים!

רחב האט געמאכט ווי זי טרינקט אויס דעם גאנצען בעכער און ווידער איהם אנגעפילט. דער קרוינפרינץ האט אהן אויפהער געטרונקען, ביז וואנען ער האט זיך גוט אנגע׳שכור׳ט.

— איך זעה אז דו ביזט שלעפעריג — האט זי געזאגט צום קרוינפרינץ און איהם געהאלפען צוגעהן צו זיין בעטעל.

— לעג זיך צו א ווײלע.

מיט וואקלענדע פיס האט ער זיך קוים דערשלעפט צו זיין בעטעל און זיך אהין אריינגעווארפען. די שליסלען פון געפענגנים האט ער אוועקגעלעגט צו־קאפענס און באלד האט זיך איבער׳ן צימער צוטראגען א שטארקער כראפען...

רחב האט ארויסגענומען די שליסלען פון אונטער דעם קרוינפרינץ׳ס צו־קאפענס און באהאלטענדיג זיי אין זי שטיל ארויס פון צימער און האט אוועק־געשיקט די דינער.

— קיינער זאל ניט וואגען איהם צו שטערען — האט זי זיי אנגעזאגט און איז אוועק צו איהר פאטער.

— מיין טאכטער! — האט גישון זיך אפגערופען — וואס האט מיט דיר פאסירט. פארוואס קוקסטו אויס אזוי צושראקען און אויפגערעגט?!

— פאטער, איך האב באשלאסען צו מאכען א געפערליכען שריט און דו מוזט מיר העלפען — האט רחב זיך אפגערופען— איך וועל באפרייען משה׳ס שלוחים און זאלען זיי אנטלויפען.

— וואס רעדסטו, רחב?! — ווי אזוי וועסטו עס קענען טאן?

— איך האב אלץ געפלאנט, און איצט וועט מיר ניט שווער זיין עס דורכ־צופיהרען — האט רחב געזאגט און איהם געצייגט די שליסלען פון געפענגניס.

— ווי אזוי האסטו זיי געקראגען, מיין טאכטער? האט גישון געשטוינט.

רחב האט איהם דערצעהלט ווי אזוי זי האט דורכגעפיהרט איהר פלאן.

— אבער דער קרוינפרינץ וועט דאך גלייך פארשטעהן אז דו האסט עס געטאן.

— דאמיט וואס איך האב איהם געראטען אוועקצונעמען די שליסלען פון די וועכטער, ווערט ארונטערגענומען זייער פאראנטווארטליכקייט. און אזוי שנעל ווי איך וועל די שלוחים באפרייען וועל איך פארשליסען די טירען, צו־ריקברענגען די שליסלען און אוועקלעגען זיי אויף דעם זעלבען פלאץ, און ווען ער וועט אויסגעפינען וועט ער קיינעם ניט קענען באשולדיגען.

— ניין, טאכטער, די געפאהר אז ער זאל אויסגעפינען איז צו גרויס, און דו טארסט ניט ריזיקירען.

— אבער ווי אזוי קען איך דערלאזען, אז דיזע אומשולדיגע מענשען זאלען דורך זיין רשעות געטויטעט ווערען. ערשט דאן וועט גרויס זיין די געפאהר פאר אונז אלעמען. דו ווייסט דאך, אז דער גאט פון ישראל איז מיט זיי און ווען משה וועט זיך דערוויסען וואס דער קעניג סיחון האט געטאן צו זיינע שלוחים, וועט ער פארניכטען אונזער גאנצע לאנד צוזאמען מיט אלע איינ־וואהנער.

ווען דו וואלסט זיך גלייך איינגעשטעלט פאר זיי און פארלאנגט, אז מען זאל זיי פריילאזען, וואלסטו מעגליך אויסגעפיהרט.

— איך קען דעם קרוינפרינץ גוט, אז איך זאל זיך אויף דעם פארלאזען. איך בין זיכער אז וואס מעהר איך וואלט פאר זיי געבעטען, אלץ שנעלער וואלט ער זיי היינגעריכטעט. דאריבער האב איך בעשלאסען אזוי צו האנדלען, כדי איך זאל זיי נאכהער קענען ראטעווען און ער זאל מיך ניט חושד זיין.

— אבער וואס ווען ער וועט אויסגעפינען אז דו ביזט שולדיג אין דעם?

— און וואס וועט ער טאן צו מיר? ער וועט דאך ניט טויטען די טאכטער פון זיין פאטער? די איינציגע זאך וואס ער וועט מיר שוין מעהר ניט וועלען נעמען פאר זיין פרוי, פון דעם וועל איך נאך זיין מעהר צופרידען. דאך, מיין ליבער פאטער, האב איך באשלאסען, אז עס וואלט געוועזען א סך בעסער פאר אונזער משפחה אז מיר זאלען פארלאזען חשבון וואס שנעלער, ווייל נאכדעם ווי מען האט אזוי באהאנדעלט משה׳ס שלוחים, וועט קיינער דא ניט זיין זיכער מיט׳ן לעבען. איצט וויל איך, אז דו זאלסט מיר געבען דעם שארפען מעסער ווייל איך טאר קיין צייט ניט פארלירען.

— וואס דארפסטו דעם שארפען מעסער? ווילסטו דען אימיצען טויטען?

— מיט דעם מעסער וועל איך צושניידען די שטריק מיט וואס די שלוחים זיינען פארבונדען און זיי עס מיטגעבען אויפ׳ן וועג.

— א, רחב, מיין הארץ שרעקט מיר זעהר שטארק... דו געהסט אויף א געפעהרליכען וועג.

— זארג ניט, פאטער, דער גאט פון ישראל וועט מיך באשיצען. זינט איך האב געהערט וועגען די גרויסע וואונדער וואס גאט האט געטאן מיט ישראל,

האָב איך געגומען האָפען אז עס וועט קומען א צייט און איך וועל זייער גאָט קענען פאררעכענען פאר מיין גאָט, און ווען איך האָב היינט דערזעהן יהושע׳ן איז מיין פארלאנג צו דיענען צו זייער גאָט נאָך שטארקער געוואָרען. יא, איך מוז ראטעווען דיזע מענשען פון טויט, און דו מיין פאָטער, זיי געגרייט מיט מיין מוטער, ברידער און שוועסטער. מיר וועלען מעגליך אלע מוזען פארלאָזען די שטאָדט.

רחב האָט גענומען דעם שארפען מעסער. זי האָט זיך איינגעהילט אין א שלייער און איז ארויס פון הויז. אין דרויסען איז געווען זעהר שטיל. אלע זיי־נען געווען פארזונקען אין טיפען שלאָף... מיט פאָרזיכטיגע טריט איז רחב גע־גאנגען צום געפענגניס וואָס איז געווען ניט ווייט פון פאלאץ. יעדע ווייַלע האָט זי זיך ארומגעקוקט פון אלע זייטען צו זעהן אויב אימיצער באמערקט איהר ניט. ווען זי איז צוגעקומען צום געפענגניס האָט זי זיך פריהער איבערצייגט אז די וועכטער שלאָפען. דערנאָך האָט זי מיט גרוים פאָרזיכטיגקייט געעפענט די טיר־רען פון געפענגניס. צו איהרע אויערען האָבען זיך דערטראָגען די רייד פון די גע־פאנגענע.

— יהושע! — האָט זי אויסגערופען מיט א קוים־הערבארע שטימע.

— דוכט זיך אז איך האָב געהערט א פרויען שטימע — האָט זיך עתניאל אָפגערופען צו יהושע׳ן.

— דאָס דוכט זיך דיר,— האָט איהם יהושע געענטפערט — דו טראכסט די גאנצע צייט פון דיין עכסה׳ן דורכט זיך דיר אויס, אז דו הערסט איהר שטימע.

— יהושע!— האָט רחב אויסגערופען עטוואָס העכער.

— שא, איך האָב איך געהערט א פרויען שטימע רופענדיג מיין נאָמען— האָט יהושע זיך אָפגערופען צו עתניאל׳ן.

זיי זיינען ביידע שטיל געבליבען און באלד האָבען זיי דייטליך געהערט רחב׳ס שטימע:

— איך בין געקומען אייך העלפען. קומט אהער נעהענטער צו דעם ארויס־גאנג. איך וועל אייך באפרייען פון די שטריק.

איבערראשט און ענטוישט זיינען זיי ביידע געווען, ווען זיי האָבען דער־הערט, אז רחב איז געקומען זיי העלפען. זיי זיינען גלייך צוגעגאנגען צו איהר.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען וואָס איך האָב אזוי געהאנדעלט געגען אייך — האָט רחב געזאָגט אָנטאָפענדיג די שטריק — דאָס איז געווען א טייל פון מיין פלאן אייך צו ראטעווען פון די הענט פון דעם גרויזאמען קרוינפרינץ. איך האָב איהם אָנגע׳שכור׳ט און ער איז איינגעשלאָפען מיט די שליסלען פון געפענגניס.

— זיי געבענשט צו אונזער גאָט, אָ, רחב! —האָט יהושע זיך אָפגערופען, נאָכדעם ווי זיינע הענט זיינען באפרייט געוואָרען פון די שווערע שטריק — איצ טזעה איך, אז ניט נאָר האָט דיך גאָט געבענשט מיט שעהנקייט און גוטס־קייט, נאָר ער האָט דיר אויך באשאָנקען מיט חכמה.

— מיר טאָרען דאָ איצט ניט ריידען. איהר וועט נאָכגעהן נאָך מיר און איך וועל אייך צופיהרען צו א געהיימען ארויסגאנג, פון וואנען איהר וועט

מיט זיכערקייט קענען ארויס פון שטאט און בשלום זיך אומקערן צו אייער לאגער.

איינהאלטענדיג זייערע אטעמס זיינען זיי ארויס פון געפענגניס. רחב האט די טירען ווידער פארשלאסען און מיט שטילע טריט האבען זיי זיך דערווייטערט פון געפענגניס.

ווען זיי זיינען ארויס און צוגעקומען צו א בערגעל, האט זיך רחב אפ־געשטעלט.

— דא וועל איך אייך פארלאזען — האט זי געזאגט. איהר וועט ארויפגעהן אויף דיזען בארג און וועט זיך אפווענדען צו לינקס. דארט וועט איהר דערזעהן א שמאלען שטעגעל. איהר זאלט געהן גלייך ביז וואנען איהר וועט צוקומען צו א קורצען וועלדעל. ווען איהר וועט ארויסקומען פון וועלדעל וועט איהר שוין זיין אויסער דער שטאדט חשבון.

— איך וויים ניט מיט וואס מיר וועלען דיר קענען דאנקבאר זיין — האט יהושע געדריקט רחב׳ס האנט.

— מיין דאנקבארקייט וועט זיין ווען איהר וועט זיין גצזיכערט מיט אייער לעבענס... איך וויים אז אייער גאט, דער גאט פון ישראל, וועט אייך ניט פארלאזען און וועט אייך פיהרען בשלום צו אייער האר משה׳ן און אייער גאט וועט איבערגעבען די שטאדט חשבון אין אייערע הענט.

— ווי א מלאך געשיקט פון גאט ביזטו אין אונזערע אויגען — האט יהושע געזאגט, באטראכטענדיג איהר שעהנעם פנים ביי דער ליכט פון דער לבנה — און עס וועט זיין ניט מעהר ווי רעכט, אז מיר זאלען קענען דיר אפטאן א טובה.

— ווען מיר וועלען צוקומען צו דער שטאדט און זי באלאגערען, וועלען מיר דארפען זעהן, אז דו און דיין משפחה זאלען גערעטעוועט ווערען.

— דאס גלויב איך וועט ניט זיין נויטיג — האט רחב געענטפערט — נאך איידער איהר וועט אנקומען וועל איך און מיין משפחה האבען פארלאזען די שטאדט חשבון, ווייל דער קרוינפרינץ וועט זיכער פריהער אדער שפעטער, אויסגעפינען אז איך האב אייך באפרייט, און דאן וועלען מיר שוין געוויס מעהר ניט קענען דא פארבלייבען.

— און וואוהין וועסטו געהן ? — האט יהושע געפרעגט.

— דאס האבען מיר נאך ניט באשטימט, אבער מעגליך, אז מיר וועלען אריבערגעהן דעם ירדן און זיך באזעצען דארט, ביז וואנען אייער גאט וועט אייך העלפען און איהר וועט איינגעמען דאס לאנד, דאן האף איך, אז איהר וועט אונז לאזען וואהנען צווישען אייך אין פרידען.

— מיר וועלען דיין חסד קיינמאל ניט פארגעסען — האט יהושע געזאגט

— און ווי שנעל דו וועסט אויסגעפינען אז מיר זיינען אנגעקומען וועסטו קענען צוקומען צו אונזער לאגער און מיר וועלען ערפילען אלע דיינע פארלאנגען... איך בין זיך מודה, רחב, אז אזא נאבעלע און איידעלע פרוי ווי דו ביזט האב איך ניט ערווארטעט צו געפינען אין דעם פאלק פון אמורי.

— און ווען איך האב דיר צום ערשטען מאל דערזעהן, האב איך געוואוסט אז דאס פאלק ישראל איז געבענשט.

— צו יעדער צייט קענסטו און דיין משפחה צוקומען צו אונזער לאגער. מיר וועלען אייך אויפנעמען מיט גרויס צופרידענהייט. משה און די איבעריגע

פון מיין פאלק װעלען אייך װילקאמען, נאכדעם װי מיר װעלען זיי איבערגעבען װאס דו האסט פאר אונז געטאן.

— זאל אייך אייער גאט שיקען זיין ברכה פון הימעל און איהר זאלט ער־רייכען אייער ציעל. איהר זאלט טאן צו אלע אייערע שונאים אזוי װי איהר האט געטאן צו די מצרים.

— איך האף, אז דער גרויזאמער קרוינפרינץ זאל זיין צארן אויף דיר ניט אויסגיסען און טאן שלעכטעס צו דיר, װען ער װעט אויסגעפינען אז דו האסט אונז באפרייט פון געפענגנים און מיט פרידען אהיים געשיקט.

— זיין נארישקייט איז אזוי גרויס װי זיין רשעות — האט רחב א שמייכעל געטאן, און איך האף אז מיר װעט געלינגען איהם צו פארדרעהען דעם קאפ װי איך האב עס געטאן היינטיגען אװענט. אבער איך מוז זיך צואיילען. איך װעל נאך באװייזען צוריקצולייגען די שליסלען אויף דעם זעלבען פלאץ פון װאנען איך האב זיי ארויסגענומען. יע, איך װעל עס טאן איידער ער כאפט זיך אויף פון זיין שלאף.

יהושע און עתניאל האבען איהר נאך אמאל באדאנקט און זיך מיט איהר געזעגענט. זיי האבען גענומען ארויסגעהן דעם בארג. רחב איז געשטאנען א װיילע און זיי באגלייט מיט איהרע אויגען ביז װאנען זיי האבען זיך שוין מעהר ניט געזעהן.

מיט שנעלע טריט האט רחב גענומען שפאנען צוריק צום פאלאץ. װען זי איז צוגעקומען גאנץ נאהענט, האט זי איהר פנים פארדעקט מיט איהר שלייער און זיך ארומגעקוקט אויב אימיצער פון די װעכטער באמערקט איהר ניט. זי איז געגאנגען דורך דעם הינטערשטען אריינגאנג ביז װאנען זי איז צוגעקומען צו דעם צימער, װאו דער קרוינפרינץ איז געשלאפען. אויף די שפיץ פינגער איז זי אריין אינװייניג און מיט גרויס פארזיכטיגקייט האט זי די שליסלען צוריק־געלעגט צוקאפענס פון דעם קרוינפרינץ און זי האט שנעל פארלאזען זיין צימער.

— נו, מיין טאכטער? האט גישון זי באגעגענט ביי דער טיר פון זיין הויז.

— מיין פלאן האט זיך מיר איינגעגעבען! — האט זי געזאגט מיט א שטראהלענדען פנים — די געפאנגענע זיינען פריי. איך האב זיי צוגעפירט צו דעם געהיימען ארויסגאנג און איצט זייגען זיי שוין געראטעװעט געװארען.

— ביזטו זיכער אז קיינער האט דיך ניט באמערקט? — האט גישון איהר געפרעגט.

— איך בין געװען גאנץ פארזיכטיג און מיר דוכט זיך, אז קיינער האט מיך ניט באמערקט, יעדענפאלס האף איך אז ניט.

— איך שטעל זיך פאר װאס דער קרוינפרינץ װעט זאגען װען ער װעט אויסגעפינען אז משה'ס שלוחים זיינען אנטלאפען געװארען פון געפענגנים — האט גישון געזאגט.

— ער װעט אויפשטעהן אין דער פריה און נעמען די שליסלען און ער װעט אליין אפשליסען די טירען און דא װעט ער פלוצלונג דערזעהן אז קיינער איז אין געפענגנים ניטא — האט רחב געלאכט — ער װעט ניט װיסען װי אזוי דאס איז געשעהן. די טירען װעלען דאך זיין פארשלאסען װען ער װעט דארט צוקו־מען, ערשט דאן װעט ער זיך װאונדערען װי אזוי דאס איז געשעהן.

— און מיר שרעקט מיין הארץ — האט גישון געזאגט — טאמער וועט ער פארשטעהן דיין גאנצען פלאן.

— דו שאצסט צופיעל אפ זיין קלוגשאפט, פאטער, — האט רחב געזאגט — איהם וועט קיינמאל ניט איינפאלען אזא זאך, סיידען אימיצער האט מיך באַמערקט... און ווען איהם דערציילען, ערשט דאן וועט ער מעגליך מיך אנפאנגען צו פארדעכטיגען. און מיך דוכט זיך אז מיר האט קיינער ניט געזעהן. יעדענפאלס וועל איך וויסען ווי צו שפילען מיין ראלע. איך וועל לייקענען אינגאנצען, און ער וועט קיינמאל ניט קענען האבען גענוג באווייזע געגען מיר.

— אבער מעגליך, אז ער וועט מיט דיר אפרעכענען צוליב זיין חשד —האט גישון געזאגט.

— דאן וועט צו מיין גליק קיין גרעסערע ניט זיין, פאטער — האט זי געזאגט — דו ווייסט דאך, אז איך פארהאס איהם. איך האב בלויז געטאן דיין ווילען מיט דעם וואס איך האב צוגעשטימט צו ווערען זיין פרוי.

— פארגעס ניט, אז סיהון איז שוין גאנץ אלט און עס וואלט לאנג ניט גענומען און דו וואלסט געווארען די קעניגין פון חשבון.

— איך גלויב, אז עס וועט שוין לאנג ניט נעמען און פון סיהון'ס גאנצער קעניגרייך וועט גארניט ווערען. א מלוכה געבויט אויף רשעות קען זיך לאנג ניט האלטען.

— איצט, מיין טאכטער, געה רוה זיך אפ — האט גישון געזאגט — און זאל גאט געבען, אז אלץ זאל זיך ענדיגען צום גוטען.

ווען דער קרוינפרינץ האט זיך אויפגעכאפט פון זיין שלאף איז שוין געווען גוט ליכטיג. ער האט זיך אויסגעגעניצט און אויסגעצויגען. נאכהער האט ער פון צוריקאפענס ארויסגענומען די שליסלען פון געפענגנים און ער האט זיי באַטראכט. א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף זיינע ליפען... באלד, באלד וועט ער אויפהענגען משה'ס שלוחים. עס איז א גוטע זאך, וואס ער האט די שליסלען געהאלטען ביי זיך. איצט איז ער זיכער, אז זיי זיינען דארטען פאראן. ער איז שוין געווען אומגעדולדיג. ער וואלט שוין וועלען זעהן זיי הענגען.

ער האט אריינגערופען איינע פון די דינסטען און געשיקט אנזאגען רחב'ן, אז ער איז געגרייט צו געהן אויפהענגען די שלוחים און זי קען שוין צוקומען.

רחב האט זיך שנעל אנגעטהאן און איז ארויסגעקומען און באגריסט דעם קרוינפרינץ מיט א ווארימען שמייכעל:

— איך בין געגרייט, מיין ליעבע רחב — האט ער אנגענומען איהר האנט — קום, לאמיר געהן צום געפענגנים...

— איך דאנק דיר זעהר וואס דו האסט נאך מיר געשיקט, איך וואלט זעהר ניט געוואלט פארלירען די געלעגענהייט צו זעהן ווי צוויי פון דיינע גרעסטע שונאים ווערען געהאנגען. איך בין זיכער אז פיעלע אנדערע פון דיינע פריינד פיהלען אויך אזוי. און דער קעניג אליין, וואלט ער דען ניט וועלען האבען דיזען פארגעניגען?

— מיין פאטער שלאפט נאך, — האט דער קרוינפרינץ געזאגט.

— וועלען מיר א ווייליע צוווארטען ביז וואנען דער קעניג וועט אויפ־

שטעהן. איך וואלט אויך געוואלט אז מיין פאטער זאל דערביי זיין! — האט רחב געזאגט.

— איך בין אבער אזוי אומגעדולדיג, איך וואלט שוין וועלען זעהן ווי זיי היינגען אויף דעם בוים.

— אזוי לאנג ווי דו האסט ביי זיך די שליסלען פון געפענגנים, האבען מיר דאך ניט וואס מורא צו האבען. לאמיר ווארטען נאך א קליינע ווײלע ביז וואנען דער קעניג און מיין פאטער און פיעלע אנדערע נייגעריגע וועלען האבען די געלעגענהייט בייצוואוינען זייער הינריכטונג.

— דו ביזט גערעכט, טהייערע רחב! — האט דער קרוינפרינץ אויסגערו־פען, — איך וועל דערפון מאכען א יום טוב איבער דער גאנצער שטאדט, איך וועל ארויסשיקען סאלדאטען מיט צימבאלען און פויקען און זיי וועלען געהן איבער די גאסען פון השבון און רופען אלע איינוואהנער פון שטאדט בייצו־וואהנען די הינריכטונג פון משה'ס צוויי שלוחים. יא, זאלען זיך אלע פרעהען און האבען א נקמה אין אונזערע שונאים.

— וועגען דעם האב איך גארניט געטראכט, — האט רחב א שמייכעל געטהאן, — דאס איז זעהר א גוטער איינפאל. זאלען אלע האבען דעם פארגע־ניגען. איך וועל דערווייל געהן אויפוועקען מיינע שוועסטער און ברידער און דאן וועלען מיר אלע צוזאמען קומען.

— ניין, רחב, איך וויל אז דו זאלסט מיט מיר געהן! — האט דער קרוינ־פרינץ געזאגט, — דו ווילסט דאך אז איך זאל דיר לאזען פארציהען די שטריק אויף אונזערע שונאים'ס העלזער.

— וועל איך זיי בלויז אנזאגען וועגען דעם, און זיך באלד צוריקקעהרען צו דיר.

רחב איז ארויס פון פאלאץ און דער קרוינפרינץ האט באלד געגעבען א באפעהל אז מען זאל לאזען וויסען איבער דער גאנצער שטאדט אז בייטאג ווען די זון וועט זיין אין מיטען הימעל וועט מען אויפהיינגען צוויי פון די גרעסטע שונאים פון לאנד. די הינריכטונג וועט פארקומען ניט ווייט פון דעם קעניג־ליכען פאלאץ.

ווען סיהון, דער קעניג פון אמורי, איז אויפגעשטאנען פון זיין שלאף, האט איהם דער קרוינפרינץ איבערגעגעבען וועגען זיין פלאן צונויפצורופען אלע איינוואהנער פון שטאדט.

דעם קעניג איז עס זעהר געפעלען געווארען.

— דאס איז א סימן אז אונזערע געטער וועלען אונז אויף ווייטער ניט פארלאזען. ערשט נעכטען האבען מיר געפייערט דעם יום טוב פון אונזער זיעג איבער מואב, און היינט וועלען מיר פייערען דעם אנפאנג זיעג פון אונזער מעהר געפעהרליכען שונא, ישראל... זאלען אונזערע געטער געבען אז אויך משה, דער פיהרער פון ישראל, זאל אין אונזערע הענד ארייננפאלען... און דאן וועט אונזער זיעג גרויס זיין.

— דו זעהסט, פאטער, איך האב קיינעם ניט געוואלט געטרויען די שליס־לען. לעצטע נאכט האב איך געהייסען ארייננפיהרען די צוויי געפאנגענע, איך האב זיי געוואלט אויספרעגען וועגען משה'ס געהיימניסע און ווען זיי האבען ניט גערעדט, האב איך זיי אביסעל אנגעפייניגט און זיי געהייסען צוריק פארשפא־

רעו אין געפענגנים. דאן האָב איך געהייסען די וועכטער זיי זאָלען די שליסלען מיר ברייננען. איך האָב קיינעם ניט געוואָלט אנפערטרויען מיט די שליסלען. די גאנצע נאכט האָב איך זיי געהאַט ביי זיך צוקאָפּענס און אפילו יעצט וועל איך קיינעם ניט אנפערטרויען ביז וואנען מיר וועלען זיין פארטיג זיי פון גע־פענגנים ארויסצונעהמען און אויפהייננען.

— דו האָסט ריכטיג געהאנדעלט, מיין זוהן! — האָט סיחון זיך אפּגע־רופען. — אין אזא פאָל דארף מען זעהר פארזיכטיג זיין. כאָטש די וועכטער פון געפענגנים זיינען זעהר געטריי און איבערגעבען, פון דעסטוועגען איז א סך בעסער אז דו האָסט די שליסלען געהאַלטען ביי זיך.

— אָ, זיי וועלען שוין פון מיר ניט אנטלויפען! — האָט דער קרוינפּרינץ געזאָגט מיט א שמייכעל, — זיי זיינען דאָך אויך געבונדען מיט זייערע הענד אויף הינטען, און איך האָב געזעהן אז מען זאָל זיי שוין בינדען זעהר שטאַרק.

* * *

ארום דעם פּאַלאַץ האָט זיך א גרויסער המון פארזאמעלט. יעדער האָט זיך געשטופּט וואָס נעהנטער כדי בעסער צו זעהן ווי אזוי מען הייננט די שלוחים פון משה׳ן. אלע האָבען געוואָרפען נייגעריגע בליקען אויף דעם קעניג, קרוינ־פרינץ און רחב׳ן, וועלכע זיינען געגאנגען פאַראויס.

די טויערען פון דעם הויף פון געפענגנים האָבען זיך ברייט געעפענט, און איידער דער קרוינפּרינץ איז אריין אויפעפענען די טיהרען פון געפענגנים, האָט ער זיך געווענדעט צו די פארזאמעלטע.

— מיר דארפען אלע דאנקבאר זיין צו אונזערע געטער פאר דעם וואָס אין אונזערע הענד זיינען אריינגעפאַלען צוויי מעכטיגע שונאים. איהר האָט דאָך אלע געוויס געהערט פון דעם פאָלק ישראל, וועלכעס איז ארויס פון מצרים, און דורכגעגאנגען דעם גאנצען מדבר כדי איינצונעהמען דאָס לאנד כנען. זייער פיהרער משה האָט געמיינט אז מיר וועלען איהם לאָזען דורכגעהן אונזער לאנד, און דאריבער האָט ער צו אונז געשיקט צוויי שטאַרקע שלוחים און זיי האָבען פערלאַנגט פון אונז ערלויבנים פאר דעם. און אייער קעניג, מיין פאָטער, האָט זיי געגעבען די ערלויבנים אויפגעהאנגען צו ווערען פאר אלעמען אין די אויגען. זאָל משה און זיין פאָלק וויסען אז מיר שרעקען זיך ניט פאר זיי.

א הילכיגער געלעכטער האָט אויסגעבראָכען צווישען המון, און געשרייען פון: "לאנג לעבען זאָל אונזער קעניג סיחון און זיין קרוינפּרינץ", האָבען אנגעפילט די לופט.

דער קרוינפּרינץ האָט באלד א וואונק געטהאָן צו די באוואפנעטע וועכטער און זיי זיינען איהם נאָכגעגאנגען. מיט געצויגענע שווערדען זיינען זיי גע־שטאנען נעבען קרוינפּרינץ, און ווי נאָר ער האָט אפּגעשלאָסען די טיהרען, האָבען די וועכטער זיי געעפענט, און מיט גרויס פארזיכטיגקייט אהין אריין.

רחב און דער קעניג זיינען געבליבען שטעהן פון דרויסען.

עטליכע פון די וועכטער האָבען מיט זיך געטראָגען פאקעלען פייער, צו בעלייכטען דעם געפענגנים. מיט שווערע טריט האָבען זיי גענומען געהן אינע־ווייניג. דער קרוינפּרינץ נאָך זיי.

— וואו זייט איהר? — האָט א וועכטער א געשריי געטהאָן נאָכדעם ווי ער האָט מיט זיינע אויגען א זוך געטהאָן אין אלע ווינקעלער פון געפענגנים.

ווען קיין ענטפער איז ניט געקומען, האט דער קרוינפרינץ א געשריי געטהאן:

— איהר פייגלינגע!... וואו בעהאלט איהר זיך?... דערפאר וועל איך אייער פלייש מיט שפיזען שטעכען... איהר וועט זיך גוט אנליידען איידער איהר וועט אויפגעהאנגען ווערען!...

מיט זיין שווערד אין איין האנד און א פאקעל פייער אין דער צווייטער האט זיך דער קרוינפרינץ געלאזט לויפען איבער דער ליינג און ברייט פון געפענגנים, און געשריען, געשטורעמט, געקריצט מיט די צייהן, אבער ער האט קיינעם ניט באמערקט.

— וואו זיינען די געפאנגענע! — האט דער קרוינפרינץ מיט א דונערנדע שטימע א געשריי געטהאן צו די וועכטער ווען זיי זיינען אריין אין געפענגנים.

א טויט־שרעק איז אויף די וועכטער אנגעפאלען. זיי זיינען ארומגעלאפען ווי פאר׳סם׳טע מיוז און מיט זייערע אויגען געזוכט אין יעדען ווינקעל.

— זיי זיינען ניטא! זיי זיינען ניטא! — האט דער קרוינפרינץ געשטורעמט! וואו זיינען זיי?! פרעג איך אייך...

א שטילקייט האט געהערשט אין געפענגנים. די וועכטער האבען געציטערט און דער קרוינפרינץ האט ניט אויפגעהערט צו שרייען.

זיינע געשרייען זיינען דערהערט געווארען אין דרויסען, און דער קעניג און רחב זיינען גלייך אריין אינעווייניג.

— וואס איז געשעהן, מיין זוהן? — האט סיחון אויסגערופען.

— די געפאנגענע זיינען אנטלאפען געווארען.

— אנטלאפען געווארען?! — האט דער קעניג און רחב מיט אמאל אויסגערופען, — ווי אזוי איז דאס מעגליך?

— זיי זיינען ניטא! איך האב יעדען ווינקעל אויסגעזוכט, און קיין שפור פון זיי איז ניט געבליבען.

— עס קען ניט זיין! — האט רחב זיך אפגערופען, — די שליסלען זיינען דאך די גאנצע צייט ביי דיר געווען!

— וואו זיינען די וועכטער פון געפענגנים! — האט דער קרוינפרינץ אויסגעשריען.

באלד זיינען צוגעקומען צו איהם די צוויי וועכטער. זייערע פנים׳ער זיינען געווען טויט־בלאס... זייערע קניע האבען זיך געבויגען פון שרעק... זיי האבען זיך פערנייגט פאר דעם קרוינפרינץ און געבליבען שטעהן, און יעדעס גליעד האט אין זיי געציטערט.

— האט איהר לעצטע נאכט צוריק אריינגעפיהרט די געפאנגענע אין געפענגנים?! — האט דער קרוינפרינץ מיט צארן געפרעגט.

— יא, מיין האר! — האבען ביידע מיט אמאל געענטפערט.

— און איהר האט די טהיר גוט פארשלאסען?

— געוויס! מיר האבען עטליכע מאל פרובירט די טיהרען צו זעהן אויב זיי זיינען גוט פארשלאסען.

— און וואו זיינען זיי?! — האט ער א פאך געטהאן מיט זיין שווערד.

— מיר ווייסען ניט! — האבען זיי זיך נאך מעהר געטרייסעלט.

— איהר זייט פאראנטווארטליך פאר זיי! — האט דער קרוינפרינץ געשריען. — איהר האט זיי ניט גוט געהיט!

— אבער, גנעדיגער קרוינפרינץ, — האט זיך א וועכטער אפגערופען, — מיר האבען די טיהרען פארשלאסען און די שליסלען צו אונזער הארר געבראכט. און אונזער הארר האט דאך אליין זיך איבערציינט אז די טיהרען זיינען געווען גוט פארשלאסען.

— אויב די געפאנגענע וועלען ניט געפונען ווערען, וועט איהר אנשטאט זיי געהאנגען ווערען! — האט דער קרוינפרינץ ניט אויפגעהערט צו שטורמען.

— אה, האב רחמנות אויף אונז, — זיינען זיי איהם געפאלען צו די פיס.

— מיר האבען אונזער פליכט געטהאן... מיר האבען זיי שטארק געבונדען און זיי פארשפארט אין געפענגניס און גלייך די שליסלען געבראכט צו דעם הארר... וואס האבען מיר מעהר געקענט טהאן?...

— און ווי אזוי זיינען זיי אנטלאפען? זיינען זיי דען דורכגעקראכען די שטיינערנע ווענט? עס איז דאך ניטא קיין אנדער ארויסגאנג?

— ביזטו זיכער אז דו האסט געהאט די שילסלען ביי זיך די גאנצע נאכט?

— האט דער קעניג איהם געפרעגט.

— געוויס! זיי זיינען געווען ביי מיר צוקאפענס...

— איך קען עס ניט פארשטעהן! — האט דער קעניג געקוועטשט מיט זיינע פלייצעס. אויב זיי זיינען געווען געבונדען און די טיהרען זיינען נאך געווען פארשלאסען, ווי אזוי איז עס גאר מעגליך אז זיי זאלען אנטלויפען?... פיעלייכט ליגען זיי ערגעץ אין א ווינקעל און שלאפען. אדער פיעלייכט האבען זיי זיך דא ערגעץ בעהאלטען?

— איך האב אויסגעזוכט יעדען ווינקעל און איך האב זיי ניט געפונען, — האט דער קרוינפרינץ געזאגט, און זיינע אויגען זיינען פול געווארען מיט טרעהרען, — איך מוז זיי געפינען! זיי מוזען היינט אויפגעהאנגען ווערען!

— איך האב געהערט דערצעהלען פון דורכרייזענדע, אז דער גאט פון ישראל טהוט זעהר פיעל נסים מיט זיין פאלק. ער האט אנגעשיקט אויף פרעה'ן, דעם קעניג פון מצרים, צעהן מכות, און די אידען באפרייט פון שקלאפעריי. נאכדעם האט זייער גאט געשפאלטען דעם ים און זיי זיינען אריבער אין דער טריקעניש, און נאך גרויסע וואונדער האב איך געהערט דערצעהלען פון זייער גאט און פון זיין קנעכט משה'ן... און יעצט איז מעגליך אז דער גאט פון ישראל האט מיט משה'ס צוויי שלוחים אויך געטהאן א נס, און זיי באפרייט פון געפענגניס.

— אה, ניין! — איז דער קרוינפרינץ געווארען עטוואס אויפגערעגט.

— ווי קען מען דען דאס אנדערש ערקלעהרען? — האט רחב געזאגט.

— אבער דורך וואנען האבען זיי דען געקענט ארויסגעהן, אז די טיהרען זיינען געווען צוגעשלאסען, און אין גאנצען געפענגנים איז ניטא קיין סימן פון אן עפענונג?...

— און ווי אזוי האט זייער גאט פארוואנדעלט די קלארע וואסער פון דעם טייך נילוס אין בלוט? אויב ער האט געטהאן אזוי פיעל אנדערע נסים, איז דאך מעגליך אז זייער גאט האט זיי אויך באפרייט.

— רחב, דו האסט שוין ווידער אנגעפאנגען צו ריידען וועגען דעם גאט

פון ישראל! דו ווייסט דאך, אז דורך דעם ווערן אונזערע געטער ערנידריגט!
— האט דער קרוינפרינץ נאך אלץ געזוכט מיט די אויגן די געפאנגענע.

— דו ווייסט דאך אז איך אליין בין געווען זעהר נייגעריג מען זאל דיזע צוויי מענשען הייגגען, אבער ווען איך האב אזא וואונדער געזעהן אז די צוויי געפאנגענע זיינען פארשוואונדען געווארען, ניט האבענדיג קיין מעגליכקייט זיך צו ריהרען פון ארט... האב איך מיין מיינונג געביטען און איך גיב צו אז זיי זיינען הייליגע מענשען.

— וואס וועלען מיר יעצט טהאן? — האט דער קרוינפרינץ זיך געווענדעט צו זיין פאטער — דער המון ווארט... מען האט דאך זיי געשיקט רופען, און יעצט וועט מען זיי דארפען ענטשולדיגען.

— דו האסט געמאכט אן איבעראיילטען שריט, מיין זוהן, אבער וואס פאר אן ערקלערונג ווטסטו יעצט געבען צו מיין פאלק?...

— איך וועל ארויסווארפען די זינד אויף די צוויי וועכטער פון געפענגנים, — האט דער קרוינפרינץ א זאג געטהאן מיט א נידריגער שטימע.

— ווי אזוי ווטסטו עס קענען טהאן ווען דו ווייסט אז זיי זיינען אומשולדיג?! — האט סיחון געפרעגט.

— איך בין נאך גאר ניט אזוי זיכער אז זיי זיינען אומשולדיג! — האט דער קרוינפרינץ זיך ארויסגערעדט.

— ווי אזוי קענען זיי זיין שולדיג אז די שלסלען זיינען ביי דיר געווען די גאנצע נאכט! זייער פאראנטווארטליכקייט האסטו אוועקגענומען אזוי שנעל ווי די האסט פון זיי פערלאנגט זיי זאלען די שליסלען דיר איבערגעבען! — האט רחב זיך אפגערופען.

— אבער וואס זאל איך דעם המון זאגען. הערסטו דען ניט זייערע געשרייען אין דרויסען, ווי אומגעדולדיג זיי ווארטען צו זעהן ווי אונזערע צוויי ערגסטע שונאים וועלען געהאנגען ווערען, און דא וועלען זיי דאך שטארק ענטטוישט ווערען... איך וועל מוזען באשולדיגען די וועכטער כדי צו בערוהיגען די אלע וועלכע האבען זיך פערזאמעלט, און איך וועל זייער שטראף אפלייגען ביז שפעטער, דאן וועט שוין דער צארן פון פאלק איינגעשטילט ווערען.

— ניין, איך וועל ניט דערלאזען אז דו זאלסט אויף די וועכטער ארויפווארפען די שולד! — האט רחב זיך איינגעשטעלט — דער אויפגערייצטער המון וועט זיי דאך אויף שטיקער צורייסען.

— אבער איטיצער מוז דאך זיין שולדיג! — האט דער קרוינפרינץ געשריען — עס איז דאך אונמעגליך געווען צו אנטלויפען. די טיהרען האב איך דאך געפינען פארשלאסען און קיין אנדער וועג ווי אזוי צו אנטלויפען איז דאך ניט געווען.

— אלעס איז מעגליך ביי זייער גאט! — האט רחב צוגעגעבען, — און דאריבער וואלט איך דעם קעניג געראטהען ער זאל גלייך אוועקשיקען צוויי שלוחים צו משה'ן און זיך ענטשולדיגען פאר וואס זיינע שלוחים זיינען אזוי שלעכט בעהאנדעלט געווארען, און אין דערזעלבער צייט איהם געבען די פערלאנגטע ערלויבניש דורכצוגעהן אונזער לאנד.

— ניין, דאס וועט קיינמאל ניט געשעהן! — האט דער קרוינפרינץ מיט כעס א זאג געטהאן צו רחב'ן, — מיר וועלען דאס קיינמאל ניט טהאן, מיר

וועלען ארויסגעהן מיט א שווערד געגען זיי און זיי אין גאנצען פארניכטען אידער זיי וועלען קענען באווייזען אריינצוגעהן אין כנען.

— אזוי וועט עס געשעהן ווי מיין זוהן זאגט, — האט סיחון צוגעגעבען, — איך וועל דעם פאלק פון ישראל ניט ערלויבען דורכצוגעהן מיין לאנד, אפילו ווען זייער גאט האט באוויזען א וואונדער און בעפרייט משה׳ס שלוחים, אבער דאס וואס דו ווילסט ארויפווארפען די שולד אויף די וועכטער, איז דער צייט ווען דו אליין ווייסט אז זיי זיינען אומשולדיג, איז רחב גערעכט, דאס דארפסטו ניט טהאן. דער המון וועט זיי זיכער ניט שווייגען.

— וואס זאל איך אבער טהאן? הערסטו דען ניט ווי אומגעדולדיג זיי זיינען.

— מען וועט זיי דארפען זאגען דעם אמת אז די שלוחים זיינען אנטלאפען, און יעדער זאל זיך געהן אהיים.

— איך קען נאך אלץ ניט גלויבען אז דאס איז געשעהן! — האט דער קרוינפרינץ געזאגט מיט ביטערקייט.

— און איך בין איבערראשט פון דעם... פאר מיר איז דאס א באוויז אז דער גאט פון ישראל איז מעכטיג און ער העלפט די וועלכע דינען צו איהם... איך ראטה דיר צו שיקען שלוחים צו משה׳ן.

דער קרוינפרינץ האט איהר גארנישט געענטפערט. ער איז נאכגעגאנגען זיין פאטער און מיט גרויס ענטטוישונג האבען זיי פארלאזען דאס געפענגניס.

ווען דער קעניג און זיין זוהן האבען זיך באוויזען פאר דעם המון, האט אויסגעבראכען א געשריי פון פרייד און יובעל. אלע האבען מיט גרויס נייגעריגקייט געווארפען זייערע בליקען צו דעם ארויסגאנג פון געפענגניס, צו זעהן ווי מען פיהרט ארויס די צוויי שלוחים צו הייגגען...

ווען דאס פאלק האט זיך איינגעשטילט, איז דער קעניג צוגעקומען עטוואס נעהנטער און אויסגערופען:

— מיט גרויס בעדויערען מוז איך אייך איבערגעבען אז די צוויי שלוחים פון משה׳ן זיינען אנטלאפען געווארען.

א טומעל און א געשריי האט אויסגעבראכען צווישען המון.

— ״מיר ווילען זיי הייגגען!״... זאל מען אונז ארויסגעבען די צוויי ישראלים!...

פיעלע האבען זיך א לאז געטהאן מיט שטורם אין דער ריכטונג פון געפענגנים, וואו דער קעניג און קרוינפרינץ זיינען געשטאנען.

סיחון האט א באפעהל געגעבען צו זיינע לייבוועכטער און סאלדאטען און זיי האבען זיך מיט בלויזע שווערדען געשטעלט נעבען אריינגאנג און קיינעם ניט צוגעלאזען.

דער קעניג האט א מאך געטהאן מיט זיין האנד, און באלד האבען זיך אלע איינגעשטילט.

— אויב איהר ווילט טהאן א גוטע דינסט צו אייער קעניג און צו אייער לאנד, וואלט איך אייך געראטהען אז אנשטאט צו שטעהן דא און שרייען, זאלט איהר זיך בעסער נעהמען נאכיאגען די אנטלאפענע און ווער עס וועט זיי צוריקברייגגען, יענער וועט באלוינט ווערען פון מיר.

דיזע רייד פון קעניג האבען זעהר שטארק געווירקט אויף אלעמען, און אין

איין אויגענבליק האָט זיך דער גאַנצער המון א לאַז געטהאָן אויף צוריק. יעדער האָט געהאַפט אז איהם וועט געלינגען צו פאַנגען די צוויי אנטלאָפענע שלוחים.

— נו, יעצט זעהסטו, מיין זוהן, אז מען דאַרף וויסען ווי אזוי צו ריידען צום פאָלק! ווען איך וואָלט צו זיי דאָס ניט געזאָגט, וואָלטען מיר געהאַט פיעלע שוועריגקייטען. ניט אזוי שנעל וואָלטען זיי אהיים געגאַנגען.

— פאַטער, איך האָב ווידער געראַטהען דעם קעניג און זיין קרוינפּרינץ אז מען זאָל שיקען שלוחים צו משה'ן און זיך ענטשולדיגען פאַר דער שלעכטער בעהאַנדלונג פון זיינע שלוחים, און אין דערזעלבער צייט ערלויבען זיי דורכ־צוגעהן אונזער לאַנד, אָבער מיינע רייד זיינען געפאַלען אויף טויבע אויערען. דער פאַטער מיט'ן זוהן זיינען ביידע אזוי פאַר'עקשן'ט אז זיי ווילען ניט זעהן די ווי קליכקייט... איך קען דייטליך זעהן ווי אזוי משה און דער העלדישער יהושע וועלען קומען מיט זייערע מחנות און פאַרוויסטען אונזער לאַנד... איך האָב מיין פליכט געטהאָן, איך האָב זיי געוואָרנט וועגען דעם. און יעצט אז זיי ווילען ניט הערען, איז פאַר אונז געבליבען איין וועג, און דאָס איז צו זיין גרייט צו פאַרלאָזען די שטאָדט חשבון.

— אָבער, מיין טאָכטער, וואוהין וועלען מיר געהן?

— וואוהין מיר זאָלען ניט געהן, וועט זיין פאַר אונז בעסער איידער צו פאַרניכטעט ווערען... עס איז דאָך קיין צווייפעל ניט אז משה וועט אין דעם ניט שווייגען... ער וועט קומען אהער מיט זיינע העלדען... און כאָטש מיר האָבען זיך פריינדליך בעגאַנגען מיט זיינע שלוחים, דו האָסט געזוכט צו פועל'ן מען זאָל זיי קיין שלעכטעס ניט טהאָן, איך האָב מיין לעבען אין געפאַהר געשטעלט זיי צו ראַטעווען, דאָך ווען זיי וועלען קומען מלחמה האַלטען מיט אונז, וועלען זיי דען האָבען די מעגליכקייט אונטערצושיידען ווער עס איז געווען זייער שונא און ווער זייער פריינד?!... זיי וועלען אַלעמען פאַרניכטען... און דעריבער איז מיין עצה אז מיר זאָלען פון דאַנען וואָס שנעלער אנטלויפען. פאַרוואָס זאָלען מיר ליידען צוליעב דעם קרוינפּרינץ'ס נאַרישע עקשנות?...

— איך ווייס ניט וואָס עס איז געוואָרען מיט מיין ברודער, — האָט גישון געזאָגט, — די לעצטע פאַר יאָהר טהוט ער אַלעס וואָס זיין קרוינפּרינץ בערלאַנגט. ער האַלט איהם פאַר דעם קליגסטען און ער נעהמט אָן אַלע זיינע עצות.

— אזוי האָט ער אויף דעם גאַנצען לאַנד אן אומגליק געבראַכט, — האָט רחב געזאָגט, — ער האָט זיך אַנגעפאַנגען מיט משה'ן און יהושע'ן, און יעצט וואָס וועט זיין? זיי וועלען אַנקומען מיט זייערע העלדישע מחנות און טהאָן צו אונז ווי זיי האָבען געטהאָן צו עמלק.

— פאַרגעס אָבער ניט, מיין טאָכטער, אז אויך מיר באַזיצען א שטאַרקע אַרמעע און פיעלייכט וועלען אונזערע זיי באַזיעגען.

— מיר וואונדערט זיך אויף דיר, פאַטער! — האָט רחב געענטפערט, — ווייסטו דען ניט אז דער גאָט פון ישראל איז מעכטיגער פון אַלע אַנדערע געטער און ער העלפט זיי אין אַלע זייערע מלחמות... עס טאָר ביי קיינעם פון אונז קיין צווייפעל ניט זיין אז זיי וועלען באַזיעגען אונזער גאַנצע אַרמעע און זיי וועלען נאָך פאַרוויסטען די שטאָדט חשבון.

—ווי אזוי וועלען מיר אבער קענען פארלאזען די שטאָדט אהן אן ער־קלעהרונג ?!...

— איך וועל אוועקגעהן צום קעניג און דעם קרוינפרינץ, און איך וועל זיי א צווייטען מאָל ווארענען וועגען דעם גרויסען געפאהר, און זיי ראטהען צו שליסען א בונד פון שלום מיט ישראל, און ווען זיי וועלען ניט וועלען צוהערען צו מיינע רייד, וועל איך זיי זאגען אז איך און מיין גאנצע משפחה וועלען פארלאזען די שטאָדט השבון.

— ניין, מיין טאָכטער, דאָס וועסטו ניט קענען טהאָן. מיין ברודער וועט מיך חושד זיין אז איך וויל מאכען אן אויפשטאנד געגען איהם און פון איהם די מלוכה אוועקנעהמען. אויב מיר וועלען בעשליסען צו פארלאזען השבון, ווע־לען מיר דאָס מוזען טהאָן אין געהיים, קיינער זאָל ניט וויסען, מיר וועלען אין מיטען דער נאכט דורכגעהן דורך דעם זעלבען פארבאָרגענעם וועג דורך וואנען דו האָסט אוועקגעשיקט יהושע'ן און זיין בעגלייטער.

—און מיר וועלען עס נאָך טהאָן היינט ביי נאכט ! — האָט רחב געזאָגט.

— גוט, מיר וועלען זיך דורכריידען מיט דיין מוטער און דיינע שוועסטער און ברידער, — האָט גישון באמערקט.

רחב איז געווען בעליעבט ביי איהר גאנצע משפחה. איהרע ברידער און שוועסטער האָבען מיט איהר שטארק געשטאָלצירט. זי איז געווען די שעהנסטע פון אלעמען, און דערצו איז זי נאָך געבענשט געווען מיט קלוגשאפט. און ווען עס איז בעקאַנט געוואָרען אז דער קרוינפרינץ וועט רחב'ן נעהמען פאר זיין פרוי, איז ביי אלעמען געוואָרען א גרויסע שמחה. זייער שוועסטער וועט נאָך ווערען די קעניגין פון לאנד, און דאריבער ווען רחב און איהר פאטער זיינען געקומען און זיי דערצעהלט וועגען דעם געהיימען פּלאן צו פארלאָזען ביינאכט די שטאָדט, זיינען זיי געוואָרען שטארק ענטטוישט. אבער ווען רחב האָט פאר אלעמען אלעס ערקלעהרט, האָבען זיי אלע איינגעזעהן אז זי איז גערעכט, אז דער איינציגער וועג זיך צו ראטעווען וועט זיין צו אנטלויפען בעצייטענס פון שטאָדט.

* * *

דער קרוינפרינץ איז ארומגעגאנגען דעם גאנצען טאָג פארביטערט. ער האָט זיך ניט געקענט בערוהיגען. ער האָט אלץ ניט געקענט פארשטעהן ווי אזוי די צוויי שלוחים האָבען געקענט אנטלויפען. ער האָט נאָך אמאָל געשיקט רופען אלע וועכטער פון פאלאץ און אויך די וועלכע זיינען געשטאנען נעבען דעם ארויסגאנג פון זיין צימער. ער האָט יערען פון זיי אויסגעפרעגט וואו זיי זיינען געווען און וואָס זיי האָבען געטהאָן.

נאכדעם ווי ער האָט אלעמען אויסגעפרעגט עטליכע מאָל, האָט ער באמערקט ווי אי נער פון די דיענער שטעהט פארטראכט און מיט א פארטרויערטען פנים.

—וואָס איז מיט דיר ? — האָט דער קרוינפרינץ זיך צו איהם געווענדעט.

— איך האָב עפּעס צו זאָגען, מיין האַרר, אבער איך ווייס ניט אויב איך האָב א רעכט דאָס צו טהאָן...

— וואָס מיינסטו ? דו מוזט מיר אלעס דערצעהלען וואָס דו ווייסט.

— איך האָב מורא, אז מיין האַרר וועט מיך בעשטראָפען פאר דעם וואָס איך וועל יעצט זאָגען, — האָט דער דיענער זיך אנגערופען.

— ווייסטו דען ווער עס האָט פאַראורזאַכט אז די שלוחים זאָלען אנטלויפען פון זייער געפענגנים?

— איך ווייס ניט, אָבער איך האָב א פאַרדאַכט, נאָר איך האָב מורא פיעלייכט מאַך איך א טעות און איך וועל שטאַרק בעשטראָפט ווערען פון דעם קרוינפּרינץ.

— איך פאַרשפּרעך דיר אז קיין בייז וועט דיר ניט געשעהן. זאָג מיר, וועמען פאַרדעכטיגסטו?

— ווען איך האָב נאָר וואָס געהערט אז מיין האַרר האָט געהאַט די שליסלען פון געפענגנים ביי זיך, האָב איך דאָס גענומען פאַרבינדען מיט עפּעס.

— מיט וואָס?

— מיט דעם וואָס איך האָב באַמערקט ווי רחב איז ארויס יענע נאַכט פון דעם קרוינפּרינץ׳ס צימער.

— אָ, דו אַלטער נאַר! — האָט זיך דער קרוינפּרינץ פאַנאַנדערגעלאַכט, — רחב האָט יענעם אָבענד מיט מיר פאַרבראַכט, און איידער איך בין געגאַנגען שלאָפען איז זי ארויס, דאַן האָב איך נאָר די שליסלען ביי זיך געהאַט, און ווען איך בין אויפגעשטאַנען האָב איך זיי געפונען אויף דעם זעלבען פּלאַץ וואו איך האָב זיי אוועקגעלייגט.

— אָבער, מיין האַרר — האָט דער דיענער געזאָגט, — איך בין יענע נאַכט געוועזען וואַך, איך האָב ארויסגעקוקט פון מיין פענסטער, און א קורצע ווילע נאָכדער ווי רחב האָט פאַרלאָזען מיין האַרר׳ס צימער, האָט זי זיך ווידער צוריקגעקעהרט. איך האָב גוט באַמערקט ווי זי איז געוועזען זעהר פאָרזיכטיג, און זיך ארומגעקוקט אויב מען באַמערקט איהר ניט.

— דו האָסט געמוזט חלום׳ן יועגען דעם! — האָט דער קרוינפּרינץ געזאָגט, — ווען רחב וואָלט זיך אומגעקעהרט א צווייטען מאָל וואָלט איך זיכער געהערט. דו מאַכסט א טעות... און זעה... שלאָג דיר ארויס פון דיינע געדאַנקען אזא פאַרדאַכט...

— איך האָב בעת מעשה גאַרניש געטראַכט וועגען דעם, אָבער יעצט ווען איך האָב דערהערט אז די צוויי פרעמדע זיינען אנטלאָפען געוואָרען איז דער צייט ווען די שליסלען זיינען געווען צוקאָפּענס פון דעם קרוינפּרינץ איז מיר דיזער געדאַנק אריינגעפאַלען... און וואָס מעהר איך האָב גענומען טראַכטען דערפון, האָב איך זיך מעהר דערמאָנט... יאָ, איך האָב זיך דערמאָנט אז ווען זי האָט פאַרלאָזען מיין האַר׳ס צימער צום צווייטען מאָל, איז זי מיט שנעלע טריט געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דעם געפענגנים.

דאָס בלוט האָט א זעץ געטהאָן דעם קרוינפּרינץ אין פּנים.

— מעגליך אז דו ביזט גערעכט, קום אריין צו מיין פאָטער און דערצעהל פאַר איהם אַלעס וואָס דו האָסט מיר נאָר וואָס דערצעהלט.

דער קרוינפּרינץ איז אריין מיט דעם דיענער צו דעם קעניג אין פּאַלאַץ, און נאָכדעם ווי דער דיענער האָט זיך דריי מאָל פאַרנייגט, האָט ער פאַר דעם קעניג דערצעהלט אַלעס וועגען זיין חשד.

—דו האָסט מיר ניט דערצעהלט, מיין זוהן, ווי דו און רחב האָבען פאַרבראַכט לעצטען אָווענט? האָסטו געטרונקען זעהר פיעל ווייז?

— יאָ, רחב האָט יעדע ווײַלע אָנגעפילט מיין בעכער וויין.

— און וועמעס פּלאַן איז עס געווען צו ברענגען די געפאנגענע?

— רחב האָט עס פאָרגעשלאָגען.

— און די שילסלען פון געפענגנים? האסטו אליין פארלאנגט אז די וועכ־טער זאָלען דיר איבערגעבען די שליסלען, אדער רחב האָט עס דיר געראטהען צו טהאָן?

דער קרוינפּרינץ האָט א ווײַלע א טראכט געטהאָן און באלד זיך אַנגערופען

— יא, עס איז אויך געווען איהר פּלאַן... זי האָט מיר געזאָגט, כדי צו זיין זיכער אז די שלוחים זאָלען פון געפענגנים ניט אנטלויפען זאָל איך האָבען ביי זיך די שליסלען איבער נאכט.

— אויב אזוי איז שוין ביי מיר קיין צווייפעל ניט אז רחב האָט די שלוחים באפרייט. יא, זי האָט דיך פאר׳שכור׳ט מיט וויין און נאכהער די שליסלען ארויסגענומען פון אונטער דיין צוקאָפּענס, און די שלוחים באפרייט, און נאכהער די שליסלען צוריקגעלייגט אויף דעם זעלבען פּלאַץ. יעצט איז שוין אלעס פאר־שטענדליך

— אָבער ווי אזוי האָט זי דאָס געקענט טהאָן. זי אליין איז דאָך געווען זעהר צופריעדען מען זאָל משה׳ס שלוחים אויפהייגגען.

— ביז ווי לאנג וועסטו נאָך זיין אזוי נאריש, מיין זוהן? !... רחב האָט דיך אָפּגענארט. ווען זי וואָלט גלייך ארויסגעוויזען איהר געגנערשאַפט צו דיין פּלאַן זיי אויפצוהייגגען וואָלט זי דאָך ניט געקענט דורכפיהרען איהר פּלאַן. יא, זי מוז פאר דעם באשטראָפט ווערען.

— אַ, ווי אזוי האָט זי געקענט טהאָן אזא זאך! — האָט דער קרוינפּרינץ געיאָמערט, — זי האָט גענומען און באפרייט מיינע שונאים. זי מוז פאר דעם מיט איהר לעבען בעצאָהלען!... איך בעט דיך, פאטער, שיק גלייך די לייב־וועכטער און זאָלען זיי רחב׳ן ברייגגען אהער. זי האָט פערראטהען איהר קעניג און איהר לאנד ווען זי האָט באפרייט די גרעסטע שונאים פון אונזער לאנד. דאָס פאָלק זאָל מאָרגען ווידער צוזאַמענגערופען ווערען און זאָלען זיי אליין איהר משפט׳ן... יא, מיך קימערט נישט אויב זיי וועלען איהר פארשטיינען... איך האָב זי פיינט געקראָגען... ווען דו וואָלסט מיר ערלויבט וואָלט איך געהייסען זי אויפהייגגען...

— עס וועט בעסער זיין אז דאָס פאָלק זאָל זי משפט׳ן און בעשטראָפען! — האָט סיחון געזאָגט — נאָך אלעמען דארפסטו ניט פארגעסען אז זי איז די טאָכטער פון מייז ברודער, און עס וועט ניט זיין אנגענעהם פאר מיר און אויך נישט פאר דיר צו פאר׳משפּט׳ן איהר צום טויט...

— אָבער... זאָל מען איהר גלייך ברייגגען אהער!... — האָט דער קרוינ־פּרינץ געזאָגט.

— דערווייל דארף מען וועגען דעם ניטריידען. יעצט איז שוין שפּעט. ווען מיר וועלען זי יעצט ברייגגען און מיין ברודער וועט זיך דערפון דערוויסען וואָס מיר ווילען טהאָן מיט איהר, וועט ער זיכער בעטען און וויינען פאר מיר איך זאָל זיין טאָכטער קיין שלעכטעס ניט טהאָן, דאריבער איז מיין עצה אז דו זאָלסט ווארטען ביז מאָרגען אין דער פריה, און דאַן וועט מען זי פּלוצלינג בריינ־גען צו מיר, און דערווייל וועסטו שיקען אנזאָגען אלע איינוואהנער זיי זאָלען

זיך פערזאַמלען ארום דעם פּאלאץ, ווי זיי האבען עס היינט געטהאָן, און מען וועט איבערגעבען די פאררעטהערין אין זייערע הענט.

— זאָלען די קללות פון אונזערע געטער פאלען אויף רחב'ס קאָפּ! — האט דער קרוינפּרינץ געקריצט מיט זיינע ציינער.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, — האָט סיחון געזאָגט צו זיין זוהן, — אז מיין ברודער האָט געוואוסט פון רחב'ס פּלאן צו בעפרייען די געפאנגענע, און ער האָט איהר ניט געשטערט.

— פארוואָס זאָל ער איהר שטערען, ווען ער אליין האָט אונז געראטהען צו באפרייען די שלוחים?!... געדענקסטו ניט ווי גישון האָט נעכטען ביים מאלצייט גערעדט גוטעס אויף משה'ס שלוחים, און רחב האָט אליין איהם גע־ענטפערט אז זי שטימט ניט איין מיט איהם, און אז זי גלויבט דאס זיי פאר־דיענען דעם טויט. יא, איך גלויב אז ניט נאָר האָט ער איהר ניט געשטערט, נאָר ער האָט נאָך איהר דערצו צוגערעדט. און איך גלויב אז אויך ער זאָל בעשטראָפט ווערען צוזאמען מיט זיין טאָכטער. דו האָסט בעדאַרפט הייסען זיי גלייך צו בעשטראָפען. שיק זיי רופען גלייך.

— ניין, מיין זוהן, — האָט סיחון איהם געענטפערט, — דו ווייסט דאך אז עס איז געווען א צייט ווען אלע האבען געמיינט אז גישון וועט פארנעהמען די מלוכה, און יעצט ווען איך וועל איהם גלייך בעשטראָפען, וועט מיין פאָלק מיינען: אז דאס האָב איך אויף איהם א בלבול געמאַכט כדי צו זיין זיכער מיט מיין קרוין. דאריבער וועט זיין א סך בעסער ווען מען וועט זיי פארברייגען פאר די אויגען פון גאנצען פאָלק. זאָל דער אויפגערעגטער המון זיי משפּט'ן. דאַן וועט קיינער ניט קענען זאָגען אז זיי זיינען אומשולדיגערהייט בעשטראָפט געוואָרען.

— ווען איך טראַכט פון דעם אז רחב איז געווען מיין כלה און אין גיכען וואָלט זי מיין פרוי געוואָרען, ווערט מיין פאַרדרוס נאָך גרעסער... איך האָב זי אזוי ליעב געהאט און זי האָט מיך בעטריגט... דער אומווירדיגער איד יהושע, האָט געפונען מעהר חן אין איהרע אויגען ווי איך... זי האָט איהר לעבען אין געפאהר געשטעלט און איהם און זיין באגלייטער געראטעוועט... אה, ווי שטארק איך האס זי פאר דעם... זי האָט מיך געמאכט צו שפּאָט און צו שאנדע אין די אויגען פון פאָלק.

— און מאָרגען וועט דאס פאָלק וויסען ווער זי איז! — האָט סיחון בע־רוהיגט דעם קרוינפּרינץ, — דאס וואָס וואָלט געדאַרפט געטהאָן ווערען צו משה'ס שלוחים וועט געטהאָן ווערען צו איהר און צו איהר פאָטער.

דריטער קאַפּיטעל

אין לאַגער פון ישראל

ווען יהושע און עתניאל זיינען אויסגעקליבען געוואָרען פון משה צו געהן צו סיחון, דעם קעניג פון אמורי, צו קריגען ערלויבניס דורכצוגעהן זיין לאנד, האָט יהושע מיטגענומען איינעם פון זיינע קנעכט, וועלכער האָט געזאָלט וואַרטען מיט די פערד אין א בעשטימטען פּלאַץ נעבען דער שטאָדט חשבון.

— יהושע האָט געוואוסט אז אין חשבון און אין די שכנים'שע לענדער זיינען ניטאָ קיין פערד, און דאריבער האָט ער בעשלאָסען, אז עס וואָלט געווען

בעסער דאס דער קעניג סיחון זאל ניט וויסען אז די אידען האבען פלינקע פערד, איידער זיי זיינען אריין אין חשבון האט ער מיט עתניאל׳ן ארונטערגעשטיגען פון די פערד און איבערגעלאזען דעם קנעכט ער זאל היטען די פערד ביז וואנען זיי וועלען זיך אומקעהרען.

— מיר וועלען זיך לאנג אין חשבון ניט זאמען, — האט יהושע געזאגט זיין קנעכט, — איידער די זון וועט פארגעהן וועלען מיר זיין צוריק. דו זאלסט אויף אונזווארטען ביז דעם אווענט.

— און וואט זאל איך טהאן ווען איהר וועט זיך אין אווענט אויך ניט האבען צוריקגעקעהרט? — האט דער קנעכט געפרעגט.

— ווען עס וועט ווערען גוט פינסטער, און דו וועסט זעהן אז מיר זיינען ניטא, זאלסטו פארשטעהן אז עפעס איז מיט אונז געשעהן אין חשבון, ווייל איך האב בעשלאסען דארט ניט איבערצונעכטיגען, און דאריבער זאלסטו מיט־נעהמען אונזערע פערד און זיך אומקעהרען צו משה׳ן און איהם זאגען אז מיר זיינען דארט פארהאלטען געווארען געגען אונזער ווילען.

דער קנעכט האט צוגעבונדען די פערד צו א בוים און אליין האט ער זיך געזעצט אויפ׳ן גראז ווארטען אויף דעם צוריקקעהר פון יהושע׳ן און עתניאל׳ן. ער האט לאנג געווארט. די זון האט גענומען פארגעהן, ער האט זיך אויפגע־שטעלט און א היבשע ווײלע געקוקט אין דער ריכטונג פון וואנען יהושע און עתניאל האבען געדארפט זיך צוריקקעהרען. עס איז געווארען טונקעל, באלד איז פינסטער געווארען, דער קנעכט איז אומרוהיג געווארען. ער האט ניט געוואוסט וואס ער זאל טהאן. זאל ער ווארטען אויף זיי אדער זאל ער פאלגען וואס יהושע האט איהם אנגעזאגט און זיך גלייך אומקעהרען צו משה׳ן?

ער האט בעשלאסען אז ער וועט ווארטען אויף זיי ביז וואנען עס וועט נעהמען טאגען, פיעלייכט האבען זיי פארלארען דעם וועג.

ווען עס איז ליכטיג געווארען, און דער קנעכט האט געזעהן אז זיי זיינען ניטא, האט ער זיך ארויפגעזעצט אויף זיין פערד און פיהרענדיג די צוויי אנדערע פערד האט ער זיך אומגעקעהרט אין לאגער צו משה׳ן.

— וואו איז דיין האר יהושע און עתניאל? — האט איהם משה געפרעגט.

דער קנעכט האט איבערגעגעבען משה׳ן יהושע׳ס רייד, און משה האט זיך אפגערופען:

— עפעס האט מיט זיי פאסירט אין חשבון. מיר דארפען זיין גרייט. זאל מען גלייך שיקען רופען כלב׳ן, דעם זוהן פון יפונה.

כלב (קאלייוו) איז געקומען, און משה האט זיך צו איהם אפגערופען:

— דער קעניג סיחון האט פערהאלטען יהושע׳ן און עתניאל׳ן. ווי עס ווייזט אויס וויל ער אונזער פערלאנג ניט ערפילען. דו וועסט פיהרען אונזער ארמעע אויף חשבון... מיר וועלען בעלאגערען די שטאדט און פאדערען ער זאל בעפרייען מיינע שלוחים.

בליץ שנעל איז פארשפרייט געווארען די נייעס אין דעם לאגער פון ישראל אז אן אומגליק האט פאסירט מיט יהושע׳ן און עתניאל׳ן. אומרוהיג איז דאס פאלק געווארען. יהושע איז געווען זייער ליעבלינג העלד. אלע האבען געוואוסט אז משה וועט איהם בעשטימען פאר דעם פיהרער פון ישראל, פאר זיין נאכ־פאלגער, און דאריבער האט דאס פאלק געציטערט ווען זיי האבען זיך דערוואוסט

אז יהושע און זיין בעגלייטער עתניאל האבען זיך נאך ניט צוריקגעקעהרט פון חשבון.

שטארק בעזארגט איז מען געווען אין כלב׳ס הויז, ווייל עתניאל איז געווען כלב׳ס איינגסטער ברודער, און זיין משפחה איז געווארען בעאומרוהיגט וועגען איהם.

מעהר פון אלעמען איז געווען צושראקען עכסה, כלב׳ס טאכטער. זי האט שטארק ליעב געהאט עתניאל׳ן און ער האט זי אויך זעהר ליעב געהאט. קיינער האט דערפון ניט געוואוסט, זיי האבען זייער ליעבע געהאלטען אין געהיים. עתניאל האט מורא געהאט אז זיין עלטערער ברודער כלב וועט ניט איינשטימען ער זאל איהם אפגעבען זיין טאכטער פאר א פרוי.

עכסה איז געווען זעהר יונג, קוים זיבעצעהן יאהר אלט. זי האט אלעמען בעצויבערט מיט איהר שעהנקייט.

כלב האט געהאפט ווען זי וועט עלטער ווערען וועט ער זי אפגעבען פאר א פרוי צו איינעם פון אהרן׳ס אייניקלעך. און ניט אייגמאל האט כלב איינגעלאדען פנחס׳ן, דעם זוהן פון אלעזר, דעם זוהן פון אהרן דעם כהן, צו זיך אין געצעלט. עכסה אבער האט שוין ליעב געהאט עתניאל׳ן, איהר קאזין, און האט דאריבער אויסגעמידען די געזעלשאפט פון אנדערע יונגע לייט.

יפונה, צדער ווי ער האט זיך גאנץ אפט גערופען אויף דעם נאמען פון דער משפחה קנז, האט זעהר ליעב געהאט זיין אייניקעל, עכסה, און ער האט אויך געהאפט אז צוליעב איהר אויסערגעוועהנליכער שעהנקייט וועט זיין משפחה זיך קענען פארבינדען מיט דער משפחה פון אהרן אדער פון משה׳ן. איהם איז נאר ניט איינגעפאלען אז זיין איינגסטער זוהן עתניאל איז פערליעבט אין עכסה׳ן.

— זיידע, אז אומגליק האט פאסירט מיט עתניאל׳ן! — איז עכסה אריינגעלאפען א צושראקענע אין יפונה׳ס געצעלט, — עתניאל האט זיך ניט אומגעקעהרט פון חשבון.

— אבער מיין קינד, עתניאל איז דאך אליין ניט געגאנגען! — האט יפונה געזאגט, — ער איז דאך געווען צוזאמען מיט יהושע׳ן, און יהושע האט זיך נאך אויך ניט צוריקגעקעהרט.

— אבער, עתניאל! וואו איז עתניאל!! — איז עכסה ארומגעלאפען איבער׳ן געצעלט מיט צושויבערטע האר און א טויט־בלאסען פנים.

— מעגליך אזביידע האבען זיך פארזאמט אין חשבון! — האט יפונה געזאגט. — עס איז דאך בלויז צוויי טעג זינט זיי זיינען אוועק פון לאגער, זיי װעלען געווים אנקומען שפעטער.

איך האב געהערט ווי משה האט גערעדט צו מיין פאטער און איך האב פון זייערע רייד פארשטאנגען אז מען האט עתניאל׳ן און יהושע׳ן פערהאלטען... און זיי זיינען געווען זעהר אומרוהיג וועגען זיי... א סימן האסטו, אז משה האט געהייסען מיין פאטער צונויפזאמלען אן ארמעע און געהן מלחמה האלטען מיט סיחון... אבער איך האב מורא אז דאס וועט נאך ערגער מאכען די לאגע. ווען דער קעניג פון סיחון וועט דערזעהן אז מיר קומען מלחמה האלטען מיט איהם וועט ער פיעלייכט טויטען עתניאל׳ן. א, זיידע, וואס קען איך טהאן? ווי אזוי קען מען העלפען עתניאל׳ן!

— גאט וועט זיי באשיצען! דו ווייסט דאך אז יהושע איז אויסערוועהלט

פון גאָט צו זיין משה'ס נאכפאָלגער, און ער וועט איהם אויסהיטען פון ביין און צוליעב יהושע'ס זכות וועט מיין אינגסטער זוהן אויך ניצול ווערען...

— אַ, מייז הארץ שרעקט מיר זעהר! — האָט עכסה אויסגערופען, — עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל פאר מיר א גוט וואָרט ריידען... איך בין זיכער, אז ווען דער קעניג פון סיחון וואָלט געקראָגען א קאָסטבארע מתנה וואָלט ער איהם באפרייט.

— אַבער, עכסה, דו רעדסט בלויז פון איהם, און דו פארגעסט אז מיט עתניאל'ן געפינט זיך אויך יהושע...

— אַרימער עתניאל! אַרימער עתניאל! — האָט עכסה געיאָמערט, ניט הערענדיג די רייד פון איהר זיידען.

זי איז שנעל ארויס פון יפונה'ס געצעלט און אוועק צו דעם געצעלט פון איהר פאטער. אַבער זי האָט איהם שוין דאָרטען ניט געטראָפען. כלב איז געווען אין לאַגער און צוגעגרייט די ארמיע אויף מלחמה מיט סיחון, דעם קעניג פון אמורי.

עכסה איז געבליבען שטעהן אין גרויס פארצווייפלונג. איהר הארץ איז איהר געוואָרען שווער. עתניאל, איהר ליעבער עתניאל איז אין גרויס סכנה, און אויב סיחון וועט אויסגעפינען אז מען געהט מלחמה האַלטען מיט איהם, קען ער נאָך פון כעס טויטען עתניאל'ן... ניין, זי וועט ניט דערלאָזען! זי מוז איהם ראטעווען איידער עס וועט ווערען שפּעט... זי האָט גלייך ארויסגענומען די ציערונג וואָס האָט בעלאַנגט צו איהר און איז ארויס פון געצעלט... זי האָט באמערקט איינער פון איהר פאטער'ס אייזלען און זי האָט זיך אויף איהם ארויפגעזעצט און איז שנעל אוועקגעריטען אין דער ריכטונג פון דעם טייך ארנון.. זי האָט זיך אומגעקוקט אויב מען באמערקט איהר ניט און זיך גענומען דערווייטערען פון דעם לאַגער.

א היבשע ווייל'ע האָט זי אזוי געריטען, ביז וואנען זי איז צוגעקומען צום טייך ארנון. ביים ברעג טייך האָט זי באמערקט איניגע פרויען וואשענדיג קליידער, זי איז צו זיי צוגעריטען און זיי געפרעגט וואו די שטאָדט חשבון געפינט זיך.

— די שטאָדט חשבון ליגט אויף דער צווייטער זייט טייך, א היבשער מהלך פון דאנען. ווען דו וועסט אריבערגעהן דעם טייך, וועסטו ערשט דארפען ארויפ־קלעטערען אויף א בארג און דערנאָך וועסטו דארפען דורכגעהן א קליינעם וועלדעל ביז דו וועסט צוקומען צום בארג אויף וועלכען די שטאָדט חשבון ליגט.

— און וואָס פאר א מענשען זיינען פאראַן אין דער שטאָדט חשבון? — האָט עכסה זיי ווייטער געפרעגט, — זיינען זיי גוטע אָדער שלעכטע?

די פרויען האָבען איהר אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— מיר קענען ניט די מענשען פון חשבון, — האָבען די פרויען איהר געענטפערט, — אַבער אויב דו ביזט ניט פון חשבון, ווי אזוי וואגסטו אליין אהין צו געהן, בפרט נאָך אזא שעהנע, יונגע מיידעל ווי דו ביזט.

— איך בעט אייך, זאָגט מיר, ווי אזוי וועל איך קענען אריבערגעהן דעם טייך? — האָט עכסה זיי געפרעגט.

— ווען דו וועסט אפּגעהן א הונדערט איילען צו דרום צו, וועסטו קומען

צו א פלאץ פון טייך וואו דאס וואסער איז זעהר פלאך, און דארט וועסטו גאנץ גרינג קענען אריבערגעהן דעם טייך.

עכסה האט זיי בעדאנקט און אוועקגעריטען צו יענעם פלאץ. און זי האט גאנץ גרינג אריבערגעריטען דעם טייך ארנון... גאנץ שווער איז איהר אנגעקומען ארויפצוקלעטערען דעם בארג. דער אייזעל האט זיך איינגעשפארט און ניט גע־וואלט געהן. זי איז פון איהם ארונטער און איהם ארויפגעפיהרט אויף דעם שפיץ בארג. דארטען איז זי א ווײלע געבליבען שטעהן און זיך אפגערוהט. נאכהער האט זי זיך פארנומען צום וואלד. ווען זי האט אפגעריטען א קליינע שטרעקע אין וואלד, האט זי פון ווייטען דערהערט שטימען. איהר הארץ האט איהר גענומען קלאפען פון שרעק. זי איז איינע אליין און ווער ווייס וואס די מענשען ווילען מיט איהר טהאן. זי האט פארקירעוועט איהר אייזעל און גע־נומען רייטען צוריק צום ארויסגאנג פון וואלד.

זיי גרויס איז איהר שרעק געווען, ווען ארויסקוקענדיג פון וואלד האט זי באמערקט דריי מענשען, שטעהענדיג אויף דעם שפיץ בארג און קוקענדיג מיט זוכענדע אויגען אין אלע זייטען.

עכסה האט געוואלט אפטרעטען אן א זייט, אבער די פרעמדע מענשען האבען איהר באמערקט און איידער זי האט באוויזען אוועקצורייטען, זיינען זיי שוין געשטאנען נעבען איהר.

— זאג אונז, דו פרעמדע, האסטו פיעלייכט באמערקט צוויי מענשען? — האט איינער פון זיי איהר געפרעגט.

— איך האב זיי ניט באמערקט, אבער ווען איך בין געווען אין דיזען וועלדעל האט זיך צו מיינע אויערען דערטראגען א שטימע פון צוויי מענשען.

— דאס זיינען געוויס אונזערע ברידער, וועלכע זוכען אויך די צוויי מענ־שען! — האט מען איהר געזאגט.

— אבער וועמען זוכט איהר? — האט עכסה זיך געפאסט מוטה און גע־פרעגט.

— צוויי מענשען פון ישראל זיינען נעכטען געקומען אין אונזער שטאדט חשבון, און דער קעניג האט בעשטימט מען זאל זיי ביידען אויפהיינגען.

— אויפהיינגען! — האט עכסה אויפגעציטערט, — פארוואס קומט זיי היינגען.

— ווייל זיי זיינען געשיקט געווארען פון משה'ן און פערלאנגט אז מיר זאלען זיי ערלויבען דורכצוגעהן אונזער לאנד...

— אבער מען האט זיי ניט געהאנגען! — האט זי אויסגערופען, און זי האט זיך גענומען טרייסלען פון שרעק.

— זאג אונז, ווער ביזטו?! — האט איינער פון די דריי איהר געפרעגט.

— הם... איך בין... איך געפין זיך אויף דער צווייטער זייט טייך, — האט עכסה גענומען שטאמלען.

די דריי מענשען האבען זיך שטילערהייט דורכגערעדט.

— זי שיינט צו זיין גאר פון א פרעמד פאלק.

— עפעס קוקט זי מיר אויס צו זיין פארדעכטיגט.

— זי איז דאך וואונדער־שעהן. ניין, צווישען די טעכטער פון די ארומיגע פעלקער איז אזא שעהנהייט ניט צו זעהן.

— די איינציגע וועלכע קען זיך פארגלייכען מיט איהר שעהנקייט איז רחב, אונזער קרוינפרינץ'ס כלה! — האט נאָך איינער א זאָג געטהאָן.

— איך בעט אייך, זאָגט מיר, האט מען די צוויי מענשען ניט געהאנגען?
— האט עכסה זיך ניט געקענט באהערשען ניט ארויסצוצייגען צופיעל נייגעריגקייט.

— דו הערסט דאָך, אז מיר זוכען זיי ארום... זיי זיינען אנטלאָפען פון געפענגניס... טאָ ווי אזוי האט מען זיי געקענט אויפהיינגען?

— מען האט זיי ניט געהאנגען! — האט עכסה אויסגערופען, און איהרע אויגען האבען גענומען לייכטען פון פרייד.

— פון דיין נייגעריגקייט קען מען זעהן אז דו ווייסט ווער די צוויי מענשען זיינען! — האט איינער זיך אפגערופען צו עכסה'ן.

— אָה, ניין, איך ווייס ניט ווענען וועמען איהר האט גערעדט, — האט זיך עכסה פארכאפּט.

— אָבער דו שיינסט צו זיין העכסט צופרידען וואָס יענע מענשען זיינען ניט געהאנגען געוואָרען!

— יאָ, הם... איך האב ניט ליעב אז מען הייננגט מענשען... — האט עכסה פּרובירט שמייכלען.

— און וואוהין געהסטו עס יעצט? — האט איינער איהר געפרעגט.

— איך געה... איך בין געגאנגען בעטראכטען דיזען וואונדערבארען פּלאַץ.

— דו וועסט מיט אונז געהן נאָך השבון! — האט נאָך איינער א זאָג געטהאָן.

— אָה, ניין, איך בעט אייך, לאָזט מיר געהן אהיים, מיינע עלטערען וועלען זיין שטארק בעזאָרגט.

— זאָג אונז וואו דיינע עלטערען געפינען זיך, און איינער פון אונז וועט אהין אוועקגעהן זיך איבערצייגען אויב דו זאָגסט אמת, און דאן וועלען מיר דיך אהיים בעגלייטען. אויב דו ביזט ווירקליך א טאָכטער פון יענעם פאָלק, וועלען מיר דיר קיין שלעכטעס ניט טהאָן. זאָג אונז ווי איז דיין נאָמען און דער נאָמען פון דיין פאָטער?

עכסה איז געבליבען אין גרויס פארלעגענהייט... איהר פּנים איז באדעקט געוואָרען מיט רויטקייט... זי האט גענומען שטאמלען און קיין ענטפער ניט געגעבען אויף זייער פראגע.

באלד האבען זיך פון וויטען באוויזען נאָך עטליכע מענשען פון השבון. זיי האבען זיי צוגערופען און ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָהענט, האָבען זיי גלייך געפרעגט ווער די יונגע שעהנע מיידעל איז.

— מיר זיינען געשטאנען אויף דעם בארג און געזוכט די צוויי אנטלאָפענע און דאַ באמערקען מיר אָט דיזע יונגע מיידעל נאָר וואָס ארויסקומענדיג פון וואלד.

— און ווער איז זי?

— מיר ווייסען נאָך אלץ ניט, אָבער מיר זיינען חושד אז זי שטאמט פון ישראל.

— אָה, ניין, ניין, איך שטאם ניט פון ישראל, איך קום פון עמלק! — האט עכסה פּרובירט פארלייקענען.

— די עמלקים זיינען גאנץ ווייט פון דאנען ! — האט איינער איהר גע־ענטפערט. — אויסער דעם ווייס איך אז צווישען די טעכטער פון עמלק זיינען אזעלכע שעהנהייטען ניטא !

— איך בין זיכער אז זי איז פון דעם פאלק ישראל, — האט איינער פון די נאר וואס אנגעקומענע אויסגערופען, — מיין עצה איז, אז מיר זאלען איהר ברייגנען אין חשבון צום קעניג אין פאלאץ... מעגליך אז דורך איהר וועלען מיר זיך דערוויסען וואוהין די צוויי געפאנגענע שלוחים זיינען אהינגעקומען.

— איך בעט אייך, לאזט מיך געהן אהיים. איך בין ניט פון ישראל, — האט עכסה זיך ביי זיי געבעטען.

— ניין ! אויב מיר קענען ניט געפינען משה׳ס צוויי שלוחים, וועלען מיר אם ווייניגסטען דיך ברייגנען צום קעניג.

— און מעגליך אז די אנדערע האבען שוין לאנג געפונען די געפאנגענע און זיי געבראכט פאר דעם קעניג... אונזערע ברידער האבען זיך דאך צושפרייט איבער דעם גאנצען געגענד.

— לאמיר זיך צואיילען, אויב זיי זיינען געפונען געווארען וועט מען זיי זיכער באלד הייגנען און מיר וועלען עס אפילו ניט צוזעהן... קום מיט אונז, וועלען זיך דיינע אויגען אנזעטיגען מיט דער וואונדערבארער ערשיינונג ווי מען היינגט צוויי מענשען פון דיין פאלק ישראל.

— איך בין ניט פון ישראל ! — האט עכסה ווידער פרובירט פארלייקענען.

— פאר דעם קעניג וועסטו שוין דעם אמת דערצעהלען ! — האט איינעם זי א נעהם געטהאן פאר דער האנד, — געה ארונטער פון דיין אייזעל, און קום מיט אונז. ווייל עס ווערט שוין טונקעל און מיר וועלען דארפען דורכגעהן דעם וואלד אין דער פינסטער.

מיט טרעהרען אין די אויגען האט זיך עכסה ביי זיי געבעטען, און ווען זיי האבען זי ניט געוואלט אפלאזען, האט זי זיי פארגעשלאגען אוועקצוגעבען איהר .אנצע ציערונג.

— דאס וועט בעלאנגען אויך צו אונזער קעניג ! איהם וועסטו אפגעבען די ציערונג.

— געלויבט זיינען די געטער, — האט זיך אן עלטערער מאן אפגערופען, — מיר קעהרען זיך צוריק ניט מיט ליידיגען... לאמיר האפען אז משה׳ס שלוחים זיינען געפונען געווארען... אבער אויב ניט, וועלען מיר אם ווייניגסטען ברייגנען א מיידעל פון ישראל און מיר וועלען זעהן וואס דער קעניג וועט מיט איהר טהאן.

— דער קרוינפרינץ וועט זי אפגעבען צו רחב׳ן פאר איהר דינסט.

— מעגליך אז דער קעניג אליין וועט זי נעהמען פאר זיין קעבס־ווייב.

עכסה׳ס געוויינען און געבעטען האבען ניט געהאלפען. די מענשען פון חשבון האבען זי געצוואונגען ארונטערצונידערען פון אייזעל און זיי זיינען מיט איהר אוועקגעאנגען אין חשבון.

ווען די עטליכע מענשען זיינען אנגעקומען מיט עכסה׳ן אין חשבון, איז שוין געוועזן נאכט. זיי האבען גלייך אויסגעפונען אז די שלוחים פון משה׳ן זיינען ניט געפונען געווארען. און ווען זיי זיינען געקומען צו דעם הויפט פון שטאדט און איהם געפרעגט וואס צו טהאן מיט דער געפאנגענער, וועלכע זיי זיינען

חושד אז זי שטאמט פון ישראל, האט ער זיי געראטהען זי צו ברייננען אין פאלאץ צום קעניג.

— ווער דען ניט זיין צו שפעט? — האט איינער פון זיי געפרעגט דעם הויפט פון שטאדט.

— דער קעניג און דער קרוינפרינץ וועלען זיין וואך ביז שפעט, — האט דער הויפט געזאגט, — זיי ווייסען שוין ווער ס׳איז שולדיג אין דער בעפרייאונג פון משה׳ס שלוחים און דער קעניג האט אנגעזאגט, אז ווי נאר עס וועט טאג ווערען זאל איך שיקען אנזאגען אלע איינוואוינער פון שטאדט, זיי זאלען זיך פארזאמלען ארום דעם קעניגליכען פאלאץ, און זיי וועלען משפט׳ן די שולדיגע און זיי בעשטראפען.

— און ווער זיינען אין דעם שולדיג, די וועכטער?

— ניין, ניט די וועכטער!

— אבער ווער זיינען זיי? . . .

— דעם קעניג׳ס באפעהל איז ניט צו ענטדעקען צו קיינעם ביז דעם פריהמארגען. אבער איך בין זיכער, אז ווען איהר וועט זי ברייננען פאר דעם קעניג און דעם קרוינפרינץ וועט מען אייך פיעלייכט נאך היינט דאס אויסזאגען.

עכסה איז געווען מיעד און צושראקען. זי האט זיך ארומגעזעהן אז זי האט זיך בענארישט וואס זי האט אליין געוואגט זיך אונטערצונעהמען אזא זאך. יעצט הערט זי דאך אז איהר געליעבטער עתניאל און יהושע זיינען אנטלאפען. זיי מוזען שוין געווים זיין אין לאנגער ביי דיזער צייט, און ווען זיי וועלען זי דארט ניט געפינען וועלען זיי ניט וויסען וואס צו קלעהרען... זי האט אויך איינגעזעהן אז עס איז אן אונזינן פאר איהר צו פארלייקענען אז זי שטאמט פון ישראל. זי האט דאריבער בעשלאסען צו זאגען דעם אמת צום קעניג און איהם בעטען ער זאל אויף איהר רחמנות האבען און זי צוריקשיקען צו איהרע עלטערען.

ווען איהרע פאנגער האבען זי געבראכט צום פאלאץ, האט איינער פון זיי געהייסען דעם לייב־וועכטער מעלדען דעם קעניג אז זיי האבען עפעס וויכטיגעס דעם קעניג איבערצוגעבען.

דער קעניג האט זיי גלייך געהייסען אריינקומען אינעווייניג אין פאלאץ.

דער קעניג איז געזעסען אויף זיין טראהן, נעבען איהם איז געזעסען דער קרוינפרינץ און א פאר יועצים און האבען גערעדט וועגען רחב׳ן און נאכט איהר ערוואַרטעט דעם קומענדען פריה־מארגען פאר איהר פארראטה, ווען עכסה איז בעגלייטונג פון איהרע פינף פאנגער זיינען אריין.

זיי האבען זיך פארנייגט פאר דעם קעניג און קרוינפרינץ און צוגעפיהרט עכסה׳ן עטוואס נעהנטער.

— מיר זיינען נעגאנגען זוכען די אנטלאפענע צוויי שלוחים פון משה׳ן, — האט איינער פון זיי געזאגט, — און דא האבען מיר דערזעהן דיזע יונגע מיידעל וועלכע ווי עס ווייזט אוים, שטאמט פון ישראל, מיר האבען איהר געטראפען ארויסקומענדיג פון דעם וואלד וואס איז ניט ווייט פון דער שטאדט יהיץ, און מיר האבען בעשלאסען צו נעהמען זי געפאנגען און ברייננען זי פאר דעם קעניג.

דער קרוינפרינץ האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ, און ביי דער ליכט פון די פאקעלן האט ער בעטראכט די שעהנע עכסה׳ן.

עכסה איז געשטאנען און געציטערט פון שרעק. איהרע לאנגע האר זיינען

געווען צושויבערט, איהרע אויגען האָבען געגלאַנצט, און איהר פּנים האָט גע־פלאַמט. דאָס אַלעס האָט איהר נאָך צוגעגעבען מעהר חן און רייץ.

דער קרוינפּרינץ האָט אַ ווײַלע דורכגעדרונגען עכסה׳ן מיט זיינע בליקען, איהר שעהנקייט האָט איהם אַזוי בעצויבערט אַז ער איז געשטאַנען צוגעשמידט צו זיין פּלאַץ און ער האָט אַפילו ניט געהערט וואָס די מענשען, איהרע פאַנגער האָבען דערצעהלט וועגען איהר.

— ווער ביזטו, און פון וואַנען קומסטו? — האָט סיחון זיך צו איהר גע־ווענדעט.

עכסה איז געבליבען שטעהן צושראָקען און צוטומעלט, און ניט געענטפערט.

— פאַרוואָס ענטפערסטו ניט! ווי איז דיין נאָמען? — האָט זיך דער קעניג בייזער געטהאָן.

אנשטאַט אַן ענטפער האָט עכסה פאַרשטעלט איהר פּנים מיט איהרע הענד און זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— פאַטער, זי איז זעהר דערשראָקען, זאָל זי קומען אַביסעל צו זיך, און זי וועט אונז אַלעס דערצעהלען! — האָט דער קרוינפּרינץ געזאָגט, און אָננעה־מענדיג זי פאַר איהר האַנד, האָט ער זי צוגעפיהרט צו אַ שטול און איהר גע־האָלפען זיך זעצען.

— בערוהיג זיך, דו שעהנע בלום! — האָט דער קרוינפּרינץ צו איהר געזאָגט אין דער שטיל, — קיין שלעכטעס וועט צו דיר ניט געשעהן.

זיינע צאַרטע רייד האָבען אויף איהר געווירקט, און זי האָט אויפגעהערט צו כליפּען.

— דו ביזט געווים הונגעריג, — האָט דער קרוינפּרינץ געזאָגט, — זאָל מען שנעל ברייננגען עטוואָס שפּייז פאַר איהר, האָט ער באַפוילען.

דעם קרוינפּרינץ׳ס באַפעהל איז שנעל דורכגעפיהרט געוואָרען. מען האָט געבראַכט זעהר פיעל שפּייז אויף אַ טאַץ און דאָס דערלאַנגט צו איהר.

— איך קען ניט עסען — האָט עכסה זיך אָפּגערופען מיט בעטענדע אויגען.

— ביזטו דען ניט הונגעריג? ווי איך פאַרשטעה האָסטו דאָך דעם גאַנצען טאָג ניט געגעסען.

— אָבער איך טאָר אַזעלכע שפּייז ניט עסען! — האָט עכסה געזאָגט, — אונזער תורה פאַרבאָט שפּייזען וואָס זיינען ניט צוגעגרייט לויט דעם פאַרזאָג פון אונזער תורה.

— אויב אַזוי, ביזטו דאָך איינע פון ישראל! — האָט דער קרוינפּרינץ געזאָגט.

עכסה האָט געשוויגען.

— דו דאַרפסט ניט מורא האָבען. מיך קימערט ניט פון וואַנען דו שטאַמסט, איך בין זיכער אַז אַזאַ ווי דו וואָס בעזיצסט אַזאַ וואונדער־שעהנעם פּנים מיט אַזעלכע מילדע אויגען, וועט ניט זיין פעהיג מיך צו פעררעטהען, אַזוי ווי עס האָט געטהאָן מיין כלה רחב! נעהמט אַוועק דיזע שפּייז און ברייננגט איהר שפּייז וואָס זאָל באַשטעהן פון ברויט, פרוכט און גרינסען! — האָט ער באַפוילען.

באַלד האָבען די דיענער געבראַכט אַנדערע שפּייז און עכסה, זייענדיג שטאַרק הונגעריג, האָט זיך קוים צוגעכאַפּט צום עסען.

דער קרוינפּרינץ איז צוגעגאַנגען צום קעניג און געזאָגט:

— פאטער, האסטו באמערקט ווי וואונדער־שעהן און רייצענד דיזע מיידעל איז?

— אבער דו ווייסט דאך אז זי שטאמט פון ישראל, אונזערע שונאים.

— זעהסטו דאך אז כאטש רחב איז געווען דיין ברודער'ס טאכטער, פון דעסטוועגען האט זי אונז אלעמען אזוי פערראטהען. ניין, פאטער, עס איז ניט קיין אונטערשיעד פון וואנען זי שטאמט. זי האט געפונען חן אין מיינע אויגען גלייך ווי איך האב זי דערזעהן, און איך בין זיכער אז ווען איך וועל זי מאכען פאר מיין פרוי. וועט זי מיך ליעבען און זיין מעהר געטריי ווי רחב. גלויבט איז אונזער גאט, מלכם, וואס ער האט מיר גלייך צוגעשיקט א צווייטע וואס וועט פארנעהמען רחב'ס פלאץ.

— מיין זוהן, דו מאכסט א געפעהרליכען שריט! — האט דער קעניג זיך אפגערופען, — ווייסטו דען נישט אז ישראל איז אונזער געפעהרליכסטער שונא, און אויב זי וועט פארבלייבען אין פאלאץ, וועט זי פאראורזאכען פיעלע צרות.

— אבער, פאטער, מיר וועלען דאך מלחמה האלטען מיט ישראל און זיי אלעמען פארניכטען. יא, מיר וועלען ניט איבערלאזען קיין איין לעבעדיגע נפש פון זיי, דאן וועט זי דאך בלייבען אליין, זי וועט ניט האבען זיך צו ווענען צו ווענדען און זי וועט מוזען מיר בלייבען געטריי.

— דו מוזט אבער וויסען, אז אונזער בעשלוס ארויסצוגעהן אויף מלחמה מיט ישראל טאר ניט געענדערט ווערען. און ווען איך וועל זעהן אז די געפאנגענע זוכט צו ווירקען אויף דיר צו מאכען שלום מיט די מענשען פון איהר פאלק, דאן וועל איך ניט דערלאזען זי זאל דיין פרוי ווערען.

— איך שווער דיר ביי דעם גאט מלכם און ביי די אנדערע געטער, אז איך וועל ארויסגעהן מיט דער גאנצער ארמעע מלחמה האלטען מיט די אידען. פארגעס ניט, ליעבער פאטער, פאר מיר וועט דאך זיין פיעל בעסער ווען דאס גאנצע פאלק ישראל וועט אפגעווישט ווערען פון אונטער די הימלען. דאן וועל איך דאך זיין נאך זיכערער מיט איהר.

— האט זי דיר שוין געזאגט ווי איהר נאמען איז? — האט דער קעניג געפרעגט.

— איך האב איהר צופיעל ניט געוואלט באלעסטיגען. יעצט אז זי האט געשטילט איהר הונגער, וועל איך שוין קענען מיט איהר ריידען.

די פינף מענשען זיינען נאך אלץ געשטאנען נעבען קעניג און געווארט. זיי זיינען געווען זעהר נייגעריג צו וויסען ווער עס איז שולדיג אין דער בע־פרייאונג פון משה'ס שלוחים.

— איך בעדאנק אייך זעהר פאר אייער טרייהייט וואס איהר האט מיר ארויסגעוויזען! — האט זיך דער קעניג צו זיי געווענדעט, ווען דער קרוינפרינץ איז צוגעגאנגען צו עכסה'ן. — דערפאר וועט אייער באלוינונג זיין, די ערשטע דורכצופיהרען דעם אורטייל וואס דאס פאלק וועט ארויסגעבען איבער די שולדיגע.

— און ווער זיינען די שולדיגע? — האט איינער געוואגט צו פרעגען דעם קעניג.

— רחב און איהר פאטער! — האט דער קעניג געענטפערט, — רחב האט, לויט דעם ראטה פון איהר פאטער ארויסגע'גנב'עט די שליסלען פון גע־

פעננגים, און באפרייט יהושע'ן און עתניאל'ן, און דאריבער וועלען זיי מארגען גאנץ פריה גע'משפט ווערען ביי דעם גאנצען פאלק.

דעם קעניג'ס לעצטע ווערטער האבען אויך דערגרייכט די אויערען פון עכסה, וועלכע האט מיט דעם קרוינפרינץ זיך דערנעהנטערט צום טראהן.

— ווער איז דאס יהושע און עתניאל? — האט עכסה שטילערהייט גע־פרעגט דעם קרוינפרינץ.

— דיביידע זיינען דאך די געפאנגענע וועמען רחב האט באפרייט פון געפענגנים, — האט ער איהר געענטפערט.

— און ווער איז דאס רחב? — האט זי איהם ווייטער געפרעגט.

— רחב איז געווען מיין כלה. אבער מארגען וועט זי אויפגעהאנגען ווערען פאר דעם וואס זי האט מיך אנגע'שכור'ט און פון אונטען מיין צוקאפענס די שליסלען פון געפענגנים ארויסגע'גנב'עט און זיי באפרייט. יא, זי וועט איהר שטראף באקומען. זי ווייס נאך ניט אז מיר ווייסען אז זי האט דיזען פארברע־כען בעגאנגען. זי שלאפט רוהיג דיזע נאכט, און ווען זי וועט אויפשטעהן מארגען גאנץ פריה, וועט זי זעהן וואס דאס פאלק וועט מיט איהר טהאן...

— אבער פארוואס זאל רחב וועלען טהאן אזא זאך, — האט עכסה ווייטער געפרעגט, — זי האט דאך די צוויי מענשען ניט געקענט.

— איך בין זי חושד אז זי האט זיך גלייך פארליעבט אין איינעם פון זיי, און דאריבער האט זי מיך פערראטהען, — האט דער קרוינפרינץ געזאגט, — און די וועלכע פערראטה מיך קען מעהר ניט לעבען.

— מעגליך אז דאס האט זי געטהאן צוליעב דעם וואס זי איז גוט־הערציג און זי האט ניט געקענט צוזעהן ווי מען וויל בעשטראפען צוויי אומשולדיגע מענשען, — האט עכסה געזאגט. — איך בעט דיך, בעזין זיך גוט איידער דו געהסט בעשטראפען דיין כלה... עס איז דאך אונמעגליך אז דו זאלסט יעצט אזוי שטארק פארהאסען די וועלכע דו האסט אזוי שטארק געליעבט... מעגליך אז דו וועסט איהר נאך פארגעבען איהרע זינד און דו וועסט איהר צוריק ליעב בעקומען.

— דאס וועט קיינמאל ניט געשעהן! — האט דער קרוינפרינץ געזאגט, — זי האט מיך פארשעהמט פאר די אויגען פון מיין פאלק, זי האט מיך צום נארען געמאכט, און זי וועט דערפאר מיט איהר לעבען בעצאהלען... דו וועסט פאר־נעהמען איהר פלאץ, מיין גאט מלכם האט דיך צו מיר געשיקט אנשטאט רחב'ן.

— אה, ניין, מיין הארר! דו מיזט מיך צוריקשיקען צו מיינע עלטערען. איך וועל דיר דיין חסד קיינמאל ניט פארגעסען. איך האב פארלארען מיין וועג און מען האט מיך אהער געבראכט. מיין פאטער און מוטער וועלען זיין בע־זארגט.

— דו וועסט מוזען בלייבען מיט מיר. איך וועל אזא צערטליכע שעהנע בלום ניט ארויסלאזען פון מיינע הענד... זעהסטו דען ניט, אז עס איז מיר אזוי באשערט פון די געטער... דו ביזט צו מיר געבראכט געווארען אין דער ריכטיגער צייט. מארגען אין דער פריה וועט יענע וועלכע האט מיך פערראטען, געהאנגען ווערען פאר די אויגען פון מיין גאנצען פאלק וואס וועט זיך גאנץ פריה צונויפזאמלען און משפט'ן רחב'ן און איהר פאטער.

— אויב דו האסט מיך ווירקליך ליעב, בעט איך דיר, שיק מיך אפ צו

מיינע עלטערען אין לאגער און ווען זיי וועלען צושטימען וועל איך פרייוויליג צו דיר קומען און וועל געהערען צו דיר.

— איך וועל זיך שוין מעהר ניט לאזען נארען! — האט דער קרוינפרינץ געזאגט, — רחב האט מיך אפגענארט און זי וועט פאר דעם מיט איהר לעבען בעצאהלען... אבער איך וועל ניט דערלאזען אז דו זאלסט מיך אויך נארען...

— דו ווייסט דאך ווי טהייער מיינע עלטערען זיינען ביי מיר, און ווי אזוי וועל איך זיין גליקליך, ווען איך וועל זיי ניט לאזען וויסען וואו איך געפין זיך! — האט עכסה זיך ווידער פאנאנדערגעווינט.

— אבער דו ווייסט דאך אז די מענשען פון דיין פאלק זיינען אונזערע שונאים און מיר וועלען באלד ארויס מלחמה האלטען מיט זיי...

— משה האט דאך געשיקט שלוחים פון פריעדען צו דעם קעניג סיחון. פארוואס זאלסטו אונז פארדעכענען פאר דיינע שונאים?

— ווייסטו דען ניט אז משה פערלאנגט פון מיין פאטער ער זאל ערלויבען זיין פאלק דורכצוגעהן אונזער לאנד?

— און פארוואס זאל דיין פאטער די ערלויבנים ניט געבען? זיי וואלטען דאך זיכער קיין שאדען ניט פאראורזאכט. ווי איך ווייס, האט משה פארזיכערט אז אלעס וועט געקויפט ווערען פאר געלד אין דיין לאנד!

— פון וואנען ווייסטו עס אלעס?

— איך האב געהערט ווי משה האט אנגעזאגט די שלוחים, — האט עכסה זיך ארויסגערעדט.

— דאן קענסטו די שלוחים! פארוואס האסטו מיר פריהער ניט געזאגט אז דו קענסט זיי?

— נו, יעצט זעהסטו שוין אז דו קענסט מיר ניט טרויען. פארוואס זאלסטו מיר פערהאלטען? איך בין זיכער אז דיין כלה רחב האט יעצט שטארק חרטה אויף איהר טהאט און זי וועט דיך בעטען דו זאלסט איהר פארצייהען. דאן וועט איהר ביידע גליקליך זיין.

— ווען דיין פאלק וועט ווערען אפגעווישט פון אונטער די הימלען, דאן וועסטו מיר שוין מוזען פארבלייבען געטריי! — האט דער קרוינפרינץ געזאגט מיט א שמייכעל.

— וואס?! — האט עכסה ארויסגערופען מיט שרעק, — דו וועסט ארויס מלחמה האלטען געגען מיין פאלק?

— יא, מיר וועלען ארויס געגען דעם פאלק ישראל מיט א שווערד, און זיי אלעמען פארניכטען, דו וועסט זיין די איינציגע וואס וועט בלייבען לעבען, און ווען דו וועסט מיין פארלאנג טהאן, וועל איך זעהן צו ראטעווען דיין פאטער און מוטער ווען זיי וועלען געבראכט ווערען אין אונזער הויפטשטאדט חשבון. און ווען זיי וועלען געפינען חן אין די אויגען פון מיין פאטער, וועט ער זיי אויך ברייגגען אין פאלאץ, און דיין פאטער וועט ווערען א בעאמטער ביי מיר.

עכסה איז געזעסען מיט איהר קאפ געבויגען. טרויעריגע געדאנקען האבען איהר בעאומרוהיגט... וואס האט זי געטהאן? עתניאל מוז שוין געווים זיין אין לאגער. יעצט וועלען אלע זיין בעזארגט וועגען איהר. קיינער וועט ניט וויסען וואו זי איז אהינגעקומען... זי ווייס אז עס איז געווען זעהר לייכטזיניג פון איהר זייט צו מאכען אזא געפעהרליכען שריט און קיינעם דערפון ניט זאגען... אבער

וואָס האָט זי געקענט טהאָן? ווי אַזוי האָט זי געקענט רוהען ווען זי האָט דערהערט אַז איהר עתניאל, איהר געליעבטער, איז אַ געפאַנגענער ביי דעם קעניג סיחון... זי האָט דאָך ניט געקענט דערלאָזען אַז מען זאָל איהם שלעכטעס טהאָן... זי האָט געמיינט אַז מיט די ציערונג וואָס זי וועט איבערגעבען דעם קעניג וועט זי איהר געליעבטען ראַטעווען... און יעצט איז זי אַליין אריינגעפאַלען... איהר לאַגע איז נאָך מעהר טרויעריג. וואָס וועט זי קענען יעצט טהאָן, און ווי אַזוי וועט זי זיך קענען בעפרייען פון זיינע הענד? ווען אם וויינינגסטענס איהר פאָטער אָדער עתניאל וואָלטען דערפון געוואוסט, וואָלטען זיי געמאַכט אַ פאַרזוך איהר צו קומען צו הילף. יעצט וועלען זיי געוויס איהר זוכען ערגעץ אַנדערש און דערוויילע וועט סיחון, דער קעניג פון אמורי, זיך צוגרייטען צו אַ מלחמה... און ווער קען פאַראויסזאָגען ווי דער אויסגאַנג וועט זיין?... אַ געדאַנק איז פּלוצלינג איינגעפאַלען עכסה'ן, אַז זי וועט דאַרפען זעהן פּועל'ן ביי דעם קרוינפּרינץ ער זאָל שיקען אַ שליח אַנצוזאָגען איהר פאָטער וואו זי געפינט זיך... דאָס וואָלט פאַר אַלעמען געווען אַ טובה...

— יואָס ביזטו אַזוי פאַרטראַכט? — האָט דער קרוינפּרינץ זי געפרעגט. עכסה האָט געשוויגען.

ער איז צוגעגאַנגען נעהנטער צו איהר און אַנגעמעהנדיג זי ביי דער האַנד האָט ער צערטליך אַ זאָג געטהאָן:

— דו האָסט נאָך אפילו מיר ניט געזאָגט דיין נאָמען. זאָג מיר, דו שעהנסטע פון אַלע טעכטער, ווי רופט מען דיך?

— רוף מיך אונגליקליכע! — האָט זי טרויעריג געענטפערט.

— ניין! יעצט האָרפסטו זיך פיהלען גליקליך. איך וועל דיר נעהמען פאַר מיין פרוי. ווייסטו דען ניט אַז איך בין מיין פאָטער'ס איינציגער יורש... איך בין זיין קרוינפּרינץ, און מיין פאָטער איז שוין מעהר ניט יונג... נאָך זיין טויט וועל איך פאַרנעהמען דעם טראָהן... אַלע מיידלעך פון לאַנד וועלען דיך מקנא זיין, און דו זאָגסט מיר, אַז דו ביזט אומגליקליך!

— איך פיהל זיך אומגליקליך, ווייל איך ווייס אַז מיינע עלטערען זיינען וועגען מיר באַזאָרגט... מיין מוטער וועט זיכער קראַנק ווערען ווען זי וועט ניט וויסען וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט.

— האָב איך דאָך דיר פאַרגעשלאָגען צו ראַטעווען דיין פאָטער און מוטער. זיי וועלען קענען בלייבען אין חשבון.

— אָבער ווי אַזוי וועסטו זיי קענען ראַטעווען? אין דער צייט פון דער מלחמה וועסטו דאָך ניט וויסען ווי אונטערצושיידען, און דו וועסט געוויס אויך זיי טויטען?

— וועל איך שיקען אַ שליח אין דעם לאַגער פון דיינע ברידער און ער וועט זיי אין געהיים איבערגעבען אַז דו געפינסט זיך מיט מיר און זיי זאָלען פאַרלאָזען דעם לאַגער און קומען אַהער.

— דיזער פּלאַן געפעלט מיר! — האָט עכסה געזאָגט, — שיק אַ שליח צו זיי וואָס שנעלער. זאָלען זיי אם וויינינגסטען וויסען אַז איך לעב און געפין זיך אין דיין רשות.

— יעצט זאָג מיר דיין נאָמען און דעם נאָמען פון דיין פאָטער, כדי מיין שליח זאָל וויסען צו וועמען ער זאָל זיך ווענדען.

— מיין נאמען איז עכסה, און מיין פאטער'ס נאמען איז כלב, דער זוהן פון יפונה, — האָט זי געענטפערט, — איך בעט דיך, שיק נאָך היינט ביינאכט אימיצען, ווייל מיין מוטער וועט עס זיכער ניט אריבערטראָגען.

— ניין, יעצט איז שוין צו שפּעט! — האָט דער קרוינפּרינץ זיך אָנגערופען, — איך וועל מוזען ווארטען ביז מאָרגען. פריהער וועל איך דארפען זעהן ווי אזוי רחב וועט הינגעריכטעט ווערען. ערשט דאַן, וועל איך מוזען קריגען מיין פאטער'ס ערלויבניכ דערצו... פארשטעהסטו מיך, עכסה, אז איך האָב צוגעשוואָרען פאר מיין פּאטער אז מיין ליעבע צו דיר וועט מיך ניט אפּהאלטען ארויסצוגעהן מיט אונזער ארמעע מלחמה צו האלטען מיט די אידען. און יעצט אז איך וועל דארפען שיקען א געהיימען שליח צו דיין פּאטער אין דעם לאגער פון אונזער שונא, וועט מיין פאטער דארפען דערצו צושטימען.

— פיעלייכט וועט ער דיר יעצט געבען די ערלויבניש, — האָט עכסה נאָך אמאָל פּרובירט בעטען.

— מיין פאטער איז יעצט אוועק זיך אויסרוהען, און איך וועל איהם ניט קענען שטערען ביז מאָרגען. און דעריבער ראטה איך דיר, עכסה, דו זאלסט זיך בערוהיגען. איך וועל הייסען די דינסטען פאר דיר צוגרייטען א צימער וואו דו וועסט זיך קענען אויסרוהען, און מאָרגען אין־דער־פריה וועסטו בייוואוהנען די הינריכטונג פון רחב'ן, און ערשט דאן ווען מיין פאטער וועט בעשטימען ווען מיר זאָלען ארויס אויף א מלחמה מיט דיינע ברידער, וועל איך פערלאנגען ער זאָל פריהער שיקען א שליח צו דיינע עלטערען.

באלד האָט דער קרוינפּרינץ געשיקט רופען צוויי דינסטען, און ער האט זיי אָנגעזאָגט זיי זאָלען צוגרייטען א צימער מיט א בעט פאר עכסה'ן, וועלכע וועט פארנעהמען רחב'ס פּלאַץ.

מיט וואקלענדע טריט איז רחב נאָכגעגאנגען די דינסטען, וועלכע האָבען זי אריינגעפיהרט אין א צימער. און ווען די דינסטען האָבען דעם צימער פארלאָזען, האָט זיך עכסה ביטער פאנאנדערגעוויינט.

אין דער צייט וואָס עס איז בעשלאָסען געוואָרען ביי סיחון און זיין קרוינפּרינץ איבערצוגעבען רחב'ן און גישון'ען, איהר פאטער, אז דאָס פאָלק זאָל זיי משפּט'ן, האָט רחב געפּלאַנעוועט ווי אזוי צו אנטלויפען פון חשבון. זי האָט נאָר ניט פארדעכטיגט אז דער קעניג און דער קרוינפּרינץ ווייסען דאָס זי האָט באפרייט די געפאנגענע. דאָך האָט איהר דאָס הארץ געזאָגט, אז זי און איהר משפּחה מוזען וואָס פריהער פארלאָזען חשבון... ווייל אויסער דעם וואָס ס'איז פאראן א סכנה אז משה וועט מיט זיין ארמעע ארומרינגלען חשבון, וועט זיך געוויס דער קעניג און זיין קרוינפּרינץ פריהער אָדער שפּעטער דערוויסען אז זי האָט באפרייט די שלוחים, און דאן וועט איהר שטראָף זיין גרויס.

רחב האָט איהרע געדאנקען איבערגעגעבען איהר פאטער און צו די איבריגע פון איהר משפחה, און עס איז ביי אלעמען באשלאָסען געוואָרען אז זיי מוזען פארלאָזען חשבון דיזעלבע נאכט.

— זאָלען די פוהרען זיין געשפּאַנט צו די אייזלען, און מיר וועלען צוזאמענעהמען אלעס וואָס נאָר מעגליך, — האָט רחב געזאָגט, — און ביינאכט ווען אלע וועלען זיין פארזונקען אין טיעפען שלאָף וועלען מיר פארלאָזען חשבון.

מיני פיבערהאפטער שנעלקייט האבען זיך אלע אין גישון'ס הויז גענומען גרייטען צו פארלאזען די שטאָדט.

רחב האָט ארויסגעשיקט צוויי פון איהרע אינגערע ברידער זיי זאָלען זעהן אויב קיינער געפינט זיך ניט אין דרויסען. און אליין האָט זי געהאָלפען באַקען און ארויסטראָגען די וויכטיגע חפצים פון הויז.

די נאכט איז געווען א פינסטערע. געדיכטע וואָלקענס האָבען פארשטעלט די שיין פון דער לבנה. גישון'ס גאנצע משפחה זיינען שוין געזעסען אין די פוהרען. רחב האָט פאַראויסגעריטען אויף אן אייזעל און זיי געפיהרט דורך דעם זעלבען וועג אויף וועלכען זי האָט געפיהרט יהושע'ן און עתניאל'ן.

זיי זיינען צוגעקומען צו דעם בערגעל, און רחב האָט געוואוסט אז עס וועט אוממעגליך זיין פאר די אייזלען ארויפצוקלעטערען דעם בארג, דאריבער האָט זי אלעמען געהייסען געהען אַרום. ווען זיי זיינען שוין געווען אפּגעגאַנגען העלפט וועג, האָבען זיי פון ווייטען באמערקט פאקעלן מיט פייער.

— מיר זיינען פארלאָרען! — האָט גישון אויסגערופען, — געווים האָט זיך דער קעניג דערוואוסט אז מיר זיינען אנטלאָפען געוואָרען, און יעצט האָט ער געשיקט זיינע מענשען אונז נאכצויאָגען און אונז צוריקקעהרען צו איהם.

— אויב עס וואָלט אזוי געווען ווי דו זאָגסט, פאטער, וואָלטען די מענשען ניט אָנגעקומען פון דיזער ריכטונג, — האָט רחב איהם בארוהיגט, — דאָס זיינען געווים איינוגע מענשען וועלכע האָבען זיך ארויסגעלאָזען זוכען די צוויי שלוחים, און יעצט קעהרען זיי זיך אום מיט ליידיגען.

— אָבער אזוי שפּעט? — האָט גישון זיך געוואונדערט.

— מעגליך אז זיי האָבען פארלאָרען דעם וועג. יעדענפאלס וועט זיין גליי־בער פאר אונז אז זיי זאָלען אונז ניט באמערקען. לאָמיר זיך דאָ אָפּשטעלען הינטער די בוימער און וואַרטען ביז וואנען זיי וועלען אונז פארבייגעהן. די פאקעלן וואָס בעלייכטען זיי וועלען אוממעגליך מאכען פאר זיי אונז צו באמערקען.

רחב און איהר משפּחה מיט די אייזלען האָבען זיך אוועקגעשטעלט הינטער די בוימער און וואַרטען ביז וואנען די אנקומענדע וועלען פארבייגעהן.

מיט קלאַפּענדע הערצער זיינען זיי געשטאַנען און געוואַרט. פון די גע־שפּרעכען וואָס עס האָט זיך צו זיי דערטראָגען אין דער שטילקייט פון דער נאכט, האָבען זיי געזעהן אז רחב האָט רעכט. זיי זיינען טאַקע געווען פאר־שפּעטיגטע נאָכיאָגער.

ווען זיי האָבען זיך שוין מעהר ניט געזעהן, האָט רחב און איהר משפּחה פאָרטגעזעצט זייער רייזע ביז וואנען זיי זיינען ארויס פון דער שטאָדט. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום טייך יבוק האָט שוין אָנגעפאַנגען צו טאָגען. דער הימעל אין מזרח האָט זיך איינגעהילט אין א רויטען פלאַם.

— יעצט זיינען מיר שוין אויסער געפאַהר, — האָט רחב אויסגערופען מיט א לייכטען געמיטה, — קיינעם פון זיי וועט ניט איינפאלען אז מיר האָבען זיך פארנומען דורך דיזען וועג... מיר וועלען זיך דאָ אביסעל אָפּרוהען און צובייסען נאכהער וועלען מיר אריבערגעהן דעם טייך יבוק. דער טייך איז ניט טיעף און דאָס וואסער גרייכט קוים ביז איבער די קניע.

א היבשע ווײלע נאכדעם ווי רחב האָט פאַרלאָזען יהושע'ן און עתניאל'ן

אנצייגענדיג זיי דעם געהיימען וועג, האבען זיי פון גרויס ערשטוינונג און איבער־ראשונג קיין ווארט צווישען זיך ניט גערעדט. ווען זיי זיינען ארונטער דעם בארג און זיך פארנומען לינקס ווי רחב האט זיי אנגעזאגט, האבען זיי באמערקט דאס וועלדעל.

— זאלען מיר יעצט דורכגעהן דאס וועלדעל? — האט עתניאל גע־פרעגט יהושע׳ן.

— געוויס, וואס שנעלער מיר וועלען זיך דערווייטערען פון חשבון אלץ זיכערער וועלען אונזערע לעבענס זיין! — האט יהושע איהם געענטפערט, — א חוץ דעם האט דאך רחב אונז געזאגט אז דאס וועלדעל איז גאנץ קליין.

— מיר האבען אבער ביי זיך קיין וואפען ניט... ווער ווייסט, פיעלייכט וועט אונז א חיה באפאלען! — האט עתניאל ווייטער געזאגט.

— מיר וועלען אפברעכען א פאר דיקע צווייגען פון די ביימער און דאמיט וועלען מיר זיך בעשיצען געגען די חיות, אויב עס וועט נויטיג זיין, — האט יהושע געענטפערט.

ביידע האבען אפגעבראכען צווייגען און האבען פארטגעזעצט זייער וועג.

— יעצט זיינען מיר שוין אויסער דער שטאדט חשבון! — האט יהושע געזאגט, — אבער דאך געפינען מיר זיך אין די גרעניצען פון סיחון׳ס לאנד.

— ווען מיר וואלטען געקענט יעצט צוקומען צו דעם פלאץ וואו דער קנעכט געפינט זיך מיט אונזערע פערד, — האט עתניאל א זאג געטהאן.

— דו ווייסט דאך אז עס איז אונמעגליך, — האט יהושע געזאגט, — מיר האבען דעם קנעכט מיט די פערד איבערגעלאזען פון דער צווייטער זייט פון שטאדט חשבון, און אויסער דעם האב איך איהם אנגעזאגט אז ווען עס וועט ווערען גוט פינסטער און ער וועט זעהן אז מיר זיינען ניטא, זאל ער מיט־נעהמען אונזערע פערד און זיך אומקעהרען צו משה׳ן. איך בין זיכער אז אין לאגער איז מען יעצט זעהר אומרוהיג וועגען אונז.

— עכסה וועט זיכער מיינען אז מיט מיר האט אן אומגליק פאסירט! — האט עתניאל אויסגערופען, — ווען זי האט זיך דערוואוסט אז איך געה מיט דיר, איז זי געוועזען זעהר אומרוהיג.

— דערפאר וועט איהר שמחה זיין גרעסער ווען זי וועט זיך דערוויסען ווי דו ביזט אויף אזא וואונדערליכען אופן געראטעוועט געווארען, — האט יהושע א שמייכעל געטהאן. — איך בין זיכער, אז ווען עכסה וואלט געוואוסט אז אזא שעהנע מיידעל ווי רחב האט דיך גערעטעט, וואלט זי געווארען שטארק אייפערזיכטיג.

— איך בעט דיך, יהושע, אז דו זאלסט פאר קיינעם קיין ווארט ניט ריידען וועגען מיר און עכסה׳ן. דו ווייסט דאך ווי שטארק מיין ברודער איז דאגעגען אז איך זאל נעהמען זיין טאכטער פאר א פרוי, און ווען ער וועט אויסגעפינען אז מיר האבען זיך ליעב וועט פאר אונז ביידען ערגער ווערען. עס וועט פאר מיר אונמעגליך זיין זיך מיט עכסה׳ן צו טרעפען.

— דו קענסט זיך אויף מיר פארלאזען, — האט יהושע געזאגט, — איך וועל דיר געוויס ניט פארראטהען, אבער איך קען ניט פארשטעהן פארוואס דיין ברודער זאל זיין דאגעגען. ווייס ער דען ניט אז דו ביזט בראוו און פעהיג?

ער האט דאך אליין געזעהן אז משה האט בלויז דיך אויסגעקליבען צו זיין מיין באגלייטער אויף אזא וויכטיגע שליחות.

— ווי איך פארשטעה וויל ער זיך פארבינדען מיט אהרן׳ס משפחה, און אויב זיין טאכטער וועט התונה האבען מיט מיר, וועט עם מיינען, אז אונזער משפחה בלייבט דיזעלבע.

— אויב עכסה׳ס ליעבע צו דיר איז אזוי שטארק ווי דיינע צו איהר, מעגסטו רוהיג זיין, אז זי וועט געהערען צו דיר, — האט יהושע געזאגט.

— איך ווייס אז עכסה האט מיך שטארק ליעב און דערפאר בין איך זעהר אומרוהיג וואס זי וועט זיין בעזארגט וועגען מיר אויף א קורצע ווייל.

— עס איז בלויז אויף א קורצע ווייל, וויפיעל האט געפעהלט אז מיר זאלען אויף אייביג פארשפארען זיך אומצוקעהרען אין לאגער!... געבענשט זאל זיין רחב... זי האט אונזערע לעבענס געראטעוועט... איך האב זיך קיינמאל ניט פארגעשטעלט אז צווישען דעם אמורי זאל זיך געפינען אזא נאבעלע פרוי ווי זי איז.

— זי האט איהר לעבען אין געפאהר געשטעלט, — האט עתניאל צוגע־געבען, — וואס וועט געשעהן ווען דער קרוינפרינץ וועט אויסגעפינען אז זי האט אונז באפרייט?

— דאן וואלט ער צו איהר געטהאן דאס וואס ער האט געוואלט טהאן צו אונז... אבער איך האף, אז אונזער גאט וועלכער האט אונז געראטעוועט פון דעם יונא׳ס הענד וועט אויך איהר ראטעווען.

— זי האט פיעלע מאל דערמאהנט דעם נאמען פון אונזער גאט! ווי איך זעה וואלט זי זעהר גערן געווארען איינע פון אונז און וואלט געדיענט צו אונזער גאט.

— איך האף, אז ווען גאט וועט געבען און מיר וועלען איינגעהמען דאס לאנד כנען, זאל איך זי ווידער טרעפען כדי איך זאל איהר קענען אפצאהלען פאר דעם חסד וואס זי האט מיט אונז געטהאן.

— לויט ווי זי האט געהאנדעלט קען מען זעהן אז רחב איז זעהר קלוג. ווי איך האב פארשטאנען פון די רייד פון די וועלכע זיינען געווען אין פאלאץ, איז זי געווען פאר׳קנס׳ט צום קרוינפרינץ, — האט עתניאל זיך אפגערופען.

— דאס האט מען געקענט לייכט זעהן ווען דער קרוינפרינץ האט אונז געשיקט רופען און רחב האט זיך מיט אונז בכיון געאייצט כדי אוועקצונעהמען פון איהם יעדען פארדאכט אז זי האט אין זינען אונז צו באפרייען... — האט יהושע געזאגט. — דאס איז ווירקליך געווען אויסערגעווערנליך קלוג. ווי עס ווייזט אויס, האט זי ניט קיין שטארקע ליעבע צום קרוינפרינץ. זי האט אלעס איינגעשטעלט.

— ווי קומט דער קרוינפרינץ צו איהר, אויסער דעם וואס ער איז העסליך איז ער זעהר נאריש און פארדארבען. אבער ווי עס ווייזט אויס, איז רחב גע־צוואונגען געווארען צו ווערען זיין כלה.

— איך האף אז איהר וועט געלינגען צו אנטלויפען און קומען צו אונזער לאגער. דאן וואלטען מיר געהאט א געלעגענהייט צו בעצאהלען איהר פאר דעם חסד וואס זי האט מיט אונז געטהאן.

— זי האט אונז איהר ברכה געגעבען און אונז געוואונשען אז מיר זאלען

עררייכען אונזער ציעל און מיר זאָלען טהאָן צו אונזערע שונאים ווי מיר האָבען געטהאָן צו די מצרים — האָט עתניאל געזאָגט.

— זי האָט אויסגעדריקט איהר פאַרלאַנג צו וואָהנען מיט איהר משפחה צווישען אונז אין פריעדען. איך האָף אז רחב וועט אונז לאָזען וויסען וואו זי געפינט זיך כדי מיר זאָלען איהר קענען רעטען, — האָט יהושע געזאָגט צו עתניאל'ן ווען זיי האָבען זיך דערווייטערט פון וועלדעל.

— מעגליך אז דער קעניג סיחון וועט שיקען אונז זוכען, — האָט עתניאל געזאָגט, — מיר וועלען זיך דאַרפען אויסבעהאַלטען ביז וואַנען מיר וועלען קענען זיכער זיין מיט אונזערע לעבענס.

— דורך דעם וועג וואָס רחב האָט אונז געשיקט וועט קיינעם ניט איינפאַלען אונז צו זוכען.

נאָך האַלבע, טאָג זיינען זיי אָנגעקומען אין דעם לאַגער פון ישראל.

משה האָט זיך דערפרעהט מיט זיי. ער האָט גלייך געשיקט אָנזאָגען אַלע אידען אז יהושע און עתניאל זיינען צוריקגעקומען בשלום.

כלב און די אַנדערע עלטסטע זיינען זיי געקומען באַגריסען, און יהושע האָט פאַר אַלעמען דערציעהלט וואָס עס האָט מיט זיי פּאַסירט. ווי אזוי דער קעניג און זיין קרוינפּרינץ האָבען זיי פאַר'משפט צום הייגנען און רחב, וועלכע איז געווען פער'קנס'ט צום קרוינפּרינץ האָט זיי פון געפענגניס באַפרייט און זייערע לעבענס געראַטעט.

— אזוי? וויל דער קעניג סיחון אונז אויך ניט ערלויבען דורכצוגעהן זיין לאַנד? ! — האָט משה זיך אָפּגערופען.

— ניט נאָר האָט ער אונז ניט ערלויבט, נאָר ער האָט אונז נאָך געוואָלט טויטען. און יעצט וועט ער זיכער אַרויסקומען מלחמה האַלטען מיט אונז, — האָט יהושע געזאָגט, — און מיין עצה איז דאַריבער, אז מיר זאָלען זיין גרייט צו א מלחמה.

— איך האָב געהייסען כלב'ן צונויפזאַמלען אַן אַרמעע, און יעצט וועסטו, יהושע, פאַרענדיגען זאַמלען די אַרמעע און זיין גרייט. מיר האָבען ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר סיחון, דעם קעניג פון אמורי... גאָט וועט זיי איבערגעבען אין אונזערע הענד.

עתניאל איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אומגעדולדיג. ער האָט שוין געוואָלט גיין זעהן מיט עכסה'ן. ער האָט געהאָפט אז זי וועט זיכער אָנקומען מיט איהר פאָטער, אַבער זי איז ניט געקומען. ער האָט זיך געשעהמט צו פרעגען זיין ברודער וועגען איהר, דאַריבער האָט ער געוואַרט ביז וואַנען ער וועט קענען געהן צו זיין געצעלט זיך אָפּרוהען און אויסבייטען זיינע קליידער און דערווייל וועט ער זיך אַריינכאַפּען אין דעם געצעלט פון זיין ברודער און זיך מיט איהר זעהן.

פּלוצלינג האָט ער דערזעהן פון ווייטען אָנקומענדיג די מוטער פון עכסה'ן. דאָס האָט איהם נאָך מעהר געוואונדערט.

— ווי אזוי קומט עס, אז עכסה זאָל ניט מיטגעהן מיט איהר מוטער?

עתניאל האָט זיך מעהר ניט געקענט באַהערשען און פאַרלאָזענדיג די פאַרזאַמעלטע איז ער איהר אַנטקעגען געגאַנגען.

— פארוואס איז עכסה מיט דיר ניט מיטגעגאנגען? — האט עתניאל גלייך געפרעגט זיין שוועגעריז.

— דאס קום איך דאך דא זעהן אויב עכסה געפינט זיך דא! — האט זי אויסגערופען, — האסטו זי גארנישט געזעהן?

— ניין! איך האב זי ניט געזעהן. זי איז דא די גאנצע צייט ניט געווען.

— א, גאט, וואו איז מיין טאכטער! — האט זי אויסגערופען, — מיר שרעקט מיין הארץ, איך האב זי ניט געזעהן זינט דעם פריהמארגען ווען מיר האבען זיך דערוואוסט אז דו און יהושע זיינען פארהאלטען געווארען אין חשבון.

עתניאל איז אויך בלאס געווארען און אויסגערופען:

— וואו קען זי דאס זיין?

— האסטו דען ניט געזעהן כלב׳ן? — האט זי זיך אפגערופען.

— ניין!

— מעגליך אז זי איז געגאנגען צו איהם ווען כלב איז אוועק צונויפזאמלען די ארמעע. — האט עכסה׳ס מוטער געזאגט, און זיך מיט עתניאל׳ן געלאזט לויפען צו דעם פלאץ וואו משה איז געשטאנען צוזאמען מיט יהושע׳ן און כלב׳ן.

— כלב, וואו האסטו איבערגעלאזען אונזער טאכטער? — האט זי אויסגערופען

— עכסה איז מיט מיר ניט געווען! — האט כלב געענטפערט, — איך האב זי ניט געזעהן זינט דעם פריהמארגען.

— א, גאט וויים וואס מיט איהר איז געשעהן! — האט די מוטער אויסגערופען מיט שרעק

כלב איז אויך שטארק דערשראקען געווארען. זיין פנים איז בלאס געווארען.

— ביזטו זיכער אז זי איז ניטא אין געצעלט? אפשר פארברייננגט זי מיט איהרע פריינדינעס.

— איך האב זיך ביי אלעמען נאכגעפרעגט, — האט די מוטער געזאגט, — און קיינער וויים ניט וואו זי איז.

— ווען איך בין אוועק, האב איך זי איבערגעלאזען מיט מיין פאטער! — האט כלב געזאגט, — לאמיר זיך אומקעהרען שנעל צום געצעלט וועלען מיר קענען געפינען וואוהין זי איז אוועק.

א דערשראקענער און צוקלעפטער איז עתניאל מיטגעגאנגען מיט זיין ברודער און די איבריגע, און ווען זיי זיינען צוגעקומען צום געצעלט, האבען זיי דארטען געטראפען יפונה׳ן, דעם פאטער פון כלב׳ן און עתניאל׳ן.

— פאטער, ווייסט דען ניט וואוהין עכסה איז אוועק? — האט כלב געפרעגט מיט אויפרעגונג.

— גאנץ פריה ווען עכסה האט זיך דערוואוסט אז מען האט פערהאלטען יהושע׳ן און עתניאל׳ן איז זי ארייגעלאפען אין געצעלט און אויסגעשריען: „זיידע, אן אומגליק האט פאסירט מיט עתניאל׳ן!“ איך האב איהר פרובירט בערוהיגען, אבער זי האט זיך ניט געלאזט בערוהיגען. זי איז ארומגעלאפען הין און צוריק און געשריען: עתניאל! עתניאל! וואו איז יעצט עתניאל!... זי האט גערעדט וועגען דעם אז עס וועט ניט זיין ווער עס זאל פאר איהם א גוט ווארט ריידען דארטען אין חשבון... דערנאך האב איך געהערט ווי זי זאגט:

"ווען דער קעניג פון סיחון וואלט געקראגען א קאסטבארע מתנה וואלט ער איהם בעפרייט".

— זאל עס מעגליך זיין ? — האט עכסה'ס מוטער אויסגערופען, און אליין זיך דערשראקען פאר איהרע געדאנקען.

— לאמיר שנעל אריין אין אונזער געצעלט ! — האט כלב א זאג געטהאן, און מיט גרויס אימפעט אריין אינעווייניג.

כלך און זיין פרוי האבען גענומען זוכען עכסה'ס ציערונג און ווען זיי האבען ניט געפונען, זיינען זיי געבליבען שטעהן ווי פארגליווערט און זיך איבערגעווארפען מיט בליקען.

— איז עס מעגליך ? — האט כלב אויסגערופען, — זי זאל אליין וואגען צו מאכען אזא שריט ?

— ניין, מיר גלויבט זיך עס ניט ! — האט די מוטער זיך אפגערופען.

— און וואס זאגסטו, עתניאל ? — האט איהם זיין פאטער געפרעגט.

— איך האב מורא אז יא ! — האט עתניאל טרויעריג געענטפערט.

כלב איז ארויס פון געצעלט און באלד זיך צוריקגעקעהרט.

— איינער פון מיינע אייזלען פעהלען ! — האט ער אויסגערופען, — איז עס מעגליך, עתניאל, אז זי זאל האבען אוועקגעריטען אהין נאך חשבון.

— עס איז זעהר מעגליך ! — האט עתניאל געענטפערט, — זי האט געמיינט אז איך בין געפאנגען ביי דעם קעניג און זי האט געהאפט מיך אויסצולייזען.

— אבער ווי אזוי וועט זי טהאן אזא זאך, איהר לעבען וועט דאך זיין אין גרויס סכנה... עס איז אונגלויבליך.

— יא, מיין ברודער, עס איז גלויבליך ! — האט עתניאל ארונטערגעבויגען זיין קאפ, — עכסה האט מיך ליעב און זי האט איהר לעבען איינגעשטעלט פאר מיר. שנעלער, מיר מוזען לויפען איהר ראטעווען. מעגליך אז מיר וועלען נאך איהר אניאגען.

— אבער מיר ווייסען דאך ניט דורך וועלכען וועג זי האט אוועקגעריטען !

— האט יפונה געזאגט, — עפעס גלויבט זיך מיר קוים אז זי זאל מאכען אזא געוואגטען שריט, כאטש זי איז געווען זעהר צורודערט און צוקלעמט.

— איך האב ניט געוואוסט ווע:ען דעם, — האט כלב אויסגערופען מיט צארן, — האב איך דיר דען ניט געגעבען צו פארשטעהן אז עכסה וועט קיינמאל ניט קענען ווערען דיין פרוי ? !...

— אבער מיר ליעבען זיך זעהר שטארק, און מיר זיינען ביידע גרייט צו ברייגען די גרעסטע קרבנות, — האט עתניאל געזאגט.

— יעצט זעהסטו וואס דו האסט פאראורזאכט... גאט ווייס אויב מיר וועלען שוין ווען עס איז זעהן אונזער טאכטער א לעבעדיגע.

— איך וועל ניט רוהען ביז וואנען איך וועל זי צו דיר צוריקברייגגען ! — האט עתניאל אויסגערופען, — איך בין גרייט א צווייטען מאל צו געהן נאך חשבון און זי פון זייערע הענד ארויסראטעווען.

עתניאל האט גענומען איינעם פון די פערד וואס זיינען דערביי געשטאנען און זיך שנעל ארויפגעזעצט אויף איהם.

— וואס טהוסטו, מיין זוהן ! — האט יפונה זיך אפגערופען.

— איך וועל אוועקרייטען נאך חשבון, איך מוז ראטעווען מיין עכסה'ן.

— דאָס מיינט א זיכערער טויט פאַר אייך ביידען! ניין, דו קענסט עס ניט טהאָן. דו ווייסט דאך אז ווען דו וועסט א צווייטען מאָל אריינפאַלען אין די הענד׳ פון סיחון, וועסטו שוין צוריק קיין לעבעדיגער ניט ארויסקומען.

— אָבער עכסה! זי געפינט זיך זיכער א געפאַנגענע! — האָט עתניאל אויסגערופען.

— און מיט דיין געהן אהין וועסטו אויך פאַר איהר ערגער מאַכען, — האָט כלב אויסגערופען, — דו בלייב דאָ און איך וועל אוועקגעהן צו משה׳ן און איהם דערצעהלען וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מיין טאָכטער און איך וועל הערען וואָס ער וועט מיר ראטהען צו טהאָן.

— באלד איז בעקאַנט געוואָרען אין גאַנצען לאַגער אז עכסה איז פאַר־שוואונ־ען געוואָרען. עס האָבען זיך געפונען אייניגע וועלכע האָבען געזאָגט, אז זיי האָבען פון ווייטען געזעהן ווי א יונגע מיידעל האָט אוועקגעריטען אויף אן אייזעל פון לאַגער.

— מיר וועלען ארומרינגלען די שטאָדט חשבון און פאַרלאַנגען פון דעם קעניג ער זאָל ארויסגעבען דיין טאָכטער! — האָט משה געזאָגט.

— און אויב ער וועט ניט וועלען טהאָן אונזער פאַרלאַנג וועלען מיר צו איהם טהאָן אזוי ווי אונזערע עלטערען האָבען געטהאָן צו שכם, דעם זוהן פון חמור, וועלכער האָט פאַרהאַלטען זייער שוועסטער דינה! — האָט עתניאל אויסגע־ופען.

— ווי איך זעה, איז א מלחמה מיט סיחון׳ען אומפערמיידליך, — האָט יהושע געזאָגט, — מיר דאַרפען זיין גרייט, ווייל לויט זייערע רייד און די שטימונג וואָס עס האָט געהערשט אין פּאַלאַץ, ווען מיר זיינען געקומען מיט אונזער שליחות, וועט דער קעניג ארוים מלחמה האַלטען געגען אונז. מיר האָבען דייטליך געהערט אז ער וועט בעשיצען די איינוואָהנער פון כנען, און אפילו ווען מיר זאָלען וועלען אויסמיידען זיין לאַנד, וועט ער מיט אונז מלחמה האַלטען.

— אָבער וואָס וועט ווערען פון מיין טאָכטער? — האָט זיך די מוטער צויאָמערט, — גאָט ווייס וואָס ער וועט מיט איהר טהאָן.

— אויב רחב געפינט זיך נאָך אין דעם קעניג׳ס פּאַלאַץ, וועט זי שוין זעהן א קייז בייז זאָל צו איהר ניט געשעהן, — האָט יהושע געזאָגט.

— איך צווייפעל אויב רחב וועט עפּעס קענען טהאָן פאַר איהר! — האָט עתניאל טרויעריג א זאָג געטהאָן.

— בערוהיגט זיך! — האָט זיך משה געווענדעט צו כלב׳ן און זיין פרוי, — גאָט וועלכער האָט בעשיצט יהושע׳ן און עתניאל׳ן און זיי צו אונז אומגעקעהרט, וועט זיין חסד ניט אָפּטהאָן אויך פון דיין טאָכטער וועלכער האָט ארויסגעוויזען אזוי פיעל העלדענמוטה ווי עס פּאַסט זיך פאַר א טאָכטער פון ישראל.

כאָטש משה׳ס רייד האָבען עטוואָס בערוהיגט די געמיטהער פון עכסה׳ס עלטערען, זיינען זיי אָבער נאָך אַלץ געווען אין גרויס פאַרצווייפלונג. די מוטער האָט ניט אויפגעהערט צו יאָמערען און קלאָגען. עתניאל איז יעדע ווייַלע ארויס פון לאַגער און געגומען זוכען מיט צושראָקענע אויגען אין אַלע ריכטונגען.

יהושע האָט דערווייל צוגעגרייט די אַרמעע.

— ווי מיר האָבען אויסגעפונען, איז חשבון זעהר א באַפעסטיגטע שטאָדט,

און די איינוואוינער זיינען שטארק און מיר מוזען זיין גוט צוגעגרייט צו א גרויסען קאמפף — האט יהושע אנגעזאגט זיינע סאלדאטען.

משה איז צוגעקומען און אויפהויבענדיג זיינע הענד צום הימעל, האט ער זיי אלעמען געבענשט.

— זאל גאט אייך שטארקען און איבערגעבען סיחון, דעם קעניג פון אמורי מיט זיין ארמעע אין אייערע הענד! — האט משה פארענדיגט זיין ברכה. — און איהר זאלט זיך אלע אומקעהרען זיעגרייכע צוריק. קיינער זאל פון אייך ניט פעהלען.

א גרויס שאלען האט אפגעהילכט דעם לאגער.

יהושע האט צוגערופען עתניאל'ן און זיך צו איהם אפגערופען:

— איך גיב איבער אין דיין רשות הונדערט העלדען, און אזוי שנעל ווי מיר וועלען איינגעהמען די שטאדט חשבון, זאלסטו מיט זיי אוועקגעהן צום קעניגליכען פאלאץ און ראטעווען עכסה'ן.

יהושע האט אנגעטהאן זיין פאנצער און נעהמענדיג זיין שפיעז, האט ער זיך ארויפגעזעצט אויף זיין שווארצען פערד.

משה האט צוגערופען יהושע'ן און צו איהם געזאגט:

— דו ווייסט, יהושע, אז גאט האט דיך אויסערגעוועהלט צו פארנעמען מיין פלאץ, די האסט דיין גבורה און בראווקייט געצייגט פאר אלעמען, דו ביזט דער איינציגער וועלכער וועט קענען אריינפיהרען ישראל אין דעם לאנד וואס גאט האט פארשפראכען איהם אפצוגעבען. יעצט שטארק זיך און קריג מוטה, ווייל דו וועסט ענדיגען דאס וואס איך האב אנגעפאנגען... צייג דיין פאלק אז דו ביזט ווירדיג צו זיין מיין נאכפאלגער, אין גאט וועט באגליקען דיין וועג, ער וועט דיינע שונאים איבערגעבען אין דיינע הענד... אלע פעלקער פון ארום וועלען ציטערען פאר דיר, ווייל דו וועסט פיהרען די מלחמות אין נאמען פון אונזער גאט.

— איך וועל טהאן מיין פליכט צו גאט און צו מיין פאלק! — האט יהושע געענטפערט, — און זאל גאט געבען אז מיין האר משה זאל לעבען נאך פיעלע יאהרען כדי איך זאל קענען לערנען פון דיר די וועגען פון גאט און איך זאל וויסען ווי אזוי נאכצופאלגען דיינע ביישפיעלען... איך בין דיין קנעכט און וועל זיך שעצען גליקליך איך זאל קענען פארטזעצען דאס וואס דו האסט אנגעפאנגען און זאל זיין דיין משרת ביז די לעצטע טעג פון מיין לעבען.

— גיין, יהושע, עס איז דער ווילען פון גאט אז איך זאל דיר איבערגעבען די פיהרערשאפט פון פאלק... געה און זיי מצליח... דאס וועט זיין די ערשטע מלחמה אויף די גרעניצען פון אונזער היילינ לאנד... מיר האבען געטהאן אלעס אויסצומיידען א מלחמה, אבער ווען דער קעניג סיחון איז פאר'עקשנ'ט, און וויל אונז ניט נאר ניט דורכלאזען זיין לאנד מיט שלום, נאר ער וויל ארויסגעהן געגען אונז מיט א שווערד, וועסטו איהם און זיין פאלק פארניכטען מיט דיין שווערד... געה אין נאמען פון גאט... דער נצחון איז אויף אונזער זייט.

יהושע האט א נייג געטהאן זיין קאפ און זיך צוריקגעקעהרט צו די מחנות, וועלכע זיינען שוין געווען גרייט נאכצופאלגען זייער נייעם העלדישען פיהרער.

— פאר אונזער גאט און פאלק! — האט יהושע אויסגערופען. אויפהויבענדיג זיין שפיעז אין דער הויך — לאמיר געהן אויף חשבון!

עתניאל האט געווארט מיט זיינע הונדערט העלדען אויף יהושע׳ס צייכען, און ווי ער האט דערזעהן אז יהושע האט א נייג געטהאן מיט׳ן שפיען, האט ער באפוילען אויך זיינע סאלדאטען צו מארשירען.

יהושע האט איינגעטיילט זיין ארמעע אין פיער מחנות, און ער אליין איז געגאנגען פאראויס.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום טייך ארנון, איז שוין געווען שפעט אין אווענט און יהושע האט בעשלאסען צו בלייבען נעכטיגען אויף דיזער זייט טייך ביז מארגען אין דער פריה.

פיערטער קאפיטעל

די מלחמה

יענע נאכט האט עכסה ניט געשלאפען, כאטש זי איז געווען זעהר מיעד. טרויעריגע געדאנקען האבען זיך איהר אין מח געפלאנטערט. איז עתניאל שוין אין לאגער? האט מיט איהם קיין אנדער אומגליק ניט פאסירט? ער מוז זיין זעהר צושראקען און צוקלעמט וועגען איהר... און איהרע עלטערען... זיי מוזען שוין איהר געווים פאררעכענען פאר טויט... וואס וועט איהר פאטער זאגען ווען ער וועט זיך דערוויסען אז זי האט עס אלעס געטהאן פאר עתניאל׳ן... ער וועט זיין אזוי אויפגערעגט און וועט שוין געווים ניט דערלאזען אז עתניאל זאל זי נעהמען פאר זיין פרוי... באלד אבער זיינען איהרע געדאנקען איבערגעגאנגען אויף זי אליין... אין וואס פאר א שרעקליכע לאגע זי געפינט זיך... זי איז א געפאנגענע... זי געפינט זיך צווישען פרעמדע שלעכטע מענשען, צווישען שונאים פון איהר פאלק... דער קרוינפרינץ! א שווידער געהט דורך איהר לייב ווען זי דערמאנט זיך און איהם... ער האט שוין געמאכט א פארזוך זי אנצוריהרען מיט זיינע אימריינע הענד... א, ניין, זי וואלט בעסער געוואלט שטארבען איידער צו זיין אין זיינע הענד... וואס וועט זי אבער טהאן?!... וועט זי זיך דען קענען וועהרען?... און ווען זי וועט איהם גלייך ארויסצייגען א ווידערשטאנד וועט זי נאך ערגער מאכען... דאן וועט ער איהר צווינגען צו טהאן זיין ווילען... ניין!... זי וועט שיין וויכען ווי אזוי מיט איהם צו האנדלען... זי וועט איהם דארפען ארויסצייגען נאכגיביגקייט כדי זי זאל איהם קענען נארען... דערווייל וועט ער זי צורו יר לאזען אויף עטליכע טעג... ביז דאן וועט פיעלייכט גאט איהר צושיקען זיין הילף...

אזוי איז עכסה געלעגען אין בעט און נישט געקענט שלאפען, און יעדע רגע האט זי מיט שרעקענדע אויגען געקוקט אויף דער טהיר פון צימער... זי האט מורא געהאט אז דער קרוינפרינץ זאל אהער ניט אריינקומען.

מיט דעם אנקומען פון פריהמארגען האט זי זיך עטוואס בארוהיגט. די ליכט־שטראהלען וואס האבען געגומען אריינדרינגען אין צימער, האבען איהר געגעבען אויך א שטראהל האפנונג. זי איז ארונטער פון בעט און צוגעגאנגען צום פענסטער. די זון האט נאר וואס גענומען אויפגעהן. עס איז שוין טאג...

פריצים האט זי זיך דערמאנט וואס דער קרוינפרינץ האט איהר לעצטע נאכט געזאגט, אז היינט אין דער פריה וועט מען אויפהיינגען זיין כלה רחב, ווייל זי האט פעראטעוועט יהושע׳ן און עתניאל׳ן פון טויט. א ציטער איז דורך

איהר ליב. ווי אזוי וועט דער רשע קענען טהאן אזא זאך צו איהר... ווי עס ווייזט אויס, איז זי זעהר נאבעל און גוטהערציג, אז זי האט געקענט טהאן אזא זאך, איינשטעלענדיג איהר אייגען לעבען אין געפאהר צו ראטעווען צוויי פרעמדע וועלכע ווערען פארערכענט פאר שונאים פון איהר פאלק.

אבער... איהר הארץ האט א צאפעל געטהאן... זי האט דערהערט א באוועגונג נעבען איהר טהיר, און באלד האט זיך די טהיר לאנגזאם געעפענט און דער קרוינפרינץ איז אריינגעקומען.

— א, דו ביזט שוין וואך? — האט דער קרוינפרינץ א זאג געטהאן מיט א שמייכעל, — און איך האב געמיינט, אז איך וועל דיר אויפוועקען... זאג מיר, עכסה, האסטו גוט געשלאפען די נאכט?

— זעהר גוט, קרוינפרינץ! — האט זי ארויסגעצוואונגען א שמייכעל, — איך בין דיר ווירקליך זעהר דאנקבאר וואס דו האסט מיר געגעבען א פלאץ זיך גוט אויסצורוהען.

— און איך בין זעהר צופריעדען וואס דו האסט זיך אויסגערוהט. יעצט שיינסטו צו זיין אין גאנצען אנדערש... דיין אומעט איז פון דיר פארשוואונדען.

— איך ווייס אז איך האב זיך בענארישט, קרוינפרינץ, דו ביזט געווען זעהר גנעדיג צו מיר און איך האב עס ניט געוואוסט ווי אפצושאצען... ווער בין איך, דיין דינסט, אז דו זאלסט צו מיר ארויסווייזען אזוי פיעל צערטליכקייט און פריינדשאפט. איך שטאם דאך פון די נידריגסטע פון מיין פאלק...

— מיך קימערט ניט פון וואנען דו שטאמסט, דו האסט אבער געפונען חן אין מיינע אויגען, און איך זעה אין דעם א צייכען פון אונזערע געטער וועלכע האבען מיר גלייך צוגעשיקט איינע וועלכע זאל זיין ווירדיג צו פארנעהמען רחב'ס פלאץ... יא, דו שעהנע עכסה, איך בין עס געקומען דיך רופען... דאס פאלק וועט זיך באלד פארזאמלען און משפט'ן רחב'ן פאר איהר שרעקליכען פארראטה צו דעם קעניג, צו מיר, און צו דעם פאלק... און דאריבער וועט זי באלד יע'משפט ווערען ביים פאלק.

— איך גיב צו, גנעדיגער קרוינפרינץ, אז רחב האט שטארק געזינדיגט געגען דיר און דעם קעניג, וואס זי האט אהן דיין וויסען באפרייט די צוויי שלוחים, אבער פון דעסטוועגען וואלט געווען ניט מעהר ווי רעכט זי זאל אפקומען מיט א קליינע שטראף... נאך אלעמען, האט זי דאך עס ניט געטהאן מיט דער כוונה צו פארראטהען דעם קעניג... זי בעזיצט איינפאך א גוטע הארץ און זי האט ניט געקענט צוזעהן אז צוויי אומשולדיגע מענשען זאלען געהאנגען ווערען אהן קיין שום אורזאכע, בלויז צוליעב דעם וואס זיי זיינען געקומען ריידען שלום מיט דעם קעניג!...

— ווען דו וואלסט געוואוסט, עכסה, ווי עזות'דיג משה'ס שלוחים האבען גערעדט צו מיר און צו מיין פאטער, ווען מען האט זיי אריינגעלאזען אין פאלאץ, וואלסטו אליין אויך צוגעגעבען אז זיי האבען דעם טויט פארדיענט. און יעצט אז רחב, וועלכע האט געזאלט ווערען מיין פרוי, זאל אזוי טהאן צו מיר, האט זי דען אליין ניט פארדיענט דיזעלבע שטראף?

— איך בעט דיך, פערלייכטער איהר שטראף, — האט עכסה זיך צו איהם אפגערופען, — טהו עס פון מיינעטוועגען.

— עס איז אונמעגליך! — האט דער קרוינפרינץ געזאגט, — ניט איך

וועל זי משפט׳ן נאר דאס פאלק, אויב דאס פאלק אליין וועט אויסגעפינען אז זי איז אומשולדיג, וועט זי דאך ניט בעשטראפט ווערען.

— איך האב מורא אז דאס פאלק וועט זיין צו שטרייננג צו איהר, זאל זי בעסער גע׳משפט ווערען ביי דיר... איך ווייס אז דו בעזיצסט א ווייכע הארץ און דו וועסט ניט וועלען שיקען א שעהנע יונגע פרוי צו דער תליה.

— מיין כעס אויף איהר האט זיך נאך ניט איינגעשטילט, און איך אליין וואלט זיך יעצט ניט אפגעהאלטען צו פאר׳משפט׳ן זי צום טויט.

— ווען דו וואלסט בלויז א קוק געטהאן אויף איהר וואלט דיר דיין הארץ ניט דערלאזען צו טהאן אזא זאך.

— אבער לאמיר וועגען דעם מעהר ניט ריידען, עכסה, יעצט איז שוין פארפאלען... איך האב ארויסגעשיקט מענשען איבער דער גאנצער שטאדט און זיי האבען די איינוואהנער איבערגעגעבען וואס רחב האט געטהאן, און זיי זיינען נעלאדען געווארען צו משפט׳ן איהר מיט איהר פאטער גישון.

— איהר פאטער אויך?

— יא, ווייל זיי האבען ביידע געפלאנעוועט צו טהאן דיזען פארברעכען... פארשטעהסטו מיר, גישון איז דאך מיין פאטער׳ס ברודער, אבער ער האט שוין לאנג געוואלט אז אויג אויף דער מלוכה, און ווי איך און מיין פאטער פארשטעהן, האבען זיי עס ביידע געטהאן כדי דאמיט אונז צו ערנידריגען אין די אויגען פון פאלק... ווען דו וואלסט געוואוסט אין וואס פאר א פארלעגענהייט מיר זיינען געשטעלט געווארען און ווי שטארק רחב האט אונז פארשעהמט... דא קומען זיך אלע צונויף צו זעהן ווי אזוי מיר היינגען צוויי פון אונזערע גרעסטע שונאים, זיי ווארטען מיט גרויס אומגעדולד מען זאל זיין שוין ארויספיהרען... און דא געפין איך אויס אז די געפאנגענע זיינען אנטלאפען געווארען. יעצט ווייסען שוין אלע ווער עס איז אין דעם שולדיג, און ווען איך זאל זי ניט ארויסברייגען צום פאלק, וועט זייער צארן זיין זעהר גרויס... יא. איך וועל מוזען איינשטילען זייער כעס מיט דעם וואס איך וועל איבערגעבען רחב׳ן אין זייערע הענד, און דו, עכסה, וועסט מיט מיר ארויסקומען, איך וועל דיר פאר אלעמען פארשטעלען אלס מיין כלה, אנשטאט רחב׳ן. נאכהער וועסטו צוזעהן ווי אזוי מיין בעשטראפט רחב׳.

— איך בעט דיך, מיין האר, פארלאנג פון מיר ניט אזא זאך. איך וועל ניט קענען צוזעהן ווי אזוי אזא גרויזאמקייט ווערט בעגאנגען.

— ניין, דו וועסט מוזען מיט מיר ארויסקומען! — האט דער קרוינפרינץ אויסגעריפען. — איך וויל אז דו זאלסט אלעס צוזעהן מיט דיינע אויגען, און דערפון אראפנעהמען א מוסר... דו וועסט זעהן ווי מען בעשטראפט א פעררעטעריי... דאס וועסטו אליין מיר אימער געטריי בלייבען, און דערצו וויל איך דיך פארשטעלען פאר די מענשען פון מיין פאלק.

— אבער . . .

— דו וועסט געהן מיט מיר! — האט ער שטרענג א זאג געטהאן, און איהר אנגענומען ביי דער האנד.

עכסה האט געזעהן אז אומזיסט וועלען זיין איהרע רייד. איז זי איהם נאכגעגאנגען.

ער האט איהר אריינגעפיהרט אין פאלאץ, און ער האט זיך איהר געהיי־

סען זעצען ביים טיש צו עסען פריהשטיק מיט איהם און מיט דעם קעניג.

בעת דעם עסען האבען אלע געשוויגען, און ווען זיי האבען געענדיגט זייער פריהשטיק, האט זיך סיחון אפגערופען צו זיין זוהן:

— איז שוין אלעם צוגעגרייט.

— די תליה איז דיזעלבע! — האט דער קרוינפרינץ געענטפערט, — דאס פאלק וויים שוין ביי דיזער צייט און זיי וועלען זיך באלד צונויפזאמלען... מיר דוכט זיך, אז איך הער שוין א גערויש אין דרויסען... מעגליך אז פיעלע זיינען שוין געקומען.

ער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און צוגעגאנגען צום פענסטער, און באלד אויסגערופען מיט פרייד:

— דאס פאלק קומט אן!

— יעצט שיק איינינע פון מיינע באוואפענטע לייב־וועכטער צו גישון'ס הויז און זאלען זיי פון דארטען ברייננען גישון'ען און זיין טאכטער רחב — האט דער קעניג געזאגט.

דער קרוינפרינץ האט אריינגערופען זעקס לייב־וועכטער און זיי פארזאגט ארויסצוברייננען רחב'ן און איהר פאטער אין דרויסען.

— דער קעניג און איך וועלען ווארטען אין דרויסען, און איהר זאלט זיי ביידען איבערגעבען געבונדענע אין אונזערע הענד.

די לייב־וועכטער האבען זיך פארנייגט און ארויסגעגאנגען פון פאלאץ.

דער קרוינפרינץ און עכסה האבען נאכגעפאלגט דעם קעניג און זיינען ארוים אין דרויסען צום פאלק.

— לאנג לעבען זאל אונזער קעניג און זיין קרוינפרינץ! — האבען די שטימען פון פאלק געדונערט.

ווען דער המון האט זיך איינגעשטילט, האט דער קעניג זיי ווידער ערקלערט צוליעב וועלכען צוועק זיי זיינען דא איצט צוזאמענגערופען.

— ערשט נעכטען אין דער פריה זייט איהר דא צוזאמענגעקומען צו זעהן ווי מען פיהרט דורך א שטראף איבער אונזערע שונאים. איהר האט געוואוסט און צום סוף זייט איהר אוועק ענטטוישטע, ווייל משה'ס שלוחים זיינען אנטלאפען געווארען פון געפענגניס. עס איז ביי אונז אלעמען געווען א וואונדער ווי אזוי דאס האט געקענט פאסירען, אין דער צייט ווען די געפאנגענע זיינען געווען געבונדען, און די שליסלען פון געפענגניס זיינען געווען אין דעם רשות פון קרוינפרינץ... אבער יעצט ווייסט איהר אלע וועד עס האט דיזען פארברעכען בעגאנגען... יא, רחב, די טאכטער פון מיין ברודער... עס איז קיין צווייפעל נישט אז ער האט איהר דערצו געהאלפען. דאריבער האבען ביידע פארדיענט דיזעלבע שטראף... אבער נישט איך און נישט מיין זוהן וועלען זיי משפט'ן. מיר וועלען זיי איבערגעבען אין אייערע הענד... איהר וועט זיי משפט'ן און גלייך אויספיהרען דעם אורטייל איבער זיי.

א גרויס שאלען האט דורכגעלעבערט די לופט. יעדער איז געווען צופרידען וואס דער קעניג לאזט זיי משפט'ן רחב'ן און איהר פאטער.

— מיר וועלען שוין וויסען ווי צו בעשטראפען פאררעטער! — האט איינער אויסגערופען, — מיר וועלען טהאן צו זיי דאס וואס מיר האבען געזאלט טהאן צו די שלוחים פון משה'ן!

— די תליה איז פארטיג! — האָט אימיצער אויסגערופען, אנצייגענדיג מיט זיין האנה אויף א הויכען בוים וואָס איז געשטאַנען אין מיטען הויף פון פאַלאַץ.

— לאָמיר אויסקלייבען שופטים!

באלד האָט מען אויסגערופען נעמען, און דריי שופטים זיינען אויסגעקליבען געוואָרען פון פאָלק צו משפט'ן רהב'ן און איהר פאטער.

דאָ אבער זיינען צוגעקומען צוויי פון די זעקס וועכטער און האָבען זיך פארנייגט פאר דעם קעניג און זיין קרוינפרינץ:

— וואו איז רהב?! — האָט דער קרוינפרינץ אויסגערופען מיט צאָרן.

— מיין האר, מיר זיינען צוגעקומען צו גישון'ס הויז, האָבען מיר געפונען די טיהרען פארשלאָסען, מיר האָבען אנגעקלאַפּט און קיינער האָט אונז ניט געענטפערט, זיינען מיר יעצט געקומען פרעגען דעם קעניג וואָס מיר זאָלען טהאָן.

דער קרוינפרינץ האָט זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען מיט דעם קעניג און נאכהער האָט ער זיך אפגערופען:

— רהב האָט געווים דערזעהן די זעקס לייב־וועכטער דורך איהר פענסטער, און זי האָט פארשטאַנען צוליעב וואָס פאר א צוועק זיי זיינען צו איהר געקומען, דאריבער האָט זי פארשלאָסען די טיהרען און וויל אייך ניט אריינלאָזען... געהט שנעלער צוריק און זאָגט די איבריגע וועכטער וועלכע זיינען פארבליבען נעבען גישון'ס הויז, אז ווען רהב וועט ניט וועלען עפענען די טיהר מיט איהר גוטען ווילען, זאָלט איהר אויפברעכען די טיהר און דאן זאָלט איהר בינדען רהב'ן מיט איהר פאטער און זיי ברייננען צו אונז, ווייל דאָס פאָלק איז שוין אומגעדולדיג... צוברעכט די טיהר און ברייננט זיי שנעלער אהער.

די צוויי לייב־וועכטער האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו די איבריגע און איבערגעגעבען דעם קרוינפרינץ'ס באפעהל.

זיי האָבען פרובירט נאָך אמאָל קלאַפּען אין טיהר און ווען מען האָט זיי ניט געענטפערט האָבען זיי גענומען ברעכען די טיהר.

א היבשע ווייל'ע האָט געדויערט ביז זיי האָבען אויפגעבראָכען די טיהר, און ווען זיי זיינען פארטיג געוואָרען, האָבען זיי מיט בלויזע שווערדען זיך אריינגעבראָכען אינעווייניג אין הויז און ווי גרוים איז זייער ערשטוינונג געווען ווען זיי האָבען קיינעם דארטען ניט געפונען. זיי האָבען באמערקט אז דאָס הויז איז אויסגעליידיגט. א ווייל'ע זיינען זיי געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידטע צו זייער'ע פלעצער און האָבען קיין וואָרט ניט געקענט ריידען.

— וואו איז גישון און זיין משפחה? — האָט איינע געפרעגט נאָך א קליינער פויזע.

— זיי זיינען ניטאָ! זיי זיינען אויך פארשוואונדען! וואָס טהוט זיך דאָ? ווי אזוי קומט עס אז זיי זאָלען פלוצלינג פארשווינדען. לעצטע נאכט זיינען זיי דאָך דאָ געווען.

— וואָס וועלען מיר יעצט טהאָן?

— מיר וועלען דארפען שנעל איבערגעבען דעם קעניג און קרוינפרינץ וואָס מיר האָבען אויסגעפונען.

— זיי וועלען שטורמען מיט צאָרן אויף אונז!

— אבער וואס זיינען מיר שולדיג, אונז האט מען דאך ניט געשטעלט צו באוואכען גישון'ס הויז!

— מיר מוזען גלייך געהן מעלדען דעם קעניג און קרוינפרינץ וואס מיר האבען אויסגעפונען, נאכדעם ווי מיר האבען אויפגעבראכען די טיהר.

— ווער פון אונז זאל געהן זיי איבערגעבען?

— ניט איך!

— און איך אויך ניט!

— איך געוויס ניט!

— מיר וועלען געהן אלע צוזאמען. מיר האבען דאך דא ניט וואס צו פאר־בלייבען. אין גישון'ס הויז איז דאך קיינער ניט פארבליבען אז מיר זאלען איהם דארפען היטען. קומט לאמיר געהן צוזאמען.

סיחון און דער קרוינפרינץ האבען מיט גרוים אומגעדולד געווארט אויף דעם אנקומען פון רחב'ן און איהר פאטער... זיי האבען באמערקט מיט וואס פאר א נייגעריגקייט דאס פאלק ערווארט זיי צו משפט'ן ווען זיי האבען גע־זעהן אז עם דויערט די לייבוועכטער צו לאנג, האט דערווייל דער קרוינפרינץ אנגענומען עכסה'ס האנד און מיט איהר זיך דערנעהנטערט צום הכוון.

— באלד וועט איהר דורכפיהרען אייער אורטייל איבער מיין געוועזענע כלה וועלכע האט אונז אלעמען אזוי פארראטהען. און יעצט וויל איך אייך איבערגעבען, אז די געטער זיינען צו מיר גנעדיג געוועזן... אין דעם זעלבען טאג ווען איך האב זיך דערוואוסט וועגען רחב'ס פארברעכען, האבען זיי מיר צוגע־שיקט א צווייטע וואס זאל פארנעהמען איהר פלאץ... יא, דאס איז עכסה, וועמען איך האב אויסגעקליבען צו נעהמען פאר מיין פרוי... יעצט זאגט אלע, איז זי ניט אזוי שעהן ווי רחב און פיעלייכט נאך שעהנער!

— זי איז געוויס שעהנער פאר רחב'ן! — האבען זיך געהערט שטימען.

— און זי וועט אונז קיינמאל ניט פארראטהען ווי רחב האט עס געטהאן!

— האט דער קרוינפרינץ ווידער געזאגט.

— אה, די פאררעטהערין! זי האט פארדיענט דעם טויט!

— פארוואס בריינגט מען שוין איהר ניט ארוים, — האבען די אומגע־דולדיגע אויסגערופען.

— אט קומען אן די לייב־וועכטער! — האט א דיענער געזאגט.

דער קעניג און קרוינפרינץ האבען שנעל א דרעה געטהאן די קעפ און נעקוקט אין דער ריכטונג פון וואנען זיי קומען אן.

— מיר דוכט זיך אז זיי קומען אהן רחב'ן און אהן גישון'ען, — האט דער קעניג אויסגערופען.

— יא! — האט דער קרוינפרינץ א געשריי געטהאן, — די דומע אייזלען! איך האב זיי אנגעזאגט זיי זאלען אויפברעכען די טיהר און זיי האבען עס ניט געטהאן. איך וועל זיי בעשטראפען!

— דאס פאלק איז שוין זעהר אומגעדולדיג! — האט סיחון אויסגערופען.

דער קרוינפרינץ איז אנטקעגען געגאנגען די לייבוועכטער און מיט צארן אויף זיי געשריען:

— וואו איז רחב? ! האב איך דען אייך ניט באפוילען אויפצוברעכען די

טיהר און ברייננען רחב׳ן מיט איהר פאטער!... פארוואס האט איהר מיר נים געפאָלגט!...

די לייב־וועכטער זיינען געשטאנען און געציטערט פון שרעק. דאס לשון האט ביי זיי אלעמען אפגענומען און קיינער האט קיין ווארט ניט געקענט ארויסריידען.

דער קרוינפרינץ האט ארויסגעצויגען זיין שווערד פון דער שייד און פאר־מעסטענדיג זיך געגען זיי, האט ער מיט א דונערנדע שטימע א געשריי געטהאן:

— פארוואס ענטפערט איהר מיר ניט!

— וואו איז רחב און גישון? — האט דער קעניג צו זיי זיך דערנעהענ־ערט און געפרעגט.

די לייב־וועכטער זיינען געפאלען מיט זייערע פנים׳ער צום באדען.

— זיי זיינען ניטא! — האט איינער פון זיי אויסגערופען, טרייסלענדיג זיך פון שרעק.

— וואס?! זיי זיינען ניטא?!.. ביזטו פון זינען געריהרט, — האט דער קעניג זיך צושריען, — שנעלער דערצעהל מיר וואו זיי זיינען אהינגעקומען.

— איך האב מורא אז רחב האט זיך ביי זיי געבעטען זיי זאלען זי אפלאזען, און זיי, די שוואכלינגע האבען איהר ניט געקענט ענטזאגען! אבער ניין! עס וועט זיי גארניט העלפען... מען זאל זיי גלייך ברייננען... — האט דער קרוינפרינץ זיך צושריען.

— א, מיין האר קעניג! — האט זיך א צווייטער פון די וועכטער גענומען אויסגליכען, — מיר זיינען צוגעקומען צו גישון׳ס הויז און גענומען קלאפען אין טיהר אבער קיינער האט אונז ניט געענטפערט. מיר האבען ניט געוואוסט וואס צו טהאן, האבען מיר געשיקט צוויי פון אונז צו זאגען דעם קעניג וועגען דעם, און ווען מען האט אונז אנגעזאגט אז מיר זאלען אויפברעכען די טיהר, האבען מיר אזוי געטהאן. און ווען מיר זיינען אריין אינעווייניג האבען מיר קיינעם ניט געפונען, דאס גאנצע הויז איז אויסגעליידיגט אזוי ווי קיין מענשען וואלטען דארט קיינמאל ניט געווען.

— וואס?! — האט דער קעניג און קרוינפרינץ אויסגערופען מיט צארן, — זיי זיינען ניטא? איז עס מעגליך?!... קיינער האט רחב׳ן ניט דערצעהלט אז מיר וויסען פון איהר פעררעטה.

— זיי מוזען געפונען ווערען און געבראכט ווערען פאר׳ן פאלק צום משפט!

— האט סיחון אויסגערופען, — מיר טארען דאס פאלק ניט ענטטוישען צום צווייטען מאל.

— ווי עס ווייזט אויס, האבען זיי צונויפגענומען זייער האב און גוטס און פארלאזען אונזער שטאדט! — האט נאך איינער א זאג געטהאן. — איך האב באמערקט אז די שטאלען זיינען אפען און די קעמלען און אייזלען זיינען אויך ניטא.

— אויב עס וועט געלינגען רחב׳ן צו אנטלויפען, וועסטו זיין אין גאנצען שולדיג! — האט סיחון זיך אפגערופען צו זיין זוהן, — איך האב דיר דאך אנגעזאגט אז קיינער זאל דערפון ניט וויסען ביז היינט אין דער פריה, און דו האסט זיך ניט געקענט באהערשען.

— א, פאטער, איך האב דיר דאך געזאגט אז מען זאל רחב׳ן און איהר

פאטער גלייך ארעסטירעז, און דו האסט מיר געראטהעז צו ווארטעז ביז מארגעז.

— עס געפינעז זיך נאך פעררעטער צווישעז אונז! — האט סיחוז אויסגערופעז. — מעז האט איהר געווים איבערגעגעבעז וואס איך פלאנעווע צו טהאָז צי איהר און צו איהר פאטער.

דער עולם איז געווארעז נאך מעהר אומגערולדיג. עס האבעז זיך גענומעז הערעז קולות און געשרייעז:

— וואו זיינעז זיי? וואו איז רחב? זאל מעז זיי ארויסברענגעז!

— דאס פאלק וועט שוין מעהר ניט וועלעז הערעז פון אזעלכע תירוצים!— האט סיחון געזאגט. — מיר וועלעז מוזעז צושטעלעז רחב׳ן צו זיי.

— איך בין זיכער, אז זיי מוזעז זיך געפינעז ערגעץ אין חשבון! — האט דער קאוינפרינץ געזאגט. די שומרים פון די טויערעז פון שטאדט וואלטעז זיי געווים בעמערקט.

— זאל מעז זיי אויפזוכעז! — האט דער קעניג בעפוילעז. — זאלעז אהער געבראכט ווערעז די שומרים פון די טויערעז.

— אבער וואס וועלעז מיר דערווייל זאגעז דעם המון? — האט דער קרוינפרינץ געוואונדערט.

— זייער גערולד וועט זיכער פלאצעז! איך וועל דארפעז זעהן צו טהאָן אלעס וואס מעגליך איינצושטילעז זייער צארן, — האט סיחון געזאגט. — עס וועט זיי זעהר שווער צו מאכעז זיי אלעמעז גלויבעז די זעלבע זאך צום צווייטעז מאל...

— אבער, דו זעהסט דאך פאטער, ווי אומרוהיג אלע זיינעז.

דער קעניג האט זיך דערנעהענטערט צו דעם פערזאמעלטעז המון און האט אויפגעהויבעז זיין האנד.

באלד זיינעז אלע איינגעשטילט געווארעז און סיחון האט אויסגערופעז:

— משה האט געשיקט אהער זיינע שלוחים און זיי האבעז א כישוף אונז אלעמעז אפגעטהאָן... רחב האט בעפרייט זיינע שלוחים און יעצט איז זי מיט איהר משפחה אנטלאפעז צו זיי אין לאגער, ווייל מיינע וועכטער האבעז געפונעז א ליידיג הויז!

עס האט אויסגעבראכעז א טומעל און א געפילדער:

— שוין צוויי מאל ווי מעז נארט אונז אפ!

— מיר וועלעז פון דאנעז ניט אפטרעטעז ביז וואנעז מעז וועט רחב׳ן איי בערגעבעז אין אונזערע הענד.

— מיר מוזעז טויטעז אונזער פעררעטעריז.

— ווער איז שולדיג אין רחב׳ס אנטלויפעז!

— מעז האט אונז ווידער פערראטעז.

סיחון האט אויפגעהויבעז זיין שווערד אלס א צייכעז, אז מעז זאל שטיל ווערעז, און ווייטער געזאגט:

— מיר מוזעז גלייך ארויסגעהן אויף מלחמה געגעז משה׳ן און זיין פאלק. מיר דארפעז אלע זיין געגרייט, און אויב רחב און איהר פאטער וועלעז גלייך ניט געפונעז ווערעז, וועלעז מיר נאך היינט ארויסגעהן מלחמה האלטעז מיט ישראל. אלע יונגע לייט זאלעז זיין געגרייט מיט וואפעז. די אפיצערעז וועלעז

נאכפאלגען מיך און דעם קרוינפרינץ. מיר וועלען די מלחמה גלייך אנפאנגען! איך בין זיכער, אז מיר וועלען געפינען רהב׳ן און איהר משפחה אין דעם לאגער פון ישראל.

באלד זיינען די אפיצערען ארויסגעקומען און גענומען שאלען מיט טרומייטען צוזאמענצורופען די יונגע העלדען.

דער המון האט זיך שוין געהאט פערגעסען צוליעב וועלכען צוועק זיי זיינען אהער צונויפגעקומען. זיי זיינען געווען גרייט אויף דעם קעניג׳ס רוף צו געהן אויף מלחמה.

עכסה, וועלכע איז די גאנצע צייט געשטאנען ווי צוטומעלט, ניט פערשטעהענדיג וואס דא איז פארגעקומען, און דערווייסענדיג זיך אז דער קעניג און זיין קרוינפרינץ קלייבען זיך אויף מלחמה געגען איהרע ברידער, איז איהר שרעק נאך גרעסער געווארען. זי האט זיך פלוצלינג פאנאדערגעכליפעט.

דער קרוינפרינץ האט דערהערט איהר כליפען און איז צו איהר צוגעקומען און זיך אפגערופען:

— פארוואס וויינסטו, עכסה?

— דו געהסט יעצט אויף מלחמה געגען מיינע ברידער, און דו האסט מיר פארשפראכען אז דו וועסט ראטעווען מיין פאטער און מוטער.

— איך ווייס ניט ווי אזוי איך וועל עס קענען טהאן, ווייל מיר געהן נאך היינט ארויס מלחמה האלטען. און ווען איך זאל אפילו שיקען א שליח צו דיינע עלטערען, וועלען איהם דיינע ברידער פערהאלטען. אבער זארג ניט, איך וועל שוין זעהן זיי אויפצוזוכען... אבער אפילו ווען זיי וועלען פאלען אין שלאכט מיט זייערע איבריגע ברידער, דארפסטו אויך ניט זיין פארצווייפעלט, ווייל אזוי שנעל ווי איך וועל זיך אומקעהרען א זיעגרייכער פון שלאכטפעלד, וועל איך דיך מאכען פאר מיין פרוי און דאן וועסטו זיך דארפען שעצען גליקליך און דו וועסט זיכער פארגעסען אן דיינע אייגענע.

עכסה האט ניט אויפגעהערט צו וויינען און צו בעטען איהם.

— איך וועל טהאן דיין פארלאנג, — האט דער קרוינפרינץ איהר פרובירט טרייסטען, — אבער בארוהיג זיך... דו וועסט בלייבען אין פאלאץ, די דינסטען און קאמער־מיידלעך וועלען אויף דיך גוט אויפפאסען אז קיין זאך וועט דיך ניט פעהלען ביז וואנען איך וועל זיך צו דיר אומקעהרען, און אויב איך וועל נאר האבען די מעגליכקייט וועל איך מיט זיך ברייגנען דיינע עלטערען.

— זיי זאלען נאר וויסען אז איך געפין זיך דא! — האט עכסה טרויעריג געזאגט, וויסענדיג אז דער קרוינפרינץ איז ניט ערנסט מיט זיין פארשפרעכען.

— זיי וועלען שוין וויסען וואו דו ביזט! — האט ער איהר געענטפערט, און איהר אנגענומען ביי דער האנד און צוריקגעפיהרט אין פאלאץ.

ער האט צוגערופען די הויפט קאמער־מיידעל און איהר געזאגט:

— דיזע געפאנגענע מיידעל פון ישראל וועט זיין מיין פרוי, און איך וויל אז דו זאלסט אויף איהר גוט אכטונג געבען. זעה אז עס זאל איהר גאר ניט פעהלען און ווען זי וועט טרויעריג ווערען, זאלסטו און די איבעריגע זעהן זי צו אמוזירען.

דער קרוינפרינץ האָט אויך אָנגעזאָגט די איבעריגע דינסטען מען זאָל גוט אכטונג געבען אויף עכסה'ן. און ער איז שנעל ארויס פון פּאַלאַץ.

אין דרויסען האָט שוין דער קעניג געוואַרט אויף זיין זוהן, און ווי נאָר ער איז ארויסגעקומען, האָט סיחון געגעבען א באַפעהל צו דער אַרמעע, און די סאָלדאַטען האָבען גענומען מאַרשירען מיט שאַלען און געשרייען, צו דעם ארויסגאַנג פון שטאָדט.

א גרויסע אַרמעע האָט נאָכגעפאָלגט סיחון'ען און דעם קרוינפּרינץ.

— מיר וועלען קעמפען פאַר אונזער לאַנד און אונזערע געטער! — האָט סיחון אויסגערופען צו זיינע סאָלדאַטען אויפהויבענדיג זיין שווערד, — מיר וועלען דאַרפען פאַרניכטען דאָס גאַנצע פאָלק ישראל, מיר וועלען ניט איבער־לאָזען קיין לעבעדיגען נפש... די קליינע קינדער און פרויען וועלען מיר פאַר־ניכטען... קיינער פון אייך זאָל ניט וואַגען צו נעהמען א אידישע מיידעל פאַר זיין פרוי, ווייל זיי קענען אלע געברויכען כשוף און אונז אָנטהאָן צרות.

— פאָטער, פאַרוואָס האָסטו אַזוי גערעדט וועגען די אידישע פרויען? ווייסטו דען ניט אז איך האָב בעשלאָסען צו נעהמען עכסה'ן פאַר מיין פרוי?

— און דאַריבער גלויב איך אז דו האָסט זיך בענאַרישט וואָס דו האָסט זי אריינגענומען אין פּאַלאַץ... דו האָסט פאַרגעסען אז ישראל איז פאַר פיעלע יאָהרען אָפּגעווען אין מצרים, דאָרט האָבען זיי זיך אויסגעלערנט ווי אַזוי צו מאַכען כשוף... און ווער ווייס וואָס פאַר א צרה עכסה וועט אויף דיר ברייני־גען... מיר געהען יעצט אויף מלחמה און ווער ווייס אויב דורך איהר כשוף וועסטו דיין לעבען ניט פאַרלירען?...

א שרעק איז אָנגעפאַלען אויף דעם קרוינפּרינץ, ווען ער האָט געהערט דיזע רייד פון זיין פאָטער.

— וואָס זאָל איך יעצט טהאָן? — האָט ער געפרעגט און א בלאַסקייט האָט זיין פּנים באַדעקט.

— געה צוריק און טויט איהר, דאַן וועסטו ניט דאַרפען מורא האָבען פאַר אידו'ס כשוף, — האָט סיחון איהם געענטפערט, — דו ווייסט דאָך אז דו ביזט מיין איינציגער זוהן און יורש פון מיין טראָהן, איך זוך נאָר דיין טובה... ווען איך האָב געזעהן אז עכסה איז די געפעלען געוואָרען, און רחב'ן האָסטו פאַרלאָרען, האָב איך דיר ניט געשטערט, אָבער יעצט ווען דו אליין זעהסט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט משה'ס שלוחים, און מיט רחב'ן, דאַרפסטו זיין זעהר פאָרזיכטיג... דו ווייסט דאָך ניט ווער די מיידעל איז... פיעלייכט וועט זי אויף דיר ברייגען אן אומגליק... יאָ, מיין זוהן, מיין עצה איז, אז דו זאָלסט זיך גלייך אומקעהרען אין פּאַלאַץ און זי טויטען.

— רחב איז ניטאָ, און יעצט וועל איך טויטען עכסה'ן... אָה, ניין, פאָטער, אַזא שעהנע מיידעל ווי עכסה וועל איך ניט אַזוי גיך געפינען... ווען איך וועל איהר טויטען און מיר וועלען זיך אומקעהרען זיעגרייך פון דער מלחמה, וועל איך נאָר איהר זעהר בענקען.

— און וואָס וועסטו טהאָן אז זי וועט דיך מיט איהר כשוף פאַרשילטען?

— האָט דער קעניג געזאָגט.

— וואַרט, פאָטער, איך האָב א פּלאַן! — האָט דער קרוינפרינץ אויס־גערופען מיט פרייד, — איך וועל זיך אומקעהרען אין פּאַלאַץ און צוזאַמענרופען

אלע דייסטען און קאמערמיידלעך און פאר עכסה׳ן אין די אויגען וועל איך זיי אנזאגען אז אויב מיט מיר וועט אן אומגליק פאסירען, זאלען זיי וויסען, אז דאס איז עכסה׳ס שולד, אז זי האט עס מיט כשוף געטהאן און דאריבער זאל זי פארברענט ווערען... דאן וועל איך זיין זיכער אז עכסה וועט זיך ניט בענוצען מיט כשוף מיר צו שעדיגען.

— דאס איז ניט קיין שלעכטער פלאן, — האט סיחון זיך אפגערופען, — אבער דו וועסט זיך מוזען צואיילען. מיר וועלען באלד דארפען אנפאנגען אונזער מארש צו דעם לאגער פון ישראל.

שנעל איז דער קרוינפרינץ צוריקגעריטען צו דעם פאלאץ. דארט האט ער פאררופען די קאמערמיידלעך, און אין עכסה׳ס געגענווארט זיך אפגערופען צו זיי:

— איך האב אייך אנגעזאגט אז איהר זאלט גוט אכטונג געבען אויף עכסה׳ן ווייל זי וועט מיין פרוי ווערען, ווען איך וועל זיך צוריקקיהרען פון שלאכטפעלד. און יעצט בין איך געקומען אייך אנזאגען, אז אין פאל מיט מיר וועט אן אומגליק פאסירען און איך וועל זיך פון שלאכטפעלד ניט אומקעהרען. זאלט איהר מאכען א גרויס פייער אין הויף פון דעם פאלאץ און פארברענען עכסה׳ן לעבעדיגערהייט...

— אה! — האט עכסה אויסגעשריען, — פארוואס קומט מיר אזוי בעשטראפט צו ווערען, מיט וואס האב איך געגען דיר געזינדיגט...

— מיין פאטער גלויבט אז דו בעזיצסט א כשוף, מיט וואס דו קענסט מיך שעדיגען, אבער ווען דו וועסט וויסען וואס דיר וועט ערווארטען אין פאל איך וועל זיין ניט צוריקקעהרען, וועסטו ניט נאר אפטהאן דעם כשוף פון מיר, נאר דו וועסט אויך בעטען דיין גאט ער זאל מיר העלפען אין דער מלחמה, כדי דאמיט דיין אייגענעם לעבען צו ראטעווען.

עכסה האט ארונטערגעלאזען איהר קאפ און זיך פאנאנדערגעוויינט. און דער קרוינפרינץ האט מיט שטרייטגע רייד נאך אמאל אנגעזאגט די הויפט קאמערמיידעל און די איבריגע דורכצופיהרען זיין באפעהל... דאס איז אויך דער פערלאנג פון קעניג. און אזוי וועט עס געשעהן... אבער ווען איך און מיין פאטער וועלען זיך צוריקקעהרען זיעגרייכע פון דער מלחמה, דאן וועל איך גלייך פייערען מיין חתונה מיט עכסה׳ן און איך וועל איהר געבען די טייערסטע ציערוני וואס איך וועל אוועקנעהמען פון די פרויען פון ישראל.

ווען דער קרוינפרינץ האט פארלאזען דעם פאלאץ, האבען די קאמערמיידלעך אריינגעפיהרט עכסה׳ן אין איהר צימער. זיי זיינען אלע געווען צופרידען מיט דעם קרוינפרינץ׳ס פארזאג. זיי האבען עכסה׳ן ניט איבריגס ליעב געהאט, איבערהויפט האט געהאסט עכסה׳ן די הויפט קאמערמיידעל, וועלכע איז געווען א ווייטע קרובה פון רחב׳ן. עס איז איהר געווען שווער צוצולאזען דעם געדאנק אז אט די דאזיגע עכסה זאל פארנעהמען רחב׳ס פלאץ... און זינט עס איז געווען רעכט ביי דעם קרוינפרינץ אומצובריינגען רחב׳ן, האט זי אין איהר הארצען אויף איהם א שנאה געטראגען. און דאריבער האט זי שטארק געוואונשען אז עפעס זאל פאסירען מיט דעם קרוינפרינץ, און דאן וועט זי אויך האבען דעם פארגעניגען צו פארברענען עכסה׳ן לעבעדיגערהייט.

א צופרידענער האט זיך דער קרוינפרינץ צוריקגעקעהרט אין לאגער, און האט זיך אפגערופען צו זיין פאטער:

— יעצט בין איך זיכער אז קיין שלעכטעס וועט מיר ניט געשעהן, ניט נאר וועט זי איהר כשוף אפטהאן פון מיר, נאר זי וועט אויך איהר גאט בעטען אז אונזער ארמעע זאל באזיעגען ישראל.

— אונזער ארמעע איז גרייט! — האט סיחון אויסגערופען, — לאמיר מארשיר'ען צום טייך ארנון, און דאן וועלען מיר אריבערגעהן דעם טייך און באפאלען פלוצלינג דאס פאלק ישראל.

דער קרוינפרינץ האט אויפגעהויבען זיין שפיען און געגעבען א צייכען צו זיין ארמעע. ער האט געריטען פאראויס, ביי זיין זייט זיינען געווען די אפיציר'ען וועלכע האבען גענומען שאלען מיט טרומייטען... דער קעניג סיחון איז געווען אין מיטען, ארומגערינגעלט פון זיינע גענעראלען און יועצים, מיט וועמען ער האט זיך בעראטהען ווי אזוי אנצופיהרען די מלחמה.

זיי זיינען צוגעקומען צו דעם פלאץ יהץ און דארטען האבען זיי גערוהט.

— מיר וועלען דארפען פאנגען זייער פיהרער משה'ן און ברייגנען איהם אין חשבון, דארטען וועלען מיר איהם טויטען פאר די אויגען פון אונזער גאנצען פאלק, — האט סיחון אויסגערופען, — און דאן וועלען מיר באווייזען די איבריגע פעלקער פון כנען ווי אזוי מיר האבען פארניכטעט אונזער אלגע־מיינעם שונא.

— מיר וועלען איינלאדען אלע קעניגע פון די שכני'שע מלוכות, זאלען זיי אויך בייוואהנען ווען מיר וועלען דעם פיהרער פון ישראל הינריכטען. דאן וועלען מיר פון זיי קענען פארלאנגען א גרעסערען צינז.

גאנץ פריה האט יהושע באפוילען צו שאלען מיט די שופרות און צוגריי־טען זיין ארמעע, אריבערצוגעהן דעם טייך ארנון. עס האט לאנג ניט גענומען און אלע זיינען געווען גרייט.

— זאלען זיי פריהער עסען די שפייז וואס זיי האבען אנגעגרייט, ווייל עס איז מעגליך אז נאך היינט וועט אונז אויסקומען צו קעמפען געגען סיחון'ען. יעדער מוז זיין גרייט, ווייל שפעטער וועט קיין צייט ניט זיין צו עסען.

די סאלדאטען האבען אפגעגעסען צו זאט, און דאן איז יהושע מיט זיי אריבער דעם שמאלען טייך ארנון, דורך דעם פלאץ וואו דאס וואסער איז גע־ווען זעהר פלאך.

עתניאל האט געפיהרט זיינע הונדערט גבורים צום ערשטען. ער איז מיט זיי ארויפגעגאנגען אויף דעם דערבייאיגען בארג און בעטראכט דורך וועלכען וועג עס וועט זיין בעסער פאר זיי זיך צו דערנעהנטערן צו דער שטאדט חשבון. פלוצים האט ער באמערקט אז א מחנה קומט אן.

— דער שונא קומט אונז אן אנטקעגען! — האט עתניאל אויסגערופען, און שנעל ארונטער מיט זיינע סאלדאטען פון בארג און אנגעזאגט יהושע'ן.

— מיר זיינען גרייט דעם שונא צו עמפאנגען, — האט יהושע א קאמאנ־דעווע געטהאן. — יעדער האט זיך געכאפט צו זיין שווערד, און די בויגען־שיסער צו זייערע פייל און בויגען. די פיער ארמעען האבען זיך א לאז געטהאן אין פייער בעזונדערע ריכטונגען.

— די הילף איז צו גאט! — האט יהושע אויסגערופען, און זיך א לאז געטהאן צום שונא אנטקעגען.

סיחון און זיין קרוינפרינץ זיינען איבערראשט געווארען פון יהושע׳ם פלוצלינגען איבערפאל. א ביטערער קאמף האט זיך אנגעפאנגען. פיילען זיינען געפלויגען פון ביידע זייטען.

— קליין איז יהושע׳ס ארמעע! — האט דער קרוינפרינץ אויסגערופען, — מיר וועלען זיי קענען בייקומען אהן שוועריגקייטען. קעמפט מיט העלדישקייט פאר אייער קעניג און לאנד!... קומט פאראוים!... ווייזט דעם שונא אייער גבורה.. דער סוף פון ישראל איז נאהענט.

ווען דער קאמף האט זיך צופלאקערט, האט יהושע באפוילען זיין ארמעע צו בלייבען שטעהן אויף איין ארט.

— זאל דער שונא זיך דערנעהנטערען צו אונז, דאס וועט געבען א געלעגענהייט די אנדערע דריי ארמעען ענגער איהם ארומצורינגלען, און ווען מיר וועלען דערהערען דאס שאלען פון דעם שופר, וועלען מיר זיך פאראוים א שטורים טהאן אויף דעם שונא, און מיט דער הילף פון אונזערע ברידער וועלען מיר האבען דעם שונא ארומגערינגעלט פון פיער זייטען.

מיט שאלען און געשרייען האבען זיך די אמורים אריינגעווארפען אין קאמף.. דער קרוינפרינץ האט געפיהרט זיין ארמעע פונקט געגען יהושע׳ן. ווען ער האט יהושע׳ן דערזעהן פון וויטען רייטענדיג אויף זיין פערד, האט ער איהם דערקענט.

— אט איז יהושע! — האט דער קרוינפרינץ אויסגערופען, אנצייגענדיג מיט זיין שפיעז אויף איהם, — ער איז דאך דערזעלבער וועלכער איז פון אונזערע געפענגנים אנטלאפען. שנעלער לאמיר נקמה נעהמען אן איהם.

צוועלף הונדערט העלדען פון יהושע׳ס ארמעע האבען, רייטענדיג אויף זייערע פערד, זיך א לאז געטהאן מיט זייערע לאנגע שפיזען און שווערדען.

א טויט שרעק איז אנגעפאלען אויף דעם קרוינפרינץ און ער האט גענומען צוריקטרעטען. באלד אבער האט ער דערהערט פארצווייפעלטע געשרייען פון די הינטערשטע טיילען פון זיין ארמעע. ער האט באמערקט ווי זיין פאטער, דער קעניג, נעהמט לויפען צו רעכטס, ער האט זיך אויך אהין פארנומען, אבער צו זיין גרוים שרעק האט ער זיך דארטען באגעגענט מיט עתניאל׳ם העלדען.

א האנד צו א האנד שלאכט איז פארגעקומען. דעם קרוינפרינץ׳ם סאלדאטען האבען מיט פארביטערונג געקעמפט, אבער באלד האבען זיי געזעהן אז זיי זיינען ארומגערינגעלט פון אלע זייטען. הונדערטע פון זיי זיינען געפאלען טויט אין שלאכט

סיחון׳ם ארמעע איז איהם געקומען צו הילף, אבער דא האט עתניאל זיך א צילעווע געטהאן מיט זיין פייל און בויגען און האט אריינגעשאסען א פייל אין סיחון׳ם הארץ. דער קעניג איז באלד אומגעפאלען טויט.

ווען זיי האבען געזעהן אז זייער קעניג איז טויט, האבען די אמורים גענומען צוריקטרעטען. באלד אבער האבען זיי געזעהן אז דער וועג פון הינטען איז פאר זיי אויך פארצאמט. פון אלע זייטען זיינען זיי געווען ארומגערינגעלט. זיי האבען פרובירט ארויסציגען א ווידערשטאנד, אבער באלד זיינען זיי געפאלען ביים שווערד.

עתניאל האט דעם קרוינפריץ געפאנגען א לעבעדיגען. ער האט איהם געבראכט פאר יהושע'ן.

— צוויי פון זיינע אפיצירען זיינען אנטלאפען געווארען, — האט עתניאל געמאלדען יהושע'ן און די איבריגע האבען מיר מיט'ן שווערד געטויטעט.

— יעצט וועלען מיר אריינגעהן אין זייער הויפט־שטאדט חשבון, — האט זיך יהושע אפגערופען, — פיליכט וועט זיך אונז איינגעבען דארטען צו געפינען עכסה'ן און זי ראטעווען.

— אויב דו ווילסט געפינען עכסה'ן א לעבעדיגע, וועסטו מיך דארפען בעפרייען! — האט דער קרוינפרינץ זיך אפגערופען צו יהושע'ן.

— ווייסטו וואו עכסה געפינט זיך? — איז עתניאל צו איהם צוגעלאפען און מיט נייגעריגקייט איהם געפרעגט.

— איך ווייס וואו זי איז! — האט דער קרוינפרינץ געענטפערט.

— זאג מיר ווי זי האט אויסגעזעהן, וועל איך זעהן אויב דו זאגסט דעם אמת, — האט עתניאל זיך אפגערופען.

דער קרוינפרינץ האט אויסגעמאלען ווי עכסה האט אויסגעקוקט און עתניאל האט אויסגערופען:

— יא. עס איז ריכטיג, ער ווייס וואו עכסה געפינט זיך... זאג מיר, איז שלום צו איהר?

— ביז יעצט איז געווען שלום צו איהר, אבער ווען דו וועסט מיר שלעכטעס טהאן, וועט אויך שלעכטעס צו איהר געשעהן.

— וואס מיינסטו? — האט עתניאל איהם געפרעגט.

— איידער איך האב אונזער שטאדט פארלאזען, האב איך עכסה'ן איבער־געגעבען, אין די הענד פון מיינע פארטרויענס־ווערטהע דיענער און זיי אנגעזאגט אז אזוי שנעל ווי זיי וועלען דערהערען אז מיט מיר האט אן אומגליק פאסירט, זאלען זיי גלייך פארברענען עכסה'ן... און יעצט אויב איך וועל דא געטויטעט ווערען, וועסטו אויך עכסה'ן ניט געפינען צווישען די לעבעדיגע.

— וואו געפינט זי זיך? — האט יהושע איהם שטרענג א פרעג געטהאן.

— זי געפינט זיך אין א פארבארגענע הייהל צוזאמען מיט מיינע מענשען.

— פיהר אונז שנעל צו יענער הייהל! — האט עתניאל אויסגערופען.

— פריהער וועסטו מיר מוזען שווערען אז דו וועסט מיך באפרייען, דאן וועל איך דיר זאגען וואו די הייהל געפינט זיך.

— מיר וועלען דיך ניט טויטען, באפרייען אין גאנצען וועלען מיר דיך ניט קענען. פיהר אונז אהין וואס שנעלער איידער מיר וועלען חרוב מאכען דיין שטאדט חשבון, — האט יהושע געזאגט.

— שווער מיר אויב דו וועסט מיך ניט טויטען.

— אויב דו וועסט אונז ווייזען די פארבארגענע הייהל און מיר וועלען דארטען טרעפען עכסה'ן א לעבעדיגע, שווער איך דיר, אז מיר וועלען דיך ניט טויטען, דו וועסט בלויז פארבלייבען אונזער געפאנגענער, — האט עתניאל אויסגערופען, — אבער קום וואס שנעלער.

עתניאל האט דעם קרוינפרינץ געבונדען די הענד און איהם ארויפגעזעצט אויף זיין פערד.

— יעצט זאג מיר וואו די הייהל געפינט זיך.

— המ... — האָט דער קרוינפּרינץ געגומען שטאַמלען, — עכסה געפינט זיך ניט הייהל... איך האָב דיך אָפּגענאַרט.

— אויב אַזוי, טאָ וואו דען געפינט זי זיך? — האָט עתניאל מיט צאָרן אויסגערופען.

— זי געפינט זיך... זי געפינט זיך אין מיין פּאַלאַץ! — האָט ער געענטפערט.

— אין דיין פּאַלאַץ?

— יא, איך האָב זי געוואָלט נעהמען פאַר מיין פרוי... אָבער יעצט בין איך אין די הענד פון מיין שונא... מיין פאָטער, דער קעניג איז טויט, און איך בין אליין פאַרבליבען... צוויי פון מיינע אָפיצירען האָט זיך איינגעגעבען צו אַנטלויפען, זיי וועלען באַלד דערגרייכען די שטאָדט, און ווען זיי וועלען אין פּאַלאַץ לאָזען וויסען וועגען מיין מפּלה, וועלען די קאַמערמיידלעך באַלד אויספיהרען מיין באַהעהל וואָס איך האָב זיי געגעבען איידער איך האָב פאַרלאָזען חשבון.

— וואָס איז דיין באַפעהל געווען?

— איך האָב דיר געזאָגט אַז מיין באַפעהל איז אַז מען זאָל עכסה׳ן פאַרברענען אַ לעבעדיגע.

— לאָמיר שנעל געהן אויף חשבון! — האָט יהושע געזאָגט צו עתניאל׳ן,

— ווי גאָר מיר וועלען אריין אין שטאָדט וועסטו מיט דיינע גבורים ארומרינגלען דעם פּאַלאַץ, און אונזער גאָט, וועלכער האָט דעם שונא איבערגעגעבען אין אונזערע הענד, וועט אויך בעשיצען דיין עכסה׳ן. און דו ביזט אויך פּטור פון דיין שבועה וואָס דו האָסט צו איהם געשוואָרען, ווייל ער האָט דיך אָפּגענאַרט.

— אומזיסט איז דיין פרייד! — האָט דער קרוינפּרינץ אויסגערופען, — נאָך איידער דו וועסט אָנקומען אין שטאָדט וועט שוין דיין עכסה זיין פאַרברענט, ווייל די צוויי אָפיצירען וועלכע זיינען אַנטלאָפען, האָב איך געהייסען גלייך לויפען אין פּאַלאַץ און אָנזאָגען אַז מען זאָל מיין באַפעהל דורכפיהרען און פאַרברענען עכסה׳ן, ווייל צוליעב איהר כשוף האָבען מיר די מפּלה געליטען.

— אויב שלעכטעס וועט געשעהן צו עכסה׳ן וועלען מיר פון דיר שניידען גלידערווייז! — האָט יהושע געזאָגט, — און גלייך באַפוילען זיין אַרמעע צו מאַרשירען אויף דער שטאָדט חשבון.

די צוויי אָפיצירען פון דעם קרוינפּרינץ וועלכע זיינען קוים מיט זייער לעבען אַנטלאָפען פון דעם פלאַץ פון דער מלחמה, זיינען אָנגעקומען אין חשבון און אָנגעזאָגט די טרויעריגע נייעס צו די איינוואָהנער פון שטאָדט.

א גרויסער פּחד איז אויף אַלעמען אָנגעפאַלען. די פרויען האָבען גענומען יאָמערען און קלאָגען:

— אָה, וואָס וועט יעצט פון אונז ווערען?!... מיר זיינען אַלע פאַרלאָרען!... וואו איז דער קרוינפּרינץ?... פיעלייכט וועט ער אונז קענען העלפען!

— איהם האָבען די אידען ארומגערינגעלט, און יעצט איז ער אין זייערע הענד. דער קרוינפּרינץ האָט אָבער געוואוסט אַז דאָס האָט אַלעס פאַראורזאַכט די אידישע געפאַנגענע וועמען ער האָט געוואָלט נעהמען פאַר זיין פרוי... זי האָט אַ כשוף אָפּגעטהאָן און זי האָט אַ גרויסען אומגליק אויף אונז אַלעמען

געבראכט. יעצט וועט מען דארפען דורכפיהרען דעם קרוינפרינץ׳ס באפעהל און פארברענען די אידישע מיידעל. דאן וועט זיך דער כשוף אפטהאן פון אונז און אונזערע געטער וועלען אונז קומען צו הילף.

— פארברענט מוז זי ווערען! — האבען די פרויען גענומען שרייען, — זאל זי פארברענט ווערען, און זאלען די געטער אפטהאן זייער צארן פון אונז.

— קומט לאמיר געהן זעהן ווי זי ברענט! — האבען די אלטע לייט אויסגערופען.

די אפיצירען האבען גענומען לויפען צום פאלאץ און דער פערזאמעלטער המון האט זיי נאכגעפאלגט.

— אונזער קעניג איז טויט! דער קרוינפרינץ איז געפאנגען! אונזער גאנץ לאנד איז אין גרויס געפאהר! — האט אן אפיציר אויסגערופען. — און אין דעם איז שולדיג די אידישע געפאנגענע! זי האט מיט איהר כשוף אונז פאר־אומגליקט... יעצט וועלען מיר דארפען אויספיהרען דעם קרוינפרינץ׳ס באפעהל. ברייגנט ארויס די מכשפה און מיר וועלען זי פארברענען... אבער מיר מוזען דאס טהאן וואס שנעלער!

ענסה איז געווען די גאנצע צייט פארשפארט אין א צימער. טרויעריגע געדאנקען האבען איהר געעגבערט: וואס עס זאל ניט געשעהן איז זי א פער־לארענע... זי האט מתפלל געווען צו גאט ער זאל געבען א נצחון צו איהרע ברידער. עס וועט זיין א סך בעסער פאר איהר פארברענט צו ווערען איידער ארייגצופאלען אין דעם קרוינפרינץ׳ס הענד... זי האט געהאפט אז גאט וועט איהר פאלק ישראל נישט פארלאזען און וועט איבערגעבען סיחון׳ען און דעם קרוינפרינץ אין זייערע הענד.

די הויפט קאמערמיידעל פלעגט איהר ארייגברייגען איהר מאלצייט און צו איהר קיין ווארט ניט אויסריידען. אבער ענסה איז געווען צופרידען וואס מען לאזט איהר צורות.

פלוצים האט זיך די טיהר פון איהר צימער אויפגעעפענט און די הויפט קאמערמיידעל איז אריינגעקומען.

— קום מיט מיר! — האט זי מיט א בייזע שטימע א זאג געטהאן.

ענסה האט זיך אויפגעשטעלט פון איהר פלאץ און איהר אנגעקוקט. זי האט גלייך געקענט זעהן אן איהר פנים אז עפעס האט פאסירט.

— איז דער קרוינפרינץ דא? — האט ענסה מיט שרעק אויסגערופען.

— דאס וועסטו באלד אויסגעפינען אין הויף פון פאלאץ! — האט די הויפט קאמערמיידעל געענטפערט — דאס פייער איז גרייט.

— דאן האבען מיינע ברידער געזיעגט! — האבען ענסה׳ס אויגען אויפ־געלויכטען, — געלויבט איז גאט.

— דו וועסט שוין באלד לויבען דיין גאט ווען דאס פייער וועט דיך נעהמען אנווארעמען... דו מכשפה!

— אזוי לאנג ווי מיינע ברידער האבען געזיעגט, וועל איך מיט צופרי־דענהייט געהן צום פייער, — האט ענסה מיט שטאלץ געענטפערט.

אין הויף פון פאלאץ האבען זיך פערזאמעלט פיעלע פרויען און אלטע לייט, וועלכע זיינען געקומען זעהן ווי מען וועט פארברענען די אידישע גע־פאנגענע.

— אידער מען וועט איהר פארברענגען, דארף מען איהר צווינגען זי זאָל שילטען אונזערע שונאים! — האָט איינער פארגעשלאָגען.

— זי וועט אונז ניט פאָלגען, — האָט געזאָגט איינער פון די אָפיצירען.

— וועלען מיר איהר פייניגען... מיר וועלען איהר אויסטהאָן נאקעט און שטעכען איהר קערפּער מיט הייסע שפּיזען.

— אָט קומט זי אָן! — האָט דער צווייטער אָפיציר אויסגערופען, און צוגעלייגט נאָך האָלץ צו דעם פייער.

אלע האָבען אָנגעווענדעט זייערע בליקען און געקוקט ווי עכסה געהט מיט שטאָלצע טריט און א געהויבענעם קאָפּ.

— זי ציינט ניט ארוים קיין סמנים פון שרעק! — האָט א פרוי זיך אָפּגערופען.

— אזוי זיינען די מכשפות... זיי האָבען ניט מורא פאר דעם טויט.

— מען דארף איהר פריהער גוט אָנפּייניגען און נאכהער פארברענען.

דאָס פייער האָט זיך צופלאקערט. יעדער איינער האָט צוגעלעגט עטליכע צווייגען און די פונקען זיינען געפלויגען פון אלע זייטען.

עכסה איז צוגעפיהרט געוואָרען נעהנטער צום פייער. איהרע בעגלייטער האָבען זיך אָפּגעשטעלט און צוגעהאלטען עכסה'ן ביי די הענד.

— דו וועסט פריהער שילטען דיינע ברידער! — האָט אן אָפיציר זיך צו איהר אָפּגערופען, — דורך דיין כשוף איז אונזער קעניג געטויטעט געוואָרען, און דעם קרוינפּרינץ האָבען דיינע ברידער געפאנגען. יעצט פארלאנגען מיר פון דיר אז דו זאָלסט זיי שילטען און זאָל דיין כשוף אויך זיי שעדיגען.

— איך בין ניט קיין מכשפה! — האָט עכסה מיט שטאָלץ געענטפערט, — אונזער תורה האָט פארבאָטען צו טהאָן כשוף, און ווען עס געפינט זיך א מכשפה צווישען אונז מוז זי געטויטעט ווערען.

— דו וועסט מוזען טהאָן ווי מיר פערלאנגען פון דיר, אז ניט וועסטו ערגער ׳טאַכען.

— איך בין געגרייט אויף אלעס... איך בין אין אייערע הענד, איהר קענט טהאָן מיט מיר וואָס איהר ווילט... דאָס פייער פלאקערט... וואַרפט מיך אריין...

— ניין, דו וועסט טהאָן ווי מיר פערלאנגען. דו וועסט שילטען דעם פיהרער פון ישראל און נאכהער אלע דיינע ברידער... מיר ווייסען אלע אז דער אומגליק איז אויף אונז געקומען דורך דיין מויל, און יעצט וועסטו טהאָן דאסזעלבע צו דיינע ברידער.

עכסה האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען צום הימעל און אויסגערופען:

— געלויבט ביזטו גאָט וואָס דו האָסט דיין פאָלק ישראל ניט פארלאָזען און איבערגעגעבען דעם שונא אין זייערע הענד... טהו דיין חסד פון זיי אויף ווייטער ניט אָפּ, בעשיץ מיין ליעבען עתניאל אז קיין בייז זאָל צו איהם ניט געשעהן.

— זי פאָלגט אונז ניט, אנשטאט צו שילטען, בענשט זי איהרע ברידער, — האָט דער אָפיציר אויסגערופען, — ברייננט מיר די הייסע שפּיזען, און רייסט ארונטער פון איהר די קליידער, — האָט ער זיך געווענדעט צו דער הויפּט קאמערמיידעל.

יהושע און עתניאל מיט זייערע ארמעען זיינען צוגעקומען צו דער שטאדט חשבון. די טויערען זיינען געווען פארשלאסען, אבער די שומרים זיינען דארטען ניט געווען.

— מיר וועלען דארפען שטורמען די טויערען און זיי אויפברעכען — האט יהושע זיך אפגערופען, און ער האט געהייסען זיינע העלדען אפצוהאקען בוימער און מיט די קלעצער צוברעכען די טויערען פון שטאדט.

— דאס וועט געדויערען צו לאנג! — האט עתניאל געזאגט, — און דערווייל האב איך מורא וועט זיין צו שפעט צא ראטעווען עכסה׳ן.

— עס איז שוין צו שפעט! — האט דער קרוינפרינץ זיך אפגערופען מיט א נצחון־שמייכעל, — מיינע דינער האבען שוין לאנג דורכגעפיהרט מיין באפעהל ווען דו וועסט יעצט קומען וועסטו קענען געפינען בלויז די אש פון איהר קערפער... יא, דאס וועט זיין מיין נקמה אן איהר... רחב האט זיך פון מיינע הענד ארויסגעדרעהט, אבער זי וועט פאר אלעס בעצאהלען.

— רחב! — האט יהושע אויסגערופען, — וואס האט מיט איהר פאסירט, האסטו זיך דערוואוסט אז זי האט אונז באפרייט פון געפענגנים?..

— איך האב דעם זעלבען טאג זיך דערוואוסט, און זי און איהר פאטער האבען געזאלט געהאנגען ווערען אנשטאט אייך.

— און ווי אזוי האבען זיי זיך בעפרייט פון שטראף, — איז יהושע נייגעריג געווארען.

— רחב איז מיט איהר משפחה אנטלאפען געווארען אין מיטען נאכט צו אייך אין לאגער... איך האב געהאפט אז מיר וועלען אייך בעזיגען, און איך וועל זיך קענען מיט איהר אפרעכענען פאר איהר פערראטה, אבער ניט אזוי איז געווען דער ווילען פון אונזערע געטער...

— רחב איז ניט געקומען צו אונז אין לאגער! — האט יהושע זיך אפגערופען, — ווייסטו פיעלייכט פון אן אנדער פלאץ וואו רחב האט געקענט אנטלויפען?

— ניין! ווען זי וואלט אנטלאפען אין א שטאדט פון די ארומיגע מלוכות וואלט מען זי איבערגעגעבען אין אונזערע הענד, ווייל די פעלקער פון ארום לעבען בשלום מיט אונז, און זיי וואלטען ניט אריינגעלאזען איינע וועלכע האט אונז פערראטהען.

— און יעצט, אז דו ווייסט אז זי איז אויך ניטא צווישען אונז, וואס דענקסטו האט מיט איהר געקענט פאסירען?

— מעגליך אז זי איז געטויטעט געווארען פון ווילדע חיות אין וואלד, אדער מיינע מענשען האבען איהר דערגרייכט און געטויטעט. זיכער אבער בין איך יעצט אז זי איז שוין ניט צווישען די לעבעדיגע.

א טרויער האט בעדעקט יהושע׳ס פנים... איז עס מעגליך אז די שעהנע גוטהערציגע רחב זאל מיט איהר לעבען בעצאהלען פאר איהר נאבעלע טהאט?!

די סאלדאטען האבען דערווייל געבראכט די אפגעהאקטע בוימער און האבען גענומען ברעכען די טויערען.

— די טויערען זיינען זעהר שטארקע און עס וועט געדויערען זעהר לאנג ביז וואנען עס וועט זיך אונז איינגעבען זיי אויפצוברעכען! — האט עתניאל

געזאָגט. — איך וועל מיט מיינע העלדען געהן דורך דעם וועג וואָס רחב האָט אונז געצייגט...

— יענער וועג איז צו לאַנג און איך גלויב אז מיר וועלען דאָ פאַרטיג ווערען איידער דו וועסט אהין צוקומען.

— אָרער מיין אומגליקליכע עכסה! — האָט עתניאל אויסגערופען, און די טרעהרען האָבען איהם געשטיקט, — גאָט ווייס אויב איך וועל זי שוין געפינען צווישען די לעבעדיגע... אָהן איהר איז מיין לעבען גאָר ניט ווערטה.

— און גאָט ווייס וואָס עס האָט פּאַסירט מיט רחב׳ן, וועלכע האָט איהר לעבען פאַר אונז ביידען איינגעשטעלט, — האָט יהושע געזאָגט, — לויט די רייד פון דיזען רשע מוז זי שוין אויך זיין טויט.

— פון דיינע רייד, יהושע, קומט אויס, אז דו ביזט זיכער אז עכסה איז שוין טויט! — האָט עתניאל מיט שרעק געזאָגט.

— מיר דאַרפען האָפען צו גאָט, אז ער וועט זי בעשיצען פון שלעכטעס!
— האָט יהושע געזאָגט, — זי איז דאָך די טאָכטער פון מיין פריינד כלב (קאַלייוו). און ער האָט דאָך ניט געזינדיגט צו גאָט אז ער זאָל אזוי בעשטראָפען א גוטען און עהרליכען מענשען.

די קלעפּ פון די קלעצער אויף דעם טויער האָט זיך געהערט שטאַרקער און שטאַרקער. אָט איז שוין דער ערשטער טויער אויפגעבראָכען געוואָרען.

— מיר האָבען געדאַרפט אונטערצינדען די שטאָדט, און דאַן וואָלטען מיר קיין שוועריגקייט ניט געהאַט! — האָט זיך איינער פון יהושע׳ס אָפיצירען אָפּגערופען.

— דאָרטען געפינט זיך עכסה, כלב׳ס טאָכטער, און ווען מיר וועלען די שטאָדט אונטערצינדען, וועט זי פיעלייכט אויך אומקומען מיט די איבריגע.

— אָבער לויט די רייד פון דעם קרוינפּרינץ האָט מען זי שוין זיכער פאַרברענט.

— מיר לעגען ניט קיין אכט צו זיינע רייד! — האָט יהושע געזאָגט, — גאָט וועט זי באַשיצען.

— מיין באַפעהל איז איכער דורכגעפיהרט געוואָרען, — האָט דער קרוינ־פּרינץ געזאָגט מיט א ביטערען שמייכעל, — איך פאַרזיכער דיר, אז עכסה איז פאַרברענט געוואָרען. די קאַמערמיידלעך האָבען זי אָפּגעהיט און פון זייערע הענד וועט זי ניט אנטלויפען.

אין א ווײַלע אַרום איז שוין אויך דער צווייטער טויער אויפגעבראָכען געוואָרען, און יהושע און עתניאל זיינען אריין מיט זייערע אַרמעען אין שטאָדט.

ביז שנעל איז עתניאל געלאָפען מיט זיינע הונדערט העלדען צום פּאַלאַץ.

אזוי שנעל ווי יהושע האָט באַזיעגט סיחון, דעם קעניג פון אמורי, און זיין אַרמעע, האָט ער געשיקט אָנזאָגען משה׳ן וועגען דעם גרויסען זיעג.

משה האָט צוזאַמענגערופען די עלטסטע פון פאָלק און זיי געזאָגט:

— אונזער גאָט האָט מיט אונז ווידער א חסד געטהאָן. איך האָב נאָר וואָס געקראָגען די גוטע בשורה אז סיחון און זיין אַרמעע זיינען פאַרניכטעט געוואָרען. יעצט איז געקומען די צייט אז מיר זאָלען אריבערגעהן דעם טייך ארנון

מיט אונזערע פרויען, קליינווארג און מיט אלעם וואס מיר פארמאגען, כדי מיר זאלען זיין וואס נעהנטער צו די גרעניצען פון אונזער לאנד.

כלב און זיין פרוי און זייער גאנצע משפחה זיינען געווען אין גרויס טרויער צוליעב זייער טאכטער עכסה... איהר מוטער האט ניט אויפגעהערט צו וויינען, און צוליעב דעם וואס כלב האט זיין פרוי ניט געוואלט איבערלאזען אליין אין דיזער צייט פון זייער אומגליק, האט ער זיך ניט בעטייליגט אין דער מלחמה ווי ער האט עס פריהער געפלאנט.

ווען ער האט זיך דערוואוסט פון דעם גרויסען זיעג וואס יהושע האט אפגעהאלטען איבער סיחון'ען, איז צו זיין פרייד קיין גרעניץ ניט געווען.

— יעצט בין איך זיכער, אז אונזער טאכטער וועט געראטעוועט ווערען פון זייערע אומריינע הענד, — האט כלב זיך אפגערופען צו זיין פרוי, און איהר געהייסען זיין גרייט צום וועג. — מיר געהען באלד אריבער דעם טייך און מיר דערנעהנטערען זיך צו אונזער זיעגרייכע ארמעע.

— גאט ווייס אויב מיר וועלען שוין ווען עס איז זעהן אונזער טאכטער א לעבעדיגע! — האט זי געוויינט איהרע טרעהרען, — מיין טהייערע טאכטער... ווער האט זיך גערעכנט אז מיט דיר זאל אן אומגליק פאסירען!...

מיט פרייד און געזאנג האבען די אידען נאכגעפאלגט זייער פיהרער משה און אר'בערגעגאנגען דעם טייך ארנון... אויף'ן וועג נאך יהץ האבען זיי געזעהן טויזענדע קערפערס פון דעם שונא וואלגערנדיג זיך אין די פעלדער.

— גאט איז געווען מיט אונז און מיר האבען בעזיעגט זעהר א שטארקען שונא! — האט משה געזאגט. און זיי האבען זיך דערנעהנטערט צו דער שטאדט חשבון.

די אפיצירען און די קאמער־מיידלעך האבען ארומגערינגעלט עכסה'ן און איהר גענומען פייניגען זי זאל שילטען איהרע ברידער... דאס פייער האט גע־פלאקערט, פונקען האבען געשפריצט אין אלע זייטען.

— אויב דו וועסט אפטהאן דעם כשוף פון אונז און שילטען די ישראלים וועלען מיר דיך ניט פארברענען. — האט דער אפיציער געזאגט. — אבער ווען דו וועסט אונז ניט פאלגען וועלען מיר דיר פריהער אנטהאן גרויסע צרות און נאכהער וועסטו אריינגעשליידערט ווערען אין דיזען פייער.

עכסה האט גארניט געענטפערט. זי האט מיט בליקען פון פעראכטונג גע־קוקט אויף אלעמען ארום איהר.

די קאמער־מיידלעך האבען גענומען ארונטעררייסען פון איהר די קליידער.

פלוצלינג האט זיך דערהערט א געשריי און א טומעל. די פארזאמעלטע אין דעם הויף פון פאלאץ האבען זיך געלאזט לויפען מיט ווילדע געשרייען פון שרעק.

— דער שונא קומט אן! דער שונא קומט אן!

— מיר זיינען פארלארען! מיר זיינען פארלארען! — האבען די אפיצירען אויסגערופען, און אפגעלאזען עכסה'ן.

— לאמיר איהר פריהער ארייווארפען אין פייער, — האט די הויפט פון די קאמער־מיידלעך זיך אפגערופען, — מיר האבען אלץ איינס ניט וואס צו פארלירען... אבער זאל זי אויך געטויטעט ווערען... דאס וועט זיין די נקמה אז איהר וועלכע האט אונזער אומגליק פעראורזאכט.

די אפיצירען האבען א נעהם געטהאן עכסה'ן און איהר גענומען שלעפען

צום פייער... אט זיינען זיי שוין בלויז עטליכע טריט פון דארט... די צונגען פייער ווערען גרעסער... די היץ ארום יענעם פלאץ ווערט אונערטרעגליכער... אט הויבען זיי אויף עכסה'ן... זי זעהט דעם טויט פאר די אויגען... עס פאנגט איהר אן שווינדלען און טומלען...

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

ווען זי האט אויפגעעפענט איהרע אויגען האט זי דערזעהן עתניאל'ן נעבען זיך, באלד איז זי צו זיך געקומען און פארשטעלט מיט איהרע הענד די נאקעט־קייט פון איהר קערפער... זי האט געזעהן ווי די צוויי אפיצירען ליגען דערשטא־כענע דערביי.

— עתניאל!! — האט זי אויסגערופען, און באלד אויסגעבראכען אין א געוויין.

— בערוהיג זיך עכסה! — האט עתניאל אויסגערופען, און איהר בארעקט מיט קושען, — געלויבט איז גאט וואס ער האט מיך אין צייט געבראכט, ווען איך וואלט אנגעקומען מיט איין רגע שפעטער, וואלט שוין געווען פארפאלען... דיזע רשעים האבען דיך שוין אויפגעהויבען ארייננצושליידערען אין פייער. יעצט ליגען זיי טויט, איך האב זייביידען מיט מיין שווערד צום טויט דערשלאגען.

— און מיין פאטער און מוטער!? — האט עכסה איהם באלד געפרעגט.

— שלום איז צו זיי. מיר האבען בעזיעגט סיחון'ען מיט זיין ארמעע. דער קרוינפרינץ איז געפאנגען אין אונזערע הענד. יהושע האט דיזען גרויסען נצחון איבער דעם שונא אבגעהאלטען... געבענשט זאלען זיינע הענד זיין.

עתניאל האט פון זיך אראפגענומען זיין אויבער־בגד און דאמיט איינ־געהילט עכסה'ן... זיינע הונדערט גבורים זיינען געשטאנען ניט וויט פון איהם. זיי האבען געהיט די איבריגע זאלען ניט אנטלויפען.

באלד האט זיך פון וויטען דערזעהן יהושע מיט זיין ארמעע. יהושע האט צוגעפיהרט דעם קרוינפרינץ צו דעם פלאץ וואו עתניאל איז געשטאנען מיט עכסה'ן.

א שוידער איז דורכגעדרונגען עכסה'ס קערפער ווען זי האט דעם קרוינ־פרינץ דערזעהן.

— שרעק זיך ניט, מיין ליעבע עכסה, — האט עתניאל געזאגט, — דיזער רשע וועט באלד זיין שטראף בעקומען. פיעל בלוט האט ער פארגאסען און יעצט איז געקומען די צייט פון גאט'ס נקמה. צו איהם וועט געטהאן ווערען אזוי ווי מיר האבען געטהאן צו זיין פאטער, דעם קעניג.

יהושע איז גלייך צוגעגאנגען און באגריסט עתניאל'ן און עכסה'ן.

— געלויבט איז גאט וואס ער האט דיך פון זיכערען טויט גערעטעוועט. אונז האט ער דורך רחב'ן גערעטעט, און דיך האט גאט דורך אונז גערעטעט... א, ווען איך זאל בלויז וויסען וואו רחב געפינט זיך יעצט, אויב זי לעבט נאך... זי האט א נאבעלע נשמה... זי האט איהר לעבען אין סכנה איינגעשטעלט כדי אונז צו ראטעווען... מיר זיינען דאך געווען פרעמד צו איהר, אבער זי האט ניט געקענט צוזעהן קיין אומרעכט... זי האט אויפגעגעבען א קעניגליכען פאלאץ, און ערגעץ־וואו פארוואגעלט געווארען... און ווער ווייס אויב זי איז נאך צווי־שען די לעבעדיגע.

— מיין האר! — האט עתניאל זיך אפגערופען צו יהושע׳ן, — מיר האבען שוין כמעט אלע אויפגעגעבען די האפנונג צו זעהן עכסה׳ן צווישען די לעבעדיגע, אבער גאט האט זי בעשיצט און מיך געשיקט אין צייט זי צו ראטעווען... אזוי וועט גאט אויך בעשיצען רחב׳ן פאר דעם חסד וואס זי האט געטהאן מיט אונז...

— איך האב געשטעלט שומרים ביי די טויערען פון שטאדט, — האט יהושע געזאגט, — און קיינער וועט פון דאנען ניט אנטלויפען... מיר וועלען אלע איינוואהנער פארניכטען און קיין געדעכנים וועט פון זיי ניט איבערבלייבען. און די שטאדט חשבון וועלען מיר מאכען פאר אונזער צייטווייליגען רוהע־פלאץ, ביז וואנען גאט וועט אונז העלפען און מיר וועלען אריבערגעהן דעם ירדן און איינגעהמען דאס לאנד כנען, וואס גאט האט אונזערע עלטערען פארשפראכען אפצוגעבען צו אונז...

— זאלען מיר גלייך טויטען דעם קרוינפרינץ? — האט עתניאל געפרעגט יהושע׳ן.

— מיר וועלעןווארטען ביז וואנען אונזער האר משה און די איבריגע פון ישראל וועלען אהער אנקומען. זאלען אלע צוזעהן די נקמה אן דעם שונא וועלכער האט פארווארפען אונזער פרידליכען אנבאט און אונז געזוכט שלעכטעס צו טהאן.

אייף דעם צווייטען טאג איז משה אנגעקומען מיט די איבריגע פון ישראל. גרויס איז געווען אלעמענס שמחה ווען זיי האבען דערזעהן דעם גרויסען זיעג וואס יהושע האט אבגעהאלטען איבער דעם שונא אויף די גרעניצען פון דעם פארשפראכענעם לאנד... נאך גרעסער איז געווען די פרייד פון כלב׳ן און זיין פרוי ווען זיי האבען דערזעהן עכסה׳ן... זיי האבען שוין געהאט אויפגעגעבען אלע האפנונגען אז זי איז צווישען די לעבעדיגע.

באלד האט מען פאר אלעמען אין די אויגען אויפגעהאנגען דעם קרוינפרינץ און פארניכטעט די איבריגע וועלכע האבען זיך בעהאלטען אין חשבון. און משה האט זיך באזעצט מיט׳ן פאלק אויף דערווייל אין חשבון.

משה האט געשיקט מרגלים אין דער שטאדט יעזר, וואס געפינט זיך אין צפון פון חשבון. און האט דארט אויך געשיקט אן ארמעע און איינגענומען די שטאדט מיט די ארומיגע דערפער.

דערווייל איז מען געקומען אנזאגען משה׳ן אז עוג, דער קעניג פון בשן, האט צונויפגעזאמעלט אן ארמעע און קומט מלחמה האלטען מיט ישראל.

ווען דאס איז בעקאנט געווארען צווישען די אידען, איז אויף אלעמען אנגעפאלען א פחד, ווייל עוג איז בעוואוסט געווען פאר א שטארקען קעניג.

משה האט בערוהיגט דאס פאלק און איז אליין מיטגעגאנגען אויף דיזער מלחמה, און נאך א גרויסען קאמפף האט משה אויך בעזיעגט עוג מלך הבשן. פארניכטעט זיין גאנצעס פאלק און גע׳ירשנ׳ט זיין לאנד.

רחב און איהר משפחה האבען זיך דערנעהנטערט צום ירדן. דארטען ביים ברעג טייך האבען זיי געטראפען א נאג, זיי האבען געקויפט שפייז ביי די איינוואהנער פון די דערבייאיגע דערפער, זיי האבען גענומען טראכטען וואס ווייטער צו טהאן.

— דער איינציגער פלאץ וואו מיר וועלען קענען זיצען אין פריעדען איז יריחו, — האט רחב זיך אפגערופען צו איהר פאטער, — דער קעניג פון יריחו

האָט דאָך ניט לאַנג צוריק בעזוכט חשבון און ער האָט מיך געזעהן אין פּאַלאַץ, און איך בין זיכער אז ער וועט אונז ערלויבען זיך צו באזעצען אין זיין שטאָדט.

— דו ווערסט דאָך דאַרפען איהם אַנגעבען אַן אורזאכע פאַרוואָס מיר האָבען פאַרלאָזען השבון, און וואָס וועסטו איהם זאָגען?

רחב האָט א ווײַלע א טראַכט געטהאָן, נאָכהער האָט זי זיך אָפּגערופען:

— איך וועל זאָגען דעם קעניג אז אזוי ווי די מחנות פון ישראל האָבען זיך דערנעהנטערט צו אונזער שטאָדט חשבון, האָט דער קרוינפּרינץ, מורא האָבענדיג אז צו מיר זאָל קיין שלעכטעס ניט פּאַסירען, מיך געראַטהען איך זאָל אוועקגעהן נאָך יריחו, און דאָרטען פאַרבלייבען ביז וואַנען די מלחמות וועלען פאַריבערגעהן.

— דאַן וועט ער דאָך פרעגען, פאַרוואָס דיין גאַנצע משפּחה איז מיט דיר מיטגעגאַנגען, — האָט נישון זיך אָפּגערופען.

— וועל איך איהם ערקלעהרען, אז איך האָב מורא געהאַט אוועקצוגעהן אין א פרעמדע שטאָדט אליין, און דאריבער איז מיין משפּחה מיט מיר מיטגעגאַנגען.

— דאָך האָב איך מורא אז דו מאַכסט א געפעהרליכען שריט, מיין טאָכטער, וואָס וועסטו טהאָן ווען דער קעניג פון יריחו וועט קומען א צווייטען מאָל אויף א באַזוך צו מיין ברודער אין פּאַלאַץ, דאַן וועט ער דאָך אַלעס אויסגעפינען?!...

— ניט אזוי שנעל וועט דער קעניג פון יריחו קומען נאָך חשבון. דעם צווייטען אָפּצאָהל פון צינזען וועט ער איהם דאַרפען ברייגנען ערשט סוף דיזען יאָהר, א.ז. ביז דאַן וועט מעגליך קיין זכר ניט פאַרבלייבען פון חשבון... די קינדער פון ישראל וועלען טהאָן צו איהם ווי זיי האָבען געטהאָן צו מצרים און צו די אַנדערע קעניגע וועלכע האָבען זיך מיט זיי אַנגעפאַנגען.

ווען רחב איז מיט איהר משפּחה אַנגעקומען אין יריחו, האָט זי פאַרלאַנגט פון די בעאַמטע וועלכע זיינען געווען ביי די טויערען פון שטאָדט, זיי זאָלען מעלדען דעם קעניג פון יריחו אז נישון, דער ברודער פון סיחון, איז געקומען מיט זיין טאָכטער רחב, וועלכע איז פאַר׳קנס׳ט צום קרוינפּרינץ.

דער קעניג האָט זיי פיין אויפגענומען.

רחב האָט איהם דערצעהלט אז דער קרוינפּרינץ האָט זי אהער געשיקט צוליעב זיכערקייט, און יעצט איז זי געקומען אין יריחו צוזאַמען מיט איהרע עלטערן, מיט איהרע שוועסטער און ברידער און זי פערלאַנגט א פּלאַץ וואו זי און איהר משפּחה וועלען זיך קענען בעזעצען.

דער קעניג פון יריחו, וועלכער איז שטאַרק בעצויבערט געוואָרען פון רחב׳ס שעהנקייט האָט זיך צו איהר אָפּגערופען:

— אויב דיר געפעלט קענסטו פאַרבלייבען מיט דיין משפּחה אין דעם פּאַלאַץ. דיר איז דאָך בעוואוסט ווי שטאַרק באַפריינדעט איך בין מיט סיחון׳ען. מיר צאָהלען איהם צינזען בלויז צוליעב דעם אז ער זאָל אונז בעשיצען געגען דעם אַנקומענדען שונא, געגען ישראל... איך וועל זיך קענען שעצען גליקליך אויב איך וועל האָבען די מעגליכקייט צו טהאָן עפּעס פאַר דער צוקינפטיגער קעניגין פון חשבון.

— איך דאַנק דיר, מיין האַר קעניג, פאַר דיין גנאָדע, — האָט רחב איהם

געענטפערט מיט א לייכטען שמייכעל, — אבער דער קרוינפרינץ האט מיר פארזאגט איך זאל ניט וואהנען אין דעם קעניגליכען פאלאץ.

— איך פארשטעה! — האט דער קעניג פון יריחו געלאכט, — ער גלויבט אז אזא זעלטענע שעהנהייט ווי דו איז ניט זיכער אין א קעניג׳ס פאלאץ... גוט, דו קענסט זיך אויסקלייבען דעם בעסטען פלאץ פון שטאדט.

— אויב מיין האר קעניג וועט ניט האבען דאנעגען, וואלט איך אויסגע־קליבען פאר אינזער וואהנונגס־פלאץ א הויז וואס געפינט זיך אין דער וואנט וואס ארומגעלט ארום יריחו.

— פארוואס עפעס דארט? האסטו דען קיין שעהנערען פלאץ ניט געפונען אין שטאדט? — האט דער קעניג געפרעגט רחב׳ן.

— ווייל אין דער מויער פון שטאדט וועל איך קענען מיין הויז מאכען פאר אן איינפיהרהויז וואו מענשען וועלען קומען עסען, טרינקען און איבערנעכטיגען. איך וועל דורך דעם האבען די מעגליכקייט צו ערנעהרען מיין משפחה.

— גוט, איך גיב דיר מיין ערלויבניס, — האט דער קעניג געזאגט, — דו געפין זיך א פאסיגע הויז אין דעם מויער פון שטאדט און דו וועסט זיך דארטען קענען בעזעצען מיט דיין משפחה.

דער מויער וואס האט ארומגערינגעלט יריחו, צו בעשיצען די שטאדט פון שונא, איז געווען זעהר ברייט. פיעלע הייזער זיינען אריינגעבויט געווארען אין דעם מויער.

רחב האט אויסגעקליבען איינע פון די גרעסערע הייזער, וועמעס פענסטער האבען אריוסגעקוקט פון אויסער דער שטאדט און פון אינעווייניג. רחב האט בעצאהלט צעהן שטיקער זילבער פאר׳ן הויז און זי האט זיך דארטען בעזעצט מיט איהר משפחה.

דערווייל איז אין יריחו געקומען די נייעס אז משה האט פארניכטעט די צוויי מעכטיגע קעניגע, סיחון דעם קעניג פון אמורי, און עוג דעם קעניג פון בשן. און א גרויסער פחד איז געפאלען אויף אלע איינוואהנער פון יריחו.

דער קעניג האט זיך שטארק גענומען שרעקען אז משה זאל יעצט ניט קומען מלחמה האלטען מיט איהם. ער האט גלייך ארויסגעגעבען א באפעהל צו באפעס־טיגען דעם מויער וואס בעשיצט די שטאדט, נאך שטארקער. ער איז אוועק מיט זיינע ראטהגעבער צו דעם טויער פון שטאדט און בעטראכט ווי אזוי צו באפעס־טיגען דעם מויער.

רחב האט אויפגעעפענט אן אכסניא אין איהר הויז, און סוחרים פון אנ־דערע שטעדט וועלכע פלעגען קומען האנדלען אין יריחו פלעגען זיך אפשטעלען אין רחב׳ס קרעטשמע, וואו זיי פלעגען קריגען גוטע שפייז, וויין און אויך א פלאץ וואו צו שלאפען.

דער קעניג אליין פלעגט אפט אריינקומען אין רחב׳ס קרעטשמע, וואו ער פלעגט פארברייננגען מיט זיינע שרים ביי א גלאז וויין.

יעדעס מאל ווען ער פלעגט דערזעהן רחב׳ן, האט זי אויסגעקוקט שעהנער אין זיינע אויגען. ער האט גענומען טראכטען גאנץ אפט פון איהר און ער האט בעשלאסען אז ער וועט זי צונעהמען צו זיך אין פאלאץ און זי וועט ווערען איינע פון זיינע פרויען.

איין אווענט ווען דער קעניג האט פארבראכט אין רחב׳ס קרעטשמע, האט

ער ארויסגעשיקט זיינע שרים און בלייבענדיג מיט איהר אליין, האָט ער זיך צו איהר אָפּגערופען:

— די ווייסט, רחב, נאָך דעם ערשטען מאָל ווען איך האָב דיך דערזעהן, האָסטו געפונען חן אין מיינע אויגען, אָבער דאָן האָב איך זיך ניט ערלויבט צו טראַכטען פון דיר, ווייל דאָן האָסטו געהערט צו סיחון'ס קרוינפּרינץ, און ער איז מיין פריינד געווען. יעצט אָבער ווען ניט סיחון און ניט דער קרוינפּרינץ זיינען צווישען די לעבעדיגע, האָב איך בעשלאָסען אריינצונעהמען דיך אין מיין פּאַלאַץ... ווייל פאַר אַזאַ שעהנע פרוי ווי דו ביזט פּאַסט ניט צו זיין אַ קרעטשמער־רין און אַ שפּייזפאַרקויפערין, דו דאַרפסט זיצען אין אַ קעניגליכען פּאַלאַץ, ווי דאָס וואָלט געשעהן ווען דער קרוינפּרינץ וואָלט געלעבט... דאַריבער בין איך געקומען דיך איינצולאַדען צו ווערען איינע פון מיינע פרויען און צו זיין אין מיין פּאַלאַץ... און די קרעטשמע וועסטו איבערגעבען איינע פון דיינע שוועסטער.

— גרויס איז דיין חסד וואָס דו ווילסט טהאָן מיט דיין דינסט! — האָט רחב איהם געענטפערט, — אָבער איך האָב געשוואָרען צו די געטער אַז איך וועל ניט הייראַטען מיט קיין צווייטען ביז וואַנען מיר וועט געלינגען זיך אָפּצו־רעכענען מיט די וועלכע האָבען פאַראורזאַכט דעם חורבן פון מיין לאַנד און דעם טויט פון מיין געליעבטען קרוינפּרינץ... איך האָף, מיין האַר, אַז דו אַליין וועסט מיר צו הילף קומען און זעהן אַז איך זאָל די מעגליכקייט האָבען מיין שבועה דורכצופיהרען.

— איך בין זיך מודה, רחב, — האָט דער קעניג פון יריחו זיך אָפּגערו־פען, — אַז אַ גרויסע שרעק האָבען משה'ס זיעגען אויף מיר ארויפגעוואָרפען, מיין האַרץ צוגעהט אין מיר ווי וואַסער ווען איך נעהם טראַכטען אַז ישראל דערנעהנטערט זיך צום ירדן. מיין לאַנד איז דאָס ערשטע וואָס איז אויסגעזעצט צום אַנגריף פון די אידען. איך האָב שוין פּרובירט שיקען שלוחים צו די אַנ־דערע שבנים'שע קעניגע זיי זאָלען מיר קומען צו הילף, אָבער דערווייל האָב איך נאָך קיין ענטפער פון זיי ניט געקראָגען, ווי עס ווייזט אויס, זיינען זיי אַליין אויך שטאַרק דערשראָקען פון משה'ן און זיין פאָלק, און ווילען ווי ווייט מעגליך אויסמיידען אַ קריעג מיט איהם. די איינציגע האָפנונג וואָס איך האָב, אַז דער מויער וואָס רינגעלט ארום יריחו איז זעהר אַ שטאַרקע פעסטונג, און ווען משה וועט זעהן אַז יריחו איז אַזוי שטאַרק באַפעסטיגט, וועט ער אָפּציהען זיין פאָלק פון דאַנען. און דאָן וועל איך מיט מיין אַרמעע ארויסקומען און איהם אין גאַנצען פאַרטרייבען פון דיזען געגענד.

— יענער טאָג וואָלט פאַר מיר אַ גרויסער יום טוב געווען! — האָט רחב געזאָגט, — מיין האַרץ געהט מיר אויס פאַר דעם טויט פון מיין געליעבטען און ביז וואַנען איך וועל אַן משה'ן און אַן זיין פאָלק ניט זעהן קיין נקמה, וועט מיין שבועה צו די געטער פאַרבלייבען. און דו, מיין האַר קעניג, וואָלסט דאָך ניט געוואָלט אַז איך זאָל מיין שבועה ברעכען און דורך דעם די געטער דער־צאָרנען... יאָ, מיר דאַרפען אַלע אויסקוקען אויף זייער הילף.

— דו ביזט גערעכט, רחב! — האָט דער קעניג געענטפערט, — יעדען טאָג בין איך צו די געטער מתפלל אַז איך זאָל באַזיעגען משה'ן און זיין פאָלק, אויב זיי וועלען קומען מלחמה האַלטען מיט מיר... איך בעט די געטער אַז זיי זאָלען אין גאַנצען אָפּווענדען משה'ן און ישראל פון מיין לאַנד... אָבער יעצט,

אז דו האָסט אזא שבועה געגעבן, וואָלט איך זיי אנטקעגנגעגאנגען, אויב איך וואָלט נאָר זיכער געווען אז זיי וועלן האָבן א נידערלאַגע.

— איך האָב געהערט אז משה איז שוין אַלט, און ער האָט בעשטימט א נאָכפאָלגער וועלכער זאָל פיהרען די מלחמות מיט די פעלקער פון כנען, און דער נאָכפאָלגער איז יהושע, דער זוהן פון נון.

— איך האָב אויך זעהר פיעל געהערט פון דיזען העלד! — האָט דער קעניג געזאָגט, — אבער אלע ווייסען אז די מאכט פון ישראל קומט פון זייער פיהרער משה, און ווען ער וועט שטארבען, דאַן וועט ישראל'ס גבורה פאַרשווינדען.

* * *

רחב איז געווען זעהר צופרידען וואָס איהר האָט זיך איינגעגעבען אָפּצוּווענדען דעם קעניג פון איהר מיט דעם איינפאַל וועגען איהר שבועה צו די געטער. זי איז דערוויי׳ל געווען זיכער אז דער קעניג וועט איהר צורה לאָזען ביז וואַנען יהושע וועט אנקומען מיט זיין חיל און מלחמה האַלטען מיט יריחו. זי האָט געהאָפּט אז יהושע וועט ניט פאַרגעסען דעם חסד וואָס זי האָט געטהאָן צו איהם און צו זיין פריינד, און ער וועט איהר קיין שלעכטעס ניט טהאָן... זי פלעגט זיך נאָכפרעגען ביי יעדען פרעמדען וואָס פלעגט קומען אין איהר קרעטשמע, וואָס ער האָט געהערט פון ישראל, און ווען יענער פלעגט איהר דערצעהלען וועגען די גבורות און נצחונות פון די קינדער פון ישראל, פלעגט א גרויס פרייד איהר ארומנעהמען.

ניט איינמאָל האָט זי געטראכט פון פאַרלאָזען יריחו און אוועקגעהן צום לאַגער פון ישראל, אבער זי האָט ניט געוואוסט ווי אזוי זיי וועלען איהר דאָרט אויפנעהמען. פיעלייכט וועלען זיי ניט וועלען זי זאָל קומען צווישען זיי. איהר פאָטער האָט איהר אויך דערפון אָפּגעשלאָגען:

— דער קעניג פון יריחו איז זעהר גנעדיג צו אונז. ער האָט אונז געגעבען דעם אויסוואַהל צו וואָהנען אין דעם מויער פון שטאָדט, און ער טראכט אפילו פון צו נעהמען דיך פאַר זיין פרוי. טאַ ווי אזוי וועסטו קענען איהם טהאָן שלעכטעס?...

— ער איז ניט בעסער פון דעם קרוינפּרינץ! — האָט רחב געענטפערט איהר פאָטער, — ער האָט אויך פיעל אומשולדיגעס בלוט פאַרגאָסען, און איך האָב געפונען חן אין זיינע אויגען ווייל איך בעזיץ א שעהן פּנים... און דערצו איז ער נאָך איין זיך נעגאַרט... ער גלויבט אז איהם וועט זיך איינגעבען צו באַזיעגען די אַרמעען פון משה'ן און פון זיין נאָכפאָלגער יהושע...

— דו דאַרפסט אבער זיין זעהר פאַרזיכטיג ניט צו ריידען קיין גוטעס אויף ישראל, — האָט גישון איהר געזאָגט.

— איך האָב שוין געוואוסט ווי אזוי צו ריידען צו איהם. איך האָב איהם געמאכט צו גלויבען אז איך האָב געשוואָרען צו די געטער אז איך וועל ניט הייראַטען ביז וואַנען איך וועל זעהן א נקמה אין ישראל... יעצט איז דער קעניג זיכער אז איך בין ישראל'ס שונא און ער וועט מיך קיינמאָל ניט חושד זיין אין פריינדשאַפט צו זיי...

— איך האָב געהערט אז דריי פון זיינע ראַטהגעבער האָט ער געלאָזט טויטען ווייל זיי האָבען איהם געראַטהען צו שיקען שלוחים פון שלום צו משה'ן.

— יא, ער האט זיי דערפאר געטויטעט ווייל זיי האבען איהם געגעבען די ריכטיגע׳ עצה... ער פארגעסט אז די מלוכות פון סיחון, דעם קעניג פון אמורי, און פון עוג, דעם קעניג פון בשן, זיינען געווען שטארקער פאר זיין מלוכה, און אויב יענע זיינען פארניכטעט געווארען פון משה׳ס שווערד, וועט יריחו געווים אריינפאלען אין ישראל׳ס הענד... אבער איך וועל איהם ניט וואגען צו ראטהען ער זאל שיקען שלוחים פון פריעדען צו משה׳ן, ווייל דאן וועט שוין קיין פריעדען צו מיר ניט זיין.

פינפטער קאפיטעל

יהושע — משה׳ס נאכפאלגער

נאכדעם ווי משה האט איינגענומען דאס גאנצע לאנד פון בשן, האט ער זיך אומגעקעהרט צום בארג נבו, אין די פלאך־לענדער פון מואב.

דאס גאנצע לאנד פון דיזער זייט ירדן איז געווען זעהר גוט פאר פאשע און אזוי ווי די צוויי און א האלב שבטים, ראובן, גד, און א האלבער שבט מנשה, האבען געהאט זעהר פיעל שאף, האבען זיי פערלאנגט פון משה׳ן ער זאל זיי אפגעבען דיזעס לאנד.

— וואס מיינט איהר? — האט זיך משה אויף זיי אנגעבייזערט — אייערע ברידער וועלען געהן ווייטער מלחמה האלטען און איהר וועט זיך דא באזעצען און געניסען פון אלעס?

— א ניין! — האט דער עלטסטער פון די צוויי און א האלב שבטים זיך אפגערופען, — מיר וועלען ארומצאמען פלעצער פאר אונזערע בהמות און אויפ־שטעלען געצעלטען פאר אונזערע קינדער, און מיר, יעדער פון אונז, וועלכער איז געזונט און קרעפטיג, וועט געהן קעמפפען צוזאמען מיט אונזערע איבריגע ברידער געגען אונזערע שונאים, און ניט נאר וועלען מיר העלפען די ברידער אין זייערע מלחמות, נאר מיר וועלען זיין די ערשטע צום קאמף, מיר וועלען שטענדיג פארנעהמען די פאר־ערשטע רייהען אין אונזערע מלחמות.

— גוט! — האט משה אויסגערופען, — מיט דיזען תנאי וואס איך מאך אפ מיט אייך וועל איך נאכגעבען אייער פארלאנג.

פאר יהושע׳ן און אלעזר דעם כהן גדול האט משה אפגעמאכט דיזען תנאי כפול מיט די צוויי און א האלב שבטים:

״אויב זיי וועלען געהן פאראויס אין יעדער מלחמה, דאן וועלען זיי זיך קענען בעזעצען אין דעם לאנד פון גלעד און בשן, און אויב זיי וועלען אזוי ניט טהאן, וועלען זיי מוזען זיך בעזעצען צווישען אייך אין כנען״.

משה האט געזעהן אז זיינע טעג זיינען געצעהלטע. ער האט צוזאמענגערופען אלע זקנים און חשוב׳ע לייט פון ישראל און מיט זיי איבערגעלערנט די גאנצע תורה.

— איך בין שוין אלט און שוואך, און עס איז דער ווילען פון גאט אז ניט איך זאל אייך אריינברייגגען אין דעם פארשפראכענעם לאנד, אין דעם לאנד פון מילך און האניג. איך האב אייך צוגעפיהרט צו די טויערען פון לאנד, און איהר זייט אלע גרייט אריבערצוגעהן דעם ירדן און איינעהמען דאס לאנד כנען וואס גאט האט פארשפראכען אונזערע אבות אפצוגעבען צו זייערע קינ־

דער. איך האָב קיין בעסערען און מעהר פאַסיגען מאַן ווי יהושע, דעם זוהן פון נון, ניט געפונען וועלכער זאָל פארנעהמען מיין פּלאַץ. ניט איינמאָל האָט ער זיין גבורה ארויסגעוויזען, זיין געטרייהייט און איבערגעבענהייט צו גאָט און צו זיין פאָלק ישראל איז ביי אלעמען בעוואוסט. אין די לעצטע צוויי מלחמות, מיט סיחון, דעם קעניג פון אמורי, און עוג, דעם קעניג פון בשן, האָט ער באוויזען אז ער איז ווירדיג צו זיין דער פיהרער פון ישראל. איהר דאַרפט נאָר זיין געהאָרכזאַם צו איהם און פאָלגען אלעס וואָס ער וועט אייך זאָגען. איהר קענט זיך אויף איהם פארלאָזען, ער וועט אייך, מיט גאָט'ס הילף, ארייןפיהרען אין כנען. ער וועט דאָס לאַנד צוטיילען צו די שבטים, און ווי ער וועט בעשטימען אזוי וועט זיין.

משה האָט אויפגעהויבען זיינע הענד און זיי ארויפגעלייגט אויף יהושע'ס קאָפּ און ער האָט איהם געבענשט.

— זיי געבענשט צו גאָט, יהושע, דו זאָלסט באַגליקען אין אלע דיינע וועגען. דורך דיר וועט גאָט זיין הבטחה מקיים זיין און אין דעם לאַנד כנען וועט ווערען דאָס לאַנד פון ישראל. און זעה, יהושע, דאָס פאָלק וואָס איך גיב איבער אין דיינע הענד איז נאָך צאַרט און יונג, בעהאַנדעל זיי מיט צערטליכ־קייט און מיט רחמנות.

די עלטסטע פון ישראל האָבען אויסגעבראָכען אין א געוויין:

— פארלאָז אונז ניט, משה, אונזער פיהרער, אונזער רבי! דו האָסט אונז באפרייט פון שקלאַפעריי פון מצרים, דו האָסט אונז געפיהרט פערציג יאָהר אין דער מדבר... און יעצט פארלאָזט אונז?!...

— אזוי איז דער ווילען פון גאָט! — האָט משה זיי מיט טרעהרען אין די אויגען געענטפערט, — אָבער גאָט האָט אייך געגעבען מיין נאָכפאָלגער, וועלכער וועט באַגליקען איז אלע זיינע אונטערנעהמונגען. ער וועט טהאָן צו די איבריגע פעלקער פון כנען ווי ער האָט געטהאָן צו די פעלקער מיט וועמען ער האָט פריהער מלחמה געהאַלטען.

משה האָט פארענדיגט זיינע רייד. נאָכהער האָט ער אלעמען געבענשט און זיך מיט יעדען געזעגענט.

די פערזאַמעלטע האָבען פון איהם די גאַנצע צייט ניט אָפּגעטראָטען. יעדער איז געשטאַנען וואַך און געוואַרט משה זאָל ארויסקומען פון זיין געצעלט.

גאַנץ פריה ווי דער מאָרגען־שטערען איז אויפגעגאַנגען, און די אלע וועל־כע זיינען געוועזען ארום זיין געצעלט, האָבען געדרעמעלט, איז משה שטילערהייט ארויס פון זיין געצעלט און איז ארויף אויף דעם בארג נבו. ער האָט נאָך אמאָל בעטראַכט זיין פאָלק ישראל וואָס איז איהם געוועזען אזוי ליעב און טייער. יעצט רוהען זיי אלע אין זייערע געצעלטען... א ברכה האָט פון זיינע ליפּען געפליס־טערט...

די זון האָט אָנגעהויבען אויפצוגעהן אין מזרח... עס האָט אָנגעפאַנגען ליכ־טיג צו ווערען... משה האָט צום לעצטען מאָל בעטראַכט דאָס היילינע לאַנד... באַלד האָט ער אויסגעהויכט זיין היילינע כשר'ע נשמה... ער איז געשטאָרבען בנשיקה צו הונדערט און צוואַנציג יאָהר.

א שרעקליכער טרויער האָט געהערשט צווישען אלע אידען ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט אז זייער ליעבער פיהרער, דער געטליכער מאַן, משה, איז טויט.

— אזא מאן ווי משה איז קיינמאל ניט געווען פאר איהם און וועט ניט זיין נאך איהם, — האבען די אידען געיאמערט.

אין א קורצע צייט ארום זיינען אנגעקומען אין יריחו איינינע סוחרים פון מואב און האבען דערצעהלט אז משה, דער פיהרער פון ישראל איז געשטארבען אויף דעם בארג נבו.

א גרויסע שמחה האט ארומגענומען דעם קעניג פון יריחו ווען ער האט דאס דערהערט.

— אויב עס זאל זיין אמת, דאן האב איך שוין ניט וואס מורא צו האבען פאר דעם פאלק ישראל! — האט ער אויסגערופען מיט א פרעהליכער שטימע, — ישראל האט פארלארען זיין פיהרער און יעצט זיינען זיי ווי שאף אהן א פאסטוך.

צו זיין זיכער אז דאס וואס ער האט געהערט פון די מואבים איז ריכטיג, האט ער ארויסגעשיקט איינינע פון זיינע פארטרויענסווערטהע מענשען און זיי זיינען אוועק נאך מואב און צוגעקומען ניט ווייט פון דעם פלאץ וואו דער לאגער פון ישראל איז געווען. זיי האבען זיך גוט צוגעקוקט און זיי האבען באמערקט ווי אלע אידען זיינען אין גרויס טרויער.

— וואס האט פאסירט דארטען אין דעם לאגער פון ישראל? — האבען די מענשען פון יריחו געפרעגט איינינע פון מואב.

— זייער פיהרער און געטליכער מענש משה איז געשטארבען, — איז געווען דער ענטפער. — דרייסיג טעג וועט געדויערען דער טרויער. דא וועלען זיי בלייבען די גאנצע צייט פון טרויער און באוויינען דעם גרויסען פארלוסט וואס זיי האבען ערליטען.

די שלוחים האבען זיך אומגעקעהרט נאך יריחו און באשטעטיגט די קלאנגען אז משה איז טויט.

ערשט דאן האט זיך דער קעניג פון יריחו גענומען פרעהען.

— יעצט האבען מיר שוין געוויס ניט וואס מורא צו האבען פאר די קינדער פון ישראל! — האט ער אויסגערופען, — איך וועל ארויס מיט מיין ארמעע זיי אנטקעגען און איך וועל זיי אפווישען פון אונטער די הימלען.

ער האט איינגעלאדען רחב׳ן אין זיין פאלאץ און געטרונקען וויין מיט גרויס פרייד.

— יעצט וועט דיין שבועה מקיים ווערען! זייער פיהרער איז טויט און דו זעהסט א נקמה אן ישראל! — האט דער קעניג אנגענומען רחב׳ס האנד, — יעצט וועלען מיר קענען פייערען צוזאמען דיזע שמחה און דו וועסט ווערען מיין פרוי.

— ניין! — האט רחב געזאגט, — משה׳ס טויט וועט דערוויילע קיין ענדערונג ניט ברייננען. נאך אלעמען איז ער דאך שוין זעהר אלט געווען. יהושע ווערט יעצט דער פיהרער און ער האט דאך געטויטעט דעם קרוינפרינץ.

— אלע ווייסען אז די זיגען וואס דאס פאלק ישראל האט געהאט איז געווען צוליעב דעם וואס משה איז געווען א געטליכער מאן און ער האט געקענט בעווייזען פיעלע וואונדער, — האט דער קעניג פון יריחו געזאגט צו רחב׳ן, — יעצט אבער, ווען ער איז טויט, וועט קיינער פון זיינע נאכפאלגער ניט קענען בעווייזען דיזעלבע וואונדער, עס וועט לאנג ניט דויערען און מיר וועלען איהם אין גאנצען פארטרייבען פון אונזער לאנד.

— מיר וועלען זיי צוריק נאָך מצרים פארטרייבען! — האָט רחב א שמייכעל געטהאָן, — אָבער איידער דו וועסט זיי פארטרייבען, וואָלט איך פון דיר פערלאַנגט דו זאָלסט נעהמען יהושע'ן, משה'ס נאכפאָלגער אין געפאַנגענשאפט, און איהם איבערגעבען אין מיינע הענד... איך וועל שוין וויסען וואָס צו טהאָן מיט איהם. איך וויל דורכפיהרען מיין שבועה, און דאַן וועל איך געהערען צו דיר, מיין האר קעניג.

— איך וועל מאַכען א פייערונג איבער דער גאַנצער שטאָדט, מיר וועלען דאנקען אונזערע געטער פאר דעם טויט פון משה'ן דעם פיהרער פון ישראל.

עטליכע טעג האָט דער קעניג פון יריחו זיך געפרעהט מיט דער נייעס פון משה'ס טויט. אָבער באַלד איז זיין שמחה צושטערט געוואָרען. די סוחרים, וועלכע זיינען פארבייגעגאַנגען דעם לאַגער פון ישראל, האָבען איהם איבערגעגעבען אז א גרויסע מעכטיגע ארמיע אונטער דער פיהרערשאַפט פון יהושע, משה'ס נאכפאָלגער, דערנעהנטערט זיך צום ירדן, פונקט געגענאיבער יריחו.

ער האָט זיך באַלד בעראטהען מיט זיינע יועצים וואָס צו טהאָן.

— מיר דאַרפען די פעסטונג ארום אונזער שטאָדט נאָך מעהר באַפעסטיגען, — האָט א מיניסטער איהם געראטהען.

— דאָס איז נאָך ניט גענוג! — האָט א צווייטער געזאָגט, — די טויערען פון שטאָדט מוזען שטארק אָבגעהיט ווערען. מיר וועלען דאַרפען היטען אז קיין פרעמדער זאָל אין שטאָדט ניט אריינקומען אָדער ארויסגעהן.

— דיזע עצה געפעלט מיר ניט, מיין האר קעניג! — האָט זיך רחב, וועלכע איז דאַן אויך געווען אין פּאַלאַץ, אַנגערופען, — אויב מיר וועלען קיינעם ניט אריינלאָזען אָדער ארויסלאָזען פון שטאָדט, ווי אזוי וועלען מיר טהאָן מסחר? די סוחרים פון אנדערע לענדער וועלען מורא האָבען צו ברייננען זייערע סחורות אין יריחו, און וועלען אויך ניט קויפען אונזערע סחורות, און אזוי וועלען מיר אלע פאַראָרימט ווערען אין דער צייט וואָס מיר וועלען זיך זעהר נויטיגען אין שפייז. יא, ווי נאָר דער קעניג וועט פארבאָטען די פרעמדע אריינצוקומען אין שטאָדט וועט ווערען א מאַנגעל אין שפייז.

— און וואָס איז דיין מיינונג? — האָט דער קעניג געפרעגט רחב'ן.

— מיין מיינונג איז, אז מען זאָל יא אריינלאָזען פרעמדע סוחרים אין אונזער שטאָדט, נאָר איידער מען לאָזט זיי אריין וועט מען דאַרפען אויספאָרשען יעדען איינעם ווער ער איז און צוליעב וואָס ער קומט אין יריחו, און ווען דעם פרעמדען סוחר'ס ערקלעהרונג וועט זיין צופרידענשטעלענד, זאָל ער אריינגעלאָזען ווערען און זאָל איהם ערלויבט ווערען צו האַנדלען, און אויב ער וועט זיין אונטער פערדאכט, זאָל מען איהם ארעסטירען און מאַכען אן אויספאָרשונג. אָבער די טויערען דאַרפען זיין אָפען פאר סוחרים, בלויז ביינאַכט, זאָל מען די טויערען פארשליסען.

— דיין עצה געפעלט מיר זעהר! — האָט דער קעניג געזאָגט צו רחב'ן, — אזוי וועל איך טאַקע טהאָן.

דער קעניג האָט באַלד ארויסגעגעבען א באַפעהל צו פארשליסען די טויערען פון שטאָדט. ער האָט פארדאָפּעלט די שומרים ביי די טויערען און זיי אַנגעזאָגט אז זיי מוזען אויספאָרשען יעדען פרעמדען וואָס קומט אריין אין שטאָדט און

ווען זי וועלען פארדעכטיגען אימיצען זאל מען איהם גלייך פארברייגגען פאר איהם.

ווען יהושע און דאס גאנצע פאלק זיינען אנגעקומען אין שיטים, ניט ווייט פון דעם טייך ירדן, האט ער בעשלאסען צו שיקען צוויי מרגלים (אויסזעהער) נאך יריחו, זיי זאלען אויסגעפינען דעם צושטאנד פון דער שטאדט און פון די איינוואהנער.

ער האט צוגערופען כלב׳ן, עתניאל׳ס עלטערען ברודער, און פנחס׳ן, אן אייניקעל פון אהרן׳ען, און ער האט זיך צו זיי אפגערופען:

— איך וויל אז איהר זאלט אוועקגעהן נאך יריחו און אויספארשען די שטאדט און נאכזעהן אלעס וואס קומט דארט פאר, און נאכהער זאלט איהר מיר ברייננען דעם באריכט. איהר וועט אבער דארפען זעהר פארזיכטיג זיין מען זאל אייך ניט דערקענען. ווייל ווי איך פארשטעה, איז יעצט זעהר שווער אריינצוגעהן אין יריחו.

— מיר וועלען זיך פארשטעלען אלס סוחרים פון מואב! — האט פנחס געזאגט, — איך האב דא ניט לאנג אפגעקויפט בגדים פון א מואב׳ישען סוחר. איך רייד אויך די שפראך פון מואב, און אזוי וועל איך אהן קיינע שוועריגקייטען זיך קענען פארשטעלען פאר א סוחר פון מואב.

— איך פארשטעה אויך די שפראך פון מואב, — האט כלב געזאגט, — און איך גלייב אז מיר זאלען מיטנעהמען סחורה און קומען דארטען האנדלען, וועט אונז קיינער נישט פארדעכטיגען.

— מיט וואס פאר א סחורה וועט איהר האנדלען? — האט יהושע זיי געפרעגט.

— מיר וועלען האנדלען מיט טעפ. אין מואב זיינען פאראן פיעלע סוחרים וועלכע האנדלען מיט טעפ.

כלב (קאלייוו) און פנחס האבען אנגעטהאן מואב׳ישע קליידער און מיטנעהמענדיג פארשידענע ליימענע טעפ, זיינען זיי אריבער דעם ירדן און צוגעקומען צו די טויערען פון יריחו.

די שומרים האבען זיי געפרעגט ווער זיי זיינען און וואס איז דער צוועק פון זייער קומען.

— מיר זיינען סוחרים פון מואב, — האט פנחס זיך אפגערופען, — מיר קומען דא האנדלען, מיר ווילען פארקויפען אונזערע טעפ און קויפען אנדערע סחורה פון יריחו.

— זייט איהר שוין דא אין שטאדט פריהער געווען? — האט א שומר זיי געפרעגט.

— ניין, מיר זיינען אין דיזער שטאדט צום ערשטען מאל, — האט כלב געענטפערט — ביז יעצט האבען מיר געהאנדעלט מיט די איינוואוינער פון עמון, פון אדום און פון עמלק, אבער יעצט אז די וועגען זיינען געווארען אונזיכער צוליעב דעם אנקומען פון די ישראלים, האבען מיר בעשלאסען אנצופאנגען צו האנדלען מיט די איינוואוינער פון יריחו. די זון האלט שוין ביים פארגעהן און מיר וואלטען וועלען קריגען א פלאץ וואו איבערצונעכטיגען די נאכט.

— די איינציגע קרעטשמע וואס געפינט זיך ניט ווייט פון דאנען, איז

די קרעטשמע פון רחב׳ן, — האט דער שומר זיי אנגעצייגט אויף דער קרעטשמע וואס איז געווען אין דער פעסטונג פון טויער.

— טעפ! טעפ! זעהר טהייערע טעפ האבען מיר צו פארקויפען, — האבעןביידע, כלב און פנחס, מיט אמאל אויסגערופען, ווען זיי האבען זיך דערנעהנטערט צו רחב׳ס קרעטשמע.

רחב איז ארויסגעקומען פון קרעטשמע און איז צו זיי צוגעקומען.

— וואס פערלאנגט איהר? — האט זי זיי געפרעגט.

— מיר פארקויפען טעפ, פיעלייכט ווילסטו קויפען טעפ.

— איהר זייט געקומען צום ריכטיגען פלאץ, — האט רחב זיך אפגערופען מיט א שמייכעל, — איך דארף טאקע האבען טעפ צו קאכען שפייז פאר די פיעלע געסט וועלכע שטעלען זיך אפ אין מיין קרעטשמע.

— ווערסטו אויך האבען א פלאץ פאר אונז איבערצונעכטיגען? — האט כלב איהר געפרעגט.

רחב האט בעטראכט כלב׳ן א קליינע ווײלע און נאכהער האט זי זיך אפגערופען:

— געוויס! קומט אריין אין הויז, איהר וועט זיך ארומוואשען און איהר וועט צובייסען, נאכהער וועט איהר זיך אפרוהען.

פנחס און כלב זיינען איהר נאכגעגאנגען און רחב האט זיי אריינגעפיהרט אין א צימער און זיי געבראכט וואסער און שפייז.

רחב האט איהרע אויגען ניט ארונטערגענומען פון כלב׳ן...

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, — האט רחב זיך אפגערופען, — איך וויל אייך עפעס פרעגען. אבער איך פארזיכער אייך אין נאמען פון גאט אז קיין בייז וועט אייך ניט געשעהן... איך גלויב אז איהר זייט פון ישראל!

— ניין, ניין! מיר זיינען מואבים! — האבען ביידע מיט אמאל אויסגערופען. — מיר זיינען סוחרים פון מואב.

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף רחב׳ס ליפען.

— איך פארזיכער אייך אין נאמען פון דעם גאט פון ישראל אז איך וועל אייך ניט ארויסגעבען... פארקעהרט, איך וועל אייך נאך באהילפיג זיין! און דיין פנים איז מיר אזוי בעקאנט, — האט זי זיך געווענדעט צו כלב׳ן, — איך בין זיכער אז איך האב דיך שוין פריהער ערגעץ־וואו געזעהן.

— ניין, מיין הארינטע, — האט איהר כלב געענטפערט, — דו מאכסט א טעות, איך בין דא צום ערשטען מאל און איך בין פון מואב.

— ווי איך זעה צווייפעלט איהר אין מיינע רייד... איך האב דאך אייך פארזיכערט אז איך בין מיט אייך און איך וועל זעהן אז קיין שלעכטעס זאל צו אייך ניט געטהאן ווערען. איהר דארפט פון מיר ניט פארלייקענען אז איהר זייט אידען.

— דו ביזט גערעכט, מיין הארינטע, מיר זיינען זיך פאר דיר מודה... און מיר האפען אז דו וועסט דיין פארשפרעכען, אונז ניט ארויסצוגעבען, האלטען.

— געוויס וועל איך מיין פארשפרעכען האלטען, — האט רחב שטילערהייט געזאגט. — מיר האבען אלע געהערט וואס אייער גאט האט געטהאן פאר אייך... מיר דצבען געהערט אז ער האט אייך אריבערגעפיהרט דעם ים סוף, און מיר

ווייסען אלע וואס איהר האט געטהאן צו סיחון'ן, דעם קעניג פון אמורי, און צו עוג, דעם קעניג פון בשן, און אלע איינוואהנער פון שטאדט ציטערען זעהר פאר אייך... דעם קעניג'ס הארץ איז צוגאנגען ווי וואסער.

— מיר זעהען אז גאט האט אונז געפיהרט אין דעם ריכטיגען וועג, — האט כלב זיך אפגערופען.

— יעצט זאג מיר, — האט רחב זיך צו איהם נאך אמאל געווענדעט, — האסטו דעי ניט א זוהן אדער א אינגערען ברודער?

— יא, איך האב א אינגערען ברודער! — האט כלב געענטפערט.

— און זיין נאמען איז עתניאל? — האט רחב ווייטער געפרעגט.

כלב און פנחס האבען איהר אנגעקוקט מיט בעוואונדערונג.

— ווי אזוי קומט עס אז דו קענסט מיין ברודער? — האט כלב מיט גרויס ערשטוינונג געפרעגט.

— איך האב אבער גלייך דערקענט אן דיין פנים אז עתניאל מוז זיין דיין ברודער! — האט רחב מיט צופרידענהייט געזאגט, — איהר זייטביידע זעהר עהנליך איינער צום צווייטען.

כלב און פנחס האבען נאך אלץ ניט געקענט קומען צו זיך פון ערשטוינונג. זיי האבען געצוקט מיט זייערע שולטערען און זיך איבערגעווארפען מיט בליקען.

— זאג מיר, איז פריעדען צו דיין ברודער און צום צווייטען וועלכער איז מיט איהם מיטגעגאנגען.

— וועלכען צווייטען? — האט כלב איהר אנגעקוקט.

— יהושע'ן!... ווי איך האב געהערט איז דער העלדישער און בארוועמטער יהושע געווארען דער פיהרער פון אייער פאלק... ער איז משה'ס נאכפאלגער...

— איך בין זיכער אז זי איז א כשוף מאכערין און זי האט אלעס געטראפען מיט כשוף, — האט פנחס אריינגערוימט כלב'ן אין אויער, ווען רחב איז א ווילע אפגעטראטען פון זיי, — און אויב אזוי, זיינען מיר פארלארענע!

— ניין, מיר גלויבט זיך עס ניט! — האט כלב איהם געענטפערט אין דער שטיל. און ווען רחב איז צוגעקומען צו זיי עטוואס נעהנטער, האט ער זיך נאך אמאל צו איהר געווענדעט.

— זאג דאך אונז, פון וואנען קענסטו מיין ברודער?

— האט דיר דען דיין ברודער קיינמאל ניט דערצעהלט ווי אזוי ער איז באפרייט געווארען פון געפענגנים פון חשבון.

— אה, דו מוזט זיכער זיין רחב!... — האט כלב מיט בעגייסטערונג אויסגערופען.

— יא, איך בין רחב! — האט זי געענטפערט, — און יעצט זעה איך אז איהר ווייסט פון אלעס וואס האט פאסירט מיט יהושע'ן און דיין ברודער. געלויבט איז גאט וואס ער האט פאר מיר מעגליך געמאכט זיי ביידען צו ראטעווען...

— און אויך דיין לעבען האסטו דאן גערעטעט! — האט כלב געזאגט, — וויל עתניאל האט מיר דערצעהלט אז ווען זיי האבען דעם קרוינפרינץ גענומען געפאנגען, האט יהושע איהם געפרעגט וועגען רחב'ן, און ער האט איהם געזאגט אז ער האט זיך געקליבען צו טויטען דיך און דיין פאטער, אבער איהר זייט

אלע אנטלאפען געווארען. און ער האט געמיינט אז איהר זייט אנטלאפען צו אונזער לאגער.

— מיר זיינען אנגעקומען אין יריחו און זיך דא באזעצט, — האט רחב געזאגט. — און יעצט האט אייך אייער גאט געפיהרט צו מיר אין הויז... איהר וועט מוזען זעהר פארזיכטיג זיין, ווייל דער קעניג האט ארויסגעגעבען א באפעהל אז אויב מען האט א חשד אויף אימיצען אז ער שטאמט פון ישראל זאל מען יענעם גלייך ארעסטירען און ברייגגען צו איהם. זייט איהר זיכער אז די שומרים האבען קיין פארדאכט ניט געהאט אויף אייך.

— ווי עס ווייזט אויס האבען זיי אונז געגלויבט! — האט פנחס זיך אנגערופען. — אז ניט וואלטען זיי דאך אונז גלייך ארעסטירט.

— דאס איז נאך ניט קיין באווייז! — האט רחב געזאגט, — אבער אזוי לאנג ווי איהר זייט מיט מיר וועט אייך קיין בייז ניט געטהאן ווערען, דער קעניג וועט גלויבען וואס איך וועל איהם זאגען.

נאכדעם ווי די שומרים האבען אנגעוויזען די צוויי סוחרים פון די טעפ אויף רחב'ס קרעטשמע, האט זיך איינער פון זיי אפגערופען:

— דוכט זיך מיר, אז יענע צוויי סוחרים זיינען ניט פון מואב!

— אבער זיי זיינען דאך געגאנגען אנגעטהאן אין די קליידער פון מואבים.

— דאס מיינט נאך ניט אז זיי זיינען פון מואב!

— און איך דיינק אז דו האסט טאקע רעכט, לויט זייער אויסשפראך קען מען גלייך דערקענען אז זיי זיינען ניט פון מואב.

— און ווער דענקסטו זיינען זיי?

—איך בין זיכער אז זיי זיינען ישראלים און זיי זיינען געקומען אויסצושפיאנירען אונזער שטאדט.

— אויב אזוי, פארוואס האסטו אונז עס גלייך ניט געזאגט? מיר וואלטען זיי דאך אויף אן ארט ארעסטירט און געבראכט פאר'ן קעניג.

— בעת מעשה איז מיר ניט איינגעפאלען... אבער יעצט אז איך האב זיך געגומען איבערטראכטען, בין איך איבערציינגט אז די צוויי טעפ פארקויפער שטאמען פון ישראל.

— איך האב קיינמאל ניט געזעהן א מאן פון ישראל, אבער מואבים האב איך פיעלע געזעהן, און עס איז ביי מיר קיין ספק ניט אז יענע צוויי מענשען זיינען ניט פון מואב.

— מיר האבען זיך שטארק בענארישט וואס מיר האבען זיי געלאזט געהן אין קרעטשמע.

— עס איז נאך יעצט אויך ניט צו שפעט! זאלען די טויערען פארשלאסען ווערען, און אייניגע פון אונז וועלען אוועקגעהן מעלדען דעם קעניג וועגען בעם... איידער זיי וועלען באוויזען אוועקצוגעהן פון רחב'ס הויז, וועלען זיי שוין ארעסטירט ווערען.

— דאס איז א גוטער פלאן. אבער מיר דארפען זעהן צו היטען דעם ארויסגאנג פון טויער... יא, זיי וועלען זיך שוין פון אונזערע הענד ניט ארויסדרעהען.

אייניגע פון די שומרים זיינען באלד אוועק צום קעניג און איהם איבער־

געגעבען אז צוויי שפּיאָנען פון ישראל זיינען נאָר וואָס אריינגעקומען אין יריחו. זיי האָבען זיך פארשטעלט אלס סוחרים פון מואב און זיי געפינען זיך אין דעו קרעטשמע פון רחב'ן.

— זייט איהר זיכער אז זיי זיינען פון ישראל? — האָט דער קעניג זיי געפרעגט.

— יאָ, מיין האר קעניג! — מיר זיינען זיכער אין דעם.

— און פאר וואָס האָט איהר זיי גלייך ניט ארעסטירט און געבראכט צו מיר?

— ווייל פון אנפאנג זיינען מיר ניט געווען גאנץ זיכער. יעדער איינער פון אונ' האָט עפּעס באמערקט אין זיי וואָס האָט אונז געמאכט צווייפלען זייערע דייך... און יעצט זיינען מיר אלע איבערצייגט אז זיי זיינען שפּיאָנען פון ישראל און זיי זיינען געקומען אויסצושפּיאָנירען אונזער שטאָדט.

— זיי מוזען געכאפּט ווערען און באלד געטויטעט ווערען, — האָט דער קעניג אויסגערופען, — מיר טאָרען ניט דערלאָזען אז זיי זאָלען פון דאנען אוועק לעבעדיגערהייט.

דער קעניג האָט גלייך געשיקט רופען עטליכע בעאמטע און זיך צו זיי אפּגערופען:

— געהט אוועק צו רחב'ן דאָרטען האַלטען זיך אויף צוויי שפּיאָנען פון ישראל... ארעסטירט זיי... און ברייגנט זיי צו מיר!...

די בעאמטע האָבען זיך פארנייגט און זיינען באלד אוועק אין דער ריכטונג וואו רחב'ס קרעטשמע איז געווען.

ווען כלב און פּנחס האָבען געגעסען, איז רחב צוגעגאנגען יעדע ווײַלע צום פענסטער וואָס איז ארויסגעקומען אינעווייניג אין שטאָדט און ארויסגעקוקט. באלד האָט זי באמערקט ווי עטליכע בעאמטע פון דעם קעניג קומען אן אין איהר ריכטונג.

רחב איז גיך צוגעלאָפען צו די צוויי מרגלים און אויסגערופען:

— שנעלער, קומט מיט מיר, איך גלויב אז די בעאמטע קומען אן אייך צו ארעסטירען!...

— וואָס?! — האָבען ביידע אויסגערופען מיט שרעק.

— פארלירט ניט קיין צייט, פאָלגט מיר נאָך. קומט שנעלער ארויף אויף דעם דאך פון מיין הויז און דאָרטען וועל איך אייך אויסבעהאַלטען...

רחב האָט ארויפגעפיהרט פּנחס'ן און כלב'ן אויפ'ן דאך. דאָרטען האָבען זיך געטריקענט די פלאַקס...

— לעגט זיך אוועק און זייט זעהר שטיל! — האָט רחב זיי געזאָגט, — איך וועל אייך פארדעקען מיט דעם פלאַקס וואָס געפינט זיך דאָ אויפ'ן דאך.

כלב און פּנחס האָבען איהר געפאָלגט. זיי האָבען זיך אויסגעצויגען אויף דעם דאך און רחב האָט זיי פארדעקט מיט די בינטלעך פלאַקס וואָס איז דאָרט געווען אויסגעשפּרייט צו טריקענען.

זי איז פלינק ארונטערגעגאנגען דורך די טרעפּ וואָס פיהרט אין הויז, און ווען זי איז שוין געווען אינעווייניג האָט זי דערהערט א קלאַפּ אין טיהר.

זי האָט גלייך געעפנט די טיהר און זי האָט דערזעהן דריי בעאַמטע שטעהענדיג פאַר איהר.

— וואָס איז אייער פערלאַנג? — האָט זי זיך צו זיי געווענדעט מיט א פריינדליכען שמייכעל.

— מיר זיינען געשיקט געוואָרען אַהער צו דיר פון דעם קעניג.

— פון קעניג? טאָ וואָס־זשע שטעהט איהר נעבען טיהר, קומט אַריין אינעווייניג.

— מיר זיינען געשיקט געוואָרען מיט א וויכטיגער שליחות פון קעניג, — האָט איינער פון זיי שטילערהייט א זאָג געטהאָן ווען זיי זיינען שוין געווען אינעווייניג.

— איהר מאַכט מיך זעהר נייגעריג! — האָט רחב אויסגערופען, — זאָגט מיר שנעלער.

— אין דיין הויז געפינען זיך צוויי שפּיאָנען פון ישראל. זיי זיינען געקומען פארשטעלטערהייט... אָנגעטהאָן אין קליידער פון מואבים און זיי האָבען פאַר־קויפט טעפּ... זיי האָבען די שומרים געזאָגט אַז זיי זיינען מואבים.

— אָ, די אומווירדיגע ליגנער און בעטריגער! — האָט רחב מיט א געמאַכ־טען כעס אויסגערופען, — און איך האָב נאָך ביי זיי געקויפט טעפּ... ווען איך וואָלט געוואוסט אַז זיי זיינען שפּיאָנען וואָלט איך זיי אין מיין הויז ניט אריינ־געלאָזען.

— אָבער עס איז נאָך ניט צו שפּעט. מיר זיינען געקומען זיי ארעסטירען און זיי ברייגגען פאַר דעם קעניג, און דו מעגסט זיכער זיין, אַז זיי וועלען זייער שטראָף בעקומען... זאָג אונז אין וועלכען צימער זיי געפינען זיך.

— וואָס מיינט איהר?! — האָט רחב זיי אָנגעקוקט מיט שטוינענדע בליקען.

— די שפּיאָנען זיינען דאָך נאָך געוויס אין דיין הויז? — האָט א בעאַמ־טער געזאָגט, — און מיר זיינען געקומען דורכזיהרען דעם קעניג׳ס באַפעהל און זיי ארעסטירען.

— אין מיין הויז זיינען קיין פרעמדע יעצט ניטאָ! — האָט רחב גע־ענטפערט.

— דו האָסט דאָך נאָר וואָס אליין געזאָגט אַז דו האָסט ביי זיי געקויפט טעפּ?! — האָט א בעאַמטער אויסגערופען.

— יאָ, די צוויי מענשען זיינען געקומען צו מיר אין הויז צו פארקויפען טעפּ, איך האָב ניט געוואוסט פון וואַנען זיי זיינען. איך האָב ביי זיי געקויפט, און ווען עס איז טונקעל געוואָרען, איידער מען האָט פארשלאָסען דעם טויער, זיינען זיי אוועק. איך ווייס ניט וואוהין זיי זיינען געגאַנגען.

— זיי זיינען אוועק?! — האָבען די בעאַמטע אויסגערופען, און זיינען שנעל ארונטער צו די שומרים פון טויער.

— איהר האָט זיי געלאָזען אוועקגעהן, די שפּיאָנען פון ישראל! — האָט א בעאַמטער אויף זיי אָנגעשריען.

— אָה, ניין! מיר האָבען דעם ארויסגאַנג גוט געהיט! זיי זיינען ניט ארויסגעגאַנגען, מיר זיינען זיכער אַז זיי זיינען פארבליבען אין רחב׳ס הויז.

— אָבער רחב האָט אונז געזאָגט אַז זיי זיינען ארויסגעגאַנגען.

— דאס איז אונמעגליך! — האט דער הויפט פון די שומרים אויסגערו־פען, — מיר האבען גוט געהיט און מיר האבען זיי ניט געזעהן ארויסקומענדיג. זיי האבען זיך געמוזט בעהאלטען אין רחב'ס הויז.

— אבער רחב וועט דאך אונז ניט אפנארען.

— מעגליך אז זי אליין ווייס ניט אז זיי בעהאלטען זיך אין איהר הויז.

— וואס זאלען מיר טהאן? — האבען די בעאמטע זיך אנגעקוקט איינער דעם צווייטען.

— לאמיר זיך אומקעהרען צו רחב'ן אין הויז.

— אבער רחב וועט מעגליך זיין אין כעס אויף אונז, זי וועט מיינען אז מיר גלויבען איהר ניט! און דער קעניג איז זעהר בעפריינדעט מיט איהר.

— מיין עצה אז מיר זאלען זיך אומקעהרען צום קעניג און איהם דער־צעהלען און ווען ער וועט אונז הייסען זוכען איהר הויז, וועלען מיר זיך ניט דארפען שרעקען.

די בעאמטע זיינען צוריק אוועק צום קעניג און איהם דערצעהלט אז זיי האבען ניט געטראפען די שפיאנען אין רחב'ס הויז.

— האבען די שומרים דען זיי געלאזט אנטלויפען? — האט דער קעניג געזאגט מיט צארן.

— די שומרים זיינען זיכער אז די אידישע שפיאנען האבען די שטאדט ניט פארלאזען! זיי גלויבען אז זיי געפינען זיך אין רחב'ס הויז.

— אה ווי אזוי וואגען זיי אפילו אנצודייטען אז רחב וועט מיך פער־ראטהען! — האט דער קעניג א זעץ געטיהאן מיט זיין פויסט אויף דעם טיש.

— אה, ניין, גנעדיגער קעניג, די שומרים גלויבען אז די שפיאנען האבען זיך דארטען בעהאלטען און רחב ווייס אפילו ניט פון דעם.

— דאס איז מעגליך! — האט דער קעניג געזאגט, — זאל מען איינשפא־נען מ ין קארעטע און איך וועל אהין פאהרען מיט אייך.

אין א ווייל ארום איז אנגעקומען דער קעניג צו די טויערען פון שטאדט, און ווען די שומרים האבען איהם פארזיכערט אז זיי האבען ניט געזעהן ווי די שפיאנען האבען פארלאזען די שטאדט, איז ער אריינגעקומען אין רחב'ס הויז.

רחב האט דעם קעניג פיין אויפגענומען.

— דיין באזוך פארשאפט מיר גרויס כבוד! — האט זי געזאגט.

— זיינען ביי דיר געווען צוויי אידישע שפיאנען? — האט דער קעניג געפרעגט רחב'ן.

— ביי מיר זיינען היינט אין אבענד געווען צוויי סוחרים. זיי האבען מיר געזאגט אז זיי זיינען פון מואב. איך האב ביי זיי געקויפט טעפ און נאכהער זיינען זיי אוועק צום טויער. איך ווייס ניט וואוהין זיי זיינען געגאנגען.

— די שומרים אבער זאגען מיר אז די שפיאנען האבען ניט פארלאזען די שטאדט, — האט דער קעניג געזאגט.

— טא וואוהין זיינען זיי אוועק?

— מעגליך אז זיי האבען זיך פארבארגען ערגעץ־וואו אומבאמערקט אין דיין הויז, — האט דער קעניג געזאגט.

— מיין הויז איז פריי פאר דעם קעניג, זאל ער באפעהלען זיינע בעאמטע צו זוכען. און איך וועל זיי נאך העלפען!

— נוט! זוכט אין הויז! — האָט דער קעניג באַפוילען זיינע דיענער. — רחב וועט אייך אָנצייגען יעדען פאַרבאָרגענעם פּלאַץ.

רחב האָט אַריינגעפיהרט די דיענער אין די פערשידענע צימערען פון הויז. זי האָט זיי געהאָלפען זוכען אומעטום, אָבער זיי האָבען קיינעם ניט געפונען.

— מעגליך אַז זיי זיינען אַרויף אויפ׳ן דאַך? ! — האָט דער קעניג גע־זאָגט צו רחב׳ן.

— דער אַרויפגאַנג צום דאַך פון דרויסען איז שטענדיג פאַרשלאָסען, און דורך דעם אַרויפגאַנג פון אינעווייניג האָבען זיי ניט געקענט אַרויפגעהן, ווייל איך בין די גאַנצע צייט דאָרט געשטאַנען.

— פון דעסטוועגען וועט ניט שאַדען אַז מיר זאָלען דאָרטען זוכען! — האָט דער קעניג אויסגערופען.

— איך בין צופריעדען, — האָט רחב געזאָגט, און זיך קוים באַהערשט ניט אַרויסצוצייגען איהר שרעק.

זי איז אַרויפגעגאַנגען פאַראויס און דער קעניג און זיינע בעאַמטע זיינען איהר נאָכגעגאַנגען.

— איהר וועט מוזען זעהר פאָרזיכטיג זיין! — האָט רחב זיך אָנגערופען צו די בעאַמטע, — אויפ׳ן דאַך ליגט אויסגעשפּרייט די פלאַקס צו טריקענען, און איך וועל אייך בעטען ניט צוטרעטען מיט די פיס... ווייל אין יעצטיגער צייט דאַרפען מיר זעהן קיין זאַך ניט אין ניוועץ צו ברייננגען.

— זייט זעהר פאָרזיכטיג, — האָט דער קעניג אָנגעזאָגט זיינע דיענער.

— איך וועל געהן פאַראויס און איהר וועט מיר נאָכפאָלגען, — האָט רחב געזאָגט — איך ווייס גענוי יעדען מעגליכען פּלאַץ וואו זיי האָבען זיך געקענט בעהאַלטען אויב זיי איז נאָר געלונגען אהער אַרויפצוגעהן.

רחב האָט זיי געפיהרט אין פאַרשידענע ריכטונגען, אויסמיידענדיג צוצו־קומען צו דעם פּלאַץ וואו די מרגלים זיינען געלעגען און קוים אָנגעהאַלטען זייער אָטעם.

צוליעב דער פינסטערניש האָבען זיי נישט באַמערקט אַז רחב פיהרט זיי עטליכע מאָל צו די זעלבע פּלעצער.

נאָך אַ היבשע צייט זוכענדיג אויף דעם דאַך זיינען זיי אַלע צוריק אַרונטער אין הויז.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, — האָט זיך רחב אָנגערופען צום קעניג — אַז זיי האָבען אומבאַמערקטערהייט זיך אַרויסגערוקט פון טויער.

— אָבער די שומרים זיינען זעהר זעהר פאָרזיכטיג געווען. זיי האָבען שוין אויף זיי געהאַט אַן אויג ווי נאָר זיי זיינען אהער אַנגעקומען.

— אויב עס איז זיי געלונגען זיך צו פאַרשטעלען פאַר מואבים און אַריין אין שטאָדט, איז מעגליך אַז זיי האָבען זיך פאַרשטעלט אַלס סוחרים פון אַן אַנדער פאָלק און אַרויס פון שטאָדט. מיין עצה דאַריבער איז, אַז מען זאָל וואָס שנעלער זיך נאָכיאָגען נאָך זיי, מעגליך אַז מען וועט זיי נאָך כאַפּען.

— דאָס האָט מען געדאַרפט טהאָן גלייך! — האָט דער קעניג אויסגערופען.

— געוויס! — האָט רחב צוגעגעבען, — ווען איך האָב דיינע בעאַמטע צום ערשטען מאָל געזאָגט אַז זיי זיינען נימאַ אין מיין הויז, האָבען זיי מיר ניט געגלויבט. זיי האָבען געמיינט אַז איך נאַר זיי אָפּ... זיי ווייסען ניט ווי שטאַרק

פארביטערט איך בין געגען דעם פאָלק פון ישראל און ווען זיי וואָלטען זיך געפונען אין מיין הויז, וואָלט איך געוועז די ערשטע זיי איבערצוגעבען אין דעם קעניג׳ס הענד, זיי זאָלען בעשטראָפט ווערען... אָבער דאָך גלויב איך, אז עס איז נאָך ניט צו שפּעט זיי נאָכצויאָגען, זיי זיינען געווים געגאנגען אין דער ריכטונג וואו זייער לאַגער געפינט זיך... איך בין זיכער, אז מען וועט זיי טרעפען ביי די ברעגעס פון ירדן, ווייל זיי וועלען ניט וואגען אריבערצוגעהן דעם ירדן אין דער פינסטער.

— דו ביזט גערעכט רחב! — האָט דער קעניג געזאָגט, — איך וועל גלייך ארויסשיקען צעהן באוואפענטע פון מיינע בעאמטע און זיי וועלען זיך נאָכיאָגען נאָך די שפּיאָנען פון ישראל.

— לויט ווי איך האָב געהערט, רוהט דער לאַגער פון ישראל אין שיטים, און דאריבער זאָלען זיי געהן אין יענער ריכטונג.

— אזוי זאָל געטהאָן ווערען, — האָט דער קעניג באפוילען. — און ער האָט שנעל אויסגעקליבען צעהן פון זיינע בעאמטע און מיטגעבענדיג זיי שווער־רען און פייל און בויגען, האבען זיי פארלאָזען דעם טויער פון שטאָדט.

— זיי וועלען זיי מוזען געפינען, — האָט דער קעניג זיך אָפּגערופען צו רחב׳ן און צו די שומרים וועלכע זיינען געשטאנען ביי דעם טויער.

— מיין עצה איז אז מען זאָל פון יעצט אָן האלטען די טויערען פאר־שלאָסען טאָג און נאכט! — האָט רחב געזאָגט, — ווייל אויב די טויערען וועלען ביי טאָג זיין אָפען און די שפּיאָנען געפינען זיך נאָך אין שטאָדט, וועלען זיי געווים געפינען א וועג ווי ארויסצוגעהן פון שטאָדט.

— די טויערען פון שטאָדט זאָלען זיין פארשלאָסען טאָג און נאכט, — האָט דער קעניג באפוילען. — קיינער וועט ניט טאָרען ארויסגעהן און קיינער וועט ניט טאָרען אריינקומען, אויסער מיינע צעהן בעאמטע וועלכע האבען זיך אוועקגעלאָזט נאָכיאָגען נאָך די שפּיאָנען פון ישראל.

— מיר וועלען טהאָן ווי דער קעניג האָט אונז פארזאָגט, — האָט דער הויפּט פון די שומרים זיך א נייג געטהאָן, און האָט גלייך צוגעשלאָסען די טויערען.

ווען דער קעניג איז אוועק, האָבען זיך די שומרים צווישען זיך דורכ־גערעדט:

— קיינער קען מיר ניט איינרעדען אז די שפּיאָנען האָבען פארלאָזען אונ־זער שטאָדט דורך דיזע טויערען! — האָט איין שומר געזאָגט. — איך האָב גוט באמערקט יעדען איינעם וועלכער איז ארויסגעקומען. מיינע אויגען זיינען געווען אָפען, ווייל איך האָב געהאַט דעם חשד פון אָנפאנג אָן ווי די צוויי פארשטעלטע מואבים זיינען נאָך אהער געקומען.

— און איך בין אויך זיכער! — האָט א צווייטער געזאָגט, — אז די שפּיאָנען געפינען זיך אין שטאָדט.

— עס איז ביי מיר קיין ספק ניט אז זיי געפינען זיך ערגעץ אין רחב׳ס הויז.

— דאָס איז אוממעגליך, האָט דען דער קעניג און זיינע בעאמטע ניט געזוכט אין איהר הויז?

— אָבער איך האָב מיינע אויגען ניט ארונטערגענומען פון דעם ארויסגאנג פון איהר הויז. איך האָב די שפּיאָנען געזעהן אריינגעהענדיג צו איהר, אָבער

איך האָב זיי ניט געזעהן ארויסקומענדיג.

— אויב זיי זיינען פארבליבען אין איהר הויז וואָלט מען זיי דאָרט גע־פונען. ווי איין בעאַמטער האָט מיר דערצעהלט האָט מען קיין איין פלאַץ ניט דורכגעלאָזען וואו מען האָט ניט געזוכט. אפילו אויף דעם דאך פון איהר הויז האָבען זיי געזוכט.

— דאן קען איך שוין ניט פארשטעהן ווי אזוי זיי האָבען געקענט פאר־שוואונדען ווערען.

— די אידען זיינען זעהר קלוג, זיי האָבען געוויס געהאַט מיט זיך נאָך אנדערע קליידער, און ווען זיי האָבען באמערקט אז מען איז זיי חושד, האָבען זיי שנעל אומגעביטען די קליידער און האָבען פיעלייכט אָפגעשאָרען זייערע בערד אז מען זאָל זיי ניט דערקענען. און זיי האָבען בעזונדער פארלאָזען די שטאָדט.

— אָבער ניט זעהר פיעל האָבען פארלאָזען די טויערען פון שטאָדט נאָכ־דעם ווי די אידישע שפּיאָנען זיינען אריין אין רחב'ס הויז. און איך האָב גאַנץ פאָרזיכטיג יעדען בעטראַכט און איך שווער ביי די געטער פון יריחו אז איך האָב זיי ניט געזעהן פארלאָזענדיג די טויערען פון שטאָדט.

— מעגליך אז זיי זיינען אריין אין איינע פון די אנדערע הייזער וואָס געפינען זיך אין מויער.

— וואָלט איך זיי באמערקט ארויסגעהענדיג. איך בין געשטאַנען אַז א זייט די גאַנצע צייט ביז וואַנען דער קעניג איז אַנגעקומען, און איך האָב ניט געזעהן אז די אידישע שפּיאָנען וועלכע זיינען אריין צו רחב'ן אין הויז זאָלען פון דאָרט ארויסקומען.

— און פארוואָס האָסטו עס ניט געזאָגט דעם קעניג?

— איך האָב מורא געהאַט ער זאָל ניט מיינען אז איך פארדעכטיג רחב'ן אז זי העלפט די שפּיאָנען.

— און איז דער ווירקליכקייט ביזטו איהר דען חושד?

— ניין! ווי אזוי קען איך איהר חושד זיין? ווייס איך דען ניט אז רחב האָט א גרויסע אורזאכע צו פארהאַסען דאָס פאָלק ישראל, און אויסער דעם, איז זי דאָך זעהר באפריינדעט מיט דעם קעניג, און איך האָב געהערט אז אזוי שנעל ווי יהושע און זיין פאָלק וועלען קריגען א מפּלה פון אונזער ארמיע, אזוי וועט דער קעניג נעהמען רחב'ן פאר זיין פרוי.

— ווי עס זאָל ניט זיין, וועלען די צוויי שפּיאָנען זיך ניט ארויסדרעהען פון אונזערע הענד... אויב זיי געפינען זיך אין יריחו וועט מען זיי געפינען, און אויב זיי זיינען ארויס פון שטאָדט, וועלען די צעהן פלינקע נאָכיאָגער זיי דערגריבען, איידער זיי וועלען באוויזען אריבערצוגעהן דעם ירדן.

א היבשע ווייל נאָכדעם ווי דער קעניג און זיינע בעגלייטער האָבען פאר־לאָזען איהר הויז, איז רחב געשטאַנען נעבען פענסטער און געקוקט צו זעהן, אויב מען וועט צו איהר א צווייטען מאָל ניט אריינגעהן. ווען זי האָט געזעהן אז דער קעניג האָט איהר עצה אַנגענומען און ער האָט געשיקט מענשען זיך נאָכצויאָגען נאָך זיי, איז זי געווען זיכער אז מען וועט זיך מעהר צו איהר אין הויז ניט אומקעהרען. זי איז גלייך ארויף אויפ'ן דאך און דערנעהנטערענדיג

זיך צום פּלאַץ וואו כלב און פּנחס זיינען געלעגן בעהאַלטען, האָט זי אויס־געדופען אין א נידעריגער שטימע:

— קומט אַרויס פון אייער באַהעלטעניש, די געפאַהר איז שוין אריבער.

פריהער האָט זיך פּנחס אויפגעשטעלט און אָפּגעטרייסעלט פון זיך דעם פלאַקס. נאָכהער האָט זיך אויך כלב אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ.

— קומט אַרונטער אין הויז. די טיהרען זיינען פאַרמאַכט און קיינער געפינט זיך יעצט ניט אינעווייניג.

כלב און פּנחס זיינען איהר נאָכגעגאַנגען שווייגענדיג.

ווען זיי זיינען אַרונטער אין הויז, האָט רחב זיי גלייך דערלאַנגט וואַסער און זיי האָבען זיך דערפרישט.

— געלויבט איז גאָט, מיר זיינען גערעטעט! — האָט כלב אויסגערופען, — ווען איך האָב דערהערט די טריט פון די מענשען און נאָכהער געהערט זייערע שטימען, איז מיין האַרץ אין מיר איינגעפאַלען.

— און איך האָב געמיינט, אַז אונזער סוף איז נאָהענט, — האָט פּנחס צוגעגעבען.

— ווען איהר האָט מיין שטימע דערהערט, האָט איהר מיך געוויס חושד געווען אַז איך האָב אייך פאַרראַטהען! — האָט רחב מיט א שמייכעל געזאָגט.

— איך בין זיך מודה אַז דאָס איז געווען דער ערשטער געדאַנק ווען איך האָב דיין שטימע געהערט צוזאַמען מיט זייערע, און איך האָב געמיינט אַז דאָס פיהרסטו אַרויף די בעאַמטע אונז איבערצוגעבען אין זייערע הענד... איך בין שוין געווען גרייט אַרויסצושפּרינגען פון מיין באַהעלטעניש און מיט זיי קעמפען.

— יאָ, ווען דו וואָלסט דאָן אַרויסגעקומען פון דיין באַהעלטעניש וואָלסטו אויף אונז אַלעמען אַן אומגליק געבראַכט, — האָט רחב א שוידער געטהאָן, — דער קעניג און זיינע בעגלייטער וואָלטען גלייך פאַרשטאַנען אַז איך האָב אייך געהאָלפען זיך בעהאַלטען, און דאַן וואָלטען מיר אַלע דריי בעשטראָפט געוואָרען מיט דעם טויט.

— איך האָב גלייך געוואוסט אַז דו וועסט אונז ניט פאַרראַטהען, — האָט כלב געזאָגט, — ווען דו וואָלסט אפילו ניט געהאָלפען מיין ברודער און יהושע'ן פון די הענד פון סיחון, דעם קעניג פון אמורי, וואָלט איך ניט געגלויבט אַז דו ביזט פעהיג צו טהאָן אַזאַ זאַך. בפרט ווען איך האָב אויסגעפונען אַז דו האָסט איינמאָל דיין לעבען אין סכנה געשטעלט און זיי געראַטעוועט!... אָבער איך מוז דיר זאָגען, רחב, אַז גאָט האָט דיר בעשאָנקען ניט נאָר מיט שעהנקייט, נאָר אויך מיט קלוגשאַפט. איך האָב געהערט ווי דו האָסט אַנגעזאָגט די מענשען צו זיין באַרזיכטיג ניט צוטרעטען מיט די פיס די פלאַקס, און נאָכהער האָסטו זיי אין דער פינסטערניס געפיהרט צוויי מאָל צו דעם זעלבען פּלאַץ.

— זיינען מיר אַם ווייניגסטען יעצט זיכער אַז זיי וועלען זיך ניט אומ־קעהרען? — האָט פּנחס געפרעגט.

— זיי וועלען זיך ניט אומקעהרען אַזוי שנעל, אָבער איהר וועט דאָ ניט קענען בלייבען נעכטיגען... ווייל ווען עס וועט ליכטיג ווערען וועל איך שוין אייך מעהר ניט קענען באַהאַלטען ווען די נאָכיאָגער וועלען זיך צוריקקערען מיט

ליידיגען וועט דער פערדאכט אז איהר געפינט זיך אין שטאָדט, נאך גרעסער ווערען.

— אָבער ווי אזוי וועלען מיר קענען פארלאָזען די שטאָדט? — האָט כלב געפרעגט, — די טויערען זיינען דאָך געווים פארשלאָסען.

רחב האָט זיי אריינגעפיהרט אין א צווייטען צימער און זי איז מיט זיי צוגעגאנגען צום פענסטער.

— קוקט ארויס! — האָט זי זיך צו זיי געווענדעט.

פנחס און כלב האָבען ארויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער.

— וואָס זעהט איהר? — האָט רחב זיי געפרעגט.

— מיר זעהען פעלדער, בערג און טהאָלען.

— דיזער פענסטער קומט ארויס אויסער דער שטאָדט. ווען איהר וועט קענען אַרונטערגעהן און זיין אונטען, זייט איהר אויסער געפאַהר.

— יא, אָבער עס איז דאָך אזוי הויך?!...

— וועגען דעם האָב איך שוין אויך געזאָרגט. — האָט רחב געזאָגט — וואַרט דאָ צו א ווייַלע... איך קום שוין צוריק...

רחב איז ארויס פון צימער און באַלד צוריקגעקומען מיט לאַנגע שטריק.

— דיזע שטריק האָב איך שוין לאַנג צוגעגרייט, ווייל איך האָב געוואוסט אז די טעג פון דער שטאָדט יריחו זיינען געצעהלטע. איך ווייס אז גאָט וועט איבערגעבען יריחו אין אייערע הענד... און דאָס איז די אורזאכע וואָס איך האָב אויסגעקליבען צו וואָהנען אין דעם מויער וואָס רינגעלט ארום די שטאָדט. איך האָב געוואָלט דורכדעם ראטעווען מיין משפחה. יא, מיט דיזע לאַנגע שטריק האָב איך עס געוואָלט טהאָן, און יעצט וועט מיר די שטריק צוניץ קומען אייך צו ראטעווען. איך וועל צובינדען די שטריק צום פענסטער און פריהער וועט זיך איינער פון אייך ארונטערלאָזען און נאכהער דער צווייטער. אָבער איך בעט אייך איהר זאָלט מיר צושווערען, אז איהר וועט מיט מיר טהאָן א חסד אזוי ווי איך האָב צו אייך געטהאָן און מיך ראטעווען פון טויט.

— דארפען מיר נאָך דען שווערען דערצו? — האָט כלב געזאָגט, — געווים וועלען מיר דיך ראטעווען. וואָלטען מיר דען געקענט פארגעסען די טובה וואָס דו טהוסט מיט אונז?

— איך ווייס אָבער אז אין דער צייט פון מלחמה ווען איהר וועט נעהמען שטורמען אונזער שטאָדט וועט איהר מעגליך אָן מיר פארגעסען, אָבער ווען איהר וועט מיר צושווערען, דאַן בין איך זיכער אז איהר וועט אייער שבועה האַלטען, און אויסער דעם וויל איך אז איהר זאָלט מיר צושווערען צו ראטעווען מיין פאטער, מיין מוטער, מיינע ברידער און מיינע שוועסטער און אַלעס וואָס בעלאַנגט צו זיי. יא, איהר זאָלט מיין גאַנצע משפחה ראטעווען פון טויט.

— אויב דו וועסט קיינעם אויסער דיין משפחה ניט זאָגען וועגען דעם, וועלען מיר זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם טויט פון יעדען פון זיי. און עס וועט זיין, ווען גאָט וועט איבערגעבען די שטאָדט אין אונזערע הענד, וועלען מיר מיט דיר טהאָן א חסד און ראטעווען אַלע מענשען וועלכע בעלאַנגען צו דיין משפחה, — האָט פנחס געזאָגט.

— אָבער איך האָב מורא, אז איהר וועט ניט קענען דערקענען דעם פענסטער פון וואַנען איך וועל אייך ארויסלאָזען! — האָט רחב געזאָגט.

— איך האָב אַן עצה, — האָט כלב געזאָגט, — די רויטע שטריק דורך וועלכע דו וועסט אונז אַרונטערלאָזען, זאָלסטו אַנבינדען אין דיזען פענסטער אַזוי, אַז עס זאָל אַרונטערהייגנען פון דרויסען, און ווען מיר וועלען צוקומען צו דער שטאָדט און מיר וועלען באַמערקען דיזע רויטע שטריק, וועלען מיר גלייך וויסען אַז דאָ געפינט זיך דיין הויז, און מיר וועלען שוין זעהן אַלעמען פון דאַנען אַרויסצוראַטעווען איידער מיר וועלען אָנפאַנגען צו שטורמען דעם מויער. ווען אָבער דו וועסט ניט זיין פאַרזיכטיג און זיך אַרויסריידען פאַר דיינע שכנים וועגען דעם, וועלען זיי דאָך פאַרשטעהן אַז די רויטע שטריק וואָס הייגנט אַרויס פון דיין פענסטער איז אַ סימן אַז צו דיין הויז זאָל קיין שלעכטעס ניט געטהאָן ווערען, און זיי וועלען אויך טהאָן דאָס זעלבע און אַרויסהייגנען רויטע שטריק אין זייערע פענסטער, און דאַן וועלען מיר זיך צוטומלען און גאָר ניט וויסען וואו דיין הויז געפינט זיך.

— איך וועל קיינעם ניט זאָגען וועגען דעם ! — האָט רחב אויסגערופען, — ווייל איך בין זיכער אַז זיי וועלען מיר גלייך נאָכטהאָן און אַזוי וועט קיינעם גאָר ניט איינפאַלען אַז די רויטע שטריק אין מיין פענסטער הייגנט צוליעב אַ באַשטימטען צוועק.

— אַזוי זאָלסטו טהאָן, — האָט כלב ווייטער געזאָגט, — ווען דו וועסט זעהן אַז מיר רינגלען אַרום דעם מויער פון יריחו, זאָלסטו פאַרזאַמלען דיין גאַנצע משפחה, דיינע עלטערען, ברידער, שוועסטער און זייערע קינדער, אין דיין הויז, אין דעם צימער וואו די רויטע שטריק וועט אַרויסהייגנען אין פענסטער און דאַן וועלען מיר צוקומען מיט נאָך מענשען און מיר וועלען אייך פון דאַנען אַרויסנעהמען.

— שווער׳ט מיר צו ! — האָט רחב צו זיי געזאָגט, — און זאָל אייער גאָט אייך העלפען, אַזוי ווי ער האָט אייך געהאָלפען ביז יעצט. און איידער איך לאָז אייך אַרונטער, וויל איך אייך אָנזאָגען ווי אַזוי צו געהן כדי איהר זאָלט זיך ניט באַגעגענען מיט די וועלכע זייגען אַרויס זיך נאָכיאָגען נאָך אייך. געהט ניט נאָך דעם וועג פון שיטים, ווייל אַהין האָב איך געראַטהען דעם קעניג ער זאָל שיקען די נאָכיאָגער. איהר פאַרנעהמט זיך צום באַרג, און אויף דעם באַרג זאָלט איהר זיך אויסבעהאַלטען אַרום דריי טעג, ווייל ביז יענער צייט וועלען שוין די נאָכיאָגער האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין שטאָדט. איך וועל אייך מיטגעבען שפּייז און אַ לאָגעל מיט וואַסער איהר זאָלט האָבען גענוג ביז וואַנען איהר וועט קענען צוקומען צום ירדן.

פנחס האָט געהאָלפען רחב׳ן שטאַרק צובינדען די שטריק צום פענסטער, און כלב האָט זיך צום ערשטען אַרונטערגעלאָזט. דערנאָך האָט זיך פנחס אַרונטערגעלאָזען. דאַן האָט רחב אַרונטערגעוואָרפען די שפּייז און דאָס לאָגעל מיט וואַסער, און זי האָט זיי נאָך אַמאָל אָנגעזאָגט ווי אַזוי צו געהן.

— זיי געבענשט צו אונזער גאָט ! — האָט כלב אַרויפגעשריען פון אונטען.

— געהט בשלום, און זאָל אייער העלדישער פיהרער יהושע בעזיעגען דאָס גאַנצע לאַנד.

— דיין לוין איז גרוים ! — האָט פנחס געזאָגט, — יהושע וועט דיר בעצאָהלען פאַרביידע טובות.

— איך בין גליקליך אז מיר האָט זיך איינגעגעבען צו טהאָן א חסד אויך צו דעם בראַווען יהושע! — האָט רחב אויסגערופען.

אָבער פנחס און כלב האָבען איהר שוין מעהר ניט געהערט, זיי האָבען זיך שנעל דערווייטערט פון מויער און זיינען פארשלונגען געוואָרען אין דער פינ־סטערניס פון דער נאַכט.

זיי זיינען צוגעקומען צום בארג און דאָרטען האָבען זיי זיך בעהאַלטען אין א לאָך פון א פעלזענשטיין פאר דריי טעג. ווי רחב האָט זיי אָנגעזאָגט, און אויף דעם פיערטען טאָג זיינען זיי ארונטער פון בארג און צוגעקומען צום ירדן וואָס זיי זיינען זעהר גרינג אריבערגעגאַנגען און אָנגעקומען אין לאַגער פון ישראל.

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

שטאַרק איבעראַשט איז יהושע געווען ווען ער האָט אויסגעפונען אז די שעהנע נאָבעלין רחב, וועלכע האָט איהר לעבען אין סכנה געשטעלט און איהם מיט עתניאל׳ן געראַטעוועט פון די הענד פון דעם קעניג פון סיחון, האָט יעצט אויך געראַטעוועט זיינע צוויי מרגלים.

— עס איז א גאָט זאַך! — האָט יהושע זיך אָפּגערופען, — און ווי עס ווייזט אוים, האָט יענע גנעדיגע פרוי פאַרדיענט ביי גאָט אז ער האָט איהר מזכה געווען זי זאָל צוויי מאָל רעטען זיינע שלוחים כמעט אונטער דיזעלבע אומשטענדען.

כלב און פנחס האָבען איהם איבערגעגעבען אַלע איינצעלהייטען ווי אַזוי די גאַנצע באַפעלקערונג פון יריחו זיינען אין טויט־שרעק פאר זיי, און די אַנדערע איינצעלהייטען וואָס זיי האָבען אויסגעפונען און איהם אויך געזאָגט וועגען דעם סימן וואָס רחב האָט געמאַכט אויף איהר פענסטער.

— מיר וועלען זיי זיכער ראַטעווען, און רחב וועט ווערען איינע פון אונז, — האָט יהושע׳ן געזאָגט, — איך בין צופריעדען צו וויסען אז מיר וועלען איהר קענען אָפּטהאָן א טובה פאר די חסדים וואָס זי האָט מיט אונז געטהאָן. יעצט דאַרפען מיר זיין גרייט אריבערצוגעהן דעם ירדן. גאָט וועט אונז העלפען, אַזוי ווי ער האָט געהאָלפען משה׳ן ביי דעם ים סוף דורך וועלכען משה האָט ישראל׳ן געפיהרט אין דער טריקעניש. דער גאָט פון אונזערע עלטערען וועט אויך מיט אונז טהאָן א נס און אונז אריבערפיהרען דעם ירדן אין דער טריקעניש.

יהושע האָט גלייך צוגערופען די הויפּט־פיהרער און ער האָט זיי אָנגעזאָגט אז זיי זאָלען איבערגעבען דעם פאָלק צו זיין גרייט, ווייל אין גיכען וועלען זיי אריבערגעהן דעם ירדן.

יהושע האָט צוגערופען אַלע כהנים און ער האָט זיך צו זיי אָפּגערופען:

— אין אייערע הענד געפינט זיך דער הייליגער ארון מיט די לוחות. איהר וועט דאַרפען פאָראויס געהן און דאָס פאָלק וועט אייך נאָכפאָלגען. און גאָט האָט מיר געזאָגט, אז פון היינט אָן וועט ער אַלעמען ווייזען אז ער וועט האַלטען זיין פאַרשפּרעכען צו אונזערע עלטערען און אין אונזרע הענד אָפּגעבען דאָס לאַנד כנען אַלס ירושה. און זאָל גאַנץ ישראל וויסען וואָס גאָט האָט געזאָגט: דאַמיט וועט איהר וויסען אז א לעבעדיגער גאָט איז צווישען אייך, און ער וועט פאַרטרייבען דעם כנעני, דעם חתי, דעם חוי, דעם פרזי, דעם גרגשי, דעם אמורי

און דעם יבוסי פון דיזען לאנד און עס אייך אפגעבען. אט וועט איהר באמערקען אז דער ארון מיט די לוחות וועט געהן פאראויס געטראגען פון די כהנים אין דעם ירדן. און ווי נאר די כהנים וועלען אריינשטעלען זייערע פיס ביי דעם וואסער פון דעם ירדן אזוי וועט דאס וואסער אפגעשניטען ווערען. דאס וואסער וואס קומט פון אויבען וועט בלייבען שטעהן ווי א וואנט, און דאס וואסער פון אונטען וועט אריינפאלען אין דעם ים המלח, און אזוי וועט בלייבען טרוקען אין מיטען, דער טייך און דאס גאנצע פאלק וועט קענען אריבערגעהן דעם ירדן אין דער טריקעניש.

אייך מארגען איז אזוי געווען ווי יהושע האט געזאגט, און דאס גאנצע פאלק איז אריבער דעם ירדן אין דער טריקעניש.

— גלייך ווי אלע זיינען אריבער דעם ירדן, האט יהושע צוגערופען צוועלף מענשען וועמען ער האט שוין פון פריהער געהאט בעשטימט, איין מאן פון יעדען שבט, און ער האט זיך צו זיי געווענדעט:

— יעדער פון אייך זאל נעהמען א שטיין פון טייך און איהם טראגען אויף זיין שולטער, און נאכהער דאס אוועקשטעלען אלס א דענקמאל, כדי אז ווען אין די קומענדיגע דורות וועלען אייערע קינדער אייך פרעגען וואס בעדייטען אט דיזע שטיינער, וועט איהר זיי ערקלעהרען די גרויסע וואונדער וואס גאט האט מיט אייך געטהאן. און דיזע שטיינער זאלען בלייבען פאר א דענקמאל אויף אימער און אימער.

זעקסטער קאפיטעל

דאס איינגעהמען פון יריחו

ווען די נייעס אז יהושע און זיין פאלק זיינען שוין אריבערגעגאנגען דעם ירדן האט דערגרייכט דעם קעניג פון יריחו, איז א טויט־שרעק אויף איהם אנגעפאלען.

ער האט גלייך געגעבען א באפעהל אז די טויערען פון יריחו מוזען זיין פארשלאסען טאג און נאכט. קיינער טאר ניט ארויסגעהן פון שטאדט און קיינער טאר ניט אריינגעלאזען ווערען אין שטאדט.

— די צוויי אידישע שפיאָנען וועלכע זיינען ניט לאנג צוריק געווען אין יריחו, זאבען געוויס איבערגעגעבען פיעלע סודות וואס זיי האבען אויסגעפונען, — האט דער קעניג געזאגט צו די שומרים, — און דאריבער דארפען מיר זיין דאפעלט פארזיכטיג. איך האב די פריהערדיגע שומרים פארשפארט אין געפענגניס, ווייל זיי האבען ניט געוואוכט ווי פארזיכטיג צו זיין און האבען די אידישע שפיאָנען פריהער אריינגעלאזען און נאכהער ארויסגעלאזען פון שטאדט.

— די שומרים האבען געשוואָרען ביי די געטער אז די שפיאָנען האבען די שטאדט ניט פארלאזען, — האט איינער פון דעם קעניג'ס בעגלייטער געזאגט, — און איך גלויב אז זיי האבען ניט פארדיענט אזוי בעשטראפט צו ווערען. די שפיאָנען האבען זיך געוויס אויסבעהאלטען נאך עטליכע טעג אין שטאדט און נאכהער זיינען זיי ארויס.

— דאמיט ווערט דער פארברעכען פון די שומרים ניט קלענער, — האט דער קעניג אויסגערופען, — זיי האבען געדארפט די גאנצע צייט פארזיכטיג זיין. מיינע צעהן מענשען האבען אויסגעזוכט דעם גאנצען געגענד און זיי ניט געפו־

נעז, און די שפּיאָנעז, ווי עס ווייזט אויס, האָבען זיך דאָ אויסבעהאַלטען, און דאַריבער וואָרען איך אייך, אז ווער עס זאָל צו אייך ניט קומען און פארלאַנגען איהר זאָלט איהם ארויסלאָזען פון שטאָדט, זאָלט איהר עס ניט טהאָן איידער איהר וועט ביי מיר קריגען ערלויבנים.

די שומרים האָבען זיך פארנייגט און געזאָגט אז דעם קעניג׳ס וואונש וועט געטהאָן ווערען.

— איך וועל פארגרעסערען די וואַך מיט יעדען טאָג, — האָט דער קעניג געזאָגט, — איך וועל זעהן אז די שטאַרקע פון שטאָדט זאָלען זיין גרייט מיט זייערע וואפען צו באגעגענען דעם אָנקומענדען שונא.

דער קעניג איז נאכדעם אריין צו רחב׳ן אין קרעטשמע און ער האָט גע־הייסען דערלאַנגען וויין.

רחב האָט דערלאַנגט די וויין און זיך געזעצט נעבען קעניג.

— ווי איך האָב געהערט דערנעהנטערט זיך יהושע צו אונזער שטאָדט, — האָט דער קעניג געזאָגט צו רחב׳ן, — און דאַריבער וואָלט מיין עצה געווען, אז צוליעב זיכערהייט זאָלסטו זיך ארויסציהען פון דיין הויז וואָס געפינט זיך אין דעם מויער. ווייל דו ווייסט דאָך, אז דער שונא וועט געוויס ארייגשיסען זיינע פיילען דורך די פענסטער און דו וועסט נאָך פיעלייכט בעשעדיגט ווערען.

— זאָל נאָר יהושע צוקומען עטוואָס נעהנטער! — האָט רחב אויסגערופען, און געדריקט איהר פויסט, — אויף דעם וואַרט איך שוין לאַנג... מעגליך אז מיין דורשט נאָך נקמה וועט דאַן געשטילט ווערען. איך וועל זיך בעגנוצען מיט די טעפּ וואָס די אומווירדיגע שפּיאָנען האָבען מיר פארקויפט פאר מיין ראַכע אן יהושע׳ן.

— איך פארשטעה ניט וואָס דו מיינסט, רחב! — האָט דער קעניג איהר געפרעגט.

— די שפּיאָנען פון ישראל האָבען מיר פארקויפט טעפּ. און איך וועל אין די דאָזיגע טעפּ אויפקאָכען זודיגע וואַסער, און דאַן וועל איך ארויסשרייען פון מיין פענסטער, אז איך וויל זיך זעהן מיט יהושע׳ן, ווייל איך האָב זעהר וויכטיגעס איהם איבערצוגעבען... און ווי נאָר ער וועט צוקומען נעהענטער וועל איך איהם אויף טויט אָפּבריהען מיט די קאָכיגע וואַסער און דאַן וועט מיין נקמה פארווירקליכט ווערען.

— זאָלען די געטער זיין מיט דיר, רחב, — האָט דער קעניג אויסגערופען.

—ווען דיר וועט געלינגען צו טויטען דעם פיהרער פון ישראל, וועל איך דיר מאַכען פאר מיין ערשטע קעניגין. איך וועל דיר געבען אַלעס וואָס דו וועסט פון מיר פארלאַנגען.

— איך בין זיכער, אז יהושע וועט זיין מפּלה קריגען ביי דער וואַנט פון שטאָדט, — האָט רחב געזאָגט, — און אָהן זייער פיהרער וועלען זיי אַלע צוריקלויפען, דאַן וועסטו, מיין האַר קעניג, ברייט פאנאנדערפענען די טויע־רען און דיין ארמיי וועט זיך נאָכיאָגען נאָך דעם שונא ביז וואַנען ער וועט אין גאַנצען פארניכטעט ווערען.

רחב האָט אָנגעפילט דעם קעניג׳ס בעכער און זיך אָפּגערופען:

— זאָל דער קעניג טרינקען פאר דעם גרויסען זיג, וואָס מיר וועלען האָבען איבער ישראל.

דער קעניג האָט אויפגעהויבן דעם בעכער ווייז און אויסגעטרונקען זאָגענדיג:

— פאר יעדען בעכער וויין, וואָס איך טרינק אויס, וועסטו צושטעלען קאָכען א טאָפּ וואסער.

— איך וועל ניט האָבען אזוי פיל טעפּ, — האָט רחב געלאכט.

— וועל איך הייסען ברייגגען נאָך טעפּ פון מיין פּאלאץ, — האָט דער קעניג אויסגעטרונקען נאָך א בעכער.

ביז גאַנץ שפּעט האָט דער קעניג געטרונקען און געשאָלטען יהושע'ן און זיין פאָלק. זיינע באַגלייטער האָבען איהם נאָכהער געהאָלפען אריין אין זיין קארעטע און איהם אוועקגעפיהרט אין זיין פּאלאץ, וואו ער איז גלייך אנידערגעפאלען שלאָפען.

אויף מאָרגען גאַנץ פריה האָט רחב ארויסגעקוקט דורך איהר פענסטער וואָס איז ארויסגעקומען אויסער דער שטאָדט, און זי האָט פון וויטען באַמערקט די מחנות פון ישראל דערנעהענטערענדיג זיך.

זי איז גלייך ארייגעלאָפען צו איהר פאָטער אין צימער און איהם עס אנגעזאָגט:

— זיי קומען אָן! יהושע און זיינע העלדען דערנעהענטערען זיך צו אונזער שטאָדט. אלע מוזט איהר זיין געגרייט, ווייל מיר קענען ניט וויסען, ווען זיי וועלען צו מיין פענסטער צוקומען און אונז הייסען ארויסקומען פון דאָנען.

— איך, דיין מוטער און דיינע ברידער און שוועסטער זיינען שוין געגרייט, רחב, — האָט גישון געזאָגט. — אבער מיין הארץ שרעקט מיך, איך האָב מורא, אז די צוויי מענשען האָבען אז דיר אין גאַנצען פארגעסען. זיי וועלען ניט געדענקען זייער צוזאָג, וואָס זיי האָבען צו דיר געמאכט, און מיר וועלען פארניכטעט ווערען צוזאַמען מיט די איבעריגע.

— זיי האָבען צו מיר צוגעשוואָרען אין דעם נאָמען פון דעם גאָט פון ישראל, — האָט רחב זיך אָפּגערופען, — און דו מוזט וויסען זיין, פאָטער, אז דעם זעלבען טאָג, וואָס יהושע'ס צוויי מענשען זיינען געווען אין מיין הויז, האָב איך זיך מגייר געווען, און דער גאָט פון ישראל איז איצט אויך מיין גאָט, בלויז צו איהם וועל איך דינען.

— מיר וועלען אלע דינען בלויז צו דעם גאָט פון ישראל, — האָט גישון געזאָגט צו זיין טאָכטער. — זאָג אונז נאָר, וואָס מיר וועלען דארפען טאָן.

— דערוויילע, גלויב איך, וועט זיין גענוג פאר אלעמען אוועקצוואַרפען זייערע געצען און דינען אין הארצען בלויז צו דעם איינציגען גאָט פון ישראל, און ווען מיר וועלען זיין אין דעם לאַגער פון ישראל, וועט מען אונז שוין זאָגען וואָס מיר האָבען ווייטער צו טאָן.

גישון האָט גלייך ארייגערופען זיין פרוי מיט זיינע קינדער און אייניקלער און זיך אָפּגערופען:

— זייט אלע געגרייט, ווייל דער טאָג איז נאָהענט. מיר וועלען געראַטעוועט ווערען און מיר וועלען זיך באַזעצען צווישען ישראל. דעריבער פארלאַנג איך פון אייך, אז איהר זאָלט מעהר ניט דינען צו די געטער פון יריחו.

ווארפט זיי אוועק און באשליסט אין אייערע הערצער צו דינען צו דעם גאָט פון ישראל, וועלכער האָט מיט זיין פאָלק אזויפיל ניסים געטאָן.

אין איין אויגענבליק האָבען אלע א נעהם געטאָן זייערע אָפּגעטער און זיינען נאָכגעגאנגען נאָך רחב'ן.

— ווארפט זיי ארויס פון דעם דאָזיגען פענסטער, — האָט רחב זיך צו זיי אָפּגערופען. — דאָ וועט קיינער פון די איינוואוינער פון יריחו ניט באַמערקען, און מיט גאָט'ס הילף וועלען מיר דערפאר פון דעם דאָזיגען פענסטער געראטעוועט ווערען.

זיי האָבען געטאָן ווי רחב האָט זיי געהייסען און ארויסגעשליידערט זייערע געטער דורך יענעם פענסטער.

— קוקט זיך גוט צו! — האָט זי זיך אָפּגערופען צו איהרע ברידער און שוועסטער, — און זאָגט מיר וואָס זעהט איהר?

זיי האָבען ארויסגעשטעקט זייערע קעפּ דורכ'ן פענסטער און איינער פון די ברידער האָט זיך אָפּגערופען:

— איך זעה א מחנה אָנקומענדיג.

— דאָס זיינען די מחנות פון ישראל, זיי דערנעהענטערען זיך שוין צו דער שטאָדט. איהר מוזט אלע זיין געגרייט. נעהמט קיין זאך ניט מיט זיך. לאָזט אייער פארמעגען הינטער זיך, ווייל יהושע און זיינע באאמטע וועלען אונז ניט פארלאָזען.

גישון האָט אויך ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער און האָט אויסגערופען:

— גרויס איז דער צאָהל פון ישראל. יריחו וועט זיכער פאלען אין זייערע הענט... אָבער ווער ווייס אויב זיי וועלען געדענקען די שבועה וואָס זיי האָבען צו דיר געשוואָרען.

— ווען זיי וואָלטען בלויז מיר זייער וואָרט געגעבען וואָלסטו אויך ניט געדארפט צווייפלען, און בפרט, ווען זיי האָבען געשוואָרען. דו דארפסט וויסען זיין, אז די מענשען וועמען יהושע האָט געשיקט זיינען זעהר וויכטיגע. איינער איז א ברודער פון עתניאל'ן, וועמען איך האָב צוזאמען מיט יהושע'ן פון דעם קרוין־פרינצ'ס הענט געראטעוועט, און דער צווייטער איז אן אייניקעל פון אהרן דעם כהן, דעם ברודער פון משה'ן. זיי וועלען געוויס זייער שבועה האלטען.

— וואָס איך האָב מורא, איז, זיי זאָלען זיך אין דעם אין גאנצען ניט פארגעסען.

—דערפאר האָבען זיי מיר געהייסען ארויסהייגען דעם רויטען שנור... דו זעהסט, אָט הייננט דער דאָזיגער שנור אלס א סימן פאר זייער שבועה... ווי זיי וועלען דאָס דערזעהן וועלען זיי זיך דערמאָנען ווי אזוי איך האָב זיי געראטעט און זיי וועלען אונז אויך ראטען. זייט אָבער זעהר פאָרזיכטיג קיינער זאָל ניט מיין הויז פארלאָזען, און ווען וועט וועלען אריינקומען אין מיין הויז, זאָלט איהר ענטפערען, אז רחב'ס טירען זיינען פארשלאָסען פאר פרעמדע, ווייל אזוי איז דער פארזאָג געווען פון דעם קעניג.

יהושע האָט צוגעפיהרט ישראל ניט ווייט פון דער שטאָדט יריחו, און דארטען האָט ער זיין לאגער געמאכט. באלד האָט יהושע צוגערופען די כהנים און די באאמטע און זיי אָנגעזאָגט:

— מיר וועלען ארומרינגלען די שטאָדט יריחו. איהר, די כהנים, וועלען

טראָגנען דעם ארון פון גאָט און זיבען כהנים וועלען בלאָזען מיט זייערע שופרות. פאר די כהנים וועט געהן דער גדוד, וואָס געהט פאָראויס, און פון הינטען וועט געהן דער גדוד וואָס געהט צום לעצטען. און אזוי וועט איהר ארומרינגלען דעם מויער פון דער שטאָדט. זיבען טעג זאָלט איהר געהן ארום דער שטאָדט. יעדען טאָג זאָלט איהר ארומרינגלען די שטאָדט און אין דער צייט וואָס איהר וועט געהן וועלען די כהנים ניט אויפהערען צו בלאָזען מיט זייערע שופרות. און ווען איהר וועט האָבען געגאנגען ארום דער שטאָדט איינמאָל, זאָלט איהר זיך צוריקקעהרען אין דעם לאַגער. אזוי זאָלט איהר טאָן זעקס טעג. און אויף דעם זיבעטען טאָג וועלען מיר אלע ארומרינגלען די שטאָדט זיבען מאָל, און דאַן וועט גאָט איבערגעבען די שטאָדט אין אונזערע הענט. אָבער געדענקט, אז די גאנצע שטאָדט זאָל זיין חרם (הייליג) צו גאָט. קיינער זאָל גאָר ניט וואגען צו נעהמען עפּעס פאר זיך. אלע איינוואוינער פון שטאָדט וועלען מוזען פארניכטעט ווערען, אויסער רחב און איהר משפּחה, ווייל זי האָט צוויי מאָל מיט אונז א חסד געטאָן. זי האָט מיך און עתניאל׳ן געראטעט, ווען מיר זיינען אין חשבון געווען און דאָ ניט לאנג האָט זי געראטעוועט כלב׳ן און פּנחס׳ן פון א זיכערען טויט, ווען זי האָט זיי באהאַלטען ביי זיך און נאכהער ארויסגע־לאָזען דורכ׳ן פענסטער.

באַלד זיינען צו יהושע׳ן צוגעקומען כלב און פּנחס און האָבען זיך אָפּגע־רופען:

— מיר האָבען פון ווייטען באמערקט די רויטע שטריק, וואָס רחב האָט אויפגעהאנגען אויף איהר פענסטער, ווען זי האָט אונז פון דאָרטען ארונטער־געלאָזען, און מיר האָבען איהר צוגעשוואָרען, אז מיר וועלען זי און איהר משפּחה ראטעווען.

— אויב אזוי, נעהמט מיט זיך מיט עטליכע יונגען און זיי וועלען אייך העלפען ארונטערברייגנען רחב׳ן און איהר משפּחה דורך איהר פענסטער. און ווען זיי אלע וועלען שוין זיין אונטען זאָלט איהר זי ברייגנען צו מיר.

צווישען די יונגע לייט וועלכע זיינען מיטגעגאנגען מיט כלב׳ן און פּנחס׳ן צו רחב׳ס פענסטער, איז געווען עכן (אַחאָן), דער זוהן פון זבדי, פון דעם שבט יהודה. ער איז געווען א קרעפטיגער יונגערמאַן, הויך געוואקסען און זיין פּנים איז געווען באצייערט מיט א רונדע ברוינע באָרד.

עכן האָט שוין לאנג געוואָרפען אן אויג כלב׳ס אמט. ער האָט געוואוסט, אז כלב ווערט שוין אלט, און עתניאל, כלב׳ס איינגערער ברודער, ווערט אנגעזעהן און חשוב אין די אויגען פון פאָלק, האָט ער אנגעווענדעט אלע מעגליכקייטען צו פאר׳מיאוס׳ען עתניאל׳ן אין די אויגען פון די עלטסטע פון יהודה. ווען ער האָט אויסגעפונען אז כלב האָט בדעה זיך מתחתן צו זיין מיט איינעם פון אהרן׳ס זיהן, האָט ער נאָכגעשפּיאָנירט עתניאל׳ן און איבערגעגעבען כלב׳ן ווי אזוי עתניאל פארפאָלגט עכסה׳ן מיט זיינע ליעבעס־ערקלעהרונגען.

— איך זעה אז דו ביזט מיר א גוטער פריינד! — האָט כלב זיך אָפּגע־רופען צו עכן׳ען, — און אויב דיר וועט געלינגען אָפּצופרעמדען עכסה׳ן, מיין טאָכטער פון עתניאל׳ן, וועל איך דיר דיזען חסד קיינמאָל ניט פארגעסען.

— עס איז א שווערע אויפגאבע, — האָט עכן א שמייכעל געטהאָן, — בפרט נאָכדעם ווי עתניאל האָט זי געראטעט אין דער שטאָדט חשבון. אָבער

איך וועל עס פאר דיר טהאָן. ווייל איך וויים ווי נייגעריג דו ביזט אז דיין טאכטער עכסה זאָל הייראטען מיט איינעם וואָס שטאמט פון דער משפחה פון אהרן, דעם כהן.

— ווי אזוי וועסטו עס קענען דורכפיהרען ?

— איך האָב א פּלאַן, אָבער איך וועל דארפען אָפּווארטען א קורצע צייט ביז וואנען דאָס וועט זיך מיר איינגעבען, — האָט עכן געזאָגט. — אָבער דערווייל וועל איך דיך בעטען, דו זאָלסט מיך באפריינדען מיט פּנחס׳ן.

— דאָס וועל איך טהאָן מיט פארגעניגען, — האָט כלב איהם געענטפערט, — איך וועל דיר מיט איהם באפריינדען. און אויב דו ווילסט, וועסטו צוזאמען מיט אונז מיטגעהן ארויסראטעווען די פרוי וועלכע האָט אונז פון טויט גערעטעט. מיר האָבען איהר געשוואָרען צו רעטען בעפאָר מיר פאנגען אָן א מלחמה.

— איך וועל זיך שעצען גליקליך אויב דו וועסט מיר מיטנעהמען, — האָט עכן געזאָגט.

ווען יהושע האָט געהייסען כלב׳ן און פּנחס׳ן ארויסראטעווען רחב׳ן איידער זיי געהן שטורמען דעם מויער פון יריחו, האָט כלב גענומען עכן׳ען און נאָך אייניגע שטארקע יונגען מיט וועמען ער און פּנחס האָבען זיך דערנעהנטערט צו דעם פּלאַץ פון מויער וואו עס איז געווען רחב׳ס וואָהנונג. מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט האָבען זיי זיך ארומגעקוקט און ווען זיי האָבען דערזעהן די רויטע שטריק וואָס העננט ארונטער פון פענסטער, האָבען זיי אַלע אויפגעהויבען זייערע קעפּ.

— מיר דוכט זיך אז רחב קוקט ארויס דורכ׳ן פענסטער, — האָט פּנחס געזאָגט צו כלב׳ן.

— יאָ, זי ווארט אויף אונז, לאָמיר פארשנעלערען אונזערע טריט, — האָט כלב געזאָגט צו פּנחס׳ן און צו די איבריגע, — זעהט ניט צו מאכען קיין טומעל.

זיי זיינען צוגעקומען גאנץ נאָהענט צו רחב׳ס פענסטער, און כלב האָט ארויפגעשריען :

— ביזטו גרייט, רחב ? מיר זיינען געקומען ערפילען אונזער שבועה וואָס מיר האָבען דיר צוגעשוואָרען.

— מיר זיינען אַלע גרייט ! — האָט רחב ארונטערגעשריען.

— האַלט זיך אָן פעסט אָן שטריק און דו קום ארונטער צום ערשטען, — האָט פּנחס אויסגערופען.

— איך וועל פריהער ארונטערלאָזען מיינע עלטערען, און מיינע ברידער און שוועסטער, — האָט רחב געזאָגט, — איך וועל ארונטערקומען די לעצטע.

באַלד האָט זיך באוויזען גישון, רחב׳ס פאָטער, נאָכהער איהר מוטער, און נאָכדעם האָט רחב ארונטערגעלאָזען איהרע ברידער און שוועסטער, און צום לעצטע, איז זי אליין ארונטערגעקומען.

— זי איז דאָךווירקליך וואונדערליך שעהן ! — האָט עכן ארייננערוימט איינעם פון די יונגען אין אויער, — איך וועל זיך דארפען מיט איהר נעהנטער באקענען.

רחב און איהר משפחה זיינען א ווייַלע געבליבען שטעהן ווי צוטומעלט. זי האָט געוואָרפען איהרע בליקען אויף דעם פענסטער וואָס די שטריק איז געווען.

— לאמיר געהן אין אונזער לאגער! — האט כלב זיך צו איהר געווענדעט.

— ערלויב דאך מיר פארצושלאגען איינעם פון מיינע געצעלטען פאר רחב'ן און איהר משפחה! — האט עכן געזאגט צו כלב'ן.

— דו דארפסט ניט פארגעסען עכן אז דיזע גנעדיגע פרוי האט געראטעוועט פון א זיכערען טויט, ניט נאר מיר און פנחס'ן, נאר אויך יהושע'ן און עתניאל'ן ווען זיי זיינען געווען אין דעם פאלאץ פון סיחון מיט משה'ס שליחות.

— יא, איך האב עס ניט פארגעסען! — האט עכן א שמייכעל געטהאן, — און דאריבער בין איך וויליג אפצוגעבען דעם בעסטען פון מיינע געצעלטען פאר איהר און איהר משפחה.

— איך גלויב אז אונזער האר יהושע וועט שוין דאס בעזארגען! — האט כלב איהם געענטפערט, — ער האט איהר א סך דאנקבאר צו זיין, און איך בין זיכער אז ער וועט זיין צופרידען אלעס אליין פאר רחב'ן און איהר משפחה צו בעזארגען.

— בערוהיג זיך, גוטהערציגע פרוי, — האט זיך פנחס צו איהר געווענדעט, ווען ער האט באמערקט ווי זי קוקט זיך ארום מיט צושראקענע אויגען, — אין אונזער לאגער וועט דיר גארנישט פעהלען.

רחב האט א שמייכעל געטהאן, און מיט דאנקבארע אויגען בעטראכט די אלע העלדען וואס זיינען געקומען איהר העלפען.

— גאט האט אין אייערע הענד איבערגעגעבען די שטאדט יריחו מיט דעם קעניג און זיין פאלק, — האט זי זיך געווענדעט צו כלב'ן. — איך וועל אייך אנצייגען די שוואכע פונקטען פון דיזען מויער און ווען איהר וועט צוקומען שטורמען אויף איהם, וועט איהר קיין שוועריגקייטען ניט האבען.

רחב האט זיי אנגעצייגט אויף איינציגע פלעצער און האט איינגערוימט כלב'ן אין אויער נאך עטליכע סודות וועגען דיזער פעסטונג. און גלייך נאכדעם זיינען זיי אוועק אין לאגער פון ישראל.

ווען יהושע האט זיך דערוואוסט אז רחב קומט אן, איז ער איהר אנטקעגען געגאנגען.

— געבענשט זיי צו גאט, דו נאבעלע טאכטער, דו ביזט ווילקאמען אין אונזער לאגער!

— איך דאנק דיר, מיין האר, — האט רחב געענטפערט, און איהר פנים איז באדעקט געווארען מיט א רויטקייט, — איך בין גליקליך צו קענען פאר־רעכענט ווערען אלס א טאכטער פון ישראל... איך בין דערווייל אומבעקאנט מיט דער תורה און די געזעצען פון דעם גאט פון ישראל, אבער אין מיין הארצען האב איך שוין אנגעפאנגען צו דיענען צו דעם מעכטיגען גאט פון ישראל... יעצט פיהל איך אז צווישען אייך וועל איך זיך אויסלערנען ווי אזוי זיך אויפ־צופיהרען ווי איינע פון אייך, מיינע עלטערען און מיינע ברידער און שוועסטער... איך זעה יעצט מיט מיינע אויגען די מעכטיגקייט פון אייער גאט, ווי אזוי ער האט אייך אזוי פיעל נסים געטהאן... זאל ער זיין חסד פון אייך אויף ווייטער ניט אפטהאן, און זאלען ערפילט ווערען אלע אייערע פארלאנגען.

— דו בעזיצסט א נשמה פון א נביאה! — האט יהושע זיך צו איהר אפ־גערופען, — און גאט זאל געבען אז פון דיר זאלען ארויסקומען נביאים און גרויסע מענשען, מיט וועמען אונזער פאלק וועט שטאלצירען.

— יעצט וועסטו אריינקומען אין דעם געצעלט וואס איך האב פאר דיר בעשטימט, — האט יהושע געזאגט צו רחב'ן, — דארטען וועסטו זיין. און פאר דייז משפחה האב איך בעשטימט א צווייטען געצעלט. מיינע דיענער וועלען דיר ברייגנען שפייז... און מארגען וועסטו איבערגעפיהרט ווערען אין א זיכערען פלאץ, וויל מארגען פאנגען מיר אן די ארומרינגלונג פון דער שטאדט יריחו.

עכן איז די גאנצע צייט געשטאנען אן א זייט און האט זיינע בליקען ניט ארונטערגענומען פון דער שעהנער רחב. ער האט ביי זיך בעשלאסען אז ער וועט מיט איהרריידען ווי נאר ער וועט די געלעגענהייט האבען. ער האט געזעהן ווי פריינדליך יהושע האט איהר אויפגענומען, און האט גוט בעטראכט ווי אזוי ער האט מיט איהר גערעדט.

— זאל עס זיין אז זי איז איהם געפעלען געווארען ? — האט עכן ביי זיך א טראכט געטהאן, — אבער דאס איז דאך אונמעגליך, האט ער זיך אליין בערוהיגט. ער איז איהר דאנקבאר פאר דעם וואס זי האט פאר איהם געטהאן.

באלד האט עכן באמערקט ווי עתניאל קומט אן און איז גלייך צוגעגאנגען צו רחב'ן.

— דו דערקענסט מיך, מיין הארינטע ? — האט עתניאל זיך א נייג געטהאן פאר איהר.

— דו ביזט דאך עתניאל ! — האט רחב אויסגערופען מיט א שמייכעל, — איך האב אפילו דערקענט דיין ברודער ווען איך האב אין דער טונקעלהייט איהם דעריזעהן.

— דו וועסט זיך מוזען זעהן מיט מיין ברודער'ס טאכטער עכסה, — האט עתניאל ווייטער געזאגט, — זי איז אנגעקומען אין דעם פלאץ פון סיחון אין דער זעלבער נאכט ווען דו און דיין משפחה האבען פארלאזען די שטאדט חשבון. איך בין זיכער אז איהרביידע וועט האבען זעהר פיעל געמיינשאפטליכעס צו ריידען.

— איך יועל זיך שעצען גליקליך איהר פאר מיין פריינדין צו האבען, — האט רחב געזאגט, — איך וויים אז איך וועל זיך א סך פון איהר קענען לערנען.

— אט קומט זי אן מיט איהר מוטער, — האט עתניאל א זאג געטהאן, און ווען רחב האט אומגעדרעהט איהר קאפ, האט זי שוין באמערקט די צוויי פרויען, עכסה'ן און איהר מוטער.

— דאס איז דאך רחב, וועלכע האט געראטעט דיין פאטער'ס לעבען און מיין לעבען, — האט עתניאל זיך געווענדעט צו עכסה'ן.

— איך דאנק דיר, רחב ! — האט איהר עכסה ארומגענומען, — ווען איך האב געהערט וואס דו האסט געטהאן פאר עתניאל'ן און פאר יהושע'ן, האב איך געהאפט אז איך וועל נאך אמאל זוכה זיין דיך צו זעהן. און ווען איך האב אויסגעפונען אז ד' האסט מיין פאטער און זיין בעגלייטער פנחס אויך געראטעט פון א זיכערען טויט, האב איך געטראכט אז דו ביזט א מלאך געשיקט פון הימעל צו העלפען אונזער פאלק. און יעצט זעה איך דיך מיט מיינע אויגען... צו דיין גוטעס נאבעלעס הארץ האט דיר גאט אויך בעשאנקען מיט שעהנקייט.

— איך בין איבערראשט פון פרייד און איך וויים ניט וואס פריהער צו זאגען, -- האט רחב זיך אפגערופען צו עכסה'ן, — דערצעהל מיר דאך ווי

אזוי ביזטו אריינגעפאלען אין די הענד פון דעם גרויזאמען קעניג סיחון און זיין קרוינפרינץ?

— עס איז א סך צו דערצעהלען, — האט עכסה געזאגט רויט ווערענדיג, — דאס וועל איך טהאן ביי א צווייטער געלעגענהייט. אבער יעצט מוזטו זיך אויס־רוהען. איך האב דיר געבראכט קליידער וואס איך האב אויפגענעהט פאר דיר... זינט מיין פאטער האט זיך צוריקגעקעהרט פון יריחו, און מיר דערצעהלט ווי אזוי דו האסט זיי מיט דיין קלוגשאפט געראטעט פון די הענד פון דעם קעניג פון יריחו. איך בין געווען גליקליך צו הערען אז מיין פאטער און זיין בעגלייטער האבען צוגעשווארען דיך ארויסצוראטעווען, און איך האב מיט גרויס אומגע־דולד געווארט אויף דיין אנקומען.

עכסה איז צוגעגאנגען צו איהר מוטער און פון איהר גענומען דאס פעקעל.

— מיין מוטער האט מיר געהאלפען דיזע קליידער צו נעהען. איך האף אז זיי וועלען דיר פאסען.

רחב האט בעדאנקט עכסה׳ן און איהר מוטער און האט גענומען די קליידער.

— האסטו א געצעלט וואו צו שלאפען? — האט איהר עכסה געפרעגט.

— יהושע האט בעשטימט א געצעלט פאר רחב׳ן, — האט זיך עכן אריינ־געמישט.

עכסה האט איהם בעטראכט מיט בעוואונדערונג. זי האט איהם פריהער גארניט באמערקט, און דאריבער איז זי ערשטוינט געווארען ווען זי האט איהם פלוצלינג דערזעהן.

עכן האט זיך געפיהלט אביסעל אין א פארלעגענהייט און האט זיך גלייך פארענטפערט:

— איך בין געווען איינער פון די וועלכע האבען געהאלפען דיין פאטער ארונטערצונעהמען רחב׳ן, — האט ער זיך באריהמט, — איך בין געקומען אויסגעפינען אויב אימיצער פון איהר משפחה נויטיגט זיך אין מיין הילף.

עכסה האט איהם ניט געענטפערט. רחב האט איהם בעדאנקט, און עכן האט זיך א נייג געטהאן און איז אוועקגעגאנגען.

— איך וועל מיט דיר אין דיין געצעלט שלאפען! — האט עכסה זיך אפגערופען צו רחב׳ן... איך האב זעהר פיעל מיט דיר צו ריידען...

— איך האב געפונען חן אין דיינע אויגען, — האט רחב געזאגט, — און איך פאררעכען דאס פאר א גרויסען כבוד פאר מיר.

עכסה האט געקראגען איהר מוטער׳ס ערלויבניס, און באלד האבען אלע זי פארלאזען. עכסה און רחב זיינען אריין אין געצעלט. דארטען האט זי שוין געפונען אלעס צוגעגרייט.

רחב און עכסה האבען די גאנצע נאכט פארבראכט אין ריידען.

עכסה האט איהר דערצעהלט וועגען איהר שטארקע ליעבע צו עתניאל׳ן. און ווען זי האט זיך דערוואוסט אז ער איז אין סכנה, האט זי מיטגענומען איהר ציערונג און אוועקגעריטען אליין, ניט זאגענדיג קיינעם קיין ווארט פון דעם, און ראן האט מען זי געפאנגען און געבראכט צום קרוינפרינץ.

— דאס איז געווען אין דערזעלבער נאכט ווען דער קעניג און דער קרוינ־פרינץ האבען בעשטימט דיך אומצוברינגען. איך האב זיך פון דעם קרוינפרינץ דערוואוסט וועגען דיין "פארברעכען" און מיין הארץ האט אין מיר געשרא־

קען. איך האָב מתפלל געווען צו גאָט ער זאָל דיר העלפען... כאָטש איך האָב דיך נ׳שט געקענט, אָבער איך האָב געהערט ווי אַזוי דו האָסט דיין לעבען אין סכנה געשטעלט און די שלוחים געראַטעוועט. איך האָב פּרובירט זיך בעטען ביי דעם קרוינפּרינץ וועלכער האָט זיך אין מיר גלייך פאַרליעבט, — האָט עכסה געשמייכעלט — אָבער עס האָט ניט געהאָלפען... און ווי גליקליך בין איך געווען ווען איך דער פריה, ווען אַלעס איז שוין געווען גרייט, האָב איך אויסגעפונען אַז דו איין דיין משפּחה זיינען אַנטלאָפען פון השבון אין מיטען דער נאַכט.

— איז עס ניט וואונדערבאַר ווי אַזוי דאָס אַלעס האָט פּאַסירט? — האָט רחב געזאָגט, — יעצט זעה איך, אַז דער גאָט פון ישראל איז מיט זיין פאָלק און פיהרט זיי מיט גרויס רחמים אין דעם לאַנד וואָס ער האָט פאַרשפּראָכען זיי אָפּצוגעבען.

— איך בעט דיך, רחב, — האָט עכסה ווייטער געזאָגט, — אַז דאָס וואָס איך האָב דיר דערצעהלט וועגען עתניאל׳ן זאָל דערוויילע בלייבען א סוד... אַלע ווייסען אַז איך האָב ליעב עתניאל׳ן, אַזוי ווי ער איז דאָך אויך מיין פעטער, האָב איך דאָך א שטיקעל רעכט איהם ליעב צו האָבען. קיינער אָבער דאַרף דערוויילע ניט ווייסען אַז מיר האָבען אָפּגעמאַכט צווישען זיך צו הייראַטען ווי נאָר גאָט וועט געבען און דאָס לאַנד כנען וועט איינגענומען ווערען... פאַרשטעהסטו, מיין פאַטער איז געגען דעם.

— דיין פאַטער איז געגען דעם?!... — האָט רחב איהר אַנגעקוקט מיט ערשטוינונג, — איז דען ניט עתניאל זיין ברודער?

— יאָ, ווייל ער איז זיין ברודער! — האָט עכסה א שמייכעל געטהאָן.

— זעהט ער דען ניט, אַז עתניאל האָט פאַרדיענט צו האָבען דיך פאַר זיין פּדוי? ער איז דאָך בראַוו, עהרליך און גאָטספאַרכטיג.

— מיין פאַטער ווייס אַז עתניאל איז בראַוו און באַזיצט אַלע אייגענשאַפטען וואָס מען קען פאַרלאַנגען פון א יונגען מאַן... אָבער דאָך איז ער געגען דעם אַז איך זאָל זיין פּרוי ווערען.

— איז עס דערפאַר ווייל דו ביזט נאָך אַזוי יונג? — האָט איהר רחב געפרעגט.

— ניין! ווי איך האָב זיך דערוואוסט איז עס צוליעב דעם וואָס מיין פאַטער וויל פאַרגרעסערען אונזער משפּחה, ער וויל איך זאָל הייראַטען מיט איינעם פון אַן אַנדער משפּחה, אָדער אפילו פון אַן אַנדער שבט, כדי דאָמיט צו פאַרמעהרען די מיטגלידער פון אונזער משפּחה... איך ווייס, אַז ער האָט אין זינען פּנחס׳ן, אַן אייניקעל פון אהרן, דער וועלכער האָט מיין פאַטער באַגלייט ווען זיי זיינען אַנגעקומען אין יריחו.

— און דו?

— איך ווייס אַז פּנחס איז א וויכטיגער מאַן. ער איז אויך איידעל, בראַוו, און שטאַמט פון גרויסען יחוס, אָבער איך האָב ליעב עתניאל׳ן. איך האָף נאָר, אַז מיין פאַטער וועט זיך אַרומזעהן שפּעטער און זיין צושטימונג געבען צו אונזער התונה.

— יעצט דערצעהל מיר וועגען אייער גרויסען פיהרער, יהושע, — האָט

רחב זיך אפּגערופן, — ווען איך גיב א טראכט אז איך האב געהאט די מעגליכקייט איהם צו העלפן, פיהל איך זיך איבערגליקליך...

— אלע פארגעטערן יהושע'ן, — האט עכסה איהר געזאגט, — אין דער צייט ווען משה האט נאָך גילעבט, האט מען יהושע'ן זעהר פיעל געשעצט און געאכטעט. ער האט אלע זיין יאָהרען פארבראכט מיט דעם געטליכען מאן משה. ער האט פון איהם פיעל געלערנט. עס איז ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט געווען, אז יהושע וועט זיין משה'ס נאכפאָלגער. און אזוי איז געשעהן. משה האט פאר זיין טויט איהם בעשטימט פאר זיין נאכפאָלגער. ער האט איהם געבענשט, און יעצט זעהען מיר אלע אז גאָט איז מיט יהושע'ן אזוי ווער איז געווען מיט משה'ן. ער האט אונז אריבערגעפיהרט דעם ירדן, און יעצט זיינען מיר נאָהענט צו יריחו, און לויט אלעם וואָס האט פּאסירט ביז יעצט, וועלען מיר די שטאָדט יריחו זיכער איינגעהמען. דאן וועלען מיר האבען א פרייען וועג אריינצודרינגען טיעפער אין כנען.

— וואויל איז דעם פאָלק וואָס פארמאָגט אזעלכע העלדישע פיהרער ווי יהושע איז. ער בעזיצט אויסער זיין גבורה, פיעל חכמה, און וועט פיהרען זיין פאָלק ישראל מיט שכל, ביז וואנען ער וועט דורכפיהרען אלעם וואָס ער האט זיך אונטערגענומען.

— ווען משה האט געשיקט מרגלים אויסצוזעהן כנען, זיינען מיין פאטער און יהושע געווען די איינציגע וועלכע האבען איבערגעגעבען אלעס ריכטיג... צוועלף מרגלים האט דאן משה געשיקט, און צעהן פון זיי האבען גערעדט שלעכטעס אויף דעם לאנד... זיי האבען געזאגט, אז עס וועט אונמעגליך זיין איינצונעהמען דאס לאנד און אונזער מיה איז אומזיסט. אבער יהושע און מיין פאטער האבען ערמוטיגט דאס פאָלק. זיי האבען געזאגט, וואָס פאר א וואונדערבארעס לאנד דאס איז און אריינגעגעבען האפנונג אין די הערצער פון אונזער פאָלק. זינט דאן איז מיין פאטער געוואָרען זעהר בעפריינדעט מיט יהושע'ן. און נאָך משה'ס טויט האט יהושע געמאכט מיין פאטער פאר א הויפּט איבער אן אפּטיילונג פון אן ארמיע. און אויך עתניאל'ן האט ער פאר א בעאמטען געמאכט.

— און דיין פאטער מוז געווים זיין אן אפּטער איינגעהער אין דעם געצעלט פון יהושע'ן.

— געווים! כמעט יעדען טאג קומט איהם מיין פאטער באזוכען. זיי ארבייטען צוזאמען אויס אלע פּלענער וועגען די מלחמות, ווי אזוי און ווען מיר זאָלען אנפאנגען צו שטורמען די פעסטונג פון יריחו. און איך זאג דיר מיט גרויס פרייד, אז גאנץ אפט בעראטה זיך יהושע אויך מיט עתניאל'ן.

— און יהושע בעזוכט געווים אויך דיין פאטער'ס געצעלט? — האט רחב געזאגט.

— פריהער איידער משה איז געשטארבען, פלעגט יהושע קומען גאנץ אפט צו אונז יעצט, זינט ער איז געוואָרען דער אנפיהרער פון פאָלק, קען ער דאס ניט באווייזען ער האט איינפאך קיין צייט ניט... און אויסער דעם ווען יהושע געהט דורך צווישען די געצעלטען פון פאָלק, ווערען אלע נייגעריג... זיי מיינען אז ער האט זעהר וויכטיגעס צו מעלדען.

— און זיין פרוי און קינדער קומען זיי אמאָל אייך באזוכען?

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף עכסה׳ס ליפען.

— יהושע האט נאך ניט קיין פרוי! — האט זי געזאגט.

— יהושע איז נאך ניט פערהייראט?! — האט רחב אויסגערופען, און בעמיהט זיך ניט ארויסצוצייגען איהר צופרידענהייט.

— ניין, ער איז נאך ניט פערהייראט!

— און איז דען צווישען דעם גאנצען פאלק ישראל ניטא קיין מיידעל וועלכע זאל ווערטה זיין צו האבען אזא מאן ווי יהושע?

— מעגליך אז עס איז ניטא! — האט עכסה צוגעגעבען מיט א שמייכעל,

— אבער ווי איך פארשטעה, איז דאס צוליעב דעם וואס יהושע איז יעצט פאר־נומען מיט די מלחמות, און איך בין זיכער, אז ווי נאר ער וועט אריינברינגען אונזער פאלק אין דעם פארשפראכענעם לאנד און מיר וועלען זיך אלע בערוהי־גען פון די מלחמות וועט איך יהושע הייראטען.

— און ווי גליקליך יענע מיידעל וועט זיין! — האט רחב געזאגט, — ווי איך האב געהערט איז ער דער גרעסטער העלד ניט נאר ביי דעם פאלק ישראל, נאר אויך צווישען אנדערע פעלקער געפינט זיך ניט אזא העלד ווי יהושע... און איך וויים ווי שטארק דער קעניג פון יריחו איז צושראקען, ווען ער האט זיך דערוואוסט אז יהושע קומט אן מיט זיין ארמיעע. ווען איך דערמאהן זיך, קען איך זיך קוים באהערשען ניט צו לאכען.

— ווען דו דערמאנסט זיך פון וואס? — האט עכסה איהר געפרעגט.

— ווען איך דערמאן זיך אז דער קעניג פון יריחו איז ביי מיר געווען מיט עטליכע טעג צוריק.

— דער קעניג פון יריחו?! . . .

— יא, דער קעניג פון יריחו האט מיך שוין לאנג געוואלט נעהמען פאר זיין פרוי, אבער איך האב איהם אפגעלעגט אויף דער צייט ווען איך וועל האבען גענומען נקמה פון יהושע׳ן און ווען ער איז מיט עטליכע טעג צוריק געווען אין מיין הויז האב איך איהם געזאגט אז מיט די טעפ וואס איך האב געקויפט פון די צוויי שפיאנען, וועל איך זיך בענוצען אלס מיין נקמה. דאס האב איך געטהאן כדי פון איהם אוועקצונעהמען דעם חשד אז איך האב געהאט צו טהאן מיט די ישראלים. איך האב איהם געזאגט, אז איך וועל אויפקאכען אין די טעפ קאכעדיגע וואסער און וועל זעהן אז יהושע זאל צוקומען נאהענט, און דאן וועל איך אויף איהם ארויפגיסען דאס הייסע וואסער.. יעצט מוז ער געווים ווארטען אין זיין פאלאץ אז איך זאל איהם קומען אנזאגען דאס איך האב מיין נקמה פלאן דורכגעפיהרט... איך שטעל זיך פאר אז ער וועט פריהער שיקען זיינע דיענער מיך צו פרעגען, און ווען זיי וועלען קומען און קלאפען אין מיינע טהירען ניט קריגענדיג קיין ענטפער, וועלען זיי זיך אומקעהרען צו איהם, און דאן וועט ער אליין קומען... און ווען ער וועט הייסען אויפברעכען די טהירען, וועט ער קיינעם פון אונז דארטען ניט טרעפען...

עכסה האט אויך הארציג געלאכט און זיך אפגערופען:

— עס איז יעצט פאר דעם קעניג געבליבען איין זאך צו טהאן, און דאס איז זיך אויפצוהיינגען אויף דער רויטער שטריק וואס הענגט ארויס פון דיין פענסטער . .

אויף מאָרגען האָט יהושע אָנגעפיהרט דעם מאַרש ארום יריחו. ער האָט איינגעטיילט די אַרמעען. די כהנים האָבען געטראָגען דעם היילינען ארון און זיבען כהנים האָבען געטראָגען זיבען שופרות.

— געהט ארום דער שטאָדט יריחו! — האָט יהושע א באַפעהל געגעבען, — אָבער דאָס פאָלק זאָל קיין גערויש ניט מאַכען און ניט שאַלען ביז וואַנען איך וועל הייסען.

די אַרמעען האָבען גענומען מאַרשירען. די כהנים האָבען געבלאָזען די שופרות. און אַזוי האָבען זיי אָנגעהויבען ארומרינגלען די שטאָדט.

די שומרים פון דער שטאָדט יריחו, וועלכע זיינען געווען אויף דעם דאַך פון מויער צו זעהן אויב דער שונא קומט אָן, האָבען זיך זעהר דערשראָקען, ווען זיי האָבען באַמערקט ווי יהושע'ס אַרמעע רינגעלט ארום די וואַנט, זיי האָבען שנעל פאַרלאָזען דעם דאַך פון מויער. און א טויט־שרעק איז אָנגעפאַלען אויף אַלע איינוואָהנער פון שטאָדט.

דער קעניג און זיינע סאָלדאַטען זיינען געווען גרייט אין שטאָדט... ער איז אויך געווען זעהר צושראָקען, אָבער זיינע מיניסטאָרען האָבען איהם בערוהיגט:

— זיי וועלען קיינמאָל ניט איינגעהמען די שטאָדט. די וואַנט איז זעהר שטאַרק און מיר וועלען קענען אויסהאַלטען זעהר לאַנג.

— איך האָף נאָר, אַז יהושע זאָל צוקומען נאָהענט צו דער וואַנט און רחב זאָל קענען דורכפיהרען איהר נקמה־פּלאַן.

— עס איז מערקווירדיג. שוין באַלד צוויי טעג, — האָבען מיר די שומרים געזאָגט, — און קיינער איז ניט ארויסגעקומען פון רחב'ס הויז.

— זי וויל זעהר פאָרזיכטיג זיין! — האָט דער קעניג געזאָגט, — זי וויל ניט אַז מען זאָל איהר שטערען דורכצופיהרען איהר פּלאַן... אַה, ווען דאָס זאָל זיך איהר איינגעבען, דאַן וועלען מיר אַלע פייערען א גרויסען יום טוב איבער דעם גרויסען זיעג, ווייל איך בין זיכער אַז אַזוי שנעל ווי יהושע איז טויט, וועט זיין גאַנצע אַרמעע צופאַלען. דאַן וועלען מיר ארויסגעהן פון שטאָדט און זיך נאָכיאָגען נאָך זיי ביז וואַנען מיר וועלען זיי פאַרטיליגען.

— אויב דאָס זאָל פּאַסירען און מיר וועלען פאַריאָגען דאָס גאַנצע פאָלק ישראל פון די גרעניצען פון כנען. דאַן וועט דער האַר קעניג ווערען דער מעכ־טיגסטער פון אַלע אַנדערע קעניגע, און ער וועט זיי קענען צווינגען זיי זאָלען איהם דערפאַר צאָהלען צינזען, — האָט א מיניסטער געזאָגט.

— און דאַן וועל איך קרוינען רחב'ן פאַר מיין קעניגין, — האָט דער קעניג אויסגערופען, — מיין גאַנץ פאָלק וועט זיין צופריעדען צו וויסען אַז זי האָט געבראַכט א זיעג פאַר אונזער שטאָדט. לאָמיר אַוועקגעהן צו איהר הויז. זי מוז יעצט זיין פאַרנומען מיט'ן קאָכען דאָס וואַסער פאַר יהושע'ן. און פון רחב'ס פענסטער וועלען מיר אויך קענען זעהן ווי אונזער שונא מאַרשירט ארום דער וואַנט.

דער קעניג מיט זיינע מיניסטאָרען זיינען אַוועק צו רחב'ס הויז.

זיין מיניסטער האָט אָנגעקלאַפּט אין איהר טיהר און א ווייל צוגעוואַרט. ווען ער האָט קיין ענטפער ניט געקראָגען האָט ער נאָך שטאַרקער אָנגעקלאַפּט.

— עפּען אויף, רחב! — האָט דער קעניג אויסגערופען מיט א הויכער שטימע, — דאָס בין איך, דער קעניג.

ווען קיין ענטפער איז ניט געקומען, האָט דער קעניג געמיינט אז רחב שלאָפט, און ער האָט דאריבער געהייסען קלאַפּען נאָך שטארקער.

ווען עס איז נאָך אַלץ קיין ענטפער ניט געקומען, האָט דער קעניג זיך דערשראָקען.

— וואָס קען עס בעדייטען? — האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע בעגלייטער.

— מעגליך אז זיי זיינען טויט! — האָט איינער פון די מיניסטארען זיך אָנגערופען.

— ברעכט אויף די טיהר! — האָט דער קעניג באַפוילען.

מען האָט אויפגעבראָכען די טיהר און דער קעניג מיט זיינע מיניסטארען זיינען אריין אינעווייניג.

זיי זיינען אריין פון איין צימער אין צווייטען און האָבען דאָרטען קיינעם ניט געטראָפען.

— וואָס זאָל דאָס בעדייטען?!...

— מעגליך אז זיי זיינען אויפ'ן דאַך.

— זאָלען איינינגע פון אייך ארויפגעהן אויפ'ן דאַך און זיי דאָרטען זוכען.

זיי האָבען זיך באַלד אומגעקעהרט און געלאָזט וויסען דעם קעניג אז אויפ'ן דאַך האָבען זיי אויך קיינעם ניט געטראָפען.

— די טיהרען זיינען געווען פארשלאָסען פון אינעווייניג, דאָס איז א בעוויז, אז זיי האָבען דאָס הויז ניט פארלאָזען, — האָט דער קעניג געזאָגט, — איך קען עס ניט פארשטעהען.

— מיין האר קעניג! — האָט איינער פון זיינע בעגלייטער אויסגערופען און איהם אָנגעצייגט אויף דעם אָפענעם פענסטער.

דער קעניג און די איבריגע זיינען צוגעגאַנגען צום פענסטער און עס בעטראַכט.

— אָט הענגט די שטריק... יאָ, רחב און איהר משפחה האָבען אונז פערראַטהען! — האָט א מיניסטער אויסגערופען, — זיי זיינען אוועק צום שונא.

— עס איז אונמעגליך! — האָט דער קעניג געזאָגט, — רחב וועט אזא זאַך צו מיר ניט טהאָן. זי האָט דאָך געפלאַנעוועט נקמה צו נעהמען פון יהושע'ן. אָה, איך פארשטעה... מעגליך אז זי האָט בעשלאָסען איהר לעבען אין סכנה איינצושטעלען און ארויסגעהן צום שונא אין לאַגער און נאָכהער וועט זי זיך אומקעהרען מיט יהושע'ס קאָפּ!...

— דאַן וואָלט זי עס אליין געטהאָן, — האָט א מיניסטער געזאָגט, — אָבער דאָ זעהען מיר דאָך, אז זי און איהר גאַנצע משפחה זיינען אריבער צום שונא... יעצט איז מיר שוין קלאָר דאָס וואָס די שומרים האָבען מיר פארזיכערט, אז זיי האָבען ניט באַמערקט אז די צוויי שפּיאָנען זאָלען האָבען פארלאָזען רחב'ס וואָהנונג דורך דער טיהר... זי האָט זיי ארויסגעלאָזען דורך דיזען פענסטער און אָט מיט דיזער רויטער שטריק.

דער קעניג און זיינע בעגלייטער האָבען ארויסגערוקט זייערע קעפּ פון פענסטער און פלוצלינג האָט דער קעניג מיט גרויס שרעק אויסגעשריען:

— דער שונא קומט אן! זיי זיינען נאהענט צום וואנט... איך הער דאס בלאזען פון די שופרות... זיי רינגלען ארום די וואנט... מיר זיינען פארלארען... מיר זיינען פארלארען!... רחב האט אונז פעררעטהען!...

— בערוהיג זיך, מיין האר קעניג, — האט דער הויפט פון די מיניסטאר־רען זיך אפגערופען, — אונזער פעסטונג איז שטארק. קיין פאלק אין דער וועלט וועט איהר ניט קענען איינגעהמען. מיר האבען גענוג שפייז און וואסער פאר מעהר ווי א יאהר... דער שונא וועט אזוי לאנג ניט אויסהאלטען. ער וועט מיט שאנדע אפטרעטען פון אונזער שטאדט.

— מיין הארץ שרעקט מיר! — האט דער קעניג אויסגערופען, — אויב רחב האט מיך פעררעטהען, דאן זיינען מיר געווים פארלארען. איך האב געהאט אין זינען איהר צו מאכען פאר דער קעניגין פון יריחו, דאריבער האב איך איהר אויסגעזאגט אלע סודות פון שטאדט... און יעצט וועט זי דאס אלעס איבער־געבען דעם שונא...

מיט א טרויעריגען געמיטה און געבראכען הארץ האט דער קעניג פארלאזען רחב'ס הויז. ער האט באמערקט ווי די שומרים זיינען צושראקען. זיי זיינען ארונטער פון מויער און קיינער האט מעהר ניט קיין מוטה צו קעמפען.

זעקס טעג האבען די אידען ארומגעמארשירט די שטאדט פון יריחו. די גאנצע ארמעע פון יהושע איז געגאנגען מיט גרוים בעגייסטערונג. זיבען כהנים האבען געטראגען דעם הייליגען ארון וואו עס זיינען געווען די לוחות, און זיבען כהנים האבען געבלאזען מיט די שופרות.

אויף דעם זיבעטען טאג האבען זיי אנגעפאנגען צו מארשירען גאנץ פריה, ווי נאר דער מארגען־שטערען איז אויפגעגאנגען. יענעם טאג האבען זיי גע־מארשירט זיבען מאל ארום דער וואנט. דאס פאלק האט געשאלט, די כהנים האבען געבלאזען מיט די שופרות, און דאס שטורמען פון דער פעסטונג האט זיך אנגעפאנגען. דער מויער וואס האט ארומגערינגעלט יריחו איז איינגעפאלען...

יהושע האט א קאמאנדע געטהאן זיין ארמעע אריינצודרינגען אין שטאדט. א פירכטערליכע שלאכט האט זיך אנגעפאנגען.

די איינוואהנער פון שטאדט האבען זיך גענומען צולויפען אין ווילדען טומעל און געשריי.

דער קעניג פון יריחו האט זיך באפעסטיגט אין זיין פאלאץ צוזאמען מיט זיינע פרייען און מיניסטארען.

די דיענער האבען שנעל ארונטערגעלאזען די אייזערנע טיהרען פון פאלאץ. די פענסטער זיינען פארשלאסען געווארען מיט אייזערנע לאדענס.

— מיר זיינען פארלארען! מיר זיינען פארלארען! — האט דער קעניג פון יריחו ניט אויפגעהערט צו יאמערען.

— ווען אונז זאל געלינגען צו מאכען אן אונטעראירדישען ארויסגאנג פון דעם פאלאץ, וואלטען מיר מעגליך זיך געקענט ראטעווען, — האט א מיניסטער אויסגערופען.

— יעצט אבער, האב איך מורא אז עס איז שוין צו שפעט! — האט דער קעניג געזאגט מיט א פארטרויערטער שטימע.

א הילכיגער יאמער האט זיך געטראגען איבער'ן פאלאץ פון דעם קעניג'ס

פרויען... זיי זיינען ארומגעלאפען איבער די ברייטע צימערען פון פאלאץ אין גרוים שרעק און פאניק און האבען געשריען און געוויינט.

— לאמיר זיך איבערגעבען אין די הענד פון שונא, — האט איין פרוי זיך אפגערופען, — אויב מיר וועלען דא פארבלייבען, וועלען מיר אלע גע־טויטעט ווערען.

— דער קעניג קען אונז מעהר ניט בעשיצען, — האבען נאך עטליכע פרויען געיאמערט, — און אויב מיר וועלען זיך יעצט ניט אונטערגעבען וועלען מיר ערגער מאכען.

— לאמיר אויפעפענען די טיהרען פון פאלאץ און ארויסגעהן!

— דאס איז אונמעגליך, דער קעניג וועט אונז ניט לאזען.

— פאר דעם קעניג וועט אויך זיין בעסער זיך אונטערצוגעבען.

— מיר וועלען פון איהם דאס פערלאנגען! — האט די קעניגין זיך אפ־גערופען צו די איבריגע פרויען, — ער וועט עס מוזען טהאן... קומט מיט מיר!

די פרויען האבען צושראקענע, מיט ווילדע אויסגעסטארטשטע אויגען, נאכגעפאלגט דער קעניגין וועלכע איז אריין אין קעניג'ס צימער.

— דער שונא וועט באלד אנקומען! — האט די קעניגין אויסגערופען מיט אויפרעגונג, — און אויב דער מויער ארום דער שטאדט איז איינגעפאלען, וועלען זיך די הענט פון פאלאץ לאנג ניט האלטען. לאמיר זיך בעסער איבערגעבען אין די הענד פון שונא.

— ניין! — האט דער קעניג אויסגערופען, — די געטער וועלען אונז בע־שיצען... איך וועל ניט דערלאזען אז מיינע פרויען זאלען אריינפאלען אין די הענד פון ישראל!

— אבער ווען זיי וועלען זיך אריינברעכען אין פאלאץ, וועלען זיי אונז אלעמען אויס'הרג'ענען, — האט די קעניגין אויסגערופען.

— בעסער זאלט איהר שטארבען איידער אריינצופאלען אין די הענד פון מיינע שונאים!

— מיר ווילען ניט שטארבען!... מיר וועלען זיך בעסער צו זיי איבער־געבען מיט'ן גוטען ווילען...

— איהר וועט ניט ארויסגעלאזט ווערען פון דאנען! — האט דער קעניג א געשריי געטהאן.

— לאמיר געהן און אליין עפענען די טיהרען! — האט די קעניגין א רוף געטהאן די איבריגע פרויען, און אלע צוזאמען האבען זיך א לאז געטהאן צו דער אייזערנער טיהר פון פאלאץ.

— קיינע פון אייך זאל ניט וואגען צוצוגעהן צו דער טיהר! — איז דער קעניג ארויסגעלאפען פון זיין צימער, און ער האט צוזאמענגערופען זיינע גע־טרייע דינער — וועלכע פון מיינע פרויען וועט וואגען צוצוגעהן צו דער טיהר, זאל געטויטעט ווערען!

— איך שרעק זיך ניט פאר דיר! — האט די קעניגין אויסגערופען, — דו האסט קיין רעכט ניט אונז צו פערהאלטען אין פאלאץ ווען דו ביזט ניט אימ־שטאנד אונז צו בעשיצען!... קומט, לאמיר געהן!...

די קעניגין און די פרויען האבען גענומען צוקומען נעהנטער צום טיהר.

דער קעניג האָט ארויסגעכאַפּט זיין שווערד פון דער שייד און איז איהר דעם וועג פארלאָפען.

— אויב דו וועסט מאַכען בלויז נאָך איין טריט, וועל איך דיך מיט מיין שווערד טויטען, — האָט ער אויפגעהויבען זיין שווערד איבער איהר האלז.

— דו ביזט א פייגלינג! — האָט די קעניגין אויסגערופען, — דו וועסט מיך ניט טויטען איך האָב פאַר דיר קיין מורא ניט!... קומט מיט מיר!...

די קעניגין האָט זיך א לאָז געטהאָן נענטער צום טיהר, און דער קעניג האָט מיט זיין גאנצער מאַכט אריינגעשטאָכען זיין שווערד אין זיין קעניגין'ס הארצען..

זי האָט ארויסגעלאָזען א שרעקליכען געשריי און איז באלד געפאַלען א טויטע.

עס איז געוואָרען א טומעל און א געשריי. די איבריגע פרויען האָבען מיט גרויס צאָרן ארומגערינגעלט דעם קעניג און זיך גענומען רייסען צום טיהר. אָבער ער האָט מיט זיין שווערד געשניטען אויף רעכטס און אויף לינקס, און זיינע פרויען האָבען שוין מורא געהאַט צוצוגעהן.

איין פרוי אָבער האָט פון גרויס צאָרן געכאַפּט א גרויסע וואַזע וואָס איז געווען נעבען איהר און זי האָט עס א שליידער געטהאָן דעם קעניג אין קאָפּ.

— א טויט צו זיין אלעמען! — האָט דער קעניג באַפוילען זיינע באוואָפענטע דיענער — זאָל קיינע פון זיי קיין לעבעדיגע ניט בלייבען.

די דיענער האָבען זיך ניט גערוהרט פון אָרט.

— אויב איהר וועט מיין באַפעהל ניט ערפילען, וועט איהר אלע מיט אייערע לעבענס בעצאָהלען, — האָט דער קעניג ווידער א געשריי געטהאָן אויף זיינע דיענער, — ציהט אייערע שווערדען און טויטעט מיינע פרויען, די פעררעטערינס... זיי זיינען אלע אזוי ווי רחב, וועלכע האָט אונז אלעמען צום שונא בערראַטען... איך וועל ניט דערלאָזען זיי זאָלען זיך איבערגעבען לעבעדיגע צו אונזערע שונאים.

די דיענער זיינען נאָך אלץ געבליבען שטעהן באַוועגלאָז ווי צוגעשמידטע צו זייערע פּלעצער.

— זאָלען מיינע לייבוועכטער צו מיר צוקומען! — האָט ער אויפגעהויבען זיין שטימע.

באלד האָבען זיך צעהן פון זיינע לייבוועכטער א לאָז געטהאָן צו איהם און געבליבען שטעהן וואַרטענדיג אויף זיין באַפעהל.

— פאַרטרייבט די פרויען פון דער טיהר, — האָט ער זיי באַפוילען, — און די וועלכע וועלען אייך ניט פאָלגען זאָלט איהר טהאָן צו איהר ווי איך האָב נאָר וואָס געטהאָן צו מיין קעניגין, — האָט ער אָנגעצייגט אויף דער טויטער פאַרבלוטיגטער קעניגין.

די לייבוועכטער האָבען זיי גענומען אוועקטרייבען פון דער טיהר.

די פרויען האָבען אָבער ניט געוואָלט אָפּטרעטען.

— א טויט צו זיי אלעמען! — האָט דער קעניג געשריען, — דערשטעכט זיי מיט אייערע שפּיזען!

דער קעניג האָט אויפגעהויבען זיין שווערד און דאַמיט געטויטעט איינע פון די פרויען.

די לייבוועכטער האבען זיך א ווארף געטהאן צו די פרויען און איהם נאכגעפאלגט. זיי האבען דערשטאכען די איבריגע פרויען.

געשרייען און קרעכצען האבען זיך צונויפגעמישט מיט דעם טומעל פון די שטורמען די טיהרען פון דרויסען.

באלד האבען זיך די טיהרען אויפגעעפענט און יהושע מיט א מחנה סאל־דאטען האבען זיך אריינגעריסען.

דער קעניג און זיינע לייבוועכטער האבען ארויסגעצייגט א ווידערשטאנד, אבער באלד זיינען זיי אלע געפאלען דורך יהושע'ס שווערד.

צוויי טעג האט געדויערט די שלאכט. פיעלע פון די איינוואהנער האבען זיך בעהאלטען אין פארשידענע פלעצער, אויף די דעכער און אין די קעלערען. זיי האבען פרובירט שלידערען שטיינער און פיילען אויף די אנקומענדע, אבער מען האט זיי באלד געכאפט און זיי האבען זייער שטראף בעקומען.

די נייעס אז די פעסטונג פון יריחו איז געפאלען און אז יהושע און זיין ארמעע האבען שוין אריינגעדרונגען אין שטאדט, איז באלד בעקאנט געווארען אין אידישען לאגער.

עס איז געווארען א גרויסע פרייד. די פרויען זיינען ארויסגעקומען מיט צימבאלען און געטאנצט און געזונגען לויב־געזאנגען צו גאט.

— א גרויסער נס איז געשעהן! — האבען די פרויען צווישען זיך גערעדט, — גאט האט אונז אויך באוויזען וואונדער ווי ער האט עס געטהאן צו אונזערע עלטערען אין מצרים און אין דער מדבר.

— די ערשטע פעסטונג פון דעם לאנד וואס איז פארשפראכען געווארען צו אונזערע עלטערען, איז געפאלען, יעצט וועט שוין דאס איבריגע ניט שווער זיין! — האט עכסה געזאגט צו רחב'ן ווען די נייעס איז צו זיי בעקאנט געווארען.

— געלויבט איז גאט. ער פארלאזט ניט זיין פאלק! — האט רחב געענט־פערט, — און נאך גרעסער איז מיין שמחה וואס איך בין יעצט פאררעכענט אלס איינע פון אייער פאלק און קען מיטפיהלען אייער גליק... איך קען אנטייל נעה־מען אין אייער גליק און צוזאמען מיט אלעמען קען איך אויסשרייען:

"לאנג לעבען זאל יהושע, דער געטליכער מאן!"...

נאכדעם ווי אלע איינוואהנער פון דער שטאדט יריחו זיינען געפאלען אין שלאכט דורך דער שווערד פון ישראל, האט יהושע צוזאמענגערופען זיין גאנצע ארמעע און ער האט זיך צו זיי אפגערופען:

— איך וויל אייך אלעמען אנזאגען צו זיין זעהר פארזיכטיג, אז קיינער זאל ניט נעהמען פאר זיך פון דעם פארמעגען פון שטאדט, דאס גאנצע גאלד, זילבער, קופער, אייזען, זאל געהייליגט ווערען פאר גאט... אין דעם אוצר וואס בעלאנגט צו גאט זאל עס אלעס אריינקומען... ווען אימיצער פון אייך געפינט געלד, אדער כלים און חפצים, זאל ער ניט וואגען עס צו נעהמען פאר זיך... ער מוז עס גלייך ברייגגען צו פנחס'ן דעם כהן גדול, וועלכער וועט זיין דער ממונה איבער דעם אוצר פון גאט. און אזוי שנעל ווי דער גאנצער פארמעגען וועט ארויסגענומען ווערען פון יריחו, וועט מען די שטאדט אין גאנצען פאר־ברענען, כדי קיין מגפה זאל ניט אויסברעכען פון די טויזענדע טויטע קערפערס

וואס וואלגערן זיך ארום איבער די גאסען פון יריחו. געדענקט, איך זאג אייך אז נאך אמאל, איהר זאלט זיך היטען גארניט צו נעהמען, און אויב איהר וועט עפעס געפינען זאלט איהר דאס גלייך אריינברייגנען אין דעם אוצר פון גאט.

דאס פאלק האט זיך גלייך אוועקגעלאזען זוכען די פארבארגענע אוצרות. מען האט געזוכט אין יעדען הויז און ווען מען האט דערזעהן פארשידענע מע־טאלענע כלים האט מען דאס צוגענומען.

די כהנים האבען צוזאמענגעשטעלט א גרויסע אפטיילונג אלס א שאץ־קאמער וואו מען האט געהאלטען דאס צונויפגעזאמעלטע פארמעגען. פאר די גאלד, זילבער קופער, אייזען זיינען געווען בעזונדערע אפטיילונגען. און יעדע ווילע פלעגט אימיצער פון ישראל אהין קומען און איבערגעבען די כהנים אלעס וואס ער האט געפונען.

פיעלע פון די פרויען האבען מיט גרויס נייגעריגקייט בעטראכט די וואונ־דערבארע שעהנע ציערונג וואס איז יעדער רגע אריינגעבראכט געווארען אין דעם שאץ־קאמער. זיי האבען זייערע אויגען ניט געקענט אפרייסען פון אלעס.

— איך האב מיטגענומען מיין ציערונג, ווען דיין פאטער האט מיך ארויס־געראטעוועט פון שטאדט, — האט זיך רחב אפגערופען צו עכסה'ן, — און איך גלויב אז איך האב קיין רעכט ניט צו די ציערונג, ווייל ווען איך וואלט פאר־בליבען אין שטאדט און אומגעקומען צוזאמען מיט די איבריגע, וואלט דאך מיין ציערונג בעלאנגט דא וואו אלע ציערונג בעלאנגט.

— איך גלויב, אז ווען דו וואלסט געפרעגט יהושע'ן, וואלט ער דיר דיין ציערונג ערלויבט צו האלטען, — האבען ביידע, רחב און עכסה דערהערט א שטימע פון הינטען. ווען זיי האבען אומגעדרעהט זייערע קעפ האבען זיי מיט גרויס פערוואונדערונג געזעהן עכן'ען, דעם זוהן פון זבדי.

עכסה האט אויף איהם געווארפען א בליק פון פעראכטונג, און עכן האט זיך באלד ענטשולדיגט.

— איך בין געשיקט געווארען צו רחב'ן פון יהושע'ן, און ווען איך בין צוגעקומען אהער האב איך רחב'ס לעצטע ווערטער דערהערט, און דאריבער האב איך געמאכט יענע באמערקונג. אויב דו ווילסט ניט האבען דאגעגען, — האט ער זיך געווענדעט צו עכסה'ן, — וועל איך ריידען מיט רחב'ן אליין, ווייל די זאך וואס איך האב צו ריידען איז זעהר דרינגליך. און יהושע, אונזער האר, וויל ניט אז דאס זאל בעוואוסט ווערען פאר אלעמען.

עכסה האט זיך ענטשולדיגט און האט גענומען צוריקטרעטען.

— ווארט דא צו א קליינע ווילע! — האט רחב זיך צו איהר אפגערופען.

— עס וועט דאך ווארשיינליך ניט נעהמען לאנג.

— איך וועל אויף דיר ווארטען אין דיין געצעלט, — האט איהר עכסה געזאגט, — אין דערווייל וועל איך צוגעהן צו מיין מוטער.

ווען עכסה איז אוועקגעגאנגען האט זיך עכן דערנעהנטערט צו רחב'ן.

— יהושע האט מיך געשיקט רופען, און ווען איך בין צו איהם צוגעקומען האט ער מיר געזאגט: "דו קענסט דאך רחב'ן, די פרוי פון יריחו, וועמען דו האסט געהאלפען ארויסצוראטעווען"?

— געוויס קען איך זי! — האב איך איהם געענטפערט.

— געה אוועק צו איהר, — האט ער מיר געזאגט, — און זעה אויסצוגעפינען פון איהר אויב זי ווייס וואו עס געפינען זיך די אוצרות פון'ם קעניג פון יריחו. ווייל ווי איך פארשטעה, איז רחב געווען גאנץ נאהענט באפריינדעט מיט דעם קעניג פון יריחו. זי האט זיכער ניט איינמאל גענעכטיגט אין זיינע פאלאצען און געוויס האט ער איהר אנפערטרויט זיינע געהיימניסען.

— אה, ניין, מיין האר! — האט רחב אויסגערופען, רויט ווערענדיג, — איך האב קיינמאל ניט גענעכטיגט אין דעם קעניג'ס פאלאץ. איך האב איהם ניט דערלאזען אז ער זאל זיך צוריהרען צו מיר.

— איך פארשטעה דיך זעהר גוט! — האט עכן א שמייכעל געטהאן, — אפילו ווען דער קעניג וואלט זיך צו דיר צוגעריהרט, וואלסטו אין מיינע אויגען זיכער צוליעב דעם ניט געפאלען... דו האסט זיך דאך ניט געקענט העלפען געגען א קעניג.

— אבער איך שווער ביי דעם גאט פון ישראל!

— איך גלויב דיר! דו דארפסט זיך פאר מיר ניט שווערען, אבער יהושע, אונזער האר, איהם וועט אנקומען זעהר שווער צו איבערציינגען... פארשטעהסטו מיך, יהושע איז מיט מיר זעהר בעפריינדעט און פאר מיר רעדט ער זיך גאנץ אפט ארויס זאכען וואס ער וואלט עס פאר קיינעם ניט גערעדט... ער האט מיר געזאגט, אז כאטש דו ביזט זעהר אן עהרליכע און גוטהערציגע פרוי, און דו האסט מיט איהם פיעל חסד געטהאן, דאך ביזטו א פרעמדע, פון א פרעמדעם פאלק, פון געצען דיענער, און אפילו ווען דו האסט אונזער גלויבען אנגענומען, ביזטו נאך אלץ ניט קיין ריכטיגע אידישע טאכטער... און דאס וואס ער האט ארויסגעוויזען אזוי פיעל בעגייסטערונג און פריינדשאפט, ווען ער האט דיך געזעהן, איז עס בלויז צוליעב דעם ווייל דו האסט איהם גערעטעט פון די הענד פון סיהון... אבער דו האסט קיין רעכט ניט אויסצוטייטשען זיין בעהאנדלונג צו דיר ווי א מאן בעהאנדעלט א פרוי וועלכע ער ליעבט.

— איך האב עס קיינמאל אזוי ניט אויסגעטייטשט, — האט רחב זיך אפגערופען רויט ווערענדיג... — ווער בין איך אז איך זאל גאר האבען אזעלכע מחשבות... אבער איך בין דאך זיכער אז יהושע האט דיך צו מיר ניט געשיקט דו זאלסט מיר דאס איבערגעבען.

— אה, ניין, דאס האט ער מיר בלויז אנפערטרויט, אבער איך בין דאך דיר זעהר א גוטער פריינד וויל איך דיך פארהיטען, דו זאלסט וויסען וואו דו האלטסט...

— אבער צוליעב וועלכען צוועק האט דיך יהושע צו מיר געשיקט? — איז שוין רחב געווארען עטוואס אומגעדולדיג.

— איך האב דאך דיר שוין געזאגט, מען האט פארבראכט א גאנצען טאג זוכענדיג דעם קעניג'ס אוצרות און מען האט זיי ניט געפונען, און יהושע האט מיך געשיקט דיר פרעגען פיעלייכט האסטו א באגריף וואו די אוצרות געפינען זיך, ווייל דו האסט דאך געוויס פארבראכט אין זיין פאלאץ.

— אמת, איך האב אין זיין פאלאץ פארבראכט, — האט רחב איהם געענטפערט, — און ער האט מיר געצייגט זיינע אוצרות, אבער איך שווער ביי גאט אז איך האב ביי איהם אין פאלאץ קיינמאל ניט גענעכטיגט.

— אבער פיעלייכט ווייסטו דאך וואו זיינע אוצרות געפינען זיך?

— ער האָט מיר איינמאָל, אין א שכור'ן צושטאנד, געזאָגט אז ער האָט בעהאלטען פיעלע קאָסטבארע זאכען אונטער דער דיל פון זיין שטאהל... גיב איבער דעם האר, יהושע, אז ער זאָל דאָרטען לאָזען זוכען מעגליך אז זיי וועלען דאָרט עפּעס געפינען.

— איך דאנק דיר זעהר, רחב, — האָט עכן זיך אָפּגערופען, — און וואָס אנבעלאנגט דיינע ציערונג זאָלסטו זיך ניט איילען זיי אָפּצוגעבען אין דעם אוצר פון גאָט, נאָר אלעמען האָבטו דאָך דיינע ציערונג ארויסגענומען איידער די שטאָדט איז אריינגעפאלען אין די הענד פון ישראל, און דאריבער גלויב איך אז דו ביזט צו זיי בארעכטיגט. יעדענפאלס גיב מיר איבער דיינע ציערונג און איך וועל זיי צייגען יהושע'ן און הערען וואָס ער וועט זאָגען. אויב ער וועט מיר הייסען זיי דיר צוריקגעבען איז א סימן אז דו דארפסט עס ניט אָפּגעבען פאר גאָט, און אויב ער וועט זיי פערהאלטען, וועסטו פארשטעהן אז אז דו ביזט צו זיי ניט בארעכטיגט.

— גוט, איך וועל דיר מיין ציערונג איבערגעבען, — האָט רחב געזאָגט, — קום מיט מיר צו מיין געצעלט.

עכן און רחב זיינען אוועק צו איהר געצעלט.

— ווארט דאָ צו א ווייל׳ע און איך וועל דיר די ציערונג ארויסטראָגען, — האָט זי צו איהם געזאָגט.

עכן האָט א ווייל׳ע צוגעווארט און רחב האָט איהם ארויסגעטראָגען איהר ציערונג. זי האָט אויך ארונטערגענומען איהר רינג פון איהר פינגער און איהם צוגעלעגט צו די איבריגע ציערונג.

— דיזען רינג האָב איך געקראָגען פון דעם קרוינפרינץ פון סיחון. מיין נאָמען איז אויף איהם אויסגעקריצט, דאָך בין איך ניט זיכער אויב איך האָב א רעכט איהם צו טראָגען... יהושע וועט דיר געוויס זאָגען אויב דאָס דארף אויך בעלאנגען צו דעם אוצר פון גאָט.

עכן האָט בעטראכט דעם רינג און זיך צו איהר אָפּגערופען:

— דו טהוסט זעהר ריכטיג וואָס דו לאָזט איבער צו יהושע'ן ער זאָל בעשליסען וואָס צו טהאָן מיט דיינע ציערונג דאמיט וועסטו אלעמען ווייזען, אז דו האָסט מיט דיין גאנצען הארצען אנגענומען אונזער גלויבען..

עכן האָט זיך א נייג געטהאָן פאר רחב'ן און איז שנעל אוועק. ווען ער האָט זיך דערווייטערט פון איהר, האָט ער ארויסגענומען איהר ציערונג און עס גוט בעטראכט

— רחב'ס ציערונג איז ווערטה זעהר פיעל, — האָט ער זיך געטראכט, — ער וועט איהר שוין זאָגען אז יהושע האָט עס פערהאלטען פאר דעם אוצר פון גאָט און קיינער וועט קיינמאָל ניט אויסגעפינען.

ער איז אריינגעקומען אין זיין געצעלט און עס בעהאלטען אין א גוטען זיכערען פלאַץ. אויסער דעם רינג וואָס זי האָט איהם געגעבען. באלד נאָכדעם האָט ער מיטגענומען זיין אייזעל און איז אוועקגעריטען אין דער שטאָדט יריחו צו דעם שטאָהל פון קעניג'ס פערד.

עס איז געווען טונקעל... אויף די גאסען פון שטאָדט זיינען געלעגען צווארפען די הרוגים. די הייזער זיינען געווען צובראָכען יעדעס הויז איז דורכגעזוכט געווארען און אלע קאָסטבארע חפצים זיינען ארויסגענומען געווארען און

אוועקגעטראָגן געוואָרן אין דעם לאַגער פון ישראל. דאָ און דאָרטן זיינען געווען אידן וועלכע האָבן געזוכט און גענישטערט... אנדערע האָבן געגראָבן אונטער די הייזער זוכענדיג בעהאַלטענע אוצרות.

ווען עכן איז צוגעגאַנגען צום שטאַל פון דעם קעניג׳ס פערד, האָט ער איהם געפונען אָפן. די פערד זיינען שוין פון פריהער ארויסגענומען געוואָרן פון דאָרט

ער האָט זיך ארומגעקוקט און ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אז די אַנדערע ארום זיינען פאַרנומען מיט זייער ארבייט, איז ער אריין אינעווייניג און גענומען אַפּרייסן דעם דיל פון שטאַל. ער האָט גלייך באַמערקט עפּעס איינגעהילט אין א ליילעך. ער האָט עס פאַנאַנדערגעוויקעלט און האָט באַמערקט א טהייערן איבערשלאַגמאַנטעל וואָס קומט פון דעם לאַנד שנער... ער האָט אויפגעבראָכן נאָך עטליכע ברעטער האָט ער באַמערקט א הילצערנע קעסטעלע, ווען ער האָט עס אויפגעעפענט האָט ער דאָרט געפונען זילבערנע שקלים. און ווען ער האָט זיי איבערגעצעהלט האָט ער געפונען צוויי הונדערט שקלים. ער האָט זיי גלייך צוריקגעלייגט אין דעם קעסטעלע און גענומען ווייטער זוכען. באַלד האָט ער דערזעהן א שטיק גאָלד, וואָס האָט געוואויגען אַן ערך פון פופציג שקלים.

עכן האָט עס אַלעס שנעל אריינגעטהאָן אין צוויי זעק וואָס ער האָט גענומען מיט זיך און עס ארויפגעלייגט אויף זיין אייזעל. ער האָט צוגעוואַרט ביז וואַנען עס וועט אין גאַנצען פינסטער ווערען, און ווען ער האָט געזעהן אז אַלע זיינען זיך שוין צוגאַנגען פון יריחו, האָט ער זיך ארויפגעזעצט אויף זיין אייזעל און איז שטיל אריינגעריטען אין לאַגער. ער איז צוגעקומען צו זיין געצעלט און האָט דאָרטען קיינעם ניט געפונען, זיין פרוי און זיינע זיהן און טעכטער זיינען געווען אין א צווייטען געצעלט. ער האָט אויפגעהויבען די דיל פון זיין געצעלט און האָט עס אַלעס אריינגעלייגט אינעווייניג, נאָכהער צוריקגעלייגט די ברעטער אויף זייער פּלאַץ און ער האָט זיך געלעגט שלאָפען.

פון גרויס פרייד האָט ער אזוי שנעל ניט געקענט איינשלאָפען. ער האָט גענומען טראַכטען וועגען דער וואונדער־שעהנער רחב... ער ווייס אז זי איז שטאַרק פאַרליעבט אין יהושע׳ן, און אויך יהושע האַלט זעהר פיעל פון איהר, פון דעסטוועגען וועט ער שוין וויסען ווי אזוי זיי אָפּצופרעמדען איינע פון צווייטען. ער איז געווען צופריעדען וואָס איהם איז איינגעפאַלען אָפּצונאַרען רחב׳ן און זאָגען אז דאָס האָט איהם יהושע געשיקט. מיט זיין קלוגשאַפט האָט איהם גע־לונגען ארויסצוקריגען רחב׳ס ציערונג, אין דערזעלבער צייט האָט ער דורך איהר אויסגעפונען וועגען די איבריגע אוצרות וואָס דער קעניג האָט בעהאַלטען. איבערהויפּט האָט איהם הנאה געטהאָן דאָס וואָס איהם האָט זיך איינגעגעבען איינצורעדען רחב׳ן אז יהושע האַלט ניט פון איהר... יעצט וועט ער דאַרפען זיך זעהן מיט יהושע׳ן און זעהן פאַר׳מיאוס׳ן איהר אין זיינע אויגען... אָבער ווי אזוי וועט ער קענען צוקומען צו יהושע׳ן?... מעגליך אז ער וועט עס טהאָן דורך כלב׳ן... אָבער ניין, כלב דאַרף דערפון אויך ניט וויסען, ווארום אויב כלב וועט פון עפּעס וויסען וועט שוין עתניאל דערפון וויסען, און דאַן וועט עס זיכער דערגרייכען די אויערען פון עכסה׳ן, און זי וועט גלייך איבערגעבען רחב׳ן און אַלע זיינע פּלענער וועלען צונישט ווערען... ער וועט עס דאַרפען טהאָן אליין אָהן דער הילף פון א צווייטען.

א גאַנצע נאַכט איז ער געלעגען אויף זיין געלעגער און געטראַכט ווי אַזוי צוצוקומען צו יהושע׳ן און ווי אַזוי צו ריידען מיט איהם וועגען דעם... פאַרטאָג איז איהם אריינגעפאַלען א געדאַנק וואָס האָט איהם געמאַכט גליקליך. ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבען פון זיין בעטעל, זיך ארומגעוואַשען און אָנגעטהאָן, און פאַרלאָזען זיין געצעלט.

עס איז נאָך געווען גאַנץ פריה. אַלע אידען זיינען געלעגען פאַרזונקען אין טיעפען שלאָף. אויסער די וועכטער וועלכע האָבען ארומגעשפּאַצירט איבער׳ן לאַגער צו זעהן אַז אַלעס איז אין גוטען אָרדנונג.

עבן האָט פאַרלאָזען דעם לאַגער פון דעם שבט יהודה, און ער איז אַוועק צו דעם לאַגער פון דעם שבט אפרים וואו יהושע איז געווען.

— וואָס איז דיין פערלאַנג! — האָט איהם א וועכטער אָפּגעשטעלט ווען ער איז שוין געווען אינעווייניג אין לאַגער פון אפרים.

— איך האָב זעהר וויכטיגעס צו ריידען מיט אונזער האַר, יהושע. און איך וויל זיך מיט איהם זעהן.

— ווער בוזטו?

— איך בין פון דעם שבט יהודה, און מיין נאָמען איז עבן.

— אָבער אַזוי פריה! יהושע מוז נאָך געווים שלאָפען.

— אָה, ניין, — האָט א צווייטער וועכטער זיך אריינגעמישט, — יהושע שלאָפט שוין נישט... ער שטעהט אויף זעהר פריה יעדען טאָג.

—פון דעסטוועגען האָסטו געקענט צוואַרטען ביז וואַנען די זונן וועט אויפגעהן... עס איז דאָך נאָך טונקעל.

— די זאַך וועגען וואָס איך וועל ריידען מיט אונזער האַר יהושע, איז זעהר צודרינגליך און איך מוז זיך מיט איהם באַלד זעהן.

—אויב יהושע שלאָפט נאָך ניט וועסטו עס קענען טהאָן, אָבער אויב ער שלאָפט, וועלען מיר דיר ניט ערלויבען איהם אויפצואוועקען. עס מאַכט ניט ווי דרינגליך די זאַך זאָל ניט זיין.

— וואו איז יהושע׳ס געצעלט? — האָט עבן געפרעגט די שומרים.

איינער פון די שומרים האָט איהם אָנגעוויזען פון ווייטען אויף א גרויסען ברייטען געצעלט.

— קענסטו דען ניט זעהן אַז איטיצער באַוועגט זיך דאָרטען? — האָט עבן זיך אָפּגערופען צום שומר, וועלכער האָט איהם געזוכט צו פערהאַלטען.

— מעגליך אַז דאָס איז איינער פון זיינע דיענער.

— וועל איך פריהער פרעגען זיין דיענער, און איך פאַרזיכער דיר, אַז אויב דער דיענער וועט מיר זאָגען דאָס זיין האַר שלאָפט, וועל איך צוואַרטען אין דרויסען ביז וואַנען יהושע וועט אויפשטעהן פון זיין שלאָף.

די שומרים האָבען איהם מעהר ניט געשטערט און עבן איז צוגעגאַנגען צו יהושע׳ס געצעלט. ער האָט געפרעגט יהושע׳ס דיענער אויב זיין האַר שלאָפט נאָך, און ווען ער האָט איהם געענטפערט, אַז ניט, האָט ער איהם געהייסען פרעגען יהושע׳ן אויב ער קען יעצט צו איהם אריינקומען.

יהושע האָט איהם געהייסען אריינגעהן אינעווייניג.

עבן איז אריינגעגאַנגען אין געצעלט און האָט זיך פאַרנייגט פאַר יהושע׳ן.

— איך בין עבן, דער זוהן פון זבדי׳ן, פון דעם שבט יהודה, איך האָב

געהאלפען כלב׳ן און פנחס׳ן ארונטערצונעהמען רחב׳ן, — האט ער זיך פארגעשטעלט.

— אַה, יע, איך געדענק! — האט יהושע איהם דורכגעדרונגען מיט זיינע בליקען, — יעצט זאג מיר, וואס איז דיין פארלאנג. דו ביזט זיכער געקומען מיט זעהר א וויכטיגע זאך, ווען דו ביזט אזוי פריה אהער געקומען.

—יא, מיין האר, די זאך איז זעהר וויכטיג פאר מיר, און איך האף אז דו וועסט מיר מוחל זיין וואס איך בין געקומען אזוי פריה און דיך פון דיין רוה געשטערט.

— זארג נישט וועגען דעם! — האט איהם יהושע בארוהיגט, — דערצעהל מיר אלעס וואס דיך דריקט, און אויב איך וועל עפעס קענען פאר דיר טהאן צו פארלייכטערען דיינע שמערצען, וועל איך עס טהאן מיט צופרידענהייט.

— איך האב זעהר שטארק געזינדיגט געגען גאט! — האט עכן געזאגט מיט א נידריגער שטימע, ארונטערלאזענדיג זיינע אויגען צום באדען, — און איך בין געקומען זיך מודה זיין אויף מיינע זינד און אין דערזעלבער צייט בין איך געקומען זיך בעראטהען מיט מיין האר וואס איך זאל טהאן.

— דו האסט געזינדיגט צו גאט? — האט יהושע איהם געפרעגט מיט ערשטוינונג, — און וואס באשטעהט דיין זינד?

— מיין האר קען דאך רחב׳ן פון יריחו... ווען איך האב זי צום ערשטען מאל דערזעהן האט זי מיך מיט איהר שעהנקייט בעצויבערט, אבער איך האב נאך קיין מחשבה ניט געהאט וועגען איהר... ערשט מיט א פאר טעג צוריק האב איך זיך צופעליג מיט איהר געטראפען... זי איז געווען זעהר גנעדיג צו מיר, זי האט מיר דערצעהלט פיעלע זאכען פון איהר יוגענד, פון אלעס וואס מיט איהר האט פאסירט אין יריחו, ווי אזוי דער קעניג האט זי געוואלט נעהמען פאר זיין פרוי און זי האט עס אפגעלייגט... ווי אזוי זי פלעגט גאנץ אפט נעכטיגען אין דעם פאלאץ פון דער קעניג... און ווי אזוי די קעניגין איז אויף איהר אייפערזיכטיג געווארען...

— אבער וואס האט עס צו טהאן מיט דיר? — האט איהם יהושע אונטערבראכען מיט כעס, — פארוואס ביזטו עס מיר געקומען אלעס דערצעהלען?

— איך בעט דיך, מיין האר, נעהם ניט פאר אומגוט דאס וואס איך האב גערעדט ווערטער וואס זיינען פיעלייכט ניט געווען נויטיג... אבער צו מיר האט עס אלעס א גרויסע שייכות... איך האב געפיהלט אז איך פאנג אן זי ליעב צו האבען.. און מיט יעדע רגע איז מיין ליעבע צו איהר געוואקסען...

— דו האסט אנגעפאנגען זי ליעב צו האבען? — האט יהושע זיך בעמיהט איינצוהאלטען זיין כעס.

— יא, מיין האר, און ווען זי וואלט מיין ליעבע ניט ערווידערט וואלט איך געווים עס פארגעסען אין עטליכע טעג ארום. אבער ווי איבערראשט בין איך געווארען ווען איך האב געהערט פון רחב׳ס מויל אז זי האט מיך אויך זעהר ליעב.

— רחב האט דיך ליעב?!... — איז שוין יהושע אויפגערעגט געווארען, — עס איז אונמעגליך, דאס מוזטו טרוימען.

— ניין, מיין האר, איך טרוים נישט... רחב האט מיר ערקלעהרט, אז זי האט זיך אין מיר פערליעבט נאך דעם ערשטען מאל ווען זי האט מיך דערזעהן, ווען איך האב געהאלפען זי ארונטערנעהמען פון דער שטריק וואס איז

געהאנגען אין איהר פענסטער... און ווען זי האָט מיך א צווייטען מאָל געזעהן, איז איהר ליעבע נאָך שטארקער געוואָרען צו מיר... זי האָט ניט געקענט שלאָפען און געטראכט פון מיר... איך האָב מיינע אויערען ניט געגלויבט... איך אליין האָב געמיינט אז איך זעה עס אלעס אין א חלום... אָבער עס איז אין דער ווירקליכקייט... יא, זי האָט מיך ליעב.

— איך קען עס נאָך אלין ניט גלויבען! — האָט יהושע אויסגערופען, — רחב האָט דיך ניט ליעב!...

— יא, זי האָט מיך זעהר ליעב, און אלס צייכען פון איהר ליעבע צו מיר האָט זי מיר געגעבען איהר רינג.

כלב האָט אראָפּגענומען רחב׳ס רינג פון זיין פינגער און עס געוויזען יהושע׳ן.

יהושע האָט בעטראכט דעם רינג און איז געבליבען שטעהן פערוואונדערט.

— איז עס מעגליך אז רחב זאָל אזוי האנדלען? — האָט ער געטראכט, — אָבער ער זעהט דאָך אז זי האָט איהם ווירקליך דעם רינג געגעבען. און ער האָט פון איהר אזוי פיעל געטראכט. זי איז אזוי נאָבעל און שעהן... וואס האָט זי אזוינס געזעהן אין כלב׳ען, אז זי זאָל זיך אין איהם פערליעבען?

— דו האָסט א בעזונדערע זכיה, אז רחב האָט זיך אין דיר פערליעבט, — האָט יהושע געזאָגט און איהם צוריקגעגעבען דעם רינג.

— און איך האָב געמיינט אז איך בּאַגעה א זינד געגען גאָט, — האָט כלב געמאַכט א פרומע מיענע.

— וואס פאר א זינד? — האָט איהם יהושע אנגעקוקט.

— דאָמיט וואס איך האָב אין זינען צו מאכען רחב׳ן פאר מיין פרוי.

— פארוואס בעטראכסטו עס פאר א זינד?

— ווייל רחב איז דאָך ניט קיין ישראלית.

— זי האָט זיך דאָך אָבער מגייר געווען.

— דאן איז עס ניט קיין זינד?! — האָט כלב א שמייכעל געטהאָן, — איך בין דיר זעהר דאנקבאר, מיין האר. איך בין געווען זעהר אומרוהיג. די גאנצע נאכט האָב איך פון דעם געטראכט... איך האָב געמיינט אז גאָט וועט מיר ניט מוחל זיין דאָס וואס איך ליעב א פרוי וועלכע איז ניט פון אונזער פאָלק, און וועלכע איז געווען זעהר פריינדליך מיט דעם קעניג פון יריחו.

— דו פארדינסט ניט אזא פרוי! — האָט יהושע זיך אָפּגערופען צו איהם מיט א בייזע שטימע, — איך זעה אז דו צווייפעלסט אין דער עהרליכקייט און ריינקייט פון רחב׳ן...

— אָה, מיין האר, פאר מיר איז אלעס רעכט. אזוי לאנג ווי איך זינדיג דאָמיט ניט צו גאָט בין איך צופריעדען זי צו נעהמען פאר מיין פרוי.

— האָסטו דען ניט קיין פרוי און קינדער? — האָט איהם יהושע געפרעגט.

— יא, איך האָב א פרוי און זיהן און טעכטער, — האָט כלב געענטפערט, — אָבער איך האָב דאָך א רעכט צו נעהמען נאָך א פרוי!...

— יא, אָבער וועסטו איהר קענען בעהאנדלען ווי זי האָט פארדיענט? וועט דיין פרוי איהר ניט ערנידריגען און בעליידיגען?

— איך וועל זעהן אז רחב זאָל זיך פיהלען זעהר באקוועם ביי מיר איך

יועל קיין שטויב אויף איהר ניט לאזען פאלען... איך בין זעהר גליקליך וואס מיין האר האט זיין צושטימונג געגעבען.

— מיין צושטימונג! — האט יהושע אויסגערופען מיט צארן, — ווער האט דיר געזאגט אז איך גיב דיר מיין צושטימונג.

— איך מיין, אז ווי באלד אז איך באגעה ניט קיין זינד דאמיט געגען אלמעכטיגען גאט בין איך צופריעדען.

— ווען דו וואלסט מיר ניט געוויזען איהר רינג, וואלט איך געמיינט אז דו ביזט פון זינען אראפ! — האט יהושע געזאגט מיט פארביטערונג אין זיין שטימע, — יעצט אבער אז רחב האט דיך ליעב, קענסטו זי גערמען פאר דיין פרוי.

— נאך א זאך וואלט איך דיר געוואלט פרעגען, מיין האר, — האט עכן זיך אפגערופען, — רחב האט מיט זיך געבראכט פיעל ציערונג, וואס זי האט פארמאגט אין חשבון און אין יריחו, און אזוי ווי מיין האר יהושע האט ארויס־געגעבען א באפעהל אז אלע ציערונג און חפצים וואס האט פריהער בעלאנגט צו די איינוואוינער פון יריחו, מוז אפגעגעבען ווערען אין דעם אוצר פון גאט. יעצט וויל איך פרעגען, וואס דארף רחב טהאן מיט איהר ציערונג? זאל זי עס אפגעבען צו גאט, אדער זי האט א רעכט עס צו פערהאלטען פאר זיך?

— רחב האט ארויסגענומען איהר ציערונג פון יריחו, איידער איך האב בעשוואוירען דאס פאלק וואס צו טהאן מיט די רייכטימער פון יריחו, דאריבער געהערט די ציערונג צו איהר, און זי דארף עס ניט אפגעבען צו דעם אוצר פון גאט.

— איצט האף איך, מיין האר, אז דו וועסט מיר מוחל זיין וואס איך בין אזוי פריה געקומען דיר שטערען... דיינע רייד האבען מיך ווירקליך גליקליך געמאכט.

— ווי אלט ביזטו, עכן? — האט איהם יהושע געפרעגט.

— איך בין שוין איבער פערציג יאהר.

— האט דיר רחב געזאגט ווי אלט זי איז?

— ניין.

— זי איז געווים א העלפט פון דיינע יאהרען.

— אבער זי האט מיך זעהר ליעב.

— געה בשלום, און אויב זי האט דיך ליעב, האסטו עס געווים פארדיענט... דו דארפסט ניט פארגעסען אז רחב שטאמט פון קעניגליכער משפחה, און מיט דעם וואס זי האט אזוי פיעל אויפגעטהאן פאר אונזער פאלק, איז זי געווארען חשוב אין אלעמענס אויגען און זי איז פאררעכענט ווי א טאכטער פון ישראל.

— איך דאנק דיר, מיין האר! — האט זיך עכן א נייג געטהאן און פאר־לאזען יהושע'ס געצעלט.

א גליקליכער און צופרידענער איז עכן אוועק פון יהושע'ן. זיין גאנצער פלאן האט זיך איהם איינגעגעבען. יהושע וועט שוין געווים מעהר ניט טראכטען פון רחב'ן. איהם איז געלונגען איהר צו פאר'מיאוס'ען אין זיינע אויגען. יעצט האפט ער, וועט ער קיין שוועריגקייטען ניט האבען אויך איבערצוצייגען רחב'ן אז יהושע דולדעט איהר בלויז צוליעב דעם וואס זי איז געוועזן גנעדיג צו איהם און צו די מרגלים. אויסער דעם אבער, איז זי אין זיינע אויגען פאררעכענט ווי

א פרעמדע, און אזוי לאנג ווי זי וועט ניט הייראטען מיט איינעם פון ישראל, וועט זי געהאלטען ווערען ווי א טאָכטער פון יריחו... דאן וועט איהם שוין ניט אנקומען זעהר שווער זי אריינצוקריגען פאר זיך. זי איז דאָך זעהר נייגעריג פארדעכענט צו ווערען ווי א טאָכטער פון ישראל.

עכן איז גלייך נאכדעם אוועק צו דעם געצעלט פון רחב׳ן. א היבשע ווײלע האָט ער צוגעווארט אין דרויסען ביז וואנען רחב איז ארויסגעקומען.

מיט א פריינדליכען שמייכעל האָט עכן זי באגריסט:

— פריידען צו דיר, דו שעהנסטע צווישען פרויען! — האָט ער זיך אפגער־רופען, — איך בין געקומען דיר איבערצוגעבען די רייד פון יהושע. איך האָב איהם געפרעגט אויב דיינע ציערונג דארף אויך אפגעגעבען ווערען, און ער האָט געזאָגט אז יא. איך האָב זיי איהם איבערגעגעבען. איך מוז דיר זאגען, אז איך בין זעהר צופריעדען וואָס דו האסט מיר מיטגעגעבען די ציערונג, דאָס האָט באוויזען יהושע׳ן אז דו האָסט פריהער אליין וועגען דעם געטראכט... יעצט וועט ער זעהן אז אפילו א פרוי פון אן אנדער פאָלק קען זיין עהרליך.

— איך פארשטעה ניט, עכן, וואָס דו ציעלסט מיט דיינע ווערטער? — האָט איהם רחב אנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— איך ווייס ניט אויב עס איז אין פלאַץ דיר אלעס איבערצוגעבען, אבער ווען איך האָב געהערט ווי יהושע רעדט וועגען דיר, האָב איך זיך עס שטארק גענומען צום הארצען... וויפיעל איך האָב איהם ניט פארזיכערט אז דו ביזט ריין פון זינד, האָט ער ניט געוואָלט גלויבען. ער האָט געזאָגט, אז עס איז אונמעגלין דאָס דער קעניג פון יריחו זאָל דיך ניט האָבען בעריהרט... איך האָב איהם ערקלעהרט, אז ער דארף דיך יעצט פאררעכענען ווי א טאָכטער פון ישראל, אבער ידושע האָט מיר געזאָגט, אז אזוי לאנג ווי דו וועסט ניט הייראטען מיט א ישראל וועסטו פאררעכענט ווערען ווי א פרעמדע.

— עס איז אומגלויבליך! — האָט רחב אויסגערופען, — יהושע וועט אזוי ניט ריידען פון מיר.

— איך שווער דיר ביי אלעס וואָס איז הייליג, אז אזוי האָט יהושע גערעדט. ער האָט נאָך צוגעגעבען, דאָס ער האָט דיר געגעבען א פיינע אויפנאהמע צו־ליעב ד״ין גנאדע וואָס דו האָסט איהם ארויסגעוויזען אין חשבון און צו די מרגלים אין יריחו.

א טרויער האָט באדעקט רחב׳ס פנים. יעצט האָט זי געוואוסט אז איהרע חלומות זיינע ניט מקוים געווארען. אבער זי האָט זיך קיינמאָל ניט פאר־געשטעלט אז דאָס וואָס יהושע האָט זי עמפפאנגען מיט אזוי פיעל פריינדליכ־קייט איז עס בלויז צוליעב זיין דאנקבארקייט צו איהר... האָט זי דען איהר לעבען אין סכנה ניט געשטעלט און איהם געראטעוועט? יעצט איז זי גאר ביי איהם פאררעכענט פאר א פרעמדע, וועלכע וועט שטענדיג זיין אונטער פערדאכט.

— איך זעה, רחב, אז דו ביזט שטארק בעזאָרגט וועגען דעם, — האָט עכן זיך אפגערופען, — אין מיינע אויגען ביזטו קיינמאָל ניט געווען פאררעכענט פאר ק״ין פרעמדע... און יעצט בין איך וויליג דיך צו מאכען פאר מיין פרוי... דו דאַרפסט וויסען אז איך בין זעהר רייך... און ווען דו וועסט איינוויליגען מיט מיר חתונה צו האָבען, וועל איך זעהן אז דו זאָלסט אין מיין הויז געוועלטיגען... מיין ערשטע פרוי וועט צו דיר א דינסט זיין.

—איך בעט דיך, פארלאָז מיך גלייך! — האָט זיך רחב צו איהם אָפּגערופען מיט צאָרן. — איך פערלאַנג אַז דו זאָלסט מעהר צו מיר קיינמאָל ניט ריידען.

— דו ווייסט דאָך, רחב, אַז דאָס טהו איך בלויז צוליעב דיין טובה וועגען. און ווי עס ווייזט אויס, ווייסטו ניט ווי אָפּצושאַצען א טובה... זעהסטו דען ניט, אַז פאַר דיר וועט אונמעגליך זיין פאַררעכענט צו ווערען פאַר א ריכטיגע טאָכטער פון ישראל ביז וואַנען דו וועסט הייראַטען מיט איינעם פון ישראל, און איך בין וויליג צו זיין דער דורך וועמען דו וועסט באַרעכטיגט ווערען צו דיין נאָמען "א טאָכטער פון ישראל", און דו ענטזאָגסט זיך נאָך פון דיזען כבוד!...

— טהו דיזען כבוד אָן צו אימיצען אַנדערש, — האָט רחב אויסגערופען, — אָבער צו מיר זאָלסטו אַזעלכע רייד מעהר ניט ריידען. אין די אויגען פון גאָט בין איך שוין לאַנג פאַררעכענט פאַר איינע פון זיין פאָלק... ווייל גאָט זעהט וואָס עס טהוט זיך ביי מענשען אין הערצען און אין מיין הערצען האָב איך שוין לאַנג אָנגעפאַנגען צו איהם צו דיענען.

— דו ווייסט נאָך וואָס דו קענסט געווינען ווען דו וועסט מיט מיר הייראַטען? — האָט עכן געזאָגט, — דו קענסט דיינע ציערונג בעקומען צוריק, ווייל אַזוי שנעל ווי דו ווערסט מיין פרוי, קענסטו שוין ניט פאַררעכענט ווערען פאַר איינע פון יריחו, און אַלעס וואָס האָט בעלאַנגט צו דיר וועט צו דיר אומגעקעהרט ווערען.

— איך דאַנק דיר, עכן, אויך פאַר דיזער טובה וואָס דו ווילסט מיר טהאָן. אָבער איך וואָלט בעסער אָפּגעגעבען נאָך צוויי מאָל אַזוי פיעל ציערונג איידער אויף דיר אַרויפצולייגען אַזאַ יאָך...

— אַה, ניין, רחב, עס וועט פאַר מיר גאָר קיין יאָך ניט זיין, — האָט עכן געזאָגט — דו האָסט מיך מיט דיין שעהנקייט באַצויבערט, און ווען דו וועסט מיט מיר הייראַטען וועל איך זיך גליקליך שעצען.

— ווען איך וואָלט דיך ניט געזעהן, און מיט מיינע אויערען געהערט דיינע רייד וואָלט איך קיינמאָל ניט געגלויבט אַז צווישען דעם פאָלק ישראל געפינען זיך אויך פאַרדאָרבענע מענשען אָדער גרויסע נאַראָנים. איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, אַז דו זאָלסט מיך אויפהערען צו בעלעסטיגען מיט דיינע נאַרישע רייד.

—און איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט אַז די פרויען פון יריחו זאָלען זיין אַזוי איינגע'עקשנ'ט און אונדאַנקבאַר... בין איך דען ניט געווען איינער פון די וועלכער האָט געהאָלפען פנחס'ן און כלב'ן דיך און דיין משפחה אַרונטערצונעהמען פון דעם פענסטער פון דעם מויער פון יריחו?

— דו ביזט בלויז געווען איינער פון פיעלע און דו פערלאַנגסט א באַלוינונג ווי דו וואָלסט געווען דער איינציגער! ניין, עכן, געה זיך דיר דיין וועג, און איך פערלאַנג פון דיר דו זאָלסט מיך אויפהערען צו באַלעסטיגען, אויב ניט, וועל איך דאַן זיין געצוואונגען צו זוכען הילף ביי מיינע פריינד.

רחב האָט זיך אומגעקעהרט מיט גרויס צאָרן און איהם פאַרלאָזען.

עכן איז געבליבען שטעהן א ווייל אויף זיין פלאַץ אומבאַוועגליך. ער האָט געזעהן אַז ער איז דורכגעפאַלען... זיין גאַנצע מיה איז אַרויסגעוואָרפען... אָבער ניין, ער וועט ניט אויפגעבען... זי מוז געהערען צו איהם... ער ווייס ווען ער זאָל אַרויסווייזען א העלדישקייט, און דאָס פאָלק זאָל איהם אָנערקענען, דאַן

וואָלט שוין רחר פון איהם אנדערש געטראכט... יעצט איז ער גאָרניט אין איהרע אויגען... זי פאַרעהרליכט יהושע'ן און זיין העלדישקייט... און וויפיעל ער האָט זיך באמיהט צו פאַר'ביאוס'ן יהושע'ן אין איהרע אויגען, איז איהם ניט געלונגען. אבער ווען ער קען ווערען א הויפט פון אן אפטיילונג פון אן ארמעע און בעזיעגען דעם שונא, דאן וואָלטען שוין אלע פון איהם מעהר געהאלטען... יהושע אבער וועט איהם ניט צולאָזען... בפרט נאכדעם ווי ער האָט איהם דערצעהלט אז רחב איז וויליג מיט איהם צו הייראטען... ער האָט געקענט זעהן פון יהושע'ס פנים ווי שטארק אייפערזיכטיג ער איז געווען... עס האָט איהם גוט פארדראָסען ווען ער האָט פון איהם געהערט אז רחב איז אין איהם פאַרליעבט... יא, ער וועט מיזען זעהן אז יהושע זאָל אויך ביים פאָלק פאַרלירען דעם חן... ווען יהושע זאָל בלויז איינמאָל פאַרלירען א שלאַכט מיט דעם שונא, דאן וואָלט ער ביים פאָלק פאַרלאָרען זיין צוטרויען און עס וואָלט ניט געווען גאַנץ שווער פאַר א צווייטען צו ווערען דער הויפט און פיהרער פון ישראל, ווען יענער וואָלט אין דערזעלבער צייט ארויסגעוויזען א העלדישקייט.

לאַנג איז עכן געשטאַנען אויף דעם זעלבען פלאַץ וואו רחב האָט איהם פאַרלאָזען און געפלאַנעוועט און געזוכט עצות ווי אזוי ער זאָל קענען בעריהמט ווערען אין ישראל און דורכדעם געווינען רחב'ס הארץ.

ווען ער איז אוועק אהיים צו זיין פרוי און קינדער, האָט ער פון זיינע מחשבות ניט אויפגעהערט צו טראַכטען. ער האָט זיין מאָלצייט געגעסען אהן חשק, און ווען זיין פרוי האָט איהם געפרעגט די אורזאַכע האָט ער זיך אויף איהר אָנגעבייזערט. ער איז געלעגען אויף זיין געלעגער און אויסגעארבייט זיינע פלענער און ווען ער איז אויפגעשטאַנען אין דער פריה פון זיין שלאָף, האָט ער זיך געפיהלט מעהר ערמוטיגט. ער וועט יהושע'ן ווייזען... ער וועט איהם מוזען דערהויבען... ער וועט איהם צווינגען איהם צו מאַכען פאַר א הויפט.

שטאַרק ענטטוישט און פאַרביטערט איז געווען יהושע. ער האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן רחב'ס האַנדלונג. האָט ער איהר דען ניט ארויסגעוויזען גענוי פריינדשאַפט? !... האָט ער איהר דען ניט אָפּגעגעבען גענוג כבוד? !... ווען ער האָט זי צום ערשטען דערזעהן אין דעם פּאַלאַץ פון סיחון, האָט זי זיין הארץ געפאַנגען מיט איהר צויבערליכער שעהנקייט, און ווען זי האָט איהם און עתניאל'ן באפרייט פון געפענגנים, איינשטעלענדיג דערביי איהר אייגען לעבען, און דאמיט אויך ארויסגעצייגט איהר קלוגשאַפט און אויסגעצייכנטקייט, זינט דאן האָט ער פון איהר ניט אויפגעהערט צו טראַכטען... ער האָט זי ליעב באַקומען און איז געווען זיכער אז זי וועט זיין ליעבע ערווידערען. יעצט אבער, האָט זי איהם אויסגעביטען אויף עכן'ען... וואָס האָט זי אזוינס איז עכן'ן געפונען?... ווען ער וואָלט ניט געזעהן רחב'ס רינג אויף עכן'ס פינגער, וואָלט ער קיינמאָל ניט געגלויבט אז רחב זאָל איהם ליעב האָבען... יעצט אבער, ווען דאָס האָט אזוי פּאַסירט, דאַרף ער זעהן אין גאַנצען איהר פון זיינע געדאַנקען ארויסשלאָגען... ער וועט זיך איבערגעבען מיט זיין גאַנצען לייב און לעבען צו העלפען באזעצען זיין פאָלק אין דעם לאַנד... ער וועט פיהרען די מלחמות און אויסראָטען די אלע פעלקער וועלכע וועלען שטעלען אין געפאַהר דעם עקזיסטענץ פון ישראל אין זיין לאַנד. יא, אין דעם אליין וועט ער געפינען זיין טרייסט,

און דאס וועט איהם מעגליך מאכען צו פארגעסען זיין ליעבע צו דער שעהנער רחב... עס איז געוועזן א חלום און ער איז פארשוואונדען... ער דארף וועגען דעם אין גאנצען מעהר ניט טראכטען... עס איז געווים אזוי באשערט פון הימעל... אויב רחב האט עכט'ן ווירקליך ליעב, זאל גאט געבען אז זי זאל מיט איהם גליקליך זיין.

אויף מארגען האט יהושע געגעבען א באפעהל אז יעדער איינער מוז פארלאזען די שטאדט יריחו.

— געגוג שוין צו זוכען און נישטערען אין יריחו. דאס וואס מען האט געפונען ביז יעצט זאל אפגעגעבען ווערען אין די אוצרות פון גאט, און אלע וועלכע געפינען זיך איז שטאדט זאלען באלד ארויס פון דארט, ווייל די שטאדט יריחו וועט מוזען פארברענט ווערען, און אלעס וואס געפינט זיך דארטען, כדי אויסצומיידען אז א מגפה זאל זיך נישט פארשפרייטען פון די טויזענדע פגרים וועלכע וואלגערען זיך אין די גאסען.

יהושע האט ארייגעשיקט אן אפטיילונג סאלדאטען און זיי האבען דורכגעמאו'שירט דורך דער שטאדט און געהייסען יעדען איינעם וואס שנעלער פארלאזען יריחו.

ווען אלע זיינען שוין געווען אויסער דער שטאדט, האט יהושע געגעבען א באפעהל אונטערצוצינדען די שטאדט... די סאלדאטען האבען מיט זיך גענומען טרוקענע היי און דאס אוועקגעלייגט אין פארשידענע פלעצער.

איינינע סאלדאטען האבען אונטערגעצינדען די היי אין די פארשידענע טיילען פון שטאדט. און זיי זיינען שנעל ארויס פון יריחו.

באלד האט זיך באוויזען א געדיכטער רויך. און די פלאמען האבען גענומען זעצען. פייערדיגע צונגען האבען זיך געריסען צום הימעל. די גאנצע שטאדט יריחו איז איינגעהילט געווארען אין פלאמען.

דער אידישער לאגער איז געווען אפגערוקט א היבשען מרחק פון דער שטאדט יריחו אבער אלע האבען דייטליך געקענט זעהן די פלאמען, און דער רויך האט זיך דערטראגען אויך ביז דעם לאגער פון ישראל.

עטליכע טעג האט די שטאדט געברענט ביז וואנען אלעס איז פארוואנדעלט געווארען אין אש... עס איז קיין זכר ניט געבליבען פון די הייזער, פעלדער און ביימער. אלעס איז חרוב געווארען.

ווען יהושע און די עלטסטע פון ישראל זיינען צוגעקומען עטוואס נעהנטער צו דער שטאדט. האבען זיי נאך באמערקט דא און דארטען פונקען. עס האט נאך געטליהעט און געברענט אין פארשידענע פלעצער. עס האט נאך גערויכערט אין פילע ערטער.

פילע פון ישראל זיינען געקומען צו בעטראכטען די חורבות פון יריחו. די איינגעפאלענע וואנט וואס איז געווען האלב איינגעזונקען אין דער ערד, איז געווען דער איינציגער עדות וואס איז פארבליבען פון יריחו.

יהושע און די איבריגע האבען בעטראכט די וואנט און נאכהער האט ער אויסגערופען:

— איך באשווער אז קיינער זאל ניט וואגען צוריקצובויען דיזע וואנט פון דער שטאדט יריחו, פארשאלטען זאל ווערען דער מאן וועלכער וועט אויפבויען און באפעסטיגען דעם מויער ארום דער שטאדט יריחו. ווען דער מאן וועט

אנפאנגען זי צו בויען און לייגען דעם פונדאמענט וועט שטארבען זיין ערשט־געבארענער זוהן, און ווען ער וועט פארטזעצען צו בויען וועלען זיין זיהן אויס־שטארבען, און ווען ער וועט האלטען ביים אויפשטעלען די טיהרען, וועט שטאר־בען זיין איינגסטער זיהן. ווייל דיזע וואונדער וואס גאט האט מיט אונז געטהאן דארף בלייבען אן אנדיינקען אויף אייביג. זאלען אונזערע קינדער און קינדס־קינדער וויסען אז גאט האט מיט אונז געטהאן וואונדער.

עכן האט יעצט, נאך מעהר ווי פריהער געהאט א פערלאנג צו קריגען אז אמט אין דער ארמעע, כדי ער זאל קענען ארויסצייגען א העלדישקייט און דורך דעם געווינען רחב׳ס הארץ. ער האט אבער געוואוסט, אז עס וועט פאר איהם זיין זעהר שווער זיך צו דערשלאגען צו אן אמט אליין. אהן דער הילף פון א צווייטען. ער האט דאריבער בעשלאסען זיך צו ווענדען צו כלב׳ן, וועלכער האט איהם שוין איינינגע מאל געטהאן טובות.

ער האט געוואוסט אז כדי צו געפינען נאך מעהר חן אין כלב׳ס אויגען, וועט ער דארפען זעהן צוצושטערען די ליעבע צווישען עכסה׳ן, כלב׳ס טאכטער און עתניאל׳ן, כלב׳ס איינגערער ברודער. ער וויים אז ער וועט האבען זעהר א שווערע אויפגאבע ווייל עתניאל איז דאך זיין ברודער און ער וועט ניט קענען אנריידען קיין שלעכטעס אויף איהם. ער וועט דאריבער דארפען זעהר פארזיכטיג זיין ווי אזוי ער זאל צוטרעטען צו דער זאך. פריהער האט ער געהאפט אז ער וועט רחב׳ן דערצעהלען פיעלע פון די סודות וואס קומט פאר צווישען עכסה׳ן און עתניאל׳ן, יעצט אבער קען דאך פון דעם אפילו קיין רייד ניט זיין. ער וועט דאס פען אליין עס דורכפיהרען.

עכן האט גאנץ גוט געוואוסט אז כלב טראכט זעהר פיעל פון פנחס׳ן, דעם זוהן פון אלעזר׳ן. ווען פנחס זאל נאר צושטימען וואלט שוין דאס איבריגע געווען זעהר גרינג. כלב וואלט ניט געמאכט קיין לאנגע שהיות און וואלט זיין טאכטער חתונה געמאכט מיט איהם... ער האט אבער אויסגעפונען אז צו פנחס׳ן איז פאר׳קנס׳ט א צווייטע מיידעל פון דעם שבט לוי. מעגליך אז ער וועט אויך צושטימען צו נעהמען עכסה׳ן. יעדענפאלס וועט ניט שאדען אויב ער וועט זיך דורכריידען מיט איהם.

עכן האט זיך געטראפען מיט פנחס׳ן און ער האט מיט איהם אנגעפאנגען צו ריידען פריהער וועגען אנדערע ענינים, נאכהער האט ער גענומען לויבען עכסה׳ן, כלב׳ס טאכטער.

— זאג מיר, מיין פריינד, — האט זיך פנחס צו איהם אפגערופען, — האט דיך כלב צו מיר געשיקט.

— איך וויים ניט אויב איך האב א רעכט דיר צו זאגען דעם אמת, ווייל כלב האט מיך אנגעבעטען איך זאל פאר קיינעם ניט זאגען אז דאס האט ער מיך געשיקט צו דיר... אבער אזוי ווי דו האסט שוין אליין געטראפען, וועל איך צוגעבען אז ער האט מיך געשיקט צו דיר... אבער איך פערלאנג, מיין הער, איין זאך פון דיר. כלב טאר קיינמאל ניט אויסגעפינען אז דו ווייסט אז איך בין געשיקט פון איהם.

— איך וועל דאך געוויס מיט איהם ניט ריידען וועגען דעם! — האט פנחס געענטפערט.

— איך גלויב אז עס איז איבעריג פאר מיר אויסצורעכענען פאר דיר עכסה'ס מעלות. דו קענסט זי גאנץ גוט, דו ווייסט ווי בעצויבערנד שעהן זי איז, ווי קלוג, נאָבעל און גוטהערציג זי איז.

— יאָ, איך ווייס אלעס, — האָט פּנחס צוגעגעבען מיט א שמייכעל, — אָבער איך ווייס אויך, אז עכסה ליעבט עתניאל'ן, און עתניאל ליעבט זי.

— וועגען דעם דארפסטו ניט זארגען, מיין האר! נאר אלעמען ווייסטו דאָך אז עתניאל איז כלב'ס ברודער און ער וועט ניט דערלאָזען אז זיין טאָכטער זאָל ווערען זיין פרוי.

— פאר וואָס נישט? עס איז דאָך נישט פארבאָטען!

— ווייל כלב האָט מיר שוין לאנג געזאָגט אז ער וויל זיך ניט מתחתן זיין מיט זיין אייגענער משפחה, ער האָפט צו פארגרעסערען זיין משפחה און ער וואָלט געוויס פארעכענט פאר א כבוד אָפּצוגעבען זיין טאָכטער צו דיר.

— צום בעדויערען בין איך געצוואונגען זיך צו ענטזאָגען פון דיזען כבוד! — האָ פּנחס אויסגערופען.

— פארוואָס?

— ווייל איך בין פאר'קנס'ט צו א צווייטער מיידעל פון דעם שבט לוי.

— דאָס ווייס איך און אויך כלב האָט דערפון געוואוסט.

— און פון דעסטוועגען האָט ער דיך צו מיר געשיקט? — האָט זיך פּנחס געוואונדערט.

— יאָ, די וועסט זי דאָך אויך קענען נעהמען פאר דיין פרוי.

— אין אונזער משפּחה האָט יעדער בלויז נאָר איין פרוי, — האָט פּנחס געענטפערט, — מיין זיידע אהרן האָט געהאַט איין פרוי, מיין פאָטער אלעזר בלויז נאָר איין פרוי, און איך וועל אויך מעהר ניט נעהמען ווי איין פרוי.

— דו וועסט מיר ענטשולדיגען, מיין האר, — האָט עכן זיך אָפּגערופען, — אָבער מיר איז זעהר שווער צו פארשטעהן, ווי אזוי דו קענסט דורכלאָזען אזא גלינצענדע געלעגענהייט. איך בין זיכער, אז עכסה איז א סך שעהנער און האָט מעהר מעלות פון דער מיידעל וועלכע איז צו דיר פאר'קנס'ט, און אפילו ווען דו האָסט בעשלאָסען צו נעהמען בלויז איין פרוי, האָסטו דאָך בעדארפט עכסה'ן געבען א פאָרצוג.

— ווען די וואָלסט צו מיר ניט געקומען אין נאָמען פון כלב'ן, מיין פריינד, וואָלט איך דיך מיט חרפה פון זיך פארטריבען פאר אזעלכע רייד... ביי דיר איז רעכט אז איך זאָל אוועקוואַרפען מיין כלה און נעהמען א צווייטע.

— ווען די צווייטע איז שעהנער און קלוגער?!... — האָט עכן שעלמיש א שמייכעל געטהאָן.

— אין מיינע אויגען איז מיין כלה די שעהנסטע און די בעסטע. איך האָב זי ליעב און איך זוך אפילו ניט צו מאכען א פארגלייכעניש.

עכן האָט גלייך זיך ארומגעזעהן אז אומזיסט וועלען זיין זיינע איבריגע רייד, און ער האָט זיך א נייג געטהאָן און געזאָגט:

— איך האָף אז כלב וועט גארניט וויסען פון מיין יעצטיגען געשפּרעך מיט דיר.

פּנחס האָט איהם מעהר ניט געענטפערט און עכן איז אוועק פון איהם א

בעטריבטער. ער זעהט אז מיט דיזער שליחות איז ער דורכגעפאלען. א וועז כלב וואלט זיך דערוואוסט וואס ער האט יעצט צו איהם געטהאן!...

פון דעסטוועגען האט עכן נאך ניט אויפגעגעבען די האפנונג צו געפינען א מיטעל ווי אזוי צו פארשטארקען זיין פריינדשאפט מיט כלב׳ן... ווען ער וועט איהם בלויז קענען באווייזען דאס איהם איז געלונגען אפצופרעמדען עכסה׳ס הארץ פון עתניאל׳ן, וועט ער איהם עס פאררעכענען פאר א טובה.

עטליכע טעג האט ער וועגען דעם געפלאנעוועט, געטראכט, ביז וואנען ער האט בעשלאסען צו מאכען א בלבול אויף עתניאל׳ן... יא, ער וועט דערצעהלען עכסה׳ן אז ער האט אויסגעפונען דאס עתניאל ליעבט זיך אין א צווייטער מיידעל. נייז, זי וועט בשום אופן אויף איהם ניט גלויבען... סיידען ער זאל האבען עפעס א באוויז... אבער פריהער פון אלעם מוז ער אויסגעפינען א מיידעל וועלכע זאל איהם אין דעם ארויסהעלפען, דערנאך וועט ער מוזען ארויסקריגען עפעס א צייכען פון עתניאל׳ן און עס איבערגעבען דער מיידעל... ערשט דאן וועט ער קענען איהר איבערצייגען... און ווען איהם וועט געלינגען צו דערווייטערען עכסה׳ן פון עתניאל׳ן וועט כלב איהם זעהר דאנקבאר זיין.

עכן האט גענומען אפהיטען עתניאל׳ס געצעלט. ער פלעגט זיך באהאלטען ערגעץ ניט וויים פון דארט און איהם נאכקוקען, און ווען ער האט איינמאל פארלאזען זיין געצעלט און עכן איז זיכער געווען, אז ער איז אוועק צו עכסה׳ן, האט ער זיך אין זיין געצעלט אריינגע׳גנב׳עט און פון דארטען ארויסגענומען עתניאל׳ס גארטעל.

גלייך נאכדעם איז ער אוועקגעגאנגען צו שלומית די יונגע אלמנה, וועלכע איז געווען באוואוסט אלס פרוי פון צווייפעלהאפטען כאראקטער. ער איז אריינגעקומען אין איהר געצעלט און זיך צו איהר אפגערופען:

— ווילסטו קריגען א גרוים באלויגונג פון מיר?

שלומית האט איהם אנגעקוקט און האט א שמייכעל געטאן.

— וואס וועט זיין דיין באלויגונג? — האט זי איהם גלייך געפרעגט.

— פריהער פרעג, וואס דו וועסט דארפען טאן פאר דער באלויגונג! — האט עכן געזאגט.

—דאס וועל איך שוין איבערלאזען צו דיר! — האט זי געלאכט.

— דו זעהסט דעם דאזיגען גארטעל? — האט ער איהר געצייגט. — דאס געהערט צו א שעהנעם יונגענמאן...

— שלומית האט איהם מיט פארוואונדערונג אנגעקוקט.

— איך וויל דו זאלסט מיר טאן א טובה, און פאר דער טובה וועל איך דיר באלוינען מיט צוויי אוירינגלעך פון זילבער. שטימסטו צו?

— געוויס! — האט זי אויסגערופען מיט פרייד. — אבער צייג מיר פריהער די צוויי אוירינגלעך!

עכן האט פון זיין קעשענע ארויסגענומען צוויי זילבערנע אוירינגלעך און איהר געצייגט.

— אח, ווי וואונדערשעהן זיי זיינען! — האט זי מיט באגייסטערונג אויסגערופען און געוואלט זי אנטאן אויף איהרע אויערען.

— ניין, דו קענסט זיי ניט באקומען סיידען דו וועסט דורכפיהרען מיין פלאן, — האט עבן זיי צוריקגענומען פון איהר האנט.

— איך וועל טאן אלעס וואס דו וועסט מיר הייסען! — האט זי געענט־פערט.

— די ערשטע זאך וועסטו מיר דארפען שווערען, אז דו וועסט קיינעם ניט דערצעהלען וועגען דעם, וואס מיר וועלען דא אפמאכען.

— איך שווער! — האט זי אויפגעהויבען איהר רעכטע האנט.

— גוט. איצט הער זיך איין וואס איך פארלאנג פון דיר.

שלומית האט זיך צוגערוקט נעהענטער צו איהם און עבן האט מיט א נידער־ריגער שטימע זיך אפגערופען:

— דו קענסט דאך געוויס עתניאל'ן, דעם ברודער פון כלב'ן, איא?

— געוויס קען איך איהם!

— ווייסטו פיליכט, אז עכסה כלב'ס טאכטער, איז פארליבט אין איהם?

— איך האב געהערט דערפון!

— איצט, הער זיך איין, וואס איך פארלאנג, — האט עבן געזאגט. — איך בין פאראינטערעסירט, עכסה זאל אויפהערען צו ליבען עתניאל'ן.

— אח, איך פארשטעה! — האט די אלמנה א זאג געטאן מיט א שעלמי־שען שמייכעל.

— ניין, ניט דאס! — האט עבן איהר געענטפערט. — איך האב אן אנדער אורזאך. איהר פאטער, כלב, וויל אויך גאנץ שטארק, אז זיין טאכטער'ס ליבע צו זיין אינגערען ברודער זאל אפגעקיהלט ווערען, און איך וויל כלב'ן אין דעם ארויסהעלפען, ווייל איך ערווארט פון איהם א טובה.

— אבער וואס דארף איך טאן? — האט זי איהם געפרעגט.

— דו זעהסט אט דעם דאזיגען גארטעל, ער באלאנגט צו עתניאל'ן. דו דארפסט איהם נעהמען און דערמיט וועסטו קענען דורכפיהרען מיין פלאן.

— ווי אזוי?

— דו דארפסט דערצעהלען, אז עתניאל איז געווען אויף א באזוך אין דייז געצעלט און ער האט אויף דייז בעטעל פארגעסען זיין גארטעל...

די יונגע אלמנה האט זיך הארציג פאנאנדערגעלאכט:

— אח, דאס וואס דו ווילסט טאן?

עבן האט זי אפגעמאסטען מיט זיינע בליקען:

— ביזטו דען ניט צופרידען?

— איך וועל עס טאן מיט פארגעניגען! — האט זי ניט אויפגעהערט צו לאכען.

— אבער פארוואס לאכסטו? איך בין זעהר ערנסט וועגען דעם!

— און איך בין אויך ערנסט. אבער איך וואלט געוואונשען, אז דאס וואלט געווען אמת!... ער איז דאך אזא בראוועד און שעהנער יונג... ווען דו וואלסט געקענט אויספיהרען, אז ער זאל ווירקליך מיך קומען באזוכען, איך מיין עס זאל זיך געפינען אן עדות, וועלכער זאל איהם האבען געזעהן אריינ־קומענדיג אין מיין געצעלט, דאן וואלט פאר מיר א סך גרינגער געווען צו מאכען אלעמען גלויבען, אז דאס איז ריכטיג...

— אבער דו ווערסט דאך האבען זיין גארטעל! איז דען דאס ניט דער בעסטער "באוויז"?

— ער וועט געוויס אפלייקענען און וועט זאגען, אז דאס האב איך ערגעץ געפונען... און דו ווייסט דאך, אז איהם וועט מען בעסער גלויבען ווי מיר!

— ווי אזוי קען איך מאכען, אז עתניאל זאל טאקע אריינקומען אין דיין געצעלט? — האט עכן געקנייטשט דעם שטערען.

— דו ביזט דאך זעהר קלוג, פארוואס זאלסטו ניט קענען געפינען א וועג?

— האט זי שעלמיש געשמייכעלט.

— וועגען דעם טראכט איך איצט! — האט עכן דורכגעפיהרט זיינע פינגער דורך זיין באַרד. — ווי אזוי מאכט מען, אז עתניאל זאל אריינקומען צו דיר אין געצעלט?

— עס איז ניט קיין שווערע אויפגאבע, — האט שלומית זיך אפגערופען.

— איך האב א פלאן ווי אזוי אריינצונארען עתניאל'ן אין מיין געצעלט!

— זאג מיר שנעלער דיין פלאן! — האט עכן אויסגערופען.

— דו געפין אוים א צייט, ווען עכסה געפינט זיך ערגעץ אויף א באזוך, און איך וועל שוין שיקען א שליח צו עתניאל'ן און איהם זאגען, אז עכסה געפינט זיך אין מיין געצעלט און זי וויל ער זאל גלייך דארט צוקומען. איך בין זיכער, אז עס וועט לאנג ניט נעהמען און ער וועט קומען אין מיין געצעלט. דאן וועל איך שוין וויסען ווי אזוי איהם צו פארהאלטען אויף א ווייל, כדי די עדות זאלען קענען באשטימען, אז ער האט זיך אין מיין געצעלט פארזאמט א היבשע ווייל...

— איך זעה, אז דו ביזט ווירקליך א קלוגע פרוי! — האט עכן זיך אפגערופען. — און ווען אלע מיינע פלענער וועלען דורכגעפיהרט ווערען, וועל איך דיך נאך מעהר באלוינען.

עכן האט גענומען אויספארשען וועלכע צייט עכסה געהט אוועק און עס איבערגעבען שלומית'ן. זי האט גלייך צוגערופען א שליח און צו איהם געזאגט:

— געה אריבער צו עתניאל און זאג איהם, אז עכסה, זיין ברודער'ס טאכטער, וויל איהם גלייך זעהן און ער וועט זי טרעפען אין דעם געצעלט פון שלומית, די אלמנה.

ווען דער שליח האט איבערגעגעבען עתניאל'ן, אז עכסה ווארט אויף איהם אין דעם געצעלט פון שלומית'ן, איז ער געווען איבערראשט, ווי אזוי קומט דארטען עכסה איצט? און פארוואס זאל זי איהם וועלען זעהן דארט?

לאנג אבער האט ער ניט געטראכט. ער האט ארויפגעטאן זיין אויבער־בגד און איז אהין אוועקגעגאנגען. ווען ער איז צוגעקומען צו איהר געצעלט איז ער א ווײלע געבליבען שטעהן לעבען אריינגאנג, ווי ער וואלט געצעגערט, דערנאך האט ער אנגעקלאפט און איז אריין אינעווייניג.

עכן איז ארוים פון זיין באהעלטעניש און האט צוגערופען די צוויי עדות, וועלכע זיינען אויך געשטאנען באהאלטען הינטער ארום:

— איצט דארפט איהר זיך מעהר ניט באהאלטען, — האט ער געזאגט מיט א שמייכעל. — איך וויל, אז ווען ער וועט ארויסקומען פון איהר געצעלט זאל ער אייך דערזעהן, און איינער פון אייך זאל צו איהם ריידען, אזוי אז ער

ווּעט ניט קענען אפּלייקענען, אז ער איז אין איהר געצעלט געווען. אָבער געדענקט, אז דאָס וועט מוזען בלייבען א סוד, קיינער טאָר ניט וויסען, אז דאָס האָב איך אייך אנגעשטעלט.

ווען עתניאל איז אריין אינווייניג איז צו איהם צוגעגאנגען שלומית און זיך פארנייגט.

— וואו איז עכסה ?! — האָט ער אויסגערופען און זיך גענומען ארומקוקען.

— אנטשולדיג מיר! — האָט זי זיך אפּגערופען. — אָבער איך בין אין גרויס נויט און דו ביזט דער איינציגער, וועלכער קען מיר העלפען.

— וואָס מיינסטו ? געפינט זיך דען ניט עכסה אין דיין געצעלט ?!

— ניין! איך האָב דיך גענארט, ווייל דאָס איז געווען דער איינציגער מיטעל דו זאָלסט צו מיר קומען.

— וואָס פארלאנגסטו ? — האָט עתניאל איהר געפרעגט מיט צאָרן.

— איך בין אן אלמנה, מיין מאן איז געשטאָרבען אין א שלאכט מיט די שונאים... מיר איז זעהר שלעכט, איך וויל, אז דו זאָלסט מיר טאָן א טובה. דיין ברודער, כלב, איז דאָך דער הויפּט פון אונזער שבט, יהודה, ווען דו וועסט מיט איהם ריידען וועט ער דיר ניט אנטזאָגען!

— אָבער וואָס איז דיין פארלאנג ?

— איך האָב געהערט, אז א פרוי וועמעס מאן איז טויט, איז ניט באַרעכטיגט צו א ירושה, ווען דאָס לאנד וועט צעטיילט ווערען צו די שבטים. און איצט בעט איך דיר, אז ווען יהושע וועט צוטיילען דאָס לאנד זאָל כלב מיך דערמאָנען און זעהן געבען מיר א חלק לאנד אזוי ווי ער וואָלט געגעבען צו מיין מאן אויב ער וואָלט געלעבט.

— איך וויים ניט פארוואָס דו זאָלסט וועלען ער זאָל עס טאָן פאר דיר, אין דער צייט וואָס וועט נאָך נעהמען יאָהרען איידער עס וועט קומען צו דער צוטיילונג פון לאנד, און אויסער דעם האָט שוין אונזער גרויסער הייליגער פיהרער, משה, עס באזאָרגט פאר זיין טויט, ווען די טעכטער פון צלפחד האָבען איהם געפרעגט די זעלבע פראגע.

— דענקסטו, אז איך האָב ניט וואָס צו זאָרגען וועגען דעם ? — האָט זי זיך אפּגערופען מיט טרערען אין די אויגען.

— ניין, עס איז איצט אפילו ניט נויטיג צו ריידען וועגען דעם. ווען די צייט וועט קומען וועט צו דיר געטאָן ווערען אזוי ווי עס וועט געטאָן ווערען צו די איבעריגע פרויען, וועלכע האָבען פארלוירען זייערע מענער אדער צו טעכטער, וועלכע האָבען פארלוירען זייער פאָטער.

— איך דאנק דיר, מיין האר, און איך האָף, אז דו וועסט מיר אנטשולדיגען, וואָס איך האָב גענוצט אנווענדען דעם דאָזיגען מיטעל דו זאָלסט מיך קומען באזוכען. איך האָב פריהער גערעכענט אליין אריבערצוגעהן צו דיר, אָבער דו ווייסט דאָך, וואָס בייזע צינגער וואָלטען גערעדט, ווען זיי דערזעהען מיר אריינקומען אין דיין געצעלט...

עתניאל האָט איהר מעהר ניט געענטפערט. ער איז שנעל ארויס פון איהר

נעצעלט. ער איז אָבער געווען שטארק איבערראשט צו זעהן צוויי מענשען שטעהענדיג ניט ווייט פון געצעלט און שמייכלען און ווינקען מיט די אויגען צו איהם.

—זעהר א שעהנע פרוי, אָט די אלמנה! — האָט איינער פון זיי איהם אריינגעלאכט אין פנים.

— יע, מען דארף צו איהר האָבען מזל! — האָט דער צווייטער צוגעגעבען.

עתניאל האָט זיי ביידען אָנגעקוקט מיט פאראכטונג און איז געגאנגען זיין וועג. ער האָט באשלאָסען וועגען דעם קיינעם ניט דערצעהלען.

אויף מאָרגען איז עכן אוועק צו כלב'ן און זיך אָפּגערופען:

— דו ווייסט, מיין פריינד, איך האָב נעכטען געהערט עפּעס פון א זאך, וואס דיין ברודער, עתניאל, האָט געטאָן, און איך האָב עס ניט געוואָלט גלויבען, אָבער איך האָב זיך נאָך וואָס איבערצייגט אין דעם.

— וואָס האָט ער געטאָן? — האָט איהם כלב געפרעגט.

— עס איז ניט קיין גרויסער פארברעכען, — האָט עכן געשמייכעלט, — זי איז דאָך אַן אלמנה...

— וואָס רעדסטו? — האָט איהם כלב אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— אָה, ווען דיין טאָכטער עכסה וואָלט עס געוואוסט, וואָלט זי זיכער זיך מעהר ניט געוואָלט אומקוקען אויף איהם!

— אָבער איך פארשטעה נאָך אַלץ ניט, וואָס דו רעדסט! —איז שוין כלב אומגעדולדיג געוואָרען.

— נעכטען האָב איך געטראָפען צוויי באקאנטע און זיי האָבען דערצעהלט, אז זיי האָבען געזעהן עתניאל'ן אריינקומענדיג אין דעם געצעלט פון שלומית, די אלמנה... ער האָט דאָרטען פארבראַכט א היבשע ווייל און נאכהער האָבען זיי געזעהן, ווי ער האָט פארלאָזען איהר געצעלט.

— דאָס איז אוממעגליך. זיי האָבען אָדער געמאַכט שפּאַס, אָדער זיי זוכען א בלבול צו מאַכען אויף מיין ברודער.

— איך האָב בעת מעשה אויך אזוי געטראַכט. איך ווייס דאָך, אז עתניאל ליבט זיך אין דיין טאָכטער און ער וועט אזא זאך ניט טאָן. בין איך אָבער ניט פויל געווען און אוועק צו דער אלמנה און זי האָט זייערע רייד באשטעטיגט...

— און איך וואָלט מיין געוויסען ניט געלייגט אפילו צו איהרע רייד... באלעמען ווייסען מיר דאָך אלע, אז זי איז ניט קיין איבעריגע צנועה און זי קען אויך זאָגען א ליגען.

— אזוי טאַקע האָב איך געטראַכט ווען זי האָט עס מיר דערצעהלט, און ווען זי וואָלט ניט געהאַט קיין באווייז מיט וואָס מיר איבערצוצייגען, וואָלט איך עס אָנגענומען פאר פּוסטע באריהמעריי.

— וואָס פאר א באווייז? — איז שוין כלב נייגעריג געוואָרען.

— זי האָט מיר אָנגעוויזען אויף עתניאל'ס גארטעל, וואָס ער האָט אין גרויס איילעניש פארגעסען ביי איהר אויפ'ן בעט...

— זיין גארטעל!!

— יע, זי זאָגט, אז דאָס איז זיין גארטעל, דעריבער בין איך עס געקומען דיר זאָגען... איך בין זיכער, אז דו וואָלסט געוויס דערקענט דיין ברודער'ס

גארטעל. אויב דו פוילסט זיך ניט, לאמיר אריבערגעהן צו איהר און זי וועט זיך איהם ציינען.

כלב האט צוגעשטימט און זיי זיינען ביידע אוועק צו דער יונגער אלמנה.

— דערצעהל אונז וועגען עתניאל'ן, — האט עכן זיך צו איהר געווענדעט.

— אה, איך בעט דיר, עכן, — האט זיך שלומית געמאכט ווי זי שעהמט זיך, — עס איז דאך ניט מיין שולד. ער איז אזא שעהנער אנציהענדער יונגער־מאן. ער איז צו מיר געקומען אביסעל פארברייננגען, און ער האט פארגעסען זיין גארטעל...

— צייג מיר זיין גארטעל! — האט כלב זיך צו איהר אפגערופען.

שלומית האט ארויסגעטראגען דעם גארטעל און זיך אפגערופען:

— ווען איך האב געזעהן, אז ער האט איבערגעלאזען זיין גארטעל אויף מיין בעט, בין איך ארויסגעלאפען פון מיין געצעלט איהם דעם גארטעל אפצור־געבען, אבער ער איז שוין געווען פארשוואונדען.

כלב האט באטראכט דעם גארטעל און האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ:

— יע, דער גארטעל באלאנגט צו עתניאל'ן. דאן איז אמת, ער איז גע־ווען אין דיין געצעלט!

— נו, געוויס! איך וועל דאך קיין ליגען ניט זאגען! — האט שלומית א פארשעהמטען שמייכעל געגעבען. — ער איז א וואונדערבאר־שעהנער און בראווער יונג. נעהם דעם גארטעל און קעהר עס אום צו איהם.

— ניין, זאל זיין גארטעל בלייבען ביי דיר! — האט כלב אויסגערופען און קוים באהאלטען זיין צארן...

ווען עכן און כלב זיינען אוועק פון שלומית'ן האבען זיי "באגעגענט" די צוויי מענשען.

— אט זיינען זיי! — האט עכן אנגעוויזען אויף זיי. — יע, זיי האבען איהם געזעהן ארויסקומענדיג פון איהר געצעלט.

— נו, איצט וועסטו אונז שוין גלויבען?! — האט אייגער פון זיי זיך געווענדעט צו עכנ'ען.

— איצט זעה איך, אז איהר זייט עהרליכע לייט! — האט עכן געזאגט.

— איך מוז אייך זאגען דעם אמת, אז איך קען עתניאל'ן זעהר גוט און מיר איז געווען גאנץ שווער אויף איהם אזא זאך צו גלויבען.

— און ווען ניט דער גארטעל וואלט איך נאך איצט אויך ניט געגלויבט. אז מיין ברודער זאל זיין פעהיג צו טאן אזא זאך! — האט כלב זיך אפגערופען.

— איך ווייס, אז דיין טאכטער איז אין איהם זעהר שטארק פארליבט. און ווען זי זאל זיך דערפון דערוויסען וועט זי זיך נעהמען צום הארצען!

— זי וועט מוזען וויסען! און נאך היינט! — האט כלב אן אויפגערעג־טער געזאגט. — איך בין שטענדיג געווען געגען דעם, אז מיין טאכטער זאל זיין פארבונדען מיט מיין אינגסטען ברודער, אבער איהר מוטער האט מיר גע־זוכט איבערצורעדען. זי האט מיר געזאגט, אז איך באגעה אן אומרעכט געגען ביידען ווען איך זוך זיי צו שטערען. איצט, גלויב איך, וועל איך קיין גרויס מיה ניט דארפען אנווענדען זיי צו שטערען. ווען עכסה וועט אויסגעפינען, וועט זי שוין אליין מעהר ניט טראכטען פון איהם. אבער דו מוזט מיט מיר מיטגעהן.

— ניין, עס וועט זיין בעסער, אז זי וועט ניט וויסען, אז איך וויים דערפון! — האָט עכן געזאָגט. — דו וועסט שוין זעהן אז שלומית זאָל איהר דערצעהלען. און ווען זי וועט צווייפלען איהרע רייד, וועסטו קענען האָבען די צוויי עדות.

— איך דאנק דיר זעהר, עכן! — האָט כלב זיך אָפּגערופען. — איך זעה, אז דו ביזט מיר אן איבערגעגעבענער פריינד.

— אויב דיר וועט דערפון ארויסקומען א טובה, וועל איך געוויס זיין צופרידען... איך וויים, אז דו וואָלסט זיך וועלען משדך זיין מיט דער משפחה פון אהרן און אויב איך וועל דיר מיט עפּעס קענען נוצבאר זיין, וועל איך עס טאָן מיט גרוים פארגעניגען.

— דערמיט וואָס דו האָסט מיר איצט מיינע אויגען געעפענט, האָסטו מיר שוין א גרויסען נוץ געבראכט... ווי באלד, אז עכסה וועט איהם אויפהערען ליב צו האָבען, וועט מיר שוין ניט שווער אָנקומען זיך משדך צו זיין מיט דעם וועמען איך וויל...

— דו ווייסט ניט ווי גליקליך איך פיהל זיך צו וויסען, אז איך האָב דיר געבראכט א שטיקעל נוץ! — האָט עכן געזאָגט. — דו דאַרפסט וויסען, כלב, אז איך שאַץ זעהר אָפּ דעם כבוד וואָס דו האָסט מיר אָנגעטאָן און באשטימט אלם איינעם פון די, וועלכע האָבען דיר און פנחס'ן ארויסגעהאָלפען ארונטערצונעהמען רחב'ן פון דעם פענסטער פון איהר הויז.

—דאָס איז א קלייניגקייט! — האָט כלב געזאָגט. — אויב דו נויטיגסט זיך אין עטוואָס זאָלסטו זיך ניט שעהמען פון מיר עס צו פארלאַנגען.

— אויב עס וועט ניט זיין צופיל פון מיין זייט, — האָט עכן מיט א נידעריגער שטימען געזאָגט, — וואָלט איך פון דיר פארלאַנגט א טובה.

— אויב איך וועל האָבען די מאכט עס פאַר דיר צו טאָן, וועל איך דיר געוויס ניט אָנטזאָגען.

— איך וויים, אז דו ביזט זעהר באפריינדעט מיט יהושע'ן און דו וואָלסט ביי איהם געקענט פועל'ן ער זאָל מיר געבען אן אמט אין איינער פון די ארמייען. איך וויים, אז איך האָב פעהיגקייט זיך אויסצוצייכענען אין קאַמף מיט אונזערע שונאים, אָבער איך האָב נאָך קיינמאָל קיין געלעגענהייט ניט געהאַט, און ווען דו וועסט ריידען מיט יהושע'ן וועגען דעם, וועל איך דיר זעהר דאנקבאר זיין.

— איך וועל דיין פארלאַנג ערפילען, און ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועל איך מיט יהושע'ן ריידען וועגען דיר, — האָט כלב איהם פארשפּראָכען.

— עס מאכט ניט ווי נידעריג דער אמט זאָל ניט זיין, איך וועל אין א קורצע צייט קענען אלעמען באווייזען, אז איך האָב פארדינט דערהויבען צו ווערען.

— איך זעה, אז דו ביזט בראוו, און אויב יהושע וועט פאַר דיר ניט האָבען קיין אמט אין די הויפּט־ארמייען, וועל איך שוין זעהן פּיליכט צו קריגען פאַר דיר א קליינעם אמט אין דער ארמיי־אָפּטיילונג פון אונזער שבט, — האָט כלב געזאָגט.

— איך דאַנק דיר, מיין האַר, פאַר דעם חסד, וואָס דו טוסט מיט מיר! — האָט עכן געזאָגט. — און אויב דו וועסט זיך נויטיגען אין מיין הילף בין איך געגרייט צו יעדער צייט!

און אויפגערעגטער, מיט א צאָרנדען פּנים, האָט זיך כּלב אומגעקעהרט אהיים. ער האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן, ווי אזוי זיין אייגענער ברודער זאָל אָפּטאָן אזא זאַך. ער איז ארוים לתרבות רעה, — האָט ער ביי זיך באַשלאָסען. ער וואָלט איהם פיליכט געקענט מוחל זיין פאַר דער דאָזיגער זינד, ווען ער וואָלט ניט געזוכט די האַנט פון זיין טאָכטער... איצט אָבער, אז ער איז אזוי פאַלש, וועט ער שוין דערפון ניט וועלען הערען. ער וועט קיינמאָל ניט דערלאָזען, אז עתניאל זאָל זיין טאָכטער נעהמען פאַר א פרוי.

— וואָס ביזטו אזוי צוטראָגען און דערצאָרנט? — האָט איהם זיין פרוי באַגעגענט.

— וואו איז עכסה? — האָט ער גלייך געפרעגט.

— זי געפינט זיך אין רחב'ס געצעלט. זאָל איך זי געהן רופען?

— ניין, עס איז איצט ניט נויטיג! — האָט כּלב געענטפערט.

— אָבער וואָס האָט פּאַסירט? — האָט זיין פרוי איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— זעהר א שענדליכע זאַך האָט פּאַסירט! — האָט זיך כּלב אָפּגערופען.

— און כאָטש מיין ברודער עתניאל האָט עס געטאָן, איז דער פאַרברעכען צוליב דעם ניט קלענער.

— אָבער וואָס האָט עתניאל געטאָן? — איז זי שוין נייגעריג געוואָרען.

— דאָס וואָס ער האָט געטאָן וועט באַווייזען, אז איך בין גערעכט און ניט דו! — האָט כּלב בייז געענטפערט. — דו האָסט אימער צו פאַרגעוואָרפען פאַרוואָס איך שטער די קינדער אין זייער ליבע... און אז עס איז גרויזאַם פון מיין זייט זיי פאַנאַנדערצושיידען.

— און איך זאָג איצט אויך דאָס זעלבע! — האָט זיין פרוי זיך אָפּגערופען.

— דו האָסט פאַרגעסען, אז אונזער טאָכטער האָט איהר לעבען איינגעשטעלט, און איז אליין אוועק אין דעם לאַגער פון שונא צו ראַטעווען עתניאל'ן. איז עס דען ניט קיין באַווייז, אז איהר ליבע צו איהם איז זעהר שטאַרק, און ווען דו וועסט איהר שטערען, וועט זי זיך זעהר אומגליקליך פיהלען.

— זאָרג ניט, איצט וועל איך איהר שוין ניט דאַרפען שטערען! — האָט כּלב געזאָגט. — זי וועט שוין אליין אויף איהם ניט וועלען קוקען.

— אָבער וואָס האָט פאָרט פּאַסירט? — איז זי שוין אומגעדולדיג געוואָרען.

— דו האָסט דאָך געוויס געהערט פון שלומית, די אלמנה? — האָט כּלב געזאָגט.

יע, ווער קען זי דאָס ניט? מען דערצעהלט, אז אפילו ווען איהר מאַן האָט געלעבט איז זי געווען ווייט פון באַשיידענהייט! און איצט דערצעהלט מען אויף איהר זעהר ניט קיין שעהנע זאַכען!

— איצט שטעל זיך פאָר, אז מיין ברודער עתניאל האָט זי באַזוכט אין איהר געצעלט!

— ניין, דאָס איז אוממעגליך! עתניאל וועט אזא זאַך ניט טאָן. ניין, כּלב, דו קענסט ניט דיין אייגענעם ברודער! ער באַזיצט אזא נאָבעלע און איי־

דעלע נשמה! איך גלויב עס ניט. זיינע שונאים האבען אויף איהם אנגערעדט!

— אבער עס זיינען פאראן דריי עדות!

— מוזען זיי זיינע שונאים זיין! איך זאג דיר נאכאמאל, אז איך וועל בשום אופן ניט גלויבען אזא זאך אויף עתניאל'ן.

— ווען מען האט עס מיר דערצעהלט האב איך אויך ניט געוואלט גלויבען, אבער, צו מיין גרויס באדויערען, האב איך זיך איבערצייגט, אז עס איז אמת! זי, די אלמנה, האט אומפארשעהמטערהייט באשטעטיגט די רייד פון די עדות.

— מעגליך, אז דאס האבען זיינע שונאים אפגעמאכט צווישען זיך צו מאכען א בלבול אויף איהם! — האט כלב'ס פרוי זיך אפגערופען.

— וועגען דעם האב איך שוין אויך געטראכט... אבער מיט וואס וועסטו ערקלעהרען דאס וואס ער האט פארגעסען זיין גארטעל אויף איהר בעט?!

— זיין גארטעל! ביזטו זיכער, אז עס איז זיינער?

— געוויס!

— וואו איז דער גארטעל?

— איך האב איהם פון איהר ניט גענומען ער זאל נאכהער ניט קענען אפלייקענען.

— אה, עס איז אוממעגליך. עס איז אוממעגליך! — האט זי אויסגערופען מיט א שטימע פון פארצווייפלונג.

— נו, אדרבא, גיב דו אן ערקלעהרונג ווי אזוי קומט דער גארטעל אין דעם רשות פון דער אלמנה.

— מעגליך, אז זי האט איהם געפונען!

— ווי אזוי קומט זי צו געפינען זיין גארטעל, און פארוואס האט מען איהם געזעהן אריינגעהן צו איהר אין געצעלט, וואו ער האט פארבראכט א היבשע ווילע, און וואס דארפסטו נאך מעהר, איינער פון די, וועלכע האבען איהם געזעהן ארויסקומען, האט זיך נאך מיט איהם א רייץ געטאן און איהם געזאגט, אז די אלמנה איז א גאנץ שעהנע פרוי.

— איך קען עס ניט פארשטעהן! — אה, די אומווירדיגע פרוי, זי האט איהם אין איהר נעץ געפאנגען, אבער וואס וועסטו איצט טאן, כלב?

— איצט וועל איך איהם פון מיין הויז פארטרייבען... איך וועל איהם ניט לאזען ער זאל פארדרעהען עכסה'ן די קאפ. איך וועל דערצעהלען עכסה'ן פון אלץ און זי וועט איהם אויך פאראכטען... דו מעגסט זיכער זיין, אז זי וועט אויף איהם ניט וועלען קוקען!

— אה, דאס וועט זיין א שרעקליכער קלאפ פאר איהר! — האט די מוטער געווישט איהרע טרערען. — עכסה האט דאך איהם אזוי ליב!

— זי וועט איהם אויפהערען ליב צו האבען! ער האט איהר ניט פארדינט. דו ווייסט דאך, אז איך בין שטענדיג געוועזען דאגעגען זיך משדך צו זיין מיט דער אייגענער משפחה, אבער איך האב דערוויילע עס געלאזט געהן, ווייל איך האב ניט געוואלט פארשאפען עכסה'ן שמערצען. איך האב געמיינט, אז שפעטער, ווען איך וועל אויסקלייבען פאר איהר דעם באשערטען, וועט זי זיך אונטערגעבען. איצט אבער וועל איך שוין ניט דערלאזען, אז ער זאל מיט איהר א ווארט אויסריידען!

— איך ווייס ניט ווי אזוי מיר וועלען קענען איהר דערצעהלען אזא זאך! דאס וועט איהר אין גאנצען צוברעכען.

— אבער עס איז בעססער איצט איידער שפעטער! זאל זי וויסען, אז ער איז איהר אומגעטריי נאך איידער זי איז זיין פרוי געווארען! און איך וויל, אז דו זאלסט מיט איהר ריידען.

— ניין! איך וועל עס ניט קענען! דו טו עס! — האט זי איהם געענט־פערט.

ווען עכסה איז געקומען, האט זי גלייך דערקענט אין פנים פון איהרע על־טערען, אז עפעס האט פאסירט. זי האט געווארט, אז זיי זאלען איהר דערצעה־לען, און ווען א קליינע ווייל איז אריבער און זיי האבען געשוויגען, האט עכסה זיך געווענדעט צו איהר מוטער זי זאל איהר זאגען וואס עס האט פאסירט.

— פרעג דיין פאטער! ער האט דיר זעהר פיל צו דערצעהלען.

— פאטער, איך בעט דיר, זאג מיר, וואס האט פאסירט?

— איך ווייס, אז דו וועסט זיכער ניט וועלען גלויבען, ווייל עס האט גע־נומען לאנג איידער איך האב זיך אין דעם איבערצייגט, און עס האט נאך לענגער גענומען איידער דיין מוטער האט אנגעפאנגען צו גלויבען, און איך ווייס, אז דו וועסט בשום אופן ניט וועלען צוגעבען, אז דאס איז אמת, דעריבער, גלויב איך, אז איך וועל מיט דיר גלייך אריבערגעהן צו שלומית, די אלמנה, און דאן וועסטו הערען און זעהן מיט דיינע אויגען, וועסט שוין אין מיינע רייד ניט צווייפלען.

— אבער, פאטער, ווי אזוי קענסטו מיך באשולדיגען אין צווייפלען אין דיינע רייד... האב איך דיר דען ווען עס איז ווידערשפראכען.

— ניין, מיין טאכטער, איך ווייס, אז דו ביזט א געהארכזאם קינד, דו הערסט זיך צו צו מיינע רייד... און דעריבער בין איך צו דיר ניט צוגעשטא־נען דו זאלסט אויפגעבען דעם געדאנק צו הייראטען מיט עתניאל'ן.

— און דערפאר בין איך דיר נאך מעהר דאנקבאר, ווייל דו אליין ווייסט ווי שטארק איך ליב איהם.

— און איצט, ווען דו וועסט הערען אלעס, וואס איך וועל דיר דערצעהלען וועגען עתניאל'ן, וועסטו, האף איך, שוין מעהר קיין ליבע פאר איהם ניט האבען.

— וואס רעדסטו, פאטער! — האט זי מיט שרעק אויסגערופען. — ווי קען דיר איינפאלען, אז עתניאל זאל האבען באגאנגען אן אומרעכט!

— דעריבער זאג איך, אז איידער איך דערצעהל עס דיר, זאלסטו מיט מיר געהן און ווען דו וועסט הערען און זעהן, וואס איך האב געהערט און געזעהן, וועל איך פארשפארען א סך מיט דיר צו ריידען.

— דאך, ליבער פאטער, בעט איך דיר, דערצעהל מיר אלעס! איך וויל עס פריהער הערען פון דיין מויל, דערנאך וועל איך מיט דיר מיטגעהן.

כלב האט איהר מיט אן אויפגערעגטע שטימע דערצעהלט אלעס וואס ער האט געהערט און געזעהן.

ווען ער האט געענדיגט ריידען, האט עכסה פלוצלונג אויסגעבראכען אין א חילכיגען געלעכטער...

— דו וועסט שוין באלד אנדערש לאכען! — האט כלב זיך אפגערופען.

— אה, פאָטער, איך בין איבערראשט צו הערען פון דיר אזעלכע רייד. ווי אזוי קענסטו גלויבען אויף איהם אזא זאך... זאלען אפילו הונדערט עדות קומען און עדות זאגען, אז עתניאל איז דעם דאזיגען פארברעכען באגאנגען, וועל איך זיי ניט גלויבען! און דו, מיין ליבע מוטער, — האָט זי זיך צו איהר געווענדעט, — דו גלויבסט אויך אין דעם!

— מיין טאָכטער! — האָט זי געענטפערט מיט טרערען אין די אויגען, — לויט ווי דיין פאָטער דערצעהלט, איז קיין צווייפעל ניט, אז עתניאל איז דעם דאזיגען שענדליכען טאט באגאנגען!

— אה, מוטער, ווי אזוי קענסטו אזוי ריידען! — האָט עכסה איהר אָנגעקוקט.

— קום, מיין טאָכטער, דו וועסט באלד אנדערש ריידען! — האָט כלב געזאָגט, און איז מיט אהר אוועק צו שלומית די אלמנה.

ווען שלומית האָט מיט אזוי פיל אומפארשעהמטקייט און חוצפה דערצעהלט מיט אלע איינצעלהייטען, ווי אזוי עתניאל האָט מיט איהר פארבראכט אין איהר געצעלט, איז עכסה׳ס פנים רויט געוואָרען פאר שאנדע און צארן.

— דו אומפארשעהמטע ליגנערין! — האָט זי אויסגערופען, — ווי אזוי קענסטו מאכען אזא בלבול אויף אן עהרליכען מאן! עתניאל האָט זיין פוס איבער דיין שוועל ניט אריבערגעטראָטען... ער איז אפילו ניט פארבייגעגאנגען דיין געצעלט!

— איך שווער ביי גאָט, אז ער איז יע אין מיין געצעלט געווען, — האָט שלומית אויסגערופען.

— שווייג! דערמאָן ניט גאָטעס נאָמען מיט דיינע אומריינע ליפען! — האָט עכסה א געשריי געטאָן.

— דו ווייסט דאך וואָס עס קומט פאר פאלש שווערען! — האָט איהר כלב דערמאָנט. — דו בעסער דערצעהל דעם אמת.

— אויב דאָס איז ניט גענוג, אויב דו גלויבסט מיר ניט אויף מיין שבועה, וועל איך דיר עפּעס ווייזען.

שלומית איז צוגעגאנגען צו איהר בעטעל און גענומען פון דאָרטען דעם גארטעל.

— דערקענסטו דעם דאזיגען גארטעל! — האָט זי איהם צוגעטראָגען צו עכסה׳ס אויגען.

עכסה האָט גענומען דעם גארטעל און איהם באטראכט. א קאלטער שווייס האָט איהר פנים באגאָסען... זי איז בלאס געוואָרען און ווען איהר פאָטער וואָלט איהר ניט צוגעהאלטען, וואָלט זי אומגעפאלען.

— קום, פאָטער, לאָמיר געהן אהיים, — האָט זי זיך געשטארקט.

— גיב מיר דעם גארטעל! — האָט כלב זיך געווענדעט צו שלומית׳ן. ער וועט מיר צוריק קומען.

שלומית האָט איהם דערלאנגט דעם גארטעל און זיך אפּגערופען:

— דו ווייסט דאך, אז עס איז ניט מיין שולד. ער האָט צו מיר גערעדט א זעלכע צערטליכע רייד, און דערצו איז ער אזוי שעהן און העלדיש, און ווער בין איך? — א שוואכע פרוי...

— איך פארשטעה! איך פארשטעה! — האט כלב געזאגט און האט מיט זיין טאכטער פארלאזען איהר געצעלט.

אין דער צייט וואס עכסה איז מיט איהר פאטער אוועק צו שלומית׳ן, איז עתניאל אוועק צו כלב׳ן אין געצעלט. ער האט דארטען געטראפען עכסה׳ס מוטער און ער האט זיך ווי דער שטייגער פריינדליך בעגריסט מיט איהר. זי אבער האט איהם ניט געענטפערט אויף זיין בעגריסונג. זי האט אפגעדרעהט איהר קאפ פון איהם מיט פעראכטונג.

עתניאל איז געבליבען שטעהן א צוטומעלטער. ער האט ניט געקענט פערשטעהן פארוואס זי בעהאנדעלט איהם אזוי! זי איז דאך אימער צו איהם אזוי פריינדליך און צערטליך... און עכסה האט איהם ניט איינמאל געזאגט אז איהר מוטער וועט זיי ניט שטערען... ער האט בעשלאסען איהר ניט צו פרעגען די אורזאכע און זיך ניט וויסענדיג מאכען.

— וואו איז עכסה? — האט ער געפרעגט.

— הם... עכסה! — האט זי טרוקען א זאג געטהאן — עס וועט זיין בעסער פאר דיר אז דו וועסט זי ניט זעהן... פערגעס וועגען איהר, ווייל זי וועט דיך אפילו ניט אנקוקען!

— וואס איז געשעהן? — האט ער אויסגערופען מיט פערוואונדערונג.

— דו ביזט אזוי אומשולדיג! און דו ווייסט גארניט! — האט זי געשאקעלט מיט איהר קאפ.

— איך פערשטעה ניט! — איז עתניאל נאך מעהר צוטומעלט געווארען.

— פערלאז מיין געצעלט אוןווארט ניט אויף עכסה, ווייל דיין גאנצע מיה איז אומזיסט, עכסה וועט דיך ניט זעהן!

— דו טרייבסט שפאס מיט מיר! — האט ער זיך אפגערופען מיט א שמייכעל, זאג מיר, איך בעט דיר, וואו איז יעצט עכסה?

זי האט אומגעדרעהט איהר קאפ און איהם ניט געענטפערט. עתניאל׳ס פערלעגענהייט האט זיך פארגרעסערט, עס איז איהם אומאנגענעהם געווען צו פארבלייבען אינוויניג. ווען עכסה׳ס מוטער איז אויף איהם ברוגז און וויל צו איהם ניט ריידען... ער האט זיך ארויסגערוקט פון געצעלט און בעשלאסען צו ווארטען אין דרויסען אויף עכסה׳ן... די גאנצע זאך איז איהם אזוי אומפערשטענדליך אז ער האט ניט געקענט בעגרייפען וואס עס האט פאסירט מיט איהר מוטער... מעגליך אז זיין ברודער האט איהר איבערגערעדט און יעצט איז זי אויך געגען דעם, אז ער זאל הייראטען עכסה׳ן... אבער זי האט איהם נארוואס געזאגט אז אויך עכסה וויל איהם מעהר ניט זעהן... ניין, עס איז אונמעגליך... ער וועט זיך מוזען זעהן מיט עכסה׳ן.

א היבשע ווייל״ע האט ער ארומגעשפרייזט אין דרויסען הין און צוריק פערזונקען אין זיינע מחשבות... מיט גרויס אומגעדולד האט ער געווארט אויף עכסה׳ן. מעגליך אז זי געפינט זיך אין רחב׳ס געצעלט, האט ער געטראכט און איז באלד אהין אוועקגעגאנגען... ער האט אנגעקלאפט אין איהר געצעלט און רחב איז ארויסגעקומען און בעגריסט איהם מיט א פריינדליכען שמייכעל.

— געפינט זיך פיליכט עכסה מיט דיר, — האט עתניאל איהר געפרעגט.

— עכסה איז ביי מיר געווען פריהער, אבער זי איז אוועק אהיים! דו וועסט זי זיכער יעצט געפינען אין איהר פאטער׳ס הויז.

— איך בין דאָרט געווען אָבער זי איז דאָרטען ניטאָ!

— זי האָט מיך אָבער געזאָגט אז זי איילט זיך אהיים, האָסטו געפרעגט איהר מוטער אויב זי איז געוועזן אין דער היים, און וואוהין זי איז פון דאָרט אוועק.

— הם... יע, איך... וועל זי פרעגען — האָט עתניאל געזאָגט און זי בעדאַנקט... ענטשולדיג מיר וואָס איך האָב דיך געשטערט.

— דו ווייסט דאָך אז דו ביזט אימערצו ווילקאָמען, און אויב איך וועל נאָך היינט זעהן עכסה'ן וועל איך איהר זאָגען אז דו האָסט זיך נאָכגעפרעגט אויף איהר.

— איך דאַנק דיר, רחב! — האָט ער געזאָגט און איז שנעל אוועק פון דאָרט. ער האָט זיך צוריק פערנומען צו דעם געצעלט פון זיין ברודער. ער האָט ווידער ארומגעשפאַצירט הין און צוריק ביז וואנען ער האָט פון ווייטען בעמערקט כלב'ן מיט עכסה'ן. זיין הארץ האָט אין איהם גענומען שטאַרק קלאַפּען, ער איז אנטקעגען געגאַנגען... ער האָט זי בעגריסט... וואָס איז דאָס?... זיי ענטפערען איהם ניט אויף זיין בעגריסונג! ער האָט געפּאַסט מוטה און איז צוגעגאַנגען נעהנטער.

— עכסה, וואָס איז מיט דיר? — האָט ער אויסגערופען מיט א ציטער־דענדע שטימע.

— עתניאל! — האָט כלב זיך אָפּגערופען — ווען דו וואָלסט ניט געוועזן מיין ברודער, וואָלט איך דיר פון דאַנען מיט שאַנדע פערטריבען... אָבער יעצט פערלאַנג איך אז דו זאָלסט מעהר ניט קומען בעלעסטיגען עכסה'ן... זי וויל מעהר פון דיר ניט וויסען!

עכסה... וואָס האָב איך געטהאָן? — האָט עתניאל אויסגערופען און זיין פּנים איז בלאַס געוואָרען.

עכסה האָט גענומען דעם גאַרטעל פון איהר פאָטער'ס האַנד און איהם דערלאַנגט עתניאל'ן.

— וועמענס גאַרטעל איז דאָס? — האָט זי מיט צאָרן געפרעגט ניט קוקענדיג אין זיין ריכטונג.

עתניאל האָט גענומען דעם גאַרטעל אין זיין האַנד און בעטראַכט נאָכהער האָט ער זיך אָפּגערופען:

— יע, דאָס איז מיין גאַרטעל! — האָט ער אויסגערופען — איז עס מעגליך אז איך האָב איהם פערגעסען אין דיין געצעלט — האָט ער זיך געווענ־דעט צו זיין ברודער.

ניט אין מיין געצעלט! — האָט כלב מיט כעס געענטפערט — אָבער אין דעם געצעלט פון שלומית'ן! דו האָסט איהם פערגעסען ביי איהר אויפ'ן בעטעל.

— פון שלומית'ן אויפ'ן בעטעל!! וואָס רעדסטו! עס איז אונמעגליך.

— זאָג מיר, עתניאל! — האָט עכסה אויף איהם אָנגעשטעלט איהרע אויגען — זאָג מיר דעם אמת, פערלייקען גאַרניט פון מיר, ביזטו געוועזן אין שלומית'ס געצעלט?

דאָס בלוט האָט עתניאל'ן א זעץ געטהאָן אין פּנים. באַלד האָט ער זיך דערמאַנט, אז די צוויי מענשען האָבען איהם פון דאָרטען געזעהן ארויסגעהענ־

ריג און זיי האָבען עס זיבער דערצעהלט כלב'ן. אָבער ווי קומט דער גארטעל אין זיין ברודער'ס האנט?

— פארוואָס ענטפערסטו ניט אויף מיין פראגע? — האָט עכסה מיט בייזקייט אויסגערופען. — ביזטו געווען אין שלומית'ס געצעלט, אָדער ניט?

— הכ... איך בין... ער... איך מיין... — האָט עתניאל גענומען שטאמלען.

— איך פרעג דיר א פראגע, טאָ ענטפער מיר יע, אָדער ניין! ביזטו געווען אין שלומית'ס געצעלט אָדער ניט?

— יע, איך בין געווען... אָבער...

— גענוג! — האָט עכסה אויסגערופען און איהר פנים האָט געפלאַמט פון צאָרן. — מעהר וויל איך פון דיר ניט הערען! דו דאַרפסט מיך מעהר ניט קומען זעהן! איך וויל מעהר פון דיר ניט וויסען!

— אָבער עכסה! — האָט עתניאל געמאַכט א פארזוך איהר אָנצונעהמען ביי איהר האַנט.

עכסה האָט מיט כעס אוועקגענומען איהר האנט און אָפּגעקעהרט איהר קאָפּ.

— קום, פאָטער! לאָמיר געהן! — האָט זי זיך אָפּגערופען צו כלב'ן.

— איך בעט דיך, עכסה! הער מיך אויס! — איז עתניאל זיי נאָכגעגאַנגען.

— אומזיסט ווילען זיין דיינע רייד, עתניאל! — האָט כלב זיך צו איהם אָפּגערופען. — פארגעס וועגען עכסה'ן. געה בעסער צוריק צו דיין געצעלט. עכסה וועט מעהר מיט דיר קיין ווארט ניט אויסרעדען.

— הער מיך אויס, מיין ברודער! — איז עתניאל איהם נאָכגעגאַנגען.

— ניט איך און ניט עכסה ווילען פון דיר הערען! — האָט כלב א מאַך געטהאָן מיט זיין האנט. — דו ווייסט דאָך, אז איך האָב די גאַנצע צייט קרום געקוקט אויף דעם, וואָס דו קומסט באזוכען עכסה'ן. איך האָב אָבער אייך ביידען ניט געוואָלט שטערען. נאָכאַלעמען ביזטו דאָך איהר פעטער און עכסה איז נאָך גאַנץ יונג... יעצט אָבער, אז זי האָט אויך אויסגעפונען וועגען דיין אויפפיהרונג, וויל זי דיך מעהר ניט קענען און דו דאַרפסט וויסען דיין פּלאַץ און מעהר צו איהר ניט קומען.

— אָבער פאַרוואָס זאָלסטו מיך ניט ווילען אויסהערען, מיין ברודער? —

— עס איז ניט נייטיג... איך ווייס אַלעס! — האָט כלב געזאָגט און איז שנעל אוועק פון עתניאל'ן.

עכסה איז געווען אזוי אויפגערעגט. איהר כעס איז געווען אזוי גרויס, אז זי האָט אפילו זיך מעהר אויף איהם ניט אומגעקוקט. זיינע רייד האָבען מעהר אויף איהר קיין ווירקונג ניט געהאַט. זי איז מיט איהר פאָטער אוועק אהיים.

עתניאל איז געבליבען שטעהן ווי פאַרגליווערט. ערשט יעצט האָט ער אָנגעהויבען צו באַגרייפען, אז אפשר איז די גאַנצע זאַך געווען אָן אָפּגעמאַכטע זאַך. מען האָט איהם בכיון ארייננעשלעפּט, כדי אויף איהם א בלבול צו מאַכען. אָבער פאַרוואָס זאָל שלומית עס ווילען טהאָן צו איהם? האָט ער איהר דען שלעכטס געטהאָן? און ווי אזוי קומט זיין גארטעל אהין? ער האָט דאָך דאָן, ווען ער איז געווען אין שלומית'ס געצעלט, זיין גארטעל מיט זיך ניט געהאַט! ער איז געשטאַנען און געטראַכט. ער האָט געקנייטשט מיט זיין שטערען און געקוועטשט מיט זיינע פּלייצעס. וואָס זאָל עס באַדייטען? ווער איז דעם שולדיג? אָבער אין וואָס באַשולדיגט מען איהם? איז עס מעגליך? א שוידער

אין דורך זיין ליב. פאר זיינע אויגען האט ער געזעהן די צווי מענשען, וועלכע האבען צו איהם אזוי ציניש געשמייכעלט און איינער האט איהם געזאגט: ״זעהר א שעהנע פרוי, אט די אלמנה״... און דערביי אזוי מאדנע א וואונק געטהאן מיט׳ן אויג... יע, מען באשולדיגט איהם אין אזא שענדליכער זאך... ער האט טאקע געהערט זעהר ניט קיין שעהנע זאכען וועגען דער אלמנה און ער האט געדארפט זעהר פארזיכטיג זיין ניט אריינצוגעהן אין איהר געצעלט. אבער איז עס זיין שולד? האט ער זיך אליין פארענטפערט, זי האט דאך איהם אריינגענארט דורך א ליגען. זי האט איהם געזאגט, אז עכסה געפינט זיך אין איהר געצעלט. יע, ער איז אליין שולדיג אין דעם. ער האט באדארפט גלייך פארשטעהן, אז עכסה וועט אויף איהם ניט ווארטען אין שלומית׳עס געצעלט... בעת מעשה איז איהם אבער דאס ניט איינגעפאלען. ער איז געוועזען אזוי נייגעריג זיך צו זעהן מיט עכסה׳ן, צו וויסען פארוואס זי וויל זיך מיט איהם זעהן דארט, אז ער האט זיך געלאזט אריינגנארען... אבער ווי אזוי קומט עס אלעס? אוממעגליך... אבער ער האט דאך אליין געהערט פון איהר מויל: זי באשולדיגט איהם, אז ער האט פארבראכט מיט דער... א ציטער איז דורך עתניאל׳ס לייב, ווען ער האט פון דעם בלויז א טראכט געטהאן.

א היבשע ווייל איז ער אזוי געשטאנען און די געדאנקען האבען זיך געפלאנטערט אין זיין מח. זיין הארץ האט איהם שטארק פארקלעמט. ער האט זיך קיינמאל ניט פארגעשטעלט, אז עכסה וועט איהם פארדעכטיגען אין אזא זאך... אפילו ווען עדות האבען איהר וועגען דעם געזאגט, האט זי געזאלט פארשטעהן, אז עס איז אין דעם פאראן א גוטע אורזאכע. זי וואלט געדארפט מיט איהם האבען אביסעל געדולד און איהם אויסהערען... און זי האט אפילו ניט געוואלט הערען וואס ער האט איהר צו זאגען דערויף! זי האט איהם געשטעלט די פראגע, אויב ער איז געוועזען אין שלומית׳עס געצעלט און ווען ער האט איהר געענטפערט ״יע״, האט זי איהם אפילו קיין געלעגענהייט ניט געגעבען איהר צו ערקלעהרען צוליעב וואס ער איז דארטען געקומען. יעצט קומט אויס, אז ער האט זיך פאר איהר מודה געוועזען אין דעם, וואס מען באשולדיגט איהם. וואס בלייבט איהם איבער צו טהאן? געהן נאכאמאל צו עכסה׳ן און זי צווינגען זי זאל איהם אויסהערען, וועט זיין אומזיסט זיין מיה. ער האט דאך שוין געזעהן, אז זי וויל מעהר פון איהם ניט הערען.

וואס זאל ער אבער יעצט טהאן? האט עתניאל געטראכט. ווען ער וואלט געהאט א גוטען פריינד, מיט וועמען ער וואלט געקענט זיך אן עצה האלטען?... אבער ער האט ניט אזעלכע פריינד. דער איינציגער פריינד זיינער איז געוועזען יהושע, און פריהער, איידער משה איז געשטארבען, וואלט ער זיך מיט יהושע׳ן בעראטהען וועגען דעם. יעצט אבער, אז יהושע איז דער פיהרער פון ישראל און ער איז איצט אזוי פארנומען, ער גרייט זיך דאך אויף א צווייטער מלחמה זאל ער איהם באלעסטיגען מיט זיין נארישקייט?... ער וועט געוויס לאכען פון איהם, ווען ער וועט קומען אין אזא צייט און איהם דערצעהלען וועגען זיין פארלעגענהייט.

אויב עכסה וויל איהם ניט אויסהערען, וועט זי מוזען אויסהערען שלומית׳ן, האט עתניאל ביי זיך באשלאסען. יע, ער וועט אוועקגעהן צו שלומית׳ן און איהר צווינגען זי זאל געהן צו עכסה׳ן און דערצעהלען איהר דעם גאנצען אמת, ווי

אזוי זי האָט איהם עפּעס געוואָלט פרעגען און וויסענדיג, אז ער וועט צו איהר ניט קומען, האָט זי איהם אריינגענאַרט מיט דעם, וואָס זי האָט איהם געשיקט זאָגען, אז עכסה וואַרט אויף איהם אין איהר געצעלט און ער האָט איהר געענטפערט, אז ער קומט באלד ארויס. יע, זי וועט מוזען דערצעהלען דעם גאנצען אמת צו עכסה'ן און צו זיין ברודער.

ווי אזוי אבער וועט ער זי זעהן? האָט ער געטראכט. ווען ער זאָל ווידער צו איהר אין געצעלט אריין, און אימיצער זאָל איהם באמערקען, ווען דאן דאַרף נאָך ערגער זיין! זאָל ער פּיעליייכט שיקען זי רופען, זי זאָל קומען צו איהם אין געצעלט? אימיצער זאָל באמערקען, אז שלומית איז געווען אין זיין געצעלט. דאן וועלען שוין קיינע ערקלעהרונגען ניט העלפען.

עתניאל איז אוועק צו זיין געצעלט מיט א טרויעריגען געמיטה. ער איז געווען אזוי ערשיטערט פון דעם, וואָס האָט מיט איהם פּאַסירט, אז ער האָט קיינעם ניט באמערקט אויפ'ן וועג און ניט געענטפערט אויף זייערע באגריסונגען. וואָס מעהר ער האָט געטראכט פון דעם גארטעל, וואָס זיין ברודער האָט איהם געזאָגט, אז מען האָט איהם געפונען אין שלומית'עס געצעלט, אויף איהר בעטעל, אלץ גרעסער איז זיין רעטעניש געווען. ווי אזוי איז עס מעגליך? ער איז אזוי זיכער, אז יענעם טאָג האָט ער דעם גארטעל ניט געהאַט! אבער ווי קומט ער אין שלומית'עס געצעלט? זאָל עס מעגליך זיין, אז זיין ברודער האָט עס איינגאנצען פאַראורזאַכט, כדי צו ערווייטערען עכסה'ן פון איהם? אבער ניין! דאָס איז אונמעגליך! צו טהאָן אזא זאך דאַרף מען זיין נידעריג און געמיין און זיין ברודער איז עס געוויס ניט!... וואָס מעהר ער טראכט פון דעם, אלץ מעהר אומפארשטענדליך ווערט עס פאר איהם. אבער וואָס בלייבט איהם יעצט איבער צו טהאָן? איז עס מעגליך, אז ער האָט פארלוירען עכסה'ן, זיין ליעבענדע שעהנע עכסה'ן, אויף אַניביג?! ניין! דאָס וועט ניט געשעהן! מאָרגען וועט ער קומען זי זעהן! ער וועט פון איהר פארלאנגען, זי זאָל איהם אויסהערען. זי וועט עס מוזען טהאָן. ער וועט מיט איהר אוועקגעהן צו שלומית'ן און זי וועט זיכער אלעס באשטעטיגען. דאן וועט אלץ פאר איהר קלאָהר ווערען. זי וועט איינזעהן, אז ער איז גאָרניט שולדיג. און ווען ער איז אהין געגאנגען, איז עס געווען מיט דער כונה צו טרעפען דאָרטען עכסה'ן...

נאָך דעם זעלבען טאָג האָט זיך עכן געזעהן מיט כלב'ן און ער האָט איהם געפרעגט ווי אזוי זיין טאָכטער האָט אויפגענומען די נייעס וועגען עתניאל'ן און שלומית'ן.

— דאָס האָט געמאכט א סוף צו זייער פריינדשאפט! — האָט כלב זיך אפּגערופען. — און איך בין דיר דאנקבאר, וואָס דו האָסט אונזערע אויגען געעפענט. ווארים ווען ניט דו וואָלט שוין פּיעלייכט געווען צו שפּעט... ווייל אין א קורצע צייט ארום וואָלטען זיי ביידע געוויס געהייראַט. איך האָב איינגעזעהן, אז מיין געגנערשאפט וועט ניט העלפען און איך האָב שוין אליין אין מיין הארצען צוגעשטימט זיי זאָלען הייראטען. איך האָב נאָר געוואָלט צוואווארטען ביז וואנען מיר וועלען איינגעהמען די צווייטע שטאָדט פון אונזער נייעם לאנד און דאן וואָלטען מיר זיך באזעצט אויף א לענגערער צייט.

— וועלכע צווייטע שטאָדט פּלאַנעוועט יהושע איינצונעהמען? — האָט עכן א פרעג געטהאָן כלב'ן.

— יהושע פּלאַנעוועט איינציכען ארויסצוגעהן אויף מלחמה אויף די איינוואוינער פון דער שטאָדט עי, וואָס ליגט פון צפון־מערב זייט פון יריחו. עי איז די נאָהענטסטע שטאָדט און דאָרטען, גלויב איך, וועלען מיר בלייבען אויף א לענגערע צייט, אויב מעגליך.

— האָסטו גערעדט מיט יהושע'ן וועגען מיר? — האָט עכן דערמאָנט כלב'ן וועגען זיין פארשפּרעכען.

— נאָך ניט! — האָט כלב געענטפערט. — אָבער איך דאַרף באַלד זיין ביי איהם. מיר דאַרפען באשליסען ווען אָנצופאנגען די מלחמה אויף עי. און יהושע האָט נאָך מיר געשיקט.

— יעצט וועסטו האָבען א געלעגענהייט צו רעדען וועגען מיר. איך ווייס, אַז איך באַווייז די פעהיגקייטען זיך אויסצוצייכענען אין א שלאַכט און אפילו ווען ער זאָל מיך מאַכען פאַר א הויפּט איבער הונדערט, וועל איך אויך באַווייזען וואונדער. איך און מיינע מענשען וועלען זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלען ביז וואַנען מיר וועלען ברייינגען א זיעג פאַר אונזער פאָלק.

— גוט, איך וועל מיט איהם רעדען וועגען דיר! — האָט כלב איהם פאַרשפּראָכען.

— איך וועל זיין זעהר אומגעדולדיג צו הערען יהושע'ס ענטפער, — האָט עכן זיך אָפּגערופען. — איך וועל דעריבער וואַרטען אויף דיר אין לאַגער ביז וואַנען דו וועסט זיך צוריקקעהרען.

— איך ווייס ניט ווי לאַנג עס וועט געדויערען, — האָט כלב געזאָגט. — מעגליך אַז איך וועל זיך דאַרפען פארזאַמען ביי יהושע'ן א היבשע ווייל, דעריבער וואָלט איך דיר ניט געראַטהען צו וואַרטען אויף מיר און ווען איך וועל האָבען פאַר דיר גוטע נייעס, וועל איך דיר שיקען רופען.

כלב איז אוועק צו יהושע'ן. זיי האָבען ביידע גערעדט א היבשע ווייל וועגען די פּלענער פון דער מלחמה.

— מיר וועלען מוזען פאַרטזעצען אונזער אנגריף אויף די פעלקער פון כנען צו צפון־זייט, — האָט יהושע זיך אָפּגערופען, — ווייל, ווי איך האָב אויסגעפונען, פאַרמאָגט די שטאָדט ירושלים, וואָס ליגט צו דרום, א נאַטירליכע פעסטונג, וואָס איז ארומגערינגעלט מיט בערג און עס איז כמעט אונמעגליך זי איינצונעהמען. מיר וועלען זיין געצוואונגען צו באַלאַגערען די שטאָדט פאַר פיעלע יאָהרען ביז וואַנען מיר וועלען האָבען די מעגליכקייט זי איינצונעהמען. דעריבער האָב איך מיר באשלאָסען זיך צו פאַרנעהמען נאָך צפון און מיר וועלען געהן מלחמה האַלטען מיט דעם קעניג פון עי.

— און ווען וועלען מיר די מלחמה אָנפאַנגען? — האָט כלב געפרעגט.

— אין עטליכע טעג אַרום. איך וועל פריהער דאַרפען שיקען אהין מרגלים, וועלכע וועלען אויסגעפינען, וואָס פאַר א שטאָדט עי איז, אויב זי האָט א פעסטונג און אויב די איינוואוינער זיינען דאָרט פיעל און שטאַרק און פון וואָס פאַר א זייט עס וועט זיין בעסער פאַר אונז אָנצופאַנגען די מלחמה.

— און ווער וועט פיהרען די אַרמעע דאָרטען? — האָט כלב געפרעגט.

— איך האָב גערעכענט צו שיקען אַן אַרמעע אונטער דיין אויפזיכט און

דו וועסט נעהמען דיין ברודער עתניאל׳ן, ער זאל דיר ארויסהעלפען.

— מיין ברודער, עתניאל? — האט כלב אויסגערופען. — א, ניין! איך האב זיך לעצטענס מיט איהם איבערגערעדט און איך בין אויף איהם אין כעס

— דו ביזט אין כעס אויף עתניאל׳ן? — האט יהושע זיך געוואונדערט. — וואס האט ער געטהאן?

— עס איז א פערזענליכע זאך, — האט כלב א שמייכעל געטהאן. — יע־דענפאלס, וויל איך איהם פאר א קורצע צייט באשטראפען און איך וועל איהם ניט נעהמען פאר מיין ארויסהעלפער.

— אה, איך פארשטעה! — האט יהושע געזאגט מיט א שמייכעל, — עתניאל איז פארליעבט אין דיין טאכטער און דו ביזט דאגעגען! אבער וואס האסטו צו איהם? ער איז א גאנץ בראווער יונג...

כלב האט באשלאסען ניט צו דערצעהלען יהושע׳ן וואס עס האט פאסירט. פארוואס זאל יהושע אויך וויסען פון זיין ברודער׳ס שענדליכען טהאט? דעריבער האט ער געשוויגען.

— און וועמען דען וואלסטו אויסגעקליבען פאר דיין ארויסהעלפער? — האט איהם יהושע געפרעגט.

— אויב דו וועסט ניט האבען דאגעגען, וואלט איך אויסגעקליבען עכנ׳ען, דעם זוהן פון זבדי׳ן, פון מיין שבט. ער שיינט צו זיין א בראווער יונג און איך האף, אז ער וועט זיך אויסצייכענען אין דער מלחמה.

— עכן? — האט יהושע איהם אנגעקוקט פארוואונדערט. — פארוואס ווילסטו איהם אויסקלייבען?

— ער האט מיך געבעטען, אז איך זאל מיט דיר רעדען וועגען איהם. ער וויל, אז דו זאלסט איהם געבען א געלעגענהייט ער זאל קענען ארויסצייגען זיין בראווקייט און העלדישקייט.

— ניין! ווי קומט עכן צו פיהרען אן אפטיילונג פון אן ארמעע! ניין! איך קען עכנ׳ען. ער איז ביי מיר ניט לאנג צוריק געווען און ער געפעלט מיר ניט זעהר שטארק. ניין, דאס איז ניט פאר איהם!

— אבער איך האב איהם פארשפראכען צו זעהן פועל׳ן ביי דיר צו קריגען פאר איהם א קליינעם אמט, — האט כלב געזאגט. — און אויב עס איז מעגליך, וואלט איך געבעטען מיין האר ער זאל מיר געבען די מעגליכקייט צו האלטען מיין פארשפרעכען.

— דו ווייסט וואס? — האט יהושע זיך אפגערופען. — דו קענסט איהם אויסקלייבען ער זאל זיין איינער פון די מרגלים, וועלכע וועלען געהן אויסקוקען די שטאדט עי. אבער מיט א וויכטיגען אמט וועל איך איהם קיינמאל ניט אנ־פארטרויען, ווייל איך ווייס זיין כאראקטער. און דו קענסט איהם זאגען אין מיין נאמען, אז ער האט ניט וואס צו האפען אויף אן אמט, עס מאכט ניט ווי קליין דער אמט זאל ניט זיין.

— איך בין זיכער, אז ער וועט זיין צופרידען אויך מיט דעם, וואס מיין האר האט צוגעשטימט, ער זאל זיין איינער פון די שפיאנען, — האט כלב געזאגט. — איך וועל איהם דאס נאך היינט אנזאגען.

— און דו וועסט דארפען אויסקלייבען נאך איינינע צו איהם. דו זאלסט זיי אנזאגען, וואס זיי דארפען אויסגעפינען און ווי פארזיכטיג זיי מוזען זיין,

מען זאָל זיך ניט דערוויסען אין שטאָדט עי, אז זיי זיינען געקומען אויסשפּיאָני־רען די שטאָדט.

— יע, מיין האר, איך וועל אויסקלייבען נאָך צוויי מענשען צו עכנ׳ען און ווען ווילסטו זיי זאָלען געהן?

— זאָלען זיי מאָרגען צוזאַמענקומען דא, איך וועל זיי זאָגען, ווען זיי זאָלען געהן. — האָט יהושע זיך אָפּגערופען.

כלב האָט פארלאָזען יהושע׳ן און איז געגאַנגען אהיים. ער האָט באַשלאָסען, אז ער וועט זיך מיט עכנ׳ען זעהן אין אָוונד און דאַן וועט ער איהם איבערגעבען אלעס, וואָס יהושע האָט איהם געזאָגט.

עכן האָט שוין אָבער קיין געדולד ניט געהאַט צו וואַרטען ביז וואַנען כלב וועט נאָך איהם שיקען. ער האָט אויף איהם אָפּגעוואַרט אין מיטען וועג. ער איז געווען אזוי זיכער, אז כלב האָט גע׳פּועל׳ט ביי יהושע׳ן ער זאָל איהם מאַכען פאר א הויפּט... ער וועט ערשט דאַן ווייזען רחב׳ן, וואָס פאר א העלד ער איז. אלע וועלען ריידען פון זיין גבורה, רחב וועט דאַן אויף איהם קוקען מיט אנדערע בליקען... זי וועט זיך צו איהם פארהאַלטען מיט מעהר אכטונג. זי וועט איהם מעהר פון זיך ניט פארטרייבען, און ער איז זיכער, אז אזוי ווי איהם האָט זיך איינגעגעבען צו דערווייטערען יהושע׳ן פון רחב׳ן, וועט איהם ענדליך געלינגען צו געווינען איהר הארץ...

ווען ער האָט פון ווייטען דערזעהן כלב׳ן, איז ער מיט שנעלע טריט איהם אנטקעגען געקומען.

— נו, מיין האר, ברייגנסטו מיר גוטע נייעס? — האָט ער איהם גלייך געפרעגט.

— צום באַדויערען, עכן, האָב איך ניט געקענט פּועל׳ן ביי יהושע׳ן ער זאָל מיר געבען אפילו א קליינעם אמט. ווי עס ווייזט אויס, האָסטו ניט געפונען קיין חן אין יהושע׳ס אויגען, און ער האָט מיר געהייסען דיר איבערגעבען אין זיין נאָמען, אז דו האָסט ניט וואָס צו האָפען אויף אַן אמט. עס מאַכט ניט ווי קליין דער אמט זאָל ניט זיין! ווייל ער וויים דיין כאַראַקטער! — האָט ער מיר געזאָגט.

— הם... — האָט עכן אומבאַמערקטערהייט א דריק געטאָן מיט זיין פויסט. — איך בין איהם ניט געפעלען. און ער וויים מיין כאַראַקטער... אויב אזוי האָב איך ניט וואָס צו האָפען... ווי עס ווייזט אויס, בין איך ניט ווערט... זאָל זיין אזוי.

— דו דאַרפסט ביי זיך ניט זיין געפאַלען, עכן! — האָט איהם כלב געטרייסט. — נאָך אלעמען קען דאָך ניט יעדער זיין א באַאַמטער, אָבער דו ווייסט דאָך, אז גאָר אין גיכען פּלאַנעווען מיר צו געהן מלחמה האַלטען מיט די איינוואוינער פון דער שטאָדט עי, און איידער מיר וועלען די מלחמה אָנפאַנגען, האָט יהושע באַשלאָסען צו שיקען מרגלים אויסצושפּיאָנירען די שטאָדט און יהושע האָט איינגעשטימט, אז איך זאָל דיך אויסקלייבען צו זיין איינער פון די מרגלים...

— איך בין גוט גענוג פאר איהם צו זיין א שפּיאָן! — האָט עכן קוים איינגעהאַלטען זיין כעס... — אָבער ניין!

— ביזטו דען ניט צופרידען פון דעם? — האָט כלב איהם געפרעגט.

עכן האט א ווײַלע א טראכט געטאן... נאכהער האט ער געענטפערט מיט א שמייכעל:

— אנטשולדיג מיר, מיין האר, איך בין געווען צו־אייליג, איך האב זיך ניט איבערלייגט, אבער אין אמת'ן גלויב איך, אז דאס איז אויך א כבוד פאר מיר. דאס איז א סימן, אז יהושע האט צו מיר צוטרויען... יע, איך בין זעהר צופרידען צו זיין איינער פון די מרגלים, און איך בין זעהר דאנקבאר צו דיר און יהושע'ן פאר דעם.

כלב האט פארשטאנען פון עכן'ס רייד, אז ער איז אנטוישט. און ער האט געזאגט:

— דו דארפסט וויסען זיין, אז איך וועל צו דיר אויסקלייבען בלויז נאך צוויי און דו וועסט פאררעכענט ווערען פאר דעם ערשטען.

— איך וועל זיך שעצען גליקליך צו קענען מיט עפעס דינען יהושע'ן און מיין פאלק! — האט עכן געזאגט מיט געמאכטער צופרידענהייט. — איך בין געגרייט צו יעדער צייט!

— גוט, זיי צוגעגרייט מארגען. דאן וועל איך שוין האבען אויסגעקליבען די איבעריגע צוויי און צוזאמען וועט איהר זיך קומען מעלדען צו יהושע'ן און ער וועט אייך שוין זאגען, וואס איהר האט צו טאן.

ווען עכן איז אוועק פון כלב'ן האט ער געברענט פון כעס אויף יהושע'ן. ער ווייס, אז כלב האט געטאן אלעס וואס מעגליך אויסצואווירקען אן אמט פאר איהם ביי יהושע'ן, אבער יהושע איז זיין שונא... איהם מוז געווים פארדריסען, דאס וואס ער האט געגלויבט, אז דאס האט זי איהם דעם רינג געגעבען אלס צייכען פון איהר ליבע צו איהם... אבער ער וועט יהושע'ן צייגען, אז ער שרעקט זיך ניט פאר איהם...

עכן איז געווען זעהר צופרידען, וואס ער וועט זיין דער ראש פון די מרגלים... ער וועט שוין זעהן עפעס צו טאן... אז יהושע זאל דורך דעם פארלירען זיין גרויסקייט אין די אויגען פון פאלק... זאלען אלע וויסען, אז ער איז גארניט אזא העלד... אה, ווען זיינע ארמייען וועלען כאפען א מפלה, דארטען, לעבען די טויערען פון עי... א געדאנק איז איהם בליצלונג ארויפגעקומען: ווען ער וויל וועט ער קענען פאראורזאכען א מפלה... ער וועט דאך זיין דער פיהרער פון די מרגלים און וואס ער וועט הייסען וועלען זיי איהם דארפען פאלגען. ער וועט בלויז דארפען פארזיכטיג זיין, אז יהושע זאל ניט אויסגעפינען... און ווי נאר יהושע וועט האבען אן ערשטע מפלה, וועט שוין דאן ניט זיין צו שווער פאר איהם אויפצוהעצען דעם המון געגען איהם...

עכן איז אוועק אהיים מיט צופרידענהייט. יענעם טאג איז ער איבערהויפט געווען זעהר צוגעלאזען צו זיינע קינדער, און אפילו צו זיין פרוי, וועמען ער האט שוין לאנג קיין צערטליכקייט ניט ארויסגעוויזען, האט ער היינט געשאנקען באזונדערע אויפמערקזאמקייט.

— איך וועל אין גיכען ווערען א הויפט אין ישראל! — האט ער זיך צו איהר אפגערופען. — דאן וועלען אלע פון מיין שבט קוקען מיט אויגען פון קנאה אויף מיר!

— עס איז שוין צייט, אז יהושע זאל דיר אויך דערהויבען צו אן אמט!
— האט איהם זיין פרוי געגעבען מעהר מוט. — אלע ווייסען, אז דו ביזט

בראוו און קלוג, און פילע פון די, וועלכע זיינען באמטע איבער הונדערט אדער איבער טויזענט, שטעהען א סך נידעריגער פון דיר.

— און יהושע דענקט, אז אייביג וועט עס אזוי זיין! — האט עכן א קריץ געטאן מיט זיינע ציינער. — אבער עס וועט ניט לאנג דויערען און זיין טאג וועט אויך קומען.

— וואס רעדסטו, מיין מאן! — האט זי א צושראקענע זיך אפגערופען.
— האט דיר דען יהושע ניט פארשפראכען צו געבען דעם אמט?

— יהושע! — האט ער מיט פארביטערונג אויסגערופען, — אבער וואס פאר נוצען וועל איך האבען צו ריידען מיט דיר וועגען אזעלכע זאכען, וועסטו דען מיר פארשטעהן? דו האסט דאך אזוי פיל שכל ווי א בהמה!...

עכן׳ס פרוי האט זיך געטראפען שטארק באליידיגט פון זיינע רייד. ער האט זי שטענדיג זעהר שלעכט באהאנדעלט, אבער לעצטענס איז ער גאר געווארען אונערטרעגליך. ער שימפפט און באליידיגט איהר פאר דער מינדסטער זאך... און זי האט זיך שטארק גענומען שרעקען פאר איהם... זי פארשטעהט, אז ער וויל נעהמען א צווייטע צו איהר, אבער זאל ער דאס טאן שנעלער, וועט ער פיליכט זיך בארוהיגען... זי האט גענומען טראכטען פון דער מעגליכקייט, אז ער זאל נעהמען א צווייטע פרוי צו איהר. ווער וועט זי זיין? זי האט אויסגעפונען, אז עכן באזוכט גאנץ אפט די אלמנה שלומית, זאל עס מעגליך זיין, אז עכן וויל זי נעהמען פאר זיין צווייטער פרוי?

— איך האב אזוי פיל שכל ווי שלומית די אלמנה! — האט זי געענטפערט איהר מאן.

— ווען דו וואלסט געהאט א צעהנטעל־חלק שכל פון שלומית׳ן, וואלט איך געוואוסט, אז איך קען זיך אויף דיר פארלאזען.

— דו זעהסט דאך, אז מיט איהר גאנצען שכל האט זי געטריבען איהר מאן צום קבר!

— און דו ווייסט גאר ניט, אז איהר מאן איז געשטארבען אין שלאכט!
— האט עכן זיך א קרים געטאן.

— יע, שלומית האט שכל, ווייל זי האט א שעהנעם פנים! — האט עכן׳ס פרוי א זאג געטאן מיט פארדרוס. — אבער איך בין ניט דאגעגען, דו קענסט זי נעהמען פאר א פרוי. וואס איז מיר דער אונטערשייד ווען דו נעהמסט צו מיר!

— און דו מיינסט, אז איך האב אויסגעקליבען שלומית׳ן! — האט זיך עכן פאנאנדערגעלאכט. — אה, ניין. איך קען דערגרייכען עפעס העכערס... דו מיינסט, אז ווייל ווען איך בין געווען יונג און קיין שכל ניט געהאט און אויסגעקליבען דיך פאר מיין ווייב, האב איך קיין בעסערס ניט פארדינט... יע, איך האב אויסגעקליבען איצט איינע צוליב וועמען אלע וועלען מיר מקנא זיין. און ווען איך זאג אלע, מיין איך, אפילו אונזער פיהרער יהושע... איך ווייס, אז ער אליין וואלט זי געוויס גענומען פאר זיין פרוי, אבער זי האט מיך פארגעצויגען. זי האט מיך ליב באקומען און זי וועט געהערען צו מיר.

עכן׳ס ווייב איז געווען נייגעריג צו וויסען וועגען וועמען איהר מאן רעדט, אבער זי האט געשוויגען. זי האט איהם געוואלט לאזען ריידען... מגעליך,

אז דאס איז אן איינריידעניש. ער טרוימט פון דעם און ער זוכט זיך דאס, מיט איהר א רייץ צו טאן...

— פארוואס פרעגסטו מיר ניט ווער זי איז? — האט ער זיך צו איהר געווענדעט מיט א שמייכעל.

— ווייל איך בין ניט פאראינטערעסירט! — האט זי מיט א געמאכטער קאלטקייט געענטפערט.

— איך וועל דיך מאכען פאר איהר דינסט! — האט עכן אויסגערופען מיט צארן. — איצט וועסטו שוין זיין פאראינטערעסירט. — עס וועט זיין א כבוד פאר דיר צו זיין איהר דינסט... און אויב דו ווילסט וויסען, קען איך דיר אויך זאגען, אז זי איז ניט פון ישראל.

— זי איז ניט קיין אידישע! — האט זי איהם אנגעקוקט מיט ערשטוי־נונג, טא ווער דען איז זי?

— איהר נאמען איז רחב!

— רחב פון יריחו?

— יע, די וועמען איך האב געהאלפען ארויסראטעווען איידער מיר האבען די שטאדט איינגענומען!

— אבער איך האב געמיינט, אז יהושע... — האט זי ניט פארענדיגט.

— האב איך דיר דען ניט געזאגט, אז יהושע וואלט זי געוואלט נעהמען פאר זיך, אבער רחב האט מיך ליב!

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף איהרע ליפען.

— ווי איך זעה ווילסטו מיר ניט גלויבען, אז רחב איז אין מיר פארליבט, אויב אזוי, וועסטו זיך טאקע באלד אין דעם איבערצייגען, און ווען זי וועט פארלאנגען וועל איך דיך אין גאנצען פארטרייבען פון זיך!

— איך גלויב דיר, עכן! — האט זי זיך אפגערופען מיט צושראקענקייט.

— איך וויים, אז דו ביזט געאכטעט אין אלעמענס אויגען. אבער איך האב פריהער געמיינט, אז דאס איז שלומית.

— א פארגלייבעניש! — האט עכן זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ.

— אמת, שלומית איז שעהנער און אינגער פון דיר, אבער ווי קומט זי צו רחב'ן? אזוי ווי דו קומסט ניט צו שלומית'ן, אזוי קומט ניט שלומית צו רחב'ן.

זעהר אומגליקליך האט זיך געפיהלט עכסה. זי איז געווען אזוי פארביטערט און אויפגערעגט, אז זי האט יענעם טאג גארניט געגעסען, און ווען די נאכט איז אנגעקומען, איז זי געלעגען אויף איהר בעטעל און זי האט ניט געקענט איינשלאפען... עפעס איז עס געווען אזוי שרעקליך... עס איז געווען אומגלויבליך... איהר עתניאל, וועלכער האט זי ליב געהאט מעהר פון אלעס אין דער וועלט, פאר וועמען זי האט איהר לעבען אין סכנה געשטעלט, זאל זי אזוי פארראטען... פארוואס האט ער ניט געלייקענט, ווען זי האט איהם געפרעגט אויב ער איז געווען אין שלומית'עס געצעלט... ווען ער וואלט איהר געענטפערט, אז ניין, וואלט זי דאך איהם געגלויבט... זי וואלט אויך איהר פאטער איבערצייגט, אז שלומית די אלמנה האט געזוכט אויף איהם א בלבול צו מאכען... איצט אבער, אז ער האט זיך אליין מודה געווען, אז ער האט איהר אפגעשטאט א באזוך אין איהר געצעלט... דארטען האט ער פארגעסען

זיין גארטעל אויף איהר בעטעל... א שוידער געהט דורך איהר לייב ווען זי טראכט בלויז פון דעם... און ערשט נעכטען האט ער זי געקושט, און געזאגט ווי שטארק זיין ליבע איז צו איהר... ער האט געזאגט ווי אומגעדולדיג ער איז צוווארטען אויף דעם טאג, ווען זיי וועלען אויף אייביג פאראייניגט ווערען... איז עס מעגליך, אז די זעלבע ליפען, וואס האבען איהר געקושט, זאלען... עס איז אוכגלויבליך! זי האט אין איהם אזוי פיל צוטרוי געהאט. זי האט אימער געדענקט פון איהם, אז ער איז אנדערש פון די איבעריגע יונגע לייט... און האט ער איהר דען ניט פארשפראכען, אז ער וועט קיינמאל ניט נעהמען קיין צווייטע פרוי אדער פלגש צו איהר... און איצט, איידער זיי האבען נעהייראט, האט ער זי שוין פארראטען... און זי האט איהם אזוי געליבט און געטרויט... און איצט? זי ליבט איהם איצט אויך, אדער ניין? ווי אזוי קען זי איצט טראכטען וועגען דעם... זי וועט שוין מעהר איהם ניט וועלען אנקוקען!

עכסה האט שטילערהייט געוויינט... אלע איהרע גליקליכע טרוימען זיינען פלוצלונג פון איהר פארשוואונדען געווארען... זי האט אזוי פיל געליטען, אז זי האט אויף זיך געבעטען דעם טויט. וואס טויג איהר דאס לעבען, אז דער וועמען זי האט געליבט מעהר ווי איהר אייגענעם לעבען, האט איהר פארראטען... אלעס קוקט אויס אזוי טונקעל פאר איהר... זי האט קיין חשק ניט מעהר צו לעבען און געניסען.

אזעלכע טרויעריגע געדאנקען האבען זי די גאנצע נאכט געמאטערט. זי האט מיט קיין אויג ניט צוגעמאכט. זי האט זיך קיין ארט ניט געפונען. אזא באליידיגונג... זי שעהמט זיך פאר איהר פאטער און מוטער... עס האט איהר אזוי פיל געזונט געקאסט ביז וואנען זי האט געקראגען איהר פאטער'ס צושטימונג. און איצט קומט ער און פארביטערט איהר לעבען...

ווי נאר עס איז ליכטיג געווארען האט זיך עכסה אנגעטאן און ארויס פון איהר געצעלט... עס איז איהר דארט ענג געווארען... זי האט געוואוסט, אז באלד וועט אהין אריינקומען איהר מוטער און איהר פרעגען ווי זי האט געשלאפען... וואס וועט זי איהר זאגען... זי וועט גלייך מיט איהר אנפאנגען צו ריידען וועגען עתניאל'ן. זי וועט איהר בארוהיגען און ווידער זאגען, אז זי זאל זיך איהם פון איהר קאפ ארויסשלאגען, אבער ווי אזוי איז עס מעגליך?... ניין, זי וועט ניט קענען פארשטעהן און מיטפיהלען מיט איהר. און איצט נויטיגט זי זיך אזוי שטארק אין א פריינדין, וועלכע זאל מיט איהר סימפאטיזירען און איהר פארשטעהן, וועלכע זאל איהר קענען טרייסטען אין א צייט פון איהר גרויסען בראך...

עכסה האט באשלאסען, אז זי וועט אריבערגעהן צו רחב'ן, זי וועט פאר איהר אלעס דערצעהלען... פיליכט וועט זי איהר קענען געבען א ראט. אבער וואס קען זי איהר העלפען? איז דען פאראן א הילף פאר איהר?... און ווי אזוי וועט זי קענען פאר איהר דערצעהלען אזוי וועגען עתניאל'ן... רחב האלט דאך אזוי פיל פון איהם... זי וועט זיך אליין שעהמען מיט איהר צו ריידען דערפון... אבער עכסה האט געפיהלט, אז זי מוז זיך אויסריידען דאס הארץ... זי ווייס, אז עס איז נאך צו פריה, זי וועט צוווארטען.

באלד האט זי דערהערט איהר מוטער׳ס שטימע. עכסה איז צוגעקומען צו איהר מוטער און זיך מיט איהר צוקושט.

— פארוואס ביזטו היינט אזוי פריה אויפגעשטאנען, מיין טאכטער? — האט זי איהר געפרעגט. — און זעה ווי בלאס דיין פנים קוקט אויס! זאג מיר, וואס איז מיט דיר?

— פוירען צו מיר! — האט זיך עכסה באמיהט צו שמייכלען.

— איך זעה, מיין טאכטער, אז דו נעהמסט זיך נאך אלץ צום הארצען, דאס וואס עס האט פאסירט מיט עתניאל׳ן. עס וועט זיין א סך געזונטער און בעסער פאר דיר, אז דו זאלסט איהם מעהר אין דיינע געדאנקען ניט האבען... ער האט עס ניט פארדינט, כאטש ער איז דיין פאטער׳ס ברודער... זעהסטו רען ניט, וואס פאר א שוואכען כאראקטער ער באזיצט... אז אזא אומווירדיגע פרוי האט איהם געקענט ארייגציהען צו זיך.

— איך ווייס ניט, מוטער! — האט עכסה קויס זיך באהערשט ניט אויסצוברעכען אין א געוויין. — אבער עפעס קען איך בשום אופן ניט גלויבען אויף עתניאל׳ן אזא זאך! ער איז דאך געווען אזוי נאבעל, און זיין ליבע צו מיר איז געווען אזוי גרויס... ווי איז עס מעגליך ער זאל באגעהן געגען מיר אזא שרעקליכען אומרעכט.

— און דו צווייפעלסט נאך אין דעם, מיין טאכטער? האסטו דען ניט געהאט גענוג באווייזען, אז ער איז שולדיג? און אויסער דעם האט ער זיך דאך אליין מודה געווען...

— יע, עס איז ריכטיג! — האט עכסה טרויעריג געזאגט. — עס קען שוין מעהר קיין מינדסטער צווייפעל ניט זיין, אבער דאך איז מיר אזוי שווער צו גלויבען.

— דו דארפסט זיך שעצען גליקליך, וואס דאס האט פאסירט איצט, נאכער וואלט שוין געווען צו שפעט... אבער נעהם זיך ניט צום הארצען, עכסה. אין א קורצער צייט וועסטו אז איהם איז גאנצען פארגעסען.

— ניין, מוטער! ניט אזוי שנעל ווערט אזא זאך אויסגעמעקט פון זכרון. איך האב איהם אזוי געליבט... און אפילו איצט...

— וואס? — האט איהר מוטער זי אנגעקוקט מיט ערשטוינונג. — דו האסט איהם נאך אלץ ליב... ווי אזוי קענסטו עס נאך ארויסברייגען אויף דיינע ליפען? דו האסט פארלוירען דיין שטאלץ און זעלבסטווירדע ווען די דערסט אזוי, מיין טאכטער... ער האט דיר פארראטען מיט אזא אומווירדיגע פרוי...

— איך האב אויף איהם רחמנות! — האט עכסה געווישט איהרע טרערען.

— ער איז געווים ארייגעצויגען געווארען... אזעלכע פרויען קענען אלעס טאן... ער האט זיך זיכער פארלארען...

— און ביי דיר איז רעכט איהם צו פארגעבען פאר דעם און...

— אה, ניין, מוטער! — האט זי א ציטער געטאן. — איך וועל איהם קיינמאל ניט מוחל זיין... איך קען ניט... איך וועל איהם קיינמאל ניט קענען קוקען גלייך אין די אויגען... דאס גליק איז פון מיר אויף אייביג אוועק, און וועט זיך שוין מעהר קיינמאל ניט צוריקקעהרען...

— מיין ליבע טאכטער, דו דארפסט אזוי ניט ריידען... עס געפינען

ויך נאך פילע יונגע לייט, וועלכע זיינען גאבעל און עהרליך און זיינען ווערט דו זאלסט זיי נעהמען אין אכט... דיין פאטער האלט שוין לאנג זיינע אויגען אויף איינעם פון דעם שבט לוי...

— אה, מוטער, ריי, מיט מיר מעהר ניט וועגען דעם... איך וועל שוין קיינמאל ניט הייראטען... איך האב בלויז איינמאל געליבט, און ווען די איינציגע ליבע איז פון מיר אזוי פלוצלונג אוועקגערויבט געווארען, וועל איך שוין אליין בלייבען מיט מיין טרויער אויף אייביג.

— די צייט פארהיילט אלע וואונדען, מיין טאכטער, — האט זי מיט א שמייכעל געזאגט, — און ווען א קורצע צייט וועט פאראיבער, וועלען זיך אויך דיינע געפיהלען בייטען... דו וועסט גאנץ שנעל פארגעסען, אז עס איז ווען עס איז געווען איינער פון דיין משפחה וועמען דו האסט אזוי ליב געהאט... און נאך אלעמען וואס וואלסטו געטאן, אז דער פאטער וואלט ניט דערלאזען דו זאלסט מיט איהם הייראטען...

— דאן וואלט איך בעסער געוואלט שטארבען!... און אויך איצט איז מיר מיין לעבען נמאס געווארען.

— מיין טאכטער, איך פארלאנג, אז דו זאלסט מעהר אזוינע רייד ניט ארויסריידען פון דיין מויל... דו ביזט דאך אזוי יונג און באצויבערענד שעהן... און אונזער פאלק שטעהט איצט פאר אזא גלענצענדע צוקונפט. מיר ווינען שוין אין דעם לאנד. וואס גאט האט אונזערע עלטערען פארשפראכען. די הויפט שוועריגקייט איז פאראיבער. יעדער איינער פון ישראל איז פול מיט האפנונגען און גליקליכע ערווארטונגען. גאט וועט געבען און יהושע וועט איינ־נעהמען דאס גאנצע לאנד. דיין פאטער האט זיך אויסגעצייכענט אין פריהער־דיגע מלחמות און אויך איצט באשטימט איהם יהושע פאר א פיהרער איבער אן ארמיי, און גענוג כבוד און רוהם יועט באגלייטען דעם נאמען פון דיין פאטער, אין אזא צייט האסטו נעדארפט זיין פול מיט לעבענסלוסט, און ניט זיין אזוי פארצווייפעלט און פארביטערט.

— און איך האב גע׳חלומ׳ט און פאנטאזירט! — האט עכסה א זיפץ געטאן. — איך האב געזעהן ווי מיין עתניאל ווערט געקרוינט אלס העלד, ווי ער פיהרט מיט גרויס העלדישקייט און בראווקייט אן ארמיי געגען אונזערע שונאים... ער קעהרט זיך אום זיגרייך פון מלחמה, און יהושע מאכט איהם פאר דעם הויפט־פיהרער פון א גרויסער ארמיי... איך האב זיך פארגע־שטעלט ווי אלע פרויען וועלען איהם אנטקעגען קומען מיט געזאנג און טענץ און ווען עתניאל וועט מיך צווישען אלעמען דערזעהן, וועט ער ארונטערשפרינ־גען פון זיין פערד און מיך ארומנעהמען און, אה, וועלען מיך דאן אלע פרויען מקנא זיין... זיי וועלען זעהן, אז איך בין די גליקליכסטע צו זיין די אויס־דערוועהלטע פון דעם גרויסען העלד.. זיי וועלען אויף אונז ביידען שעהנע בלומען ווארפען אין באצירען דערמיט אונזער וועג... אבער איצט איז עס אלעס פון מיר אוועקגעבלאזען געווארען... מיינע חלומות זיינען צורונען גע־ווארען... אנשטאט בלומען זיינען דערנער פאר מיר אויסגעשפרייט געווארען. אה, ווי שרעקליך! איך וויים ניט ווי אזוי איך וועל עס קענען אריבערטראגען? א וואלקען, א שווארצער, געדיכטער וואלקען, האט זיך איבער מיין קלארען הי־מעל פארשפרייט און האט אין מיין הארצען אריינגעבראכט טרויער און יאוש.

— זאָרג ניט, עכסה, פון איצט אָן וועט שוין עתניאל מעהר קיין געלעגענהייט ניט האָבען ארויסצואווייזען זיין העלדישקייט. דיין פאָטער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט איהם מעהר ניט באַשטימען פאַר אַ הויפּט איבער אַן אָפּטיילונג פון אַן ארמיי... ער וועט קעמפען אין דער זעלבער רייהע מיט די איינפאַכע סאָלדאַטען.

— אַה, ניין, דער פאָטער קען צו איהם אַזוי ניט טאָן! וואָס האָט איין זאַך צו טאָן מיט דער צווייטער זאַך. עתניאל איז אַ בראַווער קעמפער, ער קען ברייננגען פיל נוצען זיין פאָלק... דער פאָטער וועט באַגעהן אַ גרויסען אומרעכט געגען איהם, ווען ער וועט איהם בארויבען פון דער געלעגענהייט ארויסצוווייזען זיין העלדישקייט.

— איצט איז שוין פאַרפאַלען! — האָט זי געזאָגט. — דיין פאָטער האָט שוין געזאָגט יהושע'ן, אַז ער וועט עתניאל'ן ניט באַשטימען פאַר אַ הויפּט אין דער מלחמה וואָס וועט אין גיכען געקעמפט ווערען געגען דעם קעניג פון עי...

— ער האָט יהושע'ן אַלעס דערצעהלט! — האָט עכסה אויסגערופען און איהר פּנים איז רויט געוואָרען. — אַה, ווי אַזוי האָט ער געקענט טאָן אַזאַ זאַך... איצט וועלען שוין אַלע וויסען! ער האָט עס ניט געדאַרפט טאָן. ער האָט יהושע'ן ניט געדאַרפט דערצעהלען וועגען דעם וואָס עתניאל האָט זיך באַנאַרישט!

— דו רופסט עס "באַנאַרישט!" — האָט די מוטער אויסגערופען. — ניין, עכסה, צו באַגעהן אַ פאַרברעכען מיינט ניט "באַנאַרישט"...

— אָבער איך האָב אַזוי ניט געוואָלט, אַז דאָס זאָל ארויסקומען אין דער עפענטליכקייט — האָט עכסה טרויעריג געשאָקעלט מיט איהר קאָפּ.

אָבער דיין פאָטער האָט יהושע'ן גאָרניט דערצעהלט! — האָט זי איהר געענטפערט. — ער האָט איהם בלויז געזאָגט, אַז ער איז אויף איהם אין כּעס צוליב עפּעס און ער וויל איהם דערפאַר באַשטראָפען.

— און יהושע האָט איהם ניט געפרעגט פאַרוואָס ער איז אויף איהם אין כּעס.

— דו ווייסט דאָך, אַז יהושע וועט איהם ניט פרעגען וועגען דעם. אָבער דאָך אויב דו גלויבסט, אַז דאָס וועט בלייבען אַ געהיימניש, מאַכסטו אַ טעות... די אלמנה שלומית וועט שוין זעהן דערצו, אַז פילע זאָלען דערפון וויסען... די דאָזיגע אומפאַרשעהמטע פרוי שטאָלצירט נאָך דערביי אַז זי וועט אַלע איהרע באַקאַנטע דערפון דערצעהלען.

— יע, עס איז ריכטיג! ווען זי האָט פאַר מיר און דעם פאָטער געגומען דערצעהלען אַלע איינצעלהייטען, ווי אַזוי ער איז צו איהר אין געצעלט געקומען און מיט איהר פאַרבראַכט, איז געווען קענטיג, אַז זי איז נאָך געווען שטאָלץ דערויף — האָט עכסה זיך אַ טרייסעל געגעבען מיט עקעל... איך קען ניט פאַרשטעהן וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, האָט ער זיין פאַרשטאַנד פאַרלאָרען?

— מעגליך, אַז ער האָט זיך לעצטענס גע'חבר'ט מיט שלעכטע מענשען?

— מיר האָט ער גאָרניט דערצעהלט פון זיינע פריינד!

— האָט ער דען ווען עס איז דערמאָנט דעם נאָמען פון דער אומווירדיגער אלמנה... אַזוי איז דאָס: פאַרדאָרבענע פריינד קענען יעדען יונגענמאַן אַראָפּפיהרען פון גוטען וועג...

— און איך האָב איהם שטענדיג געהאַלטען פאר א מאַן מיט א שטאַרקען כאַראַקטער... איך בין געווען מיט איהם אזוי זיכער און זיין ליבע צו מיר איז געווען אזוי שטאַרק, אז מיר האָט זיך געדוכט, אז עס וועט שטענדיג אזוי זיין...

— עס איז שווער צו גלויבען אזא זאַך אויף א ברודער פון דיין פאָטער. מיר קענען דאָך איהם פון קינדווייז אָן. ער האָט קיינמאָל ניט ארויסגעוויזען, אז ער פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פאַרדאָרבענעס... אָבער דו זעהסט דאָך ווי שנעל א מאַנ'ס כאַראַקטער ענדערט זיך.

— יע, ווען א פּרוי מישט זיך אריין! — האָט עכסה זיך ווידער פאַנאַנדערגעוויינט. . אָה, הלואי וואָלט איך בעסער געטויטעט געוואָרען, ווען איך בין געווען אין חשבון א געפאַנגענע אידער צו ליידען אזוי פיל...

— ער איז ניט ווערט, אז דו זאָלסט צוליב איהם דאַרפען אזוי פיל ליידען!

— האָט די מוטער איהר געטרייסט... איך וויס, אז ער וועט מאַכען אייניגע פאַרזוכען דיך צו זעהן. ער וועט וועלען פּרובירען זיך פאַרטיידיגען. ער עוועט זוכען פאַרשיידענע אויסריידען און תירוצים, אָבער דו דאַרפסט ארויסווייזען, אז דו באַזיצסט ניט אזא שוואַכען כאַראַקטער ווי ער. דו דאַרפסט ביי זיך באַשליסען איינמאָל פאַר אלע מאָל אז ער איז ארויס פון דיין לעבען. דו דאַרפסט זיין געדעכעניש פון דיין געדאַנקען אויסמעקען און איהם מעהר קיינמאָל ניט ערמוטיגען... ווען דו וועסט איהם ארויסווייזען א שטיקעל רחמנות־געפיהל וועט ער דיך ווייטער ניט אָפּלאָזען... ער וועט קומען דיך באַלעסטיגען ביז וואַנען דו וועסט זיין געצוואונגען איהם מוחל צו זיין!

— אָה, ניין, איך וועל איהם קיינמאָל ניט מוחל זיין! — האָט עכסה אויסגערופען. — אָבער ווי אזוי וועל איך קענען ארויסרייסען פון מיין האַרצען דאָס וואָס האָט אזעלכע טיפע וואָרצלען געשלאָגען?...

— וואָס אַנבאַלאַנגט צו דעם וואָס ער האָט געזאָלט זיין דיין מאַן, דאַרף ער פאַר דיר פאַררעכענט ווערען ווי טויט... אלס דיין פעטער וועט ער נאָך פאַר דיר עקזיסטירען, אָבער מעהר ניט!

— דו וועסט מיר אנטשולדיגען, מוטער, אָבער איך וויל אריבערגעהן צו רחב'ן, — האָט עכסה זיך אָפּגערופען.

— אזוי פריה? און א חוץ דעם האָסטו גאָר קיין פריהשטיק ניט געגעסען?

— איך בין ניט הונגעריג, מוטער! — האָט עכסה געענטפערט. — פיליייכט שפּעטער וועל איך הונגעריג ווערען... איך וועל צוגעהן פאַר א קליינע ווייַלע צו רחב'ן. זי איז מיין איינציגע פריינדין. זי איז קלוג און פיליייכט ווען איך וועל פאַר איהר מיין האַרץ אויסריידען, וועט זי מיר קענען אן עצה געבען... יעדענפאַלס, וועל איך זיך גרינגער פיהלען.

— דו ווילסט דאָך אָבער ניט, אז אַנדערע זאָלען זיך דערפון דערוויסען!

— האָט איהר מוטער אויסגערופען.

— רחב איז עפּעס אַנדערש. ווען איך וועל פון איהר פאַרלאַנגען, אז זי זאָל עס האַלטען בסוד, וועט זי קיינעם פון דעם ניט דערצעהלען. איז דער עלבער צייט וועט זי מיר פיליייכט קענען ערקלעהרען ווי אזוי איז עס מעגליך געווען, אז עתניאל זאָל אזא זאַך טאָן...

עכסה איז אוועק צו רחב׳ן אין געצעלט און האָט זי געטראָפן נאָך לי־גענדיג אין בעט.

רחב האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט עכסה׳ס באזוך אָבער באלד האָט זי באמערקט דעם אומעט אין איהר פּנים און זי האָט איהר געפרעגט די באַ־דייטונג דערפון.

אנשטאט צו ענטפערן האָט זיך עכסה פאַנאַנדערגעוויינט.

רחב האָט מיט פאַרוואונדערונג איהר אָנגעקוקט: ווי קומט עס, אז די לוסטיגע, פרעהליכע עכסה זאָל זיך פּלוצלונג פאַנאַנדערוויינען?

— וואָס האָט פּאַסירט, עכסה? — האָט רחב זי צו זיך גערדיקט.

עס איז געווען שווער פאַר עכסה׳ן איצט צו ריידען... די ביטערקייט און אויפרעגונג, וואָס האָט זיך געהאַט ביי איהר אין הארצען אָנגעקליבען פאַר דעם לעצטען טאָג, איז ארויסגעקומען פון איהר און זי האָט אַהן אויפהער געוויינט.

רחב האָט גלייך פאַרשטאַנען, אז עכסה׳ס געוויין קומט צוליב עתניאל׳ן, אָבער זי האָט גערעכענט, אז דאָס איז, ווייל איהר פאָטער איז געגען דעם זי זאָל מיט איהם הייראַטען... ווען אָבער עכסה האָט נאָך א לאַנגען וויינען איהר אַלעם דערצעהלט, איז זי ערשטוינט געוואָרען. זי האָט באַטראַכט די אומגליק־ליכע עכסה און ערשט איצט איז איהר געקומען אויפ׳ן געדאַנק איהר ביטערע אנטוישונג אין יהושע, ווענן ווען ער האָט איהר איבערגעגעבען, אז ער טראַכט גאָר ניט פון איהר. באַלד אָבער האָט זיך רחב אויפגעשטעלט פון איהר פּלאַץ און אַנגענומען עכסה׳ן ביי דער האַנט און אויסגערופען:

— ניין, עכסה, עס איז אומגלויבליך. עתניאל וועט אַזא זאַך צו דיר ניט טאָן... צו שטאַרק איז זיין ליבע צו דיר געווען. ערשט נעכטען איז ער צו־געקומען צו מיין געצעלט און מיך געפרעגט אויב דו געפינסט זיך מיט מיר... און ווי גרויס זיין אנטוישונג איז געווען, ווען איך האָב איהם געזאָגט, אז דו ביזט ביי מיר ניטאָ... ניין, עכסה, א מאַן וועמעס ליבע איז אַזוי שטאַרק און הייליג, וועט אַזא זאַך ניט טאָן! ער וועט זיין געליבטע ניט פאַרראַטען! דאָ איז געוויס פאָרגעקומען א מיספאַרשטענדניש צווישען אייך, אָדער זיינע שונאים זוכען צו מאַכען א בלבול אויף איהם.

— הלואי וואָלט אַזוי געווען ווי דו זאָגסט, רחב, — האָט עכסה ניט אויפ־געהערט צו כליפּען. — אָבער צום באַדויערען ווייס איך, אז עס איז ניט אַזוי...

— זאָג מיר, ווי אַזוי ביזטו עס אַזוי זיכער? — האָט רחב איהר גע־פרעגט. — האָסטו זיך געזעהן מיט עתניאל׳ן?

— יע, איך האָב איהם געזעהן!

— און וואָס זאָגט ער דערצו?

— ער האָט זיך אַליין מודה געווען אין אַלעס.

— עתניאל האָט זיך מודה געווען?! — האָט רחב איהר אָנגעקוקט מיט אנטוישונג. — אין וואָס האָט ער זיך מודה געווען?

— ער האָט זיך מודה געווען אין דעם וואָס שלומית האָט איהם באשול־דיגט! ער האָט צוגעגעבען, אז ער האָט באַזוכט שלומית׳ן אין איהר געצעלט.

— און ער האָט דיר גאָר קיין אורזאַכע ניט אָנגעגעבען?

— וואָס פאַר אַן אורזאַך קען ער אָנגעבען, אז ער האָט פאַרגעסען זיין גאַרטעל אויף איהר בעטעל? — האָט עכסה טרויעריג געזאָגט.

— עס איז אזוי אומגלויבליך, אז איך קען עס גארניט פארשטעהן! — האט רחב געענטפערט. — זאג מיר, עכסה, האט זיך עתניאל פיליכט גע־חבר׳ט מיט עכנ׳ען?

— ניין; ער האט מיר קיינמאל נים געזאגט וועגען עכנ׳ען. אבער פאר וואס פרעגסטו עס מיך?

— ווייל איך בין עכנ׳ען חושד אין אנדערע זאכען! — האט זי געענט־פערט, — ער האט מיר א קורצער צייט צוריק מיין הארץ זעהר שווער געמא.ט.

— וואס מיינסטו! — האט איהר עכסה אנגעקוקט.

— פאר דיר וויל איך קיין פארבארגענעס ניט האבען, דו ביזט דאך ווי מיינע א שוועסטער!

— געווים! האב איך דען פארבארגענס פון דיר? — האט עכסה געזאגט.

— דו ווייסט דאך, אז ווען איך האב יהושע׳ן צום ערשטען מאל דערזעהן אין פאלאץ פון סיהון אלס משה׳ס שליח, האט ער מיין הארץ געפאנגען און ווען ער און עתניאל זיינען אריינגעשפארט געווארען אין געפענגניש לויט דעם באפעהל פון קרוינפרינץ, און זיי ביידען האט ערווארטעט דער טויט, האב איך מיין לעבען אין געפאהר געשטעלט און זיי געראטעוועט... אין מיינע אויערען קלינגען נאך איצט יהושע׳ס ווערטער אין דער פינסטערניש פון דער נאכט, ווען איך האב איהם דעם וועג וואס פיהרט אויסער דער שטאדט געציינט. און ווען איך בין געראטעוועט געווארען פון יריחו און מען האט מיך געבראכט פאר יהושע׳ן, האט ער מיר ארויסגעציינט אזא פריינדליכקייט און ליבשאפט, אז איך האב מיט רעכט גענומען טראכטען פון איהם... יע, מיין טייערע עכסה! איך האב יהושע׳ן ליב באקומען, און איך בין געווען זיכער, אז ער האט מיך אויך ליב!

— איצט מעג איך דיר דאך זאגען! — האט זיך א לייכטער שמייכעל באוויזען אויף עכסה׳ס ליפען, — נאך איידער משה איז געשטארבען האט מיר עתניאל דערצעהלט, אז יהושע האט ניט אויפגעהערט צו ריידען פון דער וואונ־דערבארער פרינצעסין רחב. ער האט מיר געזאגט, אז לויט ווי ער פאר־שטעהט, האט דיך יהושע זעהר ליב און נאכדעם ווי מיר האבען איינגענומען חשבון, די פארשטאדט פון סיהון, איז יהושע שטארק באזארגט געווען וועגען דיר... איך אליין בין געווען דערביי ווען מיין פאטער און פנחס האבען איהם איבערגעגעבען א גרוס פון דיר אז דו האסט זיי אויך געראטעוועט פון טויט. האב איך באמערקט, וואס פאר א גליקליכען און צופרידענעם אויסדרוק זיין פנים האט אנגענומען... איך געדענק, אז איך האב דאן אפילו באמערקט צו עתניאל׳ן, אז יהושע מוז ליב האבען רחב׳ן, און עתניאל האט מיט מיר צוגע־שטימט...

— און ביז ניט לאנג צוריק בין איך אויך געווען מיט דעם דאזיגען איינ־דרוק, — האט רחב געזאגט, און א רויטליכקייט האט איהר פנים באדעקט. — אבער, ווי עס ווייזט אויס, האב איך איז טעות געלעבט.

— איך גלויב, אז דו מאכסט איצט א טעות! — האט עכסה געזאגט.

— יהושע איז איצט שטארק פארנומען מיט די מלחמות, אי זער דען ניט דער פיהרער פון גאנץ ישראל?

— יע, ווייל ער איז געוואָרען משה׳ס נאכפאָלגער, גלויב איך, אז ער האָט אָן מיר פארגעסען.

— וואָס רעדסטו, רחב! עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז דו האָסט געפונען חן אין יהושע׳ס אויגען מעהר ווי וועלכע עס איז אנדער מיידעל... ווייל אויסער דעם, וואָס קיינע צווישען די מיידלעך פון ישראל קען זיך ניט פארגלייכען מיט דיר אין שעהנקייט, האָסטו דאָך זיין לעבען געראַטעוועט... און ער איז געוויס דיך דאנקבאר.

— אָבער פארגעס ניט, עכסה, אז איך בין ניט פון דיין פאָלק, איך בין א פרעמדע!

— פארוואָס זאָלסטו אזוי ריידען, רחב, — האָט איהר עכסה פארגעוואָרפען. — ווייסטו דען ניט, אז דו ביזט פאררעכענט אָלס אידישע טאָכטער, האָסטו דען זיך ניט מגייר געווען, איז דען ניט אונזער גאָט דיין גאָט און אונזער תורה דיין תורה?

— יהושע אָבער טראַכט אנדערש, — האָט רחב א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.

— פון וואַנען ווייסטו עס?

— אָט וועגען דעם וויל איך דיר דערצעהלען. עכן איז ניט לאַנג ביי מיר געווען און ער האָט מיר איבערגעגעבען, אז יהושע האָט א פארדאַכט, אז איך בין געווען נאָהענט צו דעם קעניג פון ירִיחוֹ, און איך בין נאָך אין זיינע אויגען פאררעכענט ווי א פרעמדע, און אזוי לאַנג ווי איך וועל ניט הייראַטען מיט א ישראל וועל איך אין זיינע אויגען פאררעכענט ווערען ווי א פרעמדע!

— עס איז אומגלויבליך! — האָט עכסה אויסגערופען מיט ערשטוינונג, פארגעסענדיג אויף א ווייל איהרע אייגענע צרות.

— אויב עס איז מעגליך, אז מיט עתניאל׳ן זאָל פּאַסירען אזא אומגלויבליכע זאַך, קען דאָך מעגליך זיין, אז יהושע זאָל אזוי ריידען וועגען מיר!

— אָבער דו האָסט דאָך עס אליין ניט געהערט פון יהושע׳ס מויל?

— איך האָב עס געהערט פון עכן׳ען. ער האָט איהם איבערגעגעבען מיינע צירונג, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פון ירִיחוֹ.

— אָבער איך בין זיכער, אז עכן האָט דיר ניט ריכטיג איבערגעגעבען זיינע רייד.

— דאריבער האָב איך דיך נאָר וואָס געפרעגט, אייב עכן האָט צו טאָן מיט עתניאל׳ן, אָבער אז דו זאָגסט, אז ניט, מוז איך אָננעהמען זיינע רייד פאר ריכטיגע.

— מעגליך, אז עכן האָט איהם ניט פארשטאַנען! — האָט עכסה צוגעגעבען.

— אָבער דו ווייסט דאָך, אז ביז ניט לאַנג פלעג איך הערען פון יהושע׳ן, ער פלעגט שיקען אימיצען זיך נאָכפרעגען אויף מיר, און לעצטענס האָב איך פון איהם גאָר ניט געהערט.

— דאָס איז געוויס צוליעב דעם, וואָס ער איז זעהר פארנומען. יהושע גרייט זיך איצט צו א מלחמה מיט דעם קעניג פון עי און דאָס איז זיכער די אורזאַך.

— אַה, מיין טייערע עכסה, דו ביזט געקומען צו מיר געפינען א טרייסט־

וואָרט צו דײנע לײדען און צום סוף האָב איך דיך באַלעסטיגט מיט מײנע שמערצען... ווען איך טראַכט נאָר פון עתניאל׳ן, װענען זײן אונגעהויערער ליבע פאַר דיר, קען זיך מיר קוים גלויבען אויף איהם... פונדעסטוועגען וואָלט ניט געשאַדט, אַז דו זאָלסט זיך מיט איהם דורכרײדען.

— וואָס האָב איך מיט איהם צו רײדען, אַז ער האָט זיך אַלײן מודה געווען?

— אויב דו וועסט מיר ערלויבען וועל איך זיך מיט איהם דורכרײדען!

— האָט רחב געזאָגט.

— איך בעט דיך, רחב, דו זאָלסט צו איהם אַ וואָרט ניט רײדען... איך וויל ניט, אַז ער זאָל וויסען, אַז איך האָב מיט דיר גערעדט וועגען איהם. פאַרשפּרעכסטו מיר, רחב?

— אויב דאָס איז דײן וואונש, וועל איך געוויס מיט איהם ניט רײדען וועגען דעם. אָבער פונדעסטוועגען, וואָלט ניט געשאַדט ווען דו געפינסט אויס אַלע אײנצעלהײטען!

— פון וועמען?

— אפילו פון די עדות, וועלכע האָבען איהם געזעהן אַרײנקומענדיג אין איהר געצעלט.

— דאָס איז דאָך ניט נויטיג, ער אַלײן איז דאָך מודה, אַז ער איז בײ איהר געווען!

— פיליכט איז אַ פּלאַן אַרײנצוגעהן נאָכאַמאָל צו שלומית׳ן... מעגליך, אַז פון איהר וועסטו קענען אַרויסקריגען די אורזאַך, וואָס עס האָט עתניאל׳ן באַוואויגען צו קומען צו איהר?

— בין איך דאָך שוין בײ איהר געווען! און די חצופה האָט מיט שטאָלץ דערצעהלט אַלע אײנצעלהײטען, אַז מיר האָט פון איהר געעקעלט...

— איך פאַרדעכטיג נאָך אַלץ, אַז דײנער אָדער עתניאל׳ס אַ שונא איז אין דעם פאַרמישט. דו ווײסט וואָס איך וואָלט דיר איצט געראַטען, עכסה, געה אַריבער אַ צווײטען מאָל צו שלומית׳ן. איך וועל מיט דיר מיטגעהן. מעגליך, אַז מיר וועט געלינגען עפּעס אַרויסצוקריגען פון דער אלמנה.

— איך וואָלט מעהר ניט געוואָלט אַנקוקען איהר פּנים! — האָט עכסה געזאָגט. — אָבער אַז דו וועסט מיט מיר מיטגעהן, וועל איך געהן.

— וואָס אַרום דײן פּנים און לאָמיר גלײך אַריבערגעהן אַהין... דו דאַרפסט זײן בײ זיך שטייף און ניט אַרויסווײזען, אַז דו ביזט שטאַרק באַקימערט און באַזאָרגט וועגען דעם, און לאָז דאָס רײדען מיט איהר איבער צו מיר.

אין אַ ווײלע אַרום איז שוין עכסה צוזאַמען מיט רחב׳ן געווען אויפ׳ן וועג וואָס פיהרט צו דעם געצעלט פון שלומית די אלמנה.

ניט ווײניגער אומרוהיג און ערשיטערט איז עתניאל געווען יענעם טאָג און בײנאַכט האָט ער זיך אפילו ניט צוגעלײגט שלאָפען. ער האָט אַרומגעשפּרײזט איבער׳ן געצעלט הין און צוריק פאַרטיפט אין זײנע געדאַנקען, וואָס האָבען זײן מח געגעבערט: וואָס זאָל ער טאָן? אַ שוידער געהט דורך זײן קערפּער ווען ער דערמאָנט זיך ווי עכסה האָט צו איהם גערעדט מיט אַזוי פיל ביטערקײט אין איהר שטימע... זי האָט אויף איהם געקוקט מיט בליקען פון פאַראַכטונג און האַס... ער האָט ניט געקענט באַשליסען וואָס צו טאָן: זאָל

ער ווידער אוועקגעהן צו שלומית׳ן און צווינגען איהר זי זאָל דעם גאַנצען אמת דערצעהלען... זי וועט עכסה׳ן ערקלעהרען, אז זי האָט געוואָלט עפּעס אויסגעפינען פון איהם, און וויסענדיג, אז ער וועט צו איהר ניט קומען, האָט זי איהם אריינגענאַרט דערמיט, וואָס זי האָט איהם געזאָגט, אז עכסה וואַרט אויף איהם אין איהר געצעלט... אָבער וואָס וועט ער טאָן אויב זי וועט ניט וועלען געהן, און דאן וועלען זיך נאָך געפינען בייזע צינגער, וועלכע וועלען ווידער איבערגעבען עכסה׳ן, אז ער האָט באַזוכט די אלמנה... ניין, ער וועט אהין איצט ניט געהן. ער וועט בעסער מאכען א פּארזוך זיך צו זעהן מיט עכסה׳ן. זי וועט איהם מוזען אויסהערען און אויב זי וועט איהם ניט גלויבען, וועט ער מיט איהר אוועקגעהן צו שלומית׳עס געצעלט און זי וועט אלעס דערצעהלען. דאָס איז געווען עתניאל׳ס לעצטער באשלוס. עס איז נאָך אפילו געווען גאַנץ פריה, אָבער ער וועט בעסער צואווארטען אויף איהר אין דרויסען. ער איז מיט שנעלע טריט אוועק צו זיין ברודער׳ס געצעלטען און זיך אוועקגעשטעלט וואַרטען ניט ווייט פון עכסה׳ס געצעלט.

א היבשע ווייל האָט ער דאָרט געוואַרט, ביז וואנען עכסה׳ס מוטער האָט איהם באמערקט. זי איז גלייך צו איהם ארויסגעקומען און מיט צאָרן אויסגערופען:

— דו האָסט נאָך די חוצפּה צו קומען אהער און וואַרטען אויף עכסה׳ן?

— אָבער איך שווער ביי אלעס, וואָס איז הייליג, אז איך ווייס ניט פון וואָס צו זאָגען. איך בין אומשולדיג.

— יע, דו ביזט אומשולדיג. און דאָס וואָס דו האָסט זיך געבעטען אליין מודה געווען איז אויך גאָר ניט?

— אָבער!...

— איך בעט דיך, עתניאל, געה פון דאַנען וואָס שנעלער אוועק. עכסה וויל דיך מעהר ניט אנקוקען. זי וויל מיט דיר ניט רעדען... זי האָט דיין געדעכעניש פון איהר מח אויסגעמעקט און דיך בעט איך, אז דו זאָלסט פון דאַנען וואָס שנעלער אוועקגעהן, פאַרוואָס זאָלסטו אויף זיך ארויסרופען אויך דעם צאָרן פון דיין ברודער? ער וועט באלד ארויסקומען, און ווען ער וועט דיך דערזעהן שטעהענדיג לעבען עכסה׳ס געצעלט, וועט ער זיך געוויס פאַרלירען און די באַלגען וועלען זיין זעהר ניט אנגענעהם פאַר אייך ביידען.

— איך וויל בלויז רעדען מיט עכסה׳ן איינציג ווערטער, — האָט זיך עתניאל ביי איהר געבעטען.

— איך זאָג דאָך דיר, אז זי וועט צו דיר ניט ארויסקומען. דו קענסט רוהען איהר נאָכען פון איצט ביז שפּעט ביינאַכט, וועט זי צו דיר ניט ארויסגעהן.

עתניאל האָט גענומען רופען אין דער שטיל: "עכסה! עכסה!" אָבער ער האָט קיין ענטפער ניט געקראָגען. ער האָט אָיפגעהויבען זיין שטימע און אויסגערופען: "עכסה, ווערסטו דען מיר ניט ענטפערען, האָב איך דען געגען דיר אזוי פאַרזינדיגט אז דו ווילסט גאָרניט צוהערען צו מיינע רייד?"

קיין ענטפער האָט עתניאל ניט באַקומען. ער איז געווען אזוי זיכער, אז זי געפינט זיך אין איהר געצעלט, אז איהם איז גאָרניט איינגעפאַלען, אז זי איז מעגליך אוועק פון דאָרטען. לויט איהר מוטער׳ס רייד געפינט זי זיך אין איהר געצעלט.

ער האט געוואלט צוגעהן עטוואס נעהענטער און אנקלאפען אין איהר טיר, אבער איהר מוטער האט איהם נימז צוגעלאזען.

— דו מיינסט אז זי וערט דיך נים! ניין, דו מאכסט א טעות. זי וויל דיך נים הערען. דיין אייגען מויל האט דיך אין אזא שענדליכען פארברעכען באשולדיגט. דו האסט פארדאמטען מיין טאכטער, וועמען דו האסט געזאלט אזוי ליב האבען... און איצט איז זי צו דיר ווי א פרעמדע, און מיין עצה איז, אז דו זאלסט פון דאנען אוועקגעהן און מעהר איהר נים קומען באלעסטיגען.

— עכסה! עכסה! איך האב דיך אזוי ליב! — האט עתניאל גאנץ הויך אויסגעשריען, אבער ער האט קיין ענטפער נים באקומען...

אויב אזוי וועט ער מוזען ברייננען שלומית׳ן צו איהר, האט עתניאל ביי זיך באשלאסען. צו שלומית׳ן וועט זי שוין ארויסקומען, און דאן וועט אלעס קלאר ווערען פאר איהר.

— איך וועל שפעטער דא ווידער צוקומען! — האט ער מיט א פעסטער שטימע א זאג געטאן צו עכסה׳ס מוטער.

— אומזיסט וועט זיין דיין מיה! -- האט זי איהם געענטפערט. עתניאל אבער האט איהר שוין מעהר נים געהערט. ער איז שנעל אוועקגעגאנגען צו שלומית׳ן די אלמנה.

א היבשע ווילע האט זיך עתניאל געשלאגען מיט דער דעה אויב ער זאל אריינגעהן צו שלומית׳ן אדער ניט... מיט דעם וואס ער איז דורך איהר צום ערשטען מאל אריינגענארט געווארען אין איהר געצעלט, ליידעט ער יעצט אזוי פיעל... און וואס וועט זיין ווען אומיצער זאל איהם באמערקען און מען וועט עכסה׳ן ווידער דערצעהלען אז מען האט איהם א צווייטען מאל דארט געזעהן, דאן וואלט אלעס געווען פארפאלען... אבער פון דער צווייטער זייט, וואס האט ער צו פארלירען? עכסה וויל דאך איהם אלײן איינם נים גלויבען אז ער איז אומשולדיג? מעגליך אז שולמית וועט צושטימען מיט איהם צו געהן צו עכסה׳ן און וועט איהם העלפען אויפקלעהרען אלעם.

עתניאל האט זיך פריהער גוט ארומגעקוקט אויב קיינער באמערקט איהם נים, און דאן האט ער זיך געפאסט מוטה און איז אריין צו שלומית׳ן אין געצעלט.

— אה, אן אונגערווארטעטער גאסט! — האט שלומית אויסגערופען מיט א שמייכעל, — זעץ זיך, עתניאל!

— איך בין געקומען דיך בעטען דו זאלסט מיר טהאן א גרוים געפעלינגקייט! — האט עתניאל זיך צו איהר געווענדעט.

— איך וועל זיין צופרידען צו טהאן אלעס וואס דו וועסט מיך בעטען!
— האט שלומית געזאגט, — אבער פארוואס זעצט זיך נים?

— איך דאנק דיר, איך אייל זיך זעהר.

— און איך האב נים ליעב קיין מענשען וועלכע איילען זיך, ווייסטו דען נים אז פון אייליגניש קען קיין מאל קיין גוטעס נים ארויסקומען?... אט האסטו זיך דאס לעצטע מאל געאיילט אויעקצוגעהן פון מיר און דו האסט דיין גארטעל פארגעסען.

— אבער... שלומית, וואס רעדסטו?! — האט עתניאל אויסגערופען, — ווי קום איך איבערצולאזען מיין גארטעל אין דיין געצעלט?

— אויב דו האסט עס ניט איבערגעלאזט, האט עס געווים א מלאך איבער־געלאזן, — האט זי זיך פאנאנדערגעלאכט.

— דו ווייסט דאך אז איך האב עס ניט געקענט איבערלאזן... איך האב דאן מיין גארטעל ניט געטראגען, און א חוץ דעם, בין איך געשטאנען די גאנצע צייט אויף איין פלאץ.

—אפשר מיינסטו אנצודייטען אז איך האב דיין גארטעל פון דיין געצעלט ארויסגע'גנב'עט? — האט זי אויסגערופען מיט א בייזער שטימע, — אויב דו ביזט געקומען אהער מיך צו באשולדיגען אין דעם, וואלט איך פון דיר פארלאנ־גען דו זאלסט מיין געצעלט גלייך פארלאזען!

— איך באשולדיג דיך ניט! — האט עתניאל זיך פארענטפערט, — איך זאג בלויז אז איך קען ניט פארשטעהן ווי אזוי דאס האט געקענט פאסירען. אבער איך בין צו דיר ניט געקומען צוליעב דעם. איך וויל פון דיר דו זאלסט מיט מיר מיטגעהן צו מיין כלה, עכסה'ן, און איהר זאגען, ווי אזוי דו האסט מיך דורך אן אויסרייד ארייגגענארט אין דיין געצעלט און אז איך בין אומשול־דיג פון דעם בלבול וואס די צוויי מענשען האבען אויף מיר געמאכט ווען זיי האבען מיך דערזעהן ארויסקומענדיג פון דיין געצעלט.

שלומית האט זיך הילכיג פאנאנדערגעלאכט.

— איך זעה ניט איין פארוואס דו לאכסט פון דעם! — האט עתניאל אויס־גערופען, — דו ווייסט דאך ווי שטארק איך לייד צוליעב דיר.

— צוליעב מיר? וואס האב איך אזוינס געטהאן צו דיר?

— איך מיין צוליעב דעם וואס דו האסט מיך געשיקט רופען.

שלומית האט אנגעריהרט די זילבערנע אוירינגלעך וואס עכן האט איהר געגעבען אלס א באלוינונג וואס זי האט אזוי וואונדערליך דורכגעפיהרט איהר פלאן. זי האט געוואוסט אז ווען זי זאל צוגעבען אז דאס האט זי איהם ארייג־גענארט, וועט עכן זיכער צוריקנעהמען זיין באלוינונג... דאריבער האט זי באשלאסען צו האלטען זיך פעסט. זי איז צוגעקומען גאנץ נאהענט צו איהם, און מיט א שטאלצען שמייכעל זיך אפגערופען:

— דו ביזט דאך אזא שעהנער, בראווער יונג — און איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען דיין ערשטען באזוך אין מיין געצעלט... דיינע גליהענדע קושען ברענען נאך יעצט אויף מיינע ליפען... דיין אומארמונג האט מיך גליקליך גע־מאכט... יא, ווען דו ביזט געקומען צו מיר דעם ערשטען מאל און איך האב פון דיין צערטליכע ליעבע פארזוכט, האב איך זיך שוין מעהר ניט געפיהלט עלענד און פארלאזען... צו מיין פרייד איז קיין גרעניץ ניט געווען... ענדליך האב איך געפונען א ריכטיגען געליעבטען...

— וואס רעדסטו, שלומית? — האט עתניאל איהר אנגעקוקט מיט ער־שטוינונג, — ביזטו דען פון זינען געריהרט?!...

— ניין! איך בין ביי מיין קלארען פארשטאנד, — האט זי אויסגערופען, — דו ווייסט אז דו האסט מיך ליעב און איך האב דיך ליעב... און יעצט אז דיין כלה ווייס פון אונזער ליעבע, ווילסטו אז איך זאל קומען אפלייקענען?!

ערשטוינט און איבערראשט איז עתניאל געבליבען שטעהן ווען ער האט געהערט אזעלכע רייד פון דער אלמנה.

— שלומית, איך בעט דיך, הער אויף צו טרייבן שפאס מיט מיר, קום און דערצעהל דעם גאנצען אמת צו עכסה'ן און צו מיין ברודער כלב...

— געוויס וועל איך דעם אמת דערצעהלען! — האט זי נאך העכער אויס־געשריען! — איך וועל פאר אלעמען דערצעהלען ווי אזוי דו ביזט געקומען אין מיין געצעלט און מיט דיינע בעצויבערנדע ווערטער האסטו מיין קאפ פארדרעהט... איך האב דיר געגלויבט... און יעצט ווילסטו אז איך זאל עס אפלייקענען...

עתניאל האט יעצט פארשטאנען אז ער האט צו טהאן מיט א געמיינע פאר־דארבענע פרוי וועלכע האט פארלארען יעדען ברעקעל בושה... זיין צארן האט אין איהם געגומען ברענען און ער האט ביי זיך בעשלאסען איהר צו צווינגען צו געהן מיט איהם און דערצעהלען דעם ריכטיגען אמת.

— דו וועסט מיט מיר מיטגעהן! — האט ער אויסגערופען און איהר פעסט אנגענומען ביי איהר האנט... — איך וועל דיר צום משפט ברייגגען פאר דעם בלבול וואס דו האסט אויף מיר געמאכט און סיידען דו וועסט זיך אליין מודה זיין פאר עכסה'ן און מיך ריינוואשען פון דער בעשולדיגונג, וועל איך שוין זעהן אז דו וועסט פאר אלעם בעצאהלען...

—לאז מיך אפ! — האט שלומית זיך גענומען וועהרען און שרייען מיט אלע איהרע כחות, — לאז מיך אפ, זאג איך דיר, איך וויל דיך מעהר ניט קענען! איך האב דיך פיינט... לאז מיך אפ!...

— איך וועל דיך ניט אפלאזען ביז וואנען דו וועסט מיין פארלאנג ער־פילען! — האט עתניאל אויסגערופען.

— אויב דו וועסט באלד מיין געצעלט ניט פארלאזען וועל איך רופען נאך הילף! — האט זי מיט א קוויטשענדע שטימע א געשריי געטהאן.

באלד האט זיך די טיהר אן עפען געטהאן, און ווען עתניאל און שולמית האבען אומגעדרעהט זייערע קעפ, האבען זיי דערזעהן עכסה'ן און רחב'ן שטע־הענדיג ווי פארגליווערט.

עתניאל האט גלייך אפגעלאזען שולמית'ס האנד, און ער האט געמאכט א טריט פאראויס צו עכסה'ן.

—עכסה! מיין טהייערע עכסה! — האט ער איהר געוואלט ארומנעה־מען, — איך בין אזוי גליקליך וואס דו ביזט דא געקומען.

עכסה האט מיט פעראכטונג זיך אפגעדרעהט פון איהם, און זי האט זיך אנגערופען צו רחב'ן:

— קום, רחב, דאס וואס מיר האבעןביידע געהערט און געזעהן איז גענוג אויך דיר איבערצייגען אז איך האב קיין טעות ניט געמאכט!

—אה, איך בעט אייך, לאזט מיך ניט איבער אליין מיט דיזען שלעכטען מאן, — איז שלומית צוגעלאפען צו עכסה'ן און צו רחב'ן, — שוין איינינע מאל אז ער קומט מיר צו באלעסטיגען מיט זיינע ליעבעס ערקלעהרונגען... דעם ערשטען מאל איידער איך האב אויסגעפונען אז ער איז דיין חתן, האב איך זיך געלאזען איבעררעדען פון איהם, אבער אזוי שנעל ווי איך האב אויסגעפונען אז ער וועט מיט דיר הייראטען, האב איך איהם געזוכט צו ערווייטערען פון זיך. אבער ער לאזט מיך ניט צורוה און קומט צו מיר גאנץ אפט אין מיין געצעלט מיך צו באלעסטיגען.

— אָה, דו אומווירדיגע חצופה! — האָט עתניאל געדריקט זיין פויסט פון כעס.

— איהר זעהט, אז ער וויל מיך נאָך שלאָגען! — האָט שלומית זיך צו זיי געווענדעט נאָך שויז, — ער קומט צו מיר אין געצעלט און ער רופט מיך נאָך "אומווירדיגע חצופה"... דאָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרען... איך וועל איהם אנקלאָגען פאר'ן שופט, און איהר זייט מיינע עדות אז ער האָט מיך געוואָלט צווינגען צו באַגעהן א זינד.

— עכסה! איך בעט דיך, גלויב איהר ניט! — האָט עתניאל זיך ווידער צו איהר געווענדעט, און זיינע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען.

— איך בין אומשולדיג... זי איז א ליגנערין.

— קום, רחב, איך וויל מעהר זיין שטימע ניט הערען... איך האָס איהם... קום, לאָמיר וואָס שנעלער אוועק פון דאַנען.

— לאָזט מיך ניט איבער אליין מיט איהם! — איז שלומית מיט זיי ארויס אין דרויסען, — ער וועט מיר זיכער שלעכטעס טהאָן, וואָרט דאָ אויף ביז וואַנען ער וועט מיין געצעלט פארלאָזען! אה, האָט רחמנות אויף אן עלענדע, אומגליקליכע אלמנה.

רחב האָט זי א צווייטען מאָל בעטראכט. אין דער ליכטיגקייט פון דרויסען האָט זי דערזעהן די צוויי זילבערנע אויערינגלעך וואָס רחב האָט דערקענט אלס א טייל פון די ציערונג וואָס זי האָט געגעבען עכן'ען איבערצוגעבען יהושע'ן.

— ווי אַזוי קומט צו דיר דיזע אויערינגלעך? — האָט רחב געפרעגט שלומית'ן, און ווענדענדיג זיך צו עכסה'ן האָט זי געזאָגט:

— דיזע אויערינגלעך האָבען בעלאַנגט צו מיר, איך האָב זיי געגעבען צו עכן'ען, ווייל יהושע האָט אָנגעזאָגט אז אַלע ציערונג וואָס איז געבראכט געוואָרען פון יריחו דאַרף אָפּגעגעבען ווערען צו גאָט, און יעצט פארשטעה איך ניט ווי אַזוי דיזע אויערינגלעך קומען צו איהר...

— פון וואַנען האָב איך געזאָלט וויסען אז עתניאל האָט זיי אוועקגע'גנב'עט פון דעם אוצר וואו אַלע צירונגען ווערען געהאַלטען?! — האָט זי קאַלטבלוטיג א זאָג געטהאָן, — ווען ער איז צו מיר דעם ערשטען מאָל געקומען, האָט ער זיי מיר געגעבען, איך האָב זיי גענומען ווייל איך האָב געמיינט אז זיי געהערען צו איהם.

— אָה, דו נידערטרעכטיגע פרוי! אייך בלבול צו מאַכען אויף מיר איז ניט גענוג, דו ווילסט נאָך מאַכען א צווייטען בלבול אויף מיר, זאָג מיר, דו מרשעת, וואו האָסטו גענומען דיזע אויערינגלעך?

— פון דיינע הענט האָב איך זיי גענומען! — האָט זיך שלומית א קרים געטהאָן, — דו האָסט מיר זיי געגעבען א מתנה און יעצט ווילסטו פארלייקענען!

עתניאל'ס אויפרעגונג איז געוואַקסען. ער האָט געקריצט מיט די צייהן.

— וואַרט, דו וועסט פאר אַלעס טהייער בעצאָהלען! — האָט ער צוזאַמענגעדריקט זיינע פויסטען, — און דו, עכסה, גלויבסטו אויף מיר אז איך וועל גנב'ענען און נאָך פון דעם שלל וואָס איז הייליג פאר גאָט?

— מיט איניגע טעג צוריק וואָלט איך קיין זאך אויף דיר ניט געגלויבט, יעצט אָבער גלויב איך אַלעס אויף דיר... איך האָב מיט מיינע אויערען געהערט

וואָס דיזע פרוי האָט צו דיר געזאָגט פריהער, איידער זי האָט אונז באַמערקט... איך און רחב האָבען געזעהן ווי די האָסט געהאַלטען איהר האַנד ווען מיר האָבען פּלוצים אויפגעעפענט די טיהר, און יעצט ווילסטו עס אַלעס פאַרלייקענען . . . ווען איך האָב געכטען פון דיין מויל געהערט אַז דו ביזט געוועזען אין שלומית׳עס געצעלט, האָב איך נאָך אַלץ געזוכט אויף דיר אַ זכות... און איך האָב בעשלאָסען מיט רחב׳ן אוועקצוגעהן צו שלומית׳ן פּיעלייכט וועלען מיר קענען עפּעס דער־נעהן פון איהר, וואָס וועט דיין פאַרברעכען גענען מיר פאַרקלענערען, אָבער יעצט, ווען מיר זיינען געקומען, זיינען מיר נאָך מעהר איבערצייגט.

— אָבער... איך בעט דיך, הער מיך אויס! — האָט עתניאל זיך צו איהר געווענדעט.

— איך וויל דיך מעהר ניט אויסהערען! יעצט איז שוין אַלעס פאַרפאַ־לען! — האָט עכסה אויסגערופען, — פאַר מיר עקזיסטירסטו ניט מעהר... און כאָטש דו האָסט בעגאַנגען דערצו נאָך אַ פאַרברעכען פאַר וועלכען עס קומט טויט־שטראָף, ווייל יהושע האָט שטרענג פאַרבאָטען צו נעהמען פון דעם חרם, וואָס איז באַשטימט פאַר גאָט... אָבער דו מעגסט זיכער זיין, אַז ניט איך און ניט מיין פריינדין, רחב, וועלען וועמען עס איז דערצעהלען פון דעם, און יעצט איז מיין עצה צו דיר, אַז די זאָלסט דיזע פרוי צורדוה לאָזען און איהר מעהר ניט קומען באַלעסטיגען, וואָרים אויב ניט, וועסטו נאָך מעגליך גע׳משפּט ווערען פאַר גנבה פון דעם היילינען אוצר... און דאָס וועט קיין צופיעל פאַר־געניגען ניט פאַרשאַפען מיין פאָטער, וועלכער איז אומגליקליכערוייזע אויך דיין ברודער...

— אַה, ווי קענסטו עס גלויבען אויף מיר אַזעלכע בלבולים? — האָט עתניאל מיט אַ ציטערנדע שטימע געזאָגט, — איך בעט דיר, הער מיך אויס.

— וואָס דו ווילסט מיר ניט זאָגען, וועט ניט קענען ענדערען מיין בעשלוס און מיין מיינונג וועגען דיר! און יעצט . . . געה! . . .

א דערשלאָגענער און בעליידיגטער איז עתניאל אוועק פון דאָרטען.

שלומית האָט עכסה׳ן און רחב׳ן פאַרהאַלטען אויף אַ ווייל, און זי האָט נאָך אַמאָל דערצעהלט ווי ״אומשולדיג״ זי איז, ווי אַזוי עתניאל האָט איהר דעם קאָפּ פאַרדרעהט. ער האָט מיך ארומגענומען — — —

— גענוג איך ווייס אַלעס! — האָט עכסה זיך אָפּגערופען, און גענומען אוועקגעהן מיט רחב׳ן.

— איך וואָלט דיר געראַטהען דו זאָלסט די אוירינגלעך צוריקקעהרען צו דעם וועלכער איז דער אויפזעהער פון אוצר! — האָט רחב זיך אָפּגערופען צו שלומית׳ן, — וועסטו ניט האָבען בעגאַנגען אַ זינד.

— פאַרוואָס זאָל עס מיר גאָט פאַררעכענען פאַר אַ זינד? — האָט שלומית געמאַכט אַ פרום פּנים׳ל, — האָב איך איהם דען געהייסען זיי אוועקנעהמען פון דאָרטען?... ער האָט מיר זיי געבראַכט און זיי מיר אַלס מתנה געגעבען... ווען דו וואָלסט זיי יעצט ניט דערקענט וואָלט איך קיינמאָל ניט אויסגעפונען וואו ער האָט זיי גענומען... אָבער אויב דו גלויבסט אַז איך דאַרף זיי אומ־קעהרען, וועל איך דאָס טהאָן.

— עס וועט זיין ניט מעהר ווי רעכט דאָס אומצוקעהרען, — האָט רחב געזאָגט.

— גוט, איך וועל עס נאך היינט טהאן, אבער איך וועל דאך דארפען געבען אן ערקלעהרונג ווי אזוי זיי קומען צו מיר, און דאן וועט מען אויסגעפינען אז עתניאל האט זיי אוועקגע'גנב'עט, און פאר דעם וועט ער דאך גע'משפט ווערען.

— ניין! זאלען זיי בעסער בלייבען ביי דיר, און דערצעהל קיינעם ניט פון דעם! — האט עכסה זיך אפגערופען, — ער האט שוין אזוי אויך זיין שטראף בעקומען.

מיט מעהר פארביטערונג און ענטטוישונג האט זיך עכסה צוריקגעקעהרט אהיים. זי האט אבער ביי זיך בעשלאסען איהרע עלטערען גארנישט צו דער־צעהלען וואס זי האט נאך אויסגעפונען וועגען עתניאל'ן. ערשטענס, האט זי זיי ניט געוואלט מעהר מצער זיין, און ווידער האט זי מורא געהאט אז ווען מען זאל אויסגעפינען וועגען זיין צווייטען פארברעכען, וועט מען נאך איהם פיעלייכט פאר'משפט'ן, און דאס וואלט זי זעהר ניט געוואלט... איהר ליעבע צו איהם איז נאך אין גאנצען ניט אויסגעלאשען געווארען.

ניינטער קאפיטעל

שרעק

ניט ווייט פון דער שטאדט יריחו, ארום דריי שטונדען גאנג פון צפון־מערב זייט פון דארט, איז געווען די שטאדט עי. ארום צוועלף טויזענד איינ־וואוינער האבען געוואוינט אין שטאדט.

ווען יהושע האט בעשלאסען אנצופאנגען די מלחמה מיט דעם קעניג פון עי, האט ער געהייסען כלב'ן פריהער אוועקשיקען די שפיאנען וועלכע ער האט בעשטימט פון פריהער.

כלב האט גלייך צוגערופען די דריי שפיאנען, און ער האט עכן'ען בע־שטימט פאר זייער הויפט, ווי ער האט איהם פארשפראכען.

— געהט און קיקט דורך די שטאדט עי און זעהט וואס פאר א שטאדט דאס איז, וויפיעל איינוואהנער זי פארמאגט און אויב זיי זיינען שטארק.

עכן איז מיט די צוויי אנדערע שפיאנען אוועק נאך עי און זיך גוט ארומגעקוקט.

אין אוועגט רופט זיך אפ עכן צו זיינע בעגלייטער: "איהר פארבלייבט דא נעבען שטאדט, זוכט זיך אויס א פלאץ וואו איהר וועט בלייבען ביז עס וועט ליכטיג ווערען און איך וועל אריין אין שטאדט. איך טראג די קליידער פון אן אמורי און אזוי ווי איך קען ריידען זייער שפראך וועלען זיי מיך ניט פאר־רעכטיגען, און זייענדיג אינעווייניג אין שטאדט וועל איך שוין קענען אלעס דערגעהן".

יענע האבען צוגעשטימט און עכן איז אריינגעקומען אין שטאדט.

א קורצע ווייל איז ער ארומגעגאנגען איבער די גאסען פון עי, דערנאך האט ער זיך נאכגעפרעגט אויף דעם קעניג'ס פאלאץ.

ווען ער איז צוגעקומען נאהענט צום פאלאץ, האבען איהם די וועכטער פארהאלטען:

— וואס איז דיין פארלאנג? — האבען זיי איהם געפרעגט.

— איך וויל זעהן דעם קעניג! — האָט עכן געענטפערט.
— און ווער ביזטו?
— איך בין פון ישראל!
— פון ישראל?! פון די וועלכע האָבען איינגענומען די שטאָדט יריחו און נאָכהער זי חרוב געמאַכט?
— און וואָס טהוסטו דאָ ביי אונז אין שטאָדט?
— איך האָב זעהר וויכטיגעס איבערצוגעבען דעם קעניג.
— מיר וועלען פריהער פרעגען דעם קעניג אויב ער וויל דיך זעהן.
איינער בעאַמטע זיינען אריין אין פאַלאַץ און זיך באַלד צוריקגעקעהרט.
— דעם קעניג הייסט איהם אריינקומען, אָבער ער מוז פריהער גוט בעזוכט ווערען אויב ער טראָגט ביי זיך קיין געוועהר ניט.
מען האָט עכן'ען גוט בעזוכט, און נאָכהער האָט מען איהם אריינגעפיהרט צום קעניג אין פאַלאַץ.
עכן האָט זיך פאַרנייגט פאַר דעם קעניג פון עי.
— וואָס איז דיין פאַרלאַנג? — האָט איהם דער קעניג בעטראַכט מיט נייגעריגע בליקען.
— איך בין יעצט געקומען צו מיין האַר קעניג אַלס פריינד און ניט אַלס שונא.
— דו מיינסט אַז דיין פיהרער יהושע האָט דיך געשיקט צו מיר צו שליסען אַ בונד פון שלום? — האָט איהם דער קעניג געפרעגט.
— אַה, ניין! — האָט עכן געענטפערט, — יהושע האָט מיך געשיקט אויסצושפּיאָנירען דיין לאַנד.
— און דו קומסט עס מיר זאָגען?! — האָט דער קעניג אויף איהם מיט פערדאַכט געקוקט.
— יאָ, איך קום דיר אָנזאָגען אַז יהושע קלייבט זיך מלחמה צו האַלטען מיט דיר.
דער קעניג האָט זיך אַ שטעל געטהאָן פון זיין טראָהן.
— איך פאַרשטעה דיך נישט! — האָט ער אויסגערופען.
— יהושע איז מיינער אַ שונא... איך האַס איהם!... — האָט עכן אויסגערופען, — און דאַריבער בין איך פאַראינטערעסירט אַז ער און זיין אַרמעע זאָלען כאַפּען אַ מפּלה, דאַן וועט ער זיין געפאַלען אין די אויגען פון פאָלק, און דאָס איז מיין גרויסער פאַרלאַנג. איך בין געקומען צוזאַמען מיט נאָך צוויי שפּיאָנען.
— און וואו זיינען זיי?
— איך האָב זיי איבערגעלאָזען הינטער דער שטאָדט.
— זאָל מען גלייך זיי אויפזוכען! — האָט דער קעניג אַ באַפעהל געגעבען.
— ניין, מיין האַר קעניג, דאַמיט וועסטו בלויז קאַליע מאַכען מיין גאַנצען פּלאַן. איך האָב אָנגעזאָגט מיינע באַגלייטער זיי זאָלען וואַרטען אויסער דער שטאָדט אויף מיר, און איך אַליין וועל אויסגעפינען די געהיימניסע פון שטאָדט. איך וועל זיך צו זיי מאַרגען גאַנץ פריה אומקעהרען און צוזאַמען וועלען מיר איבערגעבען יהושע'ן אַז די שטאָדט עי איז זעהר אַ קליינע און די צאָהל איינוואָהנער איז נאָך קלענער און כדי מלחמה צו האַלטען מיט זיי דאַרף מען בלויז

ארויסשיקען ארום דריי טויזענד מאן, און דערוויל וועט די ארמעע פון עי זיין גרייט. און ווי יהושע'ס מחנה וועט אנקומען, וועט שוין זיין גאנץ גרינג פאר דיין ארמעע צו באזיגען יהושע'ס.

— וואס פאר א סימן קענסטו מיר געבען אז דיינע רייד זיינען ריכטיגע? — האט דער קעניג געפרעגט.

— דאס אליין וואס איך זאג דיר, אז דיין ארמעע זאל זיין גרייט צו א מלחמה מיט ישראל, איז א סימן אז איך בין אויפריכטיג. ווארים אויב איך וואלט ניט געמיינט די טובה פון דיין לאנד, און מיין צוועק וואלט געווען דיך אפצונארען, האב איך דאך געקענט זאגען אז איך בין געקומען אין נאמען פון יהושע'ן צו שליסען א בונד פון שלום, אנשטאט דעם קום איך דיר אנזאגען אז דיין שונא קלייבט זיך אויף מלחמה מיט דיין מלוכה, און איך היים דיר זיין גרייט פאר דעם.

—דו ביזט גערעכט, מיין פריינד! — האט דער קעניג געזאגט, — איך האב וועגען דעם גארניט געטראכט. יעצט זאג מיר, ווי איז דיין נאמען?

— מיין נאמען איז עכן, דער זוהן פון זברי, און פון יעצט אן וועל איך פארדרעבענט ווערען פאר דיין פריינד, און ווען מיר וועט זיך איינגעבען און איך וועל מעגליך פארנעהמען יהושע'ס פלאץ, דאן וועל איך מיט דיר שליסען א בונד פון שלום און דו וועסט מיר העלפען געגען די אנדערע קעניגע וועלכע זיינען דיינע שונאים.

— איך דאנק דיר זעהר, עכן! — האט דער קעניג פון עי זיך אפגערופען, — איך האב צו דיר פולען צוטרויען און איך בין זיכער אז מיר וועלען אויף שטענדיג פארבלייבען דיינע פריינד. און וואס זאל איך יעצט טהאן?

— אזוי שנעל ווי איך וועל מארגען פארלאזען דיין שטאדט, זאלסטו צוזאמענקלייבען אן ארמעע און האלטען זיי גרייט ביי די טויערען פון שטאדט, און ווי די וועכטער וועלען באמערקען די אנקומענדע ארמעע פון ישראל, זאלען זיי שנעל זיי אנטקעגענקומען, און אזוי ווי די קליינע ארמעע פון ישראל וועלען זיך ניט ריכטען אויף דעם, וועט ניט שווער זיין פאר דיין ארמעע זיי צו בעזיגען.

— איך דאנק דיר, עכן, איך וועל טהאן ווי דו הייסט מיר, — האט דער קעניג געזאגט — און ווען אלעס וועט זיך אויסלאזען ווי דו זאגסט, וועל איך דיר גוט באלוינען פאר דיין טובה.

א גאנצע נאכט איז עכן געווען אין פאלאץ מיט דעם קעניג, און ווי נאר עס האט אנגעהויבען צו טאגען, האט ער פארלאזען די שטאדט, און באלד דערזעהן די אנדערע צוויי שפיאנען.

— איז פריעדען צו דיר, עכן? — האבען זיי איהם געפרעגט.

— יא, פריעדען איז צו מיר! — האט עכן זיי געענטפערט, — איך האב זעהר פיעל אויסגעפונען אין שטאדט. מען האט מיך ניט דערקענט, און איך האב געקענט ריידען פריי מיט יעדען איינעם. ווי עס ווייזט אוים, ציטערען זיי אלע פאר יהושע'ן, ווייל זיי ווייסען אז ווען ער וועט דארטען אנקומען, וועט ער צו זיי טהאן, ווי ער האט געטהאן צו יריחו און צו איהרע איינוואהנער.

—דו האסט באוויזען א גרויסע העלדישקייט! — האבען זיינע בעגלייטער מיט צופרידענהייט געזאגט, — דו האסט דיין לעבען אין געפאהר געשטעלט.

— יא, איך האב מיין לעבען אין סכנה געשטעלט פאר מיין פאלק, אבער

איך ווייס ניט אויב יהושע וועט עס וויסען ווי אפּצושעצען... אין עי האָב איך ניט געהאַט א רחב וועלכע זאָל מיך ארויסראַטעווען אין פאַל פון סכנה... איך פרעג אייך, ווער פון ישראל וואָלט ארויסגעוויזען אזא העלדישקייט ווי איך?... יויפיעל האָט געפעהלט מען זאָל מיך אויפהייגגען?... און יעצט קען איך אייך איבערגעבען די שרעק וואס איך האָב דיזע נאכט איבערגעלעבט. מען האָט מיך פאַרגעבראַכט פאר דעם קעניג . . .

— פאר דעם קעניג? ! . . . — האָבען זיי ביידע א ציטער געטהאָן.

— יא, פאר דעם קעניג! און ער האָט מיך גענומען אויספרעגען ווער איך בין און וואס איך טהו דאָ. און ניט אזוי שנעל האָט זיך מיר איינגעגעבען זיי אלעמען איינצורעדען אז איך בין אן אמורי און איך בין אהער געקומען בלויז צו האנדלען... אָבער געלויבט איז גאָט, יעצט בין איך פריי גלייך מיט אייך, און איך האָב זעהר גוטע אויסקינפטע פאר יהושע'ן.

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

עכן מיט זיינע באגלייטער האָבען זיך אומגעקעהרט צו יהושע'ן מיט א באריכט. דאָרטען האָבען זיי אויך געטראָפען כלב'ן און נאך איינינע חשוב'ע פון פאָלק.

— וואָס האָט איהר אויסגעפונען? — האָט יהושע זיי געפרעגט.

— ווען מיר זיינען צוגעקומען צו די טויערען פון שטאָדט, האָבען מיר גארניט געקענט אויסגעפינען, — האָט עכן זיך אָפּגערופען, — מען האָט ניט געקענט דערקענען אויב די שטאָדט איז באַפעסטיגט אָדער ניט... געוויס איז געווען שווער אויסצוגעפינען אויב דאָרטען געפינען זיך פיעלע איינוואָהנער... אונז וואָלט אויסגעקומען זיך צוריקצוקעהרען אָהן א ריכטיגען באריכט. מיינע צוויי באגלייטער האָבען ניט געוואָלט איינשטעלען זייער לעבענס אין געפאָהר... און מען קען זיי ניט באשולדיגען, ווייל ווען מיר וואָלטען אלע מיט אמאָל אהין אריינגעקומען, וואָלט גלייך אויף אונז געפאַלען א חשד און מען וואָלט אונז ארעסטירט. איך האָב אָבער געטראָגען קליידער פון אן אמורי, און אזוי ווי איך קען זייער שפּראַך, איז מיר ניט שווער אָנגעקומען זיי אָפּצונאַרען, און כאָטש מען האָט מיך פאַרגעבראַכט פאר דעם קעניג, האָט מען בשום אופן ניט געקענט דערגעהן פון מיר אז איך בין פון ישראל.

— און וואָס האָסטו אויסגעפונען? — איז שוין יהושע עטוואָס אומגעדולדיג געוואָרען.

— איך האָב אויסגעפונען זעהר פיעל, — האָט עכן מיט שטאָלץ אויסגערופען, — איך האָב אויסגעפונען ערשטענס, אז זיי זיינען א שוואַך פאָלק און זיי זיינען ניט פיעל אין צאָהל. און עס וועט ניט זיין נויטיג צו שיקען אהין א גרויסע ארמעע. צו וואָס פאַרמאַטערען דאָס גאַנצע פאָלק!... ארום צוויי־דריי טויזענד מענשען וועט זיין גענוג צו באזיעגען די שוואַכע שטאָדט עי... עס לוינט זיך ניט צו שיקען דאָרט זעהר פיעל מענשען, ווייל די באַפעלקערונג פון עי איז קליין.

— איך בין שטאָלץ מיט דיין אויפטהו, עכן! — האָט כלב געזאָגט, — און ווען מיר וועלען באזיעגען דיזען שונא, וועט געוויס אויך יהושע דיך דערהויבען צו א העכערען אמט.

— איך בין צופריעדען מיט דעם וואס מיין האר יהושע האט מיך בע־שטימט אלס שפיאן. איך האב אפילו אויסגענוצט אזא נידעריגען אמט און באוויזען אז ווען איינער איז בראוו קען ער פיעלעס אויפטהאן.

— אויב עס ווערט זיין מעגליך, וואלט איך מיין האר געבעטען ער זאל בעשטימען עכן'ען פאר א הויפט איבער הונדערט סאלדאטען! — האט כלב זיך אפגערופען צו יהושע'ן.

—אה, ניין, מיין האר! — האט עכן געענטפערט, — איך וויל פריהער בעווייזען אז איך האב עס פערדיענט! איך האב געדולד צו ווארטען ביז וואנען מיין האר יהושע וועט מיך אליין דערהויבען צו א העכערען אמט.

יהושע האט גענומען צוגרייטען אן ארמעע. ער האט אויסגעקליבען אן ערך פון דריי טויזענד בראווע סאלדאטען, און האט בעשטימט א הויפט איבער זיי. ער האט בעשלאסען זיי זאלען ארויסגעהן מארגען גאנץ פריה אויף מלחמה מיט דעם קעניג פון עי.

עכן האט זיך געפיהלט זעהר גליקליך וואס איהם האט זיך איינגעגעבען דורכצופיהרען זיין פלאן. יעצט זעהט ער, אז עס וועט לאנג ניט דויערען און ער וועט אנפאנגען שפיעלען א וויכטיגע ראלע אין ישראל. איהם וועט מען ניט קענען בעשולדיגען אין דער מפלה, ער וועט קענען אלעמען איבערצייגען אז דאס איז יהושע'ס שולד. און דאמיט וועט איהם געלינגען אפצואווענדען דאס פאלק פון איהם. און דאן וועט איהם שוין ניט שווער אנקומען צו געווינען רחב'ס הארץ.

ער איז געווען אזוי בערוישט פון זיין ערפאלג, אז ער האט בעשלאסען צו מאכען א מאלצייט אין דעם געצעלט פון דער אלמנה שלומית. און איידער ער איז אהיים געגאנגען איז ער אוועק צו שלומית'ן.

— איך בין צופריעדען וואס דו ביזט צו מיר געקומען! — האט שלומית אויסגערופען, — איך האב אויף דיר שוין לאנג געווארט, איך האב דיר פיעלעס צו דערצעהלען. דו ווייסט אז עכסה און רחב זיינען געווען אין מיין געצעלט?!

— רחב?! — האט ער אויסגערופען, און גלייך געווארפען זיינע אויגען אויף די זילבערנע אוירינגלעך וואס זי האט געבראכט.

— און עתניאל איז ביי מיר דאן געווען, — האט זי א שמייכעל געטהאן.

— אבער דו האסט געוואוסט ווי צו האלטען מיין סוד?! — האט ער זיך צו איהר געווענדעט, און א שרעק האט איהם אנגענומען.

— אויף מיר קענסטו זיך פארלאזען! — האט שלומית כיטרע א שמייכעל געטהאן, — דו וועסט לאכען ווען איך וועל דיר דערצעהלען אז די שנאה פון עכסה'ן צו עתניאל'ן האט זיך נאך פארשטארקט. זי און רחב האבען איהם גע־טראפען אין מיין געצעלט. ער איז געקומען און מיר געוואלט צווינגען איך זאל געהן צו עכסה'ן און דערצעהלען אז ער איז אונשולדיג. איך האב ניט געוואלט. האט ער מיך אנגענומען פאר מיין האנד און איך האב געשריען. דערוויל זיינען אנגעקומען עכסה און רחב און איך האב איהם בעשולדיגט אז ער וויל מיך צווינגען איך זאל איהם ליעב האבען.

— און זיי האבען דיר געגלויבט?

— געוויס! אבער איך האב געהאט עטוואס אונאנגענעהמעס. רחב האט א

סוס געטהאן אויף מיינע אוירינגלעך און זי האט זיי דערקענט אז דאס זיינען איהרע אוירינגלעך וואס זי האט דיר געגעבען אפצוגעבען יהושע'ן פאר גאט.

— און וואס האסטו איהר געזאגט ? — האט זיך עכן דערשראקען.

— שרעק זיך ניט ! — האט זי איהם געענטפערט, — איך האב שוין גע־וואוסט וואס צו טהאן. איך האב זיי נעזאגט, פאר עתניאל'ן אין די אויגען, אז ער האט זיי מיר געגעבען.

— און זיי האבען דיר געגלויבט ?

— עתניאל האט אזוי פיעל פארלארען זיין חן אז זיי האבען אלעס גע־גלויבט אויף איהם, כאטש ער האט געשריען אז ער איז אונשולדיג... איך האב זיך געמאכט אז איך בין גרייט אומצוקעהרען די אוירינגלעך צו יהושע'ן און איהם זאגען אז עתניאל האט זיי אוועקגע'גנב'עט פון דעם חרם. אבער עכסה האט מיך געראטהען איך זאל בעסער האלטען די אוירינגלעך און קיינעם דערפון ניט דערצעהלען.

—יעצט זעה איך אז ניט נאר ביזטו קלוג און אויסגערעכענט, נאר דו ביזט אויך געטריי און איבערגעבען, דערפאר וועל איך דיר אנפערטרויען איינע פון די וויכטיגסטע סודות. .

שלומית האט אנגעגאסען וויין פאר איהר מיט עכן. און ביידע האבען געטרונקען.

— יעצט דערצעהל מיר וואס מיט דיר האט פאסירט ווען דו ביזט געשיקט געווארען אלס שפיאן ! — האט שלומית זיך אפגערופען.

עכן האט אויסגעטרונקען עטליכע בעכער וויין און ער איז געווארען נאר מעהר ריידעוודיג.

— דו וויכסט, שלומית, וואס איך האב בעשלאסען צו טהאן ? — האט ער זיך אבגערופען, —אזוי שנעל ווי איך וועל ארייגקריגען רחב'ן פאר מיין פרוי, וועל איך דיך מאכען פאר מיין קעבסווייב, ווייל איך דו האסט געפונען חן אין מיינע אויגען. און דאמיט וואס דו האסט ארויסגעציינט קלוגשאפט אין דער צייט ווען עס איז נויטיג געווען צו פארהיטען מיך פון אונאנגענעהמעס, און דערצו האסטו מיר איבערצייגט ווי געטריי דו ביזט מיר, האסטו ביי מיר גע־וואונען נאך מעהר צוטרויען. און איך וועל דיר געבען פיעל ציערונג און מתנות.

— דו האסט דאך מיר נאר וואס געזאגט, אז דו וועסט מיר ענטדעקען א וויכטיגען סוד ? — האט שלומית א זאג געטהאן.

— געוויס, פאר דיר וועל איך קיין סודות ניט האבען. דו וועסט אבער מיר דארפען פארשפרעכען אז דו וועסט פאר קיינעם א ווארט ניט ארויסריירען, און געוויס ניט פאר רחב'ן, ווייל כאטש איך האב רחב'ן זעהר ליעב און האף אז מיר וועט זיך איינגעבען צו געווינען איהר הארץ, פון דעסטוועגען וועל איך איהר קיינמאל ניט אנפערטרויען מיט אזעלכע סודות.

שלומית'עס אויגען האבען אויפגעלויכטען.

— דאן האסטו מיך ווירקליך ליעב ? — האט זי געפרעגט מיט א שמייכעל.

— זינט איך האב געזעהן אז דו האסט אזוי גוט דורכגעפיהרט מיין פלאן, און דו ביזט מיר איבערגעבען, האב איך אויך דיך אנגעפאנגען ליעב צו האבען, און יעצט פרעג איך דיך. וועסטו זיין וויליג צו ווערען מיין פלגש נאכדעם ווי איך וועל דערהויבען ווערען צו זיין דער פיהרער פון ישראל ?

— געווים! אבער איך פארשטעהט ניט וואס דו מיינסט. די ווערסט ווערען דער פיהרער פון ישראל? און יהושע?!

— וועגען דעם וויל איך טאקע מיט דיר ריידען, — האט עכן עטוואס שכור׳לעך אויסגערופען, — דו דארפסט וויסען, אז יהושע איז מיין גרעסטער שונא, און איך וויים ווי זיך אפצורעכענען מיט מיינע שונאים!... יהושע וויל מיך ניט אנערקענען אלס העלד און ער דערלאזט ניט אז איך זאל דערהויבען ווערען צו א וויכטיגען אמט אין דער ארמעע. אבער איך וועל זיך ניט לאזען טרעטען מיט די פיס... איך וועל זיך מיט איהם אפרעכענען פאר דעם.

— וואס וועסטו קענען טהאן צו איהם ווען ער האט די גאנצע מאכט? ער איז דאך משה׳ס נאכפאלגער און איז שטארק באליעבט ביי אונזער גאנ־צען פאלק!

— וועל איך מאכען אז ער זאל זיין חן פארלירען ביים פאלק! — האט עכן אויסגערופען.

— ווי אזוי?

— דו ווייסט דאך אז ווען איך נעהם זיך אונטער פיהר איך אוים! איך האב אויסגעמארקירט אז איך זאל באשטימט ווערען פאר א שפיאן... עס איז ניט קיין געהויבענער אמט, אבער דורכדעם האב איך געהאפט דורכצופיהרען מיין פלאן ווי אזוי צו ערנידריגען יהושע׳ן אין די אויגען פון ישראל, און איך מוז צוגעבען אז איך האב מיין פלאן זעהר גלענצענד דורכגעפיהרט.

— דערצעהל מיר ווי אזוי דו האסט עס געטהאן! — האט שלומית זיך אפגערופען, און אנגעפילט נאך א בעכער מיט וויין.

עכן האט אויסגעטרונקען די וויין און ארומקוקענדיג זיך אויב עס איז קיינער ניטא אין איהר געצעלט, האט ער מיט א נידריגע שטימע זיך אפגע־רופען:

— יהושע פלאנעוועט מלחמה צו האלטען מיט דער שטאדט עי, און ער האט מיך, צוזאמען מיט נאך צוויי מענשען, געשיקט אויסצושפיאנירען די שטאדט. און דערנאך וועט ער אהין שיקען אן ארמעע. איך וויים אז ווען זיין ארמעע וועט אפהאלטען נאך א זיעג וועט ער נאך מעהר געאכטעט און געשעצט ווערען ביים פאלק, דאריבער האב איך געזעהן אז ער זאל דיזען מאל קיין זיעג ניט אפהאלטען. פארקעהרט, ער וועט האבען א מפלה, דאן פארלירט ער גלייך דעם צוטרויען פון פאלק. און ווען א פיהרער פארלירט דעם צוטרויען פון זיין פאלק איז שוין ניט שווער איהם איינגאנצען צו פאר׳מיאוס׳ען ביי אלעמען. און איך וועל זיך בענוצען מיט דער געלעגענהייט און וועל ארויסצייגען העל־דישקייט, און איך וועל וואס מעהר באליעבט ווערען ביי אלעמען.

— ווי אזוי אבער וועסטו עס טהאן? — איז שלומית נייגעריג געווארען.

— דאס האב איך שוין געטהאן, — האט עכן געענטפערט, און א ברייטער שמייכעל האט זיך צוגאסען איבער זיין פנים, — איך האב גוט אויסגענוצט די געלעגענהייט ווען ער האט מיך בעשטימט פאר א שפיאן... איך בין אריין אין דער שטאדט עי און זיך געזעהן מיט דעם קעניג.

— מיט דעם קעניג?!

— יא, מיט דעם קעניג, און איך האב גלייך געוואונען זיין צוטרויען.

— ווי אזוי? — האט שלומית אויסגערופען מיט ערשטוינונג.

— איך האב זיך אנגעגעבן אלס זיין פריינד, און איהם געזאגט, אז איך בין א שפיאן פון יהושע׳ן.

— אין ער האט דיך נאך פריינדליך אויפגענומען? ! ווי אזוי איז דאס מעגליך!...

— איך האב איהם אויסגעזאגט א יהושע איז מיין שונא, און איך וויל פארזוכען ער זאל ליידען א מפלה. איך האב איהם דערצעהלט אז יהושע קלייבט זיך צו שיקען אן ארמעע געגען איהם, און איך האב איהם געהייסען זיין צוגעגרייט. איך האב איהם פארשפראכען אז איך וועל איבערגעבען יהושע׳ן אז די שטאדט עי איז זעהר א קליינע און די ארמעע פון קעניג איז נאך קלענער. דאן וועט יהושע ניט מאכען צופיעל פארבערייטונגען און די ארמעע וואס ער וועט אהין שיקען וועט מאכען א מפלה און ער וועט זיין געפאלען אין די אויגען פון פאלק.

— אבער ווי אזוי האסטו עס געקענט טהאן אזא זאך? דאס מיינט דאך א פערראטה צו אונזער פאלק? !... — האט איהם שלומית געפרעגט.

— שא, ניט אזוי הויך! — האט עכן איהר געווארנט, — אויב מיר וועט געלינגען דורכצופיהרען אלע פלענער, וועל איך דורכדעם שליסען א בונד מיט דעם קעניג פון עי און ער וועט מיר העלפען אין די מלחמות מיט די אנדערע פעלקער, און דיך וועל איך אויך גליקליך מאכען... איך וועל דיך באהענגען מיט די טייערסטע ציערונג.

— אויב איך וועל בלויז זיין דיין קעבס־ווייב! — האט שלומית מיט צארן א זאג געטהאן, — דו האסט מיך ניט ליעב, און איך ווייס אלע דיינע סודות, און ווען איך וויל, וואלט רחב אויף דיר זיך ניט אומגעקוקט... איך דארף איהר בלויז זאגען וואס דו האסט געטהאן צו עתניאל׳ן... און ווען איך דערצעהל איטיצען אז דו האסט פערראטהען אונזער פאלק, וואלסטו אויך ניט גוט אפגעשניטען.

ווען עכן האט דערהערט איהרע רייד, האט ער זיך ווי אויסגעניכטערט פון זיין שכרות, און א שרעק האט איהם אנגענומען. ער האט זיך יעצט ארומגעזעהן אז ער איז געשטרויכעלט געווארען מיט זיין צונג, אבער ער האט איינגעזעהן אז עס איז פארפאלען... זיין לעבען ליגט יעצט אין איהר האנד און זי קען טהאן מיט איהם וואס זי וויל... ער וועט מוזען זעהן אז זי זאל האלטען זיין סוד.

— דו ווייסט, שלומית! — האט עכן זיך אפגערופען, — וואס מעהר איך קוק אויף דיר, אלץ שעהנער און איינער קוקסטו אוים... איך בין זיך מודה אז דו האסט מיך בעצויבערט מיט דיינע וואונדער־שעהנע אויגען... און ווען איך נעהם זיך ארייטראכטען, געפעלסטו מיר א סך בעסער פאר רחב׳ן.

— און פון דעסטוועגען איז ביי דיר רעכט אז איך זאל זיין איהר דינסט, — האט שלומית געזאגט מיט א ברוגז׳ע שטימע.

— המ... פריהער האב איך גערעכענט אז... איך מיין, נאכדעם ווי איך זעה ווי קלוג דו ביזט און דערצו ביזטו אויך אזוי שעהן... יא, ווען איך קוק אויף דיין פנים פארגעס איך זיך אין גאנצען אן רחב׳ן... און איז דאס אליין קיין בעוויז ניט אז איך האב דיך מעהר ליעב ווי רחב׳ן, אז איך האב דיר אנפער־

טרויעט אזעלכע וויכטיגע סודות?... וואלט איך זיי דען אויך רחב'ן אנפער־טרויעט?...

— און דו וועסט מיך נעהמען פאר דיין פרוי אנשטאט רחב'ן? — האט שלומית איהם געפרעגט.

— געוויס, וועל איך דיך נעהמען! — האט עכן איהר אנגענומען פאר דער האנד, — דו וועסט פארנעהמען דעם ערשטען פלאץ אין מיין הויז־געזינד... מיין פרוי וועט זיין א דינסט צו דיר... אבער דאס וועט ערשט געשעהן דאן ווען איך וועל דורכפיהרען מיין גאנצען פלאן... ווען איך וועל ווערען פיהרער אין ישראל אנשטאט יהושע'ן, דאן וועל איך זיך מיט דיר טיילען מיין כבוד און גרויסקייט.

— יא, דאן וועסטו אויך טראכטען פון רחב'ן! — האט שלומית קאקעטיש א זאג געטהאן, — איך וויס אז דיין גאנצער שטרעבען צו ווערען דער הויפט אין גאנץ ישראל איז צוליעב דעם אז די זאלסט קענען געווינען רחב'ס הארץ.

— ביז היינט האב איך טאקע אזוי געטראכט פון איהר, — האט עכן איהר ארומגענומען, — אבער יעצט זעה איך אז איך וועל דארפען געהן גאנץ ווייט צו געפינען א שעהנערע און קליגערע פון דיר, מיט וועמען איך וועל זיך קענען בעראטהען און וועמען איך וועל קענען פארטרויען אלע סודות.

— אבער פארוואס איז אין דיר געקומען אזא פלוצלינגע ענדערונג? — האט שלומית איהם געפרעגט.

— ווייל איך זעה ווי קלוג דו האסט געהאנדעלט מיט עתניאל'ן... דו האסט געוואוסט ווי זיך ארויסצודרעהען אז מען זאל מיך ניט בעשולדיגען... דו האב נאר אביסעל געדולד און איך וועל מיין פארשפרעכען האלטען! אבער דו דארפסט זעהר פארזיכטיג זיין זיך ניט ארויסצוריידען מיט עפעס.

— דו קענסט זיך אויף מיר פארלאזען! — האט שלומית א שמייכעל גע־טהאן, — איך וויס אז דו וועסט מיך ניט פארלאזען... יעצט בין איך אן אלמנה און קיינער קוקט זיך אויף מיר ניט אום. און וואס וועל איך האבען אפילו דאן ווען יהושע זאל איינגעהמען דאס גאנצע לאנד און צוטיילען יעדען זיין חלק, וועל איך דען פון דעם עפעס געניסען? ניין, איך האב גארניט צו געווינען פון יהושע'ס זיעג. און דאריבער ווינש איך מיט מיין גאנצען הארצען אויב עס וועט זיין אונמעגליך פאר דיר צו ווערען א הויפט און פיהרער איבער אלע שבטים, ווינש איך אם ווייניגסטען אז דו זאלסט ווערען דער הויפט פון אונזער שבט יהודה, אנשטאט כלב'ן...

— איך צווייפעל ניט, אז דאס פאלק וועט זיך ארומזעהן אז איך בעזיץ אלע פעהיגקייטען פון א פיהרער און א הויפט — האט עכן איבערגערופען, — און עס וועט לאנג ניט דויערען און מיין חלום וועט פארווירקליכט ווערען. דאן וועסטו טראגען די טייערסטע ציערונג און אלע פרויען וועלען דיך מקנא זיין.

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

זעהר אומרוהיג און צורודערט האט עכן פארלאזען שלומית'ס געצעלט. ער האט געזעהן אז ער איז שטארק דורכגעפאלען... ער איז אויף זיך אליין בעזען אין כעס פארוואס ער האט איהר אויך דיזען סוד אנפערטרויט.

א שוידער איז דורך זיין לייב ווען ער האט א טראכט געטהאן ווען זיין

טהאט וואלט דערגרייכט יהושע'ס אויערען. מען וואלט דאך איהם פארשטיינט... אבער זי וועט קיינעם ניט דערצעהלען, — האט ער ביי זיך בעשלאסען. — און וואס וועט ער טהאן אז זי וועט אויף איהם אין כעס ווערען, ווען זי וועט אויסגעפינען אז ער האט זי גענארט און אז ער האט נאך אויך יעצט מעהר ליעב רחב'ן ?!... ניין, אזוי טאר ער ניט איבערלאזען... ער וועט מוזען איהר מויל אויף אייביג פארמאכען.

עכן האט גענומען פלאנעווען ווי אזוי פטור צו ווערען פון שלומית'ן... דער איינציגער מיטעל וועט זיין איהר אין גאנצען אפראמען פון וועג... ער וועט מיט איהר אפמאכען זיך צו טרעפען אין אווענט אויסער'ן לאגער און ווי זי וועט צו איהם אליין ארויסקומען וועט ער זי טויטען... צום ערשטען האט ער אליין אויפגעציטערט פון אזא געדאנק, ווען אבער ער האט זיך גענומען איבערטראכטען איז ער געקומען צום בעשלוס, אז דאס איז דער איינציגער מיטעל... אויב ניט וועט ער קיינמאל ניט קענען דורכפיהרען זיין פלאן צו געווינען די וואונדער־שעהנע רחב'ן... און ער וועט מוזען בלייבען אן אייביגער שקלאף צו דער אלמנה...

עתניאל האט זיך געפיהלט אזוי געקרענקט און ערנידערט פון דער לעצטער באסירונג, אז ער האט פון גרויס צער און וועהטאג דעם גאנצען טאג זיין געצעלט ניט פארלאזען... יעצט זעהט ער אז אלעס איז פאר איהם פארפאלען... און מיט דעם וואס ער האט געוואלט פארריכטען האט ער נאך ערגער געמאכט... עכסה און רחב האבען געגלויבט יעדעסווארט וואס די אומווירדיגע אלמנה האט זיי געזאגט... צו זיין אומגליק האט זיך גראדע געמאכט אז זיי זיינען אנגעקומען אין אזא צייט ווען ער האט איהר אנגענומען פאר דער האנד, וועלענדיג איהר צווינגען זי זאל מיט איהם געהן צו עכסה'ן און ערקלעהרען דעם גאנצען אמת... יעצט וועט שוין עכסה איהם קיינמאל ניט וועלען גלויבען... ער האט דאך געזעהן ווי זי האט געגלויבט יעדעס ווארט וואס שלומית האט איהר געזאגט, און אפילו אזא שענדליכען בלבול, אז ער האט גע'גנב'עט פון דעם חרם און איהר געגעבען א מתנה די צוויי אוירינגלעך... און אפילו רחב האט אויך געגלויבט...

דאס בלוט האט אין איהם גענומען זידען ווען ער האט וועגען דעם א טראכט געטהאן. באלד אבער איז איהם געקומען א געדאנק: ווי אזוי האט שלומית פארט געקראגען די ציערונג וואס בעלאנגט צו דעם אוצר פון גאט! ער איז זיכער אז אימיצער, א שלעכטער נידערטרעכטיגער מאן איז פארבונדען מיט שלומית'ן, א מאן וועלכער מוז זיין געוויס זיינער א שונא... ווער אבער ווען ער זיין? ער האט גענומען טראכטען פון אלע זיינע בעקאנטע, אבער ער האט ניט געקענט געפינען אז ער זאל האבען אזא שונא צווישען זיי אלעמען אז ער זאל זוכען איהם אזוי פיעל צו שעדיגען.

נאך אמאל האט ער גענומען טראכטען פון זיין ברודער כלב... מעגליך אז ער האט איהם אפגעטהאן א שפיצעל כדי אפצופרעמדען עכסה'ס הארץ פון איהם. אבער ער האט שנעל דיזען געדאנק פון זיך פארטריבען. ער האט זיך נאר געוואונדערט ווי אזוי ער האט אפילו אויף א קליינע רגע געקענט צולאזען אזא געדאנק צו איהם... זיין ברודער איז די עהרליכקייט אליין, און ער וועט קיינמאל אזא זאך ניט טהאן... אויסער דעם האט ער דערקענט אן זיין פנים ווי

שטארק פארביטערט ער איז געגען איהם. דאס איז א גוטער באווייז אז ער אליין גלויבט אין דיזען בלבול.

עתניאל האט זיך געפיהלט זעהר עלענד און פארלאזען... איהם איז אלעס פלוצלינג אזוי נמאס געווארען... אם וויניגסטען ווען ער וואלט בעשטימט גע־ווארען פאר א הויפט פון אן ארמעע, וואלט ער זיך אריינגעווארפען מיט זיין לייב און לעבען אין דער מלחמה, און אזוי וואלט ער ביסלעכווייז פארגעסען אן זיינע צרות... אבער אלס א צוגאב צו זיינע ליידען, האט מען איהם דיזעס מאל ניט באשטימט אנצופיהרען די מלחמה און אפילו ניט זיין א הויפט פון א קליינע אפטיילונג... אין דעם ווייס ער, איז שולדיג זיין אזגענער ברודער, און דאס איז נאך א באווייז אז ער גלויבט שטארק אין זיין שולד... זיין צארן האט אזוי געברענט אויף שלומית'ן... — אה, גאט, נעהם נקמה פון איהר, — האבען זיינע ליפען געשעפטשעט . . .

ער האט זיך דערוואוסט אז זיין ברודער האט בעשטימט עכן'ען פאר א שפיאן. יא, ער האט עס געטהאן מיט יהושע'ס צושטימונג, און אן איהם האט זיך יהושע אין גאנצען פארגעסען... ער געדענקט גוט אז מיט עטליכע יאהר צוריק זיינען זיי ביידע געווען אין השבון און געהאט אויסצושטעהן דעם זעל־בען געפאהר... דאן איז זיין פריינדשאפט צו איהם גרויס געווען! אבער יעצט...

עתניאל איז געווארען זעהר אומרוהיג. ער איז ארומגעגאנגען אין זיין גע־צעלט הין און צוריק. יעדע וויילע איז ער ארויס אין דרויסען און צוריק אריינ־געקומען. ער האט קיין פלאץ פאר זיך ניט געפונען. און אזוי ארויסגעהענדיג פון זיין געצעלט האט ער פון ווייטען באמערקט עכן'ען אנקומענדיג.

— פיעלייכט האט ער פאר מיר א גוטע בשורה, — האט זיך עתניאל געטראכט, און איז עכן'ען אנטקעגען געקומען מיט שנעלע טריט.

— פרידען צו דיר, מיין פריינד! — האט עכן אויסגערופען, — איך קום דאס יעצט צו דיר.

— פרידען אויך צו דיר, עכן! — האט עתניאל איהם געענטפערט, און איהם דורכגעדרונגען מיט פארשענדע בליקען.

— איך זעה אז דו וואונדערסט זיך וואס איך קום פלוצלינג צו דיר! — האט עכן צו איהם זיך אנגערופען, דורכפיהרענדיג זיינע פינגער דורך זיין בארד, — אבער איך האב זיך ערשט דערוואוסט וועגען דיין מיספארשטענדניס מיט דיין כלה, עכסה, און איך בין געקומען צו דיר פיעלייכט וועל איך דיר קענען עפעס העלפען מיט ראטה און מיט טהאט.

— איך דאנק דיר זעהר, עכן! — האט עתניאל געזאגט, און אין זיינע אויגען האבען זיך טרעהרען געשטעלט, — אבער זאג מיר, ווי אזוי דאס האט דערגרייכט אויך דיינע אויערען.

— דו ווייסט דאך אז איך און דיין ברודער זיינען גוטע פריינד און ער האט פון מיר קיין פארבארגענעס ניט, און ווען ער האט מיר דאס דערצעהלט, האב איך קוים אויף דיר געגלויבט, ווייל אויסער דעם וואס איך ווייס ווי שטארק דיין ליעבע איז צו עכסה'ן, האב איך זעהר פיעל געהערט פון דער אלמנה... זי איז אן אומווירדיגע פרוי... ווי א שלאנג וואס ליגט אין די גראז און בעפאלט פלוצלינג דעם דורכגעהער, אזוי זוכט זי צו באפאלען איהר קרבן.

— האסטו דערצעהלט מיין ברודער וועגען איהר? —

—געוויס! איך האב איהם געזאגט אלעס וואס איך ווייס!

— און וואס האט ער דיר געזאגט?

— ער האט מיר געזאגט אז דו האסט זיך אליין מודה געווען, אז ער אליין וואלט עס אויף דיר קיינמאל ניט געגלויבט, נאר ווען מען האט דיך צוגעדריקט און געהאט געגען דיר בעווייזע וועגען א גארטעל וואס דו האסט איבערגעלאזען אויף איהר בעט, זאג איך דיר דעם אמת, אז איך אליין האב שוין ניט געקענט פארשטעהן, דאריבער האב איך בעשלאסען אליין אוועקצוגעהן און אויסצוגעפי־נען פון דיר... איך וויל הערען וואס דו האסט צו זאגען וועגען דעם, פיעלייכט וועל איך דיר מיט עפעס קענען באהילפיג זיין.

— דו ווייסט ניט ווי דאנקבאר איך וועל זיין צו דיר, אויב דיר וועט גע־לינגען עפעס צו טהאן פאר מיר! — האט עתניאל איהם געדריקט זיין האנד, — איך וועל דיר אלעס דערצעהלען... קום אריין צו מיר אין געצעלט.

עתניאל און עכן זיינען אריין אינעווייניג.

— דערצעהל מיר ווי אזוי אלעס האט פאסירט.

— ניט לאנג צוריק קומט צו מיר אריין א שליח פון שלומית'ן און גיט מיר איבער אז עכסה ווארט אויף מיר אין שלומית'עס געצעלט, און זי וויל מיר דרינגליך זעהן... בעת מעשה האב איך זיך געוואונדערט, ווי קומט עכסה צו שלומית'ן, די אלמנה, אבער איך בין אהין געגאנגען. ווען איך בין אריין צו איהר אין געצעלט, האט זי זיך גלייך מודה געווען אז זי האט מיך פערנארט צו איהר כדי איך זאל איהר טהאן א טובה וועגען קריגען א ירושה אלס אלמנה... איך בין אפילו זעהר שטארק אויפגעבראכט געווארען געגען איהר חוצפה, אבער איך האב זיך געטראכט, אז אריגע אלמנה, זי איז עלענד, וועל איך איהר טהאן א טובה און זעהן אז מען זאל איהר אוועקגעבען א שטיקעל לאנד צווישען די איבריגע.

— און וואס איז געווען ווייטער? — האט עכן געפרעגט.

— ווען איך האב פארלאזען איהר געצעלט, האב איך באמערקט צוויי פרעמדע מענשען שטעהענדיג און שמייכלענדיג... זיי האבען געוואונקען איינער צום אנדערען, און געמאכט צווייד־יטיגע באמערקונגען... ווער האט זיך עס דאן געקענט פארשטעלען אז זי האט מיר געוואלט עפעס אפטהאן, און ווענען איז גאר איינגעפאלען אז זי טראגט זיך ארום מיט אזעלכע שענדליכע געדאנקען... דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס איך האב צו איהר גערעדט.

— אבער ווי קומט דיין גארטעל ביי איהר? — האט עכן איהם א פרעג געטהאן.

— דאס איז אויך פאר מיר א גרויסער רעטעניש, — האט עתניאל א קוועטש געטהאן מיט די פלייצעס, — איך געדענק דייטליך אז איך האב דאן, ווען איך בין געווען אין איהר געצעלט, דעם גארטעל ניט געטראגען.

— דאס קען איך טאקע ניט פארשטעהן, — האט עכן געשאקעלט מיט'ן קאפ, — אבער זאג מיר, עתניאל, ווי קומט עס, אז דו אליין זאלסט זיך האבען מודה געווען אין דעם שענדליכען פארברעכען?

— איך האב זיך מודה געווען!... וואס מיינסטו?... — האט עתניאל אויסגערופען.

— איך גיב דא בלויז איבער וואס מיין ברודער כלב האט מיר געזאגט:

— עכסה האט מיך געפרעגט בלויז איין פראגע: אויב איך בין געווען אין שלומית׳עס געצעלט אדער ניט. און איך האב איהר געזאגט אז יא, און גלייך געוואלט אלעס ערקלעהרען. אבער ניט זי און ניט מיין ברודער האבען געוואלט הערען די איינצעלהייטען, און אזוי בין איך געבליבען א שולדיגער אין זייערע אויגען.

— דו האסט זיך בענארישט. דו האסט געדארפט צווינגען שלומית׳ן זי זאל מיט דיר געהן צו עכסה׳ן און אליין אלעס קלאר מאכען.

— איך האב געמאכט א פארזוך עס צו טהאן, אבער איך האב דאמיט פאר זיך ערגער געמאכט. מיין הארץ האט מיר געזאגט, אז עס וועט אזוי געשעהן... פונקט דאן ווען איך בין געקומען צו שלומית׳ן און פערלאנגט זי זאל מיט מיר מיטגעהן, זיינען אנגעקומען רחב און עכסה, און זי האט מיט אזוי פיעל הוצפה דערצעהלט נאך גרעסערע ליגענס. זי האט געטראגען אוירינגלעך וואס זיינען גע׳גנב׳עט געווארען פון דעם חרם, און רחב האט זיי דערקענט, האט זי פאר מיר אין די אויגען דערצעהלט רחב׳ן און עכסה׳ן אז איך האב איהר די אוירינגלעך געגעבען אלס א מתנה. איך האב קוים געקענט גלויבען אז זי באזיצט אזוי פיעל הוצפה.

עכן האט קוים איינגעהאלטען זיין שמייכעל. ער האט געמאכט אן ערנסטען פנים און שאקלענדיג מיט זיין קאפ, האט ער געזאגט:

— דיין לאגע איז זעהר א שווערע. איך פיהל מיט דיר מיט. איך וויים אז דו ביזט אומשולדיג, ווייל איך וויים וואס פאר א פרוי די אומווירדיגע שלומית איז, אבער איך מוז צוגעבען אז לויט די אלע באווייזע און אומשטענדען, וועט זיין שווער פאר אימיצען אנדערש דיר צו גלויבען אז דו ביזט אין גאנצען אונ־שולדיג. אבער איך גלויב דיר, כאטש איך קען נאך אלץ ניט ערקלעהרען ווי אזוי עס קומט צו איהר דיין גארטעל און די אוירינגלעך וואס בעלאנגט צו דעם חרם... דער איינציגער וועג ווי אזוי דו וועסט קענען איהר באוועגען זיך מודה צו זיין, א׳ז איהר צו דראהען מיט נקמה. נאך אלעמען דארפסטו וויסען, אז אזא פרוי ווי שלומית איז אויך א גרויסע פייגלינג, און ווען זי וועט דערהערען אז דו פלאנעוועסט נקמה, וועט זי זיך דערשרעקען און אלעס מודה זיין. דאן וועט מען אויסגעפינען ווי אזוי עס קומען צו איהר די אוירינגלעך, און ווי אזוי זי האט ארייגעקראגען דיין גארטעל.

—איך דאנק דיר זעהר, עכן! — האט עתניאל איהם געדריקט זיין האנד, — דו ביזט דער איינציגער וועלכער האט מיר געגלויבט און איינגעזעהן מיין אונשולד, טראץ די אלע באווייזע געגען מיר. יעצט זעה איך, אז מיר איז אם ווייניגסטען פארבליבען איין פריינד... און איך האף אז דו וועסט מיר העלפען ארויספלאנטערען זיך פון דיזער שרעקליכער לאגע.

— ווייסטו נאך וואס איך וועל פאר דיר טהאן?! — האט עכן געזאגט, — איך וועל אליין אוועקגעהן צו שלומית׳ן און זיך פרובירען מיט איהר דורכ־ריידען. איך וועל זיך פאר איהר ניט שעהמען, איך וועל איהר זאגען אז איך וויים אז זי איז א ליגנערין, און אז זי מאכט א בלבול אויף דיר, און איך וועל איהר ראטהען, זי זאל ארויסקומען מיט׳ן אמת. דאן וועט זיין אויך פאר איהר בעסער, איך וועל הערען וואס זי וועט דארויף זאגען. און אויב מיר וועט גע־

לינגען איהר צו ברייננגען צום שכל און דאמיט אפווישען יעדען חשד פון דיר, וועל איך זיין זעהר צופריעדען.

— איך וועל דיין חסד קיינמאל ניט פארגעסען! — האט עתניאל געזאגט צו עכן׳ן און טרעהרען האבען זיך באוויזען אין זיינע אויגען, — ווען דיר וועט געלינגען ארויסצואווייזען פאר אלעמען מיין אומשולד, דאן וועל איך דיר פארבלייבען א געטרייער און איבערגעבענער פריינד ביז די לעצטע טעג פון מיין לעבען.

—גוט, איך געה יעצט אהין, און איך וועל זיך גלייך צוריקקעהרען צו דיר. דו ווארט אויף מיר אין געצעלט.

עכן איז א צופרידענער אוועק פון עתניאל׳ן. ער זעהט אז זיין פלאן האט זיך גוט אויסגעארבייט... זאל עתניאל איהר סטראשען מיט נקמה, דאן וועט אויף קיינעם ניט פאלען דער חשד אויסער איהם... און פון שלומית׳ן מוז ער פטור ווערען אז ניט איז זיין לעבען גארנישט ווערטה... זי ווייס אלע זיינע סודות און זי וועט איהם פארשקלאפען... ער וועט צוליעב איהר מוזען אויפ־געבען זיינע געדאנקען ארייננצוקריגען רחב׳ן... יא, ער וועט קענען מאכען א סוף צו איהר און דער חשד וועט געווים פאלען אויף עתניאל׳ן... וואס קימערט איהם אז מען וועט עתניאל׳ן משפט׳ן פאר דעם!... דערווייל וועט קיינעם גאר־ניט איינפאלען אז ער האט עס געטהאן.

עכן איז געקומען צו שלומית׳ן און מיט א שמייכעל איהר באגריסט:

— עתניאל איז ביי מיר געווען און ער האט פאר מיר זיך באקלאגט אז דו האסט אויף איהם א בלבול געמאכט.

— און וואס האסטו איהם געזאגט?

— איך האב איהם געזאגט, אז דו ביזט אן עהרליכע און אנשטענדיגע פרוי, און דו וועסט אויף יענעם קיין בלבול ניט מאכען... און ווען דו וואלסט געהערט ווי ער האט זיך געערגערט... ער האט מיר געזאגט, אז ער מוז דיך צווינגען דו זאלסט זיך מודה זיין... ער גלויבט, זאגט ער, אז ווען ער וועט דיך סטראשען אז ער וועט זיך מיט דער אפרעכענען, וועסטו זיך דערשרעקען און גלייך מודה זיין... דאריבער בין איך געקומען דיר אנזאגען אז ווען עתניאל וועט שיקען דראהונגען, זאלסטו זיך פאר איהם ניט אפשרעקען. ער קען דיר קיין שלעכטעס ניט טהאן און וועט דיר קיין שלעכטעס ניט טהאן... ווייל אלע באווייזע זיינען געגען איהם און קיינער וועט איהם ניט גלויבען... געדענק, וואס איך זאג דיר. טייערע שלומית, דו זאלסט ניט נעהמען אין אכט זיין דראהונג און ווען אימיצער וועט קומען אין זיין נאמען זאלסטו זיך אויסלאכען.

— און ווען וועסטו מיר נעהמען פאר דיין פרוי? — האט זי איהם א פרעג געטהאן.

— דאס ווענדט זיך... איך מיין, אז אזוי שנעל ווי יהושע וועט כאפען זיין מפלה, — האט עכן ארויסגעשטאמעלט.

— ווי איך זעה האסטו ווידער געביטען דיין מיינונג וועגען מיר! — האט שלומית מיט א הארבע שטימע א זאג געטהאן, — און דאריבער וויל איך דיר ווארענען, עכן, אז אזוי שנעל ווי איך וועל אויסגעפינען אז דו נארסט מיך, און אז דו טראכסט גאר פון רחב׳ן וועל איך גלייך אוועקגעהן צו יהושע׳ן און צו די עלטסטע פון פאלק און זיי דערצעהלען אלעס... איך וועל זיי דער־

צעהלען ווי אזוי דו האסט פאררואטהען דיין פאלק, און ווי אזוי דו האסט מיר איינגערעדט איך זאל מאכען א בלבול אויף עתניאל'ן... יא, אלעס וועל איך זיי דערצעהלען ווען איך וועל אויסגעפינען אז דו האלסט ניט דיין ווארט.

— אבער מיין טייערע שלומית, — פאר וואס זאלסטו גאר טראכטען אזוי פון מיר, — האט זי עכן ארומגענומען און געקושט, — דו ווייסט דאך אז מיט יעדען טאג שטייגסטו אין מיינע אויגען... איך האב דיך מעהר ליעב אפילו ווי רהב'ן, ווייל דו ביזט קליגער פון איהר און אין שעהנקייט קענסטו זיך פארגלייכען מיט די שעהנסטע פרויען פון אונזער פאלק... און א סימן וועסטו האבען, אז איך וועל מיט דיר הייראטען, ווייל איך האב פאר דיר א גאלדענעם האלזבאנד געפלאסטערט מיט קאסטבארע שטיינער, איך וועל דיר אויך ברייגען צוויי גאלדענע רינגען און א בראנזעלעט.

שלומית'ס אויגען האבען געגלאנצט איבערלייבען פון גליק.

— דו וועסט מיר געבען אזוי פיעל ציערונג?

— יא, מארגען וועל איך דיר אלעם בריינגען... אבער ניין, — האט עכן א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ, — איך וועל דארפען זיין מעהר פארזיכטיג... איך קום נו אפט אריין אין דיין געצעלט, און דאס קען נאך אויף מיר ארויס־רופען א פארדאכט... איך וועל זיך בעסער מיט דיר טרעפען אויסערן לאגער, ניט ווייט פון וועלדעל... איך וועל אויף דיר דארטען ווארטען מיט די ציערונג... און דארטען וועלען מיר זיך גאנץ אפט טרעפען נאכדעם... קיינער געפינט זיך דארטען ניט און קיין וועט מיך ניט חושד זיין.

— גוט, — האט שלומית אויסגערופען מיט בעגייסטערונג, — מארגען איידער די זון פארגעהט, וועל איך דיך דארטען טרעפען. אבער איך האף אז דו וועסט אויף מיר ווארטען מיט די ציערונג.

— געוויס! וועמען דען וועל איך אפגעבען די ציערונג אויב ניט דיר?... דו קום אהין מארגען און דיינע אויגען וועלען זיך ניט קענען אנזעטיגען מיט די וואונדערליכע שעהנע ציערונג וואס איך וועל דיר ברייגען אלס א מתנה... און יעצט מוז איך שנעל אוועקגעהן פון דאנען... איידער איטיצער באמערקט מיך דא ביי דיר אין געצעלט.

— אה, ווי גליקליך איך פיהל זיך! — האט שלומית איהם ארומגענומען — יעצט זעה איך אז דו ביזט ערנסט און אויפריכטיג מיט מיר, און דו וועסט געוויס האלטען דיין ווארט.

— מארגען וועסטו זיך איבערצייגען אז איך האב דיך ניט גענארט... אבער דו וועסט דארפען מעהר פארזיכטיג זיין ניט צו טראגען די ציערונג ביז וואנען מיר וועלען ביידע הייראטען, — האט עכן זיך מיט איהר געזעגענט און האט פארלאזען איהר געצעלט.

ווען ער האט זיך אומגעקעהרט צו עתניאל'ן האט ער איהם געטראפען פארזונקען אין זיינע מחשבות.

עתניאל איז אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ און גלייך א פרעג געטהאן:

— וואס? האסטו ביי איהר גע'פועל'ט?

— ניט בעדויערען האב איך מיט איהר גארניט געקענט אויפטהאן! זי האט אויסגעפענט א מויל אז איך האב נאר ניט געקענט זאגען... זי האט אויף דיר געזידלט בעד און שוועבעל... זי האט גערעדט מיט אזוי פיעל איבערצייגונג

אז ווען איך וואלט דיך ניט געקענט און געוואוסט דיין כאראקטער וואלט איך אליין אויך איהר אנגעפאנגען צו גלויבען.

— יעצט גיב מיר אן עצה וואס איך זאל טהאן! — האט עתניאל אויסגעשריען מיט פארצווייפלונג.

— יעצט בין איך איבערצייגט נאך מעהר ווי פריהער, אז זי איז א גרויסע פייגלינג, און דער איינציגער וועג ארויסצוקריגען פון איהר דעם אמת, איז איהר א פטראשע צו טהאן... אבער טהו עס ניט אליין... ווייל פאר דיר איז בעסער אז מען זאל דיך מעהר ניט זעהן קומענדיג צו איהר געצעלט... מיין עצה איז אז דו זאלסט שיקען צוויי שלוחים אין איהר ווארענען אז אויב זי וועט ניט ארויסקומען מיט'ן אמת, וועט זי נאכהער חרטה האבען.

— און דאס, גלויבסטו וועט העלפען? — האט עתניאל איהם געפרעגט.

— איך בין איבערצייגט אין דעם. אזוי שנעל ווי זי וועט הערען אז דו פלאנעוועסט צו נעהמען נקמה אן איהר, יועט זי זיך גלייך מודה זיין... און אלע יועלען אויסגעפינען דעם אמת.

— איך וועל טהאן אזוי ווי דו זאגסט מיר! — האט עתניאל געזאגט, — איך וועל קריגען צוויי שלוחים און איך וועל זיי צו איהר שיקען מיט דער ווארנונג.

עתניאל איז ארויס אין דרויסען, איבערלאזענדיג עכן אין זיין געצעלט. באלד האט ער זיך צוריקגעקעהרט מיט צוויי מענשען.

— אט די צוויי שלוחים וועל איך צו איהר שיקען, — האט עתניאל געזאגט, און ווענדענדיג זיך צו די מענשען האט ער זיך אנגערופען:

— איהר זאלט געהן צו שלומית'ן, די אלמנה, און איהר איבערגעבען אין מיין נאמען, אז אויב זי וועט זיך ניט מודה זיין און אראפנעהמען פון מיר דעם בלבול וואס זי האט אויף מיר געמאכט, וועט זי שלעכט אפשניידען.

— זאג זיי אן אז זיי זאלען גארניט דערמאנען אז איך בין דערביי געוועזן! — האט עכן איהם שטילערהייט געזאגט.

עתניאל האט זיי אנגעזאגט און זיי אוועקגעשיקט צו שלומית'ן.

ווען עתניאל'ס שלוחים זיינען געקומען צו שלומית'ן און איהר איבערגעגעבען זיינע רייד, האט זיך שלומית פארנאנדערגעלאכט:

— געהט זאגט איהם אז איך האב קיין מורא ניט פאר איהם און זיינע דראהונגען האבען מיך ניט גערירט — האט זי געזאגט — אויב ער וועט זיך אנפאנגען מיט מיר, וועל איך דערצעהלען וועגען איהם אזעלכע זאכען, וואס יעדער איינער וועלכער וועט הערען וועט שוידערען. זאגט איהם, אז דאס וואס איך האב דערצעהלט וועגען איהם איז בלויז אן אנפאנג. באלד וועלען אלע וויסען וואס פאר א מאן ער איז. איך וועל ארונטעררייסען דעם שלייער פון זיין פנים... דאן וועלען אלע זעהן ווער ער איז...

ווען עתניאל האט געהערט איהר חוצפה'דיגען ענטפער, האט אין איהם דאס בלוט אויפגעזידט. וואס זאל ער מיט איהר טאן. ווען ער וואלט זיך ניט געשעהמט וואלט ער איהר פארקלאגט פאר יהושע'ן, אבער עס איז דאך מעגליך, אז ביי דער אויספארשונג וואס וועט נאכפאלגען זיין אנקלאגען די אלמנה, וועט ער דאך אויך ניט קענען געבען קיין באגרינדעטען ענטפער וועגען זיין גארטעל...

— וואָס זאָל איך איצט טאָן? — האָט עתניאל געפרעגט עכן׳ען נאָכדעם ווי ער האָט געהערט שלומית׳עס תשובה.

— שלעכט, מיין פריינד, שלעכט! — האָט עכן געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — ווען אַ מאַן פאַלט אריין אין אַ נעץ פון אַזאַ פרוי ווי שלומית, איז שווין שווער פון דאָרט ארויסצוקומען. ווי איך זעה שרעקט זי זיך גאַנץ קנאַפּ פאַר דיר. זי פאַרשטעהט, אַז דו וועסט איהר קיין שלעכטעס ניט טאָן, און אַז דו סטראַשעסט זי בלויז.

— איך וועל זיך מיט איהר אָפּרעכענען פאַר דעם! — האָט עתניאל גע־דריקט מיט זיין פויסט — איך וועל דאָס איהר ניט שענקען.

עכן האָט קוים זיך געקענט באַהערשען ניט ארויסצוצייגען זיין צופרידענ־הייט מיט עתניאל׳ס לעצטע באַמערקונג אין געגענוואַרט פון די צוויי שלוחים, אין מאַכענדיג אַן ערנסטען פּנים האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— דו געפינסט זיך זעהר אין אַ שלעכטע לאַגע... און נאָכאַלעמען וואָס קענסטו איהר טאָן? די צרה איז וואָס זי פאַרשטעהט אַז דאָס איז בלויז אַ דראָהונג...

— איך וועל איהר צייגען אַז איך קען איהר טאָן גענוג שלעכטעס — האָט עתניאל אויסגערופען — דאָס וועט איהר ניט געשאָנקען ווערען... זי וועט פאַר דעם טייער באַצאָלען.

מעהר האָט עכן ניט געדאַרפט. ווען ער האָט געהערט עתניאל׳ס לעצטע באַמערקונג אין געגענוואַרט פון די צוויי שלוחים, האָט ער זיך אָפּגעזעגענט מיט עתניאל׳ן און איז אוועק. די שלוחים האָבען איהם נאָכגעפאָלגט איבערלאָזענדיג עתניאל׳ן אליין.

עכן איז געגאַנגען לאַנגזאַם און ווען ער האָט דערפיהלט אַז די צוויי שלוחים דערנעהנטערען זיך, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

— ווער ווייס צו וואָס דאָס קען פיהרען — האָט עכן זיך געווענדעט צו זיי ווען זיי זיינען שוין געשטאַנען נעבען איהם — לויט זיינע לעצטע רייד קומט אויס, אַז...

— יע, ער איז געווען זעהר פאַרביטערט — האָט איינער פון די שלוחים צוגעגעבען — און ער איז געווען ערנסט מיט זיינע רייד.

— מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז קיין גוטעס וועט דערפון ניט ארויסקומען — האָט דער צווייטער צוגעגעבען — איך ווייס ניט גענוי אין וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ, אָבער פון זיין צאָרענדען פּנים האָב איך געקענט פאַרשטעהן, אַז ער איז געגרייט אויף אַלץ.

— מעגליך, אַז דו האָסט רעכט — האָט עכן אַ זאָג געטאָן. מיר וועלען דאַרפען זעהן ווי ווייט מעגליך צו פאַרמיידען אונאַנגענעהמע פאָלגינגען.

עכן האָט זיי געפרעגט ווער זיי זיינען און וואו זיי געפינען זיך און נאָכ־העכער האָט ער זיך אומגעקערט צו זיך אהיים.

אויף מאָרגען, ווען די זון האָט זיך אַ רוק געטאָן צו מערב, האָט שלומית זיך אָנגעטאָן אין איהרע שעהנסטע קליידער און איז אוועק צו דעם פלאַץ הינ־טערן לאַגער וואו זי האָט אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפען מיט עכנ׳ן. אַ לוסטיגע פרעהליכקייט האָט איהר ארומגענומען ווען זי האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אַט באַלד וועט זי זיך טרעפען מיט עכן׳ען וועלכער וועט באַלד באַצירען איהר האַלז

און איהרע פינגער מיט קאסטבארע צירונג. א, ווען דאס איהר די פרויען מקנא זיין!... און די בייזע צינגער וועלען פארשטומט ווערען, ווען זיי וועלען איינגיבען אויסגעפינען אז עבן נעמט זי פאר זיין פרוי. זיי וועלען שוין מעהר ניט וואגען צו רעדען שלעכטעס אויף איהר... און בפרט ווען עבן וועט ווערען דער פיהרער אין ישראל... זי איז זיכער, אז ער וועט זיינע חלומות פארווירקליכען... זי האט זעהר פיעל צוטרויען צו איהם. עבן איז זעהר קלוג און ער פירט אויס אלע זיינע פלענער. און דאס וואס ער האט אויסגענוצט די געלעגענהייט ווען ער איז געשיקט געווארען אויסצושפיאנירען די שטאדט עי, איז אויך א סימן אז ער וועט זיין ערפאלגרייך אין זיינע אונטערנעמונגען. וואס ארט איהר אויב ער האט פאראכטען זיין פאלק, אבי ער וועט דורך דעם דערהויבען ווערען... און דאס וואס איהר האט געלונגען צו מאכען א בלבול אויף עתניאל׳ן און דאמיט צוטיילט די משפחה פון קנז, וועט פון דעם אויך ארויסקומען א טובה פאר עבן׳ען. וואס מעהר קריגערייען און צאנקערייען עס וועלען אויסברעכען צווישען די פיהרער פון ישראל, אלץ שטארקער וועלען עבן׳ס אויסזיכטען ווערען צו קריגען די הערשאפט... און דאס מיינט אויך, אז זי וועט אויך דערהויבען ווערען. דאן וועט זי זיך קענען אפרעכענען מיט יענע פרויען וועלכע האבען אויף איהר שלעכטעס גערעדט...

גרעניצלאז איז איהר פרייד געווען, ווען זי האט זיך דערנענטערט צו דעם פלאץ און באמערקט עבן׳ען שטעהענדיג. איצט זעהט זי אז ער איז געווען ערנסט מיט איהר, ער האט זי ווירקליך מעהר ליעב ווי רחב׳ן און ער וועט זי נעמען פאר זיין פרוי ווי ער האט איהר פארשפראכען. באלד וועט זי באקומען די קאסטבארע ציערונג וואס ער האט איהר צוגעזאגט צו געבען.

— עבן! — האט זי אויסגערופען מיט א פרעהליכע שטימע.

עבן האט זיך אויפגעכאפט פון זיינע געדאנקען און ער איז גלייך צו איהר צוגעקומען.

— אה, שלומית — האט ער געזאגט — איך בין צופרידען וואס דו ביזט אין צייט געקומען. איך האב שוין אנגעפאנגען צו ווערען אומגעדולדיג. איך האב געמיינט אז דו וועסט ניט קומען.

— איך וועל ניט קומען! ווי אזוי קען עס דיר גאר איינפאלען אזא זאך. דו ווייסט דאך עבן אז איך האב דיך ליעב און איך וואלט דיר נאכגעפאלגט ביז דעם סוף פון דער וועלט.

— יע, עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט — האט ער א שמייכעל געטאן — ווען איך וואלט אין דיר ניט געהאט קיין צוטרויען, אדער אז איך וואלט דיך ניט געליבט מעהר ווי רחב׳ן, וואלט איך דיר דאך ניט אנפערטרויט מיט אזעלבע וויכטיגע סודות. און איצט אז דו ביזט געקומען, וועל איך דיר אנפארטרויען נאך א וויכטיגען סוד. איך וועל דיר אויסזאגען ווי אזוי איך האב פאר דיר געקראגען אזוי פיעל ציערונג... איצט האלט איך די ציערונג באהאלטען אין מיינע געצעלטעס, אבער אין איינינע טעג ארום וועל איך דיר אלץ איבערגעבען, אלץ וועט באלאנגען צו דיר!

— דיינע רייד מאכען מיר גליקליך! — האט איהם שלומית ארומגענומען — ווען איך האב דיך צום ערשטען מאל דערזעהן האב איך געוואוסט אז דו ביזט עהרליך און אויף דיינע רייד קען מען בויען.

— ביזטו געווען זעהר פארזיכטיג און קיינעם ניט געזאגט וואוהין דו געהסט? — האט עבן איהר געפרעגט.

— האלטסטו דען מיר פאר אזא נאר, — האט שלומית קאקעטיש א שמייכעל געטאן — דו ווייסט אז אויך מיר קענסטו זיך פארלאזען...

— וואס איך מיין — האט עבן געענטפערט — אז דו האסט זיך אפילו פאר דיינע בעסטע פריינד ניט ארויסגערעדט אז דו געהסט מיך באגעגנען. איך בין זיכער, אז ווען דיינע שכנות האבען דיך דערזעהן אין אזעלכע שעהנע קליידער, זיינען זיי געווען זעהר נייגעריג אויסצוגעפינען וואוהין דו געהסט.

— דעם אמת זאגענדיג האבען מיר איינגע באקאנטע פרויען אפגעשטעלט און געפרעגט וואוהין איך געה.

— און וואס האסטו זיי געענטפערט? — האט עבן זיך אפגערופען מיט שרעק.

— איך האב זיי געזאגט אז דאס געה איך זיך זעהן מיט מיין געליבטען עתניאל׳ן.

— אזוי האסטו זיי געזאגט, — איז עבן פרעהליך געווארען — דו האסט זעהר קלוג געטאן.

— איך האב עס בכיון געטאן, ווייל איך ווייס ווי שטארק עס וועט זיי באנגען... און ווען דו וואלסט געזעהן ווי זיי האבען זיך געקרימט ווען איך האב זיי דאס געזאגט, וואלסטו אויך געלאכט.

— איך לאך אויך איצט. דו האסט גאנץ גוט געטאן וואס דו האסט זיי אזוי געזאגט — זאלען אלע מיינען, אז עתניאל איז טאקע דיין געליבטער און ווי ערשטוינט וועלען זיי ווערען ווען זיי וועלען אויסגעפינען אז דו געהערסט נאר צו מיר...

— איצט וויז מיר די ציערונג — האט שלומית זיך אפגערופען — איך בין זעהר אומגעדולדיג עס צו זעהן.

— דו צווייפעלסט דען אין מיינע רייד — האט עבן ארייגעטאן זיין האנט אין זיין קעשענע און ארויסגענומען פון דארטען א פראכטפאלען גאלדענעם האלזבאנד.

— אה, ווי וואונדערליך שעהן דאס איז — האט זי אויסגעשטרעקט איהר האנט — לאמיר איהם גוט באטראכטען.

— ניין, פריהער וועל איך איהם אליין ארויפטאן אויף דיין ווייסען האלז. איך וויל זעהן ווי שעהן עס וועט דיר פאסען. מאך צו דיינע אויגען און עפען זיי ניט אויף ביז וואנען איך וועל דיר הייסען.

שלומית האט צוגעמאכט איהרע אויגען און איז אזוי א קליינע ווילע געשטאנען.

עבן האט עפעס געזוכט אין זיין קעשענע און באלד האט ער פון דארטען ארויסגענומען א גארטעל.

שלומית איז געווען אזוי אומגעדולדיג אז זי האט אויף א קליינע ווילע אן עפען געטאן איהרע אויגען און ווען זי האט באמערקט דעם גארטעל אין עבן׳ס האנט האט זי אויסגערופען מיט ערשטוינונג:

— דאס איז דאך דער זעלבער גארטעל פון עתניאל׳ן ווי קומט ער ווידער אין דיינע הענט!

— אָה, יע, — האָט עכן זיך גלייך פאַרענטפערט — איך האָב פאַרגעסען דיר צו זאָגען אז איך האָב אוועקגע׳גנב׳עט זיין גאַרטעל א צווייטען מאָל. איך האָב עס בדעה דיר איהם ווידער צו געבען. עס וועט צוניץ קומען, אויב מיר וועלען דאַרפען באשטעטיגען אז עתניאל האָט דיר די ציערונג געגעבען... מעהר וועט שוין ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט זיין, אז עתניאל האָט געזוכט ארויפצוצווינגען זיין ליבע אויף דיר... אָבער פאַרוואָס האָסטו געעפענט דיינע אויגען — האָט ער מיט א שמייכעל צו איהר געזאָגט — איך האָב פאַר דיר נאָך א זאַך וואָס איז נאָך מעהר קאָסטבאַר ווי דער האַלזבאַנד... אָבער געדענק, ווען דו וועסט אויפעפענען דיינע אויגען איידער איך וועל ארויפטאָן דעם האלזבאנד אויף דיין האַלז, וועל איך דיר די צווייטע ציערונג ניט געבען...

— נו, פאַרזיכער מיר עכן, — האָט זי געשמייכעלט.— איצט וועל איך מיינע אויגען ניט עפענען ביז וואנען דו וועסט מיר ערלויבען.

— גוט, מאַך צו דיינע אויגען, — האָט עכן אויפגעהויבען דעם האלזבאנד.

שלומית האָט צוגעמאַכט איהרע אויגען און ווידער גענומען וואַרטען...

— איך ווייס וואָס דו האָסט מיר געבראַכט — האָט זי געלאַכט מיט פאַרמאַכטע אויגען — דו האָסט מיר געבראַכט די רינגען און דעם בראַנזלעט.

— דו האָסט געטראָפען. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. באַלד וועסטו זעהן... דאָס וועט דיר איבערצייגען ווי גרויס עס איז מיין ליבע צו דיר...

מיט גרויס פאַרזיכטיגקייט האָט עכן גענומען דעם גאַרטעל און מאַכענדיג זיך ווי ער טהוט אַרויף דעם האַלזבאנד פון הינטען האָט ער שנעל א וויקעל געטאָן איהר האַלז מיט דעם גאַרטעל און מיט אַלע זיינע כחות איהר גענומען שטיקען.

שלומית האָט זיך גענומען ראַנגלען... זי האָט ארויסגעלאָזען א געשריי. אָבער עכן האָט ניט אָפגעלאָזען. ער האָט נאָך שטייפער געדריקט. זי האָט אויסגעגלאָצט איהרע אויגען. זי האָט גענומען בריקען מיט איהרע פיס, און געזוכט אָנצוכאַפען עכן׳ען פאַר די הענט און גראַבלען.

— איצט וועסטו וויסען ווי צו האַלטען מיינע סודות אויף אייביג! —האָט ער זי נאָך שטאַרקער געשטיקט. זי האָט ארויסגעשטעקט איהר צונג. און אין א ווײַלע אַרום איז זי אומגעפאַלען א דערשטיקטע אויף טויט.

עכן האָט איהר געלאָזען ליגען מיט דעם גאַרטעל ארומגעוויקעלט ארום איהר האַלז און ער איז אַוועק צוריק אין לאַגער.

אויף מאָרגען גאַנץ פריה, האָבען איינינע מענשען געפונען דעם טויטען קערפער פון שלומית׳ן. זיי זיינען שנעל אריינגעקומען אין לאַגער און געמאָלדען יהושע׳ן וועגען דער שרעקליכער פאַסירונג.

יהושע און איינינע פון זיינע באַאַמטע זיינען גלייך אוועק צו יענעם פלאַץ און האָבען באַטראַכט די טויטע פרוי.

— דאָס איז שלומית, די אַלמנה, זי איז ערמאָרדעט געוואָרען — האָט אייגער פון די באַאַמטע זיך אריבערגעבויגען און איהר גוט באַטראַכט — יע, זי איז דערשטיקט געוואָרען מיט דיזען גאַרטעל — האָט ער אנגעוויזען אויף דעם גאַרטעל מיט וועלכען איהר האַלז איז געוועזן ארומגעוויקעלט.

מען האט באלד ארייגעפיהרט דעם טויטען קערפער פון שלומית׳ן אין לאגער.

די נייעס האט זיך שנעל פארשפרייט צווישען אלעמען און מען איז געקור׳ מען אנקוקען דעם טויטען קערפער.

איינינע פרויען האבען פארגאסען טרערען, אנדערע האבען געשאקעלט מיט די קעפ און צווישען זיך גערעדט:

— איך האב געוואוסט, אז זי וועט האבען אזא סוף — האט איינע גע׳ זאגט — זאל מיר גאט ניט שטראפען פאר מיינע רייד... זי איז געווען זעהר ווייט פון צו זיין א באשיידענע...

— און איך האב געמיינט, אז עתניאל דער זוהן פון קנז, איז געווען איהר געליבטער — האט א פרוי וועמעס געצעלט איז געווען ניט ווייט פון שלומית׳ס זיך אפגערופען — ערשט נעכטען אין אווענט האב איך זי געזעהן און איך האב איהר געפרעגט וואוהין זי געהט.

—און וואס האט זי געענטפערט—איז א צווייטע פרוי ניינעריג געווארען.

—זי האט מיר געזאגט, אז זי געהט זיך זעהן מיט איהר געליבטען עתניאל׳ן.

— עתניאל׳ן! — האבען עטליכע מיט אמאל איסגערופען — דאס מוז מען גלייך איבערגעבען די שופטים. מעגליך. אז ער ווייס עפעס פו׳ דיזען מארד.

— איך האב א פארדאכט — האט נאך א פרוי א זאג געטאן — אבער איך וויל ניט אז מען זאל וויסען אז עס שטאמט פון מיר.

— וועמען ביזטו חושד? זאג אונז מיר וועלען קיינעם ניט דערצעהלען אז דו האסט אונז געזאגט.

— איך גלויב אז טאקע דערזעלבער עתניאל האט זי ערמארדעט.

— פון וואנען דרינגסטו עס אזוי?

— ווייל איך ווייס אז עתניאל האט געוואלט הייראטען מיט עכסה׳ן, זיין ברודער׳ס טאכטער, און אז שלומית איז געשטאנען אין וועג, האט ער זי געוויס ערמארדעט.

— אה, ניין, עס איז אוממעגליך! — האט אן אנדער פרוי אויסגערופען— עתניאל איז זעהר גוט הארציג און איידעל. איך קען איהם זעהר גוט. ער וועט אזא זאך ניט טאן. ער איז עהרליך און גאטס פארכטיג. ער וועט ניט באגעהן קיין מארד.

— אויב ער איז אזוי עהרליך, טא פארוואס האט ער געהאט צו טאן מיט דער אלמנה?... אלע ווייסען אז זי איז ניט געווען קיין צנועה...

— ווער ווייס אויב ער האט ווירקליך געהאט צו טאן מיט איהר!

— אויב ניט וואלט מען אזוי ניט גערעדט וועגען זיי ביידען.

— וואס דארף מען מעהר, אז זי אליין האט לעצטען אווענט צוגעגעבען, אז זי געהט זיך זעהן מיט עתניאל׳ן איהר געליבטען.

— מעגליך, אז זי האט זיך בארימט דאמיט. אבער אויף איהרע רייד קען מען זיך ניט פארלאזען.

— פונדעסטוועגען, גלויב איך — האט א פרוי זיך אפגערופען, אז עס איז אונזער פליכט צו זאגען די שופטים וועגען אונזער פארדאכט... זיי וועלען שוין מאכען א גוטע אויספארשונג וועגען דעם און אויסגעפינען אויב ער איז שולדיג.

די פרויען זיינען צוגעקומען נעהנטער צו דעם פלאץ וואו יהושע און די שופטים זיינען געשטאנען.

— מיר ווייסען ווער איהר מערדער איז געווען — האט זיך איין פרוי אפּגערופען.

— פון וואנען ווייסטו עס — האט א שופט איהר געפרעגט.

— מיר האבען א חשד אויף אימיצען.

— אבער ווייסטו דען ניט אז מען טאר קיינעם ניט באשולדיגען ביז וואנען מען איז זיכער.

—פונדעסטוועגען וועט ניט שאדען — האט א צווייטער שופט א זאג געטאן — לאמיר הערען וועמען זיי זיינען חושד און אויף וואס זיי באגרינדען זייער חשד.

— גוט, זאג אונז וועמען דו ביזט חושד — האט דער ערשטער שופט געפרעגט די פרוי.

— איך בין איהם ניט חושד! דאס איז יענע פרוי, — האט איינע א קוועטש געטהאן מיט די פלייצעס, — איך וויים גארניט.

— אבער דו האסט דאך נאר וואס געזאגט אז "מיר ווייסען", האסטו דאך אויך זיך אריינגענומען.

— איך האב געהערט פון זיי.

— פון וועמען?

די פרוי האט באלד אנגעוויזען אויף א שכנה און דער שופט האט זיך צו איהר געווענדעט:

— האסטו ארויסגעלאזען דעם קלאנג אז עתניאל, דער ברודער פון כלב'ן האט ערמארדעט שלומית'ן.

—חם... איך האב ניט געזאגט... איך מיין אז עס איז בלויז א חשד אבער איך בין ניט זיכער.

— אויף וואס באגרינדעסטו דעם חשד?

— איך האב נעכטען אוונט געזעהן שלומית'ן ארויסגעהענדיג פון איהר געצעלט. און איך האב איהר געפרעגט פארוואס זי האט זיך אזוי אויסגעפוצט און וואוהין זי געהט, האט זי מיר געענטפערט, אז זי געהט זיך זעהן מיט עתניאל'ן, איהר געליבטען.

די שופטים האבען זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען און געצויגען מיט די אקסלען.

— איך האב עפעס יע געהערט וועגען דעם אז עתניאל האט זיך פארפלאנטערט מיט שלומית'ן, אבער איך האב עס אנגענומען פאר רכילות.

— מעגליך אז...

— אה, פארוואס זאלסטו גלויבען וואס א אשה זאגט — האט אן אנדער שופט איהם איבערגעבראכען — ווי קומט עתניאל'ס נאמען אפילו דערמאנט צו ווערען אין אזא זאך... ווייסטו דען ניט אז עתניאל איז געווען א חבר צו אונזער האר יהושע'ן.

— מען זאגט דאך דיר, אז ער האט יע געהאט צו טאן מיט דער אלמנה... איך וויים אפילו אז עכסה, זיין כלה, איז אויף איהם אין כעס צוליעב דעם און וויל איהם מעהר ניט אנקוקען.

— שא, אָט קומט אָן כלב. מיר וועלען הערען וואָס ער וועט זאָגען דערויף.

— אָבער קיינער פון אונז זאָל זיך איצט ניט ארויסריידען אז מען איז חושד זיין ברודער... פארוואָס זאָלען מיר אויף אונז זיין צאָרן ארויפברענגען.

כלב איז מיט שנעלע טריט צוגעגאנגען צו יהושע׳ן און דערזעהענדיג די טוי־טע שלומית איז ער אָפגעשפרונגען עטליכע טריט אויף צוריק.

— קענסטו דיזע פרוי? — האָט איהם יהושע געפרעגט.

— יע, ערשט מיט א קורצע צייט צוריק האָב איך מיט איהר גערעדט.

— מען זאָגט אויף איהר אז זי איז געווען א פרוי מיט א צווייפעלהאפטען כאראקטער — האָט יהושע זיך אָפגערופען.

— איך האָב אויך געהערט פון איהר זעהר ניט קיין שעהנע זאכען —האָט כלב געזאָגט.

— זאָג מיר וואָס דו ווייסט וועגען איהר. פיליכט וועט עס ווארפען א ליכט אויף דיזען געהיימניספולען מאָרד?

יהושע און כלב האָבען אָפגעטראָטען אָן א זייט און כלב האָט זיך צו איהם אָפגערופען אין דער שטיל:

— געדענקסטו מיין האר, ווען איך האָב דיר געזאָגט אז איך בין אין כעס אויף מיין אינגערן ברודער עתניאל׳ן, און צוליב דעם האָב איך ניט געוואָלט דערלאָזען ער זאָל קריגען אָן אמט אין דער מלחמה וואָס מיר וועלען אָנגיבען פיהרען קעגען דעם קעניג פון עי.

— יע, איך געדענק — האָט יהושע איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

דיזע פרוי האָט אריינגעצויגען אין איהר נעץ עתניאל׳ן... און ער האָט זי באַ־זוכט אין איהר געצעלט, און צוליב דעם האָט מיין טאָכטער עכסה איהם פון זיך פארטריבען.

— עס איז אוממעגליך! עתניאל וועט אזא זאך ניט טאָן! איך ווייס ווי שטארק ער האָט דיין טאָכטער ליעב געהאט. ניין, ער וועט זי ניט פארראַטען!

— אָבער מיין האר, ער האָט זיך אליין מודה געווען.

— איך וואָלט עס קיינמאָל ניט געגלויבט אויף איהם — האָט יהושע א שמייכעל געטאָן. און איצט איז זי ערמאָרדעט.

— איך זאָג ניט אז מיין ברודער האָט א האנט אין איהר מאָרד, גאָט באַ־היט! אויף אזוי פיעל איז ער נאָך ניט פארדאָרבען... ער האָט זיך פיליכט גע־לאָזט ארייננאַרען אין איהר נעץ, אָבער...

— פיליכט ווייס עתניאל וועגען די אנדערע מענשען וועלכע פלעגען צו איהר אריינקומען

— מעגליך, אָבער איך וואָלט ניט וועלען אז מיין ברודער׳ס נאָמען זאָל אין דיזער שענדליכער געשיכטע אריינגעמישט ווערען.

— קיינער דאַרף ניט וויסען אז ער האָט אָנגערופען די נעמען פון די מע־נער וועלכע פלעגען קומען באזוכען שלומית׳ן... ווען מיר וועלען וויסען ווער זיי זיינען וועט זיין גרינגער פאר די שופטים אויסצופארשען די זאך.

—מיט וואָס איז זי ערמאָרדעט געוואָרען? —האָט כלב געפרעגט יהושע׳ן.

— ווי עס ווייזט אויס איז זי דערשטיקט געוואָרען — האָט יהושע געזאָגט

— מיט א גארטעל האָט מען איהר דערשטיקט.

— פיליכט וועט מען קענען דערגעהן צו וועמען דער גארטעל באלאנגט—

האט כלב געזאגט און האט זיך ארונטערגעבויגען און באטראכט דעם גארטעל.

א קאלטער שווייס האט באגאסען כלב'ס קערפער. זיין פנים איז בלאס געווארען, און איהם האט אנגעהויבען טרייסלען הענט און פיס.

— וואס איז מיט דיר, כלב? ! — האט איהם יהושע געפרעגט.

— מיין האר! אה, איך ווייס ניט וואס מיט מיר איז. עס שווינדעלט מיר פאר די אויגען. עס קען זיך מיר ניט גלויבען... ניין! ניט ער! עתניאל וועט אזא זאך ניט טאן.

— אבער וואס רעדסטו! — איז שוין יהושע אומגעדולדיג געווארען.

— מיין האר איך האב דערקענט דעם גארטעל!

— וועמעס איז ער? !

— דער גארטעל באלאנגט צו מיין ברודער!... דורך דיזען גארטעל האב איך אלץ אויסגעפונען, און איצט...

— איך וועל איהם גלייך שיקען רופען — האט יהושע א זאג געטאן און צוגערופען איינעם פון זיינע באדינער און איהם געשיקט רופען עתניאל'ן.

ווען עתניאל האט דערהערט אז שלומית איז דערמארדעט געווארען איז ער אויפגעציטערט געווארען. יעצט וועט זיין אומשולד קיינמאל ניט קענען באווייזען ווערען... פריהער האט ער נאך געהאפט אז זי וועט זיך פריהער אדער שפעטער מודה זיין אז זי האט אויף איהם א בלבול געמאכט, יעצט אבער וועט זי דעם סוד מיטנעהמען מיט זיך אין קבר. נאך גרעסער איז זיין שרעק געווארען ווען מען האט איהם געזאגט אז מען ווייס ניט ווער דער מערדער איז... זיין הארץ האט אין איהם א צאפעל געטאן... ער דערמאנט זיך אז ער האט איהר געשיקט דראהונגען, און ווער ווייס אויב מען וועט איהם ניט פארבינדען מיט דעם מארד... ער האט דאריבער בעשלאסען ניט צו געהן אויף דעם פלאץ פון מארד און ער איז פארבליבען אין זיין געצעלט. ער האט געהאפט אז עס וועט לאנג ניט דויערען און דער מערדער וועט זיך אפזוכען.

באלד אבער האט ער איינגעזעהן אז זיין שרעק איז ניט געווען אומזיסט. א קלאפ אין זיין טהיר האט זיך דערהערט, און דער שליח האט איהם איבערגעגעבען אז יהושע האט נאך איהם געשיקט. ער זאל גלייך קומען צו דעם פלאץ פון מארד.

עתניאל איז געגאנגען אהין אהער. זיין הארץ האט געקלאפט און זיין פנים איז בלאס געווארען.

ער איז צוגעגאנגען צו יהושע'ן און זיך א נייג געטהאן.

— זאג מיר, עתניאל, בעלאנגט דיזער גארטעל צו דיר? — האט איהם יהושע א פרעג געטהאן איבערגעבענדיג איהם דעם גארטעל.

עתניאל'ס פנים האט זיך געביטען קאלירען.

— יא, עס איז מיין גארטעל! אה, מיין גאט, ווי קומט ער דא!... עפעס איז דא א כשוף! איך ווייס ניט ווי אזוי דיזער גארטעל קומט דא!...

— מיט דיזען גארטעל איז שלומית, די אלמנה, דערשטיקט געווארען, — האט יהושע געזאגט.

עתניאל האט א שפרונג געטהאן אויף צוריק.

— גאט איז מיין עדות אז איך בין אונשולדיג. איך ווייס ניט ווי אזוי

דיזער גארטעל איז אהער געקומען. צוליעב דיזען גארטעל איז פריהער אויף מיר א בלבול געמאכט געווארען, און יעצט ווידער...

— דיין ברודער כלב דערציהלט דאך מיר אז דו האסט זיך אליין מודה געווען אין דיין ערשטען פארברעכען.

— איך שווער ביי דעם הייליגען נאמען פון דעם אלמעכטיגען, אז איך בין אומשולדיג אין ביידע זאכען... אז עס איז אויף מיר א בלבול געמאכט געווארען.

— דאס וועט מען ערשט דארפען אויסגעפינען, — האט יהושע געזאגט, און זיך ווענדענדיג צו כלב׳ן וועלכער האט איינגעקעהרט זיין פנים און ניט געוואלט אנקוקען זיין ברודער אין די אויגען.

— דו האסט מיר פריהער געזאגט אז דיין ברודער האט זיך מודה געווען אין זיין ערשטען פארברעכען.

— געוויס, מיין האר! — האט כלב געענטפערט, — ער האט זיך מודה געווען פאר מיין טאכטער אין מיין געגענווארט.

— און יעצט לייקענט ער און שווערט דערצו אין דעם נאמען פון דעם אלמעכטיגען.

— אה, גאט, וואס איז געווארען פון מיין ברודער! איין פארברעכען איז שווערער פון צווייטען! — האט כלב מיט א יאמערליכע שטימע געזאגט, — פריהער האט ער געזינדיגט מיט שלומית׳ן, דערנאך האט ער זי געטויטעט, און יעצט שווערט ער פאלש אין נאמען פון גאט!... אה, פארשאלטען זאל ווערען דער טאג וואס דו ביזט געבארען געווארען, צו ברייגגען שאנדע אויף מיין מוטער וועלכע האט דיך געבארען!

— מיין טהייערער ברידער, כלב! — האט עתניאל געזאגט, און זיינע אויגען זיינען פול געווארען מיט טרעהרען, — ווי אזוי קענסטו גאר ארויסריידען אזא באשולדיגונג געגען מיר. פארוואס זאלסטו מיך ניט וועלען אויסהערען?... ווען איך האב זיך דעם ערשטען מאל מודה געווען האט מען מיר ניט געלאזט ענדיגען און דורכדעם איז ארויסגעקומען דער גאנצער מיספארשטענדניס.

— וואס דו וואלסט מיר און עכסה׳ן געזאגט, וואלט עס קיין זאך ניט געענדערט! — האט כלב געזאגט, — און יעצט דארף מען דען האבען א בעסערע באווייז אז דו ביזט דער מערדער פון שלומית׳ן?... מען האט געפונען דיין גארטעל אויף איהר האלז... דעם זעלבען גארטעל וואס דו האסט מיט א צייכעניק איבערגעלאזען אויף איהר בעטעל.

— איך בין אומשולדיג, גאט איז מיין עדות! — האט עתניאל אויסגעשריען, און די טרעהרען האבען איהם געשטיקט. — קענסטו ניט זעהן, מיין ברודער, אז דאס איז בלויז א בלבול אויף מיר געמאכט געווארען? איך האב שלומית׳ן ניט געזעהן זינט דאן ווען עכסה און רחב זיינען ביי איהר געווען...

— רחב! ווי קומט רחב צו שלומית׳ן? — האט יהושע אנגערופט מיט פארוואונדערונג עתניאל׳ן.

— יא, ווען איך בין געקומען צו שלומית׳ן און פון איהר פערלאנגט זי זאל מיך ריינוואשען, זיינען דארטען אנגעקומען עכסה און רחב.

— מיין טאכטער האט מיר גארנישט דערציהלט פון דיזען באזוך! — האט כלב זיך אפגערופען, — צוליעב וואס איז זי צו איהר א צווייטען מאל געגאנגען?

— איך ווייס ניט ! — האט עתניאל א שאקעל געטהאן מיט זיין קאפ, — איך בין אליין אויך איבערראשט געווען זיי ביידען צו זעהן.

— און האט דיך שולמית ריינגעוואשען פאר זיי אין די אויגען ? — האט כלב איהם ווייטער געפרעגט.

— ניין ! — האט עתניאל טרויעריג געזאגט, — זי האט נאך א צווייטען בלבול געמאכט אויף מיר... און יעצט בין איך זיכער, אז גאט האט זי געשטראפט.

— דו מיינסט אז דו האסט זי געשטראפט ! — האט כלב א זאג געטהאן. — פארוואס זאלסטו נאך לייקענען, עס איז אזוי קלאר ווי דער טאג, אז דו האסט זי ערמארדעט, יא, דו האסט זי דערשטיקט מיט דיין גארטעל און פון גרויס איילעניש האסטו פארגעסען ארונטערצונעהמען דעם גארטעל פון איהר האלז ! דו האסט געוואלט נעהמען נקמה אן איהר, ווייל זי האט דיר ניט געוואלט ארויסהעלפען.

— ווי אזוי קענסטו אזוי ריידען וועגען מיר, מיין ברודער ? — האט עתניאל געזאגט, — קענסטו מיך ניט ? ווייסטו ניט אז איך וועל אזא זאך ניט טהאן !...

— ווען מען זאל קומען און מיר זאגען מיט א קורצע צייט צוריק אז דו האסט אזא שוידערליכען פארברעכען בעגאנגען, וואלט איך יענעם מיט פאראכטונג גערופען ליגנער... יעצט אבער, גלויב איך אלעם אויף דיר...

— איך ווייס ניט וואס פון דיר איז געווארען, עתניאל, — האט יהושע געזאגט, — ווי עס ווייזט אויס, האסטו זיך אנגעהויבען צו חבר'ן מיט שלעכטע מענשען, און אזוי האסטו געזונקען און געזונקען... איך געדענק, ווען מיר זיינען געווען געפאנגען אין חשבון, ווי דו האסט אזוי פיעל געזארגט פאר עכסה'ן, געמען דו האסט אזוי שטארק ליעב געהאט, און יעצט האסטו זי אזוי מיאוס דערמארדעט און דערצו אזעלכע פארברעכען בעגאנגען.

— אה, מיין האר יהושע, דו האסט דאך מיך געקענט פאר פיעלע יאהרען, האב איך דען ווען עס איז געגעבען דעם איינדרוק אז איך בין פעהיג צו טהאן אזעלכע שענדליכע מעשים. דאס איז אין גאנצען א בלבול אויף מיר געמאכט ! איך ווייס ניט ווער עס איז מיר אזא שונא !... דאכט זיך, אז איך האב קיינעם קיין שלעכטעס ניט געטהאן. פארוואס האבען זיי מיר מיט שלעכטעס בעצאהלט ?

— אבער האסטו זיך דען אליין ניט מודה געווען אין דעם ערשטען פארברעכען פאר דיין ברודער און דיין כלה ?

— ניין, מיין האר.

— וואס ? ! — האט כלב א געשריי געטהאן, — מאכסטו מיך פאר א ליגנער ? ! . . .

— און וואס האב איך זיך מודה געווען ? — האט שוין עתניאל מיט אויפרעגונג געזאגט.

— דו האסט זיך מודה געווען אז דו ביזט געווען ביי שלומית'ן אין געצעלט, איז עס ליגען ? זאג מיר !

— יא, דאס איז אן אמת ! אבער דו און עכסה האבען מיך ניט געלאזען אנגעבען די אורזאכע פארוואס איך האב עס געטהאן. יעצט האף איך, אז מיין האר, יהושע, וועט מיך אויסהערען.

— גוט, דערצעהל ! — האט יהושע זיך אפגערופען.

— איך ווייס ניט ווי אזוי עס איז געשעהן, אבער ווען איך בין איינמאל געווען אין מיין געצעלט, קומט צו מיר א שליח און מעלדעט מיר אז עכסה געפינט זיך אין שלומית׳עס געצעלט, און אז איך זאל דארט גלייך אריבערקומען. איך האב זיך אפילו געוואונדערט ווי אזוי קומט עכסה צו שלומית׳ן, אבער איך בין אהין אוועקגעגאנגען. ווען איך בין אריין אין איהר געצעלט, האט מיך שלומית געבעטען איך זאל איהר מוחל זיין פאר וואס זי האט מיך אפגענארט, אבער אזוי ווי זי וויל מיר פרעגען אן עצה, און זי האט געוואוסט אז איך וועל צו איהר ניט קומען, איז זי געווען געצוואונגען מיך אריינצינארען צו איהר אין געצעלט.

— און וואס האט זי דיך געפרעגט? — האט יהושע זיך אפגערופען.

— אזוי ווי זי איז אן אלמנה און קען ניט בעקומען קיין חלק ירושה אין לאנד, האט זי געוואלט אז איך זאל זיך פאר איהר משתדל זיין און זעהן אז זי זאל קריגען דעם חלק וואס איהר מאן וואלט בעקומען ווען ער וואלט געלעבט. דאס אלעס וואס איז פארגעקומען. און ווען איך האב פארלאזען איהר געצעלט, האבען מיך צוויי מענשען געזעהן ארויסקומענדיג. און זיי האבען געמאכט עטליכע באמערקונגען וואס האט אנגעדייטעט אז זיי באשולדיגען מיך אין עפעס.

— און ווער זיינען זיי געווען?

— איך קען זיי אפילו ניט. בעת מעשה האב איך אויף זייערע רייד קיין געוויכט ניט געלייגט. נאכדעם אבער האב איך אנגעפאנגען צו פארשטעהן אז דאס האט מען זיי אנגעשטעלט.

— און וואס ווענסטו זאגען וועגען דיין גארטעל וואס דו האסט פארגעסען אויף שלומית׳עס בעט? — איז איהם כלב אריינגעפאלען אין די רייד.

עתניאל האט א קוועטש געטהאן מיט די פלייצעס.

— דאס איז פאר מיר אונמעגליך צו זאגען... איך קען עס אליין בשום אופן ניט פארשטעהן ווי אזוי מיין גארטעל איז דאן געקומען אין שלומית׳עס רשות.

— יא, יא, עס איז טאקע שווער צו פארשטעהן ווי אזוי דו ביזט געווען אונפארזיכטיג און איבערגעלאזען דיין גארטעל, דעם ערשטען מאל אין שלומית׳ס בעט און דיזען מאל אויף איהר האלז!

— איך זאג דאך דיר, מיין ברודער, אזוי ווי איך ווייס ניט ווי אזוי דער גארטעל איז צום ערשטען מאל געקומען צו שלומית׳ן, אזוי ווייס איך ניט ווי אזוי ער קומט יעצט אויף איהר האלז. איך שווער נאך אמאל ביי גאט, אז איך בין אומשולדיג... און אויב איך בין שולדיג זאל די ערד עפענען א מויל און מיך פארשלינגען ווי זי האט פארשלונגען קרח׳ן און די איבריגע רשעים!

— יעצט זאג מיר, וואס האסטו דארט געטהאן ביי שלומית׳ן א צווייטען מאל? — האט יהושע איהם געפרעגט.

— ווען איך האב געזעהן אז מיין ברודער און עכסה גלויבען מיר ניט, האב איך געמיינט אז איך וועל ווירקען אויף דער אלמנה און זי וועט מיט מיר געהן צו עכסה׳ן און ארונטערנעהמען פון מיר דעם בלבול... אבער צו מיין בעדויערען האב איך נאך פאר זיך ערגער געמאכט! שלומית איז געווען אן אומווירדיגע פרוי און זי האט געמאכט נאך א גרעסערע בעשולדיגונג אויף מיר. זי האט צו מיר גערעדט אזעלכע רייד אז איך האב געשטוינט, איך האב גלייך איינגעזעהן אז איך האב צו טהאן מיט א געמיינע פארדארבענע פרוי, און איך האב

בעשלאסען איהר צו צווינגען מיט מיר צו געהן און דערצעהלען דעם ריכטיגען אמת. איך האב זי אנגענומען ביי דער האנד און מיט א באפעהלענדע שטימע האב איך איהר געזאגט אז זי וועט מיט מיר מוזען מיטגעהן, און ווען זי האט זיך מיט מיר געראנגעלט, האט זיך די טהיר פלוצלינג אויפגעעפענט און עכסה און רחב האבען זיך באוויזען ביים אריינגאנג. איך האב אנגעפאנגען צו ריידען צו עכסה'ן און געבעטען זי זאל מיך אויסהערען, אבער דא איז שלומית צו זיי צוגעגאנגען און דערצעהלט אז עס איז שוין עטליכע מאל אז איך קום איהר באלעסטיגען מיט מיינע ליעבעס ערקלעהרונגען. און ווען איך האב פון אויפ־רעגונג געדריקט מיט מיינע פויסטען, האט זי מיך בעשולדיגט אז איך בין זי געקומען שלאגען.

— האסטו זי דען ניט געסטראשעט? — האט יהושע איהם געפרעגט.

— יא, געוועהנליך האב איך איהר געסטראשעט און געווארנט. וואס דען האב איך געקענט טהאן?

— און יעצט, ווי עס ווייזט אויס, האסטו דיין סטראשונגאק דורכגעפיהרט?

— האט כלב געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— ניין! ניין! — האט עתניאל געשריען, — מיינע הענד האבען איהר בלוט ניט פארגאסען!

— הלואי, מיין ברודער, זאל זיין ווי דו זאגסט, — האט כלב געענטפערט.

— אבער די אלע באווייזע און אומשטענדען צייגען אז דו האסט אין דעם א האנד... דו ביזט מיין ברודער, מיין בלוט און פלייש, און איך וואלט געוויס ניט געוואלט אז אזא זאך זאל האבען פאסירט צו דיר... אבער צו מיין בעדויערען, און איך צווייפלען אין דיינע רייד.. א פרוי וועט אימזיסט קיין מאן ניט בעשול־דיגען, ווי שלעכט און פארדארבען זי זאל ניט זיין... און דאס וואס דו אליין קענסט ניט געבען קיין ערקלעהרונג ווענען דיין גארטעל, דאס אליין איז שוין אויך פארדעכטיג... און יעצט, נאכדעם ווי דו האסט זי געדראהט איז זי געפו־רען געווארען א דערשטיקטע, און דערצו נאך מיט דיין גארטעל. דארף מען דען האבען א בעסערען באווייז אז דו ביזט שולדיג?!...

— אפילו עכן, דער זוהן פון זבדי, ווייס אז איך האב זי בלויז געדראהט מיט נקמה כדי אנצוווארפען אויף איהר א מורא זי זאל זיך מודה זיין.

— עכן?! ווי קומט עכן צו דיר? — האט איהם כלב געפרעגט.

— איך האב איהם געזעהן און אלעס דערצעהלט, און ער האט מיר פאר־שפראכען צו העלפען אין דעם, ווייל ער איז געווען זיכער אז איך בין אומשול־דיג, און ער איז אוועק צו שלומית'ן, אבער דאס האט אויך ניט געהאלפען, און ער האט מיך געראטהען איך זאל שיקען צוויי שלוחים און אנזאגען מיט'ן הארבען ווארט אז אויב זי וועט זיך ניט מודה זיין וועט זי חרמה האבען...

— און דו האסט זי טאקע געסטראשעט דורך די עדות? — האט יהושע געפרעגט.

— יא, איך האב אזוי געטהאן, אבער זי האט זיך פון זיי אויסגעלאכט.

— איך גלויב, אז עס וועט זיין נויטיג צו רופען עכן'ן, — האט כלב גע־זאגט צו יהושע'ן, — און איך וועל דערווייל זעהן אויסצוגעפינען פון מיין טאכטער וואס עס איז געשעהן און וואס נאך פאר א שלעכטע זאך ער ווערט בעשולדיגט.

— איך וועל דיר אליין זאגן אין וואס נאך זי האט מיך בעשולדיגט, — האט עתניאל אויסגערופען, — זי האט געטראגען צוויי אוירינגלעך, און זי האט געזאגט אז איך האב זיי צו איהר געגעבען אלס א מתנה, און אז איך האב דאס גע'גנב'עט פון חרם.

— די זאך וועט מוזען איבערגעגעבען ווערען צו די שופטים, — האט יהושע געזאגט, — און זאל טאקע עכן קומען, פיעלייכט וועט ער קענען ווארפען ליכט אויף דער גאנצער זאך. איך קען די גאנצע זאך ניט באגרייפען.

— און וואס זאל דערווייל געטהאן ווערען צו עתניאל'ן? — האט כלב געפרעגט יהושע'ן.

— עס טהוט מיר זעהר לייד, אבער לויט אלע באווייזע איז דער פערדאכט זעהר גרויס אויף עתניאל'ן, און ביז וואנען זיין נאמען וועט ריינגעוואשען ווערען, וועט ער מוזען פערהאלטען ווערען אין געפענגניס.

— אבר איך שווער נאך אמאל ביי גאט אז איך בין אומשולדיג! איך האב שלומית'ן ניט געזעהן זינט איך האב מיט עכן'ען גערעדט, און דאס איז געווען מיט א טאג פריהער.

— מיין האר, — איז איינער פון די שופטים צוגעקומען, — עס איז פאראן א פרוי וואס איז געווען א שכנה פון שלומית'ן, און איידער מען האט אויסגעפונען א דער גארטעל בעלאנגט צו עתניאל'ן, האט זי געזאגט, אז זי האט געכטען אווענט געזעהן שלומית'ן ארויסגעהענדיג פון איהר געצעלט, און ווען זי האט איהר געפרעגט וואוהין זי געהט, האט זי איהר געענטפערט, אז זי געהט זיך זעהן מיט עתניאל'ן, איהר געליעבטען... פון איהרע רייד ווייזט אויס, אז עתניאל איז געווען דער לעצטער מאן וועמען זי האט געזעהן. דארף מען דען א בעסערען באווייז?!...

— יא, איך זעה, — האט יהושע א ציה געטהאן מיט די אקסלען, און זיך געווענדעט צו עתניאל'ן, — דער פערדאכט אז דו ביזט שולדיג אין דעם מארד, ווערט גרעסער מיט יעדער רגע, און איך גלויב אז עס וואלט געווען א סך בעסער פאר דיר ווען דו ביזט זיך מודה!

— אבער איך בין אומשולדיג, ווי גאט לעבט, איך בין אומשולדיג! — האט עתניאל ניט אויפגעהערט צו שרייען.

— אויב אזוי וועסטו מוזען גע'משפט ווערען ביי די שופטים, — האט יהושע געזאגט, — און די שופטים וועלען בעשליסען אויב דו ביזט אומשולדיג אדער ניט.

באלד זיינען צוגעקומען צוויי שוטרים און האבען אוועקגעפיהרט עתניאל'ן אין געפענגניס.

דעם משפט האט יהושע בעשטימט אויף מארגען, ווייל ער האט געוואלט דאס שנעלער עס אפ'פטר'ן כדי אנצופאנגען די מלחמה מיט דעם קעניג פון עי.

בליץ שנעל איז די נייעס פארשפרייט געווארען אז מען בעשולדיגט עתניאל'ן און מארד פון שלומית'ן.

עכסה האט ווידער אויסגעבראכען אין א היסטערישען געוויין... זי האט ערשט אנגעהויבען צו באגרייפען אין וואס פאר א געפאהר איהר חתן געפינט

ויך... איהר גאַנצער צאָרן איז פון איהר פאַרשוואונדען... זי האָט יעצט געהאַט בלויז איין איינציגען וואונש... איהם צו ראַטעווען...

— ניין, איך וועל ניט דערלאָזען אז מען זאָל איהם בעשטראָפען פאַר דעם מאָרד! — האָט עכסה געשטורעמט.

— אָבער מיין טאָכטער, בערוהיג זיך, — האָט כלב זיך צו איהר אָפּגערופען, — דו ווייסט דאָך וואָס עס שטעהט געשריבען אין אונזער הייליגער תורה, ווען איינער טויטעט א מענשען דאַרף ער אַליין געטויטעט ווערען... און אויב מען וועט איהם געפינען שולדיג וועט ער מוזען זיין שטראָף בעקומען... דער געזעץ פון דער תורה דאַרף בלייבען געזעץ... און אפילו ווען דער מערדער איז מיין אייגענער ברודער, וועל איך איהם אַליין איבערגעבען אין די הענד פון די שופטים ער זאָל פאַר'משפט ווערען.

— אָבער... איך בין זיכער אז עתניאל איז אומשולדיג!... — האָט עכסה געוויינט, — ער וועט קיין מאָרד ניט באַגעהן.

— אויב ער האָט געקענט באַגעהן דעם ערשטען פאַרברעכען מיט שלומית'ן, האָט ער מסתמא בעגאַנגען אויך דעם צווייטען פאַרברעכען... און ווי ער האָט מיר נאָך איבערגעגעבען, ביזטו און רחב געקומען צו שלומית'ס געצעלט אין דער צייט ווען ער האָט איהר נאָך אמאָל בעזוכט.

— יאָ, מיר זיינען געווען, אָבער פאָטער, ווען דו וואָלסט געזעהן מיט וואָס פאַר א חוצפה די אלמנה האָט גערעדט, וואָלסטו אַליין צוגעגעבען אז זי האָט פאַרדיענט דעם טויט.

— אויב אזוי, גיסטו אַליין צו אז עתניאל האָט אן אורזאַכע זיך מיט איהר אָפּצורעכענען.

— ניין! ניין! איך גיב ניט צו! — האָט עכסה אויסגערופען, — איך ווייס אז ער איז אומשולדיג, און איך וועל איהם ראַטעווען.

— מיין טאָכטער! עתניאל איז מיין ברודער, מיין בלוט און פלייש, אָבער פון דעסטוועגען וויל איך ניט אז גערעכטיגקייט זאָל פאַרקריכט ווערען... אויב ער איז שולדיג וועט ער מוזען ליידען... און אויב ער איז אומשולדיג וועט ער באַפרייט ווערען...

— אָה, ווי אזוי וועל איך עס קענען צוזעהן! — האָט עכסה ביטער געוויינט, — איך האָב דאָך איהם אזוי ליעב!

— וואָס? ! דו האָסט איהם נאָך אַלץ ליעב?! שעהמען מעגסטו זיך, מיין טאָכטער! נאָכדעם ווי ער האָט אזוי געזינדיגט נעגען דיר!...

— איך ווייס אז ער האָט זיך בענאַרישט, און פיעלייכט האָט זי איהם טאַקע אריינגעצויגען אין איהר נעץ... אָבער איך האָב איהם נאָך אַלץ ליעב... ער איז שוין גענוג אָפּגעקומען פאַר זיין נאַרישקייט און יעצט אז זי איז טויט, און דער שאַנד־פלעק איז אָפּגעווישט געוואָרען פון איהם, וויל מען איהם בעשולדיגען אין נאָך א גרעסערען פאַרברעכען!

— פון דיינע רייד אַליין קען מען זעהן, אז עתניאל האָט געהאַט א חלק אין איהר טויט! — האָט כלב געזאָגט — און יעדער איינער קען פאַרשטעהן אז דאָס האָט ער געטהאָן צוליעב נקמה... יאָ, ער אַליין האָט מיר געזאָגט אז שלומית האָט איהם באַשולדיגט אז ער האָט גע'גנב'עט אוירינגלעך פון חרם און איהר געגעבען אַלס מתנה!

— איך האב איהר ניט געגלויבט! עס איז אונמעגליך! עתניאל איז ניט קיין גנב און געווים ניט קיין מערדער! — האט עכסה אויסגערופען, — איך וועל שווערען אז ער איז אומשולדיג!

— זי האט דאך עס געזאגט פאר איהם אין די אויגען! — האט כלב זיך אפגערופען.

— זי, די חצופה, האט זיך פאר קיין זאך ניט אפגעשטעלט, אבער איך קען עתניאל׳ן און וויים זיין נאטור, און איך שווער אז ער האט ניט גע׳גנב׳עט פון חרם און געווים זי ניט ערמארדעט! — האט עכסה אויסגערופען, — איך וועל בארגען געהן צום משפט, און איך בעט דיך, פאטער, דו זאלסט מיר ערלויבען צו ריידען פאר די שופטים, איך וועל זיי אלעס ערקלעהרען.

— אויב דו מיינסט אז דו וועסט מיט דיין ריידען א טובה טהאן עתניאל׳ן מאכסטו א טעות! — האט כלב געזאגט, — עס איז קיין צווייפעל ניט אז ער האט עס אלעס געטהאן, ווייל איין עבירה ברייגגט צו א צווייטער, אויב ער האט פריהער געזינדיגט מיט שלומית׳ן וועט ער געווים גנב׳ענען כדי זי צו באלוינען מיט מתנות, און יעצט אז זי האט אויף איהם געבראכט א צרה, האט ער זי ערמארדעט... נאך אלעמען זיינען דאך אלע בעווייזע געגען איהם... מען האט ווידער געפונען זיין גארטעל ארומגעוויקעלט ארום איהר האלז. א שכנה האט מיט שלומית׳ן גערעדט לעצטען אוונט, און שלומית האט איהר דייטליך געזאגט אז זי געהט זיך באגעגענען מיט עתניאל׳ן איהר געליעבטען... דארף מען דען האבען מעהרערע באווייזע אז ער איז שולדיג!

— אזוי לאנג ווי ער זאגט אז ער איז ניט שולדיג, וועל איך איהם גלויבען! ווען ער איז געווען שילדיג האט ער זיך דאך מודה געווען!

— ער לייקענט יעצט אין גאנצען! ער זאגט, אז שלומית האט איהם אריינגענארט דורך א ליגען... זי האט איהם געשיקט רופען און געזאגט, אז דו ווארטסט אויף איהם, און ווען ער איז צו איהר געקומען, האט זי איהם פער־האלטען, און דאס האט זי געטהאן כדי צו מאכען א בלבול אויף איהם.

עכסה׳ס אויגען האבען אויפגעלויכטען.

— יעצט בין איך זיכער אז ער איז אין גאנצען אומשולדיג! זי האט אויף איהם געמאכט א בלבול! זי איז געווען איינע פון די נידעריגסטע פרויען... אה, פאטער, פארוואס האבען מיר ניט הערלאזט ער זאל אונז אלעס אויפ־קלעהרען.

— מיין טאכטער, דו מאכסט א טעות! דיין רחמנות אויף איהם האט אין דיר נאך אמאל ערוועקט דיין ליעבע צו איהם, און דו ווילסט ניט זעהן זיינע חסרונות... יעצט קומט דיר אוים אז ער איז אומשולדיג און דו וועסט גלויבען יעדע זאך וואס ער רעדט ארוים... הלואי, מיין טאכטער, וואלט טאקע אזוי געווען ווי דו גלויבסט, דאן וואלט אזא גרויסער שאנד־פלעק אפגעווישט געווארען פון אונזער משפחה... אבער צו מיין בעדויערען, זעה איך אז עתניאל איז שולדיג אין אלע זאכען.

— איך וועל יעצט שווערען פאר איהם, אז ער איז אומשולדיג! — האט עכסה נאך מיט מעהר באגייסטערונג אויסגערופען.

— און וואס וועסטו זאגען וועגען די באווייזע געגען איהם, וועגען זיין

נארטעג, וועגען דעם וואס ער האט זי געסטראשעט א טאג איידער זי איז ערמארדעט געווארען. קענסטו עס אלעס אוועקמאכען מיט דער האנט!

עכסה האט א טראכט געטהאן און איהר פנים האט אנגענומען א טרויעריגען אויסזעהן... די באוויזע זיינען דאך פארט שטארקע. זי האט זיך גענומען דערמאהנען, ווען זי האט איהם געטראפען אין שלומית'ס געצעלט ווי ער האט איהר געהאלטען פאר דער האנט. זי האט דערמאהנט זיך ווען זי און רחב האבען זיך אונטערגעהערט הינטער דער טיר, ווי שלומית האט מיט איהם גערעדט פון זייער ליעבע. ווער ווייס! אפשר... אבער ניין! ער איז אונשולדיג, זי איז זיכער, אז אלעס איז איף איהם א בלבול געמאכט... איהר עתניאל וועט אזא זאך ניט טהאן... מעגליך, אז איינער פון זיינע שונאים האט איהם אפגעטהאן אזא זאך, כדי זיך מיט איהם אפצורעכענען. עתניאל איז ניט פארדארבען און ער וועט קיין פארברעכען ניט באגעהן!

— אה, פאטער, ווי אזוי קענסטו נאר טראכטען, אז דיין ברודער זאל זיין אזוי פארדארבען!

— מיין קינד — האט כלב געענטפערט — ווי שטארק דיין וואונש איז צו זעהן עתניאל'ן ריינגעוואשען אזוי איז מיין וואונש אויך. אבער פונדעסטוועגען בין איך ניט פארבלענדעט. איך קען זעהן אויך מיין אייגען ברודער אלס א שולדיגער... כאטש איך האב אויף איהם רחמנות, פונדעסטוועגען וועל איך זעהן, אז גערעכטיגקייט מוז געטהאן ווערען און אויב ער וועט געפונען ווערען שולדיג, וועט ער דארפען באקומען זיין פולע שטראף.

— ער איז אונשולדיג! די שופטים וועלען זעהן, אז ער איז ריין פון זינד! איך מוז זיין ביים משפט, איך וועל פאר איהם שווערען!

— ניין, מיין טאכטער, דאס קענסטו ניט טהאן! איך וועל ניט דערלאזען, אז דו זאלסט שווערען פאלש... ווייל דו אליין ביזט אויך ניט אין גאנצען זיכער... דו וועסט עס טהאן, ווייל דיין ליעבע צו איהם האט זיך אין דיר ווידער צופלאקערט.

— אבער איך מוז זיין! איך וועל איבערציינען די שופטים, אז ער איז ניט קיין מערדער!

אויף מארגען גאנץ פריה זיינען די שופטים צוזאמענגעקומען צו משפט'ן עתניאל'ן פאר'ן מארד פון שלומית'ן.

הונדערטע מענשען פון דעם שבט יהודה זיינען געקומען זעהן און הערען דעם משפט, אבער ניט אלעמען האט מען צוגעלאזען גאנץ נאהענט.

עכסה איז צוגעקומען מיט איהר פאטער. איהר פנים איז געווען באדעקט מיט א דיקען שלייער, מען זאל ניט קענען באמערקען איהרע פארוויינטע אויגען. זי האט גלייך באמערקט עתניאל'ן, זיצענדיג ארומגערינגעלט פון שוטרים. זיין פנים איז געווען אזוי בלאס, זיינע אויגען האבען אויסגעדריקט אזוי פיעל שמערצען און טרויער. ווען עכסה האט איהם דערזעהן, האט איהר צוגעדריקט ביים הארצען און זי האט זיך ניט געקענט באהערשען און זיך פאנאנדערגעבלייעט. כלב האט געמאכט א פרווו זי צו בארוהיגען, אבער אהן ערפאלג.

— מיין טאכטער! — האט ער געזאגט — אויב דו וועסט זיך ניט קענען

באהערשען, וועבסטו זיין געצוואונגען זיך אויסצוקעהרען אהיים, ווייל מען קען דאך ניט דערלאזען, אז דו זאלסט שטערען דעם גאנצען משפט.

— וואו איז יהושע? — האט עכסה געפרעגט איהר פאטער, קוים איינהאלטענדיג איהר געוויין.

— יהושע וועט ניט זיין אנוועזענד ביים משפט — האט כלב געענטפערט — ווייל אלע וויסען, אז מיט יאהרען צוריק זיינען זיי ביידע געווען באפריינדעט און זיין געגענווארט וואלט פיליכט באאיינפלוסט די שופטים.

עכסה האט א זיפץ געטהאן און האט גענומען באטראכטען די שופטים. זיי זיינען אלע געווען אין די עלטערע יאהרען. לאנגע וויסע בערד האבען באצירט זייערע פנים׳ער, וואס זיינען געווען ערנסט און א שטייפקייט האט ארויסגעקוקט פון זייערע אויגען.

— זיינען אלע עדות געקומען? — האט דער עלטסטער פון די שופטים געפרעגט.

— אלע אחוץ עכן! — האט מען איהם געענטפערט.

— וואס פאר אן עדות איז עכן? — האט א צווייטער געפרעגט — איז ער גערופען געווארען פאר דער באשולדיגונג אדער פאר דער פארטיידיגונג.

— איך האב איהם אנגעגעבען אלס מיין עדות! — האט עתניאל געזאגט מיט א שוואכע שטימע — ער האט געוואוסט פון מיינע לידען און מיר געוואלט העלפען... ער וועט עדות זאגען, אז כאטש איך האב געסטראשעט דער פרוי, פונדעסטוועגען האב איך דעם מארד ניט באגאנגען.

— זאל מען שיקען רופען עכן׳ען! — האט דער ראש פון די שופטים זיך אפגערופען — און ווען ער וועט קומען, וועט זיך דער משפט אנפאנגען.

— עכן קומט אן מיט נאך צוויי מענשען! — האט איטיצער אויסגערופען און ער האט געהייסען די ארומיגע מאכען פלאץ פאר עכן׳ען.

עכן איז צוגעקומען פאר די שופטים און זיך א נייג געטהאן.

— ווער זיינען דיינע צוויי באגלייטער? — האט א שופט איהם געפרעגט.

— זיי וויסען אויך עפעס וועגען דער אנגעלעגענהייט — האט עכן געענטפערט — זיי זיינען געווען עתניאל׳ס שלוחים צו דער אלמנה.

— גוט האסטו געטהאן וואס דו האסט זיי געבראכט! — האט דער ראש פון די שופטים געזאגט — מעגליך, אז פון זיי וועלען מיר קענען אויך עפעס אויסגעפינען.

זיי האבען זיך אלע געזעצט און דער שופט האט גענומען ריידען וועגען דער באשולדיגונג.

— נעכטען אין דער פריה האט מען געפונען שלומית׳ן, די אלמנה, א דערשטיקטע. ווען מען האט זיך גוט ארומגעקוקט, האט מען געזעהן, אז זי איז דערשטיקט געווארען מיט א גארטעל, וואס דער מערדער האט ארומגעוויקעלט ארום איהר האלז... דאס גארטעל איז גלייך דערקענט געווארען פון כלב׳ן דאס ער באלאנגט צו עתניאל׳ן, און עתניאל אליין האט אויך צוגעגעבען, אז דער גארטעל איז זיינער, אבער ער לייקענט, אז ער האט דיזען מארד באגאנגען.

— האסטו געקענט שלומית׳ן דער אלמנה? — האט דער קטגור (פראקורארר) געפרעגט עתניאל׳ן.

— ניט לאנג צוריק האב איך זיך מיט איהר באקענט. זי האט געשיקט...

— איך פרעג דיך ניט ווי אזוי דו האסט זיך מיט איהר באקענט — האט ער איהם אונטערבראכען — דו דארפסט מיר בלויז ענטפערען אויף מיינע פראגען; זאג מיר, האסטו באזוכט שלומית'ן אין איהר געצעלט?

— הם... איך האב דאך געזאגט, אז...

— ענטפערט מיר בלויז אויף מיין פראגע: האסטו באזוכט שלומית'ן אין איהר געצעלט?

— הם... יע!

— וויפיעל מאל ביזטו ביז איהר געווען אין געצעלט?

— צוויי מאל.

די שופטים האבען זיך איבערגעווארפען מיט בליקען.

— ווי לאנג האסטו פארבראכט אין געצעלט?

— זי האט מיך אהין פארנארט און זי האט מיך דארטען פארהאלטען פאר א היבשע וויילע.

— האט זי דיך געצוואונגען צו פארבלייבען מיט איהר? — האט דער קטגור געזאגט מיט א סארקאסטישען שמייכעל אויף זיינע ליפען.

— אה, ניין! זי האט דאס ניט געקענט טהאן, אבער...

— אבער דו ביזט אליין, מיט דיין גוטען ווילען דארט פארבליבען, ווייל איהר געזעלשאפט איז דיר געווען אנגענעהם.

— עס איז ניט ריכטיג! זי האט מיך דארטען פארהאלטען מיט א אויסרייד!..

— און דו האסט געוואלט אוועקגעהן פון דארטען וואס שנעלער?

— יע!

— ביזטו געקומען איהר באזוכען א צווייטען מאל?

— יע!

— האט זי דעם צווייטען מאל אויך נאך דיר געשיקט?

— ניין, דעם צווייטען מאל בין איך אליין געקומען!

— יעצט זאג מיר, עתניאל, אויב מיר זאלען אננעהמען, אז דו זאגסט דעם אמת, אז דיר איז דארטען ניט געווען אנגענעהם, פארוואס ביזטו אהין א צווייטען מאל געגאנגען?

— איך בין געקומען פארלאנגען פון איהר זי זאל מיך ריינוואשען פון דעם בלבול, וואס זי האט אויף מיר געמאכט.

— וואס פאר א בלבול האט זי אויף דיר געמאכט?

— זי האט ארויסגעלאזען א קלאנג, אז איך בין צו איהר געקומען, ווייל איך האב זי ליעב באקומען!

— און איז דער ווירקליכטקייט האסטו זי ניט ליעב געהאט?

עתניאל האט א ציטער געטהאן.

— געוויס ניט! ווען איך האב אויסגעפונען איהר כונה האב איך איהר געהאסט און האב באשלאסען זי צו צווינגען זי זאל זיך מודה זיין פאר...

— פאר וועמען?

— פאר מיין ברודער און פאר מיין כלה עכסה! — האט ער געזאגט, און זיין פנים איז רויט געווארען.

— און ווען דו ביזט געקומען צו איהר דעם צווייטען מאל און פארלאנגט זי זאל געהן מיט דיר צו דיין ברודער, וואס איז געווען איהר ענטפער?

— זי האט ניט געוואלט הערען פון דעם און זי האט גאנץ הויך מיך באשולדיגט...

— און וואס האסטו געטהאן? האסטו דען איהר ניט געסטראשעט צו נעהמען נקמה?...

— יע, איך האב זי געסטראשעט, אבער אלע וויסען, אז איך וואלט מיין דראהונג קיינמאל ניט דורכגעפיהרט. אויף דעם וועט עכן עדות אזגען.

— מיר וועלען אויך קומען צו עכן'ען — האט דער שופט געזאגט — דערווייל זאל צוקומען די פרוי, וועלכע איז געווען שלומית'ס שכנה.

די פרוי איז צוגעקומען, און דער שופט האט זיך צו איהר געווענדעט:

— האסטו געקענט שלומית'ן די אלמנה?

— א פראגע אויב איך האב זי געקענט! — האט די פרוי געענטפערט — און ווער האט זי ניט געקענט? זינט איהר מאן איז געשטארבען, האט זי זיך גענומען זעהר שלעכט אויפפיהרען. ניט איין מאל האב איך באמערקט ווי יונגע־לייט פארלאזען איהר געצעלט.

— האסטו פיליכט אויך איהם געזעהן אריינקומענדיג, אדער ארויס־געהענדיג פון איהר געצעלט? — האט ער אנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף עתניאל'ן.

די פרוי האט עתניאל'ן באטראכט און א שאקעל געטהאן מיט איהר קאפ אויף ניין.

— ווען האסטו געזעהן שלומית'ן צום לעצטען מאל? — האט דער קטגור איהר געפרעגט.

— דעם אווענט איידער זי איז ערמארדעט געווארען!

— האסטו מיט'איהר גערעדט?

— יע! איך האב איהר געפרעגט וואוהין זי געהט און זי האט מיר גע־ענטפערט, אז זי געהט זיך באגעגענען מיט עתניאל'ן איהר געליעבטען.

— דאס איז א ליגען! דאס איז אונמעגליך! — האט עכסה אויסגערופען מיט צארן — עתניאל האט זי קיינמאל ניט ליעב געהאט, און איך בין געווען דערביי, ווען עתניאל איז געווען ביי שלומית'ן צום צווייטען מאל... איך האב געזעהן מיט וואס פאר א האס ער האט צו איהר גערעדט און זי אויך...

— איך בין געגרייט צו שווערען, אז איך זאג דעם אמת! — האט די פרוי זיך אפגערופען א דערשראקענע.

— איך באשולדיג דיך ניט אין זאגען א ליגען. געוויס האט שלומית צו דיר אזוי גערעדט, אבער איך וויים, אז שלומית האט דיר געזאגט א ליגען. זי איז געוויס געגאנגען זיך זעהן מיט איינעם פון איהרע אנדערע געליעבטע, און יענער האט זי ערמארדעט.

— מעג איך זאגען א פאר ווערטער? — האט עכן קאלטבלוטיג א זאג געטהאן.

— געוויס! זאג אונז אלעס וואס דו ווייסט, ווייל צוליעב דעם האבען מיר נאך דיר געשיקט.

— איך האב זיך מיט עתניאל'ן געזעהן און ווען ער האט מיר דערצעהלט וועגען איהם און שלומית'ן איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט געווען, אז ער איז אונשולדיג און זי האט געזוכט אויף איהם א בלבול צו מאכען. איך האב איהם פארשפראכען צו העלפען און איך בין אוועק צו שלומית'ן און דאס וואס איך האב פון איהר געהערט האט מיר געמאכט ענדערען מיין מיינונג.

— דו מיינסט, אז זי האט דיר איבערצייגט, אז ער איז שולדיג?

— לויט ווי זי האט מיר דערצעהלט. איז זי געווען גערעכט. און איך האב שוין גארניט געוואוסט וועמען צו גלויבען. יעצט אבער, אז איך האב געהערט, אז זי איז ערמארדעט געווארען, מוז איך צו מיין באדויערען צוגעבען, אז איך בין איבערצייגט, אז עתניאל איז איהר מערדער, אפילו ווען מען וואלט זיין גארטעל ניט געפונען ארומגעוויקעלט ארום איהר האלז, וואלט ביי מיר קיין צווייפעל ניט געווען, אז ער איז איהר מערדער.

— אויף וואס באגרינדעסטו דיינע רייד? — האט איהם א שופט א פרעג געטהאן.

— אויף דעם וואס איך האב געהערט פון זיין מויל און אויך וואס די צוויי מענשען האבען געהערט איהם ריידענדיג. איך האב אבזיכטליך אויפגעזוכט דיזע צוויי עדות, ווייל זיי זיינען געווען די שלוחים, וועמען עתניאל האט געשיקט צו שולמית'ן, און זיי האבען איהם געבראכט איהר תשובה.

— אה, עבן, ווי אזוי קענסטו בעהויפטען אזא זאך? — האט עתניאל אויסגערופען, אויפשטעלענדיג זיך פון זיין פלאץ, — דו ווייסט דאך אז איך בין ניט פעהיג צו טהאן אזא זאך!

— דו האסט יעצט קיין רעכט ניט צו ריידען! — האט איהם דער שופט אונטערבראכען, — ווען מען וועט דיר שטעלען פראגעס וועסטו ענטפערען.

עתניאל האט זיך צוריקגעזעצט און טרויעריג זיינע אויגען ארונטערגעלאזען. עס דוכט זיך איהם אז אלע זיינען געגען איהם. עבן איז ניט לאנג צוריק געווען זיין פריינד, ער האט איהם געוואלט העלפען, און יעצט קומט ער גאר עדות זאגען געגען איהם. יא, ווי עס ווייזט אויס איז ער שוין א פארלארענער. קיינער וועט איהם ניט גלויבען... גאט שטראפט איהם, כאטש ער ווייס ניט מיט וואס ער האט געזינדיגט... ער איז געבליבען זיצען פארצווייפעלט און האפנונגסלאז. א גרויסער יאוש האט איהם ארומגענומען, באלד אבער האט ער א בליק געטהאן אין דער ריכטונג וואו עכסה איז געזעסען, און דאס בלוט האט אין איהם ווידער א זעץ געטהאן... ער האט געקראגען א נייעם לוסט צום לעבען און קעמפפען... ער זעהט דאך אז עכסה איז איהם געבליבען געטריי כאטש זי האט איהם פריהער חושד געווען. איהר ליעבע צו איהם איז נאך יעצט זעהר שטארק... ער האט באמערקט ווי איהרע אויגען האבען געברענט מיט פייער ווען זי האט אויסגערופען "אז דאס איז א ליגען וואס שלומית האט איהם בעשולדיגט אז ער האט זי ליעב געהאט"... איז עס מעגליך אז עכסה האט זיך ארומגעזעהן אז ער איז אומשולדיג, אדער זי איז געקומען אהער ווייל זי האט אויף איהם רחמנות און וויל איהם ראטעווען? . . .

— עכן, דערצעהל אונז אלעס וואס דו ווייסט וועגען דיזען מאורד, — הערט עתניאל ווי דער שופט רופט זיך אפ.

עתניאל האט אויפגעוואכט פון זיינע געדאנקען, און ער האט אנגעווענדעט זיינע בליקען אויף עכן׳ען, וועלכער האט זיך אויסגעגלייכט און קאלטבלוטיג פארטגעזעצט :

—ווען עתניאל׳ס שלוחים האבען איהם געבראכט די תשובה, בין איך גראדע דאן דערביי געווען, איך האב געהערט אז זיי זאגען איהם אז שלומית האט פאר איהם קיין מורא ניט און אז זי וועט ארונטעררייסען דעם שלייער פון זיין פנים, און אלע וועלען זעהן וואס פאר א מאן ער איז... אבער צו וואס דארף איך איבערגעבען זייערע רייד אז די שלוחים זיינען דא פאראן. זאל זיי דער שופט אויספרעגען.

— איז דאס געווען אייער תשובה וואס איהר האט געבראכט עתניאל׳ן פון שלומית׳ן? — האט דער שופט געפרעגט

— יא, — האבען ביידע א שאקעל געטהאן מיט די קעפ.

— און וואס האט עתניאל דאן געזאגט? — האט דער שופט געפרעגט איינעם פון די שלוחים.

— ער האט געזאגט, אז ער וועט זיך מיט איהר אפרעכענען פאר דעם, ער וועט דאס איהר ניט שענקען.

— דאס אלעס וואס ער האט געזאגט? — האט דער שופט ווייטער גע־פרעגט.

— ער האט געזאגט אז ער וועט איהר ציינען אז ער קען איהר גענוג שלעכטעס טהאן. זי וועט פאר דעם טייער בעצאהלען.

— האסטו אזוי גערעדט? — האט דער שופט זיך געווענדעט צו עתניאל׳ן.

— הם... איך האב געמיינט אז...

— ענטפער מיר בלויז אויף מיין פראגע! — האט די שטרענגע שטימע פון שופט דורכגעלעכערט די שטילקייט, — האבען די שלוחים איבערגעגעבען דיינע רייד ריכטיג?

— יא! — האט עתניאל א שאקעל געטהאן מיט׳ן קאפ.

— הייסט עס, אז דו האסט אין זייער געגענווארט און אין געגענווארט פון עכן׳ען געסטראשעט שלומית׳ן, און יעצט ווילסטו אפלייקענען אז דו האסט זי ערמארדעט?!...

— איך האב זי ניט ערמארדעט, און איך האב קיינמאל אין זינען ניט געהאט עס צו טהאן! — האט עתניאל אויסגערופען, און די טרעהרען האבען איהם געשטיקט, — איך האב אזוי גערעדט, ווייל איך בין זעהר אויפגערעגט געווען... אבער...

—יא, כעס און אויפרעגונג זיינען צוויי שלעכטע מידות וואס א מאן בעזיצט און זיי קענען פיהרען אז מען זאל אפטהאן דעם גרעסטען פארברעכען. — האט דער הויפט פון די שופטים זיך אפגערופען, — דו אליין גיסט צו אז דו האסט אזוי גערעדט, ווייל דו ביזט געווען אויפגערעגט און אין כעס, דאס מיינט, אז דו האסט איהר געסטראשעט מיט׳ן טויט... יעצט האט מען זי טאקע געפונען א טויטע... זי איז דערשטיקט געווארען דורך אימיצען מיט דיין גארטעל... און דערצו זיינען פאראן דריי עדות אז דו האסט דיזען מארד גע־

פלאנעוועט... אויסער דעם וואס א פרוי זאגט עדות אז שלומית האט איהר געזאגט אז זי איז געגאנגען דיך באגעגענען יענעם אווענט... דארף מען דען בעסערע באווייזע אז דו ביזט אין דיזען מארד שולדיג! . . .

— ווערסטו דען קענען באווייזען אז דו ביזט אין דיין געצעלט דעם גאנצען אווענט געוועזן?

— גאט איז מיין עדות, אז איך בין ניט אפגעטראטען פון מיין געצעלט. איך בין געוועזן דאן זעהר טרויעריג און בין פארבליבען אליין מיט מיינע געדאנקען.

— אויב אזוי ווי קומט דיין גארטעל אויף שלומית'עס האלז?

— דאס קען איך ניט ערקלעהרען! — האט עתניאל געענטפערט, — אזוי ווי איך קען ניט ערקלעהרען ווי אזוי מיין גארטעל איז געקומען צו שלומית'ען דעם ערשטען מאל! סיידען אימיצער האט איהם פון מיין געצעלט ארויסגע־גנב'עט און דאמיט איהר ערמארדעט.

— לויט ווי דו זאגסט, ביזטו יענעם טאג אין אווענט ניט ארויס פון דיין געצעלט, טא ווי אזוי קענסטו זאגען אז אימיצער האט פון דיר דיין גארטעל ארויסגע־גנב'עט?

עתניאל האט אויף דיזער פראגע ניט געענטפערט. ער האט בלויז א ציה געטהאן מיט די אקסלען.

— איך בין חושד — האט זיך עכסה אנגערופען אויפשטעלענדיג זיך פון איהר פלאץ, — אז שלומית אליין האט דיזען גארטעל ארויסגע'גנב'עט פון איהם כדי שטארקער צו מאכען דעם בלבול וואס זי האט אויף איהם געמאכט.

— און זי האט זיך פיעלייכט אליין דערשטיקט מיט דעם גארטעל?! . . .— האט א שופט א שמייכעל געטהאן, — ווייסטו דען ניט, אז לויט ווי די אויספארשונג בעוויזט, האט זי זיך שטארק געראנגעלט מיט דעם מערדער. איהרע קליידער זיינען געוועזן צוריסען און איהר קערפער איז געוועזן צוביילט.

— אבער איך קען שווערען פאר עתניאל'ן אז ער איז דיזען פארברעכען ניט בעגאנגען.. אה, ניין, ניין!.. עס איז אונמעגליך! — האט עכסה אויסגע־בראכען אין א געוויין.

— בערוהיג זיך, מיין טאכטער! — האט כלב איהר געגלעט איבער'ן קאפ.

— הלואי זאל זיין ווי דו זאגסט, — אבער דו דארפסט וויסען זיין אז אויב עס וועט באוויזען ווערען אז ער איז אומשולדיג, וועט קיין שלעכטעס צו איהם ניט געשעהן.

— אפילו ווען אלע בעווייזע וועלען זיין געגען איהם, וועל איך גלויבען אין זיין אומשולד, — האט עכסה הויך אויסגערופען.

עתניאל'ס דאנקבארע בליקען האבען זיך באגעגענט מיט איהרע, און א געפיהל פון זיכערקייט איז דורכגעגאנגען זיין קערפער... וואס קימערט איהם וואס אנדערע טראכטען, אבי זיין געליעבטע גלויבט אין איהם... און אויב ער האט צוריקגעווינען עכסה'ס ליעבע צוליעב דעם, איז פאר איהם געווים כדאי געוועזן צו ליידען... יעצט האפט ער, אז זיין אומשולד וועט באלד באוויזען ווערען.

— כל זמן עס וועט ניט באוויזען ווערען אז אימיצער אנדערש האט דיזען מארד בעגאנגען, ביזטו דער איינציגער אויף וועמען עס איז פאראן א גרויסער

פערדאכט, — האט דער הויפט שופט זיך אפגערופען צו עתניאל'ן, — און דו דארפסט דאך וויסען אז קיין פארבארגענעס איז ניטא, פריהער אדער שפעטער וועט מען אויסגעפינען דעם אמת... דאריבער איז מיין עצה צו דיר, עתניאל, אז דו זאלסט זיך מודה זיין און פארשפארען אונז צו פארשווענדען צופיעל צייט.

— ווי אזוי קען איך זיך מודה זיין אויף א פארברעכען וואס א צווייטער איז בעגאנגען ?! — האט עתניאל אויסגערופען מיט אויפרעגונג.

עכן וועלכער איז די גאנצע צייט געווען קאלטבלוטיג און מיט א געמאכטער גלייכגילטיגקייט עדות געזאגט וועגען עתניאל'ס דראהונגען, האט יעצט א לייכטען ציטער געטהאן... ער האט ביי זיך בעשלאסען אז וואס עס זאל ניט געשעהן מוז ער איבערציינגען די שופטים אז עתניאל איז דער מערדער פון שלומית'ן, כדי אז אויף איהם זאל אפילו קיין שטויב פון חשד ניט פאלען.

— עתניאל האט צו מיר געהאט פיעל צוטרויען, — האט עכן זיך געווענדעט צו די שופטים, — ער האט פאר מיר זיין הארץ ענטפלעקט און איך גלויב, אז איך וועל מיט מיין עדות זאגען קענען העלפען די שופטים. און דאריבער וואלט געווען מיין עצה אז מען זאל איהם אויספרעגען אין גאנצען פון אנפאנג אז ווי אזוי ער קומט צו שלומית'ן, און דאן וועל איך זעהן אויב ער זאגט דעם אמת אדער ניט.

— גוט, מיר וועלען אזוי טאהן, — האט דער ראש פון די שופטים א זאג געטהאן, — דערצעהל אונז, עתניאל, ווי אזוי דו קומסט צו שלומית'ן.

עתניאל האט זיך אויפגעשטעלט און ער האט גענומען דערצעהלען ווי אזוי שולמית האט איהם פריהער אריינגענארט אין איהר געצעלט, און ווי אזוי זי האט איהם מיט אן אויסרייד דארט פארהאלטען, און ווי אזוי די צוויי מענשען האבען געווארט דארטען.

— וואלסטו די צוויי מענשען דערקענט ? — האט איהם דער שופט געפרעגט.

— יא, איך וואלט זיי דערקענט, אבער איך ווייס ניט ווער זיי זיינען און וואו זיי געפינען זיך.

— און וואס איז ווייטער געווען ? — האט דער שופט איהם געפרעגט.

— דאן האט זיך מיין ברודער און מיין כלה דערוואוסט וועגען מיין בעזוך און זיינען אוועק צו שלומית'ן אויסצוגעפינען אויב עס איז אמת. אבער די שלעכטע אומווירדיגע פרוי האט באשטעטיגט דעם בלבול אויף מיר.

— מען טאר אזוי ניט ריידען וועגען א געשטארבענעם מענשען ! — האט א שופט איהם איבערבראכען, — דערצעהל אונז ווי אזוי דו ביזט געקומען דעם צווייטען מאל צו איהר.

עתניאל האט גענומען דערצעהלען מיט אלע איינצעלהייטען ווי אזוי ער איז צו איהר געקומען בעטען, פריהער מיט גוטען און נאכהער האט ער זי געוואלט צווינגען זי זאל געהן און צוריקציהען איהר בעשולדיגונג, דאן זיינען אנגעקומען עכסה און רחב און זי האט אויף מיר נאך א גרעסערען בלבול געמאכט, זאגענדיג אז איך קום זי באלעסטיגען מיט מיין ליעבעס-ערקלעהרונג, און אז איך האב איהר געגעבען זילבערנע אוירינגלעך וואס בעלאנגט צו דעם חרם.

— האט מען אויף איהר געפונען די זילבערנע אוירינגלעך ? — האט דער

שופט געפרעגט דעם מאַן וואָס האָט געהאַט אויפזיכט איבער שלומית'ס זאַכען.

— יאַ, מיין האַר, זי האָט די אוירינגלעך דאַן געטראָגען.

— זאָל מען זיי אהער ברייגגען.

באַלד זיינען די אוירינגלעך צוגעטראָגען געוואָרען צום שופט, און יענער האָט זיך געווענדעט צו עתניאל'ן:

— דערקענסטו דיזע אוירינגלעך? האָסטו זיי געגעבען צו שלומית'ן?

— איך האָב זיי קיינמאָל אין מיין האַנד ניט געהאַלטען און איך האָב זיי צום ערשטען מאָל באַמערקט ווען רחב האָט זיי . . .

— איך קען זיך שוין מעהר ניט באַהערשען! — האָט עכן איהם ניט געלאָזען פאַרענדיגען, — יעצט איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט אַז ער האָט דעם מאָרד בעגאַנגען!

— עתניאל האָט אויף איהם אויסגעשטאַרטשעט זיינע אויגען, און פון גרויס ערשטוינונג און איבערראַשונג קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסריידען.

— מיט וואָס באַגרינדעסט דו דיין יעצטיגע בעהויפּטונג? — האָט דער הויפּט פון די שופטים איהם געפרעגט.

— ווייל איך זעה אַז עס איז קיין איינציג וואָרט אמת ניטאָ אין זיינע רייד... ער זאָגט אַז ער האָט קיינמאָל אין זיין האַנד דיזע אוירינגלעך ניט געהאַלטען... ער איז מיר שווער צו זאָגען, ווייל כלב, זיין ברודער, איז מיר אַ גוטער פריינד און האָט מיר פיעלע טובות געטהאָן און איך זאָג עדות געגען עתניאל'ן זעהר ניט גערן, אָבער צוליעב דעם אַז דער אמת'ער מערדער מוז אויסגעפונען ווערען געפין איך עס פאַר מיין פליכט צו זאָגען פאַר די שופטים אַז עתניאל זאָגט ליגען. פאַר מיר האָט ער קיינע סודות נישט געהאַלטען. ער האָט מיר פאַרטרויט אַז ער האָט ווירקליך ליעב בעקומען די אלמנה.

— אַה, דו ליגנער! דו בעטריגער! דו אויסוואורף! — האָט עתניאל אויסגערופען און זיך אַ שטעל געטהאָן פון זיין פּלאַץ און צוזאַמענגעדריקט זיינע פויסטען.

— אויב די שופטים וועלען דערלאָזען אַז ער זאָל מיך זידלען און אונטערברעכען מיינע רייד, וועל איך מעהר ניט ריידען! — האָט עכן געזאָגט.

די שופטים האָבען עתניאל'ן איינגעשטילט און איהם שטרענג אָנגעזאָגט אַז ער זאָל ניט אונטערברעכען די רייד פון עדות.

— דו אליין האָסט דאָך פערלאַנגט אַז מען זאָל שיקען רופען עכן'ען, און יעצט לאָזטו איהם ניט ריידען!

— אָבער איך שווער ביי גאָט אַז ער זאָגט ליגען!

— זאָל זיין געגוג! — האָט דער הויפּט פון די שופטים אויף איהם אַ געשריי געטהאָן, — שטער ניט די אויספאָרשונג.

עתניאל האָט זיך צוריקגעזעצט. ער האָט געביסען זיינע ליפּען פון כעס און אויפרעגונג. אלע צוהערער און צושויער האָבען נאָך מעהר אָנגעשטרענגט אויגען און אויערען צו הערען וואָס עכן האָט צו דערצעהלען.

ווען אָרדנונג איז צוריקגעשטעלט געוואָרען, האָט עכן פאָרטגעזעצט

— יאַ, איך האָב געזוכט איהם צו בעשיצען, און ווען ער וואָלט דעם מאָרד ניט בעגאַנגען, וואָלט איך זיכער זיינע סודות וואָס ער האָט מיר אָנפערטרויט פאַר קיינעם ניט דערצעהלט, אָבער יעצט ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אויס-

נעפינען דעם ריכטיגען מערדער, האב איך מעהר קיין רעכט ניט צו שווייגען. איך מוז אלעס דערצעהלען... ווי איך האב שוין פריהער געזאגט, — האט עכן אנגעצייגט מיט זיין פינגער אויף עתניאל'ן, — האט ער מיר אנפערטרויט אז ער האט ליעב בעקומען שלומית'ן און מיך געבעטען איך זאל עס פאר קיינעם ניט ענטדעקען ווייל ער האט ניט געוואלט אז עכסה זאל פון דעם אויסגעפינען. איך האב איהם פארשפראכען און איך האב ווירקליך מיין פארשפרעכעך געהאלטען. און ווען ניט דיזער מארד וואלט איך עס פיעלייכט קיינמאל ניט דערצעהלט... מיט א קורצער צייט צוריק רופט מיך עתניאל אוועק אן א זייט און זאגט מיר אז ער וויל מיר עפעס צייגען. איך בין מיט איהם געגאנגען און ער האט ארויסגענומען פון זיין קעשענע דיזע זילבערנע אויירינגלעך און האט מיר פארטרויט אז ער וויל זיי געבען א מתנה צו שלומית'ן... איך געדענק נאך אז איך האב איהם געפרעגט פארוואס ער זאל אזא שעהנע מתנה בעסער ניט געבען צו עכסה'ן, זיין כלה, אבער ער האט מיר אויף דעם קיין תשובה ניט געגעבען. ער האט עפעס ארויסגעשטאמעלט אז עכסה האט זעהר פיעל ציערונג...

— אה, דער אומווירדיגער ליגער! — האט עתניאל זיך ניט געקענט באהערשען, און זיך ווייטער אויפגעשטעלט.

מיט גרויסע שוועריגקייטען האבען די שופטים איהם בערוהיגט און געהייסען עכן'ען ווייטער דערצעהלען.

— קום, מיין טאכטער, — האט כלב זיך אפגערופען צו עכסה'ן, — יעצט וועהסטו שוין ווער עתניאל איז! קום, לאמיר שנעל אוועקגעהן פון דאנען.

— אה, ניין, פאטער, איך מוז דא בלייבען איך בין זיכער אז עכן זאגט ליגען! איך קען עס דערקענען אן עתניאל'ס פנים. אה, לאמיר נאך פארבלייבען.

— ביי דיר קומט אויס אז אלע זאגען ליגען אויסער עתניאל'ן, — האט כלב אויסגערופען, — זעהסטו דען ניט אז ער איז שולדיג אין אלע פארברעכען? קום, מיין טאכטער, איך וויל דא מעהר ניט פארבלייבען... דאס בלוט גיסט זיך פון מיין הארצען ווען איך הער אזעלכע "שעהנע" זאכען פון מיין ברודר.

— איך וועל דא אליין פארבלייבען! — האט זיך עכסה גענומען בעטען.

— אפילו קיין איינציגע רגע וועסטו דא מעהר ניט פארבלייבען, — האט כלב אנגענומען עכסה'ן פאר איהר האנד, און איז מיט איהר אוועק פון דארט.

— איך וויל הערען וואס עכן האט ווייטער צו זאגען! — האט עכסה ניט אויפגעהערט זיך צו בעטען.

— דאס וועלען מיר שפעטער אויסגעפינען ביי די אנדערע וועלכע זיינען דארט פארבליבן, — האט כלב איהר געענטפערט.

ווען עכן האט באמערקט אז כלב און זיין טאכטער זיינען אוועק, האט ער פרייער אפגעאטעמט... יעצט וועט ער קענען זאגען וואס ער וויל.

— און יעצט וועל איך אייך נאך עפעס ענטדעקען, — האט עכן זיך אפגערופען צו די שופטים, — עתניאל האט זיך פאר מיר מודה געווען, אז ער האט שלומית'ן פארשפראכען צו ברייננען נאך ציערונג, און אלס צייכען האט ער ביי איהר איבערגעלאזען דעם גארטעל. אבער אזוי ווי עכסה, זיין כלה, און זיין ברודער כלב האבען זיך דערוואוסט פון זיינע בעזוכען צו שלומית'ן, האט ער געוואלט זיך פון דעם אין גאנצען ארויסדרעהען... אבער שלומית האט זיך ניט געלאזען... ער איז געקומען צו איהר און איהר געסטראשעט, און ווען זי איז

נאך אלין געווען פער׳עקשן׳ט האט ער געשיקט דיזע צוויי שלוחים צו סטראשען איהר, און ער האט איהר אזוי לאנג געסטראשעט ביז וואנען ער האט טאקע אויסגעפיהרט... און ער האט מיט איהר אפגעמאכט זיך צו טרעפען... און וואס צווישען זיי איז ווייטער פארגעקומען איז עס דאך שוין בעוואוסט.

א טויטע שטילקייט האט געהערשט ארום ווען עכן האט גערעדט. יעדער איינער איז געווען ווי צוגעשמידט צו זיין פלאץ און מיט גרויס נייגעריגקייט זיך צוגעהערט צו עכן׳ס רייד.

עתניאל איז געווען אומרוהיג. ער האט זיך געדרעהט און געקארטשעט.. עכן׳ס פאלשע בעשולדיגונגען האבען איהם אזוי אויפגערעגט אז מיט גרויס שוועריגקייט האבען די איפזעהער איהם איינגעהאלטען.

די שופטים האבען זיך שטילערהייט צווישען זיך געשושקעט. זיי האבען געקוועטשט מיט די פלייצעס.. נאכהער האבען זיי זיך געווענדעט נאך אמאל צו עתניאל׳ן און איהם געפרעגט וואס ער האט צו זאגען וועגען עכן׳ס לעצטע בעשולדיגונג.

— ער איז אן אומווירדיגער ליגנער! — האט עתניאל אויסגערופען, — ער איז געווען אזוי נידערטרעכטיג ווי די אלמנה... און עס איז מעגליך, אז ער אליין איז אין דעם פערמישט... יא, נאכדעם ווי ער קען מיט אזוי פיעל חוצפה זאגען אזא שרעקליכען ליגען, קען מען אויף איהם אלעס גלויבען.

— אבער דו ווייסט דאך, עתניאל, אז אפילו אהן עכן׳ס עדות זאגען, זיינען אלע בעווייזע געגען דיר. און די אומשטענדען זיינען אויך געגען דיר.. שלומית אליין האט געזאגט פאר איהר טויט אז זי געהט זיך טרעפען מיט דיר... — האט דער קטגור (פראקוראר) געזאגט, — דיזע פרוי וועט דאך געוויס ניט וועלען מאכען א בלבול אויף דיר... און אפילו דיין אייגענער ברודער גלויבט אז דו ביזט שולדיג... נאך אלע בעווייזע און עדות זאגען, איז ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט אז דו ביזט שולדיג.

— געוויס איז ער שולדיג! — האבען זיך געהערט שטימען פון המון, — ער האט שלומית׳ן דערשטיק מיט זיין גארטעל.

— יעצט זאג מיר, עתניאל, וואו האסטו גענומען דיזע אוירינגלעך? — האט דער הויפט פון די שופטים איהם ווידער געפרעגט.

— איך זאג נאך אמאל אז איך בין אומשולדיג, איך האב דיזע אוירינגלעך קיינמאל אין מיינע הענד ניט געהאלטען. איך קען שווערען ביי דעם הייליגען נאמען פון גאט...

— צו אפט כאפסטו זיך שווערען! — האט דער שופט אויף איהם זיך א בייזער געטהאן, — ווי עס ווייזט אויס, פארגעסטו אז פאר פאלש שווערען קומט אויך א גרויסע שטראף. הייסט דאס, אז דו ווילסט אונז ניט זאגען וואו דו האסט דיזע אוירינגלעך גענומען! האסטו זיי געקויפט אדער פיעלייכט גע׳גנב׳עט.

— דיזע אוירינגלעך בעלאנגען ניט צו מיר.

— און דיזער גארטעל בעלאנגט צו דיר? — האט איהם דער שופט געפרעגט, דערלאנגענדיג איהם דעם גארטעל.

— יא, דער גארטעל איז מיינער, אבער ניט די אוירינגלעך.

— ער איז זיך מודה אז דער גארטעל איז זיינער, ווייל ער איז שוין פריהער

דערקענט געווארען ביי זיין אייגענעם ברודער, און ער האט ניט קיין מעגליכקייט עס יעצט אפצולייעקענען. אבער די אויבינגלער, גלויבט ער, אז עס וועט איהם געלינגען אפצולייקענען, — האט עכן געזאגט.

— זאל מען דערוויילע עתניאל'ן אוועקפיהרען אין געפענגנים, — האט דער הויפט פון די שופטים געזאגט — און אונזער משפט וועלען מיר ארויסגעבען מארגען גאנץ פריה. מיר וועלען זיך פריהער גוט בעראטהען, מיר וועלען גוט בעטראכטען אלע זיינע רייד און די אויסזאגען פון די עדות, און דאן וועלען מיר קענען קומען צום בעשלוס אויב עתניאל איז שולדיג אדער ניט.

מען האט עתניאל'ן אוועקגעפיהרט אין געפענגנים און דער המון איז זיך צוגאנגען יעדער צו זיין געצעלט.

צעהנטער קאפיטעל

א נידערלאגע

א גאנצע נאכט האבען זיך די שופטים צווישען זיך געאמפערט. כאטש במעט אלע זיינען געווען איינשטימיג אז עתניאל האט ערמארדעט שלומית'ן, האבען דאך אייניגע געפונען א זכות אויף איהם.

— אויב ער האט זי געטויטעט, האט זי עס פארדיענט! — האט איין שופט זיך אפגערופען, — עתניאל איז געווען א וואוילער יונג. ער האט געהאט א גלענצענדע צוקונפט. ער איז בראוו און העלדיש. אלע ווייסען אז ער האט זיך אויסגעצייכענט אין די צוויי מלחמות, מיט סיחון, דעם קעניג פון אמורי, און מיט עוג, דעם קעניג פון בשן... ווען ניט די אלמנה וואלט ער יעצט געווען די צווייטע האנד פון יהושע'ן. נאך אלעמען, כלב איז שוין אן אלטער מאן און עתניאל וואלט זיכער פארנומען זיין פלאץ, און דא איז געקומען א פרוי, א חצופה, און האט דעם עהרליכען אומשולדיגען עתניאל'ן ארונטערגעשלעפט צום אפגרונד... זי האט איהם אראפגעפיהרט פון ריכטיגען וועג... ער האט דורך איהר פארלוירען זיין כלה, זיין הויכען אמט... און ער האט געזוכט נקמה...

— דער וועלכער איז עהרליך און בעזיצט א שטארקען כאראקטער וועט איהם קיין פרוי ניט קענען ארונטערשלעפען צום אפגרונד, און ער איז אזוי שולדיג ווי זי, און ער האט געווים קיין רעכט ניט געהאט זי צו טויטען.

— מיר שטימען אלע איין אז עתניאל האט דעם פארברעכען בעגאנגען!

— האט זיך דער הויפט פון די שופטים אנגערופען, — און דאריבער איז ער, לויט מיין מיינונג, שולדיג... ער האט פארגאסען בלוט פון א מענשען, און אונזער הייליגע תורה זאגט, אז דער וואס פארגיסט בלוט פון א מענשען, דארף זיין בלוט פארגאסען ווערען... יא, עתניאל האט בעגאנגען א גרוים פארברעכען... ער האט געטויטעט א מענשען... און דערפאר קומט איהם טויט־שטראף...

— אבער מיר דארפען ניט פארגעסען ווער עתניאל איז, — האט נאך א שופט געזאגט, — ער איז כלב'ס ברודער און דערצו איז ער, אין דער צייט ווען משה האט געלעבט, געווען דער נאהענטסטער חבר צו יהושע'ן.

— און דאס מוזען מיר יעצט פארגעסען! — האט דער הויפט געזאגט, — ווען א מענש ווערט גע'משפט פאר א פארברעכען, דארף מען נור נעהמען אין אנבעטראכט דעם פארברעכען און צי ער איז אין דעם שולדיג, מען טאר דעם

משפט ניט פארדרעהען, ווייל דער גע׳משפט׳ער איז א חשוב׳ער מאן אדער א תקיף. און ווען מיר משפט׳ן עתניאל׳ן דארפען מיר צו דיזער צייט פאררעכענען נאר איינעם פון פאלק און א גערעכטער משפט דארף ארויסגעטראגען ווערען.

אויף מארגען גאנץ פריה האבען זיך שוין פיעלע נייגעריגע פארזאמעלט ארום דעם געצעלט פון די שופטים. צווישען זיי איז אויך געקומען כלב. ער האט מיט גרויס אימגעדולד געווארט צו הערען דעם בעשלוס פון די שופטים. זיין הארץ האט זיך אין איהם געשראקען, טאמער וועלען איהם די שופטים בעפרייען, דאן קען ער נאך ווארפען די שולד אויף איהם... און ווען עתניאל וועט זיך צו־זאמענריידען מיט זיין ברודער, וועט דער חשד זיכער פאלען אויף איהם.

ווען ער האט דערזעהן אז די שופטים הויבען אן צו פארלאזען זייער געצעלט, איז ער שנעלער צו זיי צוגעלאפען און געפרעגט

— וואס איז אייער משפט?

— ער איז שולדיג אין דעם טויט פון דער אלמנה! — האט איינער פון די שופטים געזאגט.

— עס פארדריסט מיך שוין וואס איך האב עדות געזאגט געגען איהם! — האט כלב געמאכט אן אומעטיגען פנים, — ווען איך וואלט וויסען אז... אבער זאג מיר, וואס פאר א שטראף ערווארטעט איהם?

— א לעבען פאר א לעבען! — האט דער שופט געענטפערט.

— איך האב עס ניט געדארפט טהאן, איך בין זיכער אז אהן מיין עדות זאגען וואלט מען אזא אורטייל ניט ארויסגעגעבען אויף איהם.

— דו דארפסט זיך ניט נעהמען צום הארצען, כלב, דו האסט דיין פליכט געטהאן, און אויסער דעם זיינען געגען איהם געווען אזוינע שטארקע בעווייזע אז מעגליך אפילו אהן דיין עדות זאגען וואלט מען איהם פאראורטיילט.

— ניין! — האט א צווייטער שופט זיך אריינגעמישט, — אהן כלב׳ס בעשולדיגונג וואלט מען איהם ניט געקענט פאראורטיילען. ווייל פיעלע זיינען געווען גענויגט צו גלויבען און אננעהמען זיין ערקלעהרונג, אבער וויבאלד כלב האט איהם אויפגעוויזען אלס ליגנער, דאן קען מען שוין אויף איהם אלעס גלויבען.

ווען דער אורטייל איז בעקאנט געווארען צווישען המון, האט זיך אויף יעדענס פנים א טרויער ארויפגעצויגען. כאטש אין זייערע הערצער זיינען אלע געווען זיכער אז עתניאל איז שולדיג, אבער עתניאל איז זעהר בעליעבט געווען ביי אלעמען און יעדער האט עס שטארק בעדויערט.

— ווען די נייעס האט דערגרייכט כלב׳ס געצעלט, האט עכסה אויסגע־בראכען אין א יאמערליכען געוויין. כלב אליין האט אויך געווישט זיינע טרעה־רען. געווען אזא ווירדיגער טהייערער יונג און איז אזוי שרעקליך פארפיהרט געווארען פון א פרוי, — האט ער זיך געטראכט, — עס איז ביי איהם ניט געווען דער מינדעסטער צווייפעל אז עתניאל האט דעם פארברעכען בעגאנגען, אבער ער איז דאך פארט זיין ברודער... ווען ער געהמט טראכטען אז עס וועט לאנג ניט נעהמען און מען וועט איהם טויטען, פאנגט אן זיין הארץ צו ציטערען... אבער ווען ער דערמאהנט זיך אלעס וואס ער האט געהערט ווי אזוי כלב האט ענטדעקט דעם גאנצען אמת אויפווייזענדיג אז עתניאל האט טאקע ליעב בעקומען דיזע אומווירדיגע פרוי אין דער צייט ווען ער איז געווען פאררעכענט פאר עכסה׳ס

התן, און דערצו האָט ער שלומית'ן געגעבן מתנות, וואָס עס איז פֿאַראַן אַ חשד אַז ער האָט זיי גענומען פֿון דעם אוצר פֿון חרם, איז זיין כּעס אין איהם נאָך מעהר אויפֿגעברויזט געוואָרען.

— פֿאַטער, דו מוזט איהם ראַטעווען! — איז עכסה געפֿאַלען צו זיינע פֿיס, — איך בעט דיך, העלף מיר! לויף צו יהושע'ן, דערמאָן איהם וועגען אַלעם וואָס עתניאל האָט געטהאָן ווען זיי זיינען ביידע צוזאַמען געווען אין חשבון, און אין די מלחמות.

— בערוהיג זיך, מיין טאָכטער, — האָט כּלב איהר אויפֿגעהויבען, — מיין האַרץ אין מיר איז אויך גענוג פֿאַרביטערט און פֿאַרטרויערט, אָבער וואָס קען איך איהם העלפֿען... דו זעהסט דאָך אַז ער איז געפֿונען געוואָרען שולדיג... און דו האָסט דאָך אַליין געהערט פֿון עכן'ס מויל... יאָ, ער איז בעגאַנגען אַלע פֿאַרברעכען, און איבערהויפּט איז קיין ספֿק ניטאָ אַז ער האָט ערמאָרדעט די אַלמנה. טאָ וואָס קען איך איהם העלפֿען?!... ווילסטו אַז צוליעב דעם וואָס דער מערדער איז מיין ברודער, זאָל מען ענדערען דאָס געזעץ פֿון אונזער הייליגער תורה?

— אָבער, פֿאַטער, איך בין זיכער אַז עתניאל איז נאָך אַלץ אומשולדיג. איך קען איהם בעסער, איך וויים אַז ער וועט אַזאַ פֿאַרברעכען ניט באַגעהן. איך בין געווען צו איילינג און קיין געדולד ניט געהאַט מיט איהם דעם ערשטען מאָל ווען שלומית האָט אויף איהם אַ בלבול געמאַכט. אָ, איך בין שולדיג אין זיין אומגליק... ווען איך וואָלט איהם גלייך געגלויבט, וואָלט זיכער דערצו ניט געקומען... אָבער ניין, עתניאל איז ניט קיין מערדער, ער האָט זי ניט געטויטעט... און זיין ליעבע צו מיר איז געווען צו גרויס און הייליג אַז ער זאָל מיך פֿערראַטהען.

— מיין ליעבע טאָכטער, — האָט איהר כּלב געדריקט צו זיך, — אויף דיר איז יעצט דער רחמנות גרעסער ווי אויף איהם... ער, אָם וויינינגסטען וויים ביי זיך אין האַרצען אַז ער האָט די שטראָף פֿאַרדיענט, אָבער דו, דורך דיין שטאַרקע ליעבע צו איהם ביזטו פֿאַרבלענדעט, און דיר וועט זיך שטענדיג דוכטען אַז ער איז געווען אומשולדיג.

— איך בין גרייט צו שווערען ביי דעם נאָמען פֿון אַלמעכטיגען, אַז עתניאל איז אומשולדיג.

— עכסה, ווי אַזוי וואַגסטו אַזוי צו ריידען! דו זינדיגסט דאָך מיט דיינע ליפּען!

— אָה, פֿאַטער, עתניאל איז אַזוי שולדיג אין די פֿאַרברעכענס אַזוי ווי איך בין אין זיי שולדיג!

— דיינע אויערען זיינען געווען טויב צו די אַלע עדות וועלכע האָבען עדות געזאָגט געגען איהם! — האָט כּלב טרויעריג געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ, — ווען די פֿרוי איז צוגעגאַנגען און איבערגעגעבען שולמית'ס לעצטע רייד, אַז זי איז געגאַנגען זיך זעהן מיט איהר געליעבטען עתניאל'ן, האָט די אַלטע פֿרוי אויף איהם אַ בלבול געמאַכט? זאָג מיר, פֿאַרוואָס זאָל זי עס וועלען טהאָן?

— איך וויים ניט, פֿאַטער, וואָס די עדות האָבען אַרויסגעבראַכט, אָבער איין זאַך וויים איך, אַז ער איז אומשולדיג!

— ווען ער וואלט געווען אומשולדיג, וואלטען די שופטים איהם ניט געפונען שולדיג! — האט כלב געזאגט.

— ווען ער וואלט געווען שולדיג, וואלט ער געווען גענוג בראוו זיך מודה צו זיין. און אזוי לאנג ווי עתניאל לייקענט, איז ער ביי מיר בעגלויבט און אפילו ווען די טויטע שלומית וואלט אויפגעשטאנען פון איהר קבר און עדות געזאגט אז עתניאל האט זי ערמארדעט, און ער, עתניאל, וואלט געלייקענט, וואלט איך איהם בעסער געגלויבט.

— דו רעדסט אזוי ווי דו וואלסט געריהרט געווארען פון זינען! ניין! מיין טאכטער, עתניאל האט ניט פארדיענט אז דו זאלסט אזוי טראכטען פון איהם. דו האסט געווים פארגעסען אז עתניאל האט גערופען עכן׳ען ער זאל עדות זאגען ווענען זיין אומשולד. און עכן האט אויסגעזאגט דעם גאנצען אמת!

— איך וועל לויפען צו עכן׳ען... איך וועל איהם בעטען אז ער זאל אפלייקענען... אז ער...

— מאך זיך ניט צום נארען! — האט כלב איהר אנגענומען פאר דער האנד.

— אה, לאז מיך, פאטער! — האט עכסה ניט אויפגעהערט צו וויינען, — איך מוז זיך זעהן מיט עכן׳ען... איך מוז ראטעווען עתניאל׳ן...

מיט גרויס אימפעט איז עכסה געלאפען צו עכן׳ען אין געצעלט. זי האט מיט טרערען אין די אויגען זיך ביי איהם געבעטען, אז ער זאל אוועקגעהן צו די שופטים און אפלייקענען זיין באשולדיגונג.

— וואו אזוי וועסטו קענען צוזעהן ווי מען וועט עתניאל׳ן טויטען. אין דיין הארצען ווייסטו דאך אז ער איז אומשולדיג! אה, עכן, איך בעט דיר, געה צו די שופטים. איך ווייס אז זיין לעבען איז אין דיינע הענט.

— כא, כא, כא! — האט זיך עכן פארנאנדערגעלאכט, ווייל דו ווילסט ראטעווען דיין געליעבטען, פארלאנגסטו אז איך זאל זיך צום נארען מאכען פאר די שופטים. איך זאל זיי זאגען א ליגען!

— דו האסט זיי פריהער געזאגט א ליגען! — איז עכסה נאך מעהר אויפגערעגט געווארען —ווארט, דו וועסט חרטה האבען!

עכסה איז צוגעגאנגען צו עכן׳ס פרוי און זיך ביי איהר גענומען בעטען זי זאל זעהן ווירקען אויף איהם ער זאל צוריקציהען זיינע רייד.

— מיין קינד! — האט די פרוי זיך אפגערופען — אויב דו קענסט אויף איהם ניט ווירקען, וועל איך עס געווים ניט באווייזען— עכן האט קיינמאל זיך צו מיינע רייד ניט צוגעהערט בפרט אין דער לעצטער צייט. ער חלום׳ט גאר איצט פון איינגערע און שעהנערע פון מיר... יע, ער טרוימט פון רחב׳ן...

רחב׳ן! — האט עכסה אויסגערופען און א געדאנק האט איהר אין מח א בליץ געטאן, אז רחב וועט איהר פיליכט העלפען. זי האט מעהר קיין ווארט ניט גערעדט און איז גלייך אוועק צו רחב׳ן.

די לעצטע צייט האט זיך רחב אליין געפיהלט גאנץ דערשלאגען. אלע איהרע חלומות וועגען יהושע׳ן האבען זיך אויסגעוועבט. זי האט פון איהם גאנץ אנדערש געטראכט ביז וואנען עכן האט איהרע אויגען געעפענט. ווען זי דערמאנט זיך אן עכן׳ען טהוט איהר הארץ א ציטער. ער איז געווען דער ערשטער וועלכער האט אריינגעבראכט ענטוישונג און טרויער אין איהר לעבען. און כאטש עס איז א סך בעסער פאר איהר אז זי האט אויסגעפונען פריהער וואס יהושע

טראכט וועגען איהר, דאך האט זי אויף עכן'ען דערפאר געטראגען א שנאה אין איהר הארצען. מעגליך, אז איהר שנאה שטאמט גאר פון דעם וואס ער האט איהר גענומען באלעסטיגען מיט זיין ליבעס ערקלערונג. אבער זינט דאן זוכט זי איהם אויסצומיידען. דערצו איז איהר ענטוישונג געווען אויך גרויס אין עתניאל'ן. די ליבע צווישען איהר פריינדין עכסה און עתניאל, האט זי שטענ־דיג געהאלטען פאר הייליג. זי האט אויך געטרויכט פון אזא ליעבע. איצט זעהט זי אז אפילו דער בראווער און עהרליכער עתניאל האט זיין געליבטע באראטען. ווען זי האט געהערט וועגען דעם משפט פון עתניאל'ן האט עס איהר זעהר באנג געטאן צוליב עכסה'ן ווייל זי האט געוואוסט ווי גרויס עכסה'ס צער איז. רחב האט דעריבער געזעהן אויסצומיידען עכסה'ן פאר די לעצטע טעג, און זי איז אפילו ניט געקומען צום משפט.

איהרע געדאנקען זיינען איבערגעריסען געווארען ווען זי האט געהערט א קלאפ אין טיר. זי האט אויפגעעפענט די טיר און דערזעהן עכסה שטעהענדיג א בלאסע און א צושראקענע.

— וואס איז מיט דיר עכסה! — האט רחב זיך אפגערופען — קום אריין און דערצעהל מיר וואס עס האט פאסירט.

— דו האסט דאך געהערט, אז זיי האבען עתניאל'ן פאר'משפט צום טויט!

— האט זי אויסגעבראכען אין א געוויין.

— יע, איך האב געהערט, אבער ווי עס ווייזט אויס פארדינט ער דעם שטראף פאר דעם מארד וואס ער איז באגאנגען.

— און אויך דו גלויבסט אז עתניאל האט זי ערמארדעט? — האט עכסה איהר אנגעקוקט מיט ערשטוינענדע בליקען.

— און דו, עכסה

— איך וועל שווערען ביי גאט, אז ער איז אומשולדיג!

— אבער זיין באנעמען זיך מיט שלומית'ן. מיר האבען אלץ אליין געהערט און געזעהן — האט רחב זיך אפגערופען.

— עס איז אלץ א ליגען. זי האט אויף איהם א בלבול געמאכט. עתניאל איז אינגאנצען אומשולדיג. איך האב געהערט אלץ וואס ער האט דערצעהלט, און איך גלויב איהם יעדעס ווארט... מיין עתניאל וועט קיין ליגען ניט זאגען. די אומווירדיגע שלומית האט איהם, דורך אן אויסרייד אריינגענארט צו זיך אין געצעלט. מעגליך, אז זי האט עס געטהאן מיט דער הילף פון זייגעם א שונא. אבער דו דארפסט וויסען רחב, אז ער איז אומשולדיג. קענסטו דען גלויבען אויף איהם, אז ער זאל האבען גע'גנב'עט פון דעם חרם דיינע אוירינגלאך און זיי געגעבען שלומית'ן ?...

— דאס האב איך געווים ניט געוואלט גלויבען... איך האב גלייך פארדעכ־טיגט אז שלומית נארט אונז אפ מיט די אוירינגלאך — האט רחב געענטפערט.

— פונדעסטוועגען איז געקומען עכן און האט עדות געזאגט פאר די שופטים אז עתניאל האט איהם די אוירינגלאך געציינט און איהם פארטרויט, אז ער וויל זיי געבען א מתנה צו שלומית'ן.

— ווארט! איך הויב איצט אן צו פארדעכטיגען! — האט רחב אויסגע־רופען — נאך אלעמען האט עכן ביי מיר גענומען מיין צירונג עס איבערצו־געבען צו יהושע'ן פאר דעם חרם. מעגליך אז עכן האט איהם די אוירינגלאך ניט

איבערגעגעבן און דאס פארנומען פאר זיך. אויב דאס זאל זיך ארויסווייזן צו זיין ריכטיג, דאן וועט די גאנצע זאך אננעמען אן אנדער ווענדונג.

— מיין חשד ווערט נאך איצט מעהר פארשטארקט, אז עבן איז עפעס געווען אויסען דאמיט! — האט עכסה אויסגערופען — און דו, רחב, וועסט מיר קענען אין דעם ארויסהעלפען. עתניאל מוז רייניגוואשען ווערען. איך ווייס אז עבן וועט טאן אלץ וואס דו וועסט פון איהם פארלאנגען. דעריבער בין איך געקומען דיך בעטען דו זאלסט אריבערגעהן צו עבן׳ען און פון איהם פארלאנגען ער זאל צוריקציהען זיינע רייד וואס ער האט גערעדט וועגען עתניאל׳ן.

— איך וואלט עס גערן געטאן פאר דיר, אבער איך דענק אז אומזיסט וועט זיין אונזער מיה. אויב עבן איז אין דעם פארמישט, וועט קיינער אין דער וועלט איהם ניט באוועגען צו ענדערען זיינע רייד. ער וועט זיך דאך אליין מוזען ערקלערען אלס א ליגנער און דאן וועלען זיך פיליכט מאנכע אנשטויסען, אז ער האט געהאט עפעס צו טאן אין דעם, און דאס וועט עבן קיינמאל ניט דערלאזען. יע, וואס מעהר איך טראכט אלץ קלארער ווערט פאר מיר, אז עבן האט עס אלץ געפלאנעוועט פאראויס.

— אה, זאג מיר, רחב, ווי אזוי קומט עס דיר אויף דיין געדאנק.

— געדענקסטו דאן ווען עבן איז צו מיר צוגעקומען און מיר איבערגעגעבען א שליחות פון יהושע׳ן.

— יע, איך געדענק!

— איך האב דיר דאן גארניט דערצעהלט וועגען וואס ער איז געקומען. אבער איצט קאן איך דאך דיר אלץ דערצעהלען. זעץ זיך צו אויף מיין בעטעל און הער זיך איין.

— ער איז געקומען צו מיר מיט אן אויסרייד אז יהושע האט איהם געשיקט איך זאל איהם זאגען אויב איך ווייס וואו דער קעניג פון יריחו האט געהאלטען זיינע אוצרות, און ער האט צוגעגעבען אז יהושע האט געזאגט, אז איך האב זיכער גענעכטיגט אין דעם פאלאץ פון קעניג פון יריחו און דעריבער מוז איך וויסען פון אלע זיינע סודות.

— דאס איז א ליגען! יהושע וועט אזא זאך ניט זאגען! — האט עכסה אויסגערופען — איך קען יהושע׳ן גאנץ גוט.

— איך האב איהם דאן ניט געקענט פארדעכטיגען אז ער איז עפעס אויסען דאמיט. איך האב זיינע רייד זעהר ערנסט גענומען. ער האט מיר געזאגט, אז יהושע איז מיט איהם זעהר באפריינדעט און ער האט איהם געזאגט, אז באטש איך בין אן עהרליכע און גוטהארציגע פרוי און האב מיט איהם פיעל חסד געטאן, בין איך דאך אין זיינע אויגען פאררעכענט פאר א פרעמדע, פון א פרעמדעס פאלק, פון געצעןדינער און אפילו ווען איך האב דעם אידישען גלויבען אנגענומען, בין איך נאך אלץ ניט קיין ריכטיגע אידישע טאכטער...

— איך בין נאך איצט מעהר איבערצייגט אז יהושע האט עס ניט געזאגט! — האט עכסה אויסגערופען.

— הער וואס ער האט מיר ווייטער געזאגט, אז דאס וואס יהושע האט מיר ארויסגעוויזען אזוי פיעל באגייסטערונג און פריינדשאפט איז עס ווייל איך האב איהם גערעטעט פון די הענט פון סיחון, און איך זאל ניט אויסטייטשען זיין באהאנדלונג צו מיר ווי א מאן באהאנדעלט א פרוי וועלכע ער ליבט.

— אה, רחב! ווי אזוי האסטו איהם גאר געקענט גלויבען!

— פון וואנען זאל איך וויסען אז ער זאגט מיר ליגען. דו ווייסט דאך אליין אז די ערשטע צייט בין איך דא געווען אזוי פרעמד אז איך וואלט יעדען איינעם געגלויבט, און ווען ער האט פון מיר פארלאנגט אז איך זאל איהם איבערגעבען מיינע צירונג און ער וועט זיי ציינען יהושע׳ן און זעהן אויב איך דארף די צירונג אפגעבען פאר גאט אדער איך האב א רעכט צו פארהאלטען פאר זיך.

— און דו האסט איהם די ציערונג געגעבען!

— געוויס! איך האב איהם אלץ אפגעגעבען אפילו דעם רינג וואס איך האב געקראגען א מתנה פון דעם קרוינפרינץ פון סיחון מיט מיין נאמען אויסגעקריצט, האב איך איהם געגעבען צו ציינען יהושע׳ן.

— און יהושע האט טאקע געהייסען אפגעבען דיינע צירונג פאר גאט?

— יע, אזוי האט מיר עבן געזאגט.

— און דו האסט גארניט אויסגעפונען אויב יהושע האט ווירקליך ביי איהם געקראגען די ציערונג פאר דעם חרם.

— ניין, איך האב ניט אויסגעפונען. זינט דאן האב איך זיך מיט יהושע׳ן ניט געזעהן.

— דו האסט זיך באנארישט וואס דו ביזט ניט אוועק צו יהושע׳ן אויסצוגעפינען אלץ.

— לויט עכן׳ס רייד וואלט איך ניט געווען ווילקאמען ביי יהושע׳ן. עכן האט מיר געזאגט, אז יהושע גלויבט אז איך בין ניט ריין פון זינד, און אזוי לאנג ווי איך וועל ניט זיין פארהייראט צו א ישראל וועל איך פארדעכענט ווערען אין זיינע אויגען א פרעמדע. איך האב עס ניט געוואלט גלויבען, אבער עכן האט געשווארען ביי אלץ וואס איז הייליג אז יהושע האט ווירקליך אזוי גערעדט.

— פארוואס האסטו מיר גלייך וועגען דעם ניט דערצעהלט — האט עכסה איהר פארגעווארפען — איך וואלט דאך דיר גלייך געראטען דו זאלסט געהן צו יהושע׳ן און זיך מיט איהם דורכריידען וועגען דעם.

— איך האב זיך דאן זעהר געשעהמט... איך בין טאקע געווען נאריש... איך האב גלייך געזאלט פארשטעהן אז עכן איז עפעס אויסען דאמיט ווייל אין דער זעלבער צייט האט ער זיך אנגעפאנגען מיר צו ערקלערען אין ליבע.

— איך קום נאר וואס פון עכן׳ס געצעלט. איך האב ביי איהם זיך געבעטען ער זאל ראטעווען עתניאל׳ן, אבער ער האט זיך פון מיר אויסגעלאכט... און ווען איך האב געוויינט פאר זיין פרוי און איהר געבעטען זי זאל אויף איהם ווירקען, האט זי מיר געענטפערט, אז עכן האט זיך קיינמאל צו איהרע רייד ניט צוגעהערט און אז ער חלום׳ט גאר פון א אינגערע און שעהנערע... יע, זיין פרוי ראט דערמאנט דיין נאמען. ווי עס ווייזט אויס בארימט ער זיך פאר אלעמען אז דו וועסט אינגיכען זיין פרוי ווערען.

— אה, דער נידערטרעכטיגער מאן! — האט רחב אויסגערופען — איך האב דאך איהם פון זיך שוין איינמאל פארטריבען... איך וועל איהם ציינען זיין פלאץ... יע, איך וועל מוזען אויסגעפינען ווי אזוי מיינע אוירינגלאך וואס איך האב געגעבען עכן׳ען אז ער זאל זיי איבערגעבען יהושע׳ן פאר׳ן חרם, האבען זיך געפונען אין שלומית׳עס רשות. איצט אז דו גלויבסט ניט, אז עתניאל האט געהאט דערמיט עטוואס צו טאן, גלויב איך געוויס ניט. יע, אנשטאט צו געהן צו

עבן׳ען וועל איך אריבערגעהן צו יהושע׳ן און פון איהם אויסגעפינען אויב אלץ וואס עבן האט מיר דערצעהלט איז אמת. איך בין זיכער, אז ווען עס וועט זיך ארויסווייזען, אז עס איז א ליגען, וועט זיין עדות זאגען אינגאנצען פסול ווע־רען און דאן וועלען די שופטים נאך אמאל באטראכטען עתניאל׳ס משפט און מעגליך, אז זיי וועלען איהם באפרייען.

— אה, רחב, דיינע רייד האבען אריינגעגעבען פיעל לעבען און האפענונג אין מיר! — האט עכסה איהר ארומגענומען און געקושט.

— איך וועל גלייך אריבערגעהן צו יהושע׳ן — האט רחב געזאגט.— איך וועל בלויז אויסבייטען מיינע קליידער.

— זאל איך מיט דיר אויך מיטגעהן? — האט עכסה איהר געפרעגט.

— ניין, עס וועט זיין בעסער אז איך וועל אליין געהן, עס זאל ניט אויס־קומען אז מיר געהען איהם בעטען ער זאל באאיינפלוסען די שופטים זיי זאלען רעווידירען עתניאל׳ס משפט.

— איך וועל ווארטען אויף דיר אין דיין געצעלט — האט עכסה געזאגט— איך בין זעהר אומגעדולדיג און איך וועל ניט קענען געהן אהיים ביז וואנען איך וועל וויסען וואס דו ביזט דערגאנגען ביי יהושע׳ן וועגען עבן׳ען.

רחב האט אנגעטאן איהרע שעהנסטע קליידער און איז שנעל אוועק אין דער ריכטונג וואו יהושע׳ס געצעלטען זיינען געווען.

ווען זי איז צוגעקומען גאנץ נאהענט, האט זי דארטען געטראפען זעהר פיעל מענשען.

— איך וויל זיך זעהן מיט יהושע׳ן — האט זי זיך אפגערופען צו איינעם פון זיינע דינער.

— יהושע איז איצט פארנומען — האט יענער איהר געענטפערט.

— וועל איך צוואווארטען א ווײלע — האט רחב געזאגט.

— היינט שיקט יהושע אפ אן ארמעע מלחמה צו האלטען מיט דעם קעניג פון עי און ער וועט זיין פארנומען דעם גאנצען טאג.

— איך וועל קיין צופיל צייט ביים איהם ניט אוועקנעמען — האט רחב געזאגט — געה זאג איהם אז רחב וויל זיך מיט איהם זעהן.

דער דינער איז אריין אינווייניג אין געצעלט וואו יהושע און פילע פון די זקנים זיינען געזעסען און אויסגעארבייט די פלענער פון דער מלחמה. א היב־שע ווײלע איז דער דינער געשטאנען און געווארט ביז וואנען יהושע האט איהם באמערקט.

— וואס טוסטו דא — האט יהושע איהם געפרעגט — האב איך דען גע־שיקט נאך דיר?

— המ... א פרוי איז געקומען. זי זאגט אז זי וויל זעהן מיין האר.

— ווייסטו דען ניט אז איך בין היינט זעהר פארנומען און קאן קיינעם ניט זעהן! — האט זיך יהושע אויף איהם א בייזער געטאן — פארוואס ביזטו דא אריין אונז צו שטערען!

— אבער... די פרוי איהר נאמען איז המ...

— איך קען קיינעם היינט ניט אויפנעמען — האט יהושע א זאג געטאן און זיך ווידער גענומען צו זיין ארבייט.

דער דינער איז ארויס און האט זיך אפגערופען צו רחב׳ן:

— מיין האר וויל קיינעם היינט נים זעהן.

— האסטו איהם געזאגט אז רחב וויל איהם זעהן אויף א קליינע ווײלע.

— איך האב איהם געזאגט — אבער ביי מיין האר זיינען אלע פרויען גלייך. ער וויל היינט קיינעם ניט זעהן.

מיט וואקלענדע טריט איז רחב צוריק געגאנגען צו איהר געצעלט. זי האט געמיינט אז ווען דער דינער וועט צו איהם דערמאנען איהר נאמען וועט ער געוויס ארויסקומען צו איהר... ווער וויים פיליצכט האט עבן איהר ניט גענארט... ,דבבכבעמבי—־עגיי..עזיקם זרדאנ זרדא זרדא זרדא זרדא זרדארן

רחב איז געגאנגען מיט האסטיגע טריט און א טרויעריגער געפיהל האט איהר די גאנצע וועג באהערשט... ווי עס ווייזט אויס האט זי געלעבט אין טעות פון אנפאנג אן... זי איז געווען נאריש. זי האט גאר קיינמאל אויף איהרע געדאנקען ניט געטארט ארויפברענגען אזא זאך... ווי קומט זי צו יהושע׳ן, דעם העלדישען פיהרער פון ישראל... אבער ער האט דאך איהר געוויס געגעבען געגנג אורזאכען וואס האבען אין איהר אזעלכע געדאנקען ערמוטיגט... זי געדענקט זעהר גוט ווי אזוי ער האט צו איהר גערעדט די ערשטע צייט ווען זי איז געברא‍בט געווארען אין דעם לאגער פון ישראל. זיינע דורכדרינגענדע בליקען זיינע צערטליכע רייד זיינען צו איהר ווי א באלזאם געווען. זי האט זיך געפילט אזוי גוט. זי האט געמיינט אז עס וועט שטענדיג אזוי זיין. אבער וואס פאר א ביטערען טעות זי האט געמאכט. איצט זעהט זי אז עבן איז גערעכט, יהושע האט זיך צום ערשטען מאל אזוי באנומען צו איהר ווייל ער איז איהר דאנקבאר געווען פאר אלץ וואס זי האט מיט איהם און מיט די מרגלים געטאן.

עכסה האט רחב׳ן פון דער וויטען דערזעהן און איז איהר אנטקעגען געלאפען.

— נו, רחב, וואס האסטו פון יהושע׳ן אויסגעפונען — האט זי איהר גלייך געפרעגט.

— גארנישט — האט רחב טרויעריג א שאקעל געטאן מיט׳ן קאפ — מען האט מיר גאר צו איהם ניט צוגעלאזען.

— האסטו דעם דיענער אנגעזאגט אז ער זאל זאגען יהושע׳ן אז דו, רחב, ווארטעסט אויף איהם.

— יע, איך האב איהם אזוי געהייסען זאגען, אבער יהושע האט זיך אנטזאגט מיך צו זעהן. ער איז זעהר שטארק פארנומען און בשום אופן מיך ניט געוואלט זעהן. איצט זעהסטו שוין, עכסה, אז מעגליך עבן האט מיר אינגאנצען ניט גענארט.

— מעגליך אז ער איז געווען שטארק פארנומען — האט עכסה געזאגט. פארוואס האסטו ניט געוואלט צוואוארטען.

— דער דיענער האט מיר געזאגט אז עס וועט זיין אומזיסט מיין ווארטען. יהושע וועט מיך דעם גאנצען טאג ניט קענען זעהן. ער איז פארנומען מיט די הכנות פאר דער מלחמה מיט עי.

— מיט דער מלחמה מיט עי! — האט עכסה טרויעריג א זאג געטאן — און איך האב אזוי פיעל האפענונג געהאט אז מיין עתניאל וועט דיזע מלחמה אנפיהרען. ער וועט ארויסצייגען אזוי פיעל גבורה... אלע וועלען איהם באגעגענען מיט שאלען און הידד געשרייען... מען וועט זינגען לידער לכבוד איהם. און

איצט איז ער אין געפענגנים. פאר׳משפט צום טויט פאר אזעלכע שענדליכע פארברעכענס!

— ווי אזוי קען איך איהם העלפען! דו מוזט זיך זעהן מיט יהושע׳ן איך וועל מיט דיר אוועקגעהן איך וועל צושטעהן צו איהם. און אויב עס וועט זיין אוממעגליך זיך מיט איהם היינט צו זעהן וועלען מיר מארגען צו איהם ווידער קומען.

— אה, ניין! איך וועל שוין מעהר צו איהם ניט געהן—האט רחב זיך אפ־גערופען — אויב ער וויל מיך ניט זעהן פארוואס זאל איך זיך אויף איהם ארויפ־צווינגען!

— אבער דו זעהסט דאך אז ער איז געווען פארנומען מיט אזא וויכטיגע זאך.

— איך האב געמיינט אז ווען ער וועט דערהערען מיין נאמען, וועט ער אמוויניגסטען אליין ארויסקומען און זיך אנטשולדיגען און מיר בעטען קומען א צווייטען מאל.

— אבער דו מוזט עס טהאן פון מיינעטוועגען. דו מוזט זעהן ראטעווען עתניאל׳ן, — האט עכסה אויסגערופען.

— דו ווייסט דאך, עכסה, אז איך וואלט אלעס געטהאן פאר דיר און עתניאל׳ן, אבער איך קען א צווייטען מאל צו יהושע׳ן ניט געהן, נאכדעם ווי ער האט מיר אזוי גוט ווי פארטריבען פון זיך... מעגליך אז עכן האט מיר וועגען דעם ניט געגארט... אין יהושע׳ס אויגען בין איך נאך אלץ פארדעכענט פאר א פרעמדע.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז עכן האט דיך אפגענארט, און דאס וואס יהושע האט דיר ניט געוואלט יעצט אויפנעהמען, איז עס וויל ער איז ווירקליך פארנומען. איך ווייס אז אלע חשוב׳ע לייט און פארשטעהער פון די שבטים געפינען זיך אין זיין געצעלט. איך האב געהערט ווי מיין פאטער האט געזאגט צו מיין מוטער, אז ער איז אויך איינגעלאדען געווארען צו יהושע׳ן.

— אבער איך וועל שוין מעהר צו איהם ניט קענען קומען! — האט רחב געזאגט, — איך פארשטעה אז ער וויל מיך ניט זעהן, און ער האט די גאנצע צייט אפילו קיינעם ניט געשיקט געוואויר צו ווערען וואס איך טהו און וואס איך מאך.

— און ווי איך האב מיט א צייט צוריק געהערט, — האט עכסה זיך אפ־גערופען, — האט יהושע זעהר פיעל פון דיר געטראכט... יעצט קען איך פאר־דעכטיגען אז עכן האט אין דעם אויך א האנד. דו ווייסט דאך, אז עכן איז אין דיר פארליעבט, מעגליך אז ער האט זיך דערוואוסט אז יהושע איז צו דיר ניט גלייכגילטיג, און ער האט אויף דיר אנגערעדט.

— מעגליך! — האט רחב אויסגערופען, און באלד זיך צוריק געכאפט. — אבער אויב ער האט געקענט גלויבען עכן׳ען . . .

— דו ווייסט דאך אז איך האב עתניאל׳ן ליעב מעהר ווי אלעס אין דער וועלט, פון דעסטוועגען ווען עס האט זיך געמאכט אז שלומית האט אויף איהם א בלבול געמאכט, בין איך געווען גרייט צו גלויבען... אה, אריבער עתניאל. אלעס וואלט געקענט פארמיטען ווערען ווען איך הער זיך צו צו איהם און לאז איהם ערקלערען... יא, איך בין שולדיג אין זיין אומגליק... יעצט וועל

איך טהאן אלעס איהם צו ראטעווען... און דו, רחב, וועסט מיר מוזען העלפען.

— קיין זאך וועט פאר מיר ניט צו שווער זיין צו טהאן פאר דיר און עתניאל׳ן... יא, אויב נויטיג וועל איך אפילו געהן נאך אמאל צו יהושע׳ן, אבער בלויז דאן ווען דאס וועט זיין דער איינציגער מיטעל איהם צו ראטעווען... יעדענפאלס איז נאך פאראן גענוג צייט... ניט אזוי שנעל וועט מען זיין משפט דורכפיהרען.

מיט א צובראכענעם הארץ האט זיך עכסה צוריקגעקעהרט אהיים. זי איז ארויפגעפאלען אויף איהר מוטער׳ס האלז און זיך ווידער פאנאנדערגעוויינט.

— אח, מוטער, הלואי וואלט איך בעסער געווען טויט איידער צוצוזעהן מיט מיינע אויגען דעם אומגליק וואס האט געטראפען מיין ליעבען עתניאל׳ן.

— אבער מיין טאכטער, וואס קענסטו העלפען, עס איז דאך זיין אייגענע שולד!

— איך בעט דיך, רייד ניט אזוי, מוטער! — האט עכסה געכליפעט, — עס איז מעהר מיין שולד... יא, און אויך דעם פאטערס שולד... מיר האבען נעגלויבט אלעס וואס שלומית האט אויף איהם אנגערעדט... מיר האבען איהם אפילו קיין געלעגענהייט ניט געגעבען צו ערקלעהרען פארוואס ער האט בעזוכט שלומית׳עס געצעלט... און ער איז דאך די גאנצע צייט געווען אזוי ריין און אומשולדיג...

— מאך זיך ניט צום נארען, מיין טאכטער! — האט די מוטער מיט א שטרענגע שטימע א זאג געטהאן, — עתניאל איז גע׳משפט געווארען ביי ערליכע שופטים... קיינער קען זיי ניט בעשולדיגען אז זיי האבען געטראגען א שנאה אויף איהם, אדער זיי זיינען עפעס אויסען געווען מיט דעם משפט, און אויב זיי האבען איהם געפונען שולדיג נאך א גענויע אויספארשונג, איז ער טאקע שולדיג, און אויב אזוי האט ער פארדיענט בעשטראפט צו ווערען, און דו דארפסט זעהן וואס שנעלער איהם פון דיינע געדאנקען ארויסשלאגען... עס וועט דיר גארניט העלפען.

— איך בין גרייט צו שווערען ביי גאט אז ער איז אומשולדיג! — האט עכסה אויסגערופען.

— און מיט א קורצע צייט צוריק ביזטו געווען אזוי זיכער אז ער איז שול־דיג, אז דו האסט איהם פון זיך פארטריבען! —

— דאריבער וועל איך זיך קיינמאל ניט קענען מוחל זיין! איך האב דאן מיין פארשטאנד פארלארען.

— און איך האב מורא אז גראדע יעצט האסטו דיין פארשטאנד פאר־לארען... דיין שטארקע ליעבע צו איהם האט אין דיר אויפגעוואכט, און עס האט דיר בלינד געמאכט...

— מיין לעבען אהן עתניאל׳ן איז גארניט ווערטה, און אויב מען וועט איהם טויטען, זאלען זיי אויך מאכען א סוף צו מיין לעבען!

אין אווענט האט זיך כלב אומגעקעהרט אהיים פון יהושע׳ן. עכסה איז גלייך אויך צוגעפאלען צו איהר פאטער און מיט טרעהרען אין די אויגען איהם געבעטען ער זאל טהאן עפעס פאר עתניאל׳ן.

— מיין טאָכטער, דו דאַרפסט ניט פאַרגעסען אז עתניאל איז מיין ברודער, און ווען איך וואָלט געהאַט דעם מינדעסטען צווייפעל אין זיין שולד וואָלט איך זיכער ניט דערלאָזען אז שלעכטעס זאָל צו איהם געטהאָן ווערען... מיין האַרץ בלוטיגט גענוג אויף איהם... און אויף די שאַנדע וואָס ער האָט אויף מיין משפחה געבראַכט... אָבער איך פיהל, אז איך טאָר זיך ניט אריינמישען... גערעכטיגקייט מוז געטהאָן ווערען.

— אָבער עתניאל איז אומשולדיג! — האָט זיך עכסה פאַנאַנדערגעכליפעט.

כלב האָט איהר געזוכט צו בערוהיגען. ער האָט געוואָלט אַפּווענדען איהרע געדאַנקען פון עתניאל'ן און ער האָט דאַריבער דערצעהלט אלעס וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם לאַגער, ווי אזוי יהושע האָט אויסגעקליבען דריי טויזענד מאַן און זיי אוועקגעשיקט מלחמה צו האַלטען מיט די איינוואָהנער פון עי.

— לויט עכן'ס באַריכט וואָלט גענוג געווען בלויז צוויי טויזענד, ווייל די שטאָדט עי איז זעהר קליין און די איינוואָהנער זיינען ניט פיעל... פון דעסטוועגען האָט יהושע בעשלאָסען צו שיקען דריי טויזענד מענשען אהין... ער האָט געהאַט שוועריגקייטען אויסצוקלייבען א הויפּט איבער דער אַרמעע... יהושע האָט זעהר געוואָלט איך זאָל פיהרען די אַרמעע, אָבער איך האָב איהם ערקלערט אז אונטער די אומשטענדען וועט זיין גלייכער אז אימיצער אַנדערש זאָל עס טאָהן.

— דער איינציגער וועלכער וואָלט געווען פּאַסיג צו פיהרען די אַרמעע אויסער דיר, איז עתניאל! — האָט עכסה געזאָגט מיט טרויער, — אלע ווייסען אז ער איז העלדיש און בראַוו... אָבער אַנשטאָט צו געהן אויף מלחמה איז ער גאָר איינגעשפּאַרט אין געפענגניס און ער וואַרט דאָרט אויף זיין טויט.

— עס איז מערקווירדיג! — האָט כלב ווידער פּראָבירט אָפּצואָווענדען איהרע געדאַנקען פון עתניאל'ן. — צוליעב דעם וואָס עכן האָט ארויסגעוויזען א העלדישקייט, ווען ער איז געשיקט געוואָרען מיט די איבריגע אויסצושפּיאָנירען די שטאָדט עי, האָט איהם יהושע פאַר דעם געוואָלט מאַכען דעם הויפּטפיהרער פון דער אַרמעע געגען עי, אָבער ער האָט דיזען אַמט ניט געוואָלט אָננעהמען... און ערשט בלויז מיט א קורצע צייט צוריק האָט ער זיך ביי מיר געבעטען איך זאָל זעהן פּועל'ן ביי יהושע'ן ער זאָל איהם געבען אַן אַמט. דאָס קען איך שוין גאָרניט פאַרשטעהן... ער האָט מיר געזאָגט, אז ווען מען זאָל איהם נאָר לאָזען וואָלט ער באַוויזען גרויסע העלדישקייט, און יעצט איז אזא געלעגענהייט איז צו איהם געגעבען געוואָרען, האָט ער זיך ענטזאָגט זי אָנצונעהמען.

— אה, עכן איז א נידעריגער מענש! ער איז פאַרדאָרבען דורך און דורך!

— האָט עכסה געזאָגט.

— איך ווייס אז דו ביזט אויף איהם אין כעס פאַר זיין עדות זאָגען געגען עתניאל'ן, אָבער ביי מיר איז ער נאָך דורכדעם מעהר געהויבען געוואָרען... דאָס ווייזט, אז ער איז אן עהרליכער מענש, און כאָטש ער איז געווען עתניאל'ס א גוטער פריינד, און איז אויך זעהר דאַנקבאַר צו מיר, פון דעסטוועגען האָט עס איהם ניט אָפּגעהאַלטען פון צו זאָגען דעם אמת.

— דעם אמת! עכן איז א ליגנער! ער האָט געזאָגט א ליגען! עתניאל האָט קיינמאָל ניט געהאַט די אויריננגלעך און אפילו מיט איהם קיינמאָל ניט

גערערט וועגן זיי... — האט עכסה אויסגערופן מיט אויפרעגונג — עכן איז א פארדארבענער מענש און ער איז עפעס אנדערש אויסן געווען מיט אלעם וואס ער האט געטהאן.

— זינדיג ניט מיט דיינע רייד, מיין טאכטער! — האט כלב איהר געווארנט — עכן האט זיך דערווייל ערווארבען א נאמען אלס בראווער מאן... ניט יעדער איינער וואלט געוואגט איינצושטעלען זיין לעבען און אריין אין דער שטאדט פון דעם שונא, כדי אויסצוגעפינען וואס דארטען טהוט זיך... יא, מען דארף זיין גענוג בראוו און קלוג אזא זאך דורכצופיהרען, און מען קען זעהן אז ער האט עס ניט געטהאן צוליעב כבוד, אז ניט וואלט ער זיך ניט ענטזאגט אנצונעהמען דעם אמט צו זיין דער פיהרער פון דער ארמעע.

גאנץ פריה האט די ארמעע פון דריי טויזענד העלדען אוועקגעמארשירט אין דער ריכטונג פון דער שטאדט עי, אונטער דער פיהרערשאפט פון א מאן פון שבט שמעון.

יהושע און די זקנים זיינען ארויס זיי צו באגלייטען.

— זאל גאט זיין מיט אייך און איהר זאלט באזיגען דעם קעניג פון עי און טהאן צו די איינוואהנער און צו דער שטאדט אזוי ווי מיר האבען געטהאן צו יריחו און איהרע איינוואהנער! — האט יהושע געבענשט די ארמעע.

— געהט בשלום און קומט צוריק בשלום! — האבען די זקנים אויסגערופען, ווען די ארמעע האט זיך גענומען דערווייטערען.

לאנגזאם האבען די דריי טויזענט בראווע סאלדאטען פון ישראל געמארשירט אין דער ריכטונג פון שטאדט עי. זיי זיינען געווען זיכער מיט א זיעג, ווייל לויט ווי עכן האט איבערגעגעבען איז עס א קליין פאלק און די איינוואוינער זיינען ניט קיין קעמפער. און א חוץ דעם ריכטען זיי זיך ניט אויף אן אנפאל פון די אידען, ווייל אלע פעלקער מיינען, אז נאך דעם איינגעמען פון יריחו וועט זיך יהושע פארנעמען נאך דרום און ניט נאך צפון. און איצט, אז זיי וועלען פלוצלינג מאכען אן איבערפאל אויף דער שטאדט עי, וועלען זיי אין איין טאג פארטיג ווערען. אזוי האט געטראכט דער פיהרער פון דער ארמעע.

— מיר זיינען שוין גאנץ נאהענט צו דער שטאדט — האט דער פיהרער אויסגערופען — זייט געגרייט!

די סאלדאטען האבען ארויסגעצויגען זייערע שווערדען און גענומען אנגעהען זייערע פייל און בויגען.

פלוצלונג אבער האבען זיך די טויערען פון עי אן עפען געטאן און פון דארטען האבען זיך א שאט געטאן א גרויסע צאהל באוואפענטע סאלדאטען. פון גרויס איבעררראשונג זיינען די אידישע סאלדאטען אזוי צוטומעלט געווארען אז זיי האבען אויף א וויילע זיך פארלארען.

באלד אבער האט דער פיהרער אויסגערופען: צום קאמף פאר אונזער לאנד און פאלק!

דער קאמף האט זיך אנגעפאנגען. גרויס העלדישקייט האבען די אידישע סאלדאטען ארויסגעוויזען אבער דא איז באלד ארויסגעקומען א צווייטע ארמעע פון עי, וואס איז נאך געווען גרעסער פון דער ערשטער. א טויט שרעק איז אויף די אידישע סאלדאטען אנגעפאלען.

— מען האָט אונז פאַרראַטען ! — האָט דער פיהרער אויסגעשריען. — זייער ארמעע איז צוויי מאָל אזוי גרויס ווי אונזערע.

— מיר וועלען זיי מיט אונזער קליינער ארמעע ניט באזיגען !

— לאָמיר זיך צוריקקערען צו אונזער לאַגער !

— מיר וועלען פאַרלירען די מלחמה !

— לאָמיר זיך צוריקקערען ! — האָט דער פיהרער געגעבען א באַפעהל — מיר וועלן זיי ניט בייקומען. זייער ארמיי איז צוויי מאָל אזוי גרויס ווי אונזערע!

זיי האָבען זיך אומגעקערט מיט די פּלייצעס צום שונא און גענומען לויפען פון בארג.

דער קעניג פון עי, וועלכער האָט אליין געפיהרט זיין ארמעע, האָט זיך גענומען נאָכיאָגען נאָך זיי ביז שברים און זעקס און דרייסיג פון די אידען זיינען געפאלען טויט.

ווייטער האָט דער קעניג פון עי ניט געוואָלט געהן, ווייל ער האָט מורא געהאָט פיליינט וועט יהושע צוקומען מיט א צווייטע ארמעע.

— איצט זעהט איהר, אז איך האָב גאַנץ גוט געטאָ! וואָס איך האָב געגלויבט עכן׳ס רייד ! — האָט זיך דער קעניג פון עי אָפּגערופען צו זיינע גענעראלען — אזוי ווי ער האָט מיר געזאָגט אזוי איז געווען. די ארמעע וואָס יהושע האָט געשיקט איז געווען קליין אין צאָהל. און איהר האָט מיר געראַטען צו פאַרהאַלטען עכן׳ען... מיר וואָלטען דאן געווים זעהר שלעכט אָפּגעשניטען, יהושע וואָלט געשיקט א גרייסע ארמעע.

— מיר האָבען זיך דאן ניט געקענט פאָרשטעלען אז צווישען די אידען זאָל זיך געפינען איינער וועלכער זאָל זיין וויליג צו פאַרראַטען זיין פאָלק... מיר האָבען איהם פאַרדעכטיגט, אָבער איצט גיבען מיר צו אז מיר האָבען א טעות געמאַכט און אונזער קעניג איז געווען גערעכט.

— איך האָב גלייך דערקענט אַן איהם אז ער איז ערנסט. ווי נאָר ער האָט מיר געזאָגט אז יהושע איז זיינער א שונא, ער האָסט איהם, און אויב זיין ארמעע וועט כאַפּען א מפּלה, וועט ער פאַלען אין די אייגען פון פאָלק און דאן וועט מעגליך עכן פאַרנעמען זיין פּלאַץ, און מיט איהם וועל איך שוין שליסען א בונד פון שלום אזוי אז מיר זאָלען דערפון געניסען.

— זעקס און דרייסיג טויטע זיינען געפאַלען פון ישראל, — האָט א גענעראל זיך אָפּגערופען — מיר האָבען זיי געצעהלט.

— יהושע וועט שוין פאַרזאָגען א צעהנטען זיך ניט אַנצופאַנגען מיט אונז ! — האָט דער קעניג פון עי געזאָגט מיט שטאָלץ — איצט וועלען זיי זיכער פאַרבלייבען אויף זייער פּלאַץ. מעגליך, אז פון גרויס שרעק וועלען זיי צוריק אריבערגעהן דעם ירדן און זיך באזעצען אויף דער צווייטער זייט פון ירדן.

— איין זאַך איז זיכער, אז זיי וועלען זיך שוין ניט פאַרנעמען קיין צפון... אויב זיי וועלען ניט אריבערגעהן צוריק דעם ירדן, וועלען זיי געהן נאָך דרום — האָט א גענעראל געזאָגט.

— פונדעסטוועגען דאַרפען מיר זיין געגרייט ! — האָט דער קעניג אויסגערופען — אויב עס וועט עכן׳ען ניט געלינגען אריינצוקריגען די מאַכט, דאן מעגען מיר זיך ריכטען אויף א צווייטע מלחמה. איין זאַך איז זיכער, אז עכן

וועט פארבלייבן אונזער פריינד און מיר וועלן איהם דארפן העלפן ארייני
קריגן די הערשאפט.

— ווי אזוי ? — האט איינער פון די גענעראלן געפרעגט.

— געווים מוז עכן האבן זעהר פיעל אנהענגער און אזוי שנעל ווי דאס פאלק וועט ארויסצייגן אומצופרידענהייט מיט יהושע׳ן, וועט עכן קענען צוזאמענשטעלן אן ארמעע און ווען איך וועל איהם קומען צו הילף מיט מיין ארמעע וועט ער קיין שוועריגקייטן ניט האבן ארונטערצווזעצן יהושע׳ן און צו פארכאפן זיין מאכט. און דאן וועלן מיר ביידע שליסע א בונד פון שלום און מיר וועלן איינגעהמען פיעלע פעלקער און זיך טיילן מיט זייער לאנד.

יהושע און די עלטסטע פון פאלק האבן געווארט מיט גרוים אומגעדולד צו הערען נייעס פון דער מלחמה. זיי האבן ערוואראטעט אז באלד וועט אנקומען א שליח און זיי איבערגעבן די איינצעלהייטען פון שלאכט און אויב זיי נויטיגען זיך אין פארשטארקונג. אבער ווי גרוים איז זייער טרויער געווארען ווען מען האט זיי אנגעזאגט אז די ארמעע פון ישראל איז אנטלאפען אין גרוים אומארדנוני.

יהושע און די איבעריגע זקנים זענען שנעל אנטקעגען געקומען. די ארמעע און דער פיהרער האט מיט טרערען אין די אויגען איבערגעגעבן זיין נידערלאגע.

— ווען מיר זיינען צוגעקומען גאנץ נאהענט צו דעם טויער פון עי, זיינען מיר געווען, אזוי זיכער מיט אונזער זיעג. מיר האבן געמיינט, אז דער קעניג פון עי האט ניט קיין אהנונג וועגען אונזער פלאן צו באפאלען זיין שטאדט, אבער מיר האבן באלד איינגעזעהן אונזער טעות... דער קעניג פון עי איז אונז אנטקעגען געקומען מיט א גרויסע ארמעע, כמעט צוויי מאל אזוי גרוים ווי אונזערע. און ווי עס ווייזט אוים זיינען זיי שוין געווען געגרייט פון לאנג, און זיי האבן געמאכט אזא שטארקען אנגריף אויף אונז, אז מיר זיינען גלייך געצוואונגען געווארען צוריקצוטרעטען, און מיר האבן פארלארען ארום זעקס און דרייסיג מאן.

ווען יהושע האט דאס דערהערט, האט ער פון גרוים צער צוריסען זיינע קליידער. די עלטסטע פון ישראל האבן אויך צוריסען זייערע קליידער און אלס צייכען פון טרויער האבן זיי אויף זייערע קעפ שטויב ארויפגעשאטען.

באלד האט זיך דאס גאנצע פאלק דערוואוסט פון דער נידערלאגע, אז גרוים שרעק איז אויף אלעמען אנגעפאלען.

יהושע איז געפאלען מיט זיין פנים פאר דעם הייליגען ארון פון גאט און ער האט וויינענדיג אויסגערופען :

— אה, אונזער הער גאט! פארוואס האסטו אונז אריבערגעפירט דעם ירדן כדי אונז איבערצוגעבן אין די הענט פון דעם עמורי, אונז אין גאנצען צו פארניכטען. עס וואלט דאך שוין פאר אונז א סך בעסער געווען, ווען מיר פארבלייבן אויף יענער זייט ירדן. אה, מעכטיגער גאט! וואס זאל איך איצט זאגען, נאך דיזער מפלה וואס מיר האבן געהאט. דאס פאלק וועמען דו האסט פארשפראכען אז וואו נאר זיי וועלען ארויפטרעטען זייערע פים וועט געהערען צו זיי. איצט איז דאס זעלבע פאלק אנטלאפען פון שונא... איצט וועט דער כנעני און די אנדערע פעלקער דערהערען אז אזא קליינע מלוכה ווי עי האט

אונז באזיעגט, וועלען זיי זיך אלע פאראייניגען און וועלען אונז פארניכטען, און דו, אה, גאט, וואס וועסטו טאן צו דיין גרויסען נאמען וואס וועט פארשוועכט ווערען צווישען די פעלקער... זיי וועלען זאגען, אז אונזער גאט קען אונז מעהר ניט העלפען.

לאנג איז יהושע געלעגען לעבען דעם הייליגען ארון און אויסגעגאסען זיין הארץ פאר גאט. די פארשטעהער פון אלע שבטים און זייערע עלטסטע זיינען געווען נעבען יהושע און אויך מתפלל געווען צו גאט.

— גאט שטראפט אונז פאר אונזערע זינד! — האט זיך יהושע אויפגעהויבען פון זיין פלאץ. מען האט געזינדיגט צו איהם און מיר דארפען אויסגעפינען דעם שולדיגען.

— דער שולדיגער איז געפונען געווארען! — האט זיך איינער פון די עלטסטע אפגערופען. ער האט אבער נאך זיין שטראף ניט באקומען.

יהושע האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינענדע בליקען און געפרעגט:

— וואס מיינסטו?

— אונזער האר יהושע האט דאך געוויס ניט פארגעסען ווען ער האט פארזאגט דאס גאנצע פאלק אז מען זאל זיך ניט צוריהרען צום חרם, וואס איז גענומען געווארען פון דער שטאדט יריחו. איך געדענק, אז דו האסט נאך אונז אליין געווארענט אז ווען מיר וועלען נעמען פון חרם וועלען מיר אויף זיך ארויסברענגען דעם צארן פון גאט.

— אבער ווער האט געוואגט צו נעמען פון הרם? — האט יהושע אויסגערופען מיט כעס.

— עתניאל, דער אינגסטער ברודער פון כלב׳ן, וועלכער זיצט איצט איז געפענגנים פאר דעם מארד פון שלומית׳ן.

— אבער ווי קומט ער צו נעמען פון חרם?!

— אויף דעם משפט האט עכן עדות געזאגט, אז עתניאל האט איהם געציינט די אוירינגלאך, וואס ער האט נאכהער געגעבען א מתנה צו שלומית׳ן און אלע ווייסען אז די אוירינגלאך האבען באלאנגט צום חרם... יע, פאר דעם אליין האט עתניאל פארדינט דעם טויט, אבער די שופטים איילען זיך ניט דורכצופירען דעם שטראף איבער איהם ווייל... ווייל ער איז דאך כלב׳ס ברודער! און דעריבער האט גאט זיין צארן אויסגעגאסען אויף אונז און איצט האבען אומשולדיגע מענשען באצאהלט מיט זייערע לעבענס צוליעב איהם.

— אז עתניאל האט גע׳גנב׳עט פון חרם הער איך דאס איצט פון דיין מויל! — האט יהושע זיך אפגערופען פארוואונדערט.

— דאס איז דאך ארויסגעבראכט געווארען ביים משפט, ווען מען האט געפונען די אוירינגלאך ביי שלומית׳ן איז עכן האט עדות געזאגט אז עתניאל האט איהם פארטרויט דאס די אוירינגלאך וועט ער געבען א מתנה צו שלומית׳ן.

— און פון וואנען ווייסט מען, אז זיי האבען באלאנגט צום חרם? —האט יהושע געפרעגט.

— דאס איז שוין איצט ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט. מען ווייס, אז רחב האט זיי דערקענט אויף שלומית׳עס אויערען און זי האט שוין לאנג זיי אפגעגעבען פאר גאט.

יהושע האט א טראכט געטאן. עפעס האט זיך יע געטומעלט אין קאפ ווע־גען די ציערונג פון רחב׳ן, אבער אויף זיכער געדענקט ער ניט.

— אויב די שופטים האבען טאקע באשטימט, אז עתניאל האט ניט נאר ערמארדעט שלומית׳ן, אבער ער האט אויך גע׳גנב׳עט פון חרם, וועל איך שוין זעהן, אז זיין אורטייל זאל גלייך דורכגעפיהרט ווערען — האט יהושע געזאגט — אזא געמיינער פארברעכער טאר זיך ניט געפינען אין ישראל, ווייל צוליעב איהם וועלען אויך אנדערע ליידען!

יהושע האט גלייך געשיקט רופען די שופטים און זיי האבען באשטעטיגט אז עתניאל איז געפונען געווארען שולדיג אין דעם טויט פון שלומית׳ן און אויך אין גנבה פון דעם חרם.

— אויב אזוי האט מען געדארפט דעם אורטייל דורכפיהרען נאך איידער מיר האבען אנגעפאנגען די מלחמה, ווייל צוליעב זיין זינד האבען איצט פילע אומשולדיגע געליטען. זעקס און דרייסיג פון אונזערע ברידער זיינען געטויטעט געווארען צוליעב זיין אומפארצייהליכען זינד.

— גאט האט אונז געשטראפט צוליעב זיין זינד — האט א צווייטער פאר־שטעהער זיך אפגערופען — ווייל מען זוכט צו פארקרימען דעם משפט, צוליב דעם וואס דער שולדיגער איז א ברודער פון א הויכען באאמטען.

— דאס איז אוממעגליך! — האט יהושע זיך אפגערופען — איך וועל גלייך שיקען רופען כלב׳ן און איהם פרעגען אויב ער האט א חלק אין דעם וואס מען האט ניט דורכגעפיהרט דעם אורטייל פון דעם זינדיגען.

יהושע האט געשיקט זיין משרת רופען כלב׳ן און ווען ער איז געקומען, האט ער זיך צו איהם אפגערופען:

— דו טרויערסט דאך צוזאמען מיט אונז אלעמען וועגען אונזער נידערלא־גע אין דער מלחמה מיט דעם קעניג פון עי.

— יע, מיין האר, מיין הארץ און די הערצער פון מיין גאנצער משפחה איז צוגאנגען ווי וואסער צוליעב דעם שרעק ווען מיר האבען זיך דערוואוסט וואס עס האט פאסירט מיט אונזער ארמעע.

— דאס איז א שטראף פון גאט פאר די זינד וואס מען איז באגאנ־גען! — האט יהושע געענטפערט — מען האט גע׳גנב׳עט פון חרם!

— ווער האט עס געטאן? — האט כלב געפרעגט — יענער האט יעווים פארדינט דעם טויט!

— ווי איך האב איצט אויסגעפונען, האט עס געטאן דיין ברודער עתניאל. מען האט מיר איבערגעגעבען אז די אוריינגלאך וואס ער האט שלומית׳ן געגעבען, האט ער גענומען פון דעם חרם.

— דאס איז ריכטיג! — האט עכן טרויעריג א שאקעל געטאן מיט׳ן קאפ

— איך האב אליין אויך געהערט ווי עכן האט עדות געזאגט געגען מיין ברודער.

— און איצט דערצעהלט מען מיר אז מען האט דעם אורטייל איבער עתניאל׳ן ניט דורכגעפיהרט, ווייל ער איז דיין ברודער... זאג מיר כלב איז עס ריכטיג, אז דו זוכסט צו פארדרעהען דעם משפט פון דיין ברודער?

— ניין, מיין האר, איך האב עס קיינמאל אין זינען ניט געהאט — האט כלב געענטפערט — עתניאל איז מיין ברודער, מיין פלייש און בלוט, אבער איך האב געוואלט אז נאר גערעכטיגקייט זאל געטאן ווערען... און וויפיל מיין טאכ־

טער עכסה האט מיר געבעטען איך זאל זעהן ראטעווען עתניאל׳ן, האב איך זיך צו איהר ניט צוגעהערט. איך האב איהר געזאגט, אז אויב די שופטים האבען איהם געפונען שולדיג, האט ער זיכער פארדינט זיין שטראף און איך וועל זיך בשום אופן ניט מישען.

— אויב אזוי, טא פארוואס האט מען איהם זיין שטראף ניט געגעבען ?— האט זיך יהושע געווענדעט צו די שופטים — מיט דעם וואס איהר האט זיך אפגעהאלטען דורכצופיהרען זיין אורטייל, האט איהר א גרויסען אומגליק געבראכט אויף גאנץ ישראל.

— איידער מיר האבען אויף איהם דורכגעפיהרט זיין אורטייל האבען מיר געוואלט אויך האבען די צושטימונג פון אונזער האר יהושע, אבער אזוי ווי אונזער האר איז געווען שטארק פארנומען מיט די הכנות פאר דער מלחמה, האבען מיר באשלאסען צו ווארטען — האט דער עלטסטער פון די שופטים געזאגט.

— איהר האט גאר מיין צושטימונג ניט בעדארפט האבען, — האט יהושע געזאגט, — אזוי לאנג ווי כלב האט אייך ניט געשטערט, האט איהר דעם אורטייל געקענט גלייך דורכפיהרען. אונזער פליכט איז אויסצוראטען דאס שלעכטע וואס געפינט זיך צווישען אונז. כדי צוליעב די שולדיגע זאלען אומשולדיגע ניט ליידען.

— מיר זיינען גרייט עס צו טהאן ! — האט דער שופט געזאגט.

— מארגען זאלט איהר פאר אלעמען אין די אויגען דורכפיהרען דעם אורטייל איבער עתניאל׳ן ! — האט יהושע געזאגט, — זאלען אלע זעהן און זיך אראפנעהמען א מוסר ניט צו באגעהן קיין זינד. און דאן וועט מעגליך גאט איבער אונז רחמנות האבען און אפטהאן זיין צארן פון אונז.

כלב האט טרויעריג צוגעשאקעלט מיט׳ן קאפ, און ווי צו זיך ארויסגעמורמעלט :

— איך האב אזוי פיעל ערווארטעט פון מיין איינגסטען ברודער, ער איז געווען אזוי בראוו און העלדיש, ער איז געווען פול מיט יוגענד־קראפט, ער האט זיך פאר קיינעם ניט געשראקען, ער איז געווען עהרליך און געטריי, ער האט קיינמאל ניט געקענט צוזעהן קיין אומרעכט.. און מיין טאכטער האט איהם אזוי שטארק געליעבט... אה, גאט, ווי אזוי האט עס פאסירט אז מיין ברודער זאל אזוי שנעל אראפגעהן פון גלייכען וועג ? ! . . . ער איז אין גאנצען פארדארבען געווארען און אלעס צוליעב א שלעכטע אומווירדיגע פרוי.

— איך וויים, כלב, אז דיין הארץ ווייטאגט דיר פאר דיין ברודער, אבער גערעכטיגקייט מוז געטהאן ווערען, און ווען ער וואלט געווען מיין אייגענער ברודער, וואלט איך אויך בעשטעטיגט זיין שטראף און געהייסען עס גלייך דורכפיהרען... זאל דאס פאלק ניט זאגען אז א ברודער פון א הויכען בעאמטען קריגט ניט קיין גערעכטען משפט... און אויסער דעם זעהסטו דאך, אז צוליעב זיין זינד האט אונז גאט בעשטראפט.. יא, מיר מוזען אויסרייסען די זינד מיט די ווארצלען.. איך אליין האב זיך ניט גערעכט אז עתניאל זאל זיין פעהיג צו באגעהן אזא שווידערליכען פארברעכען... אבער יעצט אז ער איז געפונען געווארען שולדיג, דארף ער זיין שטראף וואס שנעלער באקומען כדי דערמיט אפצוטהאן דעם צארן פון גאט... מארגען ווען זיין אורטייל וועט דורכגעפיהרט ווערען וועט דאס גאנצע פאלק מתפלל זיין צו גאט, פיעלייכט וועט ער זיך איבער

אונז דערבארעמען און אונז קומען צו הילף אין די מלחמות מיט אונזערע שונאים... דורך דעם וואס דער שולדיגער וועט בעקומען זיין שטראף, וועט זיין נשמה געלייטערט ווערען און גאט וועט אונז אלעמען מוחל זיין... כל זמן די זינד איז פון צווישען אונז ניט אפגעראמט געווארען, וועלען מיר ניט קענען האבען קיין זיעג איבער אונזערע שונאים... און ווען מיר וועלען האבען נאר אזא נידערלאגע דאן זיינען מיר אלע פארלארען.

— איך וויים, — האט כלב געווישט זיינע אויגען, — אבער ווער האט זיך עס געקענט ריכטען אז מיין ברודער וועט ברענגען אן אומגליק אויף אונז אלעמען ?! . . .

— איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען זיין בראווקייט און העלדישקייט וואס ער האט ארויסגעציינט ווען מיר זיינען ביידע געשיקט געווארען פון דעם געטלי־כען מאן, משה, צו סיחון, דעם קעניג פון אמורי... מיר האבען זיך שוין ביידע ניט גערעכנט אז מיר זאלען ארויס פון דארטען לעבעדיגע... ער איז געווען זעהר בראוו... ער האט פאר זיין אייגענעם לעבען ניט געזארגט... זיין אייציגע זארג איז געווען דיין טאכטער, עכסה... ער האט איהר נאמען פון זיין מויל ניט ארויסגעלאזען... און איך געדענק וואס פאר א העלדישקייט ער האט ארויס־געציינט ווען ער האט עכסה'ן ארויסגעראטעוועט פון די הענט פון די בעאמטע יועמיען דער קרוינפרינץ האט אנגעזאגט אז מען זאל זי פארברענגען... אבער אזוי איז שוין די נאטור פון מענשען, הויבט ער אן פאלען, פאלט ער אלץ טיעפער און טיעפער אין אפגרונד... אהן צווייפעל אז שלומית האט עס אלעס פאר־אורזאכט, אבער אויך ער איז זעהר שטארק שולדיג... ער האט זיך בעדארפט באהערשען און ניט ארייגפאלען אין איהר נעץ... דו זעהסט דאך, אז איין זינד שלעפט מיט א צווייטע... פריהער האט ער מיט דער אלמנה געזינדיגט, נאכהער יאט ער געזינדיגט מיט דעם וואס ער האט גענומען פון דעם פארבאטענעם חרם און נאכהער איז ער בעגאנגען א מארד!

— הלואי וואלט ער בעסער געפאלען אין שלאכט ווען מיר האבען מלחמה געהאלטען מיט דעם שונא! — האט כלב מיט א נידריגע שטימע געזאגט, — דאן וואלט ער געשטארבען ווי א העלד... מיר וואלטען אלע געוועזן שטאלץ מיט איהם... יעצט אבער וועט ער שטארבען ווי איינער פון די נידערטרעכטיגסטע... דער שאנד פלעק וועט שטענדיג בלייבען אין אונזער משפחה... און מיין ארימע טאכטער, גאט וויים אויב זי וועט עס קענען אריבערטראגען... איהר ליעבע צו איהם איז געווען זעהר גרוים... מיין האר וויים דאך ווי זי האט איהר לעבען איינגעשטעלט פאר איהם! . . .

— דיין טאכטער מוז אבער וויסען אז ער איז ניט דערזעלבער עתניאל... יענער עתניאל וועמען זי האט געליעבט איז שוין מעהר ניטא... און דיזער! ניין, אזא מאן ווי ער האט גיט פארדיענט געליעבט צו ווערען פון דיין אידעלער און שעהנער טאכטער. זי דארף זעהן אין גאנצען אז איהם צו פארגעסען.

— די צרה מיט מיין טאכטער איז, — האט כלב זיך אפגערופען, — וואס זי גלויבט נאך אלץ אז ער איז אומשולדיג, כאטש זי האט אליין געהערט און געזעהן אלע באווייזע געגען איהם... און די שופטים האבען איהם געפונען שולדיג אין אלע פארברעכענס, טענה'ט זי אבער אז עס איז אויף איהם א בלבול געמאכט געווארען.

— זארג ניט, כלב, אזוי שנעל ווי ער וועט זיין שטראף באקומען וועט זי אן איהם פארגעסען... כל זמן דער מענש לעבט איז איהם שווער צו פארגעסען, אבער ווי נאר די ערד פארשלינגט איהם אזוי ווערט ער גאנץ שנעל פארגעסען.

מיט א צובראכענע הארץ האט זיך כלב צוריקגעקעהרט אהיים... שווער איז איהם געווען איבערצוגעבען זיין פרוי און טאכטער אז מארגען וועט עתניאל הינגעריכטעט ווערען. אבער עכסה האט באלד אן זיין פנים דערקענט אז עפעס שרעקליכעס האט פאסירט, און זי האט גענומען צושטעהן צו איהר פאטער ער זאל איהר זאגען די אורזאכע פון זיין טרויער.

— איז עס ניט גענוג טרויעריג, מיין טאכטער, אז אונזער ארמעע האט געהאט אזא נידערלאגע ?!... אונזערע העלדען זיינען געצוואונגען געווארען צוריקצוטרעטען איבערלאזענדיג זעקס און דרייסיג טויטע ?!... און ווען מיר נעהמען אין אנבעטראכט, אז דער שונא איז קליין און שוואך, מאכט עס אונזער צער נאך גרעסער... יא, מיר אלע ווייסען אז דאס האט אונז גאט געשטראפט פאר די זינד — — — —

— איך וויים, — האט עכסה זיך פאנאנדערגעוויינט, — דאס פאלק באשולדיגט עתניאל'ן... איך האב שוין פון פיעלע געהערט אז גאט בעשטראפט אונז צוליעב דעת וואס עתניאל זאל האבען בעגאנגען דעם פארברעכען.
אונז צוליעב דעם וואס עתניאל זאל האבען בעגאנגען דעם פערברעכען.
איבערצייגט אז דאס בעשטראפט אונז גאט ווייל מען האט גע'גנב'עט פון חרם, און כל זמן דער זינדיגער וועט זיין שטראף ניט באקומען, שטעהט דאס גאנצע עקזיסטעניץ פון אונזער פאלק אין געפאהר...

— אבער, פאטער, עס איז א ליגען! עתניאל איז אומשולדיג, און גאט האט אונז בעשטראפט פאר דעם וואס א גרויס אומרעכט איז צו איהם געטהאן געווארען! . . .

— דו ביזט די איינציגע וואס גלויבסט אזוי! — האט כלב געזאגט, — הלואי וואלט איך אויך אזוי געקענט גלויבען, אבער מיין טאכטער, דיין ליעבע צו איהם האט דיינע אויגען פארבלענדעט, און דו זעהסט ניט דאס וואס יעדער איינער זעהט!

— איך בין ניט די איינציגע וואס גלויבט אז עתניאל איז אונשולדיג — האט עכסה געזאגט, — אויך רחב גלויבט אזוי!

— זי גלויבט, ווייל דו גלויבסט אזוי! און פריהער ווען דו ביזט אויך געווען זיכער אז עתניאל איז צו דיר אומטריי געווארען, האט דאך רחב אויך אזוי געטראכט . . . ניין, מיין טאכטער, דו דארפסט וויסען זיין, אז אויב ער איז געפונען געווארען שולדיג ביי די שופטים איז ער אויך שולדיג אין די אויגען פון גאנצען פאלק... דארפסטו זיך אויך צוגעוואוינען צום געדאנק אז עתניאל איז א פארברעכער און ווען מען וועט זיין שטראף דורכפיהרען, דארפסטו זיך אן איהם אין גאנצען פארגעסען... אזוי ווי איך טהו עס!

— זאג מיר, פאטער, וואס האט יהושע געטהאן? — האט עכסה געפרעגט, — האט ער צוגעשטימט אז עתניאל זאל — — — —

— יא, מיין טאכטער, יהושע האט באשטעטיגט דעם טויט־אורטייל, און

מארגען וועט מען דאס דורכפיהרען... ווייל בלויז דאן ווען דער שולדיגער וועט זיין שטראף בעקומען, וועט גאט פון אונז זיין צארן אפטהאן.

— אה, ניין, ניין, פאטער! — האט זיך עכסה היסטעריש פאנאנדערגע־וויינט, — איך וועל ניט דערלאזען אז מען זאל איהם טויטען! ער איז אומ־שולדיג!

— בערוהיג זיך מיין טאכטער, זיי בראוו, און שטארק זיך, ווייל איך אליין לייד אויך דערפון זעהר שרעקליך און איך קען דיך פארשטעהן, אבער וואס קע־נען מיר זיך העלפען?... אזוי איז עס זיכער בעשטימט פון גאט, און מיר דארפען אלעס אננעהמען פאר גוטעס.

— זאל מען מיך אויך טויטען! — האט עכסה ניט אויפגעהערט צו וויי־נען, — איך וועל לויפען צו יהושע׳ן און פאלען צו זיינע פיס און איהם בעטען ער זאל ראטעווען עתניאל׳ן... ער האט די מאכט עס צו טהאן...

— אומזיסט וועט זיין דיין מיה! — האט כלב איהר אפגעהאלטען, — יהושע האט זיך אליין אנגעבייזערט אויף די שופטים פאר וואס מען האט עתניאל׳ס אורטייל גלייך ניט דורכגעפיהרט, וואלט מען פיעלייכט פארמידען דעם אומגליק וואס האט מיט אונז פאסירט... ער האט געמיינט אז איך בין אין דעם שולדיג... ווייל צוליעב דעם וואס עתניאל איז מיין ברודער האבען די שופטים זיך ניט געאיילט דורכצופיהרען זיין אורטייל.

— אבער, גאט, מען קען דאך ניט טויטען אן אומשולדיגען מענשען! — האט עכסה אויסגערופען, — איך שווער ביי גאט אז עתניאל איז אומשולדיג!

— מיין טאכטער! — איז כלב אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ, — וואס האסטו געטהאן?!... ווייסטו דען ניט וואס עס קומט פאר שווערען פאלש?!

— אויב עס איז פאלש, וועל איך בעסער געטויטעט ווערען! איך בין אזוי זיכער אז מיין שבועה איז ניט קיין פאלשע, אז עתניאל איז אומשולדיג, אז איך בין גרייט צו שווערען ביי דעם הייליגען ארון מיט די לוחות... אה, פאטער, קענסטו דען ניט זעהן אז א בלבול איז אויף איהם געמאכט געווארען?

כלב האט בעטראכט זיין טאכטער. ער האט געזעהן ווי צובראכען און אומגליקליך זי פיהלט זיך... זיין הארץ האט איהם וועה געטהאן... ער האט אבער געשוויגען. ער האט איהר מעהר ניט געשטערט ווען זי האט געזאגט אז זי געהט צו יהושע׳ן, כאטש ער האט געוואוסט אז איהר מיה וועט זיין אומזיסט.

עכסה האט אנגעטהאן איהר שלייער און איז שנעל געלאפען צו יהושע׳ן.

— מיין הער, איך בעט דיך, האב רחמנות! — איז עכסה געפאלען צו יהושע׳ס פיס, — עתניאל איז אומשולדיג! ער טאר ניט געטויטעט ווערען!

— עס פארשטעהט זיך, אז דו זאלסט אזוי טראכטען פון איהם, — האט יהושע געזאגט, — אבער די שופטים האבען זייער אורטייל ארויסגעגעבען נאכדעם ווי זיי האבען מיט גרויס פארזיכטיגקייט אויסגעפרעגט אלע עדות און גענומען אין אנבעטראכט אלע בעווייזע... ניין, זייער בעשלוס וועט ניט קענען געענדערט ווערען... עס טהוט מיר זעהר לייד דיר אזוי פיעל שמערצען צו פאר־שאפען, אבער דו דארפסט ניט פארגעסען, אז צוליעב איהם האט דאס גאנצע פאלק געליטען... אויסער דעם וואס ער האט בעגאנגען א מורה, האט ער עובר געווען אויף מיין פארזאג וואס איך האב אנגעזאגט אלעמען איידער גאט האט איבערגעגעבען יריחו אין אונזערע הענד... איך האב אלעמען געווארנט זיי זאלען

זיך היטען ניט צו נעהמען פון דעם חרם, ווייל דורכדעם וועט יענער אן אומגליק ברייננען אויף אונז אלעמען. און אזוי האט יעצט פאסירט... עתניאל האט פון דעם חרם גענומען און גאט האט זיין צארן אויף אונז אלעמען אויסגעגאסען... מיר האבען געהאט א נידערלאגע אין דער מלחמה.

— עתניאל איז אין דעם ניט שולדיג! — האט עכסה אויסגערופען, — עכן איז דער שולדיגער! האט ער דען דיך ניט געראטהען אז מען זאל שיקען א קליינע ארמעע נאך עי?!...

— יא, עס איז ריכטיג, — האט יהושע געענטפערט, — אבער עי איז דאך ווירקליך א קליינע מלוכה און ווען גאט וואלט זיך פון אונז ניט אפגעקעהרט, האבען זיי געדארפט בעזיעגען די מלוכה פון עי, און אנשטאט דעם האבען מיר נאר א מפלה געליטען.

— איך זאג דיר, מיין האר, אז עכן איז אין אלעם שולדיג! — האט עכסה אויסגערופען, — עכן איז א פארדארבענער מענש, ער האט געמאכט א בלבול אויף עתניאל'ן!

— די שופטים זיינען שוין געווען איבערצייגט אין עתניאל'ס שולד נאך איידער עכן איז געקומען עדות זאגען, און אויסער דעם דארפסטו ניט פארגעסען אז די שופטים האבען ניט געפאדערט אז עכן זאל קומען עדות זאגען... דאס האט איהם גאר עתניאל ארויסגערופען ער זאל איהם העלפען איבערצייגען די שופטים אז ער איז אומשולדיג... און עכן האט גאר עדות געזאגט נעגען איהם.

— דאס איז דערפאר, ווייל עכן איז א נידערטרעכטיגער און פארדארבענער מענש. איך ווייס אז ער האט פיעלעס שלעכטעס געטהאן, און רחב קען עס אויך איבערצייגען.

— רהב?! — האט יהושע אויסגערופען און א רויטקייט האט באדעקט זיין פנים.

— יא, רחב! און ווען מיין האר וואלט זי צו זיך צוגעלאזען ווען זי איז מיט עטליכע טעג צוריק געקומען זיך דורכריידען מיט מיין האר, וואלטען פיליכט פיעלע זאכען אויפגעקלעהרט געווארען.

— אבער איך פארשטעה ניט וואס דו מיינסט מיט דעם?! — האט יהושע זיך אנגערופען פארוואונדערט, — איז דען רחב געקומען מיך זעהן?

— יא, זי איז געקומען אהער א טאג איידער דו האסט ארויסגעשיקט די ארמעע אויף עי, אבער דו האסט זי ניט געוואלט אויפנעהמען.

— עס איז אונמעגליך!

— דיין משרת האט איהר געזאגט, אז דו ביזט זעהר פארנומען.

— אמת, איך בין געווען זעהר פארנומען יענעם טאג, אבער ווען איך וואלט געוואוסט אז רחב איז צו מיר געקומען, וואלט איך זי גשוים אויפגענומען.

— זי האט געבעטען דיין משרת ער זאל דערמאהנען איהר נאמען פאר דיר, אבער דאס האט אויך ניט געהאלפען, און ער האט איהר געלאזט וויסען אז זי וועט ניט קענען אויפגענומען ווערען.

— ניין, דאס איז ניט ריכטיג, מיין משרת האט איהר נאמען פאר מיר קיינמאל ניט דערמאהנט.

— אבער רחב האט איהם עס געהייסען טהאן.

— אט וועל איך באלד וויסען! — האט יהושע געזאגט און אריינגערופען זיין משרת.

— זאג מיר, איז רחב דא געווען מיט איניגע טעג צוריק? — האט יהושע איהם געפרעגט.

— יא, מיין האר!

— און זי האט דיר געהייסען דערמאהנען איהר נאמען פאר מיר.

— יא!

— און פארוואס האסטו עס ניט געטהאן? — האט זיך יהושע אויף איהם א בייזער געטהאן.

— המ.. איך האב געוואלט... אבער מיין האר האט מיר ניט געלאזט ענ־דיגען... ער האט מיר געזאגט, אז ער איז יעצט שטארק פארנומען און וועט קיינעם ניט זעהן.

— עס פארדריסט מיך זעהר וואס עס האט אזוי פאסירט. ווען איך וואלט געוואוסט אז רחב געפינט זיך נעבען מיין געצעלט, וואלט איך זי מיט גרויס פרייד אויפגענומען.

—און וועסטו זי יעצט זעהן?! — האט עכסה איהם געפרעגט.

— געוויס!

מעהר האט עכסה ניט געדארפט הערען. זי איז גלייך ארויס פון יהושע'ס געצעלט און מיט גרויס איבפעט געלאפען צו רחב'ן.

— רחב, קום מיט מיר, שנעלער! -- האט עכסה קוים אבכאפענדיג דעם אטעם, אויסגערופען, ווען זי איז אריין צו איהר אין געצעלט.

— וואוהין זאל איך געהן? — האט רחב איהר אנגעקוקט פארוואונדערט.

— צו יהושע'ן! איך האב יעצט מיט איהם גערעדט! ער וויל דיך זעהן!

א רויטקייט האט באדעקט רחב'ס פנים. זי איז געבליבען א ווילע שטעהן עטוואס צוטומעלט און נאכהער ווען זי איז צו זיך געקומען, האט זי איהר געפרעגט:

— צוליעב וואס וויל מיך יהושע זעהן? דאן האט ער — — — —

—איך האב יעצט אויסגעפונען! יהושע האט ניט געוואוסט אז דו ביזט דאן צו איהם געקומען. זיין משרת האט איהם ניט געזאגט דיין נאמען... דאס איז אמת!... ווען יהושע האט אויסגעפונען פון מיר אז דאס ביזטו דאן געווען, האט איהם זעהר באנג געטהאן... איך זאג דיר, רחב, אז פאר מיר אין די אויגען האט דער משרת זיך מודה געווען אז ער האט דיין נאמען ניט דערמאנט... יעצט זעהסטו, אז דו האסט אומזיסט חושד געווען יהושע'ן... און עכן האט דיר די גאנצע צייט גענארט... איך בין זיכער אז אלעס וועט אויפגעקלעהרט ווערען... און דו מוזט מיט מיר געהן. מיר וועלען ראטעווען עתניאל'ן... דו ווייסט דאך, אז מארגען דארף מען דורכפיהרען זיין אורטייל.. — האט זיך עכסה פארנאנ־דער געכליפעט — איך מוז איהם ראטעווען... ער איז אומשולדיג.. מיין ליעבער עתניאל!.. אח, רחב, איך בין אין גאנצען שולדיג אין זיין אומגליק, און אויב מען וועט איהם הינריכטען וועל איך מעהר ניט קענען לעבען...

— אבער, עכסה, — האט רחב זי געזוכט צו בערוהיגען, — מיט וואס ביזטו שולדיג?!...

— איך בין שולדיג מיט דעם וואס איך האב געגלויבט די רייד פון דער

נידערטרעכטיגער שלומית... קענסטו דען ניט זעהן אז א פארשווערונג איז גע־מאכט געווארען געגען מיין עתניאל׳ן!... דאס האב איך פארשטאנען אזוי שנעל ווי איך האב געהערט אז עכן בעשולדיגט איהם... יא, דאן בעת דעם משפט איז מיר אלעס אזוי קלאר געווארען... און יעצט ווערסטו מיר מוזען ארויסהעלפען... יהושע וועט זיין צופרידען דיך צו זעהן... עפעס פאנג איך אן צו פארדעכטיגען אז עכן... אבער לאמיר שנעלער געהן!

רחב איז געבליבען שטעהן באוועגלאז.

— איך בעט דיך, רחב, קום מיט מיר... מיר טארען ניט פארלירען קיין צייט ווייל מארגען וועט מען עתניאל׳ן . . .

— ווארט צו א ווילע, איך וועל אומביטען מיינע קליידער.

עכסה האט רחב׳ן געהאלפען זיך איבערטהאן און זיי זיינען באלד אוועק צו יהושע׳ן.

ווען רחב איז אריינגעקומען מיט עכסה׳ן אין יהושע׳ס געצעלט, האט זי געהאלטען איהרע אויגען ארונטערגעלאזען צום באדען.

יהושע האט איהר מיט גרויס פריינדליכקייט אויפגענומען און זי געבעטען זיך זעצען.

— דו מוזט מיר ענטשולדיגען, רחב! — האט יהושע זיך אפגערופען, — איך האב ערשט היינט אויסגעפונען אז דו ביזט געווען ביי מיר... מיין משרת האט דיין נאמען ניט דערמאנט און איך האב געמיינט אז עס איז אימיצער אנדערש, אבער עס איז אויך ניט געווען זיין שולד... איך בין דאן געווען אזוי פארנומען אז איך האב איהם ניט געלאזט ענדיגען רײדען... און צוליעב מיין אומגעדולדיגקייט האב איך פארלארען א געלעגענהייט צו זעהן דעם שעהנעם פנים — — —

רחב איז רויט געווארען ווען זי האט געהערט יהושע׳ס קאמפלימענט. איהרע אויגען זיינען נאך אלץ געווען געווענדעט צום באדען.

א קליינע ווײלע האט געהערשט א שטילקייט אין יהושע׳ס געצעלט.

יהושע האט בעטראכט רחב׳ן. ער האט באמערקט די רויטקייט אויף איהר פנים. ער האט געזעהן ווי זי מיידט איס איהם צו קוקען אין די אויגען. און ער האט גענומען טראכטען וועגען דעם הויפט־צוועק פון רחב׳ס קומען. זאל עס זיין אז זי האט שוין אין גאנצען אפגעבראכען מיט עכן׳ען און האלט איהם אויך פאר א פארדארבענעם מענשען, אזוי ווי איהר פריינדין עכסה... אדער ביעלייכט איז זי געקומען פועל׳ן ביי איהם ער זאל עכן׳ען געבען א געהויבענעם אמט. אבער ווי עכסה האט איהם געזאגט קומט אויס אז רחב איז יעצט מיט איהר געקומען איהם איבערצוציינען ווי פארדארבען עכן איז און אז מען קען זיך אויף איהם ניט פארלאזען און מען טאר ניט גלייבען אויף זיין עדות זאגען... אויב אזוי, ווייזט אויס, אז זי האט זיך אבגעפרעמדט פון איהם און וועט מיט איהם ניט הייראטען, ווי ער האט זיך פאר איהם באריהמט.

יהושע האט זיך גענומען דערמאנען אז עכן איז צו איהם געקומען מיט א צייט צוריק אין רחב׳ס נאמען צו פרעגען אויב די ציערונג וואס רחב האט מיט זיך געבראכט פון יריחו דארף אויך אפגעגעבען ווערען אין דעם אוצר פון גאט אלס חרם. יא, ער געדענקט אז ער האט איהם דאן געזאגט אז די ציערונג בעלאנגט צו איהר און זי דארף עס ניט אפגעבען, און דאן האט ער איהם געזאגט, אז רחב

איז צו איהם פאר׳קנס׳ט און ער האט איהם געצייגט דעם רינג וואס רחב האט איהם געגעבען אלס צייכען... אמת, ער האט זיך דאן זעהר געוואונדערט וואס די שעהנע רחב האט אזוינס געזעהן אין עכן׳ען וועלכער האט שוין א פרוי. אבער פיעלע אנדערע זאכען איז איהם אומפארשטענדליך געווען און מען דארף זיי אננעהמען ווי זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט... אט צום ביישפיעל, וואלט ער דען ווען עס איז געגלויבט אז עתניאל זאל זיין פעהיג צו באגעהן אזא פאר־ברעכען, אבער עס האט דאך פארט אזוי פאסירט...

עכסה האט געווארפען אומגעדולדיגע בליקע אויף יהושע׳ן, אבער זי האט ניט געוואלט אונטערברעכען זיינע געדאנקען.

יהושע האט אבער באמערקט איהר אומרוהיגקייט און ער האט זיך אפגע־רופען צו עכסה׳ן:

— דו האסט מיר פריהער געזאגט עפעס וועגען עכן׳ען אז ער האט געזאגט פאלשע עדות געגען עתניאל׳ן, און ווי איך פארשטעה, האסטו געבראכט רחב׳ן זי זאל דיינע רייד באשטעטיגען.

— יא, מיין האר, רחב וועט אייך צוגעבען אז עכן איז א פארדארבענער מענש, — האט עכסה געזאגט.

— המ.. — האט יהושע געווארפען א בליק אויף רחב׳ן וועלכע איז גע־זעסען ווי נידערגעשלאגען, — ווי איך זעה, האסטו אפגעבראכען מיט עכן׳ען...

רחב האט שנעל א הייב געטהאן איהר קאפ און א קוק געטהאן אויף יהושע׳ן מיט פארוואונדערונג.

— איך פארשטעה ניט וואס מיין האר מיינט! — האט זי אויסגערופען, און איהר פנים איז נאך רויטער געווארען.

— לויט ווי עכן האט מיר מיט א צייט צוריק איבערגעגעבען ביזטו געווען... איך מיין, דו האסט... ע... יא... דו האסט צוגעשטימט צו ווערען זיין פרוי...

— אה, דער אומווירדיגער ליגנער! — האט רחב אויסגערופען.

עכסה׳ס פנים האט אנגעפאנגען צו שטראהלען און זי איז אויפגעשפרונגען פון איהר פלאץ און אויסגערופען מיט פרייד

— וואס האב איך געזאגט! געוויס איז עכן א ליגנער! און מען קען זיך אויף זיינע רייד ניט פארלאזען!...

— אבער עכן האט מיר דאן איבערצייגט. — האט יהושע זיך אפגערופען.

— ער איז צו מיר געקומען איינמאל גאנץ פריה און מיך געפרעגט אויב איהם איז ערלויבט . . . המ . . . יא, אויב איהם איז ערלויבט צו הייראטען מיט.. מיט רחב׳ן... און כדי מיר איבערצוציינען, האט ער מיר געוויזען רחב׳ס רינג אויף זיין פינגער.

— מיין רינג! — האט רחב אויסגערופען, — ער האט דאך ביי מיר די גאנצע ציערונג גענומען.

— א, דו האסט איהם אפגעגעבען דיין גאנצע ציערונג, — האט יהושע א ציה געטהאן מיט די אקסלען.

— יא, איך האב איהם אפגעגעבען מיין גאנצע ציערונג ווייל עכן האט מיר געזאגט אז ער וועט דיך פרעגען אויב איך דארף זיי אפגעבען פאר גאט אלס חרם.

— אָבער ווי קומט עכן צו דיר?! — האָט יהושע געפרעגט מיט ער־שטוינונג.

— ער איז צו מיר געקומען אין מיין האר׳ס נאָמען! — האָט רחב גע־ענטפערט, — ער האָט מיר געזאָגט, אז יהושע האָט איהם צו מיר געשיקט... ער האָט מיר איבערגעגעבען אז מיין האר האָט איהם צוגערופען און צו איהם געזאָגט "דו קענסט דאָך רחב׳ן, די פרוי פון יריחו, געה אוועק צו איהר און זעה אויסצוגעפינען פון איהר וואו עס געפינען זיך די אוצרות פון קעניג פון יריחו, ווייל ווי איך פארשטעה, איז רחב געווען גאַנץ נאָהענט באפריינדעט מיט דעם קעניג פון יריחו... זי האָט זיכער ניט איינמאָל געגעבטיגט אין זיינע פאלא־צען און געוויס האָט ער איהר אנפערטרויט זיינע געהיימניסען.

— אזוי האָט עכן דיר איבערגעגעבען אין מיין נאָמען! — האָט יהושע אויסגערופען מיט אויפרעגונג.

— יאָ, מיין האר! עס איז מיר שווער אלעס איבערצוגעבען וואָס ער האָט מיר געזאָגט.

— איך בעט דיך, רחב, דערצעהל מיר אלע איינצעלהייטען. עפּעס נעהמט פאר מיר אלעס קלאָר ווערען... שטער זיך ניט!... אויב דו ווילסט ניט דערצעה־לען אין עכסה׳ס אנוועזענהייט וועט זי אונז ענטשולדיגען פאר א קליינע ווייל'ע.

עכסה האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר פלאַץ און האָט געוואָלט ארויס־געהן, אָבער רחב האָט זיך אָפּגערופען

— ניין, געה ניט ארויס, עכסה, איך וויל אז דו זאָלסט אויך אלעס הערען. איך וועל אלעס דערצעהלען... יעצט זעה איך, אז ער האָט מיך גענארט און דאָס מוז איין מאָל פאר אלע מאָל קלאָר ווערען.

עכסה האָט זיך צוריקגעזעצט און רחב האָט פאָרטגעזעצט:

— "ער האָט מיר געזאָגט אז ער איז זעהר באפריינדעט מיט יהושע׳ן און אז יהושע פארטרויט איהם זאַכען וואָס ער וואָלט קיינעם ניט פארטרויט... ער האָט מיר איבערגעגעבען וואָס מיין האר יהושע האָט וועגען מיר געזאָגט.

א ביטערער שמייכעל האָט זיך באוויזען אויף יהושע׳ס ליפּען. זיין פּנים איז געווען אנגעצויגען. און ער האָט געזוכט צו בעהערשען זיין צאָרן.

— דערצעהל, דערצעהל, מיר ווייטער! — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, ער האָט מיר איבערגעגעבען אז דו, מיין האר, האָסט איהם געזאָגט, אז כאָטש איך בין אן עהרליכע און גוטהערציגע פרוי, בין איך אָבער דאָך א פרעמדע, פון א פרעמדעם פאָלק פון געצענדיענער, אז אפילו ווען איך האָב דעם אידישען גלויבען אנגענומען, בין איך נאָך אלץ ניט קיין אידישע מאַכטער. ער האָט מיר נאָך עפּעס געזאָגט, אָבער דאָס איז ניט וויכטיג.

— אלעס איז וויכטיג, רחב, דערצעהל מיר יעדען וואָרט וואָס ער האָט מיט דיר דאָן גערעדט.

— איך שעהם זיך, עס איז מיר ניט אנגענעהם צו ריידען וועגען דעם.

— שעהם זיך ניט, רחב, איך מוז אלעס וויסען! נאָך אלעמען זעהסטו דאָך אז מיר האָבען געהאט צו טהאָן מיט א ליגנער און א שווינדלער, ער האָט אויך מיר געזאָגט זאַכען וועגען דיר, און יעצט פארשטעה איך וואָס זיין כוונה איז דאָן געווען. יאָ, דערצעהל מיר אלע איינצעלהייטען.

רחב האט פארשעהמטערהייט אראפגעלאזען איהרע אויגען, און עכסה האט זיך צו איהר געווענדעט:

— איך בעט דיך, רחב, דערצעהל פאר יהושע'ן אלע איינצעלהייטען.

— ער האט מיר געזאגט, — האט רחב איינגעשטימט צו ריידען, — אז דאס וואס מיין האר יהושע האט מיר ארויסגעצייגט אזוי פיעל בעגייסטערונג און פריינדשאפט, ווען ער האט מיך דערזעהן שוין אין לאגער פון ישראל, איז עס געווען בלויז צוליעב דעם ווייל איך האב איהם גערעטעט פון די הענט פון סיחון, און איך האב קיין רעכט ניט אויסצוטייטשען זיין בעהאנדלונג צו מיר ווי א מאן בעהאנדעלט א פרוי וועלכע ער . . .

דא האט זיך רחב מעהר ניט געקענט באהערשען און האט זיך פאנאנדערגעוויינט.

עס האט גענומען א היבשע ווייל ביז וואנען עס האט געלונגען יהושע'ן און עכסה'ן צו בערוהיגען רחב'ן.

— אה, מיין טהייערע רחב! . . . — האט יהושע זיך צו איהר אפגערופען מיט א צערטליכע שטימע, — דו האסט מיינע אויגען געעפענט. איך האב מיט עכן'ען קיינמאל וועגען דעם ניט גערעדט... ער האט עס אלעס אויסגעטראכט פון קאפ. איך פאנג אן אלעס צו פארשטעהן... און מיר דוכט זיך, אז עכסה איז גערעכט... עכן האט געוויס א האנד אויך אין עתניאל'ס אומגליק. דאס וועל איך קענען גרינגליכער אויספארשען ווען דו וועסט מיר אלעס דערצעהלען.

— ער האט מיר ווייטער געזאגט אז מען האט א גאנצען טאג געזוכט דעם קעניג'ס אוצרות אין יריחו און מען האט זיי ניט געפונען, און דאריבער האט איהם יהושע צו מיר געשיקט ער זאל מיך פרעגען פיעלייכט האב איך א באגריף וואו די אוצרות געפינען זיך... און ווען איך האב אנגעהויבען טראכטען, האב איך זיך דערמאנט אז דער קעניג פון יריחו האט מיר, אין א שיכור'ן צושטאנד, געזאגט אז ער האט בעהאלטען פיעלע קאסטבארע זאכען אונטער דעם דיל פון זיין שטאהל. עכן האט מיר בעדאנקט און ער האט נאך צו מיר געזאגט וואס אנבעלאנגט מיינע אייגענע ציערונג דארף איך זיך ניט איילען אפצוגעבען, ער וועט פריהער פרעגען יהושע'ן און ווי ער וועט איהם זאגען אזוי וועל איך טהאן. און דאן האט ער ביי מיר גענומען אלע מיינע ציערונג, מיינע אויערינגלעך און אויך מיין רינג האב איך איהם געגעבען ער זאל צייגען מיין האר און פרעגען אויב איך מעג עס פערהאלטען.

— ער האט מיר יא געפרעגט אין דיין נאמען אויב דו דארפסט אפגעבען דיין ציערונג פאר'ן חרם, און איך האב איהם געענטפערט, אז דיזע ציערונג בעלאנגט צו דיר, ווייל דו האסט זיי געהאט נאך איידער דער חרם איז בעשטימט געווארען. אבער ער האט מיר קיינמאל די ציערונג ניט באוויזען. האט ער זיי דען דיר ניט אומגעקעהרט?

— ניין, מיין האר, ער איז געקומען און מיר געזאגט אז מיין האר יהושע האט געהייסען אפגעבען די ציערונג פאר'ן חרם, און אז ער האט מיין גאנצע ציערונג אפגעגעבען יהושע'ן ער זאל אוועקלייגען צווישען די אנדערע ציערונג פון חרם.

— אה, דער נידערטרעכטיגער ליגנער! — האט יהושע אויסגערופען מיט

כעס, —ער האט אונז ביידען גענארט און ער האט גאר די ציערונג פאר זיך גענומען! יא, ער האט זיי ביי דיר אויסגענארט.

— און יעצט זעהסטו שוין, מיין האר, איז די אוירינגלעך וואס שלומית האט געטראגען האט איהר עתניאל ניט געגעבען, נאר זי האט זיי ערהאלטען פון עכן'ס האנט! — האט עכסה מיט פרייד אויסגערופען. — און ווער ווייס אויב ער האט זי ניט געטויטעט און געזוכט ארויפצואווארפען דעם בלבול אויף עתניאל'ן.

— איך בין במעט ווי זיכער אז דו האסט רעכט, עכסה, איך פאנג אויך אן איינצוזעהן אז עכן האט געמאכט א פארשווערונג אויך געגען עתניאל'ן... יא, איצט איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט אז ער איז א פארדארבענער מענש.

— אבער די צייט איז צו קורץ, מארגען וועט מען עתניאל'ן . . . — האט עכסה מיט טרעהרען אין די אויגען געזאגט.

— זארג ניט, קיין שלעכטס וועט עתניאל'ן ניט געטהאן ווערען... וויל מיט די נייע בעווייזע וועל איך הייסען די שופטים געבען עתניאל'ן א צווייטען משפט, און דערווייל וועל איך שיקען רופען עכן'ען, אבער איהר ביידע וועלען זיין בעהאלטען הינטער דעם פארהאנג און איך וועל איהם נעהמען אויספאר־שען וועגען די ציערונג.

יהושע האט גלייך געשיקט רופען עכן'ען און ווען מען האט איהם גע־מאלדען אז עכן איז געקומען, האט ער געהייסען רחב'ן און עכסה'ן אריינגעהן הינטער'ן פארהאנג.

— זייט רוהיג! — האט יהושע זיי געבעטען, — ער טאר ניט פארדעכ־טיגען אז איםיצער געפינט זיך דא.

רהב און עכסה זיינען אריין הינטער'ן פארהאנג און יהושע האט געהיי־סען עכן'ען אריינקומען אין זיין געצעלט.

ווען עכן איז אריינגעקומען האט איהם יהושע זיך געהייסען זעצען.

— דו ווייסט דאך געווים, אז מארגען וועט עתניאל הינגעריכטעט ווערען, — האט יהושע זיך אנגערופען צו עכן'ען מיט געלאסענהייט.

— יא, מיין האר, איך האב זיך ערשט ניט לאנג דערוואוסט... עס טהוט מיר זעהר לייד... איך האב זעהר פיעל מיטלייד אויף איהם.

— אבער ווי איך האב געהערט האסטו דאך עדות געזאגט געגען איהם, אז ער האט דיר פארטרויט וועגען די אוירינגלעך וואס ער האט גע'גנב'עט פון חרב און זיי געגעבען א מתנה צו שלומית'ן...

— איך האב ניט געזאגט אז ער האט זיי גע'גנב'עט פון חרם, — האט עכן געענטפערט, — איך האב בלויז עדות געזאגט אז ער האט זיי ווירקליך געגע־בען צו שלומית'ן... ווי אזוי ער האט זיי געקראגען ווייס איך ניט.

— די אוירינגלעך זיינען דערקענט געווארען אלס די ציערונג וואס האט בעלאנגט צום חרם, און דאריבער איז עתניאל'ס פארברעכען פארדאפעלט גע־ווארען, וויל איך האב אין נאמען פון גאט אנגעזאגט אז קיינער זאל זיך ניט צוריהרען צום חרם, און דער וועלכער וועט נעהמען פון דעם אוצר וואס בע־לאנגט צו גאט, וועט געטויטעט ווערען.

— אויב אזוי, האט עתניאל זיין שטראף פארדיענט, און מיך דארף ניט

פארדריסען וואס איך האב געהאלפען אז מען זאל אויסגעפינען זיין צווייטע פארברעכען, — האט עכן א זאג געטהאן.

— יעצט זאג מיר, עכן! — האט יהושע מיט דער זעלבער געלאסענקייט זיך צו איהם געווענדעט, — ווי איך האב ווייטער אויסגעפונען האבען די אויירינגלעך בעלאנגט צו רחב'ן.

— אזוי? ! דאס האב איך גארניט געוואוסט! — איז שוין עכן רויט און נאכהער בלאס געווארען.

— און דאס איז מיר זעהר שווער צו פארשטעהן, — האט יהושע א קוועטש געטהאן מיט זיינע פלייצעס, — ווי אזוי קומט רחב'ס ציערונג צו בעלאנגען צום חרם... איך געדענק אז דו ביזט ביי מיר געווען און געפרעגט אין רחב'ס נאמען אויב זי דארף איהר ציערונג אפגעבען פאר'ן חרם, און איך האב דיר געזאגט אז זי דארף ניט... האסטו דאך איהר געוויס איבערגעגעבען ריכטיג מיינע רייד? ! . . .

— געוויס, מיין האר! איך האב איהר געזאגט אז זי קען פערהאלטען די ציערונג פאר זיך, אבער רחב האט ווארשיינליך געפיהלט אז זי דארף עפעס אפגעבען פאר גאט און זי האט אליין געמוזט אפגעבען איהרע אויירינגלעך פאר'ן חרם.

— אויב איך מאך ניט קיין טעות, האט רחב אויך דיר איבערגעגעבען עטוואס ציערונג, — האט יהושע געזאגט.

— מיר? אה, ניין, זי האט מיר קיין ציערונג ניט געגעבען, — האט עכן שנעל געענטפערט.

—האסטו דען מיר אליין ניט געציינט א רינג וואס רחב זאל האבען דיר נעגעבען? — האט יהושע איהם געפרעגט.

— אה, יענעם רינג! יא, זי האט מיר יענעם רינג געגעבען און מיר דוכט זיך, אז איך האב מיין האר דאן ערקלעהרט פאר וואס זי האט מיר איהר רינג געגעבען.

— יא, איך געדענק! — האט יהושע א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ, — דו האסט מיר דאן געזאגט, אז רחב האט דיר איהר רינג געגעבען אלס צייכען פון איהר ליעבע צו דיר, און אז זי איז צו דיר פאר'קנס'ט... איך געדענק אויך, אז דו ביזט מיר געקומען פרעגען אויב דיר איז ערלויבט צו הייראטען מיט איהר, ווייל זי איז דאך פון א פרעמד פאלק!...

— נו, געוויס, איך האב ניט געוואלט זינדיגען פאר גאט, אויב מיין האר וואלט מיר דאן געזאגט אז איך מאר ניט, וואלט איך אויפגעהערט אפילו צו טראכטען וועגען דעם... ווייל איך בין א גאטס-פארכטיגער מאן, און וועל קיינמאל ניט טהאן א זאך וואס איז ניט ריכטיג.

— און וואו איז דער רינג יעצט? — האט יהושע געווארפען זיין בליס אויף עכן'ס האנד.

— איך טראג איהם יעצט ניט, זינט עס איז געווארען דער טומעל מיט עתניאל'ן האב איך קיין געלעגענהייט ניט געהאט זיך צו זעהן מיט רחב'ן און דאן בין איך גערופען געווארען אויסצושפיאנירען די שטאדט עי, און איך האב ניט געוואלט מיטטראגען איהר רינג.

— דו וועסט מיר דארפען ברייגען דעם רינג, און איך וועל דערוויל

שיקען רופען רחב׳ן זי זאָל דערקענען דעם רינג און די אוירינגלעך כּדי זיך איבערצוציינגען אַז מען קען בויען אויף דיינע רייד, ווייל פאַרגעס ניט, אַז דאַס וואָס מען האָט עתניאל׳ן פאַר׳משפּט איז עס צוליעב דיין עדות זאָגען... און אויב רחב וועט באַשטעטיגען אַז זי האָט דיר געגעבען דעם רינג און אַז זי האָט איהרע אוירינגלעך אַליין איבערגעגעבען צום חרם, דאַן וועלען מיר וויסען אַז דו האָסט געזאָגט ריכטיגע עדות, און אויב ניט, וועלען מיר מוזען מאַכען אַ צווייטע גרינדליכע אויספאָרשונג.

ווען עכן האָט דערהערט יהושע׳ס רייד, איז ער טויט־בלאַס געוואָרען... עס האָט איהם גענומען טרייסלען הענט און פיס... יעצט זעהט ער, אַז ער איז דורכגעפאַלען, און ווען רחב וועט געבראַכט ווערען פאַר יהושע׳ן וועט אַלעס אַנטדעקט ווערען און דאַן איז ער אומגליקליך. ער מוז זעהן צו פאַרשטומען רחב׳ס מויל, אַז ניט וועט מען אַלעס אויסגעפינען, און דאַן וועט מען מען איהם משפּט׳ן פאַר דעם.

— נו, יעצט קענסטו געהן מיר ברייגען דעם רינג, — האָט יהושע זיך גע־מאַכט ווי ער באַמערקט ניט עכן׳ס אויפגערעגטקייט, — און ווען דו וועסט זיך צוריקקעהרען וועל איך דאַן אויך שיקען רופען רחב׳ן און אַלעס וועט פאַר מיר אויפגעקלעהרט ווערען.

— המ... געוויס!... איך וועל געהן ברייגען דעם רינג... רחב וועט אַלעס באַשטעטיגען... זי האָט מיך ליעב און איז וויליג מיט מיר צו הייראַטען... — האָט עכן אַרויסגעשטאַמעלט. און ער האָט זיך אַרויסגערוקט פון יהושע׳ס גע־צעלט און שנעל גענומען לויפען צו זיינע געצעלטען.

עכן האָט געזעהן אַז יעצט איז ער אַריינגעפאַלען, און דער איינציגער וועג וואָס איז איהם פאַרבליבען, איז אין גאַנצען צו אַנטלויפען... ער האָט רחב׳ס ציערונג. און דאָס וואָס ער האָט צוגענומען פון דעם שלל אין ירחו, דאָס אַלעס איז ווערטה זעהר פיעל און דאַמיט וועט ער מוזען אַנטלויפען פון לאַגער איידער יהושע וועט אַלעס אויסגעפינען... ער קען דאָך יעצט זעהן אַז יהושע איז גע־פאַלען אויף אַ שפּור און ווייבאַלד אַז רחב וועט איהם זאָגען, אַז זי האָט איהם אי־בערגעגעבען די ציערונג ער זאָל אָפּגעבען פאַר דעם חרם, וועט שוין יהושע אויסגעפינען דאָס איבריגע און ער וועט איהם פאַר׳משפּט׳ן... יאָ, ער מוז אַנט־לויפען... אָבער וואוהין לויפט מען?

באַלד איז איהם אַריינגעפאַלען אַ געדאַנק צו לויפען צו דעם קעניג פון עי... ער איז זיכער, אַז דער קעניג פון עי וועט איהם אויפנעהמען מיט גרויס פרייד. ער האָט דאָך איהם צו פערדאַנקען פאַר דעם זיעג וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטען איבער ישראל... יהושע וועט שוין מעהר ניט וואַגען מיט איהם מלחמה צו האַל־טען און דאָרטען קען ער פאַרבלייבען מיט זיכערקייט... מעגליך אַז דער קעניג וועט איהם אויס דאַנקבאַרקייט בעשטימען פאַר אַ הויפּט פון אַן אַרמעע און דאַן וועט ער וויזען יהושע׳ן...

ווען עכן איז צוגעקומען צו זיין געצעלט איז זיין פרוי איהם אַנטקעגען געקומען. זי האָט באַמערקט ווי צוטומעלט און אויפגערעגט איהר מאַן איז און זי האָט זיך אָפּגערופען צו איהם:

— וואָס איז מיט דיר עכן, וואָס האָט יהושע פון דיר געוואָלט?

— גאָרניט! פרידען איז צו מיר! — האָט עכן זיך געזוכט צו באַהערשען.

ער האט געזעהן אז זיין פרוי וועט זיכער פון איהם ניט אפטרעטען, און איהם וועט זיין שווער איז איהר געגענווארט ארויסצוקריגען זיין רייכטהום וואס ער האט בעהאלטען.

—ווארט, דו וועסט מיר קענען טהאן א גרויסע טובה! — האט ער זיך געווענדעט צו זיין פרוי, — דו ווייסט דאך וואו רחב'ס געצעלט געפינט זיך, געה אריבער צו איהר און זאג איהר, אז איך דארף זי נויטיג זעהן. דו זאלסט פון איהר ניט אפטרעטען ביז וואנען זי וועט מיט דיר מיטגעהן. דו הערסט?

— ניין, איך וועל ניט געהן! — האט זי געענטפערט, — גאר ניט גענוג וואס דו ווילסט זי נעהמען פאר דיין פרוי און איך זאל זיין צו איהר א דיענסט, פערלאנגסטו איך זאל זי נאך אליין געהן רופען! אה, ניין! ניין! איך וועל דאס ניט טהאן!

— הער זיך איין! — איז עכן צו איהר צוגעגאנגען נעהענטער. — דו דארפסט וויסען זיין אז איך האב אין גאנצען אפגעבראכען מיט רחב'ן... איך האב דיך ליעב און וויל ניט האבען קיין צווייטע צו דיר. און יעצט וויל איך דו זאלסט זי רופען און איך וועל עס איהר זאגען פאר דיר אין די אויגען.

— איז עס אמת?! — האט זי אויסגערופען און איהרע אויגען האבען גענומען שטראהלען. — דו ווילסט איפגעבען רחב'ן?

— איך שווער אז עס איז אמת, איך וויל עס איהר זאגען פאר דיר אין די אויגען! כדי דו זאלסט איינמאל פאר אלע מאל וויסען אז איך ליעב דיך אליין. געה, איך בעט דיך, און זאם זיך ניט... זאג איהר אז עס איז זעהר דרינגענד. אויב זי וועט ניט וועלען געהן, זאלסטו איהר זאגען, אז עס איז זעהר וויכטיג פאר איהר... און זי מוז קומען, ווען דו וועסט זיך מיט איהר צוריקקעהרען און מיך ניט געפינען אין געצעלט זאלט איהר ביידע אויפווארטען אויף מיר. איך וועל זיך לאנג ניט זאמען...

— עפעס איז היינט מיט דיר געשעהן, עכן!

— שפעטער וועל איך דיר אלעס דערצעהלען, דערווייל זאם זיך ניט.. געה שנעלער און איך פארזיכער דיך אז דו וועסט קיין חרטה ניט האבען.

עכן'ס פרוי האט זיך אנגעטהאן אן אנדער קלייד און איז אוועק צו רחב'ן אין געצעלט.

עכן האט זיך שנעל גענומען צו דער ארבייט. יעצט אז זיין פרוי איז אוועק רופען רחב'ן וועט ער דורכדעם דערגרייכען צוויי זאכען: ערשטענס, וועט יהושע דערווייל ניט קענען קריגען רחב'ן אזוי שנעל און דאס וועט איהם געבען א געלעגענהייט צו אנטלויפען איידער ער וועט אויסגעפינען דעם אמת, און צווייטענס, וועט זיין פרוי דערווייל ניט זיין דערביי ווען ער וועט צוזאמענגעהמען די ציערונג און אנטלויפען...

ווי נאר זיין פרוי איז אוועק האט ער זיך גענומען צו דער ארבייט. ער האט צונויפגענומען די גאנצע ציערונג וואס ער האט געקראגען פון רחב'ן און אויך זיין אייגענעם פערמעגען אין גאלד און אין זילבער. ער האט עס אלעס ארייגעלייגט אין א זאק און ארויפגעווארפען אויף זיין אייזעל וואס איז געשטאנען צוגעבונדען נעבען זיין געצעלט. ווען ער איז פארטיג געווארען מיט עס איז עכן צוגעקומען צום צווייטען געצעלט וואו זיינע זיהן און טעכטער זיינען געוועזן.

אונטער דעם דיל פון יענעם געצעלט האט ער געהאט בעהאלטען דעם טייערען מאנטעל, די צוויי הונדערט זילבערנע שקלים און דעם גאלדענעם צונג וואס ער האט געפונען בעהאלטען אין יריחו. ער האט זעהר געוואלט אויך דאס ארויסקריגען, אבער זיינע זיהן און טעכטער האבען זיך דארטען געפינען, און ער האט פאר זיי קיין אויסרייד ניט געהאט זיי זאלען איהם איבערלאזען אליין... און מורא האבענדיג אז עס וועט איהם נעהמען צו לאנג, האט ער עס איבער־געלאזען און זיך אוועקגעזעצט אויף זיין אייזעל און אוועקגעריטען אויסער דעם לאגער.

יהושע איז שוין יעצט געווען איבערצייגט אז עכן האט געמאכט אויך א פארשווערונג געגען עתניאל'ן, און אז עכן וועט יעצט מאכען א פארזוך צו אנט־לויפען. ער האט דאריבער, אזוי שנעל ווי עכן האט פארלאזען זיין געצעלט, פאר־רופען צעהן פון זיינע יונגען און האט זיך צו זיי אפגערופען:

— עכן איז אונטער פערדאכט, מען מוז איהם היטען יעדען שריט וואס ער מאכט.. ער איז איצט אוועק צו זיין געצעלט און איך וויל אז איינינע פון אייך זאלען אהין אוועקגעהן און האלטען אן אויג אויף איהם... איינינע פון אייך זאלען זיין הינטער'ן לאגער און ווען עכן וועט ארויס פון לאגער זאלט איהר איהם נאכפאלגען. אבער זייט זעהר פארזיכטיג אז עכן זאל אייך ניט באמערקען... נעהמט מיט זיך וואפען, ווייל ער וועט מעגליך מאכען א פארזוך זיך געגענצו־שטעלען. ווען איהר וועט זעהן אז ער קומט אן זאלט איהר איהם גלייך ניט איבערנעהמען, נאר איהר זאלט איהם געבען א געלעגענהייט צו געהן ווייטער... איהר זאלט איהם נאכגעהן און ווען איהר וועט זעהן אז ער האט זיך פארנומען אין א געוויסען וועג און איז שוין דארט ווייט אוועק, זאלט איהר איהם איבער־נעהמען און צווינגען ער זאל מיט אייך מיטגעהן. און דאן זאלט איהר איהם ברייננען אין לאגער צו מיר... זעהט אויך אז איהר זאלט מיטברייננען אלעס וואס עכן האט מיט זיך. זייט זעהר פארזיכטיג נאכצוקוקען אז ער ווארפט קיין זאך ניט אוועק.

— מיר וועלען טהאן אלעס וואס אונזער האר האט אונז געהייסען! — האט דער הויפט פון די יונגען געזאגט, און איז שנעל ארויס פון דארט.

ער האט איינגעטיילט זיינע חברים אין צוויי העלפט; פינף פון זיי האט ער געשיקט צו עכן'ס געצעלט און ער מיט די איבריגע פיער זיינען אוועק אויסער דעם לאגער.

גלייך נאכדעם האט יהושע ארויסגערופען עכסה'ן און רהב'ן און זיך צו זיי אפגערופען:

— איהר האט דאך ביידע געהערט וואס עכן האט גערעדט. באלד וועט אלעס אויפגעקלעהרט ווערען, און דו, עכסה, דארפסט ניט זארגען, דיין עתניאל וועט זיכער ריינגעוואשען ווערען פון דער באשולדיגונג און ער וועט באפרייט ווערען.

— אה, מיין האר! — האט עכסה אויסגערופען מיט טרעהרען פון פרייד, — איך בין אזוי גליקליך! איך בעט דיך, ערלויב מיר צוצולויפען צו איהם און איהם אנזאגען אז ער וועט באלד אין גאנצען באפרייט ווערען... ער ליידעט

דאָך דאַרטען אזוי פיעל.. מען האָט איהם געווים אָנגעזאָגט אז דער טויט ערוואַרטעט איהם מאָרגען...

— נייך, עכסה, דו מוזט האָבען עטוואס גערולד. דו קענסט נאָך אלעס קאליע מאַכען.

— אָבער דערווייל קען דאָך נאָך עכן אַנטלויפען! — האָט עכסה מיט שרעק געזאָגט.

— דאָס האָב איך שוין באַוואָרענט, עכסה, עכן וועט דאָ באַלד געבראַכט ווערען, און איך וועל שוין זעהן אז דער אמת זאָל אַרויסקומען. דו און רחב קענט דערווייל צואוואַרטען אין צווייטען געצעלט, און אויב איהר זייט הונגעריג אָדער דורשטיג, וועט מיין משרת אייך בעזאָרגען מיט שפייז און וואסער.

— איך דאַנק דיר, מיין האַר, איך בין בלויז אומגעדולדיג.

רחב און עכסה זיינען אריין אין צווייטען געצעלט און האָבען געוואַרט אז יהושע זאָל זיי צוריקרופען.

יהושע האָט געשיקט רופען דעם הויפּט פון די שופטים און ער האָט איהם דערצעהלט אלעס וואָס ער האָט אויסגעפינען וועגען די אוירינגלאָך וואָס לויט עכן׳ס רייד האָט עתניאל אָפּגעגעבען צו שלומית׳ן.

— אויב אזוי, האָט דאָך עכן פאַלש עדות געזאָגט! — האָט דער הויפּט פון די שופטים זיך אָפּגערופען — מיר האָבען זעהר פיעל געווויכט געלעגט אויף זיינע רייד... און יעצט געהט אַרונטער די באַשולדיגונג, אז עתניאל האָט גע׳גנב׳עט פון הרם.

— ניט נאָר דיזע באַשולדיגונג אליין, נאָר ווי עס ווייזט אויס איז עתניאל אינגאַנצען אומשולדיג... דאָס וועט זיך באַלד אַרויסצייגען. איך האָב געשיקט אייניגע יונגען זיי זאָלען בעאָבאַכטען יעדען שריט וואָס עכן טהוט, און אויב ער וועט מאַכען א פּאַרזוך צו אַנטלויפען, וועלען זיי איהם ניט לאָזען. זיי וועלען איהם ברענגען צו מיר און דאָן, האָף איך, וועלען מיר אויסגעפינען נאָך פיעלע זאַכען.

— אַה, דער אָרימער עתניאל, און איך האָב איהם שוין געלאָזט וויסען אז מאָרגען וועט ער הינגעריכטעט ווערען...

— וואָס האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט געהערט פון דיר די נייעס? — האָט איהם יהושע געפרעגט.

— ער האָט בלויז געזאָגט: ״גאָט איז מיין עדות, אז איך בין אומשולדיג!״

— און יעצט איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט אז ער איז אומשולדיג! דאָס וואָס גאָט האָט אונז געשטראָפט, און מיר האָבען געהאַט א נידערלאַגע אין דער מלחמה מיט דעם קעניג פון עי איז צוליעב עכנ׳ס זינד און צוליעב דעם וואָס מיר האָבען געטאָן אן אומרעכט צו אן אומשולדיגען בראַווען מאַן. יא, מיר מוזען עס באַלד פאַרריכטען.

— זאָל איך געהן אָנזאָגען מען זאָל איהם באַפרייען?! — האָט דער עלטסטער פון די שופטים זיך אָפּגערופען.

— ניין, מיר מוזען צוּוואַרטען ביז וואַנען עכן וועט געבראַכט ווערען צום משפט... פיליכט וועלען מיר איהם קענען באַוועגען ער זאָל זיך מודה זיין אין אלעס, דאָן וועלען מיר עתניאל׳ן קענען אין גאַנצען באַפרייען. און

אויב ניט, וועט מען עתניאל'ן דארפען געבען א נייעם משפט, כדי דאָס באַלק זאָל ניט מיינען, אז מען האָט איהם באַפרייט צוליעב כלב'ס השפעה, אָבער אין אמת'ן איז ער טאקע שולדיג אין שלומית'עס טויט... יא, עס וועט זיין בעסער אויך פאר עתניאל'ן אז ער זאָל אויף דעם צווייטען משפט אינגאנצען ריינגעוואשען ווערען.

עכן'ס פרוי איז מיט גרויס צופרידענהייט געגאנגען צו רחב'ן. ווייבאלד ער פארזיכערט איהר, אז ער וויל זי זאָל צו איהם קומען כדי ער זאָל רחב'ן קענען זאָגען פאר איהר אין די אויגען אז ער האָט מיט איהר אינגאנצען אָפּגעבראָכען... ווען דאָס וועט ווירקליך געשעהן, וועט זי זיך שעצען גליקליך... זי וועט שוין מעהר דעם זאָרג ניט האָבען, אז עכן וועט פילייכט נעהמען נאָך א פרוי צו איהר... יא, די לעצטע צייט איז זי געווען זעהר בעאומרוהיגט וועגען דעם. זי האָט געוואוסט אז עכן ליעבט רחב'ן און ער האָט איהר פארזיכערט אז אויך רחב ליעבט איהם, כאָטש זי האָט זיך שטארק געוואונדערט, ווי אזוי אזא שעהנע מיידעל ווי רחב זאָל ליעבען עכנ'ען, וועלכער איז אלט גענוג צו זיין איהר פאָטער. יעצט אָבער האָט זיך עכן געווים ארומגעזעהן אז ער האָט זיך באנאריש̈ט און ער וויל מיט איהר אינגאנצען אָפּברעכען. דאָס איז א באַווייז, אז פון יעצט אָן וועט ער איהר זיין געטריי און עס וועט נעהמען א סוף צו איהרע ליידען.

מיט פעסטע טריט איז זי צוגעגאנגען צו רחב'ס געצעלט. אָבער צו איהר באדויערען האָט זי איהר דאָרטען ניט געטראָפען. זי האָט זיך אָנגעפרעגט און מען האָט איהר געזאָגט, אז עס איז שוין א היבשע ווײלע זינט רחב האָט איהר געצעלט פארלאָזען.

זי איז געווען ענטוישט. זי האָט געוואָלט זיין דערביי און זעהן ווי איהר מאן, עכן, זאָגט רחב'ן, אז פון יעצט אָן וועט ער מיט איהר מעהר ניט האָבען צו טהאָן. דורכדעם וואָלט זי געזעהן א נקמה אָן איהר... זי האָט געוואַרט א קליינע ווײלע און ווען רחב איז נאָך אלץ ניט געקומען ,האָט זי זיך אומגעקעהרט אהיים.

ווען זי האָט עכנ'ען ניט געטראָפען אין זייער געצעלט, איז זי אריין אין צווייטען געצעלט און געפרעגט איהרע קינדער אויב זיי האָבען געזעהן דעם פאָטער.

— יא, מיר האָבען איהם געזעהן דורכ'ן פענסטער. ער האָט אוועקגע־ריטען אויף אן אייזעל! — האָט די עלטערע טאָכטער געענטפערט.

— און פארוואָס האָסטו איהם ניט געפרעגט וואוהין ער געהט? — האָט די מוטער איהר פארגעוואָרפען.

— דו ווייסט דאָך, מוטער, אז דער פאָטער האָט ניט ליעב ווען מען פרעגט איהם אזעלכע פראגען. די לעצטע צייט האָט ער גאָר קיין געדולד ניט מיט אונז. ער ווערט זעהר שנעל אויפגערעגט. און א פּאָר מאָל האָב איך באַ־מערקט ווי ער זוכט עפּעס, און איך האָב איהם געפרעגט וואָס ער זוכט, איז ער אויף מיר אין כעס געוואָרען און האָט מיר פון זיך אוועקגעטריבען... מוטער, פאר וואָס איז דער פאָטער צו אונז געוואָרען אזוי שלעכט? ווען מיר קומען איהם ארוים באגריסען, הייסט ער אונז שנעל געהן צוריק צו אונזער געצעלט.

— פון היינט אן וועט שוין אנדערש זיין! — האט די מוטער איהר בארוהיגט — דיין פאטער וועט מיט אונז מעהר פארברענגען ווי פריהער. דוווארט נאר און האב געדולד...

פינף יונגען פון יהושע זיינען אוועק צו עכנ׳ס געצעלט. זיי האבען זיך פארבארגען הינטער די בוימער אזוי אז עכן זאל זיי ניט באמערקען, און זיי האבען בעאבאכטעט אלעם וואס ער האט געטאן. זיי האבען געזעהן ווי ער האט ארויסגעטראגען פון זיין געצעלט א זאק און איהם ארויפגעלעגט אויף דעם אייזעל. זיי האבען באמערקט ווי ער זעצט זיך אוועק אויף דעם אייזעל און האט זיך פארנומען אין דער ריכטונג פון אויסער דעם לאגער. זיי האבען איהם נאכגעפאלגט, אזוי אז ער זאל זיי ניט באמערקען.

ווען עכן איז שוין געווען אויסערן לאגער האבען זיך די יונגען באגעגענט מיט די איבעריגע, וועלכע זיינען געווען באהאלטען נעבען דעם וועג, וואס איז געווען אויסערן לאגער.

— אט קומט אן עכן! — האט איינער אנגעוויזען אויף איהם. — לאמיר איהם נאכפאלגען. אבער מיר וועלען ניט געהן אלע צוזאמען. מיר וועלען געהן באזונדער און אז מיר וועלען דערזעהן דאס ער געהט שוין צו וויט, דאן וועלען מיר איהם ארומרינגלען און איהם ברענגען צוריק אין לאגער...

זעהר פארזיכטיג זיינען די צעהן יונגען פון יהושע נאכגעגאנגען עכנ׳ען... זיי האבען געזעהן ווי ער פארנעהמט זיך צו צפון.

— עס שיינט, ווי ער געהט אויף א זייטיגען וועג, ווי ער וואלט געוואוסט וואוהין ער געהט.

— מיר דוכט זיך אז ער פארנעהמט זיך אויף דעם וועג וואס פיהרט צו דער שטאדט עי.

— ער וועט דאך געוויס ניט געהן אהין. ער וויים דאך וואס איהם וועט ערווארטען, ווען מען וועט איהם נעהמען א געפאנגענעם און ברענגען פאר דעם קעניג פון עי.

— ווער וויסט זיינע פלענער... ווי מיר האבען פארשטאנען פון די רייד פון אונזער האר יהושע, מוז ער זיין זעהר א פארדארבענער מענש און ער איז פעהיג אויף אלעם!

— דיזער וועג פיהרט צו עי, און ער איז זעהר געפעהרליך! — האט נאך איינער אויסגערופען — ווייל ווער וויים אויב עם געפינען זיך ניט אויפ׳ן וועג סאלדאטען פון עי, וועלכע היטען דעם וועג צו זייער שטאדט.

— און פונדעסטוועגען האט עכן קיין מורא ניט און געהט גלייך אהין.

— דאס קומט מיר אוים נאך מעהר פארדעכטיג!

— איך וועל איהם פארלויפען דעם וועג און איהם אפשטעלען. איך וועל איהם זאגען, אז איך האב פארבלאנדזשעט און יעצט וויים איך ניט דעם וועג צום לאגער און איך וועל פון איהם פרלאנגען ער זאל מיר צייגען — האט דער עלטערער געזאגט — און איהר זייט אלע געגרייט.

ער האט זיך פארנומען אביסעל אן א זייט און פארלאפען עכנ׳ען דעם וועג.

— אה, מיין האר עכן! — האט ער איהם באגריסט קומענדיג איהם אנטקעגען. — איך בין צופרידען וואס איך האב דיך באגעגענט!

— ווער ביזסטו און וואס טוסטו דא ?

— איך בין פון דעם שבט בנימין און האב פארלארען מיין וועג צו דעם לאגער. ווי איך זעה געהסטו דאך אויך אין לאגער, וועלען מיר געהן צוזאמען.

— ניין, איך געה ניט יעצט אין לאגער ! — האט עכן איהם געענטפערט מיט אן אומצופרידענע שטימע. — אבער זאג מיר, ווי אזוי קומסטו אהער ?

— איך בין זיך מודה, עכן, אז איך האב געהאט א שלעכטע כונה. ווען איך האב זיך דערוואוסט, אז זעקס און דרייסיג פון אונזערע ברידער זיינען געפאלען טויט אויף דיעזען וועג האב איך זיך געטראכט, פיליכט וועל איך נאך טרעפען אייניגע פון זיי ליגענדיג אויפ׳ן וועג און איך וועל פון זיי ארונ־טערנעהמען די ציערונג.

— און דיר איז גאר ניט איינגעפאלען, אז די מענשען פון עי האבען עס שוין לאנג געטהאן... אבער גוט וואס איך האב דיך דא געטראפען. אזא מאן ווי דו וועט מיר שטארק צונוץ קומען. דו וועסט קענען קריגען אזוי פיעל גאלד, וויפיעל דיין הארץ געלוסט. ווילסטו מיט מיר געהן ?

— וואוהין ?

— איך וועל דיר שוין זאגען. פריהער דארפסטו מיר זאגען אויב דו ווילסט פארלאזען דעם לאגער פון ישראל און געהן מיט מיר אין א פלאץ וואו דו וועסט זיין זיכער מיט דיין לעבען און געניסען פון אלדאס גוטס. דו וועסט באזיצען פיעל רייכטום און אויך כבוד וועט דיר ניט פעהלען.

— אבער איך וייס נאך אלץ ניט וואוהין דו ווילסט מיך מיטנעהמען !

— איך וועל מיט דיר אוועקגעהן אין דער שטאדט עי !

— אין דער שטאדט עי ? דארטען וואו אונזער גרעסטער שונא געפינט זיך... ער וועט דאך אונז זיכער טוידטען. ניין, איך וועל אהין ניט געהן !

— האב קיין מורא ניט ! איך וועל זעהן אז קיין שלעכטעס זאל דיר ניט געטהאן ווערען... פארשטעהסטו מיך, דער קעניג פון עי איז מיינער א גוטער פריינד !

— דיינער א גוטער פריינד ? ! איך פארשטעה ניט, ווי קומסטו צו דעם קעניג פון עי !

— אויב דו פארשפרעכסט מיר, אז דו וועסט מיט מיר מיטגעהן, וועל איך דיר אנפארטרויען א סוד.

—אויב עס איז ריכטיג ווי דו זאגסט, אז איך וועל זיין זיכער מיט מיין לעבען און דערצו וועל איך קריגען פיעל גאלד, וועל איך זיין צופריעדען מיט דיר צו געהן !

— דער קעניג פון עי איז מיינער א פריינד ! — האט עכן זיך אפגערו־פען — ווייל איך האב איהם געטאן א גרויסע טובה. דיר איז דאך געוויס באוואוסט, אז איך בין געווען איינער פון די דריי שפיאנען, וועמען יהושע האט געשיקט אויסצוזעהן עי, און איך בין אריינגעגאנגען אין שטאדט און זיך געזעהן מיט דעם קעניג.

— דו מיינסט, אז דו האסט פארראטהען יהושע׳ן ? — האט ער איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— שא, ניט אזוי הויך ! וואס דען, איך וועל זיין א נאר... ווען איך וואלט דארפען ווארטען ביז וואנען יהושע וועט מיך דערהויבען צו א הויכען

אמט, אדער ביז וואנען ער וועט מיך באלוינען פאר מיין בראווקייט, וואלט איך קיינמאל גאר ניט געהאט... יעצט זעהסטו אט דעם זאק, וואס ליגט אויף דעם אייזעל? — ער איז אנגעפילט מיט גאלד און מיט קאסטבארע ציערונג. אויב דו וועסט מיט מיר מיטגעהן וועל איך דיר אפגעבען א טהייל פון דעם...

— אבער דו האסט מיר נאך ניט דערצעהלט ווי אזוי דו האסט געוואונען דעם צוטרויען פון דעם קעניג פון עי.

עכן האט א שמייכעל געטהאן.

— איך זעה, אז דו פארשטעהסט נאך ניט... איך וועל דיר אלעס ערקלעהרען. אבער פריהער גיב מיר אפ דיין שווערד, ווייל דו דארפסט וויסען זיין, אז ווען איך דערצעהל דיר מיין וויכטיגען סוד, וועסטו דאן מיט מיר מוזען געהן... דו וועבסט זיך שוין מעהר קיינמאל ניט קענען אומקעהרען אין לאגער, און ווען דו וועסט מיר אפגעבען דיין שווערד וועל איך וויסען, אז דו געטריסט מיך און איך קען זיך אויף דיר פארלאזען... ווייל דאן וועסטו שוין פארבלייבען מיט מיר.

דער יונג האט ארויסגענומען זיין שווערד און איהם איבערגעגעבען עכנ׳ען.

— יעצט זעה איך, אז מיר וועלען בלייבען צוזאמען! — האט עכן גענומען זיין שווערד — און איך קען דיר אנפארטרויען מיין סוד.

— איך בין זעהר נייגעריג צו הערען דיין סוד, און איך בין געגרייט צו געהן מיט דיר וואוהין דו וועסט מיך פיהרען.

— ווען איך בין אריין אין דער שטאדט עי און איך האב פארלאנגט אז מען זאל מיך פיהרען צום קעניג, האט מען מיך ארעסטירט און פארגעבראכט פאר איהם. ער האט מיך גלייך געפרעגט ווער איך בין און וואס איך פארלאנג. אי האב איהם גלייך דערצעהלט דעם אמת, אז איך בין א שפיאן פון ישראל וועמען יהושע האט געשיקט אויסצושפיאנירען זיין לאנד, און אזוי ווי איך האס יהושע׳ן, בין איך געגרייט איהם צו פארראטען. איך האב איהם דאן דערצעהלט, אז יהושע קלייבט זיך צו שיקען אן ארמעע אויף דער שטאדט עי און אז ער זאל זיין געגרייט. איך האב איהם אויך פארשפראכען, אז ווען איך וועל אפגעבען א באריכט וועגען דער שטאדט עי, וועל איך יהושע׳ן זאגען, אז די שטאדט איז זעהר קליין און די ארמעע פון עי איז נאך קלענער און איך וועל איהם ראטהען צו שיקען אהין א קליינע ארמעע... און דו וויסט דאך, אז אזוי איז געשעהן. דער קעניג פון עי האט טאקע באזיעגט אונזער ארמעע... און יעצט שטעל זיך פאר, ווי ער וועט מיך אויפנעהמען! און ווען איך וועל איהם זאגען אז דו ביזט מיין בעסטער פריינד, און מען קען זיך אויף דיר פארלאזען, וועסטו אויך געניסען פון דאס בעסטע פון זיין לאנד.

— אבער, עכן, ווי אזוי האסטו געקענט טהאן אזא זאך? דו ווייסט דאך, אז צוליעב דעם האבען זעקס און דרייסיג פון אונזערע מענשען פארלארען זייערע לעבענס.

— דאס איז צו ערווארטען אין א מלחמה! — האט עכן געענטפערט מיט א שמייכעל — יהושע דארף נאך זיין צופרידען וואס בלויז זעקס און דרייסיג זיינען געטויטעט געווארען.

— אָה, ניין, עבן! איך קען מיט דיר ניט מיטגעהן! איך קען ניט פאַרראַטהען מיין פאָלק!

— יעצט איז שוין צו־שפּעט, מיין ברודער! — איז עבן ארונטער פון זיין אייזעל און זיך פאַרמאַסטען מיט זיין שווערד צו איהם. — יעצט, אויב דו ווילסט פאַרבלייבען לעבען וועסטו מיט מיר מוזען מיטגעהן... דער, וועלכער ווייסט פון דיזען סוד קען שוין מעהר ניט לעבען, סיידען איך וועל זיין זיכער אז דו וועסט זיך שוין מעהר אין לאַגער פון ישראל ניט צוריקקעהרען...

— אָבער, אז איך וועל דיר צושווערען, אז איך וועל פאַר קיינעם דיין סוד ניט ענטדעקען, וועסטו מיך לאָזען פריי?

— ניין! דאָס קיינמאָל ניט... איך קען ניט באַהויפּטען, אז אימיצער זאָל וויסען מיין סוד און זיך געפינען אין לאַגער פון ישראל... שלומית, די אלמנה, האָט מיין סוד געוואוּסט, און דו ווייסט דאָך וואו זי איז יעצט...

— און דו האָסט זי ערמאָרדעט? — האָט דער יונג איהם געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג.

— געוויס! און אזוי וועט געשעהן צו דיר... יעצט ווייסטו שוין צוויי פון מיינע סודות. און איך וואָלט דיר געראַטהען זיך ניט צו ריהרען פון אָרט! — האָט עבן געהאַלטען דעם שאַרפען שפּיץ פון שווערד נעבען זיין האַרצען. קום צו נעהנטער, פאַרלייג דיינע הענט אויף הינטען.

דער יונג האָט איהם געפאָלגט און עבן האָט ארויסגענומען א שטריק און איהם די הענט פאַרבונדען אויף הינטען. ער האָט די שטריק צוגעבונדען צום צוים פון אייזעל און זיך אָפּגערופען:

— יעצט ווייס איך, אז דו געהסט מיט מיר... ווען דו מאַכסט דעם קלענסטען פאַרזוך צו אנטלויפען, פאַרלירסטו דיין לעבען.

עבן האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אייזעל, און דער יונג האָט באמערקט ווי די איבעריגע יונגען דערנעהנטערען זיך... ער האָט געגעבען צו זיי א וואונק, אז זיי זאָלען זיך ניט איילען...

— ענטשולדיג מיר, עבן! — האָט ער זיך אָפּגערופען — איך האָב ניט געמיינט אזוי צו ריידען צו דיר... בעת מעשה בין איך געוואָרען איבערראַשט, אָבער ווען איך האָב זיך באַטראַכט, גלויב איך אז דו ביזט געווען גערעכט... יהושע וואָלט קיינמאָל ניט אָנערקענט דיין בראַווקייט, און פאַרוואָס זאָל דיך ארען פאַר די אנדערע?

— יעצט קען איך דיר שוין מעהר ניט געטרויען! — האָט עבן זיך אָפּגערופען — איך פאַרשטעה אז דו ווילסט איך זאָל דיר אָפּבינדען, כדי דו זאָלסט נאָכהער קענען אנטלויפען... אָבער איך בין ניט אזא נאַר. דו וועסט מוזען מיט מיר מיטגעהן אזוי דעם גאַנצען וועג ביז וואנען מיר וועלען אָנקומען אין שטאָדט עי.

— איך פאַרלאַנג ניט אז דו זאָלסט מיך אָפּבינדען! אָבער איך בין זעהר הונגעריג. האָסטו פיליכט אן איבריג שטיקעל ברויט און אביסעל וואסער?

— איך וועל דיר געבען א שטיקעל ברויט און אביסעל וואסער, אָבער דו וועסט עס ניט קענען עסען מיט דיינע הענט.

— דו וועסט מיט דיינע הענט אריינלעגען אין מיין מויל! — האָט דער

יונג געזאגט — אויב איך וועל ניט קריגען קיין שפייז, ווי אזוי וועל איך קענען געהן צופוס?

— גוט, איך וועל דיר שפייזען! — איז עכן ווידער ארונטער פון זיין אייזעל און ארויסגענומען א שטיקעל ברויט פון א פעקעל און עס געהאלטען נעבען זיין מויל און יענער האט גענומען עסען.

— איך דאנק דיר, מיין האר! דו האסט מיין הארץ דערקוויקט. איך זעה אז דו ביזט צו מיר גנעדיג. איך וועל צו דיר א געטרייער דיענער זיין... איך זעה דאך, אז מיין לעבען איז אין דיינע הענט. פונדעסטוועגען ווילסטו מיך ניט טוידטען, ווי דו האסט עס געטהאן צו שלומית׳ן.

— יא, איך ערווארט אז ווען דו וועסט מיט מיר קומען אין עי, וועלען מיר ביידע זיין גוטע פריינד. דיר וועט גארניט פעהלען. דו וועסט באזיצען רייכטום און די פרויען פון עי זיינען אויך זעהר שעהן...

— און פארוואס האסטו ניט מיטגענומען שלומית׳ן מיט זיך? דאן וואלסטו דאך איהר ניט באדארפט טוידטען!

— אויף א פרוי ווי שלומית קאן מען זיך ניט פארלאזען — האט עכן געשמייכעלט.

— און פארוואס דען האסטו איהר דיין סוד פארטרויעט?

— האב איך זיך טאקע באנארישט און דערפאר האט זי מיט איהר לעבען באצאהלט...

— און עתניאל איז פאר איהר מארד פאר׳משפט געווארען צום טויט! — האט דער יונג זיך געמאכט לאכענדיג — אלע שופטים זיינען געוועז זיכער, אז עתניאל איז געוועז איהר מערדער.

— דו קאנסט זיך אויף מיר פארלאזען. איך האב אויסגעארבייט אזא פלאן, אז קיינעם איז גארניט איינגעפאלען מיך חושד צו זיין! — איך האב אפגענארט די שופטים, און יהושע׳ן... און יעצט וועלען זיי מיר גארנישט קענען טהאן! עס איז שוין ניט ווייט פון דער שטאדט עי. מיר וועלען אהין אנקומען נאך איידער די זון פארגעהט, און דו וועסט זעהן וואס פאר אז אויפנאהמע דער קעניג און זיינע בעאמטע וועלען מיר געבען. זיי וועלען זיך שטארק דערפרעהען מיט מיר...

— און פארוואס זאלען זיי זיך מיט דיר ניט פרעהען! — האט דער יונג אפגעביסען א שטיק ברויט פון עכנ׳ס האנט. — האסטו דען ניט געמאכט אז ער, דער קעניג פון עי, זאל באזיעגען די ארמיעע פון ישראל!...

— ווי איך זעה פון דיינע רייד, קענסטו זיך נאך ניט צוגעוואוינען צום געדאנק, אז איך האב פארראטהען יהושע׳ן. מיין הארץ זאגט מיר, אז דו וועסט מיך נאך אמאל פארראטהען.

— אבער דו האסט דאך ווירקליך ניט וואס מורא צו האבען פאר מיר. אי בין דאך ביי דיר אין הענט!

— יעצט ביזטו אין מיינע הענט, אבער איך וועל דאך דיר שטענדיג ניט קענען האלטען צוגעבונדען... און וואס וועל איך טהאן אז דו וועסט איינגאנצען אנטלויפען פון עי און איבערגעבען יהושע׳ן אלעם וואס איך האב דיר אנפארטרויט. דאן איז דאך מעגליך, אז יהושע וועט פארזאמלען זיין גאנצע ארמעע און ווידער געהן מלחמה האלטען מיט דעם קעניג פון עי,

כדי צו קענען נעהמען נקמה אַן מיר. און דאַן וועל איך זיין פאַרלאָרען. דער קעניג פון עי וועט געוויס מיך באשולדיגען אז איך האָב איהם פאַר־ראַטהען צו יהושע'ן און ער וועט מיט איהם איינגעהן אויף א שלום, מיט דעם תנאי ער זאָל מיך איבערגעבען אין די הענט פון יהושע.

— אָה, דו ווייסט, אז איך וועל דאָס צו דיר ניט טהאָן!

— ווי אזוי קען איך זיין זיכער! — האָט עכן געזאָגט. — ניין! עס טהוט מיר לייד, אָבער איך וועל דיר מוזען שיקען צו דעם פּלאַץ, וואוהין איך האָב געשיקט שלומית'ן.

— דו מיינסט, אז... דו וועסט מיך טוידטען! — האָט דער יונג אויס־געשריען זעהר הויך.

— יאָ. איך וועל דיך טויטען מיט דיין אייגענער שווערד. דו ווייסט צופיעל פון מיינע סודות און איך וועל שטענדיג זיין אומרוהיג און באזאָרגט... ווען יהושע וועט ניט וויסען וואו איך געפין זיך, וועט ער שוין מעהר ניט געהן מלחמה האלטען מיט עי, אָבער ווען ער וועט זיך פון אַלעס דערוויסען... וועט ער פאַרזאַמלען אַלע העלדען און געהן מלחמה האלטען מיט עי, כדי ער זאָל קענען מיך באשטראָפען... ניין, איך האָב באשלאָסען צו געניסען פון לעבען. איך האָב מיט זיך זעהר פיעל געלד, כבוד וועל איך אויך קריגען גענוג אין עי, און פרויען וועלען מיך דאַרטען געוויס ניט פעהלען.

— אָה, עכן, איך בעט דיך, טויט מיך ניט! איך וועל זיין אַן איבער־געבענער און געטרייער שקלאַף צו דיר... איך פאַרזיכער דיר, אז איך וועל דיך ניט פאַרראַטהען... לאָז מיך בלויז לעבען...

— אומזיסט איז דיין בעטען. איך וועל מיין באשלוס ניט ענדערען... דו וועסט געהן צו שלומית'ן. זי איז געווען ניט קיין מיאוס'ע פרוי... דו וועסט זי "דאָרטען" באגעגענען און איהר באגריסען אין מיין נאָמען...

דער יונג האָט באמערקט ווי זיינע חברים דערנעהנטערען זיך זעהר פאַר־זיכטיג מיט געצויגענע שווערדען... ער האָט זיך אָבער געמאַכט ווי ער ציטערט פאַר שרעק. זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך גענומען טרייסלען...

— עכן, איך בעט דיך, עכן, טויט מיך ניט! פיהר מיך אוועק סיין צו צום קעניג. זאָל ער מיך פאַרשפּאַרען אין געפענגניס. אויב דו געטרויסט מיך ניט, אָבער טויט מיך ניט! וואָס וועט דיר ארויסקומען, ווען איך וועל שוין זיין טויט... האָב אויף מיר רחמנות און לאָז מיך לעבען! איך וועל דיר קיינמאָל דיזען חסד ניט פאַרגעסען.

— ווי איך זעה ווילסטו ניט שטאַרבען! — האָט עכן א שמייכעל גע־טהאָן — און גלויב מיר, אז איך האָב אליין אויך ניט קיין חשק דיך צו טויטען — אָבער אזוי לאַנג ווי דו ווייסט פון מיינע סודות, וועט פאַר מיר זיין א סך זיכערער, ווען דיין מויל וועט אויף אייביג פאַרשלאָסען ווערען... דו וועסט קיין גרויסע יסורים ניט ליידען. איך וועל דיר ניט דערשטיקען, ווי איך האָב געטהאָן צו שלומית'ן. איך וועל מיט דיזען שווערד דורכלעכערען דיין הארץ און דו וועסט אויגענבליקליך שטאַרבען. און ווען אימיצער וועט דיך אויפ'ן וועג געפינען, וועט מען מיינען, אז דאָס איך נאָך איינער, וועלכער איז געפאַלען אין שלאַכט מיט דער אַרמיע פון עי.

— האסטו גאר קיין מורא ניט פאר גאט! — האט דער יונג איהם גענומען פרעגען.

— זעהסטו דען ניט, אז גאט איז מיט מיר! — האט עכן געשמייכעלט — ער העלפט מיר דורכפיהרען אלע מיינע פלענער... ווען איהם וואלטען מיינע טהאטען ניט געפעלען געווארען, וואלט ער דאך מיך געשטערט און איך וואלט זיי ניט געקענט דורכפיהרען...

— איך האב ביי זיך א סך גאלד! — האט דער יונג געזאגט. — אויב דו וועסט מיך ניט טויטען, וועל איך עס דיר אפגעבען.

— און אויב איך וועל דיך יא טויטען, וועסטו מיר דאס גאלד ניט וועלען אפגעבען? — האט זיך עכן פאנאנדערגעלאכט — איך וויל טאקע זעהן ווי אזוי דו וועסט מיר ארויסווייזען א ווידערשטאנד נאך דיין טוידט! אומזיסט זיינען דיינע רייד. זיי געגרייט.

עכן האט צוריקגעטראטען אויף עטליכע טריט און ער האט זיך פארמאסטען מיט'ן שווערד פונקט איבער זיין הארצען...

מיט בלויזע שווערדען האבען זיך די איבעריגע ניין העלדען דערנעהנטערט עכן'ען. זעהר שטיל און פארזיכטיג זיינען זיי צוגעקומען און ווען זיי האבען דערזעהן אז עכן צילעוועט זיך מיט זיין שווערד צו דערשטעכען זייער חבר, האבען זיי אלע מיט אמאל א געשריי געטהאן: "עכן!"

עכן האט זיך דערשראקען און ווען ער האט זיך אומגעקעהרט און דערזעהן די ניין שטארקע יונגען מיט די בלויזע שווערדען, איז ער טויט־בלאס געווארען. זיין שרעק איז נאך גרעסער געווארען און ער האט ארונטערגעלאזען זיין שווערד און גענומען שטאמלען.

— איך האב... מיר האבען המ... יע, מיר האבעןביידע געשפאסט. ער איז מיין פריינד. דאס האבען מיר אזוי געשפילט!

— נעהם ביי איהם אוועק דיין שווערד! — האט דער אנפיהרער זיך אפגערופען צו דעם געבונדענעם.

— איך בין דאך געבונדען! — האט יענער א לאך געטהאן..

מען האט איהם גלייך אפגעבונדען און ער האט ביי עכן'ען צוגענומען זיין שווערד.

— יעצט, עכן, וועסטו געהן מיט אונז! — האט דער הויפט א וואונק געטהאן צו די איבעריגע און יענע האבען איהם פארלעגט די הענט פון הינטען און געבונדען.

— וואס באדייט עס? — האט עכן אויסגערופען — טרייבט איהר דען מיט מיר דעם זעלבען שפאס, וואס איך האב געטריבען מיט איהם?

— נו, געוויס! עס וועט זיין זעהר א גרויסער און שעהנער שפאס און גאנץ ישראל וועט דעם שפאס מוזען צוזעהן.

— אבער איהר ווייסט דאך, אז איך בין אומשולדיג, איך איל זיך צו געהן ערגעץ וואו! לאזט מיך אפ!...

— דער קעניג פון עי ווארט אויף דיר מיט גרוים אונגעדולד! — האט איינער פון זיי א זאג געטהאן מיט א שמייכעל. — אבער יהושע ווארט אויך אויף דיר און ער וועט דיך פריהער זעהן!

— אה, לאזט מיך אפ! איך בעט אייך, לאזט מיך אפ! — האט עכן זיך גענומען ראנגלען — איך האב קיינעם קיין שלעכטעס ניט געטהאן. איך האב א רעכט צו געהן וואוינען אין אן אנדער לאנד! איך האב געטריי געדינט יהושע'ן און מיין פאלק און קיינער האט עס ניט אפגעשאצט!...

— דאריבער וועלען אלע באלד אפשאצען דיין "געטרייהייט" און "העלדישקייט" — האט דער אנפיהרער אויסגערופען — יע, מיר זיינען יעצט אלע איבערצייגט, אז וואס דו האסט געטהאן, האסטו געהאט א גוטע כונה, דו האסט מיט אלעם געוואלט העלפען אונזער פאלק! דו האסט ערמארדעט שלומית'ן, כדי אונזער פאלק זאל פטור ווערען פון אן אומווירדיגער פרוי!

— דאס איז א בלבול אויף מיר, און איך שווער צו גאט, אז איך האב עס ניט געטהאן! — האט עכן זיך נאך אלץ געזוכט צו באפרייען פון די שטריק — אלע ווייסען, אז דאס האט עתניאל, דער ברודער פון כלב'ן, געטהאן. און האבען איהם דען די שופטים ניט געפונען שולדיג?!

— דו מיינסט, אז מיר האבען גארניט געהערט! — האט דער הויפט זיך אפגערופען — דו דארפסט וויסען, אז מיר זיינען די גאנצע צייט געשטאנען ניט וויט פון דאנען און זיך צוגעהערט צו יעדעןווארט וואס דו האסט איהם דערצעהלט. מיר ווייסען וואס דו האסט געטהאן אין עי, ווען יהושע האט דיך אנפארטרויט אזא וויכטיגע זאך. און מיר ווייסען, אז דו האסט אומגעבראכט שלומית'ן ווייל זי האט געוואוסט צופיעל פון דיינע סודות און באלד וועלען מיר וויסען פון נאך פיעלע פון דיינע "פיינע" מעשים. אבער דאס וועלען מיר שוין איבערלאזען צו יהושע'ן און צו די שופטים!

— איך זאג דאך אייך, אז איך האב געטריבען שפאס. איך האב עס קיינמאל ניט געטהאן! איך האב איהם בלויז געוואלט אנרייצען... קיינער קען מיך ניט באשולדיגען אין דעם מארד פון שלומית'ן. איך האב זי אפילו גארניט געקענט.

— און מיט דעם קעניג פון עי האסטו גערעדט אין חלום?!

— איך שווער צו גאט, אז איך האב איהם נאך קיינמאל ניט אנגעקוקט... און געוויס מיט איהם ניט גערעדט!

— הער אויף צו שווערען פאלש אין גאט'ס נאמען, דו האסט שוין אזוי אויך גענוג זינד! צייג ניט ארויס קיין ווידערשטאנד און קום מיט אונז, דו ווייסט, אז עס וועט דיר גארניט העלפען. מיר האבען א באפעהל פון יהושע'ן דיך צו ברייגגען צו איהם... ווילסטו, אז מיר זאלען דיך שלעפען צו איהם?

— איך האב קיינעם קיין שלעכטעס ניט געטהאן און איך וועל ניט געהן!

— האט עכן זיך פאר'עקשנ'ט.

— בינדט איהם צו צום אייזעל. זאל דער אייזעל איהם שלעפען! — האט דער הויפט א באפעהל געטהאן.

מען האט איהם גענומען צובינדען און עכן, זעהענדיג, אז זיינע רייד וועלען איהם גארניט העלפען, האט זיך אונטערגעגעבען.

— גוט, איך וועל מיטגעהן, אבער בינדט מיך ניט צו צום אייזעל.

— מיר קענען צופיעל צייט מיט דיר ניט פארלירען! קום שנעלער!

— איך זעה, אז איך בין אין אייערע הענט! — האט עכן א זאג געטהאן און ארונטערגעלאזען זיינע אויגען, אבער לאזט מיך זיך זעצען אויף מיין אייזעל, איך בין מיעד!

— עס וועט דיר גארניט שאדען, אויב דו וועסט געהן צופוס. דער אייזעל וויים אויך אלע דיינע סודות און ער וויל דיך ניט שלעפען אויף זיך!...

— איך בין ארייגעפאלען! איך בין ארייגעפאלען! — האט עכן א מורמעל געטהאן און איז מיטגעגאנגען.

ווען זיי זיינען אנגעקומען אין לאגער, האט זיך שוין די זון א רוק געטהאן צו מערב.

זיי האבען עכן׳ען געבראכט א געבונדענעם צו יהושע׳ן און איבערגעבענדיג איהם דעם זאק מיט עכן׳ס גאלה, האבען זיי דערצעהלט יהושע׳ן אלעס וואס זיי האבען געהערט. ווען יהושע האט געפרעגט עכן׳ען, האט ער גענומען לייקענען:

— איך האב עס ניט געטהאן און האב פאר קיינעם אזוי ניט געזאגט — האט עכן מיט א געמאכטע קאלטבלוטיגקייט גערעדט.

— און דו לייקענסט אפ אין דער צייט, ווען די צעהן פון מיינע יונגען האבען אליין געהערט.

עכן האט אויף דעם ניט געענטפערט.

— יעצט איז שוין שפעט! — האט יהושע געזאגט — זאל עכן איינגעשפארט ווערען אין געפענגעניס ביז מארגען און דאן וועל איך צוזאמענרופען אלע שופטים און עלטסטע פון ישראל. איך וועל קריגען נאך באווייזע און די שופטים וועלען איהם משפט׳ן.

מען האט עכן׳ען גלייך אוועקגעפיהרט אין דעם זעלבען געפענגעניס, וואס עתניאל איז געזעסען. יהושע האט אנגעזאגט מען זאל פארגרעסערען די וואך ארום יענעם געפענגעניס.

עכסה און רחב, וועלכע האבען די גאנצע צייט געווארט אין איינעם פון יהושע׳ס געצעלטען, זייענדיג שטארק באזארגט, אז פיליכט וועט זיי ניט געלינגען צו כאפען עכן׳ען, זיינען יעצט געווען גליקליך. און ווען זיי האבען געהערט וואס די יונגען האבען דערצעהלט איז צו זייער פרייד קיין גרענעץ ניט געווען.

עכסה איז גלייך צוגעלאפען צו יהושע׳ן און מיט א שטראהלענדען פנים אויסגערופען:

— יעצט איז שוין ביי מיין האר קיין צווייפעל ניט, אז עתניאל איז אונשולדיג!

— איך האב עס שוין געוואוסט איידער מען האט עכן׳ען געבראכט צו מיר! — האט יהושע געענטפערט.

— און מען וועט איהם דאך געווים גלייך באפרייען! — האט עכסה זיך אפגערופען.

— נאך עטוואס געדולד! — האט יהושע איהר געענטפערט — דו, רחב און איך זיינען איבערצייגט אין זיין אומשולד, אבער דאס פאלק וויים נאך ניט. מארגען אין דער פריה וועל איך שוין זעהן, אז עכן זאל זיך מודה זיין פאר אלע־

מען אין די אויגען. און ערשט דאַן וועט דאָס פאָלק אַליין איינזעהן און אנער־קענען עתניאל׳ס אומשולד...

— אבער ווען מען זאָל איהם בלויז קענען זאגען, אז דער שולדיגער איז געפונען געוואָרען. ער זאָל זיך בארוהיגען... איך האָב אזוי מורא, אז ער זאָל נים קראַנק ווערען פון זאָרג און קלעמעניש. ער מיינט דאָך, אז מאָרגען וועט מען איהם הינריכטען!

— פרידען וועט זיין צו איהם, דו האָב נאָר אביסעל געדולד!

בליץ־שנעל האָט זיך פארשפרייט די נייעס צווישען אלע שבטים, אז עכן איז איינגעשפּאַרט געוואָרען אין געפענגעניס אונטער דעם פארדאכט, עז ער האָט ערמאָרדעט שלומית׳ן.

עכסה איז געקומען צו לויפען אהיים א פרעהליכע, א מונטערע און מיט שטראַהלענדע אויגען זיך אַפגערופען צו איהר פאָטער און מוטער:

— האָט איהר דען נים געהערט די גוטע נייעס?

— נייז, מיין טאָכטער! — האָט כלב געענטפערט און איהר אנגעקוקט מיט ערשטוינונג — איך און דיין מוטער זיינען די גאַנצע צייט פון אונזער גע־צעלט נים ארויסגעגאַנגען... דער געדאַנק, אז מאָרגען וועט מען הינריכטען מיין ברודער, האָט מיך אזוי פיעל דערשלאָגען, אז איך האָב קיין מוטה נים געהאַט ארויסצוגעהן. אבער זאָג מיר שוין, מיין טאָכטער, וואָס פאַר א גוטע נייעס האָסטו צו דערצעהלען.

— עכן האָט זיך מודה געווען!

— אין וואָס האָט זיך עכן מודה געווען?

— אין אלעם! אין אלעם! — האָט עכסה אויסגערופען מיט פרייד — איך און רחב האָבען דאָס אלעם פאראורזאכט.

— איך פארשטעה דיך נים, טאָכטער! — האָט כלב אויסגערופען — וואָס הייסט דו און רחב. ווי אזוי איז עס געשעהן?!

— רחב האָט עכן׳ען געגעבען איהרע צירונג ער זאָל זיי אפּגעבען יהושע׳ן פאר׳ן חרם. די אוירינגלאַך, וואָס מען האָט געפונען ביי שלומית׳ן האָט רחב עכן׳ען אויך געגעבען און ווען רחב האָט עס דערצעהלט פאר יהושע׳ן, האָט ער געשיקט רופען עכן׳ען און איהם געהייסען ברייגנען דעם רינג, מיט וואָס ער האָט זיך באריהמט פאר יהושע׳ן, אז זי האָט איהם געגעבען, ווייל זי האָט איהם ליעב באקומען. אבער ווען עכן האָט אויסגעפונען, אז רחב וועט אויך זיין, און דאַן וועט אלעם ענטדעקט ווערען, האָט ער מיטגענומען זיין גאָלד און גענומען אנטלויפען צו דעם קעניג עי!

— יע, פיעלע זאכען האָט מען אויסגעפונען וועגען עכן׳ען צו וועמען דו האָסט געהאַט אזוי פיעל צוטרויען.. ער האָט אונז אלעמען פארראַטהען פאר דעם שונא. מאָרגען וועסטו שוין אלעס הערען פון יהושע׳ן. מען האָט איהם געפאַנגען, אבער איך קען דיר אלע איינצעלהייטען נים דערצעהלען. איין זאַך וויל איך דיר בלויז זאגען, פאָטער, אז עתניאל איז אונשולדיג. א שרעקליכער בלבול איז אויף איהם געמאַכט געוואָרען און ער האָט אומזיסט געליטען.

— וואו איז ער עתניאל?

— ער איז נאָך אלץ אין געפענגעניס. יהושע וויל, אז ער זאָל רייגגעוואשען

ווערען ביי די שופטים... אַה, פאָטער, ווי גליקליך איך בין! איך האָב אָבער די גאַנצע צייט גע'טענה'ט, אַז עתניאל איז אומשולדיג.

— מעגליך, אַז ער האָט שלומית'ן ניט ערמאָרדעט און ער האָט ניט געגנב'עט פון חרם, אָבער דאָס וואָס ער האָט זיך אַליין מודה געווען, אַז ער האָט באַזוכט שלומית'ן, האָט ער ביי מיר זיין גאַנצען חן פאַרלאָרען און ווי רייניגוואַשען ער זאָל ניט זיין פון יענע באַשולדיגונגען, וועט דיזער פלעק אויף איהם שטענדיג פאַרבלייבען...

— קענסטו ניט פאַרשטעהן, פאָטער, אַז מען האָט איהם אַהין אַריינגענאַרט! האָסטו דען ניט געהערט ווי ער האָט דערצעהלט בעת דעם משפט?!

— אויב ער איז אַזוי לייכטזיניג און נאַריש, אַז אַ פרוי האָט איהם געקענט אָפּנאַרען, האָט ער פאַרדינט, אַז איך זאָל אויף איהם אין כעס זיין...

— דו וועסט זיך מאָרגען איבערצייגען ווי אומגערעכט דו ביזט געווען צו איהם — האָט עכסה געזאָגט מיט אַ פרעהליכע שטימע.

— ווען ער וואָלט אין גאַנצען געווען אומשולדיג און ריין, וואָלט יהושע איהם גלייך געהייסען באַפרייען... און ווען ער איז נאָך דאָרטען פאַרבליבען זיצען ביז מאָרגען, איז אַ סימן, אַז דער חשד פון איהם איז נאָך אין גאַנצען ניט אַרונטער.

— פאַרוואָס זאָלסטו נאָך שווערער מאַכען עכסה'ס האַרץ? — האָט זיך שוין די מוטער אַריינגעמישט — דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז זי איז גערעכט, אָבער דו ווילסט ניט נאָכגעבען, אַז דו ביזט אומגערעכט.

— האָב איך דען געזאָגט, אַז איך גלויב ניט, אַז ער האָט ניט געהאַט צו טהאָן מיט דעם מאָרד פון שלומית'ן... איך ווייס, אַז איינער פון אונזערע וועט ניט זיין פעהיג צו באַגעהן אַזאַ זאַך.

— אָבער ערשט ניט לאַנג צוריק האָסטו געגלויבט מיט דיין גאַנצען האַרצען — האָט איהם זיין פרוי פאָרגעוואָרפען — איך פאַרלייקען ניט, אַז איך האָב אויך געגלויבט, אָבער עכסה איז געווען די איינציגע, וועלכע איז געווען איבערצייגט אין זיין אומשולד.

— זיינען דען אַלע באַווייזע ניט געווען געגען איהם? און האָבען איהם דען אַלע שופטים איינשטימיג ניט געפונען שולדיג.

— מאָרגען וועלען זיי שוין אַנדערש האַנדלען. זיי וועלען זיך שעהמען אויפצוהויבען זייערע קעפּ. ווייל וויפיעל האָט געפעהלט, אַז אַן אומשולדיגער זאָל שטאַרבען פאַר די זינד פון אַ צווייטען — האָט עכסה געזאָגט — אַה, ווי אומגעדולדיג איך בין צו וואַרטען ביז מאָרגען... ווען מען וואָלט אַמווייניגסטען ערלויבט אָנצוזאָגען עתניאל'ן וועגען דעם. ער זאָל וויסען, אַז מאָרגען איז ער פריי!

אויף דעם פּלאַץ פון משפט האָבען זיך אויף מאָרגען גאַנץ פריה פאַרזאַמעלט אַלע שופטים, וועלכע האָבען גע'משפט עתניאל'ן און אויך די חשוב'ע און עלטסטע לייט פון די שבטים. עכן איז געבראַכט געוואָרען אַ געבונדענער. עתניאל איז נאָך אַליין געזעסען אויף דער באַשולדיגונגס באַנק. פונקט געגענאיבער עתניאל'ן איז געזעסען עכסה מיט איהרע עלטערען. איהרע שטראַהלענדע אויגען האָבען געזוכט זיך צו באַגעגנען מיט זיינע, אָבער עתניאל איז געזעסען מיט זיינע אויגען אַרונטערגעלאָזען. זיין האַרץ איז איהם געווען פאַרביטערט.

איהם האָט זיך געדוכט, אז מען האָט איהם געבראכט דורכצופיהרען דעם אור־מייל... באלד וועט מען מאכען א סוף צו אלע זיינע לײדען... ער האָט זיך געוואלט אויפשטעלען פון זיין פּלאַץ און זאגען אלעמען, אז מען געהט דא פאר־גיסען אומשולדיג בלוט... אָבער ער האָט שוין מעהר קיין מוטה ניט געהאט... עכסה איז די איינציגע, וועלכע גלויבט איהם... ער ווייס, אז זי געפינט זיך צווי־שען די פארזאמעלטע, אָבער ער קען ניט דערלאזען, אז זיינע בליקען זאלען זיך באגעגענען מיט איהרע... דאס וואלט איהר נאך מעהר הארצוועהטאג פארשאפט.

עכסה האָט פון איהם איהרע אויגען ניט ארונטערגענומען. זי האָט נאכגע־פאָלגט זיין יעדע באוועגונג. זי האָט פון ווייטען באמערקט ווי טרעהרען קייקלען זיך ארונטער פון זיינע באקען, און דאס האָט איהר אזוי פארדריקט ביים האר־צען, אז זי האָט זיך פאנאנדערגעכליפּעט.

— טאָכטער מיינע, פארוואס וויינסטו יעצט, דו ביזט דאך זיכער, אז ער וועט באלד ריינגעוואשען ווערען ? !

— דער אָרימער עתניאל, באמערקסטו ניט זיינע טרעהרען ? ווי עס ווייזט אויס, ווייסט ער נאך גאָרניט ! אה, ווי נידערגעשלאגען און צובראכען ער קוקט אויס. פארוואס פאנגט מען שוין ניט אָן... ווען ער זאָל נאר א בליק טהאן אויף מיר, איך וואלט איהם מיט מיינע אויגען א וואונק געטהאן, אז ער דארף זיין פרעהליך... אָבער זיינע אויגען האלט ער ארונטערגעלאזען און קוקט אויף קיינעם ניט ! איך בין זיכער, אז ער ווייס אפילו ניט, אז עכן געפינט זיך דא א געבונדענער... אה, אויף וועמען ווארט מען ?

— מען ווארט אויף יהושע׳ן — האָט איהר כלב געזאָגט אין דער שטיל — ער איז געווים יעצט מתפלל צו גאָט און וועט באלד אנקומען... ער אליין וועט די אויספארשונג אנפיהרען... אָבער זעה, מיין טאָכטער, אָט קומט אָן יהושע !

— און רחב קומט אויך אָן ! — האָט עכסה א פרעהליכע אויסגערופען.

ווען יהושע איז צוגעגאנגען צו זיין פּלאַץ, האָבען אלע שופטים און די אנ־וועזענדע זיך אויפגעשטעלט פון זייערע פּלעצער.

יהושע האָט זיך געזעצט אויבען אָן. ניט ווייט פון איהם האָט מען גע־מאכט פּלאַץ פאר רחב׳ן.

— זאָל מען צופיהרען עכן׳ען נעהנטער צו מיר ! — האָט יהושע א באַ־פעהל געטהאָן, און זאָל מען איהם אָפּבינדען.

מען האָט עכן׳ען אָפּגעבונדען און גלייך צוגעפיהרט צו יהושע׳ן. ווען עתניאל האָט דערהערט יהושע׳ס שטימע, האָט ער זיך ווי פון א שלאָף אויפ־געכאפּט. ער האָט געוואָרפען זיינע בליקען אויף יהושע׳ן און אויף עכן׳ען. און ער איז געבליבען זיצען ערשטוינט... וואס קומט דא פאר ? האָט מען זיך דאָ פארזאמעלט איהם הינצוריכטען אָדער צו מישפּט׳ען עכן׳ען ? אין וואס באשולדיגט מען עכן׳ען ?

באלד האָט זיך דערהערט א קלאַפּ. אלע זיינען שטיל געוואָרען און יהושע׳ס שטימע האָט זיך דייטליך געהערט.

— ווי איז דיין נאָמען ?

— מיין נאָמען איז עכן דער זוהן פון כרמי פון דער משפּחה פון זרח.

— זאג מיר, עכן, האסטו געגעבען שלומית׳ן דיזע אוירינגלאך? — האט יהושע איהם געצייגט צוויי אוירינגלאך.

עתניאל האט אויסגעשטרעקט זיין האלז און מיט נייגעריגע בליקען גע־נומען קוקען אויף עכן׳ען.

— ניין, איך האב דיזע אוירינגלאך בלויז איין מאל געזעהן אין עתניאל׳ס הענט, אבער איך האב זיך צו זיי אפילו ניט צוגעריהרט.

— אה, דער ליגנער! — האט רחב אויסגערופען אין דער שטיל.

— האט דיר דען רחב ניט איבערגעגעבען די אוירינגלאך מיט נאך ציע־רונג דו זאלסט עס אפגעבען צו מיר פאר דעם חרם?

— ניין! — האט עכן קאלט געענטפערט.

— יעצט זאג מיר, עכן, האט דיר רחב גארניט געגעבען?

— ניין, גארניט!

— און דיזען רינג דערקענסטו? — האט יהושע איהם געצייגט.

עכן האט גענומען דעם רינג אין זיין האנט און איהם גוט באטראכט.

— יע — האט ער א שאקעל געטהאן מיט זיין קאפ.

— ווי אזוי איז דיזער זיעג צו דיר געקומען!

— רחב האט מיר איהם געגעבען!

— האסטו איהם יא באקומען פון רחב׳ן, און דו האסט נאר וואס געזאגט, אז רחב האט דיר גארניט געגעבען!

— איך האב געזאגט, אז רחב האט מיר גארניט געגעבען אפצוגעבען פאר׳ן חרם, דיזען רינג האט זי מיר געגעבען אלס אנדיינקונג.

— אלס אנדיינקונג אויף וואס?

— אלס אנדיינקונג, אז זי האט מיך ליעב און וועט מיט מיר הייראטען.

רחב׳ס פנים איז רויט געווארען פאר צארן. זי האט זיך מעהר ניט געקענט באהערשען און אויסגעשריען:

— אה, דער נידערטרעכטיגער ליגנער!

עכן האט אומגערדעהט זיין קאפ און זי דערזעהן. א ווייל איז ער גע־בליבען אין א פארלעגענהייט, אבער באלד האט ער צוריק געקראגען זיין חוצפה און אויסגערופען:

— איך בין גיט קיין ליגנער, איך זאג דעם ריינער אמת! איך קען שווערען צו גאט!

— שווער ניט! — האט יהושע איהם געהייסען ארונטער־לאזען זיין רעכ־טע האנט — ווען מיר וועלען געפינען פאר נויטיג וועלען מיר דאן דיר הייסען שווערען. דער רינג איז די איינציגע זאך וואס רחב האט דיר געגעבען?

— יע, די איינציגע זאך!

יהושע האט געהייסען ברייגגען דעם זאק פול מיט גאלד און ציערונג, וואס די יונגען האבען ביי איהם צוגענומען. מען האט אלעם אויסגעשפרייט אויף דעם טיש און יהושע האט געהייסען עכן׳ען צוקומען צום טיש.

— באלאנגט עס אלעם צו דיר?

— יע, מיין האר, דאס באלאנגט צו מיר. איך האב עס ערווארבען מיט דער קראפט פון מיינע הענט.

יהושע האט איהם געהייסען צוריק נעהמען זיין פלאץ און ער האט א וואונק געטהאן צו רחב׳ן זי זאל צוקומען.

רחב איז דאן צוגעקומען צום טיש, און יהושע האט זיך צו איהר אפ־גערופען:

— דערקענסטו צווישען די ציערונג אויך דיינע ציערונג, וואס דו האסט געגעבען עכן׳ען ער זאל מיר איבערגעבען פאר דעם חרם?

— יע, מיין האר! — האט רחב געענטפערט און איהר פנים האט גע־פלאמט.

— אויב אזוי, קלייב אויס פון דאנען אלעס וואס עס באלאנגט צו דיר און לייג עס אוועק אויף א באזונדער פלאץ אויף דיזען טיש.

רחב האט ארויסגענומען די ציערונג, וואס האט צו איהר באלאנגט, אוועקגעלייגט באזונדער און זיך אפגערופען:

— דאס אלעס האט צו מיר באלאנגט.

— און מעהר קיין ציערונג האסטו איהם ניט געגעבען?

— יע, דעם רינג און די אוירינגלאך וואס מיין האר האט פריהער גע־האלטען.

— איך דאנק דיר, רחב — האט יהושע געזאגט. — יעצט קענסטו זיך אומקעהרען צו דיין פלאץ.

יהושע האט פון די ציערונג וואס רחב האט אפגעזונדערט ארויסגענומען א האלזבאנד און איהם געוויזען צו עכן׳ען.

— באלאנגט עס צו דיר?

— המ... יע, עס באלאנגט צו מיר!

— און וואו האסטו עס גענומען?

עכן האט געשוויגען.

— פארוואס ענטפערסטו ניט? — האט יהושע זיך אויף איהם א בייזער געטהאן.

— איך געדענק ניט!

— און דאס איז אויך דיינע? — האט יהושע איהם געוויזען אויף א צווייטע שטיקעל ציערונג.

— יע, עס איז אויך מיינע.

— און געדענקסטו וואו דו האסט עס גענומען?

— ניין, איך געדענק ניט.

יהושע האט ארויסגענומען פון צווישען די ציערונג א גאלדענעם ארם־באנד און געצייגט עכן׳ען.

— געהערט עס צו דיר?

עכן האט ניט געענטפערט און יהושע האט ווידערהאלט זיין פראגע.

— יע, דאס אלעס איז מיינע!

— איך ווייס, אז דיזער ארם־באנד באלאנגט צו רחב'ן — האט עכסה אויסגערופען — איך האב איהם געזעהן אויף איהר האנט.

— און איך אליין דערמאהן זיך אויך, אז איך האב איהם באמערקט אויף רחב'ר האנט, ווען זי איז צום ערשטען מאל געבראכט געווארען אין לאגער. און יעצט וואס ווערסטו זאגען דערצו?

עכן האט אויף דעם ניט געענטפערט.

— איז ביי איכיצען פון אייך פאראן א צווייפעל, אז דיזע ציערונג באלאנגט צו רחב'ן? — האט זיך יהושע געווענדעט צו די שופטים.

די שופטים האבען געשאקעלט מיט די קעפ אויף ניין.

— האט אימיצער פון אייך עפעס צו פרעגען? — האט יהושע ווייטער אויסגערופען.

איינער פון די שופטים האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און געזאגט:

— איין זאך איז מיר אומפארשטענדליך, און איך וואלט געוואלט האבען אן ערקלעהרונג: וואס האט באוועגען רחב'ן צו געבען עכן'ען איהרע ציערונג. האט זי דען אליין עס ניט געקענט טהאן? אדער האט זי ניט געקענט שיקען איהרע ציערונג דורך אימיצען אנדערש?

— ווילסטו איהם אויף דעם ענטפערען, רחב?

רחב האט א שאקעל געטהאן מיט איהר קאפ אויף יע. זי איז צוגעגאנגען בעפאר די שופטים און זיך אפגערופען:

— איך געדענק זעהר דייטליך, איך בין דאן געשטאנען און גערעדט מיט עכסה'ן, איז עכן צו מיר צוגעגאנגען און מיר געזאגט, אז ער האט מיר איבערצוגעבען זעהר א וויכטיגע שליחות פון יהושע'ן. עכסה האט אונז דאן איבערגעלאזען און עכן האט צו מיר געזאגט, אז יהושע האט איהם צו מיר געשיקט איך זאל איהם זאגען פיליכט וויס איך וואו מען קען געפינען די אוצרות פון קעניג יריחו, ווייל מען האט זיי נאך ניט געפונען. איך האב איהם אנגעגעבען א פלאץ, וואו איך האב געגלויבט, אז דארטען וועט מען זיי פיליכט געפינען.

— ביזטו געקומען צו רחב'ן אין מיין נאמען? — האט יהושע איהם געפרעגט.

— איך געדענק ניט! — האט עכן געענטפערט.

— און דאס געדענקסטו אויך ניט, אז דו ביזט צו מיר געקומען אין חב'ס נאמען און מיר געפרעגט אויב זי דארף אפגעבען איהרע ציערונג אין חרם פאר גאט?

עכן האט ניט געענטפערט. רחב האט פארטגעזעצט:

— ער איז צו מיר דעם צווייטען מאל געקומען און געזאגט אין יהושע'ס נאמען, אז איך דארף אפגעבען מיין ציערונג פאר דעם חרם, און האט געזאגט, אז איך זאל איהם איבערגעבען די ציערונג און ער וועט עס אפגעבען צו אונזער האר יהושע'ן. איך האב איהם אפגעגעבען מיין גאנצע ציערונג, און ער האט מיך גענארט. אנשטאט זיי אפצוגעבען צו יהושע'ן, האט ער זיי פארהאלטען פאר זיך!

— איצט זאג מיר דעם אמת, עכן, פארוואס האסטו געגעבן די אוירינגלאך צו שלומית'ן?

— איך האב איהר ניט געגעבן קיינע אוירינגלאך.

— דו האסט איהר געגעבן די אוירינגלאך און נאכהער האסטו זיי פון איהר געוואלט צוריקקריגען און ווען שלומית האט זיי ניט געוואלט דיר צוריקגעבן, האסטו זי ערמארדעט!

— ניין, איך האב זי ניט ערמארדעט! — האט עכן אויסגעשריען — ווען איך וואלט די אוירינגלאך געוואלט צוריק, וואלט איך זיי דאך ניט איבערגעלאזען אויף איהרע אויערען!

— אבער די אוירינגלאך האסטו איהר געגעבן?

— יע, איך האב איהר זיי געגעבן, אבער איך האב זי ניט ערמארדעט. דאס האט עתניאל געטהאן, וויל זי האט אויף איהם א בלבול געמאכט.

— פון וואנען ווייסטו, אז שלומית האט אויף איהם א בלבול געמאכט?

— וויל עתניאל האט אזוי געזאגט.

— און עתניאל איז ביי דיר באגלויבט?

— הם... יע, איך גלויב איהם, אז זי האט פולייכט א בלבול אויף איהם געמאכט, אבער ווען ער לייקענט, אז ער האט זי ניט ערמארדעט, דאס גלויב איך איהם ניט... האט מען דען ניט געפונען זיין גארטעל ארום שלומית'ער האלז?

עכסה האט זיך איינגעשטעלט און אפגערופען:

— עכן האט ביי דעם ערשטען משפט ערקלעהרט, אז ער איז געווען אין עתניאל'ס געצעלט. דאן איז מעגליך, אז דורך א "טעות" איז דער גארטעל געקומען אין עכן'ס באזיץ. פריהער האסטו געלייקענט, אז דו האסט שלומית'ן די אוירינגלאך געגעבען: דו האסט געווארפען די שולד אויף עתניאל'ן. נאכהער האסטו זיך מודה געווען, אז דו האסט איהר איבערגעגעבן די אוירינגלאך. דורך דעם איז פארשטענדליך, אז רחב האט דיר יע אפגעגעבן איהרע ציערונג און דו האסט זיי געהאלטען פאר זיך. פאר דעם אליין קומט דיר א גרויסע שטראף. יעצט זוכסטו צו פארלייקענען, אז דו האסט שלומית'ן ניט ערמארדעט און דו ווילסט ארויפווארפען די שולד אויף עתניאל'ן.

— איך קען שווערען, אז איך האב זי ניט ערמארדעט, — האט עכן אויסגערופען — מיינע הענט האבען ניט פארגאסען איהר בלוט!

— און די בלוט פון די זעקס און דרייסיג מענשען, וועלכע זיינען דורך דיין שולד אין שלאכט געפאלען, האסטו אויך ניט פארגאסען? — האט יהושע זיך צו איהם געווענדעט.

— איך וויים ניט פון וואס צו זאגען! — האט עכן מיט חוצפה געענטפערט.

— עס זיינען פאראן צעהן עדות, אז דו האסט זיך מודה געווען, דאס דו האסט אלנ פארראטען! — האט יהושע געזאגט.

— איך האב קיינמאל זיך ניט מודה געווען אין אזא זאך!

יהושע האט געהייסען די צעהן יונגען צו קומען, און פריהער האט דער, וועלכער האט עכן'ען פארלאפען דעם וועג, דערצעהלט ווי אזוי עכן האט פאר

איהם דערצעהלט ווי ער האט פארראטען ישראל צו דעם קעניג פון עי, און ווי ער האט זיך פאר איהם מודה געווען, אז ער האט געטויטעט שלומית'ן און נאכ־הער האט ער איהם געוואלט טוידטען מיט זיין שווערד, וואס ער האט ביי איהם פריהער אוועקגענומען.

די איבעריגע ניין האבען באשטעטיגט די רייד פון זייער חבר.

— איך האב בלויז געטריבען שפאס מיט דעם יונג. איך האב זיך מיט איהם געוואלט א רייץ טהאן.

— און פארוואס ביזטו אנטלאפען פון לאגער? — האט איהם יהושע געפרעגט.

— איך בין אנטלאפען פון מיין ווייב! איך האב זי געהאסט און מיט איהר מעהר ניט געוואלט זיין צוזאמען.

— אה, דו אומפארשעהמטער ליגנער! — האט זיך דערהערט א שטימע פון צווישען די פארזאמעלטע, און ווען מען האט זיך ארומגעקוקט האט מען געזעהן, אז דאס שרייט עכן'ס פרוי. זי האט געשריען מיט אלע איהרע כחות און געדריקט מיט איהרע פויסטען.

— איך וועל איהם ווייזען, דעם באטריגער, דעם גנב! ער האט מיך גע־שיקט צו רחב'ן, כדי ער זאל דערוויל קענען אנטלויפען... איך בין זיכער, אז ער האט די אלע פארברעכענס באגאנגען! מען טאר איהם קיין זאך ניט גלוי־בען! איך וויים, אז ער פלעגט גאניץ אפט פארברייגגען מיט שלומית'ן, די אלמנה. ער האט איהר געגעבען די אוירינגלאך און ער האט זי ערמארדעט, ווייל זי האט געוואוסט צופיעל פון זיינע סודות. איך בין זיכער, אז ווען איך וואלט אויך געוואוסט פון זיינע סודות, וואלט ער מיך אויך דערמארדעט!

— אה, מוטער! — האבען איהרע זיהן און טעכטער איהר ארומגענומען

— ווי אזוי קענסטו אזוי ריידען וועגען אונזער פאטער?!

— די גרעסטע שטראף איז פאר איהם צו ווינציג! — האט זי זיי גע־ענטפערט — אייער פאטער איז דער נידעריגסטער מענש פון ישראל. ער האט פארראטהען מיך, אייך און דעם גאנצען פאלק! זעהט איהר דען ניט, אז אלעס וואס מען דערצעהלט אויף איהם איז אמת! ער איז אן אויסוואורף, זאג איך אייך... לאזט מיך צו צו איהם און איך וועל זיינע אויגען אויסגראבלען.

זי האט זיך א לאז געטהאן צו עכן'ען און מען האט זי קוים אפגעהאלטען. עס איז געווארען א גרויסער טומעל און א באוועגונג און עס האט יהושע'ן גענומען א היבשע שטיקעל צייט ביז וואנען ארדנונג איז צוריקגעשטעלט גע־ווארען. ווען ער האט געזעהן, אז דער עולם האט זיך בארוהיגט, האט ער גע־נומען פארטזעצען זיין אויספארשונג.

— דו זאגסט, אז דו ביזט אנטלאפען פון דיין ווייב, קענסטו מיר געבען א! ערקלעהרונג פארוואס דו ביזט געגאנגען אין דער ריכטונג פון דער שטאדט עי?

— חמ... ווילע... ניין, איך קען קיין ערקלעהרונג ניט געבען! — האט ער קוים ארויסגעשטאמעלט.

— ווען דו האסט זיך אומגעקעהרט מיט די אנדערע צוויי, ווען איך האב מיט דיר מיטגעשיקט אויסצושפיאנירען די שטאדט עי, האסטו זיך בא־

ריהמט, אז דיר איז געלונגען אריינצוגעהן אין שטאדט עי. זאג מיר, האסטו זיך דאן געזעהן מיט דעם קעניג פון עי?

א ווײלע האט עכן געשוויגען און נאכהער האט ער זיך אפגערופען:

— איך האב זיך געזעהן מיט דעם קעניג און מיט איהם גערעדט, אבער איך האב ניט געהאט קיין שלעכטע כונה.

— האסטו דען איהם ניט געהייסען זיין גרייט צו א מלחמה מיט ישראל?

— יע, דאס האב איך געטהאן, כדי צו געווינען זיין צוטרויען. אז ניט וואלט ער דאך מיך פארדעכטיגט, אז איך בין א שפיאן, און וואלט מיך גע־טויטעט.

— הייסט עס, אז דו האסט איהם געהייסען זיין גרייט צו א מלחמה מיט אונז. און צו מיר ביזטו געקומען מיט א באריכט אז מיר דארפען אהין שיקען זעהר א קליינע ארמעע... ווי אזוי וועסטו דאס ערקלעהרען?

עכן האט א ציה געטהאן מיט זיינע אקסלען און האט גארניט געענטפערט.

מיט דעם וואס דו גיבסט ניט קיין ערקלעהרונג, איז א באוויז דאס דו ביזט זיך מודה, אז די ביזט געווען אויסען מיר זאלען האבען א נידערלאגע... ווארום אויב ניט וואלסטו דאך אונז גלייך געזאגט דעם אמת, אז דער קעניג פון עי וועט זיי צוגעגרייט און מיר דארפען אהין שיקען א גרויסע ארמעע.

— המ... איך האב געמיינט, אז ווי שטארק צוגעגרייט זיי זאלען ניט זיין, וועט אונז ניט שווער אנקומען זיי צו בעזיעגען—האט עכן זיך געזוכט ארויסצו־דרעהען.

— איך און דאס פאלק האבען אין דיר געהאט צוטרויען און צום סוף האס־טו אונז אלעמען פערראטהען, אנשטאדט צו געבען מיר די נויטיגע אויסקינפטע וועגען דעם שונא, האסטו דעם שונא איבערגעגעבען אינזערע סודות און דורך דעם האבען מיר די ערשטע שלאכט פערלארען צוזאמען מיט זעקס און דרייסיג פון אינזערע בראווע סאלדאטען!

— וואס בין איך שולדיג, אז אזוי איז געווען דער ווילען פון גאט!—האט עכן געמאכט א פרומע מינע.

— ער רעדט נאך אין נאמען פון גאט, דער פאלשער נידעריגער מאן!—האט זיך ווידער דערהערט די שטימע פון עכן'ס פרוי—יעצט פערשטעה איך פיעלע זאכען. און איך בין געגרייט אלעס צו דערצעהלען פאר אלעמען.

— ניט יעצט, ווען עס וועט נויטיג זיין וועט מען אויך דיר רופען אלס עדות!—האט א שופט צו איהר געזאגט.

— און יעצט זאג מיר, עכן פארוואס האסטו געוואלט טויטען דעם יונג מיט דעם שווערד וואס דו האסט ביי איהם צוגענומען! ווען ער האט מיט דיר גערעדט האסטו דאך ניט געוואוסט, אז ער איז געשיקט געווארען דיך איבער־צונעהמען. פון דעסטוועגען איז ביי דיר רעכט געווען איהם צו ערמארדען.

— איך האב פערשטאנען, אז ער קומט מיר שלעכטעס צו טהאן — האט עכן זיך ארויסגעכאפט.

— הייסט עס, אז דו ביזט זיך מודה, אז דו האסט איהם געוואלט טויטען—האט דער ראש פון די שופטים א זאג געטהאן.

עכן האט געזעהן, אז ער איז מיט זײנע רײד ארײנגעפאלען און ער האט זיך געוואלט ארויסדרעהען:

— איך האב געמיינט, אז ער וועט מיך בערויבען פון מיין גאלד און ציער־רונג... איך האב ניט געוואלט דאס ער זאל מיר בעפאלען פריהער—האט עכן געזאגט.

— און דעריבער האסטו ביי איהם זיין שווערד צוגענומען און זיינע הענט אויף הינטען פערבונדען און איהם צוגעבונדען צו דיין אייזעל, ניט ריכטיג?

— יע, צוליעב דעם האב איך איהם געבונדען.

— ווען ער איז געווען געבונדען, האט ער אויך געהאט א מעגליכקייט אויף דיר אן איבערפאל צו מאכען?

— ניין!

— אויב אזוי האסטו דאך ניט געהאט וואס מורא צו האבען פאר איהם, ער זאל פון דיר אװעקרויבען דיין רייכקייט ביז וואנען דו וואלסט דערגרייכט די שטאדט עי, ווער דו וואלסט בעשיצט געווארען, טא פארוואס האסטו איהם געוואלט טויטען?

עכן האט זיך בעגאסען מיט א שוויס... ער זעהט אז וואס ווייטער פער־פלאנטערט ער זיך וואס מעהר... ער האט שוין קיין האפענונג ניט זיך ארויס־צודרעהען פון די הענט פון די שופטים... ווען ער זאל קענען פו, דאנען ענטלויפען... ער האט זיך גענומען ארומקוקען... עס זיינען פאראן אזוי פיעל מענשען. אלע היטען איהם, ווי ער וועט מאכען בלויז איין שריט וואלט מען איהם גע־כאפט... אבער וואס האט ער צו פערלירען... אפשר וועט איהם פארט געלינגען צו אנטלויפען... ווען ער זאל מיט זיך האבען וואפען וואלט ער שוין בעוויזען עס צו טהאן... אבער יעצט?

— דו האסט נאך אלץ ניט געענטפערט די פראגע פאר וואס האסטו גע־וואלט טויטען מיין יונג? — האט יהושע זיך ווידער געווענדעט צו עכן׳ען.. — זאג דעם אמת איז עס ניט צוליעב דעם וואס ער האט געוואוסט פון דיינע סודות.

— המ... יע, ער האט צופיעל געוואוסט!

— אבער דו האסט דאך איהם אליין מיט דיין גוטען ווילען אויסגעזאגט דיינע סודות, ער האט דאך דיר דערצו ניט געצוואונגען..

— איך ווייס, איך האב זיך באנאריעט.. — האט עכן געזאגט.

— בענארישט מיט וואס?—האט יהישע איהם געפרעגט.

— המ... מיט דעם וואס איך האב איהם אנפערטרויט מיינע סודות...

— וועלכע סודות?

— וועגען דעם קעניג פון עי און וועגען שלומית׳׳ן.

— הייסט עס, אז דו גיבסט אליין צו, אז דו האסט פערראטהען דיין פאלק צו דעם קעניג פון עי און אז דו האסט געטויטעט שלומית׳ן און דעם בלבול ארויפגעווארפען אויף עתניאלן.

— ניין, איך האב זי ניט געטויטעט! עתניאל האט זי דערשטיקט—האט עכן גענומען שרייען.—איך זאג אייך, אז עס איז א בלבול אויף מיר... איך האב קיינעם קיין שלעכטעס ניט געטהאן.

— די חוצפה פון א רשע !—האבען זיך געהערט שטימען פון ארום... ער לייקענט ווידער, נאכדעם ווי ער האט זיך שוין כמעט אין אלעם מודה געווען.

— זאל זיין שטיל !—האט דער ראש פון די שופטים א געשריי געטהאן— קיינער דארף ניט שטערען די אויספארשונג.

— מעהר האב איך ניט וואס צו זאגען... איך האב דאך שוין געזאגט אז איך בין אומשולדיג—האט עכן זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און ער האט געווענדעט זיינע אויגען צום ארויסגאנג. פלוצלונג האט ער א שפרונג געטהאן איבער'ן באנק און האט גענומען לויפען, אומשליידערענדיג מיט זיינע פוס־טען די וועלכע זיינען איהם געשטאנען אין וועג. עס איז געווארען א מהומה און א געשריי :

— עכן אנטלויפט, כאפט איהם ! לאזט איהם ניט ! דער עוכר ישראל, דער מערדער אנטלויפט. האלט איהם אפ.

אלע אנוועזענדע האבען זיך א לאז געטהאן איהם צו כאפען איינגע האָ־בען איהם אנגעכאפט באר זיין בגד. אבער עכן האט זיך גענומען ראנגלען געברי־קעט מיט די פיס, געשלאגען מיט די פויסטען און יענע האבען איהם אפגעלא־זען.

ווען כלב האט דערזעהן, אז עכן אנטלויפט, איז ער שנעל ארויס פון זיין פלאץ און האט זיך נאך איהם נאכגעיאגט. ער האט איהם דערגרייכט און איהם זיינגעקלאמערט מיט זיינע שטארקע פויסטען צוהאלטענדיג איהם ביז וואנען די שופטים זיינען צוגעקומען און עכן'ען צוריק געבראכט צו זיין פלאץ... זיינע בגדים זיינען אויף איהם געווען צוריסען. און זיינע האר צישויבערט.

דער עולם האט זיך איינגעשטילט. ארדענונג איז צוריק געווארען.

— פארוואס האסטו געמאכט א פערזוך צו אנטלויפען, עכן ? — האט זיך יהושע צו איהם געווענדעט.

עכן האט געשוויגען.

— עכן ! — האט זיך יהושע אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און איז צו איהם צוגעגאנגען עטוואס נעהענטער—פארוואס זאלסטו זינדיגען צו גאט ?... עס איז דאך ביי קיינעם קיין ספק ניט, אז דו האסט בעגאנגען די אלע פערברעכענס. ווען דו זוכסט צו פערלייקענען דיין פערברעכען פערגרעסערסטו דאמיט דיין זינד צו גאט. פאלג מיר, טהו אן כבוד צו גאט, דעם גאט פון ישראל, זיי זיך מודה און זאג מיר אלעם וואס דו האסט געטהאן, פערלייקען גארניט פון מיר.

יהושע'ס צערטליכע רייד האבען געמאכט א ווירקונג אויף עכן'ען: ער האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און האט מיט א ציטערנדע שטימע אויסגע־רופען :

א טיפע שטילקייט האט געהערשט. יעדער האט אנגעשטרענגט זיינע אויגען און אויערען צו הערען וואס עכן וועט זיך מודה זיין.

— מיין ערשטע זינד איז געווען דאס וואס איך האב גענומען פון חרם. איך האב געזעהן א טייערען מאנטעל פון דעם לאנד שנער, צוויי הונדערט זילבערנע שקלים און א שטיק גאלד וואס האט געוואויגען פופציג שקלים. דאס אלעס האב איך געפונען, איך האב עס געגלוסט און צוגענומען. יעצט געפינט זיך דאס

אלעס בעהאלטען אונטער דעם דיל פון מיין געצעלט און דאָס געליט געפינט זיך אונטערן מאַנטעל.

יהושע האט גלייך געשיקט צוויי יונגען זיי זאלען אויפזוכען דעם חרם און עס ברענגען פאר די שופטים.

— און יעצט דערצעהל מיר וועגען דיין צווייטען זינד! — האט זיך יהושע צו איהם געווענדעט.

— איך האב געטויטעט די אלמנה שלומית!—האט עכן שוין אַנגעפאנגען צו ריידען מיט א קאלטבלוטיגע שטימע — איך האָב זי דערשטיקט, אויף דעם זעלבען פּלאץ, וואו מען האַט זי געפונען.

— און פארוואס האסטו געוואלט ארויפווארפען דעם בלבול אויף עתניאל׳ן?

— איך ווייס אליין ניט!—האט עכן א ציה געטהאן מיט זיינע אקסלען,— איך האב גארניט געהאט צו איהם... ער האט מיר ווירקליך קיין שלעכטעס ניט געטהאָן... איך האָב פריהער אָפּגעמאכט מיט שלומית׳ן זי זאָל איינרעדען עתניאל׳ן צו זיך אין געצעלט מיט אן איסרייד, אז עכסה, ווארט דארט אויף איהם, און ווען ער וועט אהין קומען זאָל זי איהם דאָרטען פערהאלטען כדי מען זאל נאכהער קענען זאגען, אז ער האט זיך ניט פיין אויפגעפיהרט. איך האב אוועקגע׳גנב׳עט זיין גארטעל און איהם געגעבען שלומית׳ן און אזוי איז עתניאל אומשולדיגערהייט אריינגעשלעפט געווארען אין דעם... איך ווייס אז נעגען איהם האָב איך נאָך מעהר געזינדיגט, ווייל ער האָט מיך געהאלטען פאר א פריינד.

עכסה וועלכע האט געשלונגען יעדעס ווארט וואס איז ארויסגעקומען פון עכן׳ס מויל, האט זיך שוין מעהר ניט געקענט בעהערשען און זיך אָפּגערופען צו איהר פאָטער:

— נו, יעצט זעהסטו, ווי אומשולדיג עתניאל איז... מיין הארץ געהט אויס פאר איהם... דער אָרימער עתניאל! וויפיעל ער האט געליטען... ער האט דאך שוין געזאָלט היינט הינגעריכטעט ווערען.

— רייד ניט יעצט מיין טאָכטער, איך וויל הערען אלעס וואס עכן דער־צעהלט....

— און יעצט זאג מיר וועגען די אוירינגלעך וואס דו האסט געגעבען שלומית׳ן.

— איך האב זיי געקראָגען צוזאמען מיט די איבריגע ציערונג ביי רחב׳ן, וועלכע האט מיר געגעבען עס אָפּצוגעבען פאר׳ן חרם און ווען מיין האר, יהושע האט געזאָגט, אז איהרע אייגענע ציערונג איז זי ניט מחויב אָפּצוגעבען פאר׳ן חרם, האב איך זי אָפּגענארט און צוגענומען די ציערונג פאר זיך...

עתניאל איז די גאנצע צייט געזעסען בעווּעגלאָז... און האט זיך צוגעהערט צו יעדען ווארט וואס עכן זאָגט... ער האָט אבער ניט ארויסגעוויזען קיין שום צייכען פון איבערראשונג.

עכן האט איבערגעגעבען אלע איינצעלהייטען ווי אזוי ער האט געפלאנע־וועט זיך נוקם צו זיין אויך אין יהושע׳ן און צוליעב דעם צוועק האט ער איהם פערראטהען פאר דעם קעניג פון עי...

— וועה צו איך, מיינע קינדער!—האט די שטימע פון עכן׳ס פרוי דורכ־

געבראכען די שטילקייט—אז איהר דארפט הערען ווי אייער אומווירדיגער פאטער האט אזעלכע שוידערליכע פערברעכענס בעגאנגען.

עכן'ס קינדער האבען אויסגעבראכען אין א געוויין און עס האט געדויערט א היבשע ווייל ביז וואנען מען האט זיי איינגעשטילט.

דערווייל זיינען אנגעקומען יהושע'ס שלוחים און האבען געבראכט פון עכן'ס געצעלט דעם מאנטעל, די שקלים און די שטיק גאלד.

יהושע האט עס אלץ גענומען און האט עס געציינט די שופטים און דעם פאלק.

— וואס זאגט איהר יעצט? וואס פאר א שטראף דארף עכן באקומען?

— פאר יעדען איינעם פון די פארברעכענס קומט איהם טויט־שטראף! — האט דער ראש פון די שופטים זיך אפגערופען — און יעצט איז אונזער משפט, אז עכן זאל געטויטעט ווערען דורך סקילה. יע, דאס גאנצע פאלק וועט איהם פערשטיינען מיט שטיינער.

— אין דעם טהאל פון עכור וועט עכן הינגעריכטעט ווערען—האט יהושע געזאגט — און דורך דעם וועט דער צארן פון גאט זיך אפטהאן פון גאנץ ישראל.

ער האט גלייך בעפוילען די שופטים און זיי האבען איהם גענומען ארויספיהרען פון דארטען.

— וואס זאלען מיר טהאן מיט עתניאל'ן—האט איינער פון די וועלכע האבען איהם געהיט — געפרעגט יהושע'ן.

— אה, עתניאל!—האט יהושע אויסגערופען און איז אליין צו איהם צוגעגאנגען איהם געגעבען זיין האנט.

— אה, דו ארימער עתניאל, ווי שטארק דו האסט געליטען פאר דעם זינד פון א צווייטען... און דו ביזט די גאנצע צייט געווען אזוי אומשולדיג. איך האף עתניאל, אז דו וועסט מוחל זיין די שופטים און יעדען איינעם וועלכער האט געגלויבט, אז דו ביזט שולדיג... זיי האבען דאך געהאט אזעלכע שטארקע בעווייזע געגען דיר, אז מען האט אנדערש ניט געקענט ווי צו גלויבען די רייד פון דעם רשע עכן... און דו עתניאל וועסט האבען איינזעהעניש און אונז אלעמען מוחל זיין. קום מיט מיר, דו וועסט זיין דער ערשטער צו ווארפען א שטיין אויף דעם אומווירדיגען עכן'ען.

— איך טראג אפילו ניט קיין שנאה אויף עכן'ען—האט עתניאל געזאגט.

— אבער פאר די איבריגע פארברעכענס דורך וועלכע ער האט כמעט פאראומגליקט אונזער גאנצען פאלק! פאר דעם אליין האט ער פארדיענט דעם טויט. קום מיט מיר, עתניאל,, צו דעם טהאל פון עכור!

ווי זיי שטעהען ביידע און ריידען, איז פלוצלונג צוגעלאפען עכסה און האט זיך ארויפגעווארפען אויף עתניאל'ס האלז און איהם אנגעהויבען צו קושען און חאלזען.

— אה, מיין ליעבער טייערער עתניאל!—האט זי געוויינט—וויפיעל האט געפעהלט אז איך זאל דיך פארלירען! אזא נידערטרעכטיגען בלבול! היינט איז דאך בעשטימט געווארען מען זאל דיך אומברייגגען פאר די זינד פון עכן'ען! עתניאל, מיר זיינען אלע שולדיג געגען דיר, און וועסטו מיר מוחל זיין?!

— מיין ליעבע עכסה!—האט עתניאל זי צו זיין הארצען געדריקט. —דו

ביזט געווען די איינציגע וועלכע האט מיר געטרויט און געקעמפט פאר מיר, דו האסט די גאנצע צייט געגלויבט, אז איך בין אומשולדיג!

— איך האב אויך געגען דיר געזינדיגט! — האט עכסה געווישט איהרע אויגען... — צום אנפאנג ווען שלומית האט אזוי חוצפה'דיג גערעדט וועגען דיר און דו האסט זיך מודה געווען, אז דו האסט איהר געצעלט בעזוכט, בין איך געווען אזוי אייפערזיכטיג און אויפגערעגט, אז איך האב זיך גארניט צוגעהערט צו דיין ערקלעהרונג... און איך האב דיך פון זיך פארשטויסען... וועסטו מיר מוחל זיין פאר מיין לייכטזיניגקייט?

— בערוהיג זיך, מיין ליעבע עכסה. דאס איז געווען פאר מיר א סימן, אז דו האסט מיך שטארק ליעב, אויב ניט וואלסטו דאך אויך מיר אזוי ניט אייפערזיכטיג געווען... און איך האב געזעהן, אז ווי נאר דו האסט געהערט מיין ערקלעהרונג, האסטו זיך אין גאנצען געענדערט. דו האסט געגלויבט יעדען ווארט, דו ביזט געווען די איינציגע וועלכע האט מיר געגלויבט... אלע האבען פלוצלינג פערלארען זייער צוטרוי צו מיר, אלע אפילו מיין אייגענער ברודער.

— אה, דו ביזט דאך ניט אין כעס אויף מיין פאטער? — האט עכסה איהם ווידער געקושט.

ארום זיי האבען זיך פערזאמעלט זעהר פיעל פון די אנוועזענדע ביי עכן'ס משפט... כלב איז געשטאנען ניט ווייט און ער האט צוגעזעהען ווי זיין טאכטער האלט נאר אין איין קושען עתניאל'ן. זיין פנים האט איהם אנגעהויבען פלאמען פון בושה... ער האט זי ניט געוואלט לאזען ליבען צו איהם אבער זי האט איהם ניט געזאלגט. זי האט זיך איינפאך פון זיינע הענט ארויסגעריסען און יעצט טהוט זי איהם אן אזא שאנדע פאר אלעמען אין די אויגען... ער האט אויך געוואלט צוגעהן צו זיין ברודער און דריקען איהם זיין האנט און איהם בעטען מחילה, אבער יעצט, אז זיי ביידע פיהרען זיך אויף אזוי לייכטזיניג קען ער דאס ניט טהאן... ער וועט דערפאר זיי ביידע בעשטראפען. זאל זי ניט מיינען, אז זי האט שוין געקראגען זיין פולע צושטימונג...

און ווען יהושע האט געזעהן, אז די צוויי יונגע ליעבענדע הערצער טרעטען ניט אפ איינע פון צווייטען, האט ער אויף עתניאל'ן מעהר ניט געווארט און איז מיט די איבריגע שופטים אוועק צו דעם טהאל פון עכור. ביסלעכווייז האט זיך דארט דאס גאנצע פאלק פארזאמעלט. דער געפיהל פון נקמה אויף עכן'ען איז ביי יעדען געווען שטארק... כלב איז אוועק צו זיין געצעלט און האט איבערגעגעבען זיין פרוי אלעס וואס מען האט אויסגעפונען וועגען עכן'ען און ווי אזוי ער האט זיך מודה געווען אז ער האט געמאכט א בלבול אויף עתניאל'ן.

— און וואו איז עכסה? — האט די מוטער גלייך א פרעג געטהאן.

— זי איז געבליבען מיט עתניאל'ן.

— און פארוואס האסטו ניט גערופען עתניאל'ן צו זיך?

— א, ווען דו וואלסט געזעהן ווי אזוי זיי האבען ביידע געהאנדעלט... זיי האבען זיך געהאלזט און געקושט פאר אלעמען אין די אויגען. זיי האבען זיך ביידע ניט געשעהמט אפילו פאר יהושע'ן...

— אבער כלב, דו דארפסט ניט פערגעסען, אז עכסה איז געווען די איינ־

ציגע וועלכע האט געהאט צוטרויען אין איהם... און ווען ניט איהר קאמף וואלט מען עתניאל׳ן פיליכט היינט אומשולדיגערהייט הינגעריכטעט...

— דאך האט זי מיך געדארפט פאלגען... זי האט זיך געקענט בעהערשען, און ווארטען ביז וואנען איך וואלט איהם איינגעלאדען אין אונזער געצעלט, און ניט ארויספאלען אויף איהם און מאכען זיך צום נארען און מיר צו שאנד און צו שפאט.

— נייז, כלב, דו דארפסט עכסה׳ן יעצט ניט בעשולדיגען. זי איז געווען אזוי גליקליך און דורכגעדרונגען מיט די געפיהלען צו עתניאל׳ן, אז זי האט זיך בעת מעשה פערלארען....

— אבער איך בין אויף איהר אין כעס פאר דעם וואס זי האט מיך ניט געפאלגט... און דערפאר וועט זי טאקע בעשטראפט ווערען. ניט אזוי גרינג וועט זי מיין צושטימונג קריגען.

— דו מיינסט, אז דו וועסט זיין געגען דעם זיי זאלעןביידע הייראטהען?

— דו לאז עס איבער צו מיר! — האט כלב געזאגט — זארג ניט, איך בין נאך ניט אזא שלעכטער, אבער עס וועט עכסה׳ן גאר ניט שאדען, ווען זי וועט נאך בעגעגענען א פאר שטרויכלונגען אויף איהר וועג... דאמיט וועט זי אפקומען פאר איהר זינד וואס זי האט געגען מיר געזינדיגט ווען זי האט מיך ניט געפאלגט. און יעצט לאמיר צוקומען צו דעם טהאל עכור, דארטען וועלען מיר געווים אלעמען טרעפען. אין יענעם טהאל וועט מען הינריכטען עכן׳ען.

כלב און זיין פרוי זיינען אוועק צו דעם טהאל עכור און שוין דארטען געטראפען כמעט אלעמען. מיט זיינע אויגען האט ער געזוכט זיין טאכטער און עתניאל׳ן. ער איז געווען זיכער, אז זיי וועלען זיין ניט ווייט פון יהושע׳ן און די שופטים, אבער ער האט זיי ניט געפונען.

— וואס זאגסטו אויף דעם, זיי זיינען אפילו דא ניט געקומען! — האט כלב זיך אפגערופען צו זיין פרוי.

— דו ווילסט זיי געפינען צווישען אזא גרויסען המון! — ווען זיי וואלטען דא געווען, וואלט איך זיי שוין געפונען! — מעגליך, אז עכסה האט ניט געוואלט צוזעהן ווי מען הינריכטעט א מענשען...

— זי האט עס געדארפט זעהן נאך מעהר ווי יעדער אנדערער, ווייל עכן האט דאך געוואלט אומברייגגען עתניאל׳ן.

— זי איז דאך אזוי וויכהערציג און זי איז אזוי גליקליך, אז זי האט ניט געוואלט געהן אהער...

די שוטרים האבען געבראכט עכן׳ען מיט דעם חרם וואס ער האט גע׳גנב׳עט. זיי האבען איהם פארבונדען די הענט אויף הינטען און איהם געלאזט שטעהן אין מיטען טהאל.

באלד איז צו איהם יהושע צוגעגאנגען און מיט פערביטערונג זיך אפגערופען:

— אה, וואס פאר א גרויסען אומגליק דו האסט געבראכט אויף אונז אלעמען... דורך דיין בייזען מוטווילליגען צונג האסטו כמעט דעם גאנצען פאלק ישראל אומגעבראכט... אזעלכער ווי דו איז ניט ווערטה גערופען צו ווערען אויף דעם נאמען פון אונזער פאלק ישראל... די בלוט פון די זעקס און דרייסיג

בראווע העלדען, וועלכע זיינען געפאלען אין שלאכט וועט פאלען אויף דיין קאפ...

עכן'ס זיהן און טעכטער, וועלכע זיינען אויך געבראכט געווארען צו זעהן ווי זייער אומווירדיגער פאטער ווערט הינגעריכטעט, האבען צו איהם געוואלט צולויפען, אבער זייער מוטער האט זיי ניט געלאזען...

— ער האט עס ניט פערדינט! דיזע שטראף וואס ער וועט בעקומען איז נאך צו ווינציג פאר איהם. זאל גאט פערווארפען זיין נשמה אין כף הקלע! און איך וויל, אז איהר זאלט זיין געדעכניס אויסמעקען פון אייערע הערצער...

יהושע האט אפגעטראטען אן א זייט... ער האט געגעבען א וואונק און די ערשטע האבען די קרובים פון די געפאלענע העלדען איהם פערווארפען מיט שטיינער ביז וואנען ער איז אומגעפאלען. נאכהער האבען די איבעריגע פון פאלק, ווער עס האט נאר געהאט א שטיין אין זיין האנט, האט עס א שליידער געטהאן אויף עכן'ען, ביז וואנען ער איז געפאלען טויט. נאכהער האט מען פערברענט זיין געצעלט, זיינע כלים און אפילו דעם חרם.

מען האט אויף עכן'ען אויפגעשטעלט א קופע שטיינער אלס אנדענקונג, אז דער רשע מוז סוף כל סוף זיין פערדינטע שטראף בעקומען. דאן זיינען זיך אלע צוגאנגען, יעדער צו זיין געצעלט. יעדער איז געווען צופרידען וואס דער ריכטיגער שולדיגער איז געפונען געווארען, און גאט האט אויסגעמיטען צו פערגיסען אומשולדיגע בלוט... ווייל ווען מען וואלט עכן'ען ניט געכאפט אין צייט, וואלט מען דאך היינט הינגעריכטעט דעם אומשולדיגען עתניאל'ן.

אין דער צייט ווען דאס גאנצע פאלק האט זיך פערזאמעלט צו זעהן ווי אזוי דער רשע בעקומט זיין שטראף, האט עכסה אוועגעשפאצירט מיט עתניאל'ן אויסער'ן לאגער... זיי האבען געהאט אזוי פיעל צו ריידען און צו דערצעהלען איינע דעם צווייטען וועגען אלעס וואס זיי האבען דורך דיזער שרעקליכער צייט דורכגעלעבט. זיי זיינען געווען אזוי פארטיפט אין זייער געשפרעך, אז זיי האבען פערבייגעהענדיג ניט בעמערקט ווי רחב איז געזעסען אן איינזאמע אויפ'ן גראז אונטער דעם שאטען פון א בוים. זי האט בעטראכט די צוויי ליעבענדע און איז געווען אזוי צופרידען זיי צו זעהן גליקליך און פרעהליך... זי האט שטארק מיטגעפיהלט עכסה'ס ליידען. די יסורים פון ליעבע זיינען איהר ניט פרעמד... זי האט זיי לעצטענס אליין אויך איבערגעלעבט... און אט דער זעלבער עכן, וועלכער האט עכסה'ן אזוי פיעל שמערצען פעראורזאכט, האט דאך אויך איהר שלעכטעס געטהאן... ער האט זיכער ערוויטערט יהושע'ס הארץ פון איהר... און יעצט?... וואס וועט יעצט זיין? ווען זי זאל בלויז קענען ענטדעקען איהר הארץ פאר יהושע'ן און איהם זאגען ווי שטארק זי האט איהם ליעב. אז זי האט פון איהם ניט אויפגעהערט צו טראכטען זינט דעם ערשטען מאל ווען זי האט איהם דערזעהן אין פאלאין פון דעם קעניג סיחון... אבער ווער איז זי, אז זי זאל גאר יעצט טראכטען פון איהם!... ער איז דער העלד, דער פיהרער פון זיין פאלק, און זי?... זי איז א פרעמדע... און אפילו ווען זי איז געווארען א ישראלית, וועט ער דען זיך וועלען אומקוקען אויף איהר?!

עתניאל און עכסה האבען געשפאצירט צוריק און עכסה איז געווען די ערשטע וואס האט בעמערקט רחב׳ן.

— דו זעהסט, עתניאל! — האט זי אנגעוויזען אין יענער ריכטונג, מיר דוכט זיך, אז דאס איז רחב... לאמיר שנעלער צוגעהן אהין.

זיי האבען ביידע פערשנעלערט זייערע טריט, און ווען זיי האבען זיך איבער־ציינט, אז זי איז ווירקליך רחב, האט עכסה אויסגערופען:

— רחב, ווי קומסטו אהער איינע אליין?

רחב האט זיך שנעל אויפגעשטעלט פון איהר פלאץ און איז זיי ענטקעגען געקומען.

— איך האב געוואלט א ווײלע זיין אליין מיט מיינע געדאנקען, בין איך אוועק אהער און איך בין געזעסען און געטראכט...

— דו ווייסט, עתניאל, אז אין דער אמת׳ן האסטו דיין לעבען צו פער־דאנקען רחב׳ן? זי איז מיט מיר צו יהושע׳ן געגאנגען און פון דעם, וואס זי האט איהם דערצעהלט, איז זיין חשד געפאלען אויף עכן׳ען און אזוי איז ער געכאפט געווארען.

— איך דאנק דיר, רחב, פון דער טיפענים פון מיין הארצען! — האט עתניאל זיך צו איהר אפגערופען — איך קום דאך דיר נאך אן אלטען חוב, יע, אין דער צייט ווען איך און יהושע זיינען איינגעשפארט געווארען און געפענג־ניס פון דעם קעניג סיחון, און דו האסט דיין לעבען אין סכנה געשטעלט און אונז גערעטעט... איך ווייס ניט ווי אזוי איך וועל דיר יעצט קענען פאר אלעם אפצאהלען.

— מיין בעלוינונג האב איך שוין געקראגען דורך דעם, וואס מיין טייערע פריינדין עכסה איז צוריק גליקליך...

עכסה האט זי ארומגענומען און געקושט...

— איך האב מיין יעצטיגען גליק דיר צו פערדאנקען, ליעבע רחב, און איך האף, אז גאר אין גיכען וועט אויך גליק צו דיר קומען, איך און עתניאל האבען נאר וואס גערעדט וועגען דיר און יהושע׳ן!

— וועגען מיר און יהושע׳ן? — איז רחב רויט געווארען.

— יע, פון דיר און יהושע׳ן. איך האב איהם דערצעהלט ווי אזוי עכן האט געזוכט דיך צו פערמיאוס׳ן אין די אויגען פון יהושע׳ן. און עתניאל האט מיר דערצעהלט, אזא זאך, אז איך בין זיכער, אז עס וועט דיר פערשאפען פיעל פער־גניגען צו הערען.

רחב האט ארונטערגעלאזען איהרע אויגען און עכסה האט זיך געווענדעט צו עתניאל׳ן און געזאגט:

— ענטשולדיג מיר אויף א ווײלע, איך וויל רחב׳ן עפעס אריינרוימען אין אויער.

עתניאל האט זיך אפגערוקט און עכסה האט אין דער שטיל זיך אפגע־רופען צו רחב׳ן.

— עתניאל האט מיר נאר וואס דערצעהלט, אז יהושע איז אין דיר פער־ליעבט זינט ער האט דיך צום ערשטען מאל דערזעהן, און איידער ער איז געווארען דער פיהרער, ווען ער און עתניאל זיינען געווען אינטימע און איבער־

געגעבע פריינד, האט איהם יהושע ניט איינמאל פארטרויט וועגען זיין גרויסע ליעבע צו דיר!

טרעהרען האבען זיך בעוויזען אין רחב'ס אויגען...

— אבער יעצט האט ער אן אנדער מיינונג וועגען מיר! — האט רחב שטילערהייט געזאגט.

— זארג ניט רחב, פון יעצט אן וועט עתניאל ווידער זיין נאהענט בעפריינדעט מיט יהושע'ן, און ער וועט שוין זעהן, אז א פערשטענדניס זאל זיין צווישען אייך ביידען...

רחב האט מיט דאנקבארע בליקען געקוקט אויף עכסה'ן. איהר פריינדשאפט איז איהר געווען זעהר טייער. ווען ניט זי וואלט זי זיך נאך מעהר איינזאם און עלענד געפיהלט. זי האט באמערקט ווי גליק שטראלט פון איהרע אויגען און זי איז געווען גליקליך אין איהר גליק.

— מען האט שוין עבן'ען געווים דינגעריכטעט! — האט זיך עכסה אפגערופען — איך באמערק אז פילע קערען זיך אום אין לאגער.

— ער האט די שטראף פארדינט — האט עתניאל געזאגט — ווייפיעל האט געפעהלט און ער זאל אומגליקליך מאכען אונזער גאנצען פאלק. איצט וועט מען דארפען נאך אמאל אנפאנגען די מלחמה מיט דעם קעניג פון עי.

— איך האף, אז יהושע וועט אן דיר דיזען מאל ניט פארגעסען, עתניאל. ער וועט דיר געבען א געלעגענהייט זיך צו באטייליגען אין דער מלחמה. איך בין זיכער, ווען ער וואלט דיר געלאזען פיהרען די ארמיע וואלט אונזער פאלק אזא נידערלאגע ניט ערליטען, טראץ עכן'ס פארראטה.

— דו איבערשאצטסט מיין גבירה, עכסה, — האט עתניאל געזאגט — יעדענפאלס גלויב איך, אז איצט וועט שוין זיך יהושע ניט פארלאזען אויף א צווייטען און ער וועט אליין פיהרען די ארמיע געגען דעם קעניג פון עי... יהושע האט נאך קיינמאל קיין מלחמה ניט פארלארען.

— אזא העלד ווי יהושע איז ניט צו געפינען ביי אנדערע פעלקער — האט רחב געזאגט — אויף דעם פלאץ וואו ער שטעלט נאר זיין פוס, וועט ער שוין פון דארט ניט אפטרעטען.

ווען זיי האבען זיך אומגעקערט אין לאגער איז שוין געווען נאך אלעמען. עכסה האט עתניאל'ן איינגעלאדען צו איהר פאטער'ס געצעלט, אבער עתניאל האט איהר געזאגט, אז ער וועט בעסער ווארטען ביז וואנען זיין ברודער כלב וועט צו איהם קומען, דאס וועט זיין א סימן אז ער האט חרטה פאר דעם אומזיסטען חשד וואס ער האט איהם חושד געווען.

— יע, דו ביזט גערעכט עתניאל, אבער פונדעסטוועגען וויס איך, אז ער האט שטארק חרטה אויף דעם — האט עכסה געזאגט — איך בין זיכער, אז ער וועט גלייך אייעקגעהן צו דיין געצעלט.

עתניאל האט זיך געזעגענט מיט רחב'ן און עכסה'ן און איז אוועק צו זיך אין געצעלט. ער האט געפיהלט אזוי גוט צו זיין פריי... ער קען זיך באוועגען און געהן וואוהין ער וויל...

עכסה האט צוגעפיהרט רחב'ן צו איהר געצעלט און אפשאכענדיג מיט

איהר זיך צו טרעפען מאָרגען אין דער פריה, איז זי אװעק אהײם צו איהרע עלטערען.

— זעהר פײן, מײן טאָכטער, האָסטו זיך אױפגעפיהרט בײם משפט — איז כלב עכסה׳ן אנטקעגענגעקומען — דו האָסט געהאַנדעלט װי אײנע פון די דינסטען! װי אַזױ האָסטו זיך ניט געשעהמט ארױפצופאַלען אױף עתניאל׳ן פאַר אַלעמען אין די אױגען... פאַסט עס דען פאַר כלב׳ס א טאָכטער!

— אבער פאָטער! — האָט זיך עכסה גענומען פארענטפערען — עתניאל׳ס אומשולד איז דאָך באַװיזען געװאָרען. ער האָט אַזױ פיעל געליטען און איך בין געװען איבערגליקליך אז איך האָב זיך ניט געקענט באַהערשען.

— אַזױ פיהרט מען זיך ניט אױף פאַר אַלעמען אין די אױגען.

—אבער ער איז דאָך מײן...

— ביזטו דען זיכער אין דעם — האָט כלב איהר ניט געלאָזט פארענדיגען — דערװײל האָב איך נאָך מײן צושטימונג ניט געגעבען און איך צװײפעל אויב איך װעל עס שפּעטער טאָן.

עכסה האָט אומעטיג אראָנטערגעלאָזען די אױגען און געשװיגען...

עתניאל האָט נאָך דערװײל קײן זאַך ניט געטאָן אז ער זאָל דיך פאַרדינען, מײן טאָכטער — האָט כלב געזאָגט מיט עטװאָס צערטליכקײט — צוליב דעם אלײן װאָס ער איז מײן ברודער, און עס איז באַװיזען געװאָרען אז ער איז אומשולדיג, האָט ער נאָך ניט פאַרדינט אז איך זאָל איהם אָפּגעבען מײן אײנציגע טאָכטער פאַר א פרױ... ער דאַרף פריהער ארױסצײגען א העלדישקײט אין א מלחמה, דאַן װעל איך פיל״כט צושטימען.

— אבער פאָטער, האָסטו דען פארגעסען, װאָס פאַר א גבורה עתניאל האָט באַװיזען װען ער האָט מיך געראַטעװעט פון די הענט פון די באַאַמטע פון דעם קרױנפּרינץ אין חשבון... װען ניט ער װאָלטען זײ מיך דאָך זיכער פארברענט.

— דאָס קען ניט פאַררעכענט װערען פאַר א גבורה... יהושע האָט באַזיגט דעם גאַנצען פאָלק פון אמורי, און װען א פאָלק איז באַזיגט, קען יעדער אײנער באַװײזען אזא גבורה װי עתניאל...

— איך בין זיכער, אז װען ער װעט קריגען א געלעגענהײט װעט עתניאל ארױסצײגען גרױסע העלדענשאַפט.

— אבער ביז יענער צײט דאַרפסטו זעהן, אז עס זאָל מעהר אַזעלכעס ניט פּאַסירען... מעגליך אז איך װעל װעלען אױסקלײבען אן אנדער מאַן פאַר דיר.

— אבער איך האָב איהם ליעב! — האָט עכסה געזאָגט מיט טרערען אין די אױגען.

— איך װיל מעהר אַזעלכע רײד פון דיר ניט הערען! — האָט זיך כלב א בײזער געטאָן אױף איהר.

נאָכדעם װי זײ האָבען אָפּגעגעסען האָט זיך כלב אױפגעהױבען פון זײן פּלאַץ און ארומגעשפּאַצירט הין און צוריק איבער׳ן געצעלט.

— הם... פאַרװאָס קומט עתניאל ניט אהער — האָט ער זיך געװאונדערט צו עכסה׳ן. — ער איז באַפרײט געװאָרען האָט ער געזאָלט קומען אהער.

— ביז דעם לעצטען טאָג האָסטו נאָך אלײן געגלױבט אז עתניאל איז

שולדיג... און איצט ווען זיין אומשולד איז ארויסגעבראכט געווארען, נאכדעם ווי ער האט געליטען אזוי פיעל טעג פון יסורים און שאנדע, און דו ביזט אפילו צו איהם ניט צוגעגאנגען צו באגריסען... יע, נאכדעם ווי דו אליין האסט איהם באשולדיגט, האסטו באדארפט צוגעהן צו איהם און בעטען ער זאל דיר מוחל זיין.

— איך זאל צו איהם צוגעהן ער זאל מיר מוחל זיין! — דאס קיינמאל ניט! — האט כלב זיך געמאכט ווי ער ווערט אין כעס... אויב איהם האט ניט געפאסט צו קומען צו מיר קען ער שוין לאנג ווארטען איידער איך וועל געהן צו איהם.

— איך פארשטעה ניט וואס עס קומט דא פאר — האט זיך די מוטער אריינגעמישט — איז דען עתניאל ניט דיין ברודער. פארוואס זאל ער אדער דו זיך רעכענען מיט אזוינע זאכען...

— ער איז מיין אינגסטער ברודער און ער האט היינט באדארפט קומען צו מיר, און אויב ער וועט זיין איינגע׳עקשנ׳ט, פארבאט איך דיר עכסה, צו געהן צו איהם!

— בלויז לאז מיר צו איהם געהן איינמאל און דו וועסט זעהן, אז ער וועט שוין קומען — האט עכסה זיך אפגערופען.

— ניין! — האט כלב שטרענג א זאג געטאן — ער האט געוויס קיין רעכט ניט צו זיין פאר׳עקשנ׳ט. אויב ער וועט היינט אליין ניט צוקומען, וועט ער נאכהער שטארק חרטה האבען... איך האב געהאט דיזעלבע רעכט איהם חושד צו זיין אזוי ווי די איבעריגע, נאכדעם ווי אלע באווייזע זיינען געווען געגען איהם.

— ניין, פאטער, די אנדערע זיינען געווען פרעמדע, האבען עתניאל׳ן ניט געקאנט, אבער דו ביזט דאך זיין ליבליכער ברודער, אויף דיינע הענט איז ער דאך אויפגעהאדעוועט געווארען, דו האסט באדארפט איהם קענען און ווייסען אז עתניאל איז קיינמאל ניט פעהיג צו באגעהן אזעלכע פארברעכענס.

— און דו אליין, מיין טאכטער, האסטו דען ניט געגלויבט אויף איהם אלע וואס שלומית די אלמנה האט אונז דערצעהלט? און אויב דו האסט געקענט גלויבען אויף איהם אז ער האט געזינדיגט מיט שלומית׳ן, האב איך שוין אויף איהם געקענט גלויבען אויך די איבעריגע זינד אין וואס מען האט איהם באשולדיגט...

— איך האב אבער באלד אויסגעפונען מיין טעות, און ווי נאר איך האב זיין ערקלערונג געהערט, האב איך איהם געגלויבט, און אפילו דאן בין איך געווען די ערשטע איהם צו בעטען ער זאל מיר מוחל זיין.

— איך בין אבער עלטער פון איהם און ער האט באדארפט קומען פריהער צו מיר.

א שטילער ברוגז האט געהערשט צווישען די צוויי ברידער. עתניאל האט ערווארטעט אז כלב זאל צו איהם קומען און זיך אנטשולדיגען פאר זיין אומזיסטען חשד, אבער כלב האט זיך ניט געוואלט אונטערגעבען, און ער האט געווארט צו זעהן ווי לאנג זיין אינגערער ברודער וועט פארבלייבען איינגעשפארט...

נאכדעם ווי מען האט עכן'ען היגגעריכטעט און אלעמענס צארן איז איינגעשטילט געווארען, האט יהושע זיך גענומען צוגרייטען צו א צווייטער מלחמה מיט דעם קעניג פון עי. ער האט אויסגעקליבען דרייסיג טויזענט העלדען און ער האט זיי איינגעטיילט אין עטליכע באזונדערע אפטיילונגען. ער האט געשיקט רופען עתניאל'ן און צו איהם זיך אפגערופען:

— איך ווייס אז דו ביזט בראוו און העלדיש. איך געדענק נאך גאנץ גוט, וואס פאר א גרויסע העלדישקייט דו האסט ארויסגעוויזען אין קאמף מיט סיחון דעם קעניג פון אמורי און מיט עוג דעם קעניג פון בשן... איך בין זיכער, אז ווען איך וואלט דיר דאן געשיקט צו פיהרען די קליינע ארמעע געגען עי, וואלט דערצו ניט געקומען אז מיר זאלען דערליידען אזא נידערלאגע... אבער דאן ביזטו געווען איינגעשפארט אין געפענגנים דורך דעם בלבול, וואס עכן האט אויף דיר געמאכט... איצט גיב איך אבער אין דיינע הענט אפ אן אפטיילונג פון אן ארמעע, און צו דיר האב איך באשטימט נאך דריי הויפטען.

יהושע האט יענע אויך צוגערופען און זיך צו אלעמען געווענדעט:

— יעדער פון אייך זאל נעמען זיין ארמעע און אוועקגעהן צו די בערג וואס געפינען זיך נעבען דער שטאדט עי. דארטען זאלט איהר זיך באהאלטען און לויערען אויפ'ן שונא. איהר זאלט זיך ניט דערווייטערען פון שטאדט. איהר זאלט אלע זיין געגרייט. און איך, מיט דער גאנצער ארמעע וואס איז מיט מיר, וועל זיך דערנעהנטערען צו דער שטאדט. ווען דער קעניג פון עי וועט זיך דערוויסען אז מיר קומען אן מלחמה צו האלטען מיט איהם, וועט ער דאך גלייך ארויסגעהן מיט זיין גאנצע ארמעע אונז אנטקעגען ווי ער האט עס געטאן פריהער. אבער אנשטאט זיך אריינצוווארפען אין קאמף און אנפאנגען א שלאכט, וועל איך און מיין ארמעע זיך צוריקציהען. יע מיר וועלען זיך מאכען אז מיר האבען זיך דערשראקען פאר דעם שונא און מיר אנטלויפען. דער קעניג פון עי וועט דאן מיינען אז מיר אנטלויפען ווי צום ערשטען מאל, וועט ער זיך נעהמען נאכיאגען. מיר וועלען פארטזעצען צו לויפען ביז וואנען די גאנצע ארמעע פון שונא וועט פארלאזען די שטאדט עי און זיך נאכיאגען נאך אונז, דאן וועט איהר אויפשטעהן פון אייער באהעלטעניש און אריינדרינגען אין שטאדט, און ווען די שטאדט וועט זיין אין אייערע הענט זאלט איהר זי אונטערצינדען. זאל דאס פייער זיך פארשפרייטען פון איין עק שטאדט ביז'ן צווייטען, און ערשט דאן ווען איך וועל אייך געבען א צייכען מיט מיין שפיז זאלט איהר ארויסקומען און מיר וועלען דעם שונא ארומרינגלען פון פארענט און פון הינטען.

עתניאל און די איבעריגע באאמטע האבען גענומען זייערע ארמעען און אין דער פינסטערניש פון דער נאכט אוועק צו זייער באהעלטעניש וואס איז געווען צווישען בית אל און די שטאדט עי. זעהר שטיל און פארזיכטיג זיינען זיי געגאנגען ביז וואנען זיי זיינען צוגעקומען צו די בערג. דארטען האבען זיי זיך באהאלטען און געווארט אויף דעם פריהמארגען ווען יהושע און זיין ארמיי וועלען זיך דערנעהנטערען צו דער שטאדט.

יהושע און זיין ארמיי האבען אויך פארלאזען דעם לאגער אין מיטען נאכט. ער האט גענעכטיגט צוזאמען מיט די איבריגע אין פרייען פעלד. ווי

נאר דער מארגענשטערען איז אויפגעגאנגען, האט יהושע גענומען גייען אויף דער שטאדט עי.

דער קעניג פון עי האט ערוואַרטעט, אז יהושע וועט מאכען א צווייטען פארזוך מלחמה צו האלטען מיט איהם. דעריבער איז ער שטענדיג געווען גע־גרייט מיט זיין ארמעע. ער האט אויעקגעשטעלט וועכטער אויף דעם מויער פון שטאדט, זיי זאלען נאכקוקען און זעהן אויב דער שונא קומט אָן. בייננאכט אין דער פינסטערניש האבען זיי ניט באמערקט ווי די ארמעען פון ישראל האבען אוועקגעמארשירט הינטערן שטאדט צו די בערג. אבער ווען עס האט אנגעהויבען טאגען, האבען זיי באמערקט ווי יהושע׳ס ארמעע דערנעהנ־טערט זיך צו דער פעסטונג פון שטאדט.

שנעל האט מען אנגעזאגט דעם קעניג וועגען דער אנקומענדער ארמעע און באלד איז ער געווען געגרייט מיט זיין גאנצער ארמעע.

די טויערען פון שטאדט האבען זיך ברייט פאנאנדערגעעפענט און דער קעניג האט ארויסגעמארשירט מיט זיין ארמעע צו באגעגענען דעם שונא און אנצופאנגען די שלאכט.

זעהר גרויס איז דעם קעניג׳ס איבערראשונג געווען, ווען ער האט באַ־מערקט אז ווי נאר יהושע און זיין ארמעע האבען איהם דערזעהן, האבען זיי גענומען לויפען צוריק.

— אונזער שונא האט זיך ווידער דערשראקען פאר אונז! — האט דער קעניג פון עי אויסגערופען מיט גרויס פרייד — קומט לאמיר איהם נאכיאגען און אין גאנצען פארניכטען. מיר וועלען דערגרייכען זייער לאגער און מיר וועלען אויסשלאכטען די אלע וועלכע זיינען דארטען פארבליבען. זייע־רע שעהנע טעכטער און פרויען וועלען מיר נעמען פאר אונז. זייער גאלד און זיל־בער וועל איך צוטיילען אלעמען גלייך, און ווען מיר וועלען מאכען א סוף צו דעם פאלק ישראל, וועלען אונזערע שכנים, די פעלקער פון ארום, מיר דאנק־באר זיין. זיי וועלען שליסען א בונד מיט מיר און וועלען נאר אונז צאלען צינזען. קומט! דער שונא אנטלויפט, לאמיר זיך נאכיאגען נאך איהם.

יהושע און זיין ארמיי האבען פארטגעזעצט זייער געלאף אויף צוריק מיט גרויס שנעלקייט. דער קעניג פון עי האט ארויסגענומען זיין גאנצע ארמעע פון שטאדט און זיך נאכגעיאגט, לאזענדיג די טויערען ברייט אפען. קיין איין איינציגער סאלדאט איז אין עי ניט פארבליבען.

דאן האט יהושע זיך פלוצלונג א קער געטאן און זיינע העלדען האבען זיך אומגעקערט מיט די פנים׳ער צום שונא.

יהושע האט, רייטענדיג אויף זיין פערד, אויפגעהויבען זיין שפיז און איהם געוויגט הין און צוריק, געבענדיג א צייכען צו די וועלכע זיינען געווען אין זייער באהעלטעניס.

עס האט לאנג ניט געדויערט און אלע ארמייען וועלכען זיינען געווען באהאלטען ארום דער שטאדט, האבען זיך א לאז געטאן צו די אפענע טויערען פון שטאדט עי. זיי האבען גלייך אונטערגעצונדען די שטאדט און ווען די

פלאַמען האָבען ארומגענומען די פאָרערשטע טיילען פון שטאָדט, זיינען זיי שנעל ארויס פון דאָרטען און אָנגעפאנגען אטאקירען דעם שונא פון הינטען. דאָס איז געקומען אזוי פלוצלונג צום קעניג פון עי, אז ער איז געבליבען צו־טומעלט. ער האָט זיך אומגעקערט אויף צוריק און געזעהן אז זיין שטאָדט איז איינגעהילט אין פלאַמען און דער רויך פון שטאָדט דערגרייכט ביז׳ן הי־מעל. ער האָט ניט געהאט קיין פּלאַן וואוהין צו לויפען און אזוי איז די גאנצע ארמעע פון עי געפאַלען אין שלאַכט. עכ איז פון זיי קיין געדעכענים ניט געבליבען. דער קעניג פון עי האָט געמאַכט א פערווך צו אנטלויפען אבער איניגע העלדען פון יהושע׳ס ארמעע האָבען זיך נאָכגעיאָגט נאָך איהם און איהם געפאנגען א לעבעדיגען. מען האָט איהם געבראַכט בעפאָר יהושע׳ן.

— בינדט איהם און וואכט איבער איהם ביז וואנען מיר וועלען זיך צוריק־קעהרען — האָט יהושע זיך אָפּגערופען צו איניגע העלדען, טהוט איהם קיין שלעכטעס ניט ביז וואנען מיר וועלען זיך צוריקקעהרען.

ווי נאָר יהושע האָט גענדיגט פארניכטען די ארמעע פון עי, האָט ער מיט זיינע מחנות זיך צוריקגעקערט צו דער שטאָדט, און דעם שלל וואָס דאָס פייער האָט ניט פארברענט האָט ער צוטיילט צווישען די העלדען. ער האָט אויסגע׳הרג׳עט די אלע וועלכע זיינען פארבליבען אין שטאָדט און חרוב גע־מאַכט די גאנצע שטאָדט עי.

גרויס פרייד און יובל האָט געהערשט אין לאַגער פון ישראל, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם גלענצענדען זיעג, וואָס זייער העלדישער פיהרער יהושע האָט אָפּגעהאלטען איבער זייער שונא וואָס האָט זיי אזוי גע־האָט אנגעשראָקען.

מיט גרויס פאראד זיינען זיי אנטקעגענגעגאנגען זייערע העלדען. עכסה איז צוזאַמען מיט איהרע עלטערען געגאנגען זיי באגעגענען, און ווען זי האָט פון ווייטען דערזעהן עתניאל׳ן רייטענדיג אויף א פערד אלס זיעגרייכער העלד, האָט זי זיך ווידער ניט געקענט באהערשען און איבערלאָזענדיג איהרע עלטע־רען, האָט זי זיך דורכגעבראָכען א וועג דורך דעם המון און גלייך צוגעלאָפען צו עתניאל׳ן.

—עתניאל! — האָט זי אויסגערופען.

ווי נאָר עתניאל האָט זי דערזעהן איז ער ארונטערגעשפרונגען פון זיין פערד און איז צו איהר צוגעקומען. ווידער אמאל זיינען ביידע געליבטע גע־פאלען איינע דעם צווייטען אויפ׳ן האלז און זיך געקושט און געוויינט פון פרייד.

— נו, וואָס זאָגסטו איצט צו דיין טאָכטער! — האָט כלב זיך אָפּגערו־פען צו זיין פרוי — זי האָט גאָר ניט קיין שאנדע!

— איך בעט דיר זיי ניט צו שטערען מיט די יונגע קינדער — האָט זיך זיין פרוי אָפּגערופען — זיי האָבען זיך דאָך ביידע אזוי ליעב... דערצו דאַרפ־סטו ניט פארגעסען אז ער איז נאָך איצט ניט אינגאנצען קיין פרעמדער צו איהר... דו ווייס ניט וויפיל עגמת נפש דו האָסט עכסה׳ן פארשאפט — איך האָף אז איצט, ווען עתניאל האָט זיך אומגעקערט אלס זיעגרייכער העלד, וועסטו שוין מעהר דאגעגען ניט זיין און געבען דיין צושטימונג.

— נאך ניט אזוי שנעל, מיין ליבע פרוי — האט כלב געזאגט — איך ערווארט נאך פון דעם יונג נאך גרעסערע זאכען... איך וויים, אז ער האט די פעהיגקייטען דערצו. איך האב נאך ניט לאנג צוריק געהאט א געשפרעך מיט יהושע'ן וועגען איהם, און יהושע האט מיר פארטרויט אז ער לעגט גרויסע האפענונגען אויף עתניאל'ן. ער האט מיר געזאגט, אז דערווייל האט ער צווישען גאנצען פאלק ניט געפונען א מאן אויף וועמען ער זאל זיך קענען פארלאזען און איהם מאכען פאר זיין נאכפאלגער, אויסער עתניאל'ן. געוויינליך, עתניאל דארף נאך ערשט ארויסווייזען זיין העלדישקייט, כדי וואס מעהר באליעבט צו ווערען ביים פאלק. און איך בין זיכער, אז ווען איך זאל געבען גלייך מיין צושטימונג און ער וועט חתונה האבען מיט עכסה'ן וועט ער זיך באנוגענען מיט וואס ער האט ערדייכט ביז איצט. און וועט ניט שטרעבען צו העכערעס. ווען אבער ער וועט וויסען, אז ניט אזוי גרינג וועט איהם אנקומען צו הייראטען מיט עכסה'ן. ווען ער וועט זעהן אז איך פארלאנג, אז דער מאן וועלכער וועט וועלען הייראטען אונזער טאכטער, זאל ארויסצייגען אן אויסערגעוויינליכע העלדישקייט, צווייפעל איך ניט אז עתניאל וועט עס באווייזען, און דורכדעם וועט זיין נאמען גרויס ווערען צווישען ישראל, און עס וועט שוין קיין ספק ניט זיין ביי יהושע'ן אז ער איז דער איינציגער וועלכער איז ווירדיג צו ווערען זיין נאכפאלגער. איצט פארשטעהסטו שוין פארוואס איך האב זיך איינגעשפארט.

— אבער דערווייל פארשאפסטו אומזיסטע ליידען צו עכסה'ן... ניט איין נאכט האב איך געהערט ווי זי וויינט...

— דו פון דיין זייט, דארפסט איהר געבען האפענונג, זאג איהר אז דו וועסט זעהן צו פועל'ן ביי מיר איך זאל צושטימען, אבער איך וועל בלייבען פאר'עקשנ'ט ביז וואנען עתניאל וועט ארויסצייגען ריכטיגע גבורה.

דער קעניג פון עי איז געבראכט געווארען אין לאגער און דאס גאנצע פאלק האט זיך פארזאמעלט צו זעהן ווי אזוי מען נעמט נקמה אן דעם גרעסטען שונא.

— איך זעה אז מיין סוף איז געקומען — האט דער קעניג פון עי זיך אפגערופען צו יהושע'ן, אבער איידער איך שטארב קען איך דיר זאגען, אז צווישען דיינע מענשען געפינט זיך איינער וועלכער האט פארדינט דעם טויט אזוי גוט ווי איך.

— קענסטו איהם אנרופען ביים נאמען — האט יהושע זיך געווענדעט צו איהם.

— יע, זיין נאמען איז עכן. ער איז געווען איינער פון דיינע שפיאנען, אבער ער האט דיר און דיין פאלק פארראטען. ער האט מיר ארויסגעגעבען אלע דיינע סודות און פלענער.

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף יהושע'ס ליפען:

—יע, עכן ווארט שוין אויף דיר מיט גרויס אומגעדולד, און מיר וועלען דיך באלד שיקען צו איהם.

— אה, ער האט שוין זיין שטראף באקומען, דאן האט ער מיר ניט גענארט און ניט פארראטען ווי איך האב ביז איצט געמיינט...

באלד האט מען געמאכט א תליה אויף איינעם פון די ביימער און יהושע האט באפוילען און מען האט דעם קעניג פון עי אויפגעהאנגען אויף דעם בוים. זיין קערפער איז אזוי געהאנגען ביז דעם אווענט, און ווי נאר די זון איז אונטערגעגאנגען האט יהושע געהייסען ארונטערנעמען זיין קערפער. מען האט אויפגעשטעלט א קופע שטיינער איבער זיין קערפער אלס אן אנדענקונג.

נאך דעם גלענדצענדען זיעג איבער עי, האט דאס גאנצע פאלק געפייערט א יום טוב פון זיבען טעג.

יהושע האט איינגעלאדען אלע זקנים און חשוב'ע פון פאלק און ער האט געבויט א מזבח פון גאנצע שטיינער. מען האט מקריב געווען קרבנות פאר גאט.

עתניאל איז די גאנצע צייט ניט אפגעטראטען פון יהושע'ן און ווען זיי זיינען געבליבען א ביילע אליין, האט עתניאל זיך אפגערופען צו יהושע'ן:

— מיין האר וועט מיר ענטשולדיגען. אבער איך געדענק, אז בעת דעם משפט פון עכן'ען, איז געבראכט געווארען די ציערונג פון רחב'ן. וואס עכן האט פון איהר אויסגענארט מיט פאלשקייט, זאגענדיג איהר אז דאס דארף אפגעגעבען ווערען פאר'ן חרם. האט מען די ציערונג אומגעקערט צו רחב'ן?

— זיי געבענשט צו גאט, עתניאל, ס איז גוט וואס דו האסט מיר דערמאנט. די ציערונג האט מען נאך ביז איצט איהר ניט צוריקגעגעבען. איך וועל שיקען זי רופען און אומקערען אלץ וואס באלאנגט צו איהר.

— יע, רחב האט אויך זעהר פיעל געליטען פון עכן'ען — האט עתניאל ווייטער געזאגט. — ער האט איהר געזוכט איינצורייידען אז דו ביזט אויף איהר בייז און דו זוכסט איהר אויסציימיידען.

— אזוי האט עכן גערעדט צו איהר וועגען מיר! — האט יהושע מיט ערשטוינונג געפרעגט.

— יע, אזוי האט ער גערעדט און נאך פיעל מעהר... עכסה איז רחב'ס איינציגע פריינדין און זי האט איהר אלץ אנפערטרויט. עכן האט רחב'ן אויך געזאגט, אז דו קוקסט זעהר קרום אויף איהר ווייל זי איז פון א פרעמדעם פאלק און כאטש זי האט זיך מגיר געווען און געווארען געטריי צו אונזער גאט און פאלק, האט ער איהר פרובירט איינרעדען, אז אזוי לאנג ווי זי וועט ניט הייראטען מיט קיין ישראל, וועט זי אין דיינע אויגען פאררעכענט ווערען אלס פרעמדע...

— אה, ווי אזוי האט ער געקענט אזוי רעדען צו איהר, און איך האב איהם קיין שלעכטעס ניט געטאן.

— דערמיט האט ער געוואלט אז זי זאל צושטימען צו ווערען זיין פרוי — האט עתניאל געזאגט — ער האט איהר גענוג באלעסטיגט מיט זיינע לייבעס ערקלערונגען, אבער זי האט איהם פון זיך מיט צארן פארשטויסען.

— און דער אומווירדיגער עכן איז צו מיר געקומען און געצייגט רחב'ס רינג אויף זיין פינגער. ער האט מיר דערצעהלט, אז רחב האט איהם ליעב און

אלס צייכען האט זי איהם איהר רינג געגעבען. ער איז בלויז געקומען מיר פרעגען אויב עס איז איהם ערלויבט צו הייראטען מיט איהר. איך האב זיך שטארק געוואונדערט ווי אזוי דאס איז גאר מעגליך... רחב זאל איינשטימען צו ווערען זיין פרוי. זי איז דאך אזוי רייצענד שעהן און יונג... איצט פארשטיי איך אלץ.

— און די ארימע רחב האט זעהר פיעל געליטען דורכדעם... מיר טהוט וועה דאס הארץ פאר איהר. ווען איך נעם זיך איצט דערמאנען ווי בראוו זי איז געווען, ווי זי האט איהר לעבען אין דער גרעסטער געפאהר איינגעשטעלט כדי אונז צו רעטען, און ווען ניט זי וואו וואלטען מירביידע איצט געווען. און ווער וויים וואס דער גורל פון אונזער פאלק וואלט געווען...

— איך בין זיך מודה עתניאל, אז איך האב פון רחב׳ן ניט אויפגעהערט צו טראכטען, זינט איך האב זי צום ערשטען מאל דערזעהן אין פאלאץ פון דעם קעניג סיחון... זי האט מיר מיט איהר שעהנקייט באצויבערט, און נאכ־הער ווען איך האב אויסגעפונען ווי קליי זי איז אז זי האט אלעמען, אי דעם קעניג סיחון און אי זיין קרוינפרינץ פארדרעהט די קעפ און זיך געמאכט ווי זי איז אונז א שונא... און ווי אזוי זי האט געפלאנעוועט אונז צו רעטען און אין מיטען נאכט געהייסען אונז ברענגען פאר דעם האלב־שכור׳ן קרוינפרינץ, כדי זי זאל אונז נאכהער קענען באפרייען. יע, ווען איך דערמאן זיך אן דעם פאנגט מיין הארץ אן ווידער צו ציהען צו איהר...

— און דאס וואס זי האט געראטעוועט די מרגלים וועלכע דו האסט גע־שיקט אויסצושפיאנירען ירחו. יא, מיין ברודער און פינחס האבען זיך מיט געקענט אפלויבען פון איהר געשיקטקייט און קלוגהייט, ווי זי האט זיי באַ־האלטען אויפ׳ן דאך פון איהר הויז אונטער די פלאקס און אליין געהאלפען דעם קעניג׳ס דארטען זוכען...

—יע, רחב האט זעהר פיעל געטאן פאר אונזער פאלק! — האט יהושע צוגעגעבען— און עס פארדריסט מיך זעהר וואס צוליב עכן׳ען, האב איך איהר ניט נאר קיין באלוינונג ניט געגעבען, אבער איך האב איהר אפילו ניט באַ־דאנקט ווי געהעריג איז פאר אלץ וואס זי האט פאר מיר געטאן.

— איך גלויב אז עס איז נאך איצט ניט צו שפעט, מיין האר, — האט עתניאל זיך אפגערופען — רחב וועט זיך שעצען זעהר גליקליך ווען מיין האר וועט איהר ארויסצייגען זיין פריינדשאפט.

— און דו מיינסט אז רחב טראכט פון מיר אזוי ווי איך טראכט פון איהר.

— און פיליכט נאך מעהר... יע, מיין האר, רחב האט עכסה׳ן דערציילט אז זי וואגט אפילו ניט צו טראכטען פון דעם, אבער זי קען איהרע געדאנקען ניט פארטרייבען. רחב איז אין דיר פארליבט.

— דיינע רייד מאכען מיר גליקליך, עתניאל! — האט יהושע זיך אפ־גערופען — איך האב געגלויבט אז איך בין שוין צו אלט צו טראכטען וועגען איהר... זי איז דאך אזוי יונג און רייצענד...

— מיין האר איז אין איהרע אויגען ווי א מלאך פון גאט! — האט עתניאל צוגעגעבען.

— איך וועל זי גלייך שיקען רופען — האָט יהושע געזאָגט — און איך האָף, אַז אונזער שמחה וועט דאָ באַלד פאַרדאָפּעלט ווערען.

— קען איך זיין דיין שליח — האָט עתניאל זיך אָפּגערופען — איך האָב דאָך אויך זעהר פיעל דאַנקבאַר צו זיין צו רחב'ן פאַר מיר און פאַר מיין ברודער כלב, און איך וויל זיין דער ערשטער צו ברענגען די גליקליכע נייעס צו איהר!

— געה צו איהר, עתניאל, און זאָג איהר אַז איך וויל זי גלייך זעהן, און דאַמיט האָסטו אויך מיין דאַנקבאַרקייט פאַרדינט.

— איך געה, מיין האַר. איך וועל איהר איבערגעבען דיין שליחות און איהר זאָגען וועגען אַלץ...

— אַזוי לאַנג ווי דו וועסט ניט קאַליע מאַכען, אַרט מיר ניט וואָס דו וועסט איהר זאָגען... איך וועל דיין צוריקקעהר ערוואַרטען מיט גרויס אומגעדולד.

עתניאל איז אַוועק צו רחב'ן. ער איז צוגעקומען צו איהר געצעלט און איז אַ ווייַלע געבליבען שטעהן. — רחב וואָלט עס בעדאַרפט הערען פון עכסה'ס מויל — האָט ער ביי זיך געטראַכט — אָבער ער וועט צו זיין ברודער ניט געהן. עס איז געווען זיין פליכט צו קומען צו איהם און זיך איבערבעטען מיט איהם... יאָ, ער וועט עס אַליין מוזען טהאָן... ער האָט פאַרשפּראָכען יהושע'ן צו זיין דער שליח צו רחב'ן און דורך זיין מויל דאַרף זי הערען די גליקליכע רייד.

ער האָט אַ קלאַפּ געטהאָן אין איהר טהיר און רחב איז אַרויסגעקומען.

— אַה, עתניאל! — האָט זי אויסגערופען מיט איבעררָאשונג — און וואו איז עכסה?

— איך בין געקומען צו דיר מיט זעהר אַ וויכטיגע שליחות פון יהושע'ן — האָט עתניאל געזאָגט, — און איך האָף אַז מיינע רייד וועלען דיר גליק פערשאַפען.

— פון יהושע'ן! — האָט רחב אויסגערופען, און איהר פּנים איז רויט געוואָרען.

— יאָ, איך האָב נאָר וואָס גערעדט מיט איהם וועגען דעם וואָס מען האָט נאָך דיר דיינע ציערונג ניט צוריקגעקעהרט. יהושע האָט איינגעזעהן אַז איך בין נישט געווען דער איינציגער וועלכער האָט דורך עכן'ס פאַלשקייט און ליגענס געליטען. אויך דו האָסט זעהר פיעל געליטען דורך איהם. דאַן האָט מיר יהושע דערצעהלט ווי אַזוי עכן האָט איהם געזוכט איבערצוציינגען אַז דו האָסט איהם געגעבען דעם רינג אַלס אַ צייכען פון דיין פריינדשאַפט צו איהם, און ער. יהושע האָט דורכזעהן אויך שטאַרק געליטען. ווייל ער האָט פון דיר ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון דעם ערשטען טאָג זינט ער האָט דיך דערזעהן אין דעם פאַלאַץ פון סיחון. יעצט איז זיין פערלאַנג... איך מיין... אויב דו האָסט דיינע געפיהלען וועגען יהושע'ן ניט געביטען, זאָלסטו גלייך צוקומען צו איהם... יאָ, רחב, אַזוי ווי עכסה איז מיר טהייער און ליעב, אַזוי ביזטו טהייער און ליעב יהושע'ן.

פון גרויס פרייד און איבעררָאשונג איז רחב געבליבען שטעהן אַ ווייַלע ווי פאַרגליווערט. זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— איך האָף אַז גאָר אין גיכען וועט זיך דאָס גאַנצע פאָלק פרעהען און

בעטײליגען אין דער שמחה פון זײן גרעסטען העלד! — האט עתניאל װײטער געזאגט, — און דו, רחב, װעסט זײן די אורזאכע פון אלעמענס פרײד! גײ, רחב, גלײך, װײל יהושע װארט אויף דיר מיט גרױס אומגעדולד.

—איך װעל גײן! — האט רחב אויסגערופן מיט א שטראהלענדען פנים, — אבער איך װיל אומבײטען מײנע קלײדער.

— דערװײל װעל איך איהם קומען אנזאגען אז דו קומסט, — האט עתניאל געזאגט, און זיך געזעגענענדיג מיט רחב׳ן איז ער אװעקגעגאנגען צו יהושע׳ן.

יהושע איז רחב׳ן אנטקעגען געגאנגען. זײן פנים האט געשטראהלט פון פרײד, און װען ער האט אנגענומען איהר האנד, האט זיך בײ רחב׳ן באװיזען טרעהרען אין די אויגען.

א היבשע װײל האט יהושע פארבראכט מיט איהר. רחב האט איהם איבער־געגעבען אלעס װאס זי האט איבערגעלעבט. װי אזוי עכן האט איהר דאס הארץ שװער געמאכט.

— און יעצט, טהײערע רחב! — האט יהושע אויסגערופען, — דורך דיר האט גאט אונז געהאלפען, מיט דײן קלוגשאפט און געטרײהײט צו דעם פאלק ישראל האסטו ניט אײן מאל דײן לעבען אין געפאהר געשטעלט, צוליעב דעם האסטו פארדיענט אנערקענונג, אכטונג און ליעבשאפט פון אונז אלעמען. איך װײס אז מיט דײן גאנצען הארצען דינסטו צו אונזער גאט, דו ביזט געװארען א געטרײע אידישע טאכטער, איך האב דיך ליעב, רחב, און האב זעהר פיעל געטראכט פון דיר, און יעצט, רחב, װיל איך מיט דיר הײראטען... ביזטו ניט דאגעגען ?! . . .

רחב האט געקוקט אויף יהושע׳ן מיט בליקען פון גליק. איהרע אויגען האבען פאר איהר גערעדט.

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

מיט גרױס פארואד און יובעל איז געפײערט געװארען די חתונה פון יהושע׳ן מיט רחב׳ן. דער גאנצער לאגער פון ישראל האט זיך בעטײליגט אין דער שמחה. דאס גאנצע פאלק האט ליעב בעקומען רחב׳ן, זינט זי האט די מרגלים געראטעט פון א זיכערען טױט.

די שמחה פון יהושע׳ס חתונה האט אריבערגעשטיגען אפילו די פרײד פון זײער זיעג איבער דעם קעניג פון עי. עס איז בײ יעדען געװען א צײכען, אז עס װעט יעצט לאנג ניט נעהמען און זײער האפנונג װעט פארװירקליכט װערען. יהושע, זײער בעליעבטער פיהרער װעט אײננאהמען דאס גאנצע לאנד װאס גאט האט פארשפראכען צו זײערע עלטערען. ער װעט דאס לאנד צוטײלען צו די שבטים און זײ װעלען קענען אנפאנגען א נײעם פריעדליכען לעבען אין דעם לאנד װאו עס פליסט מילך און האניג.

עלפטער קאפיטעל

די גבעונים

א טױט־שרעק איז אנגעפאלען אויף די אײנװאהנער פון כנען, װען זײ האבען אויסגעפונען װאס יהושע האט געטהאן צו דער שטאדט יריחו און צו עי. יעדער קעניג האט זיך גענומען שרעקען טאמער װעט יהושע מארשירען אויף

זיין לאנד. זיי האבען בעשלאסען זיך צו פעראייניגען, אלע קעניגע געגען יהושע'ן און ארויס מלחמה האלטען מיט איהם.

די שטאדט גבעון איז געווען אויף א בארג, אן ערך צוויי שטונדען רייזע פון צפון מערב זייט פון ירושלים.

גבעון איז געווען א גרויסע שטאדט, און די קלענערע שטעדט פון ארום גבעון, כפירה, בארית און קרית יערים זיינען געווען פארבונדען מיט איהר.

גבעון האט ניט געהאט קיין קעניג. די עלטסטע פון שטאדט האבען דארטען געהערשט.

פיעלע סוחרים האט די שטאדט גבעון געהאט, וועלכע פלעגען ארומרייזען איבער'ן גאנצען לאנד מיט זייערע סחורות. זיינען די סוחרים געקומען אין גבעון און האבען דערצעהלט וועגען דעם וואונדערבארען מעכטיגען פאלק ישראל, וואס יוערט געפיהרט ביי דעם גרויסען העלד יהושע.

— איך בין געווען נעבען דעם לאגער פון ישראל! — האט איין סוחר איבערגעגעבען, — איך האב דארטען פארקויפט מיין סחורה צו די פרויען... איך האב זיך איינגעהערט צו זייערע געשפרעכען, זיי האבען אלע צוטרויען אין זייער גאט און אין זייער פיהרער יהושע. איך בין דארטען געווען קורץ נאכדעם ווי די באפעסטיגטע שטאדט יריחו איז דורך זיי איינגענומען געווארען. יעצט בין איך איבערצייגט אז עס וועט זיי ניט שווער אנקומען איינצונעהמען דאס גאנצע לאנד כנען.

— און איך בין שוין דארטען געווען נאכדעם ווי זיי האבען איינגענומען און חרוב געמאכט די שטאדט עי, — האט א צווייטער סוחר זיך אפגערופען, — און איך מוז זאגען, אז די געטער פון גבעון זיינען געווען גנעדיג צו מיר... זיי האבען מיין לעבען גערעטעט, ווייל בלויז צוויי טעג איידער יהושע איז אנגעקומען מיט זיין ארמעע נאך עי, האב איך די שטא־ט פארלאזען. די איינוואהנער פון עי און זייער קעניג זיינען געווען אזוי זיכער אין זייער זיעג אז זיי האבען שוין פאראויס צווישען זיך צוטיילט דעם גאנצען שלל וואס זיי וועלען אוועקנעהמען פון ישראל... און יעצט איז פון זיי קיינעם פון זיי קיין געדעכנים ניט געבליבען. זייער שטאדט איז פארברענט, דער קעניג מיט זיינע איינוואהנער זיינען טויט.

— יא, וואוהין זיי קומען, פארניכטען זיי אלעס און אלעמען! — האט א דריטער סוחר באריכטעט. — איך האב גערעדט מיט פיעלע פון זיי, און איך האב אויסגעפונען אז זייער געטליכער מאן משה האט זיי אנגעזאגט ניט איבערצולאזען קיין לעבעדיגען נפש פון די פעלקער פון כנען.

— מיר זיינען פארלארען! — האט איינער פון די זקנים אויסגערופען, — עס וועט לאנג ניט נעהמען און זיי וועלען קומען מלחמה האלטען אויך מיט אונז!

— פיעלייכט וואלט מעגליך געווען אז מיר זאלען זיי פארלויפען דעם וועג און מאכען שלום מיט זיי! — האט א צווייטער זקן זיך אפגערופען.

— האב איך אבער געהערט, זייענדיג צווישען די ישראלים, אז משה האט אנגעזאגט יהושע'ן ניט צו שליסען קיין שלום מיט די פעלקער פון כנען.

— וואס בלייבט אונז יעצט צו טהאן?

— מיר מוזען זיך פעראייניגען מיט די איבריגע פעלקער פון כנען און זיך געגענשטעלען יהושע'ן. מעגליך אז מיט פעראייניגטע כוחות וועלען מיר זיי בייקומען!

— האט איהר פארגעסען וואס ישראל האט געטהאן צו די צוויי מעכטיגסטע קעניגע פון דער צווייטער זייט ירדן, צו סיחון דעם קעניג פון אמורי, און צו עוג דעם קעניג פון בשן ?!... אלע פעלקער פון כנען האבען זיי געצאהלט צינזען, וויל זיי זיינען געווען שטארק און מעכטיג, און דאך זיינען זיי נעפאלען ביי דער שווערד פון ישראל! ניין, ניט דורך דער שווערד וועלען מיר זיך קענען ראטעווען פון אונטערגאנג, מיר מוזען מאכען שלום מיט ישראל! — האט דער עלטסטער פון זיי געזאגט.

— אבער מיר האבען דאך נאר וואס געהערט אז ישראל וועט ניט שליסען קיין שלום מיט די פעלקער פון כנען... זאלען מיר דען זיצען מיט צוזאמענגעלייגטע הענד און ווארטען ביז וואנען יהושע וועט קומען אונז פארניכטען ? — האט א צווייטער זקן געפרעגט.

— איך האב אן עצה! — האט א דריטער אויסגערופען, — לאמיר שליסען א בונד פון שלום מיט ישראל!

— ביזטו דען געריהרט פון זיינען אדער טויב געווארען ?! — האט דער עלטסטער זיך צו איהם געווענדעט, — נאר וואס האט מען געהערט אז ישראל וועט קיין בונד פון שלום ניט שליסען מיט די איינוואהנער פון כנען, און דו קומסט און שלאגסט פאר אזא עצה! ווילסטו דען מאכען חוזק פון אונז אין אזא ערנסטע צייט ?!...

— איך בין ניט טויב, ניט משוגע און איך מאך קיין חוזק ניט! — האט ער געענטפערט, — דו בעשולדיגסט מיך אידער דו האסט מיר געגעבען א געלעגענהייט צו פארענדיגען! יא, מיר קענען שליסען א בונד פון שלום מיט יהושע'ן, מיר דארפען איהם ניט זאגען אז מיר זיינען פון די איינוואהנער פון כנען... מיר קענען איהם אפנארען און איהם זאגען אז מיר זיינען א פאלק פון א גאנץ ווייטע לאנד.

— ניט אזוי גרינג וועלען מיר קענען אפנארען יהושע'ן און זיין פאלק!

— האט דער עלטסטער ווידער געזאגט, — קענטיג אז איהם האט פארדראסען וואס א צווייטער גיט די עצה, — יהושע וועט דערקענען אז אונזערע בגדים, אין אונזער שפייז אז מיר קומען ניט פון א ווייטען לאנד.

— דאס קען מען שוין זעהן אז זיי זאלען ניט אויסגעפינען, מיר וועלען אונזערע שלוחים אנטהאן אלטע, צוריסענע קליידער, פארלאטעטע און צופוילטע שיך, מיר וועלען זיי מיטגעבען פארדארט ברויט און פארשימעלטע שפייז, און דאמיט אליין וועלען זיי קענען באווייזען אז זיי זיינען געשיקט געווארען פון א ווייטען לאנד. איך בין זיכער אז יהושע וועט זיי גלויבען און שליסען א בונד פון שלום מיט אונז.

— מיר געפעלט זיין פלאן, — האט אימיצער פון די זקנים זיך אויפגעשטעלט.

— און מיר אויך!

—נאך אלעמען האבען מיר ניט וואס צו פארלירען. אויב אונז וועט זיך איינגעבען צו שליסען א בונד מיט ישראל, דאן זיינען מיר געראטעוועט.

— לאמיר אננעהמען זיין פלאן!

— יא, לאמיר אויסקלייבען איינינע פון די עלטסטע און זיי שיקען צו יהושע'ן.

מיט איניגע טעג שפעטער זיינען פון גבעון אוועקגעריטען אויף אייזלען צעהן פון זייערע עלטסטע. זיי זיינען געווען אנגעטהאן אין צוריסענע קליידער, וויערע האר און בערד זיינען געווען באדעקט מיט שטויב, זייערע לאגלען וואסער זיינען געווען צושפאלטען פון די היץ. זיי זיינען אנגעקומען אין לאגער פון ישראל און געהייסען מעלדען יהושע׳ן אז שלוחים פון א גאנץ ווייטעם לאנד זיינען אנגעקומען מיט א וויכטיגע שליחות.

יהושע האט זיי גלייך געהייסען קומען צו איהם צום דעם פלאץ וואו ער איז געזעסען צוזאמען מיט די זקנים.

די שלוחים, פארשטויבטע און קוים שלעפענדיג זייערע פיס, זיינען צוגע־קומען צו יהושע׳ן און די זקנים. זיי זיינען געפאלען מיט די פנים׳ער צו דער ערד און באגריסט יהושע׳ן.

— פרידען צו דיר, דו געטליכער מאן! — האט דער עלטסטער פון די שלוחים זיך אויפגעשטעלט, — פרידען צו דיר און צו דיין פאלק ישראל! מיר זיינען געשיקט געווארען פון אונזערע עלטסטע דיר צו באגריסען און ארויס־צוצייגען אונזער פריינדשאפט צו דיר און צו גאנץ ישראל.

— און ווער זייט איהר? — האט יהושע זיי געפרעגט.

— מיר זיינען פון א גאנץ ווייט לאנד פון צפון. מיר האבען געהערט אלעס וואס אייער גאט האט געטהאן צו אייך אין מצרים... ווי אזוי ער האט אייך בא־פרייט פון פרעה דעם קעניג פון מצרים... ווי אזוי אייער געטליכער מאן משה האט אייך געפיהרט דורך דער מדבר און דערנאך האט אויך צו אונזערע אויערען דערגרייכט די נייעס אז איהר האט באזיעגט די מעכטיגע קעניגע, סיחון, דעם קעניג פון אמורי, און עוג, דעם קעניג פון בשן... ווען מיר האבען דאס אלעס דערהערט, האבען די עלטסטע פון אונזער לאנד געזאגט צו אונז, נעהמט מיט זיך שפייז אויף דעם וועג און געהט ישראל אנטקעגען און זאגט זיי אין דעם נאמען פון אונזער גאנצען פאלק, אז מיר זיינען אייערע קנעכט, און מיר ווילען שליסען א בונד פון שלום מיט יהושע׳ן און זיין וואונדערבארעם פאלק ישראל.

יהושע האט זיי א ווילע בעטראכט און נאכהער האט ער זיך אפגערופען:

— מיר טארען קיין בונד פון שלום ניט שליסען מיט די פעלקער פון כנען. און ווי אזוי בין איך זיכער, אז אייער פאלק געפינט זיך ניט אין כנען און איהר ווילט מיר אפנארען.

— אה, ניין, דיינע קנעכט זיינען ניט געקומען פון כנען... מיר וואנדערען שוין פיעלע חדשים אין וועג! — האט דער עלטסטער ווידער געזאגט, — בע־טראכט נאר אונזערע קליידער! ווען מיר האבען אונזער לאנד פארלאזען זיינען זיי געווען ניי, און יעצט זיינען זיי צוריסען און זיי צופאלען אויף אונזערע לייבער... אונזערע שיך זיינען געווען ניי און יעצט זיינען זיי אויסגעטראגען, צופוילט און פארלאטעט פון דעם לאנגען וועג וואס מיר האבען געוואנדערט... און אט נעהמט אונזער ברויט, דו קענסט פארזוכען, וועסטו זיך אליין איבערצייי־גען אז דאס ברויט איז געבאקען געווארען מיט פיעלע חדשים צוריק, און אפילו די לאגלען מיט וויין וואס מיר האבען אנגעפילט דעם טאג וואס מיר האבען אונ־זער לאנד פארלאזען, יא... די לאגלען זיינען געווען ניי און יעצט זיינען זיי צו־שפאלטען. אונזערע האר לאנג... בעטראכט גוט אונזערע געזיכטער און איהר וועט בעמערקען אז מיר האבען דורכגעמאכט אזא לאנגען וועג כדי צו שליסען

שלום מיט אייך, און יעצט וועט אונזער האר ענטזאגען דעם פארלאנג פון אונזער פאלק? וועט דען אונזער מיה זיין אומזיסט?

יהושע און די זקנים האבען בעטראכט די שפייז און זייערע קליידער. אייני־גע האבען פארזוכט זייער ברויט און איינינע האבען זיך אפגערופען:

— דאס ברויט איז טאקע זעהם פארדארט, קענטיג אז עס איז גע־באקען געווארען מיט מאנאטען צוריק.

— און זייערע קליידער און שיך זיינען שוין אויסגעטראגען. מעגליך אז זיי זיינען גערעכט!

יהושע האט זיך בעראטען מיט די זקנים און די נשיאים פון די שבטים, און עס איז ביי זיי געבליבען אז די שלוחים קומען טאקע פון א ווייטען לאנד. זיי האבען אלע צוגעשטימט צו שליסען א בונד פון שלום.

מען האט גלייך געבראכט ברויט און זאלץ און צוזאמען מיט די שלוחים פון גבעון זיך גענעצט עסען. נאכהער האט מען געקווילעט א שעפס און די נשיאים פון פאלק האבען צוגעשווארען צו לעבען בשלום מיט זיי און קיינע מלחמות מיט זיי ניט פיהרען.

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

דריי טעג זיינען אריבער זינט יהושע און די פארשטעהער פון ישראל האבען געשלאסען א בונד פון שלום מיט זיי. ווען פלוצלינג איז געקומען עתניאל צו יהושע'ן און האט זיך אפגערופען:

— מיין האר, איך האב יעצט אויסגעפונען א זאך פון גרויס וויכטיגקייט.

יהושע איז מיט איהם אריין אין זיין געצעלט, און עתניאל האט איהם דערצעהלט:

— די גאנצע צייט נאכדעם ווי מיין האר האט געשלאסען א בונד פון שלום מיט די שלוחים, האב איך באמערקט ווי זיי סוד'ען זיך. איך האב אנגעהויבען שטארק צו פארדעכטיגען און איך האב זיך אויסבעהאלטען ניט ווייט פון דעם פלאץ וואו זיי געפינען זיך. איך האב געזעהן ווי זיי האבען אוועקגעשיקט איינעם פון זיי. איך האב איהם נאכגעפאלגט, ווייל איך האב חושד געווען אז דער איינ־ציגער מאן וועלכער האט אוועקגעריטען אויף זיין אייזעל מוז האבען פארבינ־דונגען מיט די איינוואהנער פון זיין לאנד. איך האב איהם דאריבער נאכגע־פאלגט, און ווי גרויס איז מיין איבערראשונג געווען ווען איך האב דערזעהן, אז ער איז צוגעקומען צו דער שטאדט גבעון און זיך דארטען בארזאמט א קורצע צייט און באלד צוריקגעקומען פון דארט. יא, מיין האר, יעצט איז ביי מיר קיין ספק ניט, אז זיי זיינען גבעונים און זיי זיינען גאנץ נאהענט פון דאנען.

— זאל עס מעגליך זיין אז זיי האבען אונז גענארט? — האט יהושע אויסגערופען, — איך וועל גלייך מאכען אן אויספארשונג.

יהושע האט צוזאמענגערופען די זקנים און די נשיאים און ער האט זיי איבערגעגעבען עתניאל'ס רייד.

— עס איז אונמעגליך! — האט א נשיא אויסגערופען, — איך האב אליין פארזוכט זייער ברויט. עס איז געווען זעהר פערדארט און אלט... און דאס האט מיר איבערצייגט אז זיי קומען פון א ווייטען לאנד.

— און זייערע שיך און קליידער צייגען אויך אז זיי האָבען לאנג געוואַנדערט איידער זיי זיינען צוגעקומען צו אונז, — האָט א צווייטער צוגעגעבען.

— דאָס קען אלעס געטהאָן ווערען אפילו ווען זיי זאָלען זיין פון אונז ווייט בלויז געצעהלטע טריט! — האָט יהושע זיך אָפּגערופען, — מעגליך אז זיי האָבען שוין לאנג געפּלאָנעוועט אונז אָפּצונארען און זיי האָבען גענומען צוגרייטען אלטע פארשימעלטע ברויט און צוריסענע קליידער.

— זאָל מען זיי שיקען רופען, — האָט עתניאל פאָרגעשלאָגען, — און מיר וועלען עס אויספאָרשען. זיי וועלען ניט קענען אָפּלייקענען אז זיי האָבען געשיקט זייערע א שליח קיין גבעון... זיי וועלען דארפען עס ערקלעהרען און וועלען קיין אנדער ברירה ניט האָבען ווי זיך מודה צו זיין.

יהושע האָט געשיקט רופען די שלוחים און ווען זיי זיינען אריינגעקומען, האָט ער זיי געפרעגט:

— זייט איהר ווירקליך פון א ווייטען לאַנד און ניט פון כנען? אָדער איהר האָט אונז אָפּגענארט?

— מיר האָבען אונזער האר ניט גענארט, — האָט דער עלטסטער פון די שלוחים געזאָגט, — מיר זיינען עהרליכע מענשען און געשיקט געווארען פון אונזער פאָלק צו שליסען א בונד פון שלום מיט ישראל, און יעצט אז מיר האָבען אייך א פארזיכערונג אז איהר וועט מיט אונז קיין מלחמה ניט פיהרען, האָבען מיר אונזער פליכט געטהאָן און מיר וועלען זיך איין גיבען אומקעהרען צו אונזער לאַנד.

— זייט איהר דען ניט פון גבעון?! — האָט יהושע מיט א שטורעמדע שטימע זיי געפרעגט, — איך וויל אז איהר זאָלט מיר זאָגען דעם אמת, אויב ניט, וועט דאָס בלוט פון די גבעונים פאַלען אויף אייערע קעפּ און מיר וועלען זיין ריין... מיר האָבען בעשלאָסען צו געהן מלחמה האַלטען מיט גבעון, און מיר זיינען דאָך געווים בארעכטיגט צו וויסען אויב דאָס זיינען זיי מיט וועמען מיר האָבען געשלאָסען א בונד פון שלום!

א טויט־שרעק איז געפאַלען אויף די שלוחים, און דער עלטסטער איז געפאַלען מיט'ן פּנים צו דער ערד און האָט זיך אָפּגערופען:

— מיר האָבען געזינדיגט געגען דיר, מיין האר, און געגען דיין גאַנצען פאָלק. מיר זיינען ווירקליך פון גבעון, און אונזערע שטעדט זיינען: גבעון, כפירה, בארות און קרית יערים... יאָ, מיר האָבען אייך אָפּגענארט, אבער מיר האָבען עס ניט געטהאָן דורך ביזוויליגקייט... מיר זיינען דערצו געווען געצוואונגען... מיר האָבען געהערט וואָס איהר האָט געטהאָן צו יריחו און צו עי און מיר האָבען געוואוסט אז עס וועט לאַנג ניט נעהמען און איהר וועט אויך קומען צו אונז... מיר האָבען דאריבער בעשלאָסען צו שליסען שלום מיט ישראל, דאָן האָבען מיר זיך דערוואוסט אז אייך איז פארבאָטען צו שליסען שלום מיט די איינוואָהנער פון כנען, און דאריבער זיינען מיר געצוואונגען געווען אייך אָפּצונארען... און יעצט פארגיב אונז... מיר זיינען גרייט אלעס צו טהאָן... מיר וועלען אלע זיין אייערע קנעכט.

יהושע האָט זיי געהייסען ווארטען, און אליין האָט ער זיך בעראטהען מיט די פארשטעהער פון די שבטים וואָס צו טהאָן מיט זיי.

— זיי האָבען פארדיענט דעם טויט. זיי האָבען אונז שענדליך אָפּגענארט,

— האָט אײנער אױסגערופֿן מיט צאָרן — און יעצט װעלן זײ דערפֿאַר בע־צאָהלן.

— אָבער מיר האָבן דאָך זײ געשװאָרן... װי אַזױ װעלן מיר קענען ברעכן אונזער שבועה?

— מיר האָבן צוגעשװאָרן צו אַ פֿאָלק פֿון װעמען מיר האָבן ניט געהערט און ניט געװאוסט, אָבער ניט צו די גבעונים, און אױב זײ האָבן אונז גענאַרט, דאַרף אונזער שבועה ניט זײן גילטיג און מיר װעלן האָבן אַ רעכט זי צו ברעכן.

— מיר האָבן געשלאָסן מיט זײ אַ בונד פֿון שלום, מיר האָבן זײ צו־געשװאָרן אין נאָמען פֿון גאָט אַז מיר װעלן מיט זײ ניט מלחמה האַלטן... װעט דען די זינד פֿון ברעכן אונזער שבועה ניט זײן גרעסער װי די זינד װאָס מיר זײנען בײגאַנגען צו מאַכן שלום מיט אַ פֿאָלק װאָס געפֿינט זיך צװישן אונז? — האָט כלב געפֿרעגט.

— דו ביזט גערעכט, כלב — האָט יהושע צוגעגעבן, — אמת, זײ האָבן פֿון אונז אַרױסגעקראָגן אַ שבועה דורך פֿאַלשקײט, אָבער מיר האָבן זײ דאָך צוגעשװאָרן און װי אַזױ װעלן מיר קענען ברעכן אונזער שבועה?

— אָבער, אױב זײ װעלן ניט בעשטראָפֿט װערן, װעלן זײ זיך נאָכהער באַריהמען פֿאַר די אַנדערע פֿעלקער, אַז זײ האָבן אונז גענאַרט, און אױך די אַנדערע װעלן זוכן צו טהאָן דאָס זעלבע.

— אַ צװײטן מאָל װעט מען דאָך אונז שױן ניט קענען אָפּנאַרן! — האָט יהושע געענטפֿערט.

— אָבער די שאַנדע אַז זײ װעלן דערצעהלן אַלעמען אַז זײ האָבן אָפּ־גענאַרט דאָס גאַנצע פֿאָלק ישראל און זײ זײנען ניט בעשטראָפֿט געװאָרן! מײן עצה װאָלט געװען אַז מיר זאָלן זײ טױטען פֿאַר דעם. מיר װעלן קײן זינד ניט באַגעהן מיט דעם װאָס מיר ברעכן די שבועה, װײל מיר האָבן דאָך ניט געשװאָרן צו די גבעונים... און דאָס בלוט װעט פֿאַלן אױף זײערע אײ־גענע קעפּ.

— װעגן טױטען זײ איז אָפּגערעדט, — האָט יהושע זיך אָפּגערופֿן, — מיר דאַרפֿן געפֿינען אַן אַנדער װעג!

— דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿאַרזאַמעלט זיך אַרום די שלוחים. אַלע זײנען זעהר אױפֿגערעגט און צאָרנדיג.

— צוערשט מוזען זײ בעשיצט װערן. מיר טאָרען ניט דערלאָזען צו קײן בלוט־פֿאַרגיסונג! — האָט יהושע אױסגערופֿן, — און האָט גלײך פֿאַרזאַגט די שוטרים און הױפּטען זײ זאָלן אָפּהיטען די שלוחים און זײ זאָלן ניט דער־לאָזען אַז דאָס פֿאָלק זאָל זײ באַפֿאַלן.

יהושע איז אַרױסגעקומען צו בערוהיגען דאָס פֿאָלק. ער האָט באַמערקט װי אױפֿגערעגט און צאָרנדיג אַלע זײנען. ער האָט געהערט װי זײ שרײען:

— אַ טױט צו די ליגנער, װעלכע האָבן אונז אַזױ שענדליך גענאַרט!

— פֿאַרברענען און פֿאַרװיסטען זאָל מען זײערע שטעדט!

— לאָמיר טהאָן צו זײ װי מיר האָבן געטהאָן צו דעם פֿאָלק פֿון עי!

דער טומל און געפּילדער איז געװאָרן גרעסער מיט יעדער רגע. באַלד

אבער האט אימיצער באמערקט אז יהושע קומט אן, און ער האט אויסגערופען:
"אט קומט אן אונזער פיהרער!"

אלע זיינען מיט אמאל איינגעשטילט געווארען. זיי האבען אנגעווענדעט זייערע אויגען צו זייער בעליעבטען העלד כדי צו הערען וואס ער וועט זאגען וועגען דעם.

יהושע איז ארויפגעגאנגען אויף א בימה וואס איז אויפגעשטעלט געווארען, און ער האט אויסגערופען:

— א גרויסע זינד זיינען די איינוואהנער פון גבעון בעגאנגען דורך דעם וואס זיי האבען אונז גענארט און דורך פאלשקייט פון אונז ארויסגעקראגען אז מיר זאלען מיט זיי קיינע מלחמות ניט פיהרען.

— א טויט צו זיי פאר דעם! — האבען זיך ווידער געהערט שטימען פון דעם פאלק.

— אבער נאך א גרעסערע זינד וועלער מיר באגעהן אויב מיר וועלען ברע־כען אונזער שבועה און זיי טויטען! — האט יהושע אויסגעשריען, — ניין, מיר מארען ניט און קענען ניט ברעכען די שבועה, און אין דערזעלבער צייט דארפען מיר ניט דערלאזען אז זיי זאלען זיך ארויסדרעהען פון א שטראף. דא־ריבער האב איך בעשלאסען אז מיר זאלען זיי לאזען לעבען כדי דאמיט מקיים זיין אונזער שבועה וואס מיר האבען צו זיי געשווארען. אבער זיי וועלען אלע דארפען זיין קנעכט צו אונז.

— יא, זאלען זיי זיין קנעכט צו אונז! — האבען די נשיאים צוגעגעבען. — זיי וועלען ווערען אונזערע האלץ־העקער און וואסער־פיהרער.

דאס פאלק איז געווען צופרידען מיט דעם בעשלוס פון יהושע'ן און די נשיאים.

דאן האט יהושע געשיקט רופען די שלוחים פון גבעון און זיך צו זיי געווענדעט:

— פארוואס האט איהר אונז אפגענארט און געזאגט אז איהר זייט פון א ווייטען לאנד, און יעצט דערוויסען מיר זיך אז איהר וואהנט צווישען אונז? ווייסט איהר דען ניט אז אונזער שבועה וואס מיר האבען אייך געגעבען איז ניט גילטיג און מיר האבען א רעכט צו טהאן צו אייך דאס וואס מיר האבען געטהאן צו די מענשען פון עי?

— אה, אונזער האר, טויטע אונז ניט! — האבען די שלוחים מיט טרעה־רען זיך געבעטען פאלענדיג מיט זייערע פנים'ער צו דער ערד.

— גוט, איך וועל אייך ניט טויטען! — האט יהושע געזאגט, — אבער איהר זייט פארשאלטען, איהר וועט אויף אייביג בלייבען קנעכט, איהר וועט זיין האלץ־העקער און וואסער־טרעגער פאר דעם אוהל מועד און פאר דעם גאנצען פאלק.

— מיר זיינען גרייט צו טהאן אלעס, מיין האר! — האבען די שלוחים געענטפערט, — מיר זיינען דיינע קנעכט. מען האט אונז איבערגעגעבען דאס וואס אייער גאט האט אנגעזאגט זיין קנעכט משה'ן, אז ער וועט אפגעבען דאס גאנצע לאנד כנען צו אייך און איהר זאלט פארניכטען אלע איינוואהנער פון לאנד, האבען מיר מורא געהאט אז איהר זאלט אונז ניט טויטען און דאריבער

זיינען מיר געצוואונגען געווען אייך אפצונארען, און יעצט זיינען מיר אין אייערע הענד, איהר קענט טהאן מיט אונז וואס איהר ווילט.

— אזוי וועט עס בלייבען, — האט יהושע געזאגט, — מיר וועלען היינט ארייננדרינגען אין אייערע שטעדט און איהר וועט מוזען זיין אונזערע קנעכט, און אייערע לעבענס וועלען זיין געראטעוועט.

יהושע און זיין ארמעע האבען גלייך אוועקגעמארשירט נאך גבעון וואו זיי האבען איבערגעגעבען די איינוואוהנער זייער בעשלוס.

זיי זיינען אלע געווען צופריעדען אנצונעהמען יהושע'ס באדינגונגען אבי מען זאל זיי נאר לאזען לעבען. זיי זיינען געווארען האלץ־העקער און וואסער־טרעגער פאר'ן גאנצען פאלק ישראל.

די נייעס אז די גבעונים האבען געשלאסען א בונד פון שלום מיט ישראל האט זיך שנעל פארשפרייט צווישען די אנדערע פעלקער פון כנען. א שרעק האט אלעמען אנגענומען, ווייל גבעון איז געווען א וויכטיגע שטאדט, און איהרע איינוואוהנער זיינען געווען פארעכענט פאר גבורים. איבערהויפט האט זיך גע־שראקען דער קעניג פון ירושלים, אדוני צדק, ווייל זיין לאנד איז געווען ניט ווייט פון דארטען, צווישען גלגל און גבעון.

דער קעניג פון ירושלים האט געשיקט שלוחים צו די קעניגע פון חברון, פון ירמות, פון לכיש און פון עגלון, די נאהענטע לענדער פון ארום.

ווען די מלכים זיינען געקומען, האט אדוני צדק זיי איבערגעגעבען וואס עס האט פאסירט מיט גבעון.

— דאס פאלק ישראל איז מעכטיג און זייער פיהרער יהושע איז א גרויסער העלד! — האט דער קעניג פון ירושלים זיך אפגערופען, — ווען זיי וועלען געהן מלחמה האלטען מיט יעדען בעזונדער וועלען זיי געווים אונז אלעמען באזיעגען אזוי לאנג ווי מיר זיינען צווישען זיך ניט פעראייניגט. אונזער שוואכקייט ליגט אין דעם, וואס איין קעניג טרויט ניט דעם צווייטען, און מיר פיהרען גאנץ אפט מלחמות צווישען זיך. ווען אבער מיר וועלען זיין פעראייניגט און מיט פער־אייניגטע קרעפטען זיך נעגענשטעלען יהושע'ן, דאן וואלטען מיר איהם גאניץ גרינג בעזיעגט און פאריאגט פון אונזער לאנד.

— געווים ליגט אין אייניגקייט אונזער קראפט! — האט דער קעניג פון חברון צוגעגעבען.

— און מיר זיינען ניט דאנגען אז אלע מלוכות פון כנען זאלען זיך פער־אייניגען געגען ישראל... מיר וועלען זיי, די ישראלים, דארפען ווייזען אונזער מאכט.

— און יעצט הערט וואס עס האט פאסירט. די איינוואוהנער פון גבעון און די אנדערע שטעדט וואס בעלאנגען צו זיי האבען געשלאסען א בונד פון שלום מיט יהושע'ן, און דאמיט האבען זיי געבראכען אונזער אייניגקייט. מיר מוזען זיך מיט זיי אפרעכענען פאר דעם, ווייל אויב ניט וועלען אויך אנדערע נאכ־פאלגען זייער שלעכטען ביישפיעל און זיי וועלען זיך פעראייניגען מיט אונזער שטארקסטען שונא.

— מיר דארפען ארויסגעהן מלחמה האלטען מיט די גבעונים, — האט דער קעניג פון עגלון אויסגערופען.

— פיעלייכט וואלטען מיר פריהער געשיקט שלוחים און זיי זאגען אז מיר האבען געפלאנט זיך צו פעראייניגען צוזאמען געגען ישראל, און זיי פרעגען אויב זיי זיינען ווילינג צוצוברעכען דעם אפמאך פון ישראל און צושטעהן צו אונז ? — האט דער קעניג פון ירמות זיך אפגערופען, — מעגליך אז ווען זיי וועלען זעהן דאס פינף מלכים האבען זיך פעראייניגט וועלען זיי זיך דערשרעקען און אויך צושטעהן צו אונז און דאן וועלען מיר צוזאמען מלחמה האלטען געגען ישראל.

— איך צווייפעל ניט אז זיי וועלען צושטעהן צו אונז, — האט דער קעניג פון ירושלים געזאגט. — ווי איך האב געהערט, האט יהושע מיט זיי געשלאסען שלום אונטער זעהר שווערע באדינגונגען. זיי מוזען אלע זיין קנעכט צו ישראל און יעצט, אז מיר וועלען זאגען אז מיר וועלען זיך פעראייניגען מיט זיי און זיי וועלען ניט דארפען זיין קנעכט, וועלען זיי געוויס צושטימען.

דער קעניג פון ירושלים האט געשיקט דורך זיינע שלוחים פאלגענדען בריעף צו די עלטסטע פון גבעון:

"ווי א בייזער שטורם־ווינד וואס צושטערט און פארוויסטעט אלעס וואס עס קומט איהם אין וועג, אזוי איז יהושע באפאלען דאס לאנד כנען. ער האט פארניכטעט צוויי שטארקע מלכים, דעם קעניג פון יריחו און דעם קעניג פון עי. אבער דער זיעג איז צו איהם געקומען ניט דורך זיין העלדישקייט און מעכטיג־קייט פון זיין פאלק, נאר צוליעב די אונאייניגקייט פון די פעלקער פון כנען. ווען מיר וואלטען אלע געווען פעראייניגד און געקומען צו הילף דעם קעניג פון יריחו וואלטען מיר דאס פאלק ישראל פארטריבען פון אונזער לאנד. ווען מיר וואלטען געקומען צו הילף דעם קעניג פון עי, וואלט זיין שטאדט יעצט ניט געווען חרוב און זיין פאלק פארניכטעט. אבער עס איז נאך ניט צו שפעט צו ראטעווען זיך פון יהושע׳ן און זיין פאלק. מיר דארפען זיך בלויז אלע פעראייניגען און ארויסגעהן אנטקעגען יהושע׳ן, דאן וועט ער זעהר שנעל צוריקטרעטען פון כנען און מעגליך אז אונז וואלט געלונגען אין גאנצען איהם און זיין פאלק צו פער־ניכטען. יעצט אבער אז איהר האט געשלאסען א בונד מיט יהושע׳ן, וועלען פיע־לע אנדערע נאכטהאן אייער ביישפיעל, און דורכדעם וועט אונזער אייניגקייט געבראכען ווערען. דאריבער האבען מיר, די פינף קעניגע, זיך פעראייניגט און מיר פארלאנגען פון אייך איהר זאלט צושטעהן צו אונזער בונד, און דורכדעם צוברעכען דעם אפמאך מיט יהושע׳ן, ווייל אייער שלום־אפמאך מיט יהושע׳ן איז א שאנד־פלעק ניט נאר פאר אייך, נאר אויך פאר די איבריגע פעלקער פון כנען".

— מיר האבען דאך געשווארען צו בלייבען זייערע פריינד און זיי קיינמאל ניט פערראטען ! — האט זיך איינער פון די עלטסטע פון גבעון אפגערופען. — ווי אזוי וועלען מיר זיי יעצט קענען פערראטען ?

— איהר האט געשווארען צו בלייבען זייערע פריינד אויב זיי וועלען זיין אייערע פריינד ! — האט א פארשטעהער פון דעם קעניג פון ירושלים זיך אפ־גערופען, — און יעצט האבען זיי אייך געמאכט פאר קנעכט, קענט איהר זיי דען אנרופען אייערע פריינד ?

— דאס האבען זיי געטהאן ווייל מיר האבען זיי אפגענארט !

— דאריבער נארט זיי אפ א צווייטען מאל און באפרייט זיך און אייער גאנץ פאלק פון קנעכטשאפט!

— מיר וועלען זיך באפרייען פון קנעכטשאפט און דאן וועלען מיר גע־טויטעט ווערען דורך זיין שווערד. ניין!... מיר וועלען בעסער זיין קנעכט און בלייבען לעבען...

— ווען אבער איהר וועט זיך אלע אנשליסען אין אונזער בונד וועלען מיר אונזער גרויסען שונא אין גאנצען פארטרייבען פון לאנד און די לעבענס פון אייער פאלק אזוי גוט ווי פון די אנדערע פעלקער פון כנען, וועלען מעהר קיינ־מאל ניט זיין אין געפאהר.

— אפשר איז דער קעניג פון ירושלים גערעכט? — האט א צווייטער פון די עלטסטע זיך אפגערופען, — מען גיט דאך אונז איבער אז נאך פיער מלכים זיינען צוגעשטאנען צו איהם, און מעגליך... אז מיט פעראייניגטע כוחות וועט אלעמען געלינגען אין גאנצען צו פארניכטען דאס פאלק ישראל. לאמיר זיך גוט בעטראכטען, מעגליך אז אונז וועט לוינען זיך צוצוהערען צו די רייד פון דעם קעניג פון ירושלים.

— ניין, דאס איז אונמעגליך, סיידען איהר ווילט אז אונזער גאנצעס פאלק זאל אפגעווישט ווערען פון אונטער די הימלען! — האט דער ערשטער געזאגט — איהר ווייסט דאך די מאכט פון פאלק ישראל. גרעסערע און מעכטיגערע קעניגע האבען זיך געגען זיי ניט געקענט געגענשטעלען.

— דאס איז געווען צוליעב דעם ווייל זיי זיינען ניט געווען פעראייניגט, — האט דער פארשטעהער ווייטער געזאגט, — א באוויין האט איהר, אז ווען א קלענערע ארמעע פון ישראל איז געקומען מלחמה האלטען מיט די איינוואהנער פון דער שטאדט עי, האבען זיי געליטען א מפלה, נאר דאן האבען זיי איינגענו־מען די שטאדט ווען יהושע איז אנגעקומען מיט זיין גאנצע ארמעע. און זיי זיינען געווען אין צאהל פיעלייכט צעהן מאל אזוי פיעל ווי די ארמעע פון עי... אבער ווען דער קעניג פון עי וואלט דאן געהאט די הילף פון אנדערע מלכים וועלכע וואלטען געקענט צושטעלען אן ארמעע וואס זאל זיך פארגלייכען אין צאהל מיט ישראל'ס, דאן וואלט עי ניט געווען אפגעווישט פון דער ערד.

— ער איז גערעכט! ער איז גערעכט! — האבען איניגע צוגעשאקעלט מיט די קעפ.

— ניין, איהר מאכט אלע א טעות! — האט זיך א זקן אפגערופען, — ווען אלע פעלקער פון כנען און פון אנדערע לענדער וועלען זיך פעראייניגען נעגען יהושע'ן און זיין פאלק ישראל, וועלען זיי גארניט קענען אויפטהאן, ווייל דער גאט פון ישראל קעמפט פאר זיי. בעטראכט נאר ווי אזוי ער האט זיי באפרייט פון דעם מעכטיגען קעניג פון מצרים, ווי אזוי ער האט זיי פאלק אריבערגע־פיהרט דעם ים, און ווי אזוי זיי האבען באזיעגט עמלק'ן, סיחון'ען, עוג'ן, און ווי אזוי די פעסטונג פון יריחו איז איינגעפאלען... ווען איהר וועט דאס אלעס באטראכטען, וועט איהר זיך דאן אלע דארפען שעצען גליקליך וואס אונז איז געלונגען צו שליסען א בונד פון שלום מיט יהושע'ן.

— אבער וואס וועט איהר האבען פון דעם שלום? — האט א פארשטעהער פון דעם קעניג פון ירושלים אויסגערופען, — וועט איהר דען ניט פארבלייבען

קנעכט, איהר, אייערע קינדער, און אייערע קינד'ס קינדער, צו דעם פאלק ישראל ביז אייביג?! . . .

— אבער אז מיר וועלען ברעכען דעם שלום מיט יהושע'ן, וועלען ניט זיין קיין קינדער און קינד'ס קינדער פאר וועמען צו זארגען.

— איהר וועט פאר זיי ניט דארפען זארגען, ווייל דער שונא וועלכער דראהט אונזער לאנד וועט שוין מעהר ניט זיין!

— גיט אונז דריי טעג צייט זיך איבערצולייגען, און דאן וועלען מיר דעם קעניג פון ירושלים און זיינע פארבינדעטע קעניגע געבען אונזער תשובה.

די פארשטעהער זיינען אוועק צוריק קיין ירושלים און האבען איבערגעגעבען דעם קעניג וועגען זייער געשפרעך מיט די עלטסטע פון גבעון.

— וואס? זיי צעגערען נאך?! זיי קענען ניט בעשליסען וואס צו טהאן, ווייל זיי האבען מורא פאר זייערע לעבענס?! — האט דער קעניג אויסגעדופען מיט צארן, — זאגט זיי, אז אויב זיי וועלען זיך ניט צוהערען צו מיינע רייד און אננעהמען מיין עצה, וועלען מיר אלע פינף מלכים ארויסגעהן אויף מלחמה געגען גבעון און מיר וועלען פון זיי קיין געדעכניש ניט איבערלאזען.

— מעגליך אז עס וועט צו דעם ניט דארפען קומען, — האט דער קעניג פון חברון זיך אפגערופען, — געוויס וועלען זיי בעשליסען צוצושטעהן צו אונז.

— אבער עס וועט ניט שאדען ווען מיר וועלען זיי פריהער אנסטראשען.

— האט דער קעניג פון לכיש געזאגט, — דאס וואלט געמאכט אז זיי זאלען קומען וואס שנעלער צום בעשלוס אז זיי דארפען צו אונז צושטעהן, אז ניט זיינען זיי אלין איינם פארלארען.

* * *

דריי טעג האבען די עלטסטע פון גבעון צווישען זיך געאמפערט וואס פאר אן ענטפער צו געבען די פארשטעהער פון די פינף מלכים. די מעהרסטע זיינען געווען פאר דעם אז זיי טארען ניט ברעכען זייער שבועה און אז זיי דארפען בלייבען געטריי יהושע'ן און ישראל. אבער עס האבען זיך געפונען אייניגע וועלכע האבען געלעגט גרויסע האפנונגען אויף די פעראייניגטע כוחות פון די מלכים, און האבען אויסגעדריקט זייער מיינונג אז מען זאל צושטעהן צו די איבריגע מלכים און צוזאמען ארויס געגען יהושע'ן.

דאן האט זיך אויפגעשטעלט דער עלטסטער און אויסגערופען:

— איהר ווייסט דאך אלע ווי שווער עס איז אונז אנגעקומען צו שליסען שלום מיט ישראל. און מיר האבען זיך געשעצט גליקליך ווען אונז איז איינגעפאלען דער געדאנק זיי צו זאגען אז מיר זיינען א פאלק פון א ווייטען לאנד און דורכדעם האבען מיר געראטעוועט אונזער פאלק פון אונטערגאנג, ווייל איהר דארפט אלע וויסען אז די פעלקער פון כנען זיינען בעשטימט צום אונטערגאנג אזוי האט דער גאט פון ישראל געזאגט צו זייער היילינען פיהרער משה, און מיר דארפען זיך שעצען גליקליך צו זיין קנעכט צו דעם פאלק ישראל. איך בין זיכער אז די אנדערע פעלקער וואלטען עס אויך געטהאן ווען דאס וואלט זיי געלונגען. אבער מיט קיינעם פון זיי וועט יהושע קיין בונד פון שלום ניט שליסען. און דאריבער זיינען זיי איפערזיכטיג אויף אונז... זיי זיינען אונז אלע מקנא און ווילען אונז אויך אומברייגען... אונזער ענטפער דארף זיין צו זיי, אז מיר וועלען ניט פערראטהען ישראל!

— יאָ, אַזוי וועט זיין אונזער ענטפער! — האָבען די איבריגע צוגעשטימט און אויף דעם דריטען טאָג ווען די פאַרשטעהער פון די פינף קעניגע זיינען גע־קומען נאָך דעם ענטפער, האָט מען זיי געענטפערט אַז גבעון וועט דעם שלום־אָפּמאַך מיט ישראל ניט ברעכען.

— אויב איהר גלויבט אַז דורך דעם וואָס איהר ענטזאָגט זיך אָנצושליסען אָן אונז, וועט איהר ראַטעווען אייער פאָלק, מאַכט איהר אַ טעות, — האָט דער ערשטער פאַרשטעהער געזאָגט, — מיר קומען אייך וואָרנען אין נאָמען פון די פינף פעראייניגטע מלוכות אַז אויב איהר גיט זיך גלייך ניט אונטער און ברעכט אָפּ דעם שלום־אָפּמאַך מיט יהושע׳ן וועלען זיי אַרויסגעהן אויף אייך און חרוב מאַכען אייער לאַנד אַזוי אַז עס וועט פון גבעון און איהרע איינוואָהנער קיין זכר ניט בלייבען.

אַ טויט־שרעק איז אָנגעפאַלען אויף די אַלע וועלכע האָבען געהערט די רייד פון די פאַרשטעהער. אייניגע זיינען שוין געווען גרייט זיך אונטערצוגעבען, אָבער דער עלטסטער האָט מיט אַ פעסטע שטימע אויסגערופען:

— מיר וועלען אונזער שבועה ניט ברעכען, מיר וועלען ניט פעררעטהען יהושע׳ן!

— און דאָס איז אייער לעצטער ענטפער? — האָבען די פאַרשטעהער גע־פרעגט.

— יאָ, קיין זאַך וועט אונז ניט צווינגען צו ענדערען אונזער מיינונג!

אויפגערעגט און פול מיט צאָרן האָבען די שלוחים פון די פינף קעניגע פאַר־לאָזען גבעון. זיי האָבען דערצעהלט דעם קעניג פון ירושלים וועגען די עקשנות פון גבעון. אַלע קעניגע האָבען גלייך איינגעזאַמעלט גרויסע אַרמעען און האָבען גענומען מאַרשירען אויף גבעון.

די גבעונים האָבען פאַרשטאַנען אַז די פעראייניגטע מלוכות וועלען באַלד אָנקומען זיך אָפּרעכענען מיט זיי, האָבען זיי גלייך אַוועקגעשיקט שלוחים צו יהושע׳ן אין גלגל איהם איבערצוגעבען וואָס האָט פּאַסירט.

— העלף אונז וואָס שנעלער! — האָבען די שלוחים זיך געווענדעט צו יהושע׳ן. קום שנעל און העלף אונז, ווייל אַלע קעניגע פון אמורי וועלכע געפינען זיך אויף די בערג האָבען זיך פאַרזאַמעלט און ווילען אונז אומברענגען, ווייל מיר האָבען געשלאָסען אַ בונד פון שלום מיט ישראל.

יהושע האָט גלייך פאַרזאַמעלט זיינע העלדישע סאָלדאַטען, און ניט פאַר־לירענדיג קיין צייט, האָט ער נאָך ביינאַכט גענומען מאַרשירען נאָך גבעון.

די פינף מלכים מיט זייערע מחנות זיינען שוין געווען ניט ווייט פון גבעון, ווען פלוצים איז אָנגעקומען יהושע מיט זיינע העלדען.

אַ גרויסער קאַמף האָט זיך צופלאַקערט. די פעראייניגטע מלכים האָבען זיך ניט גערעכנט אַז יהושע זאָל אַזוי שנעל קומען צו הילף די איינוואָהנער פון גבעון. זיי זיינען געוואָרען צוטומעלט און דערשראָקען און זיי האָבען זייער ערשטע מפּלה געליטען ביי די טויערען פון גבעון.

טויזענדע פון זיי זיינען געפאַלען אין שלאַכט, און זיי האָבען שוין אָנגע־פאַנגען צו אַנטלויפען. אָבער באַלד האָבען זיי צוגעקראָגען פאַרשטאַרקונג און זיי האָבען זיך ווידער אומגעקעהרט און אַריינגעוואָרפען אין קאַמף.

דער העלדישער יהושע האָט פאַראויסגעזעהען און ערמוטיגט זיינע העלדען

און זיי האבען געמאכט א צווייטען אנגריף אויף דעם שונא וועלכער האט אנגעפאנגען צוריקצולויפען אין גרויס אונארדנונג.

יהושע און זיינע ארמעען האבען זיך נאך זיי נאכגעיאגט ביז וואנען זיי האבען די גאנצע פעראייניגטע ארמעע פון שונא צושלאגען. די וועלכע האבען געוואלט אנטלויפען זיינען ארומגערינגעלט געווארען פון יהושע'ס סאלדאטען און זיי זיינען געטויטעט געווארען ביי דעם שווערד.

ווען די פינף מלכים וועלכע האבען זיך אויך בעטייליגט אין שלאכט, האבען דערזעהן אז זיי ווערען באזיעגט, האבען זיי איבערגעלאזען זייערע ארמעען אויפ'ן שלאכטפעלד און אליין זיינען זיי אנטלאפען זוכענדיג זיך צו ראטעווען.

ווען יהושע איז פארטיג געווארען מיט דעם שונא און זיך געהאלטען ביים אומקעהרען צו דעם לאגער אין גלגל, זיינען ארויסגעקומען די עלטסטע פון גבעון און באגעגענט יהושע'ן מיט ברויט און וויין. זיי זיינען געפאלען צו דער ערד און געקושט די ברעגעס פון זיינע קליידער.

— דו האסט אונז אלעמען געראטעט פון א זיכערען טויט, און מיט וואס קענען מיר דיר אפדאנקען ?!... מיר זיינען גליקליך צו זיין דיינע קנעכט!

— דאנקט ניט מיר, נאר אונזער גאט, דעם גאט פון ישראל, ער האט אונז געשיקט די ישועה און ער פארדיענט אונזער ליבע און דאנק!

ווען יהושע האט זיך אומגעקעהרט אין לאגער, האט מען איהם איבערגעגעבען אז נאך א קלענערע ארמעע וואס איז געשיקט געווארען צו העלפען די שונאים, איז אנטלאפען אין דער שטאדט מקדה און זיך דארטען באפעסטיגט.

— ווען איך בין געשטאנען אויפ'ן בארג האב איך באמערקט ווי פינף מענשען זיינען ארונטער אין א היהל לעבען מקדה, און ווי ווייט מיינע אויגען האבען געקענט אורטיילען, דוכט זיך מיר, אז זיי זיינען די פינף קעניגע, אונזערע שונאים, — האט זיך עתניאל אפגערופען צו יהושע'ן.

יהושע האט גלייך צוגערופען איינגע פון זיינע העלדען און זיי געזאגט:

— קייקעלט צו גרויסע שטיינער און לייגט זיי אויף דער עפענונג פון דער היהל און בעשטימט מענשען זיי זאלען היטען אז די מלכים זאלען פון דארטען ניט אנטלויפען. אבער איהר זאלט ניט בלייבען שטעהן דארטען, איהר זאלט זיך נאכיאגען נאך אונזערע שונאים און זיי פארניכטען איידער עס וועט זיי געלינגען אריינצוקומען אין זייערע באפעסטיגטע שטעדט.

עתניאל מיט די אנדערע האבען נאכגעיאגט די איבערגעבליבענע ארמעען און זיי האבען זיי פארניכטעט. דאן האבען זיי שוין מעהר קיינע שוועריגקייטען ניט געהאט אריינצודרינגען אין די באפעסטיגטע שטעדט פון די פינף מלכים.

יהושע און זיינע העלדען האבען בעלאגערט די באפעסיגטע שטאדט מקדה און עס האט לאנג ניט געדויערט און מקדה איז אויך אריינגעפאלען אין זייערע הענד. יהושע האט פארטיליגט אלע איינוואהנער פון מקדה און דאס גאנצע פאלק האט זיך צוריקגעקעהרט בשלום. קיינער האט פון זיי ניט געפעהלט.

— יעצט זאל מען אראפקייקלען די שטיינער פון דער היהל און ארויסנעהמען פון דארטען די פינף מלכים! — האט יהושע באפוילען עתניאל'ן.

עתניאל האט צוזאמען מיט נאך איינגע העלדען ארונטערגעקייקעלט די

שטיינער פון דער הייהל. דאן האבען זיי אנגעצונדען פאקעלן און מיט בלויז שווערדען זיינען זיי ארונטער אין הייהל.

צושראקענע זיינען די פינף מלכים געלעגען אין פארשידענע ווינקלען פון דער הייהל. עתניאל האט קיינע שוועריגקייטען ניט געהאט זיי צו געפינען און זיי באלד אלעמען געבונדען איינער צום צווייטען און זיי ארויסגעפיהרט פון הייהל און זיי געבראכט פאר יהושע'ן.

— אויב דו וועסט מיך לאזען לעבען, — האט אדוני צדק זיך אפגערופען צו יהושע'ן — וועל איך דיר ווייזען א וועג ווי אזוי איינצונעהמען ירושלים, ווייל דו ווייסט דאך אז ירושלים איז נאטירליך באפעסטיגט, זי איז ארומגערינגעלט מיט בערג און עס האט נאך קיינעם ניט געלונגען איינצונעהמען דיזע באפעסטיגטע שטאדט.

— אויב דו ביזט געווען זיכער מיט דיין שטאדט, פארוואס האסטו מורא געהאט פאר אונז און זיך פעראייניגט מיט די איבריגע מלכים און ארום מלחמה האלטען מיט אונז?

— דאס האב איך געטהאן, ווייל איך האב געהאפט דורך דעם גרויס צו ווערען אין די אויגען פון אלע אנדערע פעלקער, און אויסער דעם האב איך געוואלט צייגען מיין פאלק וואס פאר א גרויסער העלד איך בין, כדי מיין שונא וועלכער האט געזוכט צו ווערען קעניג אנשטאט מיר, זאל זיך דערשרעקען פאר מיר און אויפגעבען זיינע האפנונגען צו קריגען מיין קרוין.

— און יעצט ווילסטו פערראטען דיין אייגען פאלק? — האט יהושע איהם געפרעגט מיט ערשטוינונג.

— יא, ווייל דורכדעם וועל איך זעהן א נקמה אן מיין שונא. און אויב איך וועל מעהר ניט קענען זיין קעניג, קימערט מיך ניט אויב די שטאדט ירושלים זאל ארייגפאלען אין דיינע הענד און זאל מיין שונא ניט האבען קיין געלעגענהייט צו פארנעהמען מיין פלאץ.

— איינער וועלכער איז פעהיג צו פערראטען זיין אייגען פאלק אום צו רעטען זיך, איז ביי מיר ניט באגלויבט, — האט יהושע געענטפערט, — אזא מאן איז ביי יעדען איינעם פאראכטעט... און ניט לאנג צוריק האבען מיר הינגעריכטעט איינעם פון אונזערע אייגענע וועלכער האט אונז געזוכט צו פערראטהען.

— אבער איך שווער ביי מיינע געטער אז ווען איך וועל דיר צייגען דעם פלאץ וועט דיר ניט שווער אנקומען איינצונעהמען ירושלים. בלויז דורך מיין הילף וועסטו די שטאדט איינגעהמען. שווער מיר צו אז דו וועסט מיך ניט טויטען.

— אונזערע פלענער זיינען יעצט ניט געווענדעט אויף ירושלים, — האט יהושע זיך אפגערופען, — און א חוץ דעם ווען מיר וועלען זיין גרייט צו געהן אויף דיין שטאדט, וועלען מיר ניט זוכען דיין הילף, נאר די הילף פון אונזער גאט, דעם גאט פון ישראל.

יהושע האט א וואונק געטהאן צו זיינע מענשען און זיי האבען געטויטעט אדוני צדק, דעם קעניג פון ירושלים.

ווען מען האט צוגעפיהרט הודם, דעם קעניג פון חברון, צו יהושע'ן, האט ער זיך אפגערופען:

— אין מיין פּאַלאַץ געפינט זיך אַ אידישע מיידעל, וועלכע איז געפאַנגען געוואָרען מיט אייניגע יאָהר צוריק, ווען איהר זייט נאָך געווען אויף דער צווייטער זייט ירדן. דיזע מיידעל איז נאָך דאַן גאָר יונג געווען, אָבער איך האָב געזעהן אַז זי וועט אויסוואַקסען צו זיין אַ זעלטענע שעהנהייט, דעריבער האָב איך זי צוגענומען אין מיין פּאַלאַץ און איך האָב געוואָלט זי נעהמען פאַר מיין פּלגש. יעצט אויב איהר וועט מיך טויטען וועט מיין נאָכפאָלגער זי נעהמען, אָבער אויב איך וועל בלייבען לעבען, פאַרשפּרעך איך אייך, זי אומ־צוקעהרען צו אייך אומזיסט.

— מיר וועלען די אידישע מיידעל ארויסקריגען אויף אַן אנדער וועג, — האָט יהושע געענטפערט דעם קעניג פון חברון, — און דו וועסט מיט דיין לעבען בעצאָהלען.

יהושע האָט באַפוילען און מען האָט הודם׳ן מיט די איבעריגע קעניגע געטויטעט, און מען האָט זיי אויפגעהאַנגען.

ביז אין אָוועט זיינען די פינף מלכים געהאַנגען אויף די בוימער. נאָכהער האָט יהושע זיי געהייסען ארונטערשניידען און זיי אריינגעוואָרפען אין דער זעלבער הייהל וואו זיי האָבען זיך פריהער געהאַט בעהאַלטען.

מען האָט זייערע קערפּערס אהין אריינגעשליידערט און איבער דער עפע־נונג פון דער הייהל האָט מען אויפגעשטעלט אַ גרויסע קופּע שטיינער. אַלס אנדענקען צו דעם גרויסען זיעג איבער די פינף פעראייניגטע מלכים.

נאָכדעם ווי יהושע האָט פאַרניכטעט די ארמעען פון די פינף מלכים, איז ער געגאַנגען איינצונעהמען זייערע לענדער, ווייל די מלחמה האָט ער געפיהרט מיט זיי גאַנץ ווייט פון זייערע לענדער, און כאָטש ער האָט פאַרניכטעט די גאַנצע ארמעען, און זייערע קעניגע האָט ער געטויטעט, האָבען די איינוואָהנער גלייך געקרוינט איבער זיי אנדערע קעניגע.

איידער יהושע איז צוגעקומען מיט זיין ארמעע צו חברון, האָט יהושע פון ווייטען באמערקט ווי אימיצער לויפט איהם אנטקעגען. פון ווייטען האָט ער ניט געקענט באמערקען ווער עס איז און יהושע׳ס באַגלייטער האָבען שוין אָנגעשטעלט זייערע פייל־און־בויגען אָבער יהושע האָט זיי אָנגעזאָגט ניט צו שיסען.

— ער איז דאָך איינער אליין און וועט געוויס קיינעם פון אונז קיין שלעכטעס ניט טהאָן. פיעלייכט איז ער אַ שונא וואָס וויל זיך ראַטעווען און ער וועט אונז דערווייל איבערגעבען די געהיימע וועגען צו דער שטאָדט.

— ער איז דאָך אַן אונזעריגער! ער איז אַ ישראל! — האָט איינער פון יהושע׳ס באַגלייטער אויסגערופען.

— וואָס טהוט ער דאָ איצט אויף דעם שלאַכטפעלד?! — האָט זיך יהושע געוואונדערט.

באַלד איז דער פרעמדער צוגעקומען צו יהושע׳ן און איז געפאַלען מיט׳ן פּנים צו דער ערד.

— מיין האר, העלף מיר! — האָט ער קוים געקענט אָפּכאַפּען זיין אָטעם.

— שטעל זיך אויף און זאָג מיר ווער דו ביזט און וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט.

— איך בין פון דעם שבט בנימין און מיט מיר און מיין פרוי האָט מיט:

עטליכע יאָהר צוריק, אין דער צייט ווען אונזער ארמעע איז געווען פארנומען מיט דעם איינגעהמען פון יריחו, פאסירט א גרויס אומגליק, אונזער איינציגע טאָכטער איז דאַן געווען א קליין קינד, איז ארויס פון לאַגער אין דעם נאָהענ־טען וועלדעל, מיט נאָך איניגע קליינע מיידלעך, פלוצלינג האָבען זיי דערהערט א געשריי, זיי האָבען זיך אלע שטארק דערשראָקען און גענומען לויפען און ווען זיי זיינען ארויסגעלאָפען פון וועלדעל און זיך דערנעהנטערט צום לאַגער, האָבען זיי באמערקט אז זייער חבר׳טע לאה, מיין טאָכטער, פעהלט. זיי האָבען מורא געהאט זיך אומצוקעהרען אריין אין וואלד און זיי זיינען געקומען אין לאַגער און מיר און מיין פרוי איבערגעגעבען וואָס עס האט פאסירט. איך האָב גלייך גערופען איניגע פון מיינע פריינד און צוזאמען מיט די מיידלעך זיינען מיר אוועק צו דעם וועלדעל, צו דעם פלאץ וואו די קינדער זיינען געווען.אבער איך האָב מיין טאָכטער ניט געפונען. מיר האָבען געמיינט אז פיליכט האט זי פארלאָרען דעם וועג און איך האָב מיט אלע מיינע כוחות געשריען און גערופען איהר נאָמען. מיר האָבען דורכגעזוכט דעם גאנצען וועלדעל אָבער אומזיסט. מיר האָבען קיין שפור פון איהר ניט געפונען. ווען מיין פרוי האט זיך דערוואוסט אז אונזער טאָכטער איז ניטאָ איז זי פון גרויס הארץ־וועה־טאָג קראנק געוואָרען און ביז היינטיגען טאָג לײדעט זי פון דער קראנקהייט.

— אָבער וואָס קען איך יעצט פאר דיר טהאָן, און פאר וואָס ביזטו געקומען אין אזא צייט ווען איך בין פארנומען אויפ׳ן שלאכטפעלד? — האט איהם יהושע מיט פרוואונדערונג געפרעגט.

—איינינע מענשען וועלכע זיינען געווען אנוועזענד ווען מען האט היינ־געריכטעט די פינף מלכים האָבען מיר איבערגעגעבען אז זיי האָבען געהערט ווי דער קעניג פון חברון האט דערצעהלט וועגען א יונגע מיידעל וועלכע איז געפאנגען געוואָרען פון ישראל מיט יאָהרען צוריק און זי געפינט זיך יעצט אין דעם קעניגליכען פאלאץ.

— יא, דאָס איז ריכטיג! — האָט יהושע געזאָגט, — ער האָט געזאָגט אז ער האָט געזאָלט זי נעהמען פאר זיין פלגש. און דו גלויבסט אז זי איז דיין טאָכטער?

— יא, מיין האר, איך בין זיכער אין דעם, — האט ער געענפערט, און טרעהרען האָבען זיך געשטעלט אין זיינע אויגען, — ווי איך האָב זיך פון דעם דערוואוסט בין איך געלאָפען מיט גרויס אימפעט אהער, און געלויבט איז גאָט, וואָס איך האָב נאָך ניט פארשפעטיגט.

— אָבער וואָס קענען מיר טהאָן? די שטאָדט חברון איז נאָך דערווייל אין די הענד פון דעם שונא, — האָט יהושע געזאָגט.

— איך פארלאנג, אז ווען גאָט וועט געבען, און די שטאָדט וועט איינ־גענומען ווערען זאָל מיין האר אָנזאָגען נישט צו פארברענען די שטאָדט איידער מען וועט דערגרייכען דעם קעניגליכען פאלאץ און פון דאָרטען ארויסראטעווען מיין טאָכטער.

— דאָס איז א געפעהרליכע אונטערנעהמונג, און מען וועט דאַרפען האנדלען מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט! — האָט יהושע געזאָגט, — ווייל אזוי שנעל ווי דער נייער קעניג וועט זעהן אז מיר דערגרייכען זיין פאלאץ וועט ער פריהער טויטען אלע זיינע פרויען, אזוי ווי די אנדערע קעניגע האָבען

געטהאָן. יאָ... ווען מיר האָבען זיך איינגעבראָכען אין די פאַלאַצען פון די קעניגע פון לכיש און ירמות, האָבען מיר דאָרטען געפונען אלע פרויען פון פאַלאַץ ערמאָרדעט. און לויט די רייד פון הודם, דעם קעניג פון חברון, וועט זיין נאכפאָלגער נעהמען די אידישע מיידעל אלס זיין פרוי און דאריבער האָב איך מורא אז עס וועט זיין אונמעגליך זי צו ראטעווען. סיידען איינער פון מיינע העלדען וועט וועלען איינשטעלען זיין לעבען אין סכנה און צוקומען צום פאַלאַץ אליין איידער מיר וועלען זיך דערנעהנטערען אהין מיט דער ארמעע.

— אָה, מיין האר, ווען איך וואָלט געווען יונג און שטארק, וואָלט איך איינגעשטעלט מיין לעבען. אָבער יעצט האָב איך מורא אז איך וועל ערגער מאכען. איידער איך וועל צוקומען צו איהר וועלען זיי איהר דאָרטען טויטען.

— ניין, דערצו דארף מען האָבען א פלינקען העלד אז ניט וועט די גאנצע מיה זיין אומזיסט.

— איך וועל געהן זי ראטעווען, מיין האר, — האָט זיך א יונגער העלד מיט׳ן נאָמען אליאב אָפּגערופען צו יהושע׳ן.

— ווייסטו אז א גרויס געפאהר דראָהט דעם יעניגען וועלכער וועט אליין אהין געהן? און ביזטו גרייט דיין לעבען אויפצואָפּפערען?

— יאָ, מיין האר! — האָט אליאב ארויסגעצויגען זיין שווערד, — איך בין גרייט.

— זאָל דיך גאָט בענשען, מיין זוהן, — האָט דער מאן איהם גענומען קושען די הענד... — איך וועל דיין טובה קיינמאָל ניט פארגעסען. איך וועל דיר מיין גאנץ פארמעגען אָפּגעבען.

— איך טהו עס ניט פאר קיין „באַלוינונג! — האָט אליאב א שמייכעל געטהאָן, — מיין באַלוינונג וועט זיין דאָס אליין אויב מיר וועט געלינגען צו ראטעווען א טאָכטער פון ישראל פון די הענד פון שונא.

— איך און די ארמעע וועלען ווארטען הינטער דער שטאָדט, — האָט יהושע אויסגערופען, — איך וועל אָפּהאַלטען אונזער אנגריף כדי דו זאָלסט האָבען גענוג צייט דאָרט צו קומען און צו ראטעווען זיין טאָכטער. אָבער דו וועסט ניט קענען אריינגעהן דורך דעם טויער פון חברון, ווייל דאָרטען וועסטו באגעגענען פילע שטערונגען. די וועכטער וועלען דיר גלייך באַפאַלען. דו וועסט מוזען ארויפקלעטערען דעם בארג און פון דאָרטען צוקומען צו דעם קעניגליכען פאַלאַץ.

— דער אנגריף דארף געמאכט ווערען אזוי שנעל ווי איך וועל אריין אין שטאָדט! — האָט אליאב זיך אָפּגערופען, — כדי דורך דעם אָפּציהען די אופמערקזאמקייט פון ד מענשען פון פאַלאַץ.

— דאַן וועט אָבער די געפאהר פאר דיין לעבען און דעם לעבען פון זיין טאָכטער גרעסער ווערען, — האָט יהושע איהם געענטפערט.

— איך וועל זיך איבערטהאָן אין די קליידער פון איינעם פון די איינוואָהנער פון מקדה, און איך וועל זאָגען די וועכטער אז איך בין דער איינציגער לעבעדיגער וואָס איז פארבליבען פון יענער שטאָדט און איך האָב זעהר וויכטיגעס איבערצוגעבען דעם קעניג. דאַן וועל איך קיין שוועריג־

קייט ניט האָבען צוקומען צום פּאַלאַץ. און יעצט, מיין האר, ווייל איך אז דו זאָלסט מיר געבען דעם רינג וואָס מען האָט אוועקגענומען ביים קעניג פון חברון. דורך זיין רינג וועט מיר זיין א סך גרינגער צוקומען צו דעם נייען קעניג.

יהושע האָט איהם געגעבען דעם רינג פון דעם קעניג פון חברון.

— איך בעט דיר, זיי זעהר פּאָרזיכטיג, — האָט זיך דער אומגליקליכער פּאטער אָבגערופען מיט א ציטערנדיגער שטימע, — זי איז אונזער איינציגע טאָכטער, און יעצט אז מיר האָבען דערהערט אז זי לעבט נאָך, האָט זיך ביי אונז ווידער ערוואַכט די האָפנונג אז מיר וועלען זעהן אונזער טאָכטער צווישען די לעבענדיגע.

— נאָך אַלעמען קענסטו דאָך ניט זיכער זיין אז די אידישע מיידעל וועגען וועלכער דער קעניג פון חברון האָט גערעדט, איז דיין טאָכטער, ווייל ניט נאָר איין מיידעל פון ישראל איז געפאַנגען געוואָרען.

— אה, מיין האר, לויט אַלע סימנים און דער אָנגעגעבענער צייט, בין איך זיכער אז זי איז מיין טאָכטער, זאָל נאָר גאָט איהר בעשיצען און ער זאָל זי מיר צוריק ברייננגען א לעבענדיגע.

— זאָג מיר איהר נאָמען, ווייל איך וועל דאָך ניט וויסען ווער זי איז, און איך וועל אהר מוזען רופען ביי איהר אידישען נאָמען.

— איהר נאָמען איז מרים, דעם נאָמען האָבען מיר איהר געגעבען נאָך משה׳ס שוועסטער. מיר האָבען געבעטען גאָט אז ווען זי וועט אויסוואַקסען זאָל זי זיין אזוי גוט און גאָטספאָרכטיג ווי מרים.

אליאב האָט שנעל אָנגעטהאָן אנדערע קליידער. ער האָט אונטער זיין מאנטעל געטראָגען א שווערד, און איז גלייך אוועקגעריטען צו מזרח פון חברון. ווען ער איז צוגעקומען צום בארג, האָט ער געזעהן אז עס וועט פאר איהם אונמעגליך זיין ארויפצורייטען אהין מיט זיין פּערד. דאריבער האָט ער דאָס פּערד צוגעבונדען צו א בוים און ער האָט אליין גענומען קלעטערען.

ארויפקומענדיג אויף דעם שפּיץ בארג, האָט ער געקענט זעהן די גאַנצע שטאָדט חברון. ער האָט גלייך דערזעהן א פּרעכטיגע געביידע וואָס איז גע־שטאַנען אין מיטן שטאָדט, און ער האָט פאַרשטאַנען אז דאָס איז דער פּאַלאַץ.

ניט טראַכטענדיג קיין סך האָט ער זיך געלאָזען צו יענער ריכטונג.

ווען ער איז צוגעקומען צום פּאַלאַץ, האָבען איהם דעם קעניג׳ס לייב־וועכטער פאַרהאַלטען.

— ווער ביזטו און וואָס דאַרפסטו אין פּאַלאַץ? — האָט איהם איינער פון די וועכטער געפרעגט.

— איך בין פון מקדה, איך האָב זיך געראַטעוועט פון דעם שווערד פון ישראל און איך האָב זעהר וויכטיגעס איבערצוגעבען דעם נייעם קעניג פון חברון.

— מיר וועלען פרעגען דעם קעניג אויב ער וויל דיך זעהן, — האָט דער לייב־וועכטער געזאָגט, און ער איז אריין אין פּאַלאַץ און איבערגעגעבען דעם קעניג אז א מאַן פון דער שטאָדט מקדה האָט עפּעס וויכטיגעס צו ריידען מיט דעם קעניג.

— ברייננט איהם אריין, אָבער זאָל די וואך פארשטארקט ווערען ארום מיר. שיק אויך אריין נאך צעהן לייב־וועכטער מיט בלויזע שווערדען.

דער לייב־וועכטער האָט זיך פארנייגט און באלד איז ער צוריקגעקומען מיט אליאב׳ן אין דער בעגלייטונג פון נאך צעהן וועכטער.

אליאב האָט באמערקט ווי פיעלע פון דעם קעניג׳ס בעאמטע וועלכע זיצען ארום דעם טראָן, שיינען צו זיין אומעטיג און בעזאָרגט. אָבער נעבען יונגען קעניג שטעהט דער שר המשקים און פילט אָן זיין בעכער, און דער קעניג ליידיגט איהם אויס.

— מיין הער קעניג! — האָט זיך אליאב אָפּגערופען, נאכדעם ווי ער האָט זיך פערנייגט מיט דעם פּנים ביז צום באָדען, — איך האָב פאר דיר א גרוס פון דעם פריהערדיגען קעניג פון חברון.

א יאמער האָט גלייך אויסגעבראָכען צווישען די מיניסטאָרען און בעאמטע פון פאלאץ.

— מיר זיינען פארלאָרען! מיר זיינען פארלאָרען! — האָבען די בעאמטע געקלאָגט, — דער אלטער קעניג לעבט נאך און ער וועט אן אונז אלעמען נקמה נעמען.

— דו אומווירדיגער ליגנער! — האָט דער קעניג א שליידער געטהאָן זיין בעכער אויף אליאב׳ן, — בינדט איהם און ווארפט איהם אריין אין געפענגניס.

די לייבוועכטער האָבען א נעהם געטהאָן אליאב׳ן און האָבען איהם גענומען בינדען.

— איהר נאראָנים וואָס איהר זייט! — האָט זיך אליאב אָפּגערופען צו די בעאמטע און די מיניסטאָרען, — ווער האָט אייך געזאָגט אז דער פריהערדיגער קעניג לעבט! פארקעהרט. איך האָב דאָ געבראכט באווייזע אז ער איז טויט.

— ער איז טויט! — האָבען אלע מיט אמאָל אויסגערופען מיט פאר־לייכטערונג.

— געוויס איז ער טויט!—האָט אליאב נאך העכער א געשריי געטהאָן.

— בינדט איהם אָפּ! — האָט דער קעניג באפוילען.

מען האָט פון אליאב׳ן ארונטערגענומען די שטריק און ער האָט זיך דערנעהנטערט צום קעניג און געזאָגט:

— יהושע און זיין ארמעע האָבען געהאט א גרויסען זיעג איבער די פינף קעניגע. זיי האָבען פארניכטעט די גאנצע פעראייניגטע ארמעע. איך האָב זיך געמאכט פאר טויט און אומבאמערקטערהייט בין איך ארויסגעקראָכען פון צווישען די טויטע און איך בין אנטלאָפען. לאנג בין איך געלאָפען ביז וואנען איך בין מיעד געוואָרען. דאן האָב איך דערזעהן א טיעפע פינסטערע הייל ניט ווייט פון אונזער שטאָדט מקדה, בין איך אהין אריין זיך צו באהאלטען. איך בין דאָרט אזוי געלעגען א היבשע ווייל און פלוצים האָב איך דערהערט טריט און א שטילען געשפרעך. איך בין אויפגעציטערט געוואָרען. איך האָב געמיינט אז אונזערע שונאים האָבען מיר באמערקט און זיינען געקומען מיך טויטען. באלד אָבער איז מיין איבערראשונג נאך גרעסער געוואָרען. פון זייער געשרעך וואָס האָט זיך דערטראָגען צו מיינע אויערען האָב איך פארשטאנען אז זיי זיינען די פינף מלכים וועלכע זיינען אנטלאָפען געוואָרען.

און דאָס זיינען זיי אהער געקומען אויסצובעהאַלטען פון שונא. איך האָב זיך גענומען מוטה און בין צו זיי צוגעגאַנגען, און ווי נאָר איך האָב אויסגערעדט א וואָרט האָבען זיך אלע שטארק דערשראָקען און האָבען גענומען שרייען אַז זיי זיינען פארלאָרען. איך האָב זיי באַלד ערקלעהרט ווער איך בין און ווי אזוי איך קום דאָ אהער. רופט זיך אָפּ צו מיר דער קעניג פון מיין לאַנד, אַז עס איז מיין פליכט ארויסצוגעהן פון דיזער הייהל און וואכען איבער זיי און אויב איך וועל פון ווייטען דערזעהן אז דער שונא קומט אָן אין דיזער ריכטונג זאָל איך זיי גלייך אָנזאָגען און זיי וועלען פון דאָרטען אנטלויפען. איך האָב צוגעשטימט, און איידער איך בין ארויס פון הייהל איז צו מיר צוגעקומען דער קעניג פון חברון און האָט מיר געזאָגט:

— אויב מיר וועלען אריינפאַלען אין די הענד פון דעם שונא און דיר וועט געלינגען צו אַנטלויפען, פארלאנג איך פון דיר דו זאָלסט מיט מיר טהאָן אַ חסד. אין פּאַלאַץ אין חברון האָב איך איבערגעלאָזען זעהר אַ שעהנע יונגע מיידעל מיט׳ן נאָמען מרים, וועלכע איך האָב געהאָפט צו מאַכען פאר דער קעניגין פון חברון, און אויב דער שונא וועט מיך טויטען, זאָלסטו אוועק אין מיין פאַלאַץ און איבערגעבען מיין נאָכפאָלגער מיין ברכה. זאָג איהם, אַז ער זאָל די שעהנע מיידעל נעהמען פאר זיך און איהר קרוינען קעניגין. און אַלס צייכען האָט ער ארונטערגענומען זיין רינג און מיר איבערגעגעבען. דיזען רינג — האָט ער געזאָגט — זאָלסטו איבערגעבען מרים׳ן אלס א סימן אז איך באפריי זי פון דער שבועה וואָס איך האָב איהר געגעבען איידער איך בין אַרויס אויף מלחמה.

אליאב האָט ארויסגענומען דעם רינג און געצייגט דעם קעניג.

— אָבער דו האָסט נאָך אונז אַלץ ניט דערצעהלט ווי אזוי דו ביזט זיכער אז דער קעניג איז טויט?! — האָט זיך איינער פון די מיניסטאָרען צו איהם געווענדעט.

— אָט וועל איך דערצו קומען, — האָט אליאב פאָרטגעזעצט, — איך האָב גענומען דעם רינג ביים קעניג און איהם פארשפּראָכען צו טהאָן זיין פאַרלאַנג. איך בין ארויס פון דער הייהל און זעהענדיג אַז קיינער איז דאָרטען ניטאָ, האָב איך ארויפגעקלעטערט אויף א הויכען בוים צו זעהן אז קיינער קומט ניט אָן. איך בין אזוי געזעסען אויף דעם בוים ביז נאָך האַלבען טאָג, און פּלוצלינג האָב איך דערזעהן רייטער אויף פערד קומען אָן אין דער ריכטונג פון הייהל. איך האָב גענומען שנעל אַראָפּקלעטערען פון בוים אָנצוזאָגען די בעהאַלטענע קעניגע, אָבער איידער איך האָב באַוויזען ארונטערצוקלעטערען זיינען שוין געוועזען ניט ווייט פון הייהל. איך האָב געזעהן אז יעצט וועל איך שוין די קעניגעניט קענען העלפען און דאריבער האָב איך צוריק ארויפגעקלעטערט אויף דעם בוים און נאָכגעקוקט וואָס וועט ווייטער פאָרקומען. איך האָב באַמערקט ווי אימיצער צייגט אָן אויף דער הייל. מיין האַרץ האָט אין מיר אָנגעפאנגען צו ציטערן... באַלד זעה איך ווי זיי צינדען אָן פאַקעלען און געהן ארונטער אינעווייניג. עס האָט לאַנג ניט געדוירט און איך זעה ווי די אידישע סאָלדאַטען פיהרען ארויס די פינף מלכים. און דאַן האָב איך געזעהן ווי זייער פיהרער יהושע קומט אָן.

— און ווי זעהט ער אויס?! — האָט דער קעניג געפרעגט אליאב׳ן, —

איז עס אמת אז ער איז הויך און העלדיש.

— יאָ, מיין הערר קעניג, עס געהמט אָן א מורא יעדען איינעם וועלכער דערזעהט איהם. גרויס איז מיין צער געווען ווען איך האָב געזעהן ווי מען פיהרט די פינף מלכים, און ווי זייער פיהרער יהושע קלייבט אויס א הויכן בוים און הייסט זיי אויפהענגען. אה, ווי גרויס מיין שרעק איז געווען ווען איך האָם באמערקט ווי יהושע קוקט ארויף אויבען, זוכענדיג מיט זיינע אויגען אויסצוקלייבען א הויכען בוים צו מאכען א תליה פאר די מלכים. וויפיל האָט געפעהלט אז ער זאָל אויסקלייבען דעם זעלבען בוים אויף וועלכען איך בין געזעסען בעהאלטען... איך האָב געמיינט אז אָט אָט פאל איך ארונטער פון בוים.

אליאב האָט גערעדט מיט אזוי פיעל איבערצייגונג, אז דער קעניג און די אלע וועלכע זיינען געזעסען ארום דעם קעניג האָבען זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער געשפאַנטקייט.

— האָסטו אליין געזעהן אז מען האָט די קעניגע געהאנגען? — איז שוין דער נייער קעניג אומגעדולדיג געוואָרען.

— יאָ, מיין האר קעניג, מיינע אייגענע אויגען האָבען עס אלעס צוגעזעהן. איינעם נאָכ׳ן צווייטען האָט מען זיי געהאנגען, און מען האָט נאָכהער זייערע קערפּערס אין דערזעלבער הייהל אריינגעוואָרפען און איך האָב געזעהן ווי מען האָט א קופּע שטיינער אויפגעשטעלט אויף דעם אריינגאנג פון הייהל.

— נו, יעצט זייט איהר שוין זיכער אז דער פריהערדיגער קעניג איז טויט? — האָט זיך דער נייער קעניג אָפּגערופען צו זיינע מיניסטאָרען און בעאַמטע.

זיי האָבען אלע פרעהליך צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— און וואוהין האָבען זיך די מחנות פון יהושע׳ן פארנומען נאכדעם? — האָט איינער פון די בעאַמטע געפרעגט אליאב׳ן.

— איך האָב באמערקט ווי זיי האָבען זיך פארנומען נאָך צפון זייט! — האָט אליאב געזאָגט, — ווען איך האָב געזעהן אז זיי זיינען פון יענעם פּלאַץ אוועק, בין איך ארונטער פון בוים און בין שנעל געלאָפען אהער איבערצוגעבען דעם קעניג אלעס וואָס איך ווייס און אויך דעם רינג וואָס דער פריהערדיגער קעניג האָט מיר געגעבען איבערצוגעבען מרים׳ן. און דאמיט זי באפרייען פון זיין שבועה.

— אָה, יעצט פארשטעה איך פארוואָס זי האָט מיר ניט געלאָזען זיך צוריהרען צו איהר!... — האָט דער נייער קעניג אויסגערופען, — זי איז געווען אונטער א שבועה. איך האָב זיך געוואונדערט פאר וואָס זי האָט זיך זעהר אומגליקליך געפיהלט ווען איך האָב איהר געזאָגט אז איך וועל זי מאכען פאר מיין קעניגין.. יעצט ווערט אלעס קלאָר פאר מיר.. זאָל מען זי גלייך אריינשיקען אהער!... און דו וועסט אליין איהר איבערגעבען דעם קעניג׳ס רינג און איהר זאָגען אז זי איז באַפרייט פון זיין שבועה... און יעצט לאָמיר אלע טרינקען וויין.

דער קעניג האָט געהייסען דעם שר המשקים ברייגגען נאָך וויין. און יעצט האָבען אלע גענומען זויפען.

ווען דער שר המשקים האָט דערלאנגט א בעכער מיט וויין אויך צו

אליאב׳ן, האט ער איהם געזאגט, אז ער וועט ניט טרינקען ביז וואנען ער וועט זיין גאנצע שליחות דורכפיהרען.

באלד האט זיך א זייטיגע טהיר פון פאלאץ געעפענט און א וואונדער־שעהנע יונגע מייידעל האט זיך באוויזען אין באגלייטונג פון צוויי קאמער־מיידלעך.

אליאב האט באמערקט ווי זי האלט איהר קאפ ארונטערגעלאזט און א טרויער באדעקט איהר שעהנעם פנים. זי קוקט זיך אויף קיינעם ניט אום. מען פיהרט איהר צו צום קעניג. זי געהט מיט לאנגזאמע טריט.

— קום אהער, דו שעהנסטע צווישען אלע מיידלעך! — האט דער קעניג זיך צו איהר אפגערופען, — איך האב דיר א פרעהליכע בשורה אנ־צוזאגען. היינט וועל איך פייערן מיין חתונה מיט דיר!

מרים האט פארשטעלט איהר פנים מיט איהרע הענד און זיך פאנאנדערגעוויינט.

— דו האסט שוין ניט וואס צו וויינען! — האט דער קעניג זי אנגע־נומען פאר דער האנד, — דו ביזט שוין פריי פון דער שבועה!

מרים האט אויף איהם א קוק געטהאן מיט ערשטוינונג.

— איך זעה אז דו וואונדערסט זיך פון וואנען איך האב אויסגעפונען אז דו ביזט אונטער א שבועה, — האט דער קעניג מיט א שמייכעל זיך אפגערופען, — זעהסטו אז פאר מיר זיינען קיינע סודות ניטא? די געטער האבען מיר אלעס ענטדעקט.

מרים׳ס ערשטוינונג איז נאך גרעסער געווארען, און ווען זי איז עטוואס צו זיך געקומען, האט זי מיט א שוואכע שטימע אויסגערופען:

— וואס פאר א שבועה?!...

— די שבועה וואס דער פריהעריגער קעניג האט דיר געגעבען... דו דארפסט יעצט שוין מעהר זיך ניט שרעקען פאר איהם... ער איז טויט... און יעצט וועל איך דיר פארשטעלען דעם שליח פון דעם קעניג דורך וועמען ער האט פון דיר זיין שבועה ארונטערגענומען.

באלד איז אליאב צוגעגאנגען צו איהר. אבער זי האט נאך אלץ געהאלטען איהר אויגען ארונטערגעלאזען.

— איך האב דיר זעהר וויכטיגעס איבערצוגעבען! — האט אליאב זיך צו איהר געווענדעט. — איך וועל דיר איבערצייגען אז דו דארפסט שוין מעהר זיך ניט שרעקען פאר דער שבועה וואס דער קעניג האט דיר געגעבען איידער ער איז אויף מלחמה אוועק.

מרים האט אפגעטראטען עטליכע טריט אויף צוריק און געוואלט אויס־שרייען אז ער איז א ליגנער און א בעטריגער, ווייל זי האט קיינמאל קיין שבועה צו קיינעם ניט געגעבען, אבער צופעליג האבען זיך זייערע אויגען באגעגענט. זי האט דערזעהן א פנים פון א שעהנעם יונגען מאן וואס קוקט צו זיין אזוי אנדערש ווי די איבעריגע. און גלייכצייטיג האט זי באמערקט אז ער האט צו איהר א וואונק געטהאן מיט אן אויג. זי האט דאריבער געשוויגען...

— ווי אזוי וועל איך קענען זיין זיכער אז די שבועה איז פון מיר ארונטערגענומען געווארען?! — האט זי שוין עפעס אנגעפאנגען צו

פאַרשטעהן. — האָט ער דען מיט וואָס מיר איבערצוצייגען?

— געוויס! — האָט דער קעניג געזאָגט מיט אַ צופרידענעם שמייכעל.

— צייג איהר דעם רינג.

אליאב האָט ארויסגענומען דעם רינג און געוואָלט צייגען, אָבער ער האָט געמאַכט אַז דער רינג זאָל צופעליג ארויספאַלען פון זיין האַנד.

די אַלע בעאַמטע און וועכטער וועלכע זיינען געשטאַנען נעבען זיי, האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן אויפצוהויבען דעם רינג. און ווען אליאב האָט באַערקט אַז אַלעמענס אויגען זיינען געווענדעט צו דעם פּלאַץ וואו דער רינג האָט זיך אַ קייקעל געשהאָן, האָט ער זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט און שטילערהייד געזאָגט צו מרים׳ן:

— שרעק זיך ניט, איך בין געקומען דיר העלפען!

מען האָט אויפגעהויבען דעם רינג און איהם איבערגעגעבען צו אליאב׳ן, און ער האָט איהם דערלאַנגט מרים׳ן.

— דער קעניג פון חברון האָט מיר געהייסען דיר זאָגען אין זיין נאָמען, אַז אויב ער וועט געטויטעט ווערען וועסטו באַפרייט ווערען פון זיין שבועה וואָס ער האָט דיר געגעבען אַז דו זאָלסט קיינמאָל ניט הייראַטען מיט זיין נאָכפאָלגער. און יעצט דאַרפסטו קיין מורא ניט האָבען און צושטימען צו הייראַטען מיט דעם נייעם מעכטיגען קעניג פון חברון.

מרים האָט גענומען דעם רינג פון זיין האַנד און איהם באַטראַכט.

— נו, וואָס וועסטו יעצט זאָגען, דו שעהנסטע צווישען אַלע פרויען?!

— האָט דער קעניג מיט אַ שמייכעל פון נצחון זיך אָפּגערופען, — יעצט וועסטו דיין טרויער אוועקוואַרפען... דו וועסט שוין מעהר ניט דאַרפען פאַרגיסען קיין טרעהרען און מורא האָבען אַז די געטער וועלען דיר באַשטראָפען פאַר׳ן עובר זיין די שבועה.

— מיין האַר קעניג, — האָט מרים געזאָגט מיט אַ לייכטען שמייכעל אויף איהרע ליפּען, — איך בין גליקליך צו הערען די רייד פון דעם פרעמדען, אָבער אין דערזעלבער צייט האָב איך איהם געוואָלט שטעלען אייניגע פראַגען. וועט מיר דער קעניג ערלויבען דאָס צו טהאָן?

— אַלע דיינע פאַרלאַנגען וועל איך ערפילען! — האָט דער קעניג איהר געענטפערט, — דו קענסט איהם פרעגען אַלעס וואָס דו ווילסט.

מרים האָט זיך ארומגעקוקט און געזעהן ווי אַלעמענס בליקען זיינען געווענדעט אויף איהר. זי האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט איהר קאָפּ אויף ניין.

— פאַרוואָס פרעגסטו איהם ניט דיינע פראַגען? — האָט דער קעניג זיך צו איהר אָפּגערופען.

— איך קען דאָס ניט טהאָן אין דער געגענוואַרט פון אַזוי פיעל מענשען, — האָט מרים געענטפערט, — אויב דער קעניג איז גנעדיג צו מיר זאָל ער מיר ערלויבען איהם צו שטעלען די פראַגען איז אַ באַזונדערען פּלאַץ וואו איך וועל מיט איהם קענעןריידען אַליין אַז קיין צווייטער אויסער איהם וועט מיינע פראַגען ניט הערען.

— דאָס ערלויב איך דיר אויך! — האָט דער קעניג געזאָגט, — און יעצט קלייב זיך אויס אַ פּלאַץ. איך וועל דאָ וואַרטען מיט די איבריגע ביז וואַנען דו וועסט קומען און מיר געבען דיין ענטפער אַז דו ביזט צו

פרידען צו ווערען די קעניגין פון חברון.

— איך וועל מיט איהם רעדען אין יענעם ווינקעל! — האָט מרים אָנגעוויזען אויף אַ ווינקעל וואָס איז געווען גאַנץ ווייט פון טראָהן, — דאָרט וועט מיך קיינער ניט הערען.

— גוט, געה מיט איהר צו אַהין, — האָט דער קעניג זיך געווענדעט צו אליאב׳ן, — מיר וועלען דאָ אַלע וואַרטען אַ קליינע ווײַלע.

מרים איז געגאַנגען פאָראויס און אליאב האָט איהר נאָכגעפאָלגט. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו יענעם ווינקעל האָט זיך מרים צו איהם געווענדעט אין דער שטיל: „ווער ביזטו?“

— איך בין פון ישראל! — האָט אליאב איהר שטיל געענטפערט, — און איך בין געשיקט געוואָרען פון דיין פאָטער און פון יהושע׳ן דיך ארויסצוראַטעווען איידער יהושע וועט נעהמען שטורמען די שטאָדט. מיר האָבען זיך וועגען דער דערוואוסט ווען מיר האָבען געטויטעט דעם קעניג פון חברון, ער האָט אונז אָנגעבאָטען אַז אויב יהושע וועט איהם לאָזען לעבען, וועט ער דיך פריי לאָזען, און יעצט בין איך אַהער געקומען מיט דעם רינג און אָפּגענאַרט דעם קעניג.

— און וואָס מאַכט מיין פאָטער און מוטער? — האָט מרים קוים באַהערשט איהרע טרעהרען.

— פרידען איז צו זיי, — האָט אליאב שנעל געענטפערט, — יעצט דאַרף מען זעהן ווי אַזוי איך וועל דיך קענען רעטען.

— איך ווייס ניט אויב דיר וועט זיך עס איינגעבען, די וואַך ארום פאַלאַץ איז זעהר גרויס, און ווען דו זאָלסט מאַכען דעם קלענסטען פארזוך, וועט מען זיך גלייך כאַפּען.

— הער זיך איין צו מיין עצה! — האָט אליאב זיך אָפּגערופען, — דו זאָלסט גלייך צוגעהן צו דעם קעניג און איהם זאָגען אַז דו שטימסט איין אַז די חתונה זאָל פאָרקומען היינט אין אָוונט, און היים אַלעמען טרינקען ווײַן... דו וועסט זיך אויך מאַכען טרינקענדיג און ווען דער קעניג און די איבעריגע וועלען זיין גוט שכור, וועט שוין זיין ניט זיין שווער דורכצופיהרען מיין פּלאַן.

— און וואָס איז דיין פּלאַן? — האָט זי איהם געפרעגט.

— איך האָב זיך נאָר וואָס דערמאָנט אַז רחב, די יעצטיגע פרוי פון יהושע׳ן האָט אויף איהר פענסטער ארויסגעהאַנגען אַ רויטען שנור כדי מען זאָל וויסען אַז זי געפינט זיך דאָרט עס זאָל זיין מעגליך איהר צו רעטען. די זעלבע זאַך וויל איך דו זאָלסט אויך טהאָן. בינדט צו אַ שנור צו דיין פענסטער, וועל איך וויסען וואו דו געפינסט זיך, דו וועסט שטעהן נעבען דעם פענסטער, און ווען דיר וועט געלינגען ארויסצושיקען דיינע דינסטען אויף אַ ווײַלע, זאָלסטו מיר געבען אַ צייכען און דאַן וועל איך דיר העלפען אַרונטערצונידערען פון דיין פענסטער און מיר וועלען צולויפען צום באַרג דאָרט, אויף דער צווייטער זייט פון באַרג געפינט זיך מיין פערד און ווען מיר וועלען שוין זיין דאָרט וועלען מיר זיין געזיכערט.

— אָבער דו ווייסט דאָך אַז אויך אין יענער זייט געפינט זיך אַ וועכטער און ער וועט אונז זיכער באַמערקען!

— דאָס לאָז איבער צו מיר, האָב קיין מורא ניט און טהו אַלעס וואָס איך האָב דיר געזאָגט. איך באַמערק אַז דער קעניג ווערט שוין אומגעדולדיג. אויב ער וועט דיך פרעגן וואָס דו האָסט גערעדט מיט מיר אזוי לאַנג, זאָלסטו איהם ענטפערען, אַז היינט ביינאַכט וועסטו איהם אַלעס דערצעהלען.

מרים און אליאב האָבען זיך אומגעקעהרט צו זייערע פּלעצער. און דער קעניג האָט זיך גלייך געווענדעט צו איהר:

— ווי איך זעה האָסטו געהאַט זעהר פיעל פראַגעס איהם צו שטעלען, איז דאָס אַ סוד אויך פון מיר?

— ניין, מיין האַר קעניג, דאָס וועט זיין אַ סוד בלויז ביז היינט אָוועגט, און נאָכדעם ווי מיר וועלען הייראַטען, וועל איך דיר אַלעס ענט־דעקען, דאַן ווען איך וועל צו דיר געהערען, וועל איך דאָך פון דיר קיינע סודות ניט האָבען.

— דאַן שטימסטו צו צו אונזער הייראַט? — האָט דער קעניג אַ פרעהליכער געפרעגט.

— געוויס! — האָט מרים געענטפערט, — און יעצט וויל איך אַז אַלע זאָלען זיך פרעהען. זאָל יעדער טרינקען ווין וויפיעל זיין האַרץ גלוסט, ווייל דיזער טאָג איז דער גליקליכסטער אין מיין לעבען.

— ווין! נאָך ווין! — האָט דער קעניג געגעבען אַ באַפעהל.

מען האָט אריינגעבראַכט זעהר פיעל ווין און מרים אַליין איז צוגע־גאַנגען צו דעם שר המשקים און געזאָגט:

— איך וויל יעצט האָבען די עהרע אָנצופילען דעם קעניגליכען בעכער מיט ווין. זי האָט אָנגעגאָסען אַ פולען בעכער ווין און דער קעניג האָט איהם גלייך אויסגעליידיגט. זי האָט אָנגעפילט אַ צווייטען, אַ דריטען און דער קעניג האָט געטרונקען. דערנאָך האָט זי געהייסען אַלע מיניסטאָרען און באַאמטע אָנפילען זייערע בעכער צו עטליכע מאָל. ווען זי האָט געזעהן אַז דער ווין האָט אויף אַלעמען געווירקט, האָט זי אָנגעפילט אַ בעכער אויך פאַר זיך און אויפגעהויבען דעם בעכער, האָט זי אויסגערופען:

— יעצט לאָמיר אַלע טרינקען פאַר דעם געזונט פון דעם נייעם קעניג פון חברון!...

ווען אַלע האָבען אריינגעגאָסען אין זיך נאָך צו בעכער ווין, האָט זיך אליאב אויפגעשטעלט און אָנגעפילט אַ בעכער ווין, פאַר זיך און אויסגערופען:

— לאָמיר יעצט טרינקען נאָך אַ בעכער פאַר דעם געזונט פון דער צוקונפטיגער קעניגין פון חברון.

דער קעניג און די איבעריגע האָבען נאָך אַמאָל געטרונקען, און קיינער האָט גאַרניט באַמערקט ווי אליאב און מרים האָבען זייער ווין אויסגעגאָסען און צו זייערע ליפּען האָבען זיי צוגעטראָגען ליידיגע בעכערס.

— מיין מלוכה ווערט יעצט באַפעסטיגט. — האָט שוין דער קעניג מיט אַ שכור'ע שטימע אָנגעהויבען צו ריידען — טויט איז דער פריהער־דיגער קעניג, ער וועט זיך שוין מעהר ניט אומקעהרען, און די שעהנסטע מיידעל פון מיין לאַנד וועט ווערען די קעניגין. לאָמיר אַלע נאָך אַמאָל

טרינקען און באַדאַנקען די געטער, ווייל זיי זיינען גוט צו מיר.

דער שר המשקים האָט ווידער אָנגעפילט דעם קעניג'ס בעכער, און דער קעניג האָט צוגערופען מרים'ן צו זיך.

זי איז לאַנגזאַם ארויף אויף די עטליכע שטיגען וואָס האָט געפיהרט צום טראָהן און איז געבליבען שטעהן עטוואָס צוטומעלט.

— פיל אָן אויך איהר בעכער! — האָט ער דעם שר המשקים באַפוילען.

דער שר המשקים האָט אָנגעפילט איהר בעכער, און איהם איבערגע־געבען צו דער שעהנער מרים, וועלכע האָט איהם גענומען מיט ציטערענדע הענד.

— היינט איז דער גליקליכסטער טאָג פון מיין לעבען. און היינט וועט אויך זיין דער גליקליכסטער טאָג פון אַלע איינוואוינער פון מיין לאַנד, — האָט דער קעניג זיך אָפּגערופען צו מרים'ן און געמאַכט פאַר איהר פּלאַץ זי זאָל זיך זעצען נעבען איהם אויפ'ן טראָהן. — זעץ זיך נעבען מיר און לאָמיר צוזאַמען דאַנקען די געטער.

מרים האָט זיך געזעצט, און דער קעניג האָט איהר געוואָלט אַ קוש טהאָן, אָבער זי האָט פלינק צוגעטראָגען דעם בעכער צו איהר מויל.

— מיין האַר, קעניג, דאָס וועט די געטער זיכער ניט געפעלען ווערען.
— האָט זי אין דער שטיל געזאָגט, — מיר דאַרפען אַז זיי זאָלען באַוויליגען און אונז זייער ברכה געבען. דאַריבער וואַרט ביז וואַנען מיר וועלען פייערען אונזער חתונה, דאַן וועסטו מיר אויך דיין ערשטען קוש געבען.

— איך וועל הייסען אַלעמען זיין גרייט צו דער חתונה! — האָט דער קעניג זיך אָפּגערופען, — מען וועט גלייך דאַרפען אָנפאַנגען צוגרייטען דעם מאָלצייט. זאָלען אַלע מיינע קנעכט וועלכע גרייטען צו מיין שפּייז אריינקומען.

באַלד זיינען אַלע דיענער, וועלכע האָבען צו טהאָן מיט דער קעניג־ליכער שפּייז, אריין אין פּאַלאַץ און זיך פאַרנייגט:

— אַ גרויסאַרטיגע קעניגליכע סעודה דאַרף צוגעגרייט ווערען פאַר היינט אָווענט, — האָט ער באַפוילען, — און איך וויל אַז איהר זאָלט זיך גלייך נעהמען צו דער ארבייט, ווייל מיינע געסט וועלען זעהר פיעל זיין. יעדער איינער פון מיין פּאַלאַץ וועט מוזען צולעגען אַ האַנד כדי דער מאָל־צייט זאָל זיך ניט פאַרשפּעטיגען.

— יעצט, מיין האַר קעניג, וועל איך פון דיר פאַרלאַנגען דו זאָלסט מיר ערלויבען צו געהן צוריק אין מיין צימער. איך וועל זיך דאָך דאַרפען צוגרייטען. איך וועל אָנטהאָן די שעהנסטע קליידער, און איך וועל זעהן אַז די דינסטען זאָלען מיר העלפען זיך אויספּוצען. עס וועט דויערען אַ היבשע ווײַלע, און דאַריבער וויל איך האָבען גענוג צייט דאָס צו טהאָן.

— געוויס, דו ביזט גערעכט, דו וועסט היינט בייניאַכט מוזען אויס־קוקען נאָך שעהנער ווי דו ביזט... געה קלייב זיך אויס די שעהנסטע קליידער, און אויב עס וועלען דיר זיין ווינציג דינסטען קענסטו צוקריגען נאָך.

— די דינסטען וועלכע געפינען זיך מיט מיר זיינען זעהר פעהיג און

איך וועל זיך ניט נויטיגען אין אַנדערע — האָט מרים געזאָגט, און זיך אויפגעהויבען פון איהר פּלאַץ און געבליבען שטעהן אַ ווײַלע וואַרטענדיג אַז דער קעניג זאָל איהר די ערלויבעניש געבען.

— זאָלען אַלע דינסטען אַרײַנקומען אהער! — האָט דער קעניג אויסגערופען, — און זאָלען זיי די צוקונפטיגע קעניגין באַגלייטען צו איהר צימער.

מרים האָט זיך פאַרנייגט און איז אַרויס פון פּאַלאַץ אין דער באַגלייטונג פון די דינסטען.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

ווען אליאב האָט געזעהן אַז מרים איז אַרויס פון דעם פּאַלאַץ, האָט ער יעצט גענומען טראַכטען פון אַ פּלאַן ווי אַזוי ער זאָל אויך קענען פון דאַנען אַרויסגעהן, עס זאָל קיין חשד אויף איהם ניט פאַלען. ער האָט באַמערקט ווי אַלע מיניסטאָרען און געסט שכור׳ן, און די לייב־וועכטער און דיענער פאַנגען אָן צוגרייטען די טישען... דער שכור׳ער קעניג האָט זיך שוין אָן איהם אין גאַנצען פאַרגעסען, און די איבעריגע זײַנען פאַרטהאָן אין זויפען... אָבער ווען ער זאָל יעצט נעהמען אַרויסגעהן וועט אויף איהם פאַלען אַ פאַרדאַכט.. ניין, ער מוז געפינען אַן אויסרייד ווי אַזוי פון דאַנען אַוועקצוגעהן.

מיין האַר קעניג! — איז אליאב צוגעגאַנגען צו איהם, — נאָכדעם ווי איך האָב דיר געבראַכט אַזאַ פרעהליכע בשורה, וועגען דעם טויט פון דעם פריהערדיגען קעניג, און וועגען דעם אַז די שבועה איז פון מרים׳ן אַרונטערגענומען געוואָרען, וויל איך פאַרלאַנגען פון דיר אַ טובה.

— זאָג מיר דיין פאַרלאַנג און אויב ער איז ניט צו גרויס, וועל איך איהם זיכער ערפילען, — האָט דער קעניג זיך אָפּגערופען.

— אין מיין שטאָדט געפינט זיך אַ יונגע מיידעל, וועלכע איז באַשטימט געוואָרען צו זיין מיין כלה. זי איז אַנטלאָפען פון שטאָדט נאָך איידער יהושע און זיין אַרמעע זיינען אַהין אַריין, און יעצט וואָלט איך וועלען קריגען די ערלויבעניש אַז אויב מיר וועט געלינגען זי צו געפינען, זאָל איך איהר קענען ברײַנגען אין חברון, און מיר ביידע זאָלען פאַררעכענט ווערען פאַר דיינע בירגער.

— ניט נאָר וועל איך דיר ווילקאָמען אַלס מיין בירגער! — האָט דער קעניג זיך צו איהם אָפּגערופען, — נאָר איך וועל דיר אויך מאַכען פאַר מיינעם אַ באַאמטען, ווײַל דו האָסט אַרײַנגעבראַכט פרייד אין מיין האַרצען... דו האָסט מיר אַ דאָפּעלטע שמחה פאַרשאַפט. ערשטענס, אַז מיין קעניגרייך איז געזיכערט דורך דיין באַשטעטיגונג פון דעם טויט פון דעם פריהערדיגען קעניג, און צווייטענס, דורך דעם וואָס דו האָסט פאַר מיר מעגליך געמאַכט וואָס איך וועל קענען נעהמען די מיידעל נאָך וועלכע מיין האַרץ האָט אַזוי באַגעהרט, פאַר מיין פרוי, ווײַל ביז דיין קומען האָט זי מיך ניט געלאָזט אַפילו אַנריהרען זי... ווי איך פלעג צו איהר צוקומען, פלעגט זי זיך שטאַרק פאַנאַנדערוויינען, אָבער יעצט, מיט דיין קומען האָט זי זיך אין גאַנצען געענדערט. זי איז צו מיר אַליין צוגעגאַנגען און

געזאָגט אַז זי שטימט איין צו ווערען די קעניגין פון מיין לאַנד, און נאָך היינט אין אָוועגט פייער איך אונזער הייראַט, און דאַריבער וועל איך דיר דיזען חסד קיינמאָל ניט פאַרגעסען, און ווען דו וועסט זיך באַזעצען אין חברון און איך וועל זעהן אַז דו ביזט אַ בראַווער מאַן, וועל איך דיר מאַכען פאַר אַ הויפּט אין מיין פּאַלאַץ.

— יעצט מיין האַר קעניג, וויל איך אַז דו זאָלסט מיר ערלויבען צו פאַרלאָזען דיין פּאַלאַץ, ווייל איך בין זעהר באַזאָרגט וועגען מיין כלה... איך מוז איהר געפינען איידער עס וועט פינסטער ווערען.

— אָבער איך וואָלט זעהר וועלען דו זאָלסט זיך באַטייליגען אין דער פייערונג פון מיין חתונה! — האָט דער קעניג געזאָגט.

— איך טאָר אָבער קיין צייט ניט פאַרלירען, און מעגליך אַז איך וועל זי גלייך געפינען און נאָך באַווייזען מיט איהר צוזאַמען צו קומען אין דיין פּאַלאַץ.

— און איך וועל זיין צופרידען אייך ביידען אויפצונעהמען, — האָט דער קעניג זיך אָפּגערופען, — און יעצט קענסטו געהן.

אליאב האָט זיך פאַרנייגט און איז אַרויס פון פּאַלאַץ.

ווען ער איז שוין געווען אין דרויסען, האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט. ער איז צוגעגאַנגען צו די וועכטער וועלכע האָבען איהם מיט אַ ווײַלע צוריק געהאַט געבונדען, און ער האָט מיר זיי פריינדשאַפט געשלאָסען.

— איהר זעהט, איהר האָט זיך נאָך געקוויינקעלט, איהר האָט מיר אין פּאַלאַץ ניט געוואָלט אַריינלאָזען. ווייסט איהר וואָס פאַר אַ גליק איך האָב אייער קעניג פאַרשאַפט מיט מיין קומען?!... און אויב איהר וועט היינט אין אָוועגט אַלע הנאה האָבען פון אַ גוטען מאָלצייט, וועט איהר דאַרפען מיר דאַנקבאַר זיין... דער קעניג האָט מיר נאָר וואָס פאַרשפּראָכען אַז איך וועל קריגען ביי איהם אַ הויכען אַמט אין דער מלוכה... מעגליך, אַז איך וועל נאָך ווערען זיין הויפּט־מיניסטער, — האָט אליאב לאַכענדיג געזאָגט. — זאָל עס דערווייל ביי אייך בלייבען אַ סוד, ווייל אויב דער יעצטיגער הויפּט־מיניסטער וועט עס דערהערען וועט ער אויף מיר זיין ברוגז, און זוכען מיר שלעכטעס צו טהאָן... דערפאַר אָבער מעגט איהר אַלע זיכער זיין, אַז ווען איך וועל דערהויבען ווערען צו אַ הויכען אַמט וועל איך מיט אייך אַלעמען פיעל חסד טהאָן... איך וועל שוין זעהן אַז איהר זאָלט זיך באַטייליגען אין אַלע קעניגליכע שמחות... איהר וועט קריגען גענוג וויין אַזוי ווי די איבריגע אין קעניג׳ס פּאַלאַץ.

— פאַרגיב אונז, מיין האַר, וואָס מיר האָבען דיר פריהער אַזוי שלעכט באַהאַנדעלט. עס איז אונזער פליכט צו היטען דעם קעניג און מיר מוזען פאַרדעכטיגען יעדען פרעמדען פערזאָן וועלכער זוכט אַריינצוקומען אין פּאַלאַץ.

— איך ווייס אַז איהר האָט בלויז געטהאָן אייער פליכט! — האָט אליאב זיי מיט פריינדליכקייט געענטפערט. — און איך בין זיכער אַז ווען איך וועל זיך צוריקקעהרען צום פּאַלאַץ צוזאַמען מיט מיין כלה, וועל איך קיין שוועריגקייטען ניט האָבען.

אליאב האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און באַטראַכטענדיג דעם

פאלאץ, האט ער ווייטער געזאגט:

— איך באוואונדער זעהר דעם פרעכטיגען פאלאץ. יא, איך האב שוין געזעהן פיעלע קעניגליכע פאלאצען, אבער אזא שעהנעם פאלאץ האב איך ניט געזעהן... איך בין נייגעריג צו זעהן ווי דער פאלאץ זעהט אויס אויך פון דער צווייטער זייט.

— אט וועט איינער פון אונז דיר אלעס ארומציייגען, — האט זיך דער הויפט פון די לייב־וועכטער צו איהם אפגערופען.

— ניין, עס איז ניט נויטיג, איך וועל אלץ איינם קיין לאנגע צייט דא ניט פארבלייבען. איך האב נאך צו טהאן א וויכטיגע שליחות פון אייער קעניג, און וועל זיך נאך דארפען צוריקקעהרען היינט אין אווענט אהער.

— וועט טאקע היינט ווירקליך געפייערט ווערען די קעניגליכע חתונה?

— האט איינער פון די וועכטער געפרעגט אליאב׳ן.

— אהן צווייפעל. מען גרייט שוין די טישען אין פאלאץ צו דער סעודה.

— אין מיין מויל איז שוין לאנג קיין גוטער מאלצייט ניט אריינגע־קומען... איך האף אז דער קעניג וועט אויך אן אונז ניט פארגעסען, — האט זיך א צווייטער לייב־וועכטער אפגערופען, און געלעקט זיינע ליפען.

— די קעניגין איז זעהר א גוטע און זי וועט שוין אייך אלעמען באזארגען.

אליאב איז פון זיי אוועק און האט זיך פארנומען אויף דער צווייטער זייט פון פאלאץ. ער האט גענומען טראכטען פון דער שעהנער מרים, און זיין הארץ האט אין איהם א צאפעל געטהאן: וועט איהם געלינגען זי היינט ארויסצוראטעווען?!... איין פאלשען שריט און אלעס וועט זיין פארפא־לען. דערוויל האט ער באגליקט אין זיין וועג... ער האט געוואונען דעם צוטרויען פון דעם קעניג און פון פיעלע פון זיינע באאמטע. יעצט וועט ער מוזען אויסגעפינען וואו דאס פענסטער פון מרים׳ס צימער געפינט זיך. עס זאלען נאר דארטען קיין וועכטער זיך ניט געפינען.

ער האט גענומען געהן ארום די ווענט פון פאלאץ און ארויפקוקען אויבען.

— ווער ביזטו און וואס זוכסטו?! — האט איהם א זייטיגער וועכ־טער אפגעשטעלט.

— און ווער ביזטו וועלכער וואגט מיר אזעלכע פראגען צו שטעלען?

— האט אליאב מיט א געמאכטען צארן זיך אפגערופען.

דער וועכטער האט גלייך ארויסגעצויגען זיין שווערד און זיך פאר־מאסטען געגען אליאב׳ן.

— דו וועסט פאר דיזער באליידיגונג טהייער באצאהלען! — האט אליאב זיך צו איהם אפגערופען, — קום מיט מיר צו די וועכטער פון די טויערען פון פאלאץ און זיי וועלען דיר זאגען ווער איך בין.

דער וועכטער האט מיט זיין בלויזען שווערד אין איין האנט און מיט זיין אנדערער האנט האט ער פעסט צוגעהאלטען אליאב׳ן און איהם צוגע־פיהרט צו די איבריגע וועכטער.

— ער האט מיך שטארק באליידיגט! — האט אליאב זיך אפגערופען

צו די וועכטער, — זאגט איהם ווער איך בין און נאכהער זאל מען עס מעלדען דעם קעניג און זאל ער זיין שטראף באקומען.

— וואס האסטו געטהאן? ! — האט דער הויפט־וועכטער אויף איהם א געשריי געטהאן, — שנעלער נעהם ארונטער דיין האנד פון איהם און ענטשולדיג זיך פאר איהם אז ניט וועט דיין שטראף זעהר גרויס זיין.

דער וועכטער האט זיך שטארק דערשראקען און גלייך ארונטערגענומען זיין האנד פון אליאב׳ן. ער איז געפאלען אויף זיינע קניה און מיט טרעה־רען אין די אויגען זיך געווענדעט צו אליאב׳ן:

— ענטשולדיג מיר, מיין האר, איך האב ניט געוואוסט אז דו ביזט...

— זאל זיין גענוג! — האט אליאב זיך אפגערופען, — איך בין דיר דיזען מאל מוחל, און איך האף אז דעם צווייטען מאל וועסטו וויסען בעסער ווי אזוי צו ריידען צו מיר. — לאזט איהם געהן צוריק צו זיין פאס־טען, — האט ער זיך געווענדעט צו די איבריגע וועכטער.

— געה צוריק! — האט דער הויפט וועכטער זיך צו איהם אפגערופען, — און זאג אן די אנדערע וועכטער וועלכע געפינען זיך ניט ווייט פון דיר, אז זיי זאלען זעהר פארזיכטיג זיין און דיזען פריינד פון אונזער קעניג ניט באליידיגען.

דער וועכטער האט זיך נאך אמאל ענטשולדיגט פאר אליאב׳ן, און איז צוריקגעגאנגען צו זיין פאסטען.

לאנגזאם איז אליאב געגאנגען ארום דעם פאלאץ, און ארויפגעקוקט אין דער הויך. באלד זיינען זיינע אויגען געפאלען אויף שנור וואס איז ארונטערגעהאנגען פון איינעם פון די פענסטער.

יעצט אז ער ווייס שוין וואו איהר צימער געפינט זיך, האט ער שוין פון דארטען זיינע אויגען ניט ארונטערגענומען. ער האט געווארט אויף א צייכען. ווען ער האט אומגעדרעהט זיין קאפ, האט ער באמערקט ווי דער־זעלבער וועכטער קוקט אין זיין ריכטונג. ער קען נאך צושטערען זיין גאנצען פלאן — האט אליאב געטראכט — ער וועט מוזען זעהן צו מאכען איהם אומשעדליך... ער איז נאך אמאל צוגעגאנגען צום וועכטער און געזאגט:

— איך באטראכט דעם וואונדערבארען אויפבוי פון דיזען פאלאץ. דער קעניג וויל הערען מיין מיינונג וועגען זיין פאלאץ. און שטעל זיך פאר, ווען איך וועל איהם דערצעהלען אז דו האסט מיר געוואלט שטערען, ווייסטו וואס דער קעניג וואלט צו דיר געטהאן?

דער וועכטער האט א שאקעל געטהאן מיט׳ן קאפ אויף ניין.

— זעהסטו את דיזען בוים? ער וואלט דיך אויפגעהאנגען פאר׳ן באליידיגען איינעם פון זיינע בעסטע פריינד... איך האף אז דו וועסט ווייטער וויסען, אז מיך דארף מען פאלגען אזוי ווי דו פאלגסט דעם קעניג אליין. גיב מיר דיין שווערד!...

— מיין האר, המ... — האט דער וועכטער זיך דערשראקען.

— דו ווילסט מיר א צווייטען מאל באליידיגען? ! — האט אליאב אויף איהם א געשריי געטהאן.

מיט א ציטערענדע האנט האט דער וועכטער איהם דערלאנגט דעם שווערד.

יעצט זעה איך, אז דו האסט צוטרויען צו מיר! — האט אליאב זיך אפגערופען מיט א שמייכעל, נעהמענדיג דעם שווערד פון איהם, — פאר דעם וועל איך דיר שענקען א מתנה.

אליאב האט ארויסגענומען א שטריק פון זיין קעשענע און האלטענדיג דעם שפיץ פון שווערד געגען איבער דעם וועכטער׳ס הארץ, האט ער איהם באפוילען צוצוגעהן צום בוים.

— אויב דו וועסט ארויסלאזען א געשריי, וועל איך מיט דיין אייגענער שווערד דיין הארץ דורכלעכערען.

— אבער, מיין האר! . . . — האט זיך דער וועכטער אנגעהויבען צו טרייסלען פון שרעק, — פארוואס זאלסטו טרייבען שפאס מיט דיין קנעכט?...

— רייד ניט קיין סך, און טהו וואס איך הייס דיר!

דער וועכטער האט געפאלגט און איז צוגעגאנגען צום בוים.

— יעצט פארלעג דיינע הענט אויף הינטען! — האט איהם אליאב באפוילען. און ווען ער האט אזוי געטהאן, האט אליאב זיינע הענט שטארק צוגעבונדען צום בוים. נאכהער האט ער מיט א טיכעל פארשטאפט זיין מויל.

— בלייב דא שטעהן און דאנק גאט וואס איך האב דיך געלאזט לע־בען! — האט אליאב געזאגט, און נעהמענדיג דעם שווערד אין האנט, איז ער ווידער אמאל צוגעקומען צו דעם פענסטער פון מרים׳ן.

ער האט באמערקט איהר שאטען, און באלד האט זי ארויסגעבויגען איהר קאפ.

— מרים! — האט ער מיט א נידעריגע שטימע אויסגערופען.

— איך בין גרייט! — האט זי איהם געענטפערט.

זי האט גענומען איינינגע פון איהרע קליידער און זיי צוגעבונדען איינע צו דער צווייטער און דאס שטארק צוגעבונדען צום פענסטער, און זי האט זיך גענומען ארונטערלאזען.

אליאב האט אויפגעהויבען זיינע הענט און איהר געהאלפען ארונטער־קומען.

— שנעלער, לאמיר געהן דארטען צום בארג! — האט ער אנגענומען מרים׳ען פאר דער האנט. — דו זעהסט! דעם וועכטער האב איך דאס מויל פארשטאפט און איהם צוגעבונדען צום בוים, און קיינער וועט זיך אזוי שנעל ניט כאפען. און ווי אזוי האסטו ארויסגע׳פטר׳ט די דינסטען?

— איך האב זיי געזאגט, אז איך וויל זיך א ווײלע אפרוהען און זיי זאלען מיר ניט שטערען פאר א היבשע ווײלע.

— אויב אזוי וועלען מיר באוויזען צוצוגעהן אהין איידער אימיצער וועט אויסגעפינען, אז דו ביזט אנטלאפען פון פאלאץ.

ווען זיי זיינען שוין געווען אפגעגאנגען עטליכע הונדערט טריט, האט זיך צו זייערע אויערען דערטראגען א געשריי: העלפט! העלפט!

— דאס האט דער וועכטער באפרייט זיין מויל פון דער טיכעל, וואס איך האב אהין אריינגעשטופט. אבער שרעק זיך ניט, איידער זיי וועלען זיך צוזאמענקומען, וועלען מיר שוין זיין אויף יענער זייט בארג, האט אליאב געזאגט.

מרים האט זיך אנגעהאלטען אין אליאב׳ן ווען זיי האבען געקלעטערט דעם בארג.

— —

— —

אין קעניג׳ס פאלאץ זיינען שוין די טישען געווען געגרייט. דער קעניג אליין האט זיך איבערגעטהאן און ארובגעשמירט מיט פארשידענע שמעקענדע אוילען. שלוחים זיינען ארויסגעשיקט געווארען איינצולאדען דעם קעניג׳ס נאהענטסטע פריינד, וועלכע האבען זיך נאך ניט געפונען אין פאלאץ.

עס האט ניט לאנג געדויערט און די געסט זיינען אנגעקומען.

דער קעניג, עטוואס אויסגעניכטערט פון דעם וויין, האט פארבראכט מיט זיינע גוטע פריינד, דערצעהלענדיג זיי וועגען דער שעהנהייט פון דער צוקונפטיגער קעניגין, און ווי אזוי דער פריהערדיגער קעניג האט איהר געהאלטען אונטער א שבועה און דערפאר האט זי זיך געהאלטען פון דער ווייטען פון מיר.

— מיר זיינען שוין זעהר נייגעריג זי צו זעהן! — האט איינער פון זיינע נאר־וואס אנגעקומענע פריינד זיך אפגערופען.

— באלד וועט זי ארויסקומען! — האט דער קעניג געזאגט מיט א פרעהליכער שטימע. — זי טהוט אן איהרע קליידער און זי וועט אין זיי אויסקוקען נאך שעהנער.

ווען אבער א היבשע ווײלע איז אוועק און זי האט זיך נאך אלץ ניט באוויזען, האט דער קעניג געשיקט רופען איהרע דינסטען.

— פארוואס פארזאמט זיך אייער הארינטע? — האט דער קעניג זיי געפרעגט.

— זי געפינט זיך אין איהר צימער, — האט א דינסט געענטפערט, — זי האט אונז אנגעזאגט מיר זאלען איהר ניט שטערען. זי וועט אליין שיקען נאך אונז.

— אבער עס ווערט שוין שפעט! — האט דער קעניג אויסגערופען, — געהט און זאגט איהר, אז אלע געסט זיינען דא.

די דינסטען האבען זיך פארנייגט און זיינען ארויסגעגאנגען. זיי זיינען צוגעקומען צו דער טיהר פון מרים׳ס צימער און האבען א לייכטען קלאפ געטהאן. ווען זיי האבען קיין ענטפער ניט געקראגען, האבען זיי א צווייטען קלאפ געטהאן.

— זי האט געמוזט אנטשלאפען ווערען! — האט איין דינסט געזאגט צו דער צווייטער.

— מיר וועלען איהר מוזען אויפוועקען.

זיי האבען גענומען נאך שטארקער קלאפען, אבער קיין ענטפער האבען זיי ניט באקומען. זיי האבען גלייך געמאלדען דעם קעניג אז די טיהר פון זייער הארינטע איז צוגעשלאסען און האבען שטארק געקלאפט, אבער זיי האבען קיין ענטפער ניט בעקומען.

— זאל מען אויפעפענען איהר טיהר, פיעלייכט איז זי פאר׳חלש׳ט, —

האט דער קעניג באפוילען, — און אויב מען וועט ניט קענען עפענען, זאל מען די טיהר אויפברעכען!

איינציגע קנעכט זיינען צוגעקומען און האבען פרובירט נאך אמאל אנ־קלאפען, און נאכדעם ווי זיי האבען א קליינע ווייל צוגעווארט און ניט באקומען קיין ענטפער, האבען זיי אויפגעבראכען די טיהר . . . און די דינ־סטען זיינען אליין פריהער אריין אין איהר צימער.

— אונזער הארינטע איז ניטא אין איהר צימער! — האבען די דינסטען ארוסגעלאזען א געשריי. באלד זיינען אהין אריינגעקומען אויך די קנעכט.

עס איז געווארען א מהומה אין פאלאץ. ווען דער קעניג האט זיך דערוואוסט, אז זיי כלה איז ניטא אין איהר צימער, האט ער ניט געוואלט גלויבען. ער איז שנעל אליין אריינגעלאפען אהין. מען האט געבראכט ליכט און אנגעהויבען זוכען. מען האט באלד באמערקט, אז איין פענסטער איז אפען און דערנאך האט מען דערזעהן די צוגעבונדענע קליידער.

— זי איז אנטלאפען געווארען! — האט דער קעניג אויסגערופען, — דער פרעמדער האט זי פון מיר אוועקגערויבט.. שנעלער... יאגט זי נאך...

אלע קנעכט און לייב־וועכטער זיינען ארוים פון פאלאץ און גענומען לויפען, ניט וויסענדיג וואוהין.

דער וועכטער וועלכער איז געוועזן צוגעבונדען צום בוים, האט, דער־הערענדיג דעם טומעל, ביסלעכווייז באוויזען זיך צו באפרייען פון דעם טיכעל פון זיין מויל, און גענומען שרייען.

די אנדערע קנעכט און וועכטער זיינען צו איהם צוגעלאפען און איהם גלייך באפרייט פון די שטריק.

— ווער האט דיך געבונדען! — האט דער הויפט־וועכטער איהם גע־פרעגט.

— אט דער זעלבער, פאר וועמען דו האסט זיך מיר פריהער געהייסען ענטשולדיגען.

ער האט איהם דערצעהלט אלעס וואס עס איז פארגעקומען.

— און וואוהין זיינען זיי אנטלאפען?

— צום בארג! — האט ער אנגעוויזען.

— לאמיר אלע לויפען אהין צום בארג, — האט דער הויפט פון די לייב-וועכטער אויסגערופען, — מיר וועלען זיי נאך געווים כאפען.

צעהנדליגע דיענער און לייב־וועכטער האבען זיך מיט בלויזע שווערדען א לאז געטהאן צום בארג צו כאפען די אנטלאפענע.

— —

— —

יהושע און זיין ארמעע האבען זיך דערנעהנטערט צו חברון און אנגע־פאנגען זייער אנגריף. קיין גרויסען ווידערשטאנד האבען זיי ניט באגעגענט. זיי האבען צושמעטערט די טויערען פון שטאדט און אריין אין חברון.

די וועכטער זיינען זיך צולאפען. עס איז געווארען א טומעל און א געשריי.. די איינוואהנער פון שטאדט האבען גענומען לויפען זיך אויס־באהאלטען פון דעם אנקומענדען שונא.

די וועכטער פון שטאָדט האָבען זיך געלאָזט לויפען מיט אַלע זייערע כוחות צום פּאַלאַץ, זיי זיינען אָהין אָנגעקומען פּונקט אין דער צייט ווען דעם קעניג׳ס דיענער און לייב־וועכטער האָבען זיך געלאָזען לויפען צום בארג צו פאַנגען מרים׳ען און דעם פרעמדען.

דער קעניג איז געשטאַנען אין מיטען ארומגערינגעלט פון אַלע זיינע פריינד, זיינען געסט און זיינע מיניסטאָרען, און הארען... ער האָט ניט אויפגעהערט צו שטורמען און שילטען... ער האָט יעצט פאַרשטאַנען, אז דאָס האָט איהם איינער פון יהושע׳ס ארמעע אזוי שענדליך אָפּגענאַרט.

— איך וועל זעהן, אז ווען מען וועט זיי ביידען כאַפּען, מען זאָל זיי ביידען באַשטראָפען מיט דער גרעסטער שטראָף. פון איהם וועט מען שניי־דען גלידערווייז און איהר די — — — — —

— מיר זיינען פאַרלאָרען! מיר זיינען פאַרלאָרען! דער שונא איז אין אונזער שטאָדט, — האָבען די וועכטער פון טויער אויסגעשריען, ווען זיי האָבען זיך דערנעהנטערט צום קעניג.

— וואָס איז געשעהן? — האָט דער קעניג מיט שרעק זיי געפרעגט.

— יהושע און זיין ארמעע האָבען צובראָכען די טויערען פון חברון, און יעצט געפינען זיי זיך אין שטאָדט... אין אַלע זייטען האָבען זיי זיך צולאָזען... און מיר האָבען ניט וואוהין צו לויפען.

— וואו זיינען מיינע קינדער? נעהמט זיך צום געוועהר!

אָבער איידער דער קעניג האָט זיך ארומגעקוקט, האָט ער געזעהן אז ער איז געבליבען אליין. אַלע ארום איהם האָבען זיך גענומען צולויפען אין פאַרשידענע ריכטונגען... ער האָט גענומען שרייען און רופען. עס זיינען צו איהם צוגעלאָפען די עטליכע דינסטען און איבערגעבליבענע קנעכט. באַלד האָט זיך באַוויזען יהושע׳ס ארמעע, וועלכע האָט דעם פּאַלאַץ ארומגערינגעלט.

מען האָט געפאַנגען דעם קעניג און די, וועלכע זיינען געווען ארום איהם.

— וואו איז דאָס מיידעל פון ישראל, וועלכע איז אין דיין פּאַלאַץ א געפאַנגענע געווען? — האָט יהושע איהם געפרעגט.

— באַלד האָט געזאָלט פאָרקומען מיין חתונה מיט איהר! — האָט דער קעניג טרויעריג געענטפערט, — אָבער איז און מיין פּאַלאַץ געקומען אַ פאַלשער יונג און אונז אַלעמען אָפּגענאַרט... ער איז מיט איהר אַנטלאָפען געוואָרען, און מיינע וועכטער און קנעכט האָבען זיך נאָך זיי נאָכגעיאָגט... זיי זיינען אַנטלאָפען צו דעם בארג.

יהושע האָט גלייך געשיקט אַן אָפּטיילונג פון זיין ארמעע און אָנגע־זאָגט דעם הויפּט.

— לויף וואָס שנעלער מיט דיינע העלדען און דערגרייך זייערע נאָכ־יאָגער, ווייל זיי וועלען פיעלייכט נאָך טהאָן שלעכטעס צו אליאב׳ן און די געפאַנגענע מיידעל.

דער הויפּט האָט זיך ארויפגעזעצט אויף זיין פערד און שנעל אַוועק־געריטען מיט זיינע העלדען צו דער ריכטונג פון בארג.

ווען אליאב און מרים זיינען שוין געווען אויף דעם שפּיץ בארג, האָבען

זיי ביי דער ליכט פון דער לבנה באַמערקט מענשליכע שאָטענס.

— זיי קומען אָן! זיי קומען אָן! — האָט מרים אויסגערופען מיט שרעק.

אליאב האָט זי צוגעהאַלטען מיט זיינע הענט. איהר גאַנצער קערפּער האָט זיך געטרייסעלט פון שרעק. זי איז געבליבען שטעהן. איהרע פיס האָבען זיך געבויגען און זי האָט ווייטער ניט געקענט געהן.

אליאב האָט זי אויפגעהויבען און ער האָט זי גענומען טראָגען אויף זיינע הענט.

דער געשפּרעך פון די נאָכיאָגער האָט דערגרייכט זייערע אויערען... זיי האָבען באַלד אויך באַמערקט פאַקלען מיט פייער.

אליאב איז געוואָרען זעהר מיעד, אָבער ער האָט מרים׳ן פון זיינע הענט ניט אָפּגעלאָזען... זיין גאַנצער קערפּער איז באַגאָסען געוואָרען מיט שוויים. ער האָט שווער געאָטעמט. ער האָט זיך שוין אליין אָנגעפאַנגען שרעקען... ער האָט ניט געקענט באַשליסען צו לויפען ווייטער אָדער זיך ערגעץ אויס-באַהאַלטען. ווען ער האָט אָבער פּלוצים באַמערקט אַז די שונאים קלעטערען דעם באַרג מיט פאַקלען, און זיי וועלען איהם מיט מרים׳ען באַמערקען, האָט ער אָנגעגורט זיינע לעצטע כוחות און גענומען אַרונטערלויפען מיט איהר אויף דער צווייטער זייט פון באַרג.

דער גערויש און געשרייען פון די אָנקומענדע נאָכיאָגער האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר דערנעהנטערט.

מרים האָט זיך מיטביידע הענט אָנגעהאַלטען אין אליאב׳ן.

— אָה, גאָט העלף אונז! — האָט זי מיט אַ שוואַכע שטימע אויסגערופען.

— באַרוהיג זיך, מרים, מיר זיינען שוין ניט ווייט פון דעם פּלאַץ וואו מיין פערד געפינט זיך. איך האָב איהם צוגעבונדען צו אַ בוים... לאָמיר האָפען, אַז אונזער גאָט, וועלכער האָט מיר געהאָלפען דורכפיהרען די פּלע-נער ביז יעצט, וועט מיר אויף ווייטער ניט פאַרלאָזען.

— איך פיהל זיך שוין קרעפטיגער, — האָט מרים איהם אריינגעשוש-קעט אין אויער. — לאָז מיר אַרונטער און מיר וועלען צוזאַמען לויפען.

אליאב האָט איהר אַרונטערגעלאָזען, און ווען ער איז מיט איהר אָפּגע-לאָפען עטליכע טריט האָט זי זיך ווידער אָפּגעשטעלט.

— איך זעה, אַז דו ביזט נאָך צו שוואַך! — האָט אליאב אויסגערופען, און זי ווידער געוואָלט נעהמען אויף די הענט; אָבער איידער ער האָט זי אויפגעהויבען, האָט ער באַמערקט, ווי די נאָכיאָגער האָבען דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג און קומען אַרונטער אין זיין ריכטונג.

אליאב האָט מרים׳ען ווידער אַרונטערגעלאָזען.

זיי האָבען אונז באַמערקט! — האָט מרים אויסגעשריען מיט אַ ציטערנדע שטימע.

— באַרוהיג זיך! — האָט אליאב אַ זאָג געטהאָן, און אַרויסגענומען די שווערד וואָס ער האָט געהאַט אוועקגענומען פון דעם וועכטער.

— אָה, ניין! — האָט זי אויסגערופען, — דו וועסט דיין לעבען פאַר-

לירען אויב דו וועסט זיך אַליין שטעלען געגען אזוי פיעל!

— דו אַנטלויף און פארנעהם זיך צו צפון! — האָט אליאב געזאָגט, — און איך וועל דערוויילי זעהן די נאָכיאָגער צו פארהאַלטען, ביז וואַנען דו וועסט קענען באַוויזען צו אַנטלויפען.

— ניין, איך וועל דיך ניט פארלאָזען! אויב איך וועל אַנטלויפען וועלען זיי דיר טויטען! — האָט מרים אויסגערופען, — לאָמיר זיך אונ־טערגעבען און איך וועל זעהן פועל'ן ביי דעם קעניג ער זאָל דיר באַגנדיגען און ביז דאַן וועט מעגליך שוין יהושע זיין אין חברון.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און דעם קעניג׳ס דיענער און לייב־וועכטער האָבען מיט בלויזע שווערדען זיי ביידען אַרומגערינגעלט.

— ווער פון אייך עס וועט וואַגען זי אַנצורירהרען, וועט מיט מיין שווערד דערשטאָכען ווערען! — האָט אליאב אויסגערופען, האַלטענדיג אויסגעצויגען זיין בלויזע שווערד.

— אויב דו ווילסט אַז קיין שלעכטעס זאָל צו איהר ניט געשעהן, זאָלסטו זיך בעסער אונטערגעבען! — האָט איינער פון די וועכטער זיך אָפּגערופען,

— דו זעהסט דאָך, אַז מיר זיינען פיעל און דו ביזט איינער.

— איך בעט דיך, גיב זיך אונטער! — האָט מרים זיך אָפּגערופען, טרייסלענדיג זיך פון שרעק.

— איהר דאַרפט וויסען, אַז יהושע, דער פיהרער פון ישראל, וועט מעגליך נאָך היינט אַריינדרינגען אין חברון און פארניכטען אַלע איינוואוי־נער פון שטאָדט צוזאַמען מיט אייער קעניג, און אויב איהר ווילט בלייבען לעבען, וואָלט איך אייך געראַטהען צו געהן מיט אונז און איך וועל בעטען יהושע׳ן מען זאָל אייך קיין שלעכטעס ניט טהאָן.

— דו מיינסט אַז דיר איז געלונגען אונז איינמאָל אָפּצונאַרען, ווילסטו אונז אַ צווייטען מאָל אָפּנאַרען; יעצט וועסטו זיך פון אונזערע הענט ניט אַרויסדרעהען... דו בעסער גיב אונז אָפּ דיין שווערד און מיר וועלען אייך ביידען פיהרען צום קעניג, — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— אויב דו וועסט אונז גלייך ניט אָפּגעבען דיין שווערד, וועסטו חרטה האָבען, — האָט דער עלטערער וועכטער געזאָגט.

— איך וועל זיך אונטערגעבען אויב איהר וועט איהר צו־רוה לאָזען!

— האָט אליאב נאָך אַלץ געהאַלטען זיין שווערד אויסגעצויגען.

— דו וועסט זיך אונטערגעבען אזוי אויך! — האָט אַ וועכטער זיך צו איהם גענומען דערנעהנטערען.

אליאב האָט עטוואָס אַ שפּרונג געטהאָן אויף צוריק און באַלד זיך אָנגע־הויבען צו פעכטען מיט די וועכטער.

— איך געה מיט אייך! — האָט מרים זיך אָפּגערופען צו די וועכטער,

— אָבער לאָזט איהם אָפּ. איך בין זיכער, אַז דער קעניג וועט מיר מוחל זיין און ער וועט אויף אייך ניט זיין אין כעס וואָס איהר האָט איהם אויך ניט מיטגענטמען.

— איהר ביידע וועט מוזען געבראַכט ווערען פאַר דעם קעניג.

זיי האָבען גלייך אַ נעהם געטהאָן מרים׳ן און נאָכדעם זיך גענומען

ארומצורינגלען אליאב׳ן פון אַלע זייטען. דער קאַמף איז געווען אַ פאַר־לאָרענער. אליאב האָט אַ שליידער געטהאָן דעם שווערד און זיך אונטער־געגעבען.

די וועכטער האָבען איהם אָנגעפאַנגען צו בינדען די הענט אויף הינ־טען. באַלד האָבען שטימען אָפּגעהילכט פון בארג.

„אליאב! אליאב!"

— דאָס זיינען אונזערע ברידער, — האָט אליאב אויסגערופען מיט פרייד, און מיט אַלע זיינע כחות אויסגעשריען:

— מיר געפינען זיך דאָ, אונטען!!...

אַ טויט־שרעק איז יעצט באַפאַלען די וועכטער. זיי האָבען איבערגע־לאָזט אליאב׳ן און גענומען אַנטלויפען.

דער הויפּט פון דער אַפּטיילונג איז גלייך צוגעלאָפען צו אליאב׳ן און איהם אָפּגעבונדען.

— יהושע און אונזער גאַנצע ארמעע געפינען זיך שוין אין חברון! — האָט ער געזאָגט, — דער קעניג איז אויך אַ געפאַנגענער.

— די וועכטער און די דיענער פון דעם קעניג זיינען נאָר וואָס אַנטלאָ־פען אַהין, — האָט מרים געוויזען מיט איהר פינגער.

— זיי מוזען געכאַפּט ווערען! קיינער טאָר פון חברון ניט אַנטרונען ווערען, — האָט דער הויפּט געזאָגט, און געהייסען זיינע וועכטער זיך נאָכ־יאָגען נאָך זיי.

אין אַ קליינע ווײַלע אַרום האָבען זיי זיך אומגעקעהרט מיט די וועכ־טער און דיענער פון קעניג, וועלכע האָבען זיך גענומען בעטען פאַר זייערע לעבענס.

זיי האָבען זיך אַלע אומגעקעהרט אין שטאָדט וואו זיי האָבען זיך באַגעגענט מיט יהושע׳ן.

אליאב איז צוגעגאַנגען צו יהושע׳ן און פאַרנייגענדיג זיך פאַר איהם, האָט ער זיך אָפּגערופען:

— געלויבט איז גאָט! די אידישע טאָכטער איז געראַטעט! וואו איז איהר פאָטער?

— ער געפינט זיך נעבען קעניגליכען פּאַלאַץ, — האָט יהושע גע־ענטפערט, — ער איז שטאַרק באַזאָרגט. ער האָט מורא פיעלייכט האָבען די נאָכיאָגער איהר שלעכטעס געטהאָן... איך האָב געהערט אַלעס וואָס דו האָסט געטהאָן... יעצט זעה איך, אַז ניט נאָר ביזטו בראַוו און העלדיש, נאָר דו ביזט אויך קלוג און אויסגערעכענט, און אַזעלכע העלדען ברייננען אַ דאָפּעלטען נוץ צו זייער פאָלק... איך וועל דיך באַשטימען פאַר אַ הויפּט איבער אַן אַרמעע, און פון יעצט אָן וועסטו זיין פאַררעכענט פאַר מיינעם אַ מעגליכען נאָכפאָלגער.

יהושע האָט זיך אומגעקעהרט או באַמערקט מרים׳ן.

— און זי איז די טאָכטער פון ישראל, וועלכע דו האָסט געראַטעט? — האָט ער זיך אָפּגערופען צו אליאב׳ן.

— יאָ, מיין האר, געבענשט זאָל זיין דער נאָמען פון גאָט, ער האָט מיר אין צייט געשיקט.

— יאָ, איך ווייס שוין אַלעס. דער קעניג פון חברון האָט מיר אַלעד דערצעהלט... ער האָט זיך געשוואָרען, אַז ער האָט זי ניט באַריהרט... יעצט געה מיט איהר צו איהר פאָטער און דערפרעה אויך זיין האַרץ.

אליאב איז צוגעגאַנגען צו מרים׳ן, וועלכע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ צוטומעלטע און איבעראַשטע פון דער געשעהעניש.

— מרים, דיין פאָטער געפינט זיך ניט ווייט פון דאַנען. ער איז נעבען קעניגליכען פּאַלאַץ. ער איז שטאַרק באַזאָרגט וועגען דיר... ער האָט מורא פּיעלייכט האָבען אונז די נאָכיאָגער דערגרייכט און געטויטעט איידער די הילף איז געקומען פון יהושע׳ס אַרמעע. קום שנעלער און מיר וועלען איהם דערפרעהען.

ערשט יעצט האָט מרים גענומען באַגרייפען איהר גליק.

— מיין פאָטער! — האָט זי אויסגעשריען, — ער איז דאָ!

אליאב האָט איהר געהאָלפען ארויפזעצען זיך אויף אַ פערד און נאכהער איז ער אַליין אַרויף אויף דעם זעלבען פערד, און אין אַ קליינע ווילע זיינען זיי שוין אָנגעקומען צו דעם פּלאַץ וואו יהושע׳ס סאָלדאַטען האָבען געהיט אַז קיינער פון דער קעניגליכער משפחה זאָל ניט אַנטלויפען.

אַ צוקלעמטער און צושראָקענער איז געשטאַנען מרים׳ס פאָטער נעבען פּאַלאַץ... ער האָט זיך דערוואוסט אַז דער יונגער העלד האָט אַרויסגעראַ־טעוועט זיין טאָכטער פון׳ם קעניג׳ס הענט און איז מיט איהר אַנטלאָפען, אָבער ער האָט אויך געהערט אַז דעם קעניג׳ס באַוואָפענטע לייב־וועכטער האָבען זיך אַוועקגעלאָזען זיך נאָכיאָגען נאָך זיי, און זיין האַרץ האָט איהם געשראָקען... שטעהענדיג אַזוי פאַרטיעפט אין זיינע אומעטיגע געדאַנקען, האָט ער דערהערט דאָס אָנקומען פון פערד. ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און דערזעהן אליאב׳ן און אַ יונגע שעהנע מיידעל.

ער איז זיי אַנטקעגענגעלאָפען, און ווען אליאב האָט זיך אָפּגעשטעלט, און געהאָלפען מרים׳ן אַרונטער פון פערד, האָט ער זיך אָפּגערופען:

— אָט איז דיין טאָכטער, מרים, זי איז אומבאַשעדיגט.

— מיין טאָכטער! — איז דער פאָטער איהר געפאַלען אויפ׳ן האַלז און זיך פון פרייד פאַנאַנדערגעוויינט.

— טייערער פאָטער, — האָט מרים איהם געקושט, און ווען זי האָט זיך עטוואָס באַרוהיגט, האָט זי איהם געפרעגט וועגען דער מוטער.

— פרידען איז אויך צו איהר! אָה, ווי גרויס איהר גליק וועט זיין ווען זי וועט דיך דערזעהן. זי וועט דיר ניט דערקענען אַזוי ווי איך האָב דיך ניט דערקענט, ווייל בלויז אַ קליין קינד ביזטו געווען ווען מען האָט דיך געפאַנגען, און יעצט!... טאָכטער מיינע, לאָמיר גלייך פאָהרען אין אונ־זער לאַגער און דערפרעהען אויך דיין מוטער.

— דו ווייסט, פאָטער, אַז מיין לעבען האָב איך צו פאַרדאַנקען אליאב׳ן. ער האָט זיין חכמה און העלדישקייט אַרויסגעצייגט און מיר אַרויסגעריסען פון די נעגעל פון די בייזע חיות.

— איך ווייס, מיין טייערע טאָכטער! — האָט דער פאָטער איהר גע־ענטפערט, — אָבער איך ווייס ניט מיט וואָס איך וועל איהם קענען אָפּ־דאַנקען.

מרים האָט אָנגעווענדעט איהרע בליקען אויף אליאב׳ן, וועלכער איז געשטאַנען באַוועגלאָז און באַטראַכט דעם גליקליכען פאָטער און זיין טאָכ־טער. זייערע בליקען האָבען זיך באַגעגענט.

— אליאב! — האָט זי זיך צו איהם געווענדעט, — דו וועסט מיט אונז מיטגעהן?

— איך ווייס ניט אויב איך וועל קענען נעהמען אורלויב. אָבער ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועל איך קומען צו דיר אויף א באַזוך.

— דו מוזט מיט אונז מיטגעהן, איך וויל אז ווען מיין מוטער וועט מיר דערזעהן, זאָל זי אויך דערזעהן דעם רעטער פון איהר טאָכטער.

— איך וועל בעטען ערלויבנים ביי יהושע׳ן, — האָט אליאב געזאָגט.

— און מיר וועלען אויף דיר וואַרטען אויף דיזען פלאַץ, — האָט מרים מיט א ליעבליכען שמייכעל געזאָגט.

אליאב איז אַוועקגעגאַנגען און זיך אומגעקעהרט מיט א שטראַהלענדען פנים.

זיי האָבען אַלע דריי פאַרלאָזען די שטאָדט חברון און זיך אומגעקעהרט אין לאַגער.

צוועלפטער קאַפּיטעל

עתניאל האָט חתונה מיט עכסה׳ן

די מלחמה מיט חברון האָט זיך שנעל געענדיגט מיט א פאָלשטענדיגען נצחון. דער קעניג און די אַלע איינוואָהנער פון חברון זיינען פאַרניכטעט געוואָרען און כמעט גאַנץ דרום כנען איז איינגענומען געוואָרען, אויסער די באַפעסטיגטע שטאָדט ירושלים און קרית ספר, וואָס האָט געהאַט א נאַטיר־ליכע פעסטונג פון די בערג.

באַלד האָבען זיך אָנגעפאַנגען מלחמות אין צפון כנען. יבין, דער קעניג פון חצור האָט דערהערט פון די גרויסע נצחונות וואָס יהושע האָט אָפּגע־האַלטען איבער די פעלקער פון דרום. דאַריבער האָט ער געשיקט שלוחים צו די ארומיגע קעניגע זיך צו פאַראייניגען געגען יהושע׳ן.

יהושע האָט צונויפגעזאַמעלט זיינע אַרמעען און זיי אָנגעזאָגט אין נאָמען פון גאָט, ניט מורא צו האָבען פאַר דער גרויסער צאָהל פון זייערע שונאים, ווייל גאָט איז מיט אונז.

א פירכטערליכער קאַמף האָט זיך צופלאַקערט צווישען יהושע׳ן און די פאַראייניגטע מלכים פון צפון ביי מי מרום.

ווידער אַמאָל האָט יהושע און זיינע העלדען אַרויסגעוויזען זייער גבורה און געמאַכט א תל פון דעם שונא׳ס אַרמעען. באַלד האָט יהושע אונגענומען די שטאָדט חצור, וועמענס קעניג איז געווען דער אָנפיהרער

פון דער מלחמה. ער האָט באַפוילען ארויסצונעהמען די האָב און גוטס פון שטאָדט און גלייך זי אונטערצינדען.

באַלד האָבען די פלאַמען ארומגענומען די גאַנצע שטאָדט.

יהושע האָט בלויז געהייסען פאַרברענען חצור, ווייל זי איז געווען די שטאַרקסטע מלוכה און דאַמיט אַנצואווארפען א פחד אויף די איבעריגע מלוכות. די אַנדערע שטעדט וואָס זיינען אריינגעפאַלען אין יהושע׳ס הענד פון דיזער מלחמה האָט ער ניט פאַרברענט, ווייל זיי זיינען געווען מעהר פאַרזיכערט געגען א באַלדיגען אַנגריף פון דעם שונא. יענע שטעדט זיינען געשטאַנען אויף בערג.

אין גאָר א קורצע צייט האָט יהושע איינגענומען דעם גרעסטען טייל פון כנען, און ווען מען איז שוין געווען געזיכערט, האָט ער גענומען איינ־טיילען דאָס איינגענומענע לאַנד צווישען די שבטים דורך גורל.

נאָכדעם ווי דער גורל איז געפאַלען אז דער שבט יהודה זאָל באַקומען דעם דרום טייל פון כנען, איז כלב, דער זוהן פון יפונה, צוגעגאַנגען צו יהושע׳ן און זיך אָפּגערופען.

— דו געדענקסט געווים וואָס משה האָט וועגען מיר גערעדט, נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך אומגעקעהרט פון אונזער שליחות אַלס מרגלים, און אין דער צייט ווען אַלע מרגלים האָבען געזוכט איינצושרעקען דאָס פאָלק און זאָגען אז מיר וועלען בשום אופן ניט קענען איינצונעהמען כנען, און איך בין געווען דער איינציגער וועלכער האָט צוזאַמען מיט דיר איינגעשטימט אַז מיר וועלען דאָס לאַנד יאָ איינצונעהמען מיט גאָט׳ס הילף, און צוליעב דעם האָט משה מיר פאַרשפּראָכען אָפּצוגעבען דאָס לאַנד וואו מיין פוס איז דאָרטען געטראָטען. און יעצט וועל איך דערמאָהנען מיין האַר, יהושע׳ן, אַז איך בין געווען דער איינציגער וועלכער איז אריין אין חברון אין יענער צייט, ווייל די אַנדערע מרגלים האָבען מורא געהאַט אריינצוטרעטען זייער פוס דאָרטען, צוליעב די ריזען וואָס חברון האָט דאַן געהאַט. און דאַן האָט משה געזאָגט צו מיר: „אַז דאָס לאַנד וועט בלייבען פאַר א נחלה פאַר מיר און מיינע קינדער ביז אייביג״, און יעצט איז שוין זינט דאַן אַוועק פינף און פערציג יאָהר, און געלויבט איז גאָט, איך בין נאָך שטאַרק און קען זיך נאָך באַטייליגען אין די מלחמות מיט די אַרומיגע פעלקער. דאַרי־בער איז מיין פאַרלאַנג אַז דו זאָלסט איינטיילען חברון אין מיין חלק.

— זיי געבענשט צו גאָט, כלב! — האָט יהושע איהם געענטפערט.

— איך געדענק גאַנץ גוט דעם פאַרשפּרעכען וואָס משה האָט צו דיר געמאַכט און איך וועל מיט צופרידענהייט דיין פאַרלאַנג נאָכגעבען. אָבער דו דאַרפסט ניט פאַרגעסען, אַז ניט ווייט פון חברון געפינט זיך דביר, וואָס האָט אַמאָל געהייסען קרית ספר. דיזע שטאָדט איז איינע פון די מעכ־טיגסטע און שטאַרק באַפעסטיגסטע שטאָדט וואָס מיר האָבען נאָך ניט איינגענומען. און דאָס וועט שטענדיג זיין א שטערונג צו דער ענטוויקלונג פון דיין נחלה.

— איך האָב א האָפענונג אַז די שטאָדט וועט אויך איינגענומען ווע־רען! — האָט כלב געזאָגט.

— אויב דאָס איז ניט געטהאָן געוואָרען ביז יעצט, ווייס איך ניט

אויב דו וועסט עס קענען באווייזען, — האט יהושע זיך אפגערופען.

— מעגליך אז איך ניט! — האט כלב געענטפערט מיט א שמייכעל.

— אבער מיין אינגערער ברודער עתניאל וועט פיעלייכט מיט גאטס הילף קענען באווייזען אזא גבורה.

— ווען ער זאל ווירקליך באווייזען אז העלדישקייט. — האט יהושע געענטפערט, — וואלט איך איהם פארעכענט פאר דעם גרעסטען העלד פון ישראל און איך וואלט איהם באשטימט פאר מיין נאכפאלגער.

— דו ווייסט דאך, אז מיין ברודער עתניאל איז זעהר א באשיידענער יונג און ער יאגט זיך ניט נאך כבוד און גדולה... און ווען מען זאל צו איהם קומען און זאגען אז אויב ער וועט איינגעהמען קרית ספר וועט ער באקומען די גרעסטע באלוינונג, בין איך זיכער אז דאס וועט איהם באגייסטערען צום קאמף.

— און ווי אזוי וועסטו קענען איהם באוועגען אנצופאנגען א קאמף געגען דעם קעניג פון קרית ספר? — האט יהושע איהם געפרעגט.

— איך האב דאס פאראויסגעזעהן, מיין הארר! — האט כלב געזאגט.

— און דאס איז געווען איינע פון די אורזאכען וואס איך האב זיך ניט צוגעאיילט צו געבען מיין צושטימונג אז ער זאל הייראטען מיין טאכטער עכסה, כאטש איך ווייס אז ער ליעבט זי זעהר שטארק. און יעצט וועל איך לאזען וויסען, אז דער וועלכער וועט וואגען מלחמה צו האלטען מיט קרית ספר און איינגעהמען די שטאדט, יענער וועט באקומען מיין טאכטער עכסה פאר א פרוי. און דאן, מיין הארר, וועסטו זעהן מיט וואס פאר א קראפט עסתניאל וועט זיך אריינווארפען אין דער מלחמה, און מיט גאט׳ס הילף, בין איך זיכער אז ער וועט דיזע שטאדט איינגעהמען.

— און דאן וועט זיין באלוינונג זיין א דאפעלט, — האט יהושע צוגעגעבען, — ער וועט פארעכענט ווערען פאר מיין איינציגען נאכפאלגער.

כלב איז געווען שטארק צופריעדען מיט יהושע׳ס פארשפרעכען. ער איז געווען דערביי ווען אליאב האט זיך צוריקגעקעהרט מיט דער אידישער טאכטער וועלכע ער האט געראטעוועט און באמערקט אז יהושע איז ענטציקט געווארען פון אליאב׳ס גבורה. ער האט מורא געהאט, אז פיעלייכט וועט אליאב פארעכענט ווערען פאר יהושע׳ס פאסענדסטען נאכפאלגער, דאריבער האט ער זעהר געוואלט אז עתניאל זאל צו דיזער צייט ארויסווייזען א זעלטענע גבורה וואס זאל אלעמען איבערצייגען אז אויסער יהושע׳ן איז עתניאל דער גרעסטער העלד פון ישראל.

ווען ער איז געקומען אהיים, האט כלב ניט געטראפען זיין טאכטער אין דער היים.

— וואו איז עכסה? — האט כלב געפרעגט זיין פרוי.

— זי איז איינגעלאדען צו רחב׳ן, יהושע׳ס פרוי, — האט זי איהם געענטפערט, — און איך גלויב, אז באלד וועט זיך עכסה צוריקקעהרען מיט רחב׳ן.

— מיט רחב׳ן?! — האט כלב געפרעגט מיט ערשטוינונג.

— יאָ, מיט רחבן. דו ווייסט דאָך אַז עכסה און עתניאל האָבען געבראַכט די פאַרשטענדיגונג צווישען יהושע׳ן און רחב׳ן, און יעצט וויל זי זיי אָפּדיענען דאַמיט וואָס זי וועט זיך באַמיהען ארויסצוקריגען דיין צושטימונג צו דער חתונה פון עתניאל׳ן מיט עכסה׳ן.

— איך בין נאָך ניט זיכער אויב דאָס וועט אפילו רחב׳ן געלינגען, — האָט כלב אַ שמייכעל געטהאָן.

— איך פאַרשטעה דיך ניט כלב, — האָט איהם זיין פרוי פאַרגעוואָרפען, — פאַרוואָס זאָלסטו די קינדער פאַרשאַפען אַזוי פיעל שמערצען, דו ווייסט דאָך ווי שטאַרק ליעב זיי האָבען זיך איינער דעם צווייטען, און האָט דען עתניאל ניט גענוג געליטען אומשולדיגערהייד ?.. פאַרוואָס זאָלסטו איהם נאָך מעהר ליידען צוגעבען ? ! . . .

— האָב נאָר אַביסעל געדולד, מיין פרוי, און דיר וועט קלאָר ווערען מיין גאַנצע האַנדלונג... און יעצט פאַרלאַנג איך בלויז פון דיר אַז דו זאָלסט זיך אין קיין זאַך ניט מישען. דו קוק און שווייג, און ערשט שפּעטער וועסטו זיך איבערצייגען אַז מיין האַנדלונג איז ניט קיין קרומע.

אין אַ ווייל'ע ארום זיינען אריינגעקומען עכסה און רחב.

כלב און זיין פרוי האָבען געגעבען רחב׳ן זעהר אַ וואַרימע און פריינדליכע אויפנאַהמע.

זיי האָבען זיך צורעדט וועגען די לעצטע מלחמות, און רחב האָט זיך אָפּגערופען:

— איהר האָט דאָך אַלע געווים געהערט פון אליאב׳ן, וועלכער האָט אויף אַ וואונדערליכען העלדישען אופן געראַטעט אַ טאָכטער פון איינעם פון דעם שבט בנימין, וועלכע איז געוועזען אַ געפאַנגענע ביי דעם קעניג פון חברון ?

— איך בין דערביי געוועזען ווען ער האָט זי געבראַכט אַ באַפרייטע צו יהושע׳ן, — האָט כלב זיך אָפּגערופען.

— און יעצט וועט אין גיכען פאָרקומען די חתונה פון מרים׳ן מיט אליאב׳ן, — האָט רחב געזאָגט, — דער פאָטער פון דער כלה איז געוועזען ביי אונז אין הויז און פאַרלאַנגט אַז יהושע און איך זאָלען זיין די געסט פון זיין טאָכטער׳ס חתונה.

— און געווים וועט איהר זיין פאַרלאַנג ערפילען ? — האָט כלב׳ס פרוי זיך געווענדעט צו רחב׳ן.

— איך וועל עס טהאָן מיט דעם גרעסטען פאַרגעניגען ! — האָט רחב אַ שמייכעל געטהאָן, — איך פיהל זיך זעהר גליקליך ווען איך זעה אַז די שטרעבונג און גליק פון צוויי פאַרליעבטע ווערען פאַרווירקליכט... איך האָב זעהר פיעל געליטען ביז וואַנען דער טרוים פון מיין לעבען איז פאַרווירקליכט געוואָרען, און איך קען מיטהעלפען יעדען איינעם וועלכער איז פאַרליעבט און טרעפט אָן דערנער אויף דעם וועג פון זיין גליק.

— איך האָב זיי ביידען געזעהן, — האָט כלב ווייטער געזאָגט, — און איך גלויב אַז זיי וועלען זיין אַ געבענשטע פּאָר פון גאָט... זי איז אַ זעלטענע שעהנהייט און ער האָט זיין לעבען אין סכנה געשטעלט, און יעצט האָט ער זי ווירקליך פאַרדיענט.

— און ווי איך ווייס, האָט דיין טאָכטער עכסה, אַמאָל איהר לעבען געשטעלט אין גרויס געפאַהר און אליין זיך אוועקגעלאָזען צו דער הויפט־שטאָדט פון דעם קעניג סיחון, מיט דעם געדאַנק צו רעטען עתניאל׳ן, — האָט רחב זיך אָפגערופען.

— יאָ, דאָס איז ריכטיג, מיין טאָכטער האָט ארויסגעוויזען אַ גרויסע העלדישקייט, און זי האָט זיכער איהם פאַרדיענט... אָבער... מיט וואָס האָט עתניאל אויך זי פאַרדיענט? האָט ער וועט עס איז פרובירט איינשטעלען זיין לעבען פאַר מיין טאָכטער? — האָט כלב זיך אָפגערופען.

— איך בין זיכער, ווען דאָס וואָלט געווען נויטיג, וואָלט ער עס געוויס געטהאָן! — האָט רחב געזאָגט, — איך ווייס, ווי שטאַרק זיין ליעבע איז צו עכסה׳ן, און איך בין דאָס יעצט געקומען צו דיר, מיין האַר, צו בעטען דו זאָלסט דיין צושטימונג געבען... ווייל איך וואַרט מיט דער גרעסטער אומגעדולד זיך צו באַטייליגען אויף דער חתונה פון מיין געטרייעסטער פריינדין — עכסה.

אַ באַשיידענע רויטקייט האָט באַדעקט עכסה׳ס פנים, ווען רחב האָט גערעדט. זי האָט געוואָרפען אַ דאַנקבאַרען בליק אין איהר ריכטונג און נאָכהער אַרונטערגעלאָזען איהרע אויגען... איהר האַרץ האָט גענומען קלאַפען... וואָס וועט איהר פאָטער יעצט זאָגען? וועט ער נאָך אַלץ זיין דאַגעגען? וועט ער קיינמאָל ניט דערלאָזען, אַז זייערע צוויי ליעבענדע הערצער זאָלען זיך פאַראייניגען?!...

כלב האָט אַ ווײַלע געשוויגען, ער האָט דורכגעפיהרט זיין פינגער דורך זיין באָרד און פון אַ זייט געוואָרפען אַ בליק אויף זיין טאָכטער, וועלכע איז געשטאַנען עטוואָס פאַרשעהמט...

— איך בין קיינמאָל ניט געווען דאַגעגען אַז עכסה זאָל הייראַטען מיט מיין אינגערען ברודער. נאָך אַלעמען, ווער קען איהם מיט זיינע מעלות און חסרונות אַזוי גוט ווי איך? אָבער יעצט האָב איך באַשלאָסען, אַז מיין טאָכטער זאָל הייראַטען מיט איינעם וועלכער וועט ארויסווייזען אַ גרויסע העלדישקייט, וואָס זאָל נוצען ניט נאָר פאַר איהם אליין, נאָר אויך פאַר אונזער גאַנצען פאָלק.

— צו העלדישקייט איז קיין גרענעץ ניטאָ! — האָט רחב זיך אָפגע־רופען — און געלויבט איז גאָט, דאָס לאַנד וואָס אונזער גאָט האָט פאַר־שפּראָכען אָפצוגעבען זיין פאָלק איז שוין כמעט אינגאַנצען איינגענומען...

— מיין האַר יהושע האָט מיר אָפגעגעבען די שטאָדט חברון פאַר אונזער גאַנצער משפחה. דאָס האָט ער מיר געגעבען לויט דער פאַרשפּרע־כונג פון משה, אַלס אַנערקענונג פאַר מיין אויפטהו פאַר אונזער פאָלק. אָבער עס איז פאַראַן איין שטרויכלונג אין מיין וועג, און דאָס איז די באַפעסטיגטע שטאָדט קרית ספר, וואָס האָט אַמאָל זיך גערופען „דביר". ווען יהושע האָט איינגענומען חברון האָט ער ניט געוואָלט פאַרלירען קיין צייט און פיעל מענשען אויף דיעזער פעסטונג, ווייל ער האָט געהאַט אַ וויכטיגערע אויפגאַבע דורכצופיהרען. יעצט וויל איך זעהן, אויב עס גע־פינט זיך אַ העלדישער מאַן אין אונזער שבט, וועלכער וועט זיך אונטער־נעהמען צו געהן אויף קרית ספר, יענער וועט באַקומען מיין טאָכטער עכסה

פאַר זיין פרוי! אזוי האָב איך זיך באַשלאָסען! מיך אַרט ניט וועט עס ווער זיך אונטערנעהמען. אויב עתניאל וועט עס טהאָן און וועט זיין ערפאָלגרייך, וועל איך איהם געבען מיין טאָכטער מיט מיין ברכה, און אויב אַן אַנדערער וועט עס טהאָן, וועט יענער באַקומען עכסה׳ן פאַר זיין פרוי און דאַן וועט עתניאל אַליין איינזעהן, אַז ער האָט זי ניט פאַרדיענט!

— אָה, פאָטער! — האָט עכסה אויסגערופען און איהרע אויגען האָבען געשטראַהלט פון גליק — איך וועל גלייך לויפען איהם אַנזאָגען.

— איך וועל מאָרגען אין דער פריה עס אויסרופען פאַר אַלעמען, און ווער עס וועט זיך אונטערנעהמען, יענער וועט זיין דער גליקליכער דיך צו קריגען...

— איך ווייס ניט, פאָטער, אויב איך וועל זיין אַזאַ „גליק" פאַר אַ צווייטען אויסער עתניאל׳ן — האָט עכסה געשמייכעלט... דער וועלכער ליעבט איז גליקליך ווען די ליעבע ווערט פאַרווירקליכט...

— דאָס וועט זיין אַן אויספּרואוו, אויב עתניאל האָט דיך ווירקליך ליעב און אויב ער האָט דיך פאַרדיענט, מיין טאָכטער — האָט כלב געזאָגט — אַז דו האָסט איהם ליעב און פאַרדיענט ווייס איך... יעצט וועל איך האָבען אַ געלעגענהייט זיך איבערצוצייגען אויך, אויב עתניאל׳ס ליעבע איז ווירקליך אַזוי שטאַרק צו דיר ווי דו שטעלסט זיך פאָר.

— איך האָב אָבער מורא אַז אַ צווייטער וועט איהם דעם וועג פאַרלויפען! — האָט עכסה זיך אָפּגערופען — כאָטש איך ווייס, אַז בלויז דער יעניגער, וועלכער ליעבט מיך, וועט איינווילליגען איינצושטעלען זיין לעבען.

— וועגען דעם דאַרפסטו זיך ניט זאָרגען! — האָט איהר רחב באַרוהיגט — ניט יעדען איינעם וועט יהושע אַנפאַרטרויען אַן אַרמעע... דער, וועלכער וועט זיך אונטערנעהמען אַזאַ זאַך וועט דאַרפען באַווייזען, אַז ער האָט זיך שוין אויסגעצייכענט אין איינציגע מלחמות און אַרויסגעוויזען פאַרשידענע גבורות... און עתניאל האָט שוין ניט איין מאָל אַרויסגעצייגט אויסערגעוועהנליכע גבורה... זיי רוהיג, עכסה, — האָט רחב איהר געזאָגט אַן אַ זייט, — עס וועט שוין לאַנג ניט נעהמען און איך און יהושע, מיין מאַן, וועלען זיין די געסט אויף דער חתונה מיט עתניאל׳ן.

פון גרויס פרייד און אויפרעגונג האָט עכסה יענע נאַכט ניט געקענט שלאָפען... זי האָט קוים דערוואַרט דעם פריהמאָרגען. איהר האַרץ האָט געקלאַפּט.. נאָך אַלעמען איז עס זעהר אַ געפעהרליכע אונטערנעהמונג... עס איז ביי איהר קיין צווייפעל ניט, אַז עתניאל וועט זיך אונטערנעהמען אָבער זאָל זי איהם לאָזען איינשטעלען זיין לעבען? זי האָט געהערט, אַז ניט איין העלד האָט זיין לעבען פאַרלאָרען ווען ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך איינצונעהמען די פעסטונג... פיליכט זאָל זי פאַרלאַנגען פון איהר פאָטער, ער זאָל דיזען באַשלוס צוריקציהען?... אָבער ניין!.. יענע העלדען קענען ניט פאַרגליכען ווערען צו עתניאל׳ן.. ער וועט מוזען זיין ערפאָלגרייך. ער ווייסט אַז אין דעם איז זייער ביידענס גליק אָפּהענגיג.. און דאָס וועט איהם געבען גענוג מוטה צו געהן אין קאַמף און געווינען.

ווען כלב איז אַרויס אין לאַגער איז עכסה צוגעגאַנגען צו איהר מוטער,

זי אַרומגענומען און געקושט.

— מוטער, איך האָב עתניאל׳ן אַזוי ליעב, אַז מיין האַרץ שרעקט זיך אין מיר אַזוי... עס איז דאָך אַ געפעהרליכע אונטערנעהמונג...

— אָבער פאַרגעס ניט די באַלוינונג, מיין טאָכטער!

— אָ, מוטער, דו טרייבסט אויך שפּאַס מיט מיר! דו ווייסט גאַנץ גוט אַז עס זיינען פאַראַן אין יהודה שעהנערע מיידלעך פון מיר!

— איך בין זעהר ערנסט, מיין טאָכטער, אָבער דו האָסט מיר ניט פאַרשטאַנען... דיין פאָטער האָט מיך לעצע נאַכט ענטדעקט, אַז דער יעני־גער וועלכער וועט איינגעהמען קרית ספר, וועט פון יהושע׳ן באַשטימט ווערען צו ווערען זיין נאָכפאָלגער! יעצט זאָג אַליין, איז דאָס ניט קיין גרויסע באַלוינונג? ! און בפרט אַז ער וועט נאָך דורך דעם אויך דיר אַריינקריגען.

אַן אומעט האָט זיך באַוויזען אויף עכסה׳ס פּנים.

— פאַר וואָס ביזטו אַזוי פאַרזאָרגט, מיין טאָכטער? — האָט איהר די מוטער געפרעגט — האָסטו דען מורא, אַז עתניאל וועט ניט וועלען אונטערנעהמען אַזאַ זאַך... איך פאַרזיכער דיר, אַז אפילו ווען קיין אַנדער באַלוינונג אויסער צו קריגען דיך פאַר זיין פרוי וואָלט ניט געווען, וואָלט ער זיך אויך אונטערגענומען.

— איך זעה, מוטער, אַז דיעזע אונטערנעהמונג איז נאָך מעהר גע־פעהרליך ווי איך האָב זיך געקענט פאַרשטעלען... אויב יהושע שלאָגט פאָר אַזאַ אויסערגעוועהנליכע באַלוינונג, דאַן מוז די סכנה זעהר גרויס זיין און פאַר דעם ציטערט מיין האַרץ.

— דו קאָנסט זיך פאַרלאָזען אויף עתניאל׳ן! גאָט וועט מיט איהם זיין און ער וועט זיין ערפאָלגרייך! ער האָט שוין אַ סך ערפאַרונג אין מלחמה און ער ווייס שוין ווי זיך אויסצוהיטען פון אַ געפאַהר.

אין לאַגער איז כלב׳ס אויסרוף, אַז „דער וועלכער וועט איינגעהמען קרית ספר וועט אויך קריגען עכסה׳ס זיין טאָכטער פאַר אַ פרוי“, שנעל באַקאַנט געוואָרען. איבערהויפּט האָבען זיך די העלדישע יונגע לייט אין דעם פאַראינטערעסירט. אַלע האָבען געקענט עכסה׳ן. זיי האָבען געוואוסט, אַז זי איז אויסערגעוועהנליך שעהן און שטאַמט פון גרויסען יחוס, און אַז כלב איז אַ חשוב ביי יהושע׳ן...

פיעלע יונגע העלדען האָבען אַרומגערינגעלט כלב׳ן און איהם אָנגע־הויבען צו פרעגען פאַרשידענע פראַגען.

— וואָס פאַר אַ שטאָדט איז קרית ספר? — האָט איינער געפרעגט.

— אַ באַפעסטיגטע שטאָדט! — האָט כלב געענטפערט — איינע פון די שטאַרקסטע פעסטונגען פאַרמאָגט קרית ספר. און פיעלע כחות דאַרף מען אָנווענדען כדי דיעזע שטאָדט איינצונעהמען.

— און פאַרוואָס האָט יהושע אויסגעמיטען דיעזע שטאָדט? — האָט אַ צווייטער געפרעגט.

— צוליעב דער זעלבער אורזאַכע! — האָט כלב געענטפערט — יהושע האָט ניט געוואָלט פאַרווענדען צופיעל צייט און מענשען.

— אויב יהושע האָט זיך אָפּגעהאַלטען צו שטורמען דיעזע פעסטונג,

ווי אזוי קענסטו ערווארטען, אז איינער פון אונז זאל עס טהאן? — האט נאך א יונגער מאן זיך אפגערופען.

— איך ערווארטע עס טאקע ניט פון דיר און פון דיינע חברים! — האט כלב געענטפערט מיט א שמייכעל — בלויז איינער, וועלכער איז געבוירען אין העלדיש און ער וויים אויך ווי אפצושאצען מיין טאכטער, יענער וועט זיך עס אונטערנעהמען און זיין ערפאלגרייך.

ווען עתניאל האט דערהערט וועגען כלב׳ס אויפרוף, איז ער שנעל געקומען צו לויפען צו זיין ברודער... זיין הארץ האט איהם געשראקען, פיי־לייכט האט זיך שוין אימיצער אונטערגענומען... ער האט דערזעהן די פיעלע יונגע לייט, וועלכע האבען נאר וואס פארלאזען כלב׳ן.

— איך וועל געהן מלחמה האלטען מיט די אונוואוינער פון קרית ספר! — האט ער זיך אפגערופען צו זיין ברודער.

— מיין ברודער, דו דארפסט וויסען, אז קרית ספר פארמאגט א שטארקע נאטירליכע פעסטונג — האט כלב איהם געווארענט — איז דיין ליעבע צו מיין טאכטער אזוי שטארק, אז דו ביזט וויליג איינצושטעלען דיין לעבען אין געפאהר?

— עכסה איז מיר טייערער ווי מיין לעבען! — האט עתניאל גע־ענטפערט — און איך בין גרייט צו יעדער צייט אויפצואפפערען מיין לעבען אויף דעם מזבח פון מיין ליעבע צו איהר.

— אויב אזוי, זאל גאט זיין מיט דיר און זאל ער דיר שיקען זיין ברכה פון הימעל. ווייל אויב דיר וועט זיך איינגעבען איינצונעהמען קרית ספר, וועסטו, אויסער וואס דו וועסט קריגען עכסה׳ן פאר דיין פרוי, אויך קריגען א גרויסע באלוינונג פון יהושע׳ן.

— איך זוך ניט קיין אנדער באלוינונג! — האט עתניאל געזאגט — עכסה וועט זיין מיין גרעסטע באלוינונג!

— יעצט קום מיט מיר צו יהושע׳ן.

און כלב האט יהושע׳ן איבערגעגעבען, אז עתניאל נעהמט זיך אונטער צו קעמפען און צו באזיעגען די איינוואוינער פון קרית ספר.

— איך וועל דיר מיטגעבען אן ארמעע! — האט יהושע געזאגט — אבער דו מוזט זיין זעהר פארזיכטיג און ניט דערלאזען צו אומזיסטע לעבענס־פארלוסטען.

— איך וועל זעהר פארזיכטיג זיין, מיין האר! — האט עתניאל זיך אפגערופען — איך וועל פריהער אליין גוט אויספארשען ווי אזוי און פון וואנען אונזער אנגריף זאל זיך אנפאנגען און מיט גאט׳ס הילף האף איך, אז מיר וועלען זיין ערפאלגרייך אין אונזער אונטערנעהמונג.

יהושע האט עתניאל׳ן מיטגעגעבען דריי טויזענד העלדען און עתניאל האט זיי איבערגעגעבען וועגען זייער ציעל און אויפגאבע. ער האט מיט ארמעע אוועקגעמארשירט קיין קרית ספר און דארטען אנגעקומען פארנאכט.

ניט ווייט פון שטאדט האבען זיי געמאכט זייער לאגער.

מיט גרויס פארזיכטיגקייט האט זיך עתניאל אליין דערנעהענטערט צו דער שטאדט. ער האט זיך באהאלטען צווישען די ביימער און באטראכט

די פעסטונג. ער האָט געזעהן ווי די גרויסע פעלזען-שטיינער רינגלען אַרום דער שטאָדט און איבער דעם טויער פון שטאָדט געהען אַרום אַהין און צוריק אייניגע וועכטער מיט בלויזע שווערדען, און מיט טרומייטען וואָס האָבען געבלאַנקט אין דער פינסטערניש. זיי קוקען צו איהם אויס ווי באַוועגליכע שאָטענס...

ער איז לאַנגזאַם צוגעקומען אַלץ נעהנטער... ער האָט באַמערקט ווי איינער פון די וועכטער געהט צו ביז צום סאַמע ברעג. עתניאל האָט גע־נומען קלעטערען אויף דעם פעלזענשטיין... מיט גרויס שווערינקייטען איז איהם אָנגעקומען עס צו טהאָן, ווען ער האָט שוין דערגרייכט דעם שפּיץ. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דערזעהן ווי איין וועכטער דער־נעהנטערט זיך. ער האָט שנעל אַרונטערגעבויגען זיין קאָפּ, אַז יענער זאָל איהם ניט באַמערקען. ער האָט געהערט זיינע שווערע טריט... ער האָט ווידער אויפגעהויבען זיין קאָפּ און געזעהן ווי דער וועכטער האָט זיך אומגע־קעהרט... ער האָט זיך שנעל אַרויפגעהויבען און אויף די שפּיץ פינגער האָט ער זיך גענומען דערנעהנטערען צום וועכטער. אין איין אויגענבליק האָט זיך עתניאל אויף איהם אַ וואָרף געטהאָן פון הינטען און גלייך אַרויפ־געלעגט זיין האַנט אויפ׳ן וועכטער׳ס מויל, ער זאָל ניט קענען שרייען נאָך הילף. דער וועכטער האָט זיך גענומען ראַנגלען, אָבער עתניאל האָט איהם באַלד בייגעקומען, ביי איהם אָפּגענומען די שווערד און אַרומגעבונדען פריהער זיין מויל און דערנאָך זיינעביידע הענט... אַלעס האָט ער געטהאָן מיט אומגעהויער שנעלקייט... ער האָט דעם וועכטער צוגעשלעפּט צום ברעג פון פעלזענשטיין און ער האָט איהם שטילערהייט אַריינגעשושקעט אין אויער:

— אויב דו ווילסט דיין לעבען ניט פאַרלירען, טאָ צייג בעסער ניט אַרויס קיין ווידערשטאַנד און קום מיט מיר.

דער וועכטער האָט זיך געלאָזט פיהרען און מיט גרויסע שוועריג־קייטען איז עתניאל צוזאַמען מיט איהם אַרונטערגעקלעטערט פון פעלזענ־שטיין. ער האָט איהם גלייך אַוועקגעפיהרט אין לאַגער, וואו זיינע העלדען האָבען זיך געפונען.

דאָרטען האָט עתניאל אָפּגעבונדען זיין מויל און ער האָט געזאָגט צו איהם:

— יעצט זעהסטו, אַז דו ביזט אין אונזערע הענט. מיר וועלען דיך ניט טויטען, אויב דו וועסט אונז געבען די נויטיגע אויסקינפטע וועגען דעם אַריינגאַנג אין דיין שטאָדט קרית ספר.

— שווער מיך צו, אַז קיינער פון אייך וועט מיך ניט טויטען, דאַן וועל איך ריידען.

— אויב דו וועסט דערצעהלען דעם ריינעם אמת און ריכטיג ענט־פערען אויף אונזערע פראַגען, דאַן שוועהר איך דיך, אַז דו וועסט בלייבען לעבען און קיין שלעכטעס וועט דיר ניט געטהאָן ווערען.

— איך וועל אַלעס דערצעהלען! האָט דער וועכטער געזאָגט — אָבער איהר מוזט מיר פאַרשפּרעכען, אַז ווען איהר וועט איינגעהמען די שטאָדט זאָלט איהר מיין פרוי און קינדער לאָזען לעבען.

— דאס וועט זיך ווענדען בלויז אן דיר! — האט עתניאל געזאגט
— ווען גאט וועט דיזע שטאדט איבערגעבען אין אונזערע הענט, וועלען מיר דיך מיטנעהמען און דו וועסט אנצייגען אויף דעם הויז וואו דיין משפחה געפינט זיך און דערמיט וועסטו זיי רעטען. אבער זיי וויסען, ווען איך געפין אויס אז דו האס עפעס פון מיר פארבארגען, אדער דו האסט מיר דעם ריינעם אמת ניט געזאגט, דאן וועסטו און דיין משפחה אומקומען.
— איך שווער ביי די געטער פון קרית ספר, אז איך וועל זאגען אלעם וואס איך וויים! — האט דער וועכטער אויסגערופען.
— אויב אלעס וועט זיך ארויסצייגען צו זיין ריכטיג, וועט מיין שבועה גילטען. אבער אויב דו נארסט מיך, וועלען מיינע העלדען דיין קאפ ארונטערהאקען.
— אויבען, אויף דעם פעלזענשטיין, זיינען יעצט בלויז פארבליבען נאך דריי וועכטער. אין דער פינסטערניש פון דער נאכט וועלען זיי ניט באמערקען אז איך פעהל, ווייל אנצוצינדען פייער איז שטרענג פארבאטען... מיין עצה דעריבער איז, אז דו זאלסט אנטהאן מיינע בגדים, נעהמען מיין שווערד און טרומייט און ארויפגעהן אויף דעם פעלזען שטיין... דארטען וועט דיר ניט שווער זיין אפצוראמען די דריי וועכטער פון וועג... דו וועסט בלויז דארפען זעהן, ווען איינער געהט צו צום ברעג פון פעלזען־שטיין, קענסטו איהם מיט איין שטויס ארונטערשליידערען פון דארטען און ער וועט צושמעטערט ווערען, איידער ער וועט צייט האבען ארויסצו־לאזען א פיפס. און אזוי וועסטו טהאן צו דעם צווייטען און צו דעם דריטען. דאן זאלסטוווארטען ביז דער מארגען-שטערען וועט זיך באווייזען אין הימעל און ווען דו זאלסט זיך פארקערעווען לינקס, וועסטו דארט געפינען אויסגעהאקטע טרעפ, וואס פיהרען ארונטער אינווענינ אין שטאדט... ניט ווייט פון דארטען געפינט זיך דער אינווענינגסטער טויער פון שטאדט. דער וועכטער ביים טויער ווערט שטענדיג אומגעביטען אזוי שנעל ווי דער מארגענשטערען באווייזט זיך. און ווען ער וועט דיר אפילו באמערקען געהענדיג צו איהם, וועט ער מיינען אז דאס קומסטו איהם אומבייטען און וועט גארנישט חושד זיין... ביי איהם געפינען זיך די שליסלען פון דעם אינווענינגסטען טויער... ווען דו וועסט פארטיג ווערען מיט איהם, קענסטו עפענען דעם טויער מיט די שליסלען און קומען צו דעם אויסערן טויער, אבער אויך דארטען געפינט זיך א באוואפענטער וועכטער. אבער אזוי שנעל ווי דו עפענסט אויף דעם טויער, מוזסטו ארויסזאגען דעם ווארט „אחימן”. דאס איז א צייכען אז דו קומסט איהם אומבייטען. און ווען דו וועסט קענען ארויסקריגען פון איהם די שליסלען פאר דעם אויסערן טויער, דאן וועט דער אריינגאנג פון שטאדט זיין אפען פאר דיין ארמעע... אבער דאס אלעס דארף געטהאן ווערען מיט דער גרעסטער פארזיכטיגקייט. איין פאלשער שריט און אלעס איז פארלארען!
— יעצט זאג מיר: געפינט זיך אין קרית ספר א גרויסע ארמעע? — האט עתניאל איהם ווייטער געפרעגט.
— די ארמעע פון אונזער שטאדט איז גאנץ קליין. אין גאנצען מיט אלע אינוואוינער פארמאגען מיר קוים צוויי טויזענד מענשען. אונזער

גאַנצער שוץ איז אָפּהענגיג פון דער נאַטירליכער פעסטונג מיט וועלכער אונזער שטאָדט איז געבענשט.

— לאָמיר זיך דערנעהנטערען צו דער פעסטונג! — האָט עתניאל באַפוילען זיינע העלדען, און אַזוי שנעל ווי מיר וועט געלינגען אויפצו־עפענען די טויערען, וועלען מיר שנעל אַהין אריינגעהן, און איידער זיי וועלען באַווייזען זיך צו נעהמען צו זייערע וואַפען, וועלען מיר שוין האָבען ארומגערינגעלט.

— און וואָס זאָלען מיר טהאָן מיט דעם וועכטער? — האָט איינער געפרעגט.

— נעהמט איהם מיט זיך, אָבער זיין מויל מוז זיין פאַרבונדען, ער זאָל קיין מעגליכקייט ניט האָבען אונז צו פאַרראַטען מיט זיינע געשרייען.

די סאָלדאַטען האָבען אַזוי געטאָן. זיי האָבען דעם וועכטער׳ס מויל און הענט צוגעבונדען און מיט שטילע פאָרזיכטיגע טריט האָבען זיי זיך גענומען דערנעהטערען צו דער פעסטונג. זיי האָבען זיך אַלע אויסגעלעגט אויף דעם פייכטען גראָז.

עתניאל האָט אָנגעטהאָן דעם וועכטער׳ס בגדים, ער האָט מיטגענומען זיין שווערד און טרומייט און האָט ארויפגעקלעטערט אויף דעם פעלזענ־שטיין און האָט אָנגעהויבען צו געהן אהין און צוריק אויבען.

ווען ער האָט באַמערקט אַז איינער פון די וועכטער איז צוגעקומען גאַנץ נאָהענט צום ברעג, איז ער צוגעקומען צו איהם און איהם אויף שטום־לשון געהייסען ארונטערגעהן אונטען. אַזוי שנעל ווי דער וועכטער האָט ארונטערגעבויגען זיין קאָפּ ארונטערצוגעהן, האָט עתניאל איהם אַ שטאַרקען שטיום געטהאָן, אַז יענער איז באַלד ארונטערגעפאַלען, איידער ער האָט באַוויזען אַ געשריי צו טהאָן. אַזוי האָט ער געטהאָן צו די אַנדערע צוויי... באַלד איז ער צוגעקומען צו די טרעפּ און איז ארונטער אינעווייניג אין שטאָדט. ער האָט באַמערקט דעם וועכטער און איז צו איהם צוגעגאַנגען. מיט איין זעץ פון זיין שווערד האָט עתניאל איהם געטויטעט און אַוועק־גענומען די שליסלען פון איהם.

ער האָט אָפּגעשלאָסען די אינווענינגסטע טויערען און איז צוגעקומען צו דעם וועכטער, וועלכער האָט געהיט די אויסערליכע טויערען. ער האָט אַ זאָג געטהאָן: „אחימן“.

דער וועכטער איז צו איהם צוגעגאַנגען און אין אַן אויגענבליק איז ער שוין געלעגען אַ טויטער.

עתניאל האָט ארויסגענומען די שליסלען פון זיין קעשענע און אָפּגע־שלאָסען אויך די אויסערליכע טויערען. יעצט איז די שטאָדט אין גאַנצען געווען אָפען. ער איז שנעל ארויס אויסער׳ן שטאָדט און האָט אויסגערופען צו זיינע סאָלדאַטען:

— קומט, גאָט האָט איבערגעגעבען די שטאָדט אין אונזערע הענט!

עתניאל איז געגאַנגען פאָראויס און זיינע העלדען האָבען איהם אָבגע־פאָלגט. זיי זיינען אַלע אריין אין שטאָדט און איבערראַשט דעם שונא מיט זייער פלוצלונגען איבערפאַל.

די קליינע ארמעע פון קרית ספר איז געוואָרען אַזוי צוטומעלט און

צושראָקען, אַז זי האָט אַפילו ניט אַרויסגעוויזען דעם קלענסטען ווידער־שטאַנד. זיי זיינען אַלע געפאַלען דורכ׳ן שווערד.

עתניאל האָט געהייסען אָפּבינדען דעם וועכטער און האָט מיט איהם מיטגעשיקט עטליכע סאָלדאַטען, זיי זאָלען ראַטעווען זיין משפחה.

ווען זיי האָבען דעם וועכטער׳ס משפחה אַרויסגעראַטעוועט האָבען זיי זיך גענומען צו פאַרניכטען די אַלע איינוואוינער פון שטאָדט. און ווען זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען, האָט עתניאל איבערגעלאָזט אַ טהייל פון זיין אַרמעע אין קרית ספר און מיט די איבעריגע האָט ער טריאומפירענדיג צוריקגעמאַרשטט אין לאַגער, וואו יהושע און כלב האָבען זיך געפונען.

די ערשטע וועלכע זיינען אַנטקעגען געקומען עתניאל׳ן זיינען געווען עכסה און רחב. מיט צימבאַלען און פויקען זיינען זיי געקומען באַגריסען דעם העלד. נאָך זיי זיינען געגאַנגען די יונגע מיידלעך טאַנצענדיג און זינגענדיג.

עתניאל האָט געריטען אויף אַ פערד. און ווען ער האָט פון ווייטען באַמערקט עכסה׳ן איז ער אַרונטער פון פערד.

זעהר ריהרענד איז געווען די סצענע ווי די יונגע פּאָר האָבען זיך אַרומגענומען און האַרציג געקושט.

באַלד איז אויך אָנגעקומען כלב און יהושע. כלב איז צוגעגאַנגען מיט זיין פרוי, און עתניאל און עכסה זיינען אַזוי פאַרטהאָן איינער מיט דעם צווייטען, אַז זיי האָבען קיין זאַך ניט באַמערקט וואָס עס טהוט זיך אַרום זיי.

באַלד האָט עתניאל באַמערקט יהושע׳ן און זיך פאַר איהם פאַרנייגט.

— מיין זוהן! — האָט יהושע זיך צו איהם אָפּגערופען, — דו האָסט אַרויסגעוויזען אַ זעלטענע גבורה. מיט דיין העלדישקייט און בראַווקייט האָסטו פאַר אַלעמען געצייגט אַז דו ביזט ווירדיג צו זיין מיין נאָכפאָלגער. איך בין פאַר פיעלע יאָהרען געווען דער פיהרער פון ישראל, יעצט, אַז גאָט האָט אונז אַלעמען געהאָלפען און ערפילט זיין פאַרשפּרעכען וואָס ער האָט געמאַכט צו אונזערע עלטערען און אונז אָפּגעגעבען דאָס וואונדערבאַרע לאַנד וואָס עס פליסט מיט מילך און האָניג, יעצט קען איך זיך צוריקציהען פון דעם עפענטליכען לעבען און מיט רוהיגקייט קען איך באַהויפּטען אַז איך לאָז איבער אימיצען וועלכער קען זיין מיין נאָכפאָלגער.

כלב איז נאָכהער צוגעגאַנגען און געהאַלזט און געקושט עתניאל׳ן און געזאָגט:

— דו האָסט פיעל געליטען, מיין געטרייער ברודער! — האָט כלב זיך געווענדעט צו עתניאל׳ן. — זינט דעם בלבול וואָס דער פאַרפלוכטער עכן האָט אויף דיר געזוכט אַרויפצוּוואַרפען, האָסטו קיין רוה ניט געהאַט. אָבער איך האָף אַז דאָס אַלעס האָט דיך געמאַכט נאָך מעהר ווירדיג. איך גיב דיר מיין ברכה, און מאָרגען וועט זיין דיין חתונה מיט עכסה׳ן, און זאָל אונזער פאָטער אין הימעל אייך בײדען בענשען איהר זאָלט לעבען לאַנגע יאָהר און זאָל פון אייך אַרויסקומען קינדער וועלכע וועלען שטענדיג ברייננען נוצען אונזער פאָלק און אונזער לאַנד.

אויף מאָרגען האָט מען געפייערט די חתונה פון דעם פון אַלעמען באַ־

ליעבטען עתניאל מיט עכסה׳ן. יהושע און רחב זיינען געווען די הויפּט מחותנים, און דער גאַנצער שבט יהודה האָט זיך משמח געווען.

נאָך דער חתונה האָט כלב איינגעטיילט זיין טאָכטער און זיין איידעם זייער חלק לאַנד. ווען זיי האָבען זיך גענומען אָבשיידען, האָט עכסה אריינגעשושקעט עתניאל׳ן ער זאָל פאַרלאַנגען דאָס איהר פאָטער זאָל זיי אויך אָפּגעבען די קוואַלען וואַסער וואָס געפינען זיך ניט ווייט פון זייער נחלה.

כלב האָט באַמערקט ווי זי סוד׳עט זיך מיט עתניאל׳ן און האָט פאַרשטאַנען אַז זיי האָבען אַ בקשה צו איהם.

— זאָג מיר מיין טאָכטער, וואָס איז דיין פאַרלאַנג? — האָט כלב זיך געווענדעט צו עכסה׳ן.

— דאָס לאַנד וואָס איז אַריינגעפאַלען אין אונזער חלק, — האָט עכסה געזאָגט, — איז טרוקען, און אויב עס וועט זיין ניט צופיעל פון מיר, וואָלט איך דיך געבעטען אַז דו זאָלסט אָפּגעבען אַלס אַ מתנה די אויבערשטע קוואַלען וואָס געפינען זיך אויף דעם באַרג און די אונטערשטע קוואַלען וואָס געפינען זיך אין דעם טהאָל.

— דיין פאַרלאַנג, מיין טאָכטער, וועל איך מיט צופרידענהייט ערפילען, — האָט כלב געזאָגט, — דאָס וועט ווערען אַריינגערעכענט אין דיין נחלה.

* * *

דאָס לאַנד כנען האָט זיך באַרוהיגט. דער גרעסטער טהייל פון לאַנד איז געווען אין די הענד פון ישראל און פון דאַן אָן האָט זיך דאָס לאַנד אָנגערופען ארץ ישראל.

יהושע האָט צוטיילט דאָס לאַנד צו די שבטים דורך אַ גורל און יעדער איז געווען צופרידען.

דאַן האָט יהושע צוגערופען צו זיך די פאָרשטעהער פון די צוויי און אַ האַלב שבטים, ראובן, גד און דעם האַלבען שבט מנשה, און זיך צו זיי אָפּגערופען:

— איהר האָט מיט ערנסטקייט און עהרליכקייט דורכגעפיהרט דעם תנאי וואָס דער געטליכער משה האָט מיט אייך אָפּגעמאַכט, ווען איהר האָט פאַרלאַנגט אַז ער זאָל אייך אָפּגעבען דאָס לאַנד וואָס געפינט זיך אויף דער צווייטער זייט ירדן. איהר האָט זיך מיט גרויס העלדישקייט באַטייליגט אין אַלע מלחמות, יעצט זייט איהר פריי זיך צוריקצוקעהרען צו אייער נחלה, וואו אייערע פרויען און קינדער וואַרטען אויף אייך. אָבער איידער איהר געהט וויל איך אייך אָנזאָגען, אַז איהר זאָלט אָפּהיטען אַלעס וואָס גאָט האָט אונז אָנגעזאָגט דורך זיין קנעכט משה, אין דער תורה. איהר זאָלט דיענען גאָט מיט אייער גאַנצען הארצען און נשמה. און יעצט וועט איהר אויך באַקומען אייער חלק פון דעם שלל וואָס איז אוועקגענומען געוואָרען פון די באַזיעגטע פעלקער.

די פאָרשטעהער האָבען יהושע׳ן באַדאַנקט.

— נאָך אַ זאַך טאָרט איהר ניט פאַרגעסען! — האָט יהושע זיך צו זיי אָפּגערופען, — אַז דער צענטער פון גאָטעס־דיענסט וועט שטענדיג בלייבען אויף דיזער זייט פון ירדן. אין דעם משכן וואָס עס ווערט אויס־

נעשטעלט אין שילה, וועט אָפּגעריכט ווערן גאָטעס־דיענסט, דאָרטען וועלען די קרבנות געבראַכט ווערן און איהר טאָרט ניט בויען קיין באַזונדרען מזבח און דאָרטען מקריב זיין קרבנות, ווייל דורכדעם וואָס איהר וועט קומען דיענען גאָט אויף דיזער זייט ירדן, וועט איהר באַווייזען אַז איהר האָט זיך פון אונז ניט אָפּגעטיילט, אַז מיר פאַרבלייבען איין פאָלק, מיט איין גאָט, מיט דיזעלבע שטרעבונגען און האָפענונגען.

מיט גרויס פאַראַד זיינען די העלדען פון די צוויי און אַ האַלב שבטים אריבערגעגאַנגען דעם ירדן, זיך צו באַזעצען אין זייער לאַנד.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָט מען זיך דערוואוסט אַז זיי האָבען געבויט אַ מזבח אויף דער צווייטער זייט פון ירדן, און דאָס האָט זעהר אויפגערעגט די איבעריגע שבטים.

מען האָט גלייך אַהין אַוועקגעשיקט עטליכע פאָרשטעהער אויסצופאָרשען די זאַך. זיי זיינען אַפילו געווען גרייט צו געהן מלחמה האַלטען מיט די צוויי און אַ האַלב שבטים, ווייל ישראל האָט אין דעם געזעהן אַ פאַרזוך זיך אָפּצורייסען אין גאַנצען פון פאָלק.

ווען זיי זיינען אַהין געקומען און גענומען אויספאָרשען פאַר וואָס זיי האָבען ניט געפאָלגט יהושע'ס פאַרזאָג און דאָך געבויט אַ מזבח, האָבען זיי ערקלעהרט, אַז דיזער מזבח וועט בלויז זיין אַן אנדיינקונג.

— ניט מקריב צו זיין קרבנות האָבען מיר דיזען מזבח געבויט, נאָר אַלס עדות פאַר אונזערע קינדער און קינדס־קינדער אַז מיר באַלאַנגען צו דעם זעלבען פאָלק און דיענען צו דעם זעלבען גאָט... זאָלען אונזערע קינדער זעהן אַז מיר האָבען פונקט אַזאַ מזבח ווי עס שטעהט אין משכן פון שילה... דאָס וועט בלויז זיין אַלס אַן אנדיינקונג, אָבער ניט מקריב צו זיין קרבנות.

די פאָרשטעהער זיינען געווען צופריעדען מיט זייערע רייד און די איבעריגע שבטים האָבען זיך באַרוהיגט.

— —

— —

יאָהרען זיינען אַוועק, גליקליכע יאָהרען פאַר גאַנץ ישראל.

רחב האָט געבוירען יהושע'ן טעכטער און יהושע האָט זוכה געווען צו זעהן אייניקלעך.

פאַר זיין טויט האָהט יהושע צוזאַמענגערופען אַלע פאָרשטעהער פון די שבטים. ער האָט געשטאַרקט זייערע הערצער צו גאָט און צו דער תורה.

— איך לאָז אייך איבער אַ גוטען, געטרייען נאָכפאָלגער, און דאָס איז דער בראַווער העלד עתניאל. פאָלגט איהם און הערט זיך צו צו איהם ווי איהר האָט זיך צוגעהערט צו מיר, און גאָט וועט אייך באַשיצען געגען אייערע שונאים און איהר וועט זיך באַפעסטיגען אין דיזען לאַנד.

יהושע איז געשטאָרבען ווען ער איז אַלט געווען הונדערט מיט צעהן יאָהר, און מען האָט איהם באַגראָבען אויף דעם באַרג אפרים.

דער ערשטער שופט איבער דעם שבט יהודה, נאָך יהושע'ס טויט, איז געווען עתנאל, דער זוהן פון קנז.